STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01812

# GESHIKHTE FUN DI MAYREV-EYROPEYISHE LITERATURN

P. S. Kogan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. קאָגאַן

# געשיכטע פון די מעריב אייראָפּעאישע ליטעראַטורן

יידיש פ. הײלפּערין

III באַנד

מיט פּאָרטרעטן אויף באַזונדערע בלעטער

1927

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

P. Kogan. „Dzieje literatury Zachodnio-Europejskiej". Tom III

Drukarnia «Wydawnictwo Wileńskie» B. Kleckina, Wilno, M.-Stefańska 23

## דריטער באַנד

# XIX יאָרהונדערט

### ערשטע אָפּטיילונג

# נאַטוראַליזם און סאָציאַליזם. דאַרווין, מאַרקס, זאָלא. הויפּטמאַן.

## I

דאַרוויניזם. — „די אַנטשטייאונג פון די מינים.“ — דער גזעצ פון עוואָלוציע. — דער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. — דער נאַטירלעכער אויסוואַל. — די קולטור־געשיכטלעכע באַדייטונג פונם דאַרוויניזם. — דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם. — מאַרקס און ענגעלסעס בליק אויף די געמיינזאַמע באַציאונגען צווישן דער בור־זשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט. — עמיל זאָלאַ. — די עיקרשטע פאַקטן פו זיין ביאָגראַפיע. — דרייפוסעס פּראָצעס. —

די שטרעמונגען פון דעם אייראָפּעאישן געדאַנק, וועלכע האָבן געהאַט אַזאַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער ליטעראַטור פונם XIX י"ה, האָבן באַקומען אַ נייע, אַ מער בולטע און באַשטימטע פאַרב צום סוף פון דעם דאָזיקן י"ה. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט געבראַכט צום סאָציאַליזם, די וויסנשאַפט־לעכע באַוועגונג — צום דאַרוויניזם, און די ניט פאַרשוואונדענע פערזענלעכקייטן־צום ניטשעאַניזם און סימבאָליזם. דער מיטן פונם יאָרהונדערט איז באַצייכנט דורך דעם, וואָס עס האָבן זיך באַוויזן צוויי מערקווירדיקע פּראָדוקטן פון מענטשנס געדאַנק, וועלכע האָבן געמאַכט אַ גרינדלעכע איבערקערעניש אין דער וועלטאַנשויאונג פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט. אין 1847 יאָר האָט דער „קאָמוניסטן־פאַרבאַנד“ באַפּאָלמעכטיקט מאַרקסן און ענגעלסן אָנצושרייבן

אַ געניע טעאָרעטישע און פּראַקטישע פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך צום ערשטן מאָל געשטעלט פאַר אַ ציל די אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונג פון די אַרבעטער. אין דער דאָזיקער פּראָגראַם האָבן מאַרקס און ענגעלס געגעבן אַ קורצע און אַ קלאָרע באַשרייבונג פון די גרונט־יסודות פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם און האָבן געמאַכט אַ סוף צו די אוטאָפּיעס און חלומות פון די טרוימער ווי אַ שטייגער אאָוען און פוריע. 1859 יאָר איז ערשינען דאַרווינס באַרימט בוך „דאָס אַנטשטיין פון די מינים", וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו די טעאָלאָגישע און מעטאַפיזישע פעריאָדן פון דעם מענטשנס וועלטאָנשויאונג. די דאָזיקע צוויי פאַקטן קאָן מען רעכענען פאַר דעם ערשטן באַשטימטן אויסדרוק דערפון, צו וואָס עס האָט אינסטינקטיוו געשטרעבט די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט אין משך פון XIX י"ה.

ס'איז אַ ספק, צי קאָן אַ וואַסער ווערק פון מענטשנס געדאַנק פאַרגלייכן זיך מיט דאַרווינס בוך לויט דער ריזיקער איבערקערעניש, וואָס עס האָט געמאַכט אין די מוחות. דער דייטשער איבערזעצער פונם דאָזיקן בוך בראָן, אַליין אַ גרויסער געלערנטער, פרעגט צום סוף פון דער איבערזעצונג: „ווי פילסטו זיך, לעזער? דו באַטראַכסט, וואָס אַזוינס פון דיינע פריערדיקע בליקן אויף די וויכטיקסטע ערשיינונגען פון דער נאַטור האָט ס'דאָזיקע בוך ניט אָנגערירט? וואָס איז אַזוינס גאַנץ געבליבן פון דיינע ביז איצט פּוסטע איבערצייגונגען? און ווירקלעך, ניט נאָר אין דער ספּעציעלער ספערע, אין דער געביט פון נאַטורוויסנשאַפט האָט דער דאַרוויניזם געשאַפן אַן עפּאָכע. פאַר די אויגן פון יעדן דענקנדיקן מענטשן האָט זיך די וועלט באַוויזן אין אַ נייער שיין. מיר ווייסן, אַז בעפאָר דאַרווינען זיינען שוין בופאָן און סענט אילער אַרויסגעטראָטן מיט דער לערע וועגן דער איינהייטלעכקייט פון דער בעלי־חיים־אָרגאַניזאַציע. אָבער דאַרווין האָט איינגעפאַסט אין אַ האַרמאָנישע סיסטעם דאָס, וואָס עס איז פריער אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַלס אָפּגעזונדערטע געדאַנקען. די טעאָריע וועגן עוואָלוציע אין דער פאָרמע, ווי דער דאַרוויניזם האָט זי איינגעשטעלט, צעשלאָגט לחלוטין די טעאָריע פון שאַפונג. די לעצטע האַלט אין דער סברא, אַז אַלע מינים בעלי חיים און צמחים זיינען באַשאַפן געוואָרן דורך איבערנאַטירלעכער קראַפט. דער דאַרוויניזם באַהויפּטעט, אַז זיי שטייען אויף דורך נאַטירלעכער עוואָלוציע. די געניע אויספאָרשונג פון די צמחים און בעלי חיים האָט איבערגעצייגט די נאַטוראַליסטן, אַז עס עקזיסטירט אַ גאָר נאָענטע ענלעכקייט צווישן דעם געבוי ביי די מינים פון דער זעלביקער משפחה, און אַ ווייניקער קלאָרע ענלעכקייט צווישן די משפחות

פון איין שבט, און אַז. וו. — אַזוי אַרום באַקומען עפּעס אַלע מינים אַ פאָרם פון אַ גענעאָלאָגישן בוים, וואָס זיינע צווייגן, וועלכע גייען זיך ביסלעכווייז פונאַנדער פון אונטן אַרויף, דריקן אויס די פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע בוימאַרטיקייט פון די נאַטירלעכע גרופּעס פירט אַרויף אויף דעם געדאַנק, אַז אַלע אָרגאַנישע פאָרמעס זיינען צווישן זיך פאַרבונדן דורך עכטע גענעטישע קרובהשאַפט. דער פאַקט, אַז די גאַנצע אָרגאַנישע וועלט ווערט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויסגעבילדעט אין גרופּעס, איז שוין אַליין פאַר זיך אַ באַווייז לטובת דער טעאָריע פון אַנטוויקלונג. ס׳איז באַשיינפּערלעך, אַז די פאַרצווייגונגען זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דער פּראָגרעסיווער ענדערונג פון די סימנים אין די זיך פונאַנדערגייענדיקע צווייגן.

דער אָרגאַניזם סטאַרעט זיך צוצופּאַסן צו די געענדערטע לעבנסבאַדינגונגען, מחמת דעם קומען אין זיין אָרגאַניזאַציע פאָר צופּאַסונגס־ענדערונגען, וועלכע ווערן איבערגעגעבן בירושה. אַזוי אַרום קאָן איין מין בעלי חיים אין משך פון אַפּולע דורות, וועלכע האָבן געלעבט אין פאַרשיידענע באַדינגונגען, געבן לגמרי פאַרשיידענע צווייגן. אַזוי באַווייזט די אָרגאַניזאַציע פון וואַלפיש און פון ים־הינט, אַז זייערע אורעלטערן זיינען געווען פירפוסיקע פון דער יבשה, וועלכע זיינען ביסלעכווייז אַריבער צום לעבן אויפן וואַסער. די דאָזיקע ענדערונג פון די לעבנסבאַדינגונגען האָט געבראַכט צו דער ענדערונג אין דער אָרגאַניזאַציע. די ביינער און די מוסקולן, וועלכע זיינען נויטיק געווען, דער בעלי חי זאָל זיך קאָנען באַוועגן אויף דער יבשה, האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון באַוועגן זיך אויפן וואַסער, און לויט דעם אויסערלעכן אויסזען האָט די חיה אין פיל הינזיכטן אָנגענומען די ענלעכקייט צו אַ פיש. אָבער די ענדערונגען האָבן פאַרטשעפּעט נאָר יענע באַזונדערהייטן פונם אָרגאַניזם, וואָס זייער איבערבילדונג איז נויטיק געווען צוליב אַזאַ צופּאַסונג. יענע זשע באַזונדערהייטן פון בוי, פון וועלכע די באַוועגונג הענגט ניט אָפּ, זיינען פאַרבליבן ווי געווען. ביי דעם וואַלפיש אין קאָפּ, הגם ער איז פולקאָם ענלעך לויט דער פאָרמע אויף אַ קאָפּ פון אַ פיש, זיינען פאַרבליבן די שאַרבן־ביינער פון מילך־נערנדיקע אין זייער געוויינלעכער קעגנזייטיקער באַציאונג איינס צום אַנדערן.

אַזוי אַרום געפינען זיך אַלע מינים אין צושטאַנד פון אומאויפהערלעכער אַנטוויקלונג. פעסטגעשטעלט דעם פאַקט גופא פון עוואָלוציע, שטעלט דער דאַרוויניזם אויך פעסט די סיבות, וועלכע נעמען אָנטייל אין דעם פּראָצעס פון דער אָרגאַנישער עוואָלוציע. ביי אַלע מינים צמחים און בעלי

חיים ווערן געבוירן אַ סך מער אינדיווידואומען, איידער עס קאָנען בלייבן לעבן. למשל, איין פּאָר העלפאַנדן, ווען אַלע אינדיווידואומען, וואָס קאָנען פון זיי אַרויסקומען, זאָלן דערגרייכן ביז רייפקייט און פאַרמערונג, וואָלט פאַר אַ משך פון 750 יאָר געגעבן 19 מיליאָן אינדיווידואומען. נאָך שנעלער וואָלט די פאַרמערונג געגאַנגען אין דער קעניגרייך פון געוויקסן. ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט פון איין אורפּאָטער פאַר 20 יאָר אַרויסגעקומען 11 מיליאָן קינדער. אַלס נאַטירלעכער פּועל יוצא פון אַזאַ גוזמאַדיקע פּרוכטבאַרקייט קומט דער אומאויפהערלעכער קאַמף פאַרן לעבן, און ס'איז לייכט צו פאַרשטיין, ווי שרעקלעך דער דאָזיקער קאַמף איז, ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז עס קאָן בלייבן לעבן און דערגרייכן ביז רייפקייט נאָר אַ קליינער נישטיקער טייל פון אַלע געבוירענע אינדיווידואומען. דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ דאָס איז די עיקרשטע סיבה, וועלכע ליגט אין יסוד פון דעם עוואָלוציע־פּראָצעס. פרעגט זיך, וועלכע זשע אינדיווידואומען האָבן אַ האָפנונג מנצח צו זיין אין דעם דאָזיקן קאַמף? פאַרשטייט זיך, יענע וואָס זענען אַממערסטן צוגעפּאַסט צום לעבן. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז אין דער נאַטור קומט פאָר אַ מין אָפּקלייבונג פון די בעסער צוגעפּאַסטע אין יעדן געגעבענעם דור פון די אינדיווידואומען. יעדער דור גיט איבער די דאָזיקע פּאַסיקע באַזונדערהייטן, וועלכע מאַכן אים בעסער צוגעפּאַסט צום לעבן, בירושה צו דעם קומענדיקן דור, אַזוי אַז די אינדיווידואומען, וועלכע בילדן דעם קינפטיקן דור, וועלן שוין געבוירן ווערן מער צוגעפּאַסט צום לעבן, איידער זיינע עלטערן. פון דעם דאָזיקן נייעם דור וועלן ווידער לעבן בלייבן נאָר די אויסדערוויילטע, ד. ה. די נאָך מער צוגעפּאַסטע צום לעבן. אַ דאַנק דעם וועט דער דריטער דור באַקומען ירושה נאָך מער פּאַסיקערע באַזונדערהייטן און אַז. וו. דער דאָזיקער נאַטירלעכער אויסוואַל קאָן זיך ציען ביז אין־סוף, אומבאַמערקטערהייט ענדערנדיק דעם טיפּ פונם מין, צופּאַסנדיק זיך צו די ביסלאַכווייזע ענדערונגען פון דער אַרומיקער וועלט.

דאָס איז דער מהות פון דער דאַרוויניסטישער טעאָריע. ער האָט אַנטפּלעקט דעם איינהייטלעכן געזעץ, וואָס ליגט אין יסוד פון דעם לעבן פון דער גאַנצער אָרגאַנישער וועלט, און וויבאַלד ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַן אַלגעמיינער פאַר דער גאַנצער אָרגאַנישער וועלט, קאָן שוין דעריבער אויך דער מענטש פון אים ניט אויסגעשלאָסן ווערן. אויב יעדע עקזיסטירנדיקע פאָרמע פון מילך־נערנדיקע איז אַנטשטאַנען פון אַן אַלגעמיינער אורפאָ־

טערלעכער פאָרמע, איז אוממעגלעך צו דערלאָזן, אַז דער מענטש, וועלכער איז צו זיי אַזוי ענלעך אין יעדער פּרט פון זיין בוי, זאָל האָבן אַרויסגע־קומען אויף עפּעס אַן אַנדער אופן, זאָל בלייבן אויסער דער ווירקונג פון דעם אַלגעמיינעם עוואָלוציע געזעץ. וועגן דעם רעדט סיי דער פאַקט, וואָס ולד פון אַ מענטשן קאָן מען אין משך פון אַ לאַנגע צייט ניט אונטערשיידן פון דעם ולד פון אַנדערע בעלי חיים, למשל פון אַ הונט, סיי דער אַלגע־מיינער כאַראַקטער פון די מחלות, וואָס זיינען אייגנשאַפטלעך פאַר מענטשן און אַנדער מילך־נערנדיקע, סיי די וואונדערלעכע נאָענטקייט פון דעם מענטשנס סקעלעט צו דעם סקעלעט פון די אַנטראָפּאָמאָרפישע אַפּעס, סיי אַ מאַסע אַנדערע פאַקטן, וועלכע ריידן לטובת דער הנחה, אַז דער מענטש איז ארויסגעקומען פון די נידריקערע בעלי חיים, און איז לגבי זיי מער ניט ווי אַ העכערע מדרגה פון אַנטוויקלונג. ביי אַנדערע טיפּן מילך־נערנדיקע איז דורך דעם נאַטירלעכן אויסוואַל געבילדעט געוואָרן אַ טיפּ, וועלכער שיידט זיך אונטער פון אַנדערע מילך־נערנדיקע דערמיט, וואָס זייער צוגע־פּאַסטקייט צו דער סביבה קאָן בעסער דערגרייכט ווערן נאָר דורך דער ענ־דערונג און דעם געבוי פון זייער קערפּער; בשעת דער מענטש קאָן זיך צו פּאַסן צו פיל גרעסערע ענדערונגען אין די אַרומיקע באַדינגונגען אַ דאַנק זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג. זינט דער אוראַלטסטער מענטש האָט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן גיין האַלטנדיק זיך ווערטיקאַל און אָן אַקטיוון אַנטייל מצד די הענט, בשעת זיין איבערוואַנדערן פון אָרט אויף אָרט; דעמאָלט ווען זיינע דענק־פעאיקייטן זענען געוואָרן גענוג שטאַרק, כדי אויסצולערנען אים מאַכן פאַרשיידענע געצייג און געווער, בויען הייזער און נייען קליידער, באַנוצן זיך מיטן פייער צו קאָכן שפּייז, זייען זאָמען און פלאַנצן פאַרשיידענע צמחים, כדי צו באַקומען שפּייז, — האָט די ווירקונג פון דעם נאַטירלעכן וואַל אויפגעהערט אַרויסצוווייזן זיך אין דעם בוי פון קערפּער, נאָר ער האָט בסדר פאַרשטאַרקט די גייסטיקע טעטיקייט דורך דער אַנטוויקלונג פונם קאָפּ־מאַרך. די השערה, אַז די ענדערונג פונם מענטשן איז פאָרגעקומען איבער־הויפּט אין דער דאָזיקער ריכטונג, שטימט מיט דעם פאַקט, וואָס דער שאַרפ־סטער אונטערשייד צווישן מענטשן און אַנטראָפּאָאַרטיקע אַפּעס באַשטייט אין דער גרויס און אין דער קאָמפּליצירטקייט פונם קאָפּ־מאַרך. די מיטעלע וואָג פונם מאַרך ביי אַ מענטשן איז 48 אָדער 49 אונציעס, און אויב מיר וועלן אָננעמען דעם מיטעלן מאַרך פון אַפּע נאָר אויף 2 אונציעס ווייניקער איידער דער מאַרך פון אַ גאָרילע, ד. ה. 18 אונציעס, וועלן מיר זען, אין

וואָס פאַר אַ מדרגה דער קאָפּ־מאַרך ביים מענטשן האָט זיך פאַרגרעסערט, זינט דער מענטש האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער אַפּע. אָבער אין דער אמתן איז די דאָזיקע פאַרגרעסערונג געווען נאָך באַדייטנדיקער, ווען מיר וועלן נעמען אין אַכט, אַז דער אַפּעס מאַרך, ווי ביי אַלע אַנדערע מילך־נערנדיקע, האָט זינט די אַלטע געאָלאָגישע צייטן זיך אויך פאַרגרעסערט.

דאָ איז ניט דאָס אָרט צו ריידן וועגן דער גרויסער באַדייטונג, וואָס די דאַרוויניסטישע טעאָריע האָט געהאַט אין דער ספּעציעלער פאַך. עס איז אָבער לייכט צו פאַרשטיין, אַז זי האָט געמוזט שפּילן אַ ניט קיין ווייניקער גרויסע קולטור היסטאָרישע ראָלע. געגליכן צו קאָפּערניקס און צו ניוטאָנס אַנטדעקונגען, האָט זי מיט נייער שיין באַלויכטן די מוחות, און דאָס לעבן פון דער וועלט האָט זיך פאַר זיי באַוויזן אין אַ נייעם אויסזען. די טעאָריע פון עוואָלוציע קאָן ניט זיין צוזאַמען מיט דער טעאָריע פון שאַפונג. דער מענטש האָט אויפגעהערט צו זיין אַ וועזן, וואָס איז באַשאַפן דורך גאָטס השגחה. ער איז געוואָרן איינער פון די רינגען אין דער אומענדלעכער־קייט פון אַנטוויקלונג, ער האָט ערשיינט אַלס אַן אומפאַרמיידלעכער רע־זולטאַט פון נאַטירלעכן אויסוואַל. אַלע תהומות צווישן באַזונדערע מאָמענטן פון לעבן, וועלכע זיינען פריער ערקלערט געוואָרן מיט דעם אַריינמישן זיך פון איבערנאַטירלעכער קראַפט, זיינען אויסגעפּולט געוואָרן אויף גאָר אַ נאַ־טירלעכן אופן. די וויסנשאַפט זאַמלט אָן אַלץ נייע און נייע באַווייזן, וועלכע באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון דאַרווינס אַנטדעקונג. „גאָר די וועלט פון לעבן און גייסט איז איצט באַהעפט צו דער וועלט פון מאַטעריע און ענערגיע, און צוזאַמען בילדן זיי די שיינע קעניגרייך, וואו אומעטום הערשן די זעלבע געזעצן, דער זעלבער מעטאָד פון הנהגה". דאַרווינס אַנטדעקונג האָט געמאַכט אַ סוף צו דער צוזאַמענמישעניש פון רעליגיע און וויסנשאַפט, האָט ענדגילטיק דורכגעפירט די גרענעץ צווישן די ספערעס פון זייער קאָמ־פּעטענץ. עס וואָלט אָבער געווען אַן אומיושר צו זאָגן, ווי די איבערגעשראָ־קענע טעאָלאָגן, אַז דער דאַרוויניזם שטרעבט מבטל צו מאַכן דעם גלויבן אין אַ העכערן וועזן. ווארום אויב די ספערע פון דער וויסנשאַפט איז אומפאַר־מיידלעך באַגרענעצט דורך דער נאַטירלעכער אורזאַכלעכקייט, וואָס זי צו ער־קלערן איז די דירעקטע אויפגאַבע פון דער וויסנשאַפט, — ליגט דאָך די פראַ־גע וועגן דער נאַטור פון דער נאַטירלעכער אורזאַכלעכ־קייט גופא אויסער דער גרענעץ פון דער דאָזיקער אורזאַכלעכקייט, דע־ריבער קאָן די וויסנשאַפט אַהער ניט אַריינדרינגען. אויספאָרשנדיק די געזעצן

און די מעטאָדן פון הנהגה, וואָס הערשט אין דער וועלט, באַרירט די וויסנ־שאַפט ניט די פראַגע וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די געזעצן גופא, איבער־לאָזנדיק די פראַגע אָפן. זי שטעלט נאָר פעסט די גרענעצן, הינטער וועלכע די רעליגיע קאָן ניט ווירקן אויף דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג; זי פאַר־ריכט די פעלערן, וואָס די טעאָלאָגישע אויסטייטשונג פון דער נאַטור קאָן מאַכן, אַ דאַנק דער באַשטימונג פון דער דאָזיקער נאַטור, — בקיצור זי באַ־שטימט, וואָס אַזוינס קאָן דאָס העכערע וועזן ניט זיין, וואָסערע זיינען ניט געווען זיינע כּוחות אין דער נאַטור, איבערלאָזנדיק דער רעליגיע, זי זאָל באַשטימען דעם דאָזיקן וועזן אין זיינע פּאָזיטיווע שטריכן. אַזוי אַרום האָט דער דאַרוויניזם געקאָנט דערלאַנגען אַ קלאַפּ געוויסע טעאָלאָגן, ער האָט אָבער ניט אָנגערירט די רעליגיע גופא. די טעאָריע פון עוואָלוציע נעמט פאַר אַן אויסגאַנגס־פּונקט די ערשיינונגען פון לעבן, אַלס אַ געגעבענעם פאַקט. ווי אַזוי איז דאָס לעבן גופא אַנשטאַנען, דאָס רירט די עוואָלוציע־טעאָריע אַלס אַזעלכע ניט אָן. די פּאָזיטיווע און די מאַטעריאַליסטן דאַרפן אַנט־שוויגן ווערן און אויפהערן צו קלאָגן זיך אויף דער מאַכטלאָזיקייט פון דער וויסנשאַפט, וועלכע האָט פאַר זיך אַ קלאָרע, אַ באַשטימטע און אַ פולקאָם דערגרייכבאַרע אויפגאַבע.

אָבער אַ חוץ דעם האָט דער דאַרוויניזם אַרויסגעלאָזן אין דער וועלט אַזאַ שטראָם פון אידייעס, וואָס קיין אַנטדעקונג קאָן זיך מיט אים אין דער היינטיקט ניט פאַרגלייכן. אייניקע האָבן אין דער דאָזיקער לערע איינגעזען די געפאַר, וואָס אַלס עיקר יסוד פונם לעבן ווערט כּלומרשט אָנערקענט דער עגאָאיזם, דער קאַמף פאַרן מאַטעריעלן קיום; אַז פאַרניכטן די קעגנער ווערט באַרעכטיקט אַלס נאַטור־געזעץ און הערט אויף צו זיין אַ פאַרברעכן. און ווירקלעך, דער דאַרוויניזם האָט נישט אויסגעמיטן אַזאַ גראַדלינקע אויסטיי־טשונג. דער ניטשעאַניזם, וועלכער פאָדערט אַ מאַסע קרבנות לשם דער פאַר־פאָלקאָמענונג פון דעם מענטשלעכן טיפּ, שטייט צו אין אַ געוויסער מאָס צו אַזאַ מין פאַרשטיין דעם דאַרוויניזם. ס'איז קיין ספק ניט, אַז אויך דער פעסימיזם פון דער נאַטוראַליסטישער ליטעראַטור, איר מאַטעריאַליסטישער בליק אויף דער מענטשלעכער נאַטור, איר טענדענץ צו זען אין לעבן פון דער גע־זעלשאַפט פריער פאַר אַלץ אַ קאַמף פון אַפּעטיטן, — די דאָזיקע אַלע עלע־מענטן, וועלכע האָבן געפונען אַזאַ בולטן אויסדרוק אין עמיל זאָלאַס שאַ־פונג זיינען ענג פאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם מאַטעריאַליסטישן וועלט פאַרשטיין, וואָס דאַרווין האָט אַזוי מעכטיק אַנטוויקלט אין זיין בוך.

אַזעלכער איז געווען דער בולטסטער פּראָדוקט פון דעם ערשטן פון די דריי קולטורעלע פאַקטאָרן, וועלכע מיר האָבן אָנגעצייכנט אין אָנהויב פונם יאָרהונדערט, נעמליך — פון דער וויסנשאַפטלעכער באַוועגונג. לאָמיר איצט זען, צו וואָס האָט דעם מענטשלעכן געדאַנק געבראַכט די צווייטע טיפישע ערשיינונג פונם יאָרהונדערט, נעמליך די אַנטוויקלונג פון דער גרויסער אינדוסטריע. דאַרווינס בוך איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון די וויסנשאַפטלעכע שטרעבונגען פון דער צייט, מאַרקס און ענגעלסעס פּראָגראַם איז געוואָרן דער לאָזונג פון דער אַרבעטער באַוועגונג, דער סך הכל פון די סאָציאַלע מחשבות פון דעם דאָזיקן יאָרהונדערט. דער מאַרקסיזם איז געווען ניט נאָר אַן אויסדרוק און אַ באַגרינדונג פון דעם פּראָלעטאַריאַטס שטרעבונגען, — די דאָזיקע לערע האָט באַשײַנט מיט נייעם ליכט דעם עבר פון דער מענטשהייט און פּראָקלאַמירט נייע געזעצן, לויט וועלכע עס קומט פאָר די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און דער גאַנג פון דעם היסטאָרישן פּראָצעס. דער נייער אַרט פאַרשטיין דעם היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס מאַרקס האָט אַרויסגעזאָגט און זיינע תלמידים האָבן אַנטוויקלט, איז באַוואוסט אונטערן נאָמען *עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם*, און זיין מהות לויט עס פאָרמולירט אים איינער פון מאַרקס נאָכפאָלגער, באַשטייט אין פאָלגענדן: כּדי צו *לעבן*, מוזן מענטשן *פּראָדוצירן*. כּדי צו פּראָדוצירן מוזן זיי אויף אַ געוויסן אופן פאַראייניקן זייערע אָנשטרענגונגען, איינשטעלן צווישן זיך באַוואוסטע באַציאונגען, וועלכע רופן זיך ביי מאַרקסן *פּראָדוקציאָנס באַציאונגען*. דער סך הכּולל פון די דאָזיקע באַציאונגען בילדעט עס די *עקאָנאָמישע סטרוקטור* פון דער געזעלשאַפט, וואָס אויף איר גרונט וואַקסן אויס אַלע אַנדערע סאָציאַלע באַציאונגען צווישן מענטשן און אגב דער גאַנצער בירגערלעכער אַרט לעבן. אין יעדער געגעבענער עפּאָכע ווערט דער כאַראַקטער פון די פּראָדוקציאָנס באַציאונגען באַשטימט ניט דורך אַ „צופאַל", ניט דורך דער „נאַטור" פון מענטשן, נאָר דורך יענע נאַטירלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט די מענטשן אויס צו קעמפן פאַר זייער קיום. פון די דאָזיקע באַדינגונגען און פריער פאַר אַלץ פון די אייגנשאַפטן פון דער געאָגראַפישער סביבה — הענגט אָפּ דער צושטאַנד פון די *פּראָדוקציאָנס קרעפטן*, וואָס די מענטשן האָבן אין זייער רשות. מיט דעם געגעבענעם צושטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס קרעפטן שטימען די געגעבענע באַציאונגען פון דער פּראָדוקציע, און מיט די געגעבענע פּראָדוקציאָנס באַציאונגען שטימט די געגעבענע סאָציאַלע אָרדנונג, וואָס אירע אייגנשאַפטן באַדינגען מיט זיך,

ווירקנדיק אויף דער פּסיכיק פון די מענטשן, דעם גייסטיקן, מאָראַלישן און בכלל די גאַנצע אַזוי גערופענע גייסטיקע אַנטוויקלונג פון מענטשן. אָבער דער פּראָצעס גופא פון דער פּראָדוקציע און די באַהעפטונג פון די מענטשלעכע אָנשטרענגונגען אין דעם דאָזיקן פּראָצעס פירן, פאַרגרעסערנדיק דעם סכום פון דער ערפאַרונג, צו ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס קרעפטן, און צוליב דער דאָזיקער אַנטוויקלונג אַנטשטייט און פאַרשטאַרקט זיך ביסלעכווייז דאָס ניט שטימען צווישן די דאָזיקע קרעפטן פון איין זייט און צווישן די פּראָדוצירנדיקע באַציאונגען פון דער צווייטער זייט. פריער האָבן די דאָזיקע באַציאונגען מיטגעהאָלפן דעם ווייטערדיקן וואוקס פון די פּראָדוצירנדיקע קרעפטן, איצט הויבן זיי אים אָן פאַרהאַלטן. דעמאָלט הייבט זיך אָן די רעוואָלוציע־עפּאָכע פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וועלכע פאַרענדיקט זיך פריער אָדער שפּעטער מיט דעם חורבן פון די פאַרעלטערטע פּראָדוקציאָנעלע און בכן אויך די פאַרמעגלעכע באַציאונגען און פון דעם גאַנצן בירגערלעכן לעבנסשטייגער. דער קאַמף קעגן די פאַרעלטערטע פּראָדוקציאָנעלע באַציאונגען צווינגט די מענטשן צו שטעלן זיך אין קריטישער באַציאונג ניט בלויז צו דער אַלטער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, נאָר אויך צו די אידייעס, צו די געפילן און בכלל צו דער פּסיכיק, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער אַלטער אָרדענונג. מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אויף דעם געביט פון די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען שטימט דעריבער די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אויף דעם געביט פון גייסטיקן לעבן. „ס'איז דען שווער צו פאַרשטיין, — זאָגן מאַרקס און ענגעלס, אַז צוזאַמען מיט דעם לעבנסשטייגער פון די מענטשן, מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, מיט זייער געזעלשאַפטלעכער לאַגע ענדיקן זיך אויך זייערע פאָרשטעלונגען, אָנשויאינגען, באַגריפן, — בקיצור זייער גאַנצע וועלט אָנשויאונג. וואָס זשע באַווייזט די געשיכטע פון אידייעס, אויב ניט דאָס, אַז די גייסטיקע טעטיקייט ווערט איבערגעאַנדערשט צוזאַמען מיט דער מאַטעריעלער?״

דאָס איז מאַרקס היסטאָרישע טעאָריע. איר גרונט־אידייע באַשטייט אין דעם, אַז דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר איז דער באָדן, אויף וועלכן עס ווערן געבויט די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. דער דאָזיקער פאַקטאָר באַשטימט דעם גאַנג פון דעם היסטאָרישן פּראָצעס. דער מאַרקסיזם האָט געגעבן אַ מאַטעריאַליסטישע ערקלערונג דער עוואָלוציע פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און פונם געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, באַזייטיקנדיק די אידעאַליסטישע

ערקלערונג פון דער דאָזיקער עוואָלוציע מיט די אייגנשאַפטן פון מענטשלעכן „גייסט“, אָדער בכלל פון דער מענטשלעכער „נאַטור“, די באַציאונגען, אין וועלכע מענטשן שטעלן זיך איינע צו די אַנדערע, כדי צו שאַפן פּראָדוקטן, וועלכע זיינען נויטיק פאַר זייער לעבן, ד. ה. די באַציאונגען, אין וועלכע עס שטייען איינער קעגן דעם אַנדערן די קלאַסן פון דער געזעלשאַפט — דאָס איז דער יסוד פון דער געשיכטע. די גאַנצע געשיכטע איז ביז איצט געווען די געשיכטע פון קלאַסנקאַמף, - זאָגן מאַרקס און ענגעלס. דער פרייער און דער קנעכט, דער פּאַטריצער און דער פּלעבייער, דער גוטבאַזיצער און דער לייבקנעכט, דער צעכמייסטער און דער פּועל. בקיצור דער באַדריקער און דער באַדריקטער האָבן זיך געפונען אין שטענדיקער פיינטשאַפט איינער מיטן אַנדערן, האָבן כסדר געפירט אַ קאַמף אַמאָל אַן אָפענעם אַמאָל אַ באַהאַלטענעם, וועלכער האָט זיך אַלע מאָל געענדיקט מיט דעם רעוואָלוציאָנערן איבערבוי פונם גאַנצן געזעלשאַפטלכען בנין, אָדער מיט דער געמיינזאַמער פאַרניכטונג פון די קעמפנדיקע קלאַסן. צוזאַמען מיט דער מאַטעריעלער ווערט איבערגעבויט אויך די גייסטיקע טעטיקייט. די הערשנדיקע אידייעס פון דער געגעבענער צייט זענען שטענדיק געווען נאָר די אידייעס פון די הערשנדיקע קלאַסן. אָבער די אידייעס באַשאַפן אַ רעוואָלוציאָנערע שטימונג אין דער גאַנצער געזעלשאַפט. זייער ערשיינען דערוייזט נאָר דעם פאַקט, אַז אין דער קולטור געזעלשאַפט גופא האָבן זיך געבילדעט עלעמענטן פון דער נייער אָרדנונג, אַז אין שורה מיט דעם חורבן פון אַלטן לעבנשטייגער גייט אויך די צעפאַלונג פון די אַלטע אידייעס. ווען די אַלטערטימלעכע וועלט איז געפאַלן, זיינען די אַלטע רעליגיעס באַזיגט געוואָרן דורך קריסטנטום. ווען די קריסטלעכע אידייעס האָבן אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר די אויפקלערונגס אידייעס פון XVIII יאָרהונדערט, האָט עס בעצם באַטייט נאָר דאָס, אַז די פעאָדאַלע געזעלשאַפט האָט געפירט אַ קאַמף אויף לעבן און אויף טויט מיט דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע פון יענער צייט. די אידייעס פון דער פרייהייט פון געוויסן און רעליגיע האָבן מיט זיך אויסגעדריקט נאָר די הערשאַפט פון פרייער קאָנקורענץ אויף דעם געביט פון וויסן. ביי אַזאַ שטאַנדפונקט אויף דעם טויש פון אידייעס האָט זיך דער מאַרקסיזם געמוזט צוזאַמענשטויסן מיט דער פאָלגענדער קשיא. אויב אַלע אונזערע פאָרשטעלונגען ענדערן זיך צוזאַמען מיט דער ענדערונג פון די קלאַסנבאַציאונגען, — טאָ פאַרוואָס געפינען מיר מאָראַל, רעליגיע, רעכט, אייביקע אייביקע אמתן, פרייהייט, יושר און אַז. וו. אין אַלע פאַזעס פון דער געזעל-

קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג? מאַרקס און ענגעלס געפינען, אַז דער דאָזיקער פאַקט ווידערשפּרעכט לגמרי ניט זייער לערע. די געשיכטע פון אַלע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן ביז היינט עקזיסטירט, האָבן זיך געהאַלטן אויף דער קעגנזעצלעכקייט פון די קלאַסן, וועלכע האָט אין פאַרשיידענע צייטן אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמעס, ניט געקוקט אויף דעם אונטערשייד אין די פאָרמעס, אַז די עקספּלאָאַטאַציע פון איין טייל דורך דעם צווייטן טייל פון דער געזעלשאַפט, אַ פאַקט, וואָס איז אַלגעמיין פאַר אַלע פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטן. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, אַז דער געזעלשאַפטלעכער באַוואוסטזיין פון אַלע צייטן, ניט געקוקט אויף גאָר דעם אונטערשייד און אויף גאָר דער פאַרשיידנאַרטיקייט האָט זיך ביז איצט געדרייט אין באַוואוסטע אַלגעמיינע פאָרמעס, וועלכע וועלן לגמרי בטל ווערן ערשט, ווען עס וועלן פולקאָם פאַרניכטעט ווערן די קעגנזעצלעכקייטן פון די קלאַסן.

באַטראַכטנדיק די גאַנצע געשיכטע אַלס אַ געשיכטע פונם קלאַסנקאַמף, שאַצן מאַרקס און ענגעלס אָפּ פון דעם זעלביקן שטאַנדפּונקט אויך זייער אייגענע עפּאָכע. זיי האַלטן זייער צייט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערע, מחמת זיי זעען, אַז עס שטימען ניט צווישן זיך די פּראָדוקטיווע קרעפטן, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט באַשאַפן מיט די פּראָדוקציאָנס־באַציאונגען, וואָס זענען דעם קאַפּיטאַליזם אייגנשאַפטלעך. די היינטיקע בורזשואזע געזעלשאַפט, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אויף דעם חורבן פונם פעאָדאַליזם, האָט ניט פאַרניכטעט דעם אונטערשייד צווישן די קלאַסן; זי האָט נאָר אַוועקגעשטעלט נייע אויף דעם אָרט פון די אַלטע קלאַסן; זי האָט אויסגעטראַכט נייע מיטלען צו באַדריקן און נייע פאָרמעס פון קאַמף. אונזער עפּאָכע, די עפּאָכע פון דער בורזשואַזיע, צייכנט זיך דאָך אויס דערמיט, וואָס זי האָט פאַראייגפאַכט דעם אונטערשייד פון די געזעלשאַפטלעכע לאַגעס. די געזעלשאַפט טיילט זיך אַלץ מער און מער אויף צוויי גרויסע פיינטלעכע לאַגערן: די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט, ווען מ'האָט איינגעפירט מאַשינעס און עס איז אַנטשטאַנען די גרויס־אינדוסטריע, האָבן די מיליאָנערן־אינדוסטריעלער, די אָנפירער פון גאַנצע אינדוסטריעלע אַרמייען, די היינטיקע בורזשואזיע פאַרכאַפּט די הערשנדיקע לאַגע. וואָס מער עס איז אויסגעוואַקסן די אינדוסטריע, דער מסחר, די ים־וועגן, די אייזנבאַנען, אַלץ מער האָט זיך אַנטוויקלט די בורזשואַזיע, האָבן זיך פאַרגרעסערט אירע קאַפּיטאַלן, און זי האָט אָפּגעשטופּט אַן אַ זייט אַלע קלאַסן פון דער מיטלאַלטערישער געזעלשאַפט. אַזוי אַרום איז די בורזשואַזיע אַליין געוועזן אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגן אַנטוויקלונג־פּראָ־

צעס פון אַ גאַנצער ריי איבערקערענישן אין די מיטלען פון פּראָדוקציע און פון טויש.

באַשאַפנדיק נייע עקאָנאָמישע באַציאונגען, האָט די בורזשואַזיע אויך די פּסיכיק פון דער מענטשהייט איבערגעבויט, אומעטום, וואו זי האָט דערגרייכט צו הערשאַפט, — זאָגן מאַרקס און ענגעלס, — האָט די בורזשואַזיע חרוב געמאַכט אַלע אַלטע פּאַטריאַרכאַל־אידילישע באַציאונגען, זי האָט אָן רחמנות צעריסן די בונטע פעאָדאַלע פעדים, וואָס האָבן פאַרבונדן די מענטשהייט מיט אירע מושלים, און האָט צווישן מענטשן ניט איבערגעלאָזן קיין פאַרבינדונג אויסער דעם נוצן, דעם אכזרישן „מזומן”. אינם קאַלטן וואַסער פונם עגאָאיסטישן חשבון האָט זי דערטרונקען די שטרעבונגען פון דער גאָטספאָרכטיקער טרוימערישקייט, פון דער ריטערישער באַגייסטערטקייט און פון דער בירגערלעכער סענטימענטאַלישקייט. זי האָט אין האַנדלס־ווערט פאַרוואַנדלט די פּערזענלעכע ווירקונג פונם מענטשן און אויף דעם אָרט פון דער מאַסע פאָרמעס פון דערוואָרבענער און פּאַטענטירטער פרייהייט אַוועקגעשטעלט די איינציקע, פאַר אַלערליי אידעאַלישע אויסרעכנונגען פרעמדע האַנדל־פרייהייט. מיט איין וואָרט, די עקספּלואַטאַציע, וועלכע איז פאַרדעקט מיט רעליגיעזע און פּאָליטישע אילוזיעס, האָט זי פאַרביטן אויף אַן עקספּלואַטאַציע אַ דירעקטע, אַן אָפענע, אַ טרוקענע און אַן אומפאַרשעמטע. אַלע פּראָפעסיעס, אויף וועלכע מען האָט ביז איצט געקוקט מיט ערע און יראת הכבוד, האָבן פאַרלאָרן זייער צויבער. דער רופא, דער יוריסט, דער גלח, דער פּאָעט, דער געלערנטער — אַלע זענען געוואָרן לוין־אַרבעטער ביי דער בורזשואַזיע. זי האָט פון די משפחה־באַציאונגען אַראָפּגעריסן זייער צאַרט־סענטימענטאַלע דעקע און פאַרוואַנדלט זיי אין אַ פּשוטן געלט־חשבון. די באַדערפעניש וואָס ווייטער אַלץ מער צו פאַרברייטערן איר אָפּזאַץ צווינגט די בורזשואַזיע דורכצולויפן דעם גאַנצן ערד־קוגל. זי מוז אומעטום אַריינדרינגען, אומעטום איינוואָרצלען זיך, אומעטום איינשטעלן באַציאונגען. מיט איר עקספּלואַטירן דעם אַלוועלטלעכן מאַרק האָט די בורזשואַזיע איבערגעשאַפן די פּראָדוקציע און דעם געברויך אין קאָסמאָפּאָליטישן גייסט, און ביי דער אינדוסטריע אָפּגענומען דעם נאַציאָנאַלן באָדן. די נאַציאָנאַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע זיינען אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך נייע מינים, וואָס זיי איינצופירן איז אַ לעבנספראַגע פאַר אַלע ציוויליזירטע פעלקער. אַ דאַנק דער שנעלער פאַרפאָלקאָמונג פון דעם פּראָדוקציע־געצייג און די אָן אַ שיעור פאַרלייכטערטע פאַרקער־מיטלען, טרייבט די בורזשואַזיע אויפן וועג פון דער ציוויליזאַציע

אַלע, אַפילו די סאַמע באַרבאַרישע פעלקער. זי צווינגט אַלע נאַציעס אָנ־צונעמען די בורזשואַזע אופנים פון פּראָדוקציע, אַז ניט וועלן די נידעריקע פּרייזן אויף די סחורות ברענגען די דאָזיקע נאַציעס צו אַ קראַך. צווינגענדיק אַלע, אפילו די באַרבאַרישע נאַציעס איבערצונעמען די ציוויליזאַציע, צווינגט זי זיי בעצם צו ווערן בורזשואַז. בקיצור, זי שאַפט אַ נייע וועלט לויט איר אייגענעם געשטאַלט. די בורזשואַזיע, — זאָגן מאַרקס און ענגעלס ווייטער, — האָט אַרויסגערופן אין לעבן די גרויסע שטעט און האָבן דעם דאָרף אונטער־טעניק געמאַכט צו דער שטאָט. זי האָט אָנגעזאַמלט די באַפעלקערונג אין גרויסע מאַסן, האָט צענטראַליזירט די פּראָדוקציע־מיטלען און אין אַ משך ווייניקער איידער הונדערט יאָר פון איר הערשאַפט האָט זי געשאַפן מעכ־טיקע און גראַנדיעזערע פּראָדוקטיווע קרעפטן, איידער אַלע פריערדיקע דורות צוזאַמענגענומענע. די פעאָדאַלע באַציאונגען האָבן געדריקט די דאָזיקע פּראָ־דוקטיווע קרעפטן, דעריבער האָט זיי די בורזשואַזיע אַראָפּגעשליידערט, און זייער אָרט האָט פאַרנומען די פרייע קאָנקורענץ מיט דער איר אַנטשפּרעכנ־דיקער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער אָרדענונג, מיט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. פונקט ווי די בורזשואַזיע האָט אַמאָל חרוב געמאַכט די פעאָדאַלע באַציאונגען, אַזוי זעען מאַרקס און ענגעלס אין דער היינטיקער אָרדענונג די צייכנס, וועלכע באַווייזן, אַז אויך די בורזשואַזע אָרדענונג איז פאַרמשפּט צום טויט. „די היינטיקע בורזשואַזע געזעלשאַפט, — זאָגן זיי, — מיט אירע פאַרמעגלעכע באַציאונגען, מיט איר אָר־גאַניזאַציע פון פּראָדוקציע און טויש, וועלכע האָט ווי דורך אַ צויבער באַ־שאַפן אַזעלכע מעכטיקע מיטלען פון פּראָדוקציע און פאַרקער, — די דאָזיקע געזעלשאַפט געפינט זיך אין דער לאַגע פון אַ מכשף, וועלכער איז ניט אימ־שטאַנד איינצופאַסן זיך מיט די אונטערערדישע קרעפטן, וועלכע ער אַליין האָט אַרויסגערופן מיט זיינע השבעות. אין משך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָרן שטעלט די געשיכטע פון דער אינדוסטריע און פון דעם האַנדל פאַר אַ געשיכטע פון ווידערשפּעניקייט מצד די פּראָדוקטיווע קרעפטן קעגן דער היינטיקער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע, קעגן די פאַרמעגלעכע באַציאונגען, וועלכע זיינען די לעבנס־באַדינגונגען פון דער בור־זשואַזיע און פון איר הערשאַפט.” דאָס געווער, מיט וועלכער די בורזשואַזיע האָט געטויט דעם פעאָדאַליזם, איז איצט אַרויסגעשטעלט קעגן איר זעלבסט.

ווער זשע וועט אַראָפּוואַרפן פון טראָן די בורזשואַזע אָרדענונג פון דער געזעלשאַפט?

די בורזשואַזיע, זאָגן מאַרקס און ענגעלס, האָט אַליין באַשאַפן דעם דאָזיקן קלאַס, וועלכער וועט זי חרוב מאַכן. דער דאָזיקער קלאַס דאָס איז דער פּראָלעטאַריאַט. דער אַרבעטער איז געוואָרן אַ צוגאָב צו דער מאַשין. דעם אונטערנעמערס הוצאות אויף איינקויפן אַרבעטס קראַפט זיינען דעריבער באַגרענעצט כּמעט מער ניט דערמיט, וויפיל עס קאָסט אויסהאַלטן דעם אַר־בעטער און אונטערהאַלטן זיין ראַסע. דער אונטערשייד פון עלטער און גע־שלעכט האָבן ניט קיין גרויסע באַדייטונג, אין דער פּערזאָן פון לעבעדיקן אַרבעטער זעט דער אונטערנעמער נאָר אַרבעטס אינסטרומענטן. דער פּראָלע־טאַריאַט ווערט ווערבירט פון אַלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן. אין זיינע רייען גייען ביסלעכוויז אַריין די קליינהענדלער, די בעל־מלאכות, די פּויערים, די נידעריקע שיכטן פון דעם מיטל־שטאַנד, מחמת זייערע קליינע קאַפּיטאַלן קלעקן ניט פאַר דער גרויסער פּראָדוקציע. דער קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע הויבט זיך אָן פון דער ערשטער רגע, וואָס ער איז אַנטשטאַנען. לכתחילה קעמפן די אַרבעטער איינציקווייז, אָבער שפּעטער פאַר־אייניקן זיי זיך אין פאַרבאַנדן. אַלס רעזולטאַט פון דער דאָזיקער פאַר־אייניקונג קומט די דערנעענטערונג פון די אַרבעטער. די דאָזיקע דערנען־טערונג אַליין קלעקט שוין, אַז דער אַרבעטער קאַמף פון באַזונדערע ערטער זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קלאַסנקאַמף פון אַ גאַנץ פאָלק. ניט געקוקט אויף דער קאָנקורענץ פון באַזונדערע אַרבעטער ווערט די אָרגאַניזאַציע פון די פּראָלעטאַריער, אַלס אַ באַזונדער קלאַס, אַלץ פעסטער און שטאַרקער־פון אַלע קלאַסן, וואָס זיינען איצט קעגנזעצלעך דער בורזשואַזיע, שטעלט מיט זיך נאָר דער פּראָלעטאַריאַט פאָר אַ ווירקלעך רעוואָלוציאָנערן קלאַס. אַלע איבעריקע קלאַסן פאַלן און ווערן בטל לויט עס אַנטוויקלט זיך די גרויסע אינדוסטריע; דער פּראָלעטאַריאַט אָבער ווערט גראָד דורך איר באַשאַפן. די לעבנסבאַדינגונגען פון דער אַלטער געזעלשאַפט עקזיסטירן שוין איצט ניט פאַרן פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריער האָט ניט קיין אייגנטום; זיינע באַ־ציאונגען צו ווייב און קינדער האָבן שוין קיין געמיינזאַמס ניט מיט די בורזשואַזע משפּחה־באַציאונגען. די היינטיקע אינדוסטריעלע אַרבעט, דער היינטיקער יאָך פונם קאַפּיטאַל, וועלכע זיינען אומעטום גלייך, סיי אין ענג־לאַנד, סיי אין פראַנקרייך, סיי אין אַמעריקע, סיי אין דייטשלאַנד, האָבן פון אים אָפּגעריבן יעדן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די געזעצן, די רעליגיע, די מאָ־ראַל זיינען פאַר אים ניט מער, ווי בורזשואַזע פאָראורטיילן, אונטער וועלכע עס זיינען פאַרבאָרגן די אָדער יענע בורזשואַזע אינטערעסן. פריער האָבן די־

באַדריקערישע קלאַסן פאָרט געגעבן די געדריקטע אַזעלכע באַדינגונגען, ביי וועלכע זיי האָבן לפּחות געקאָנט אויפהאַלטן זייער פאַרשקלאַפטן קיום. דער לייב־קנעכט איז דערהויבן געוואָרן צו זיין אַ מיטגליד פון דער קאָמונע, דער שטאָטישער איינוואוינער — צו ווערן אַ בורזשוא, ניט געקוקט אויף דעם דרוק פונם פעאָדאַלן אַבסאָלוטיזם. פאַרקערט, דער היינטיקער אַרבעטער, אַנ־שטאָט צו שטייגן צוזאַמען מיטן פראָגרעס פון דער אינדוסטריע, לאָזט ער זיך אַראָפּ אַלץ נידריקער פאַר די עקזיסטענץ־באַדינגונגען פון זיין אייגענעם קלאַס. דער אַרבעטער ווערט אַן אָרעמאַן און די אָרעמקייט אַנטוויקלט זיך נאָך שנעלער, איידער די עשירות אין דער באַפעלקערונג. עס ווערט אַלץ באַשיינפערלעכער, אַז די בורזשואַזיע איז ניט פייאיק צו פאַרבלייבן דער הערשנדיקער קלאַס און מאַכן די באַדינגונגען פון איר עקזיסטענץ פאַר אַ נאָרמע, וואָס רעגולירט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג. זי איז ניט פייאיק צו הערשאַפט, מחמת זי קאָן איר קנעכט ניט פאַרזיכערן אַפילו זיין קנעכטישן קיום, מחמת זי איז געצוואונגען געווען צו דערפירן אים צו אַזאַ צושטאַנד, ווען זי מוז אים אויסהאַלטן אָנשטאָט צו לעבן אויף זיין חשבון. די געזעלשאַפט קאָן מער ניט לעבן אונטער איר מאַכט. אַנדערש געזאָגט. דעם בורזשואַס לעבן קאָן מער ניט זיין צוזאַמען מיט דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט. די בורזשואַזיע האַלט זיך אויף קאַפּיטאַל, דער קאַפּיטאַל — אויף לוין־אַרבעט, לוין אַרבעט איז מעגלעך נאָר אַדאַנק דער קאָנקורענץ פון די אַרבעטער צווישן זיך גופא. אַלזאָ, איז די עקזיסטענץ פון דער בורזשואַזיע אוממעגלעך אָן דעם פּירוד צווישן די אַרבעטער, אָבער דער פראָגרעס פון דער אינדוסטריע פירט דווקא צו זייער רעוואָלוציאָנערער פאַראייניקונג. אַנ־דערש גערעדט, די בורזשואַזיע גופא גראָבט אונטער דעם פונדאַמענט אונטער די אייגענע פיס. זי פראָדוצירט פריער פאַר אַלץ אירע אייגענע באַגרעבער. איר מפּלה און דער נצחון פונם פּראָלעטאַריאַט זענען אוממפאַרמיידלעך.

דאָס זענען די גרונט־אידייעס פון מאַרקס און ענגעלסעס לערע, וועל־כע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין מיטן יאָרהונדערט. די דאָזיקע קלאָרע פאָרמולירונג פון די סאָציאַלע באַציאונגען האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלערליי אוטאָפּיעס. מיר האָבן געזען, אַז סען סימאָן און אאוען, דיקענס און זשאָרזש־זאַנד האָבן ערוואַרט די באַנייאונג פון דער געזעלשאַפט מצד די קאַפּיטאַליסטן גופא אפילו דער זינגער פונם פּראָלעטאַריאַט טאָמאַס הוד האָט זיך געווענדט ניט צו דעם מוט פון די באַדריקטע, נאָר צום האַרצן פון די

באַדריקער. מאַרקס און ענגעלס האָבן מיט אַ וואונדערלעכער קראַפט אַנטפלעקט די קעגנזעצלעכקייט אין די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע און פון דעם פראָלעטאַריאַט. קיין שלום, קיין סאָלידאַריטעט קאָן ניט זיין צווישן די דאָזיקע צוויי קלאַסן. זיי זיינען שונאים, וואָס פאַרטיליקן געמיינזאַם איינער דעם אַנדערן, מחמת דעם עצם נאַטור פון דער בורזשואַזער אָרדענונג. דער פראָלעטאַריאַט האָט ניט פון וואַנען צו וואַרטן אויף הילף. זיין האָפנונג איז אויף זיך אַליין, זיין מאַכט איז אין סאָלידאַריטעט און פאַראייניקונג. „פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!” די דאָזיקע מאַרקס און ענגעלסעס ווערטער זיינען געוואָרן דער דעוויז פון דעם קלאַס, וועלכער איז לויט זייער מיינונג באַרופן צו באַשאַפן די נייע פאָרמע פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. מיר האָבן געזען, וואָס פאַר אַ שמחה עס האָט אין אָנהויב יאָרהונדערט אַרויסגערופן דער ערפאָלג פון דער טעכניק און דער שנעלער וואוקס פון דער עשירות, וואָס איר סיבה איז געווען די אַנטוויקלונג פון דער גרויסער אינדוסטריע. מאַרקס און ענגעלס האָבן ענדגילטיק חרוב געמאַכט אויך די דאָזיקע אילוזיע, באַווייזנדיק די צווייטע זייט פון דער מטבע, אַנטפלעקנדיק, אַז אונטער דער דאָזיקער רייכער פרעכטיקייט, אונטער דער אויסערלעכער באַרייכערונג פון דער מענטשהייט איז באַהאַלטן אַ תהום פון עגאָאיזם — פון איין זייט, און אויך פון אָרעמקייט מיט ענויים -- פון דער צווייטער זייט. ביז מאַרקסן און ענגעלסן האָט קיינער ניט געגעבן אַזאַ קורצע און צוזאַמען דערמיט אַלזייטיקע אָפשאַצונג פון דער בורזשואַזיע. ביז זיי האָט קיינער אַזוי קלאָר ניט באַוויזן די אויסגאַנגסלאָזע לאַגע פון דעם פראָלעטאַריאַט; ביז זיי איז אַזוי קלאָר ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן, אַז די גאַנצע הייַנטיקע אָרדענונג איז געגרינדעט אויף דעם קאַמף פון די אַפעטיטן, אַז די געזעלשאַפט נויטיקט זיך אין פולקאָמער באַנייאונג.

מיר האָבן זיך אָפגעשטעלט אויף די צוויי גרעסטע ערשיינונגען פון גייסטיקן לעבן אין מיטן פון XIX י״ה, מחמת די ליטעראַטור פון דער צווייטער העלפט פון דעם י״ה איז אין אַ באַדייטנדער מאָס דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט, וואָס האָט אַרויסגערופן אין לעבן דאַרווינס און מאַרקס שאַפונגען. מיר האָבן שוין געזען, אַז די רעאַליסטישע ריכטונג אין דער ליטעראַטור האָט זיך געפונען אין אַ נאָענטער פאַרבינדונג מיט דער אַנטוויקלונג פון דער נאַטורוויסנשאַפט און פון די סאָציאַלע אינטערעסן. אין דער צווייטער העלפט גייט דער רעאַליזם אַריבער אין נאַטוראַליזם, נאָך מער דערנענטערנדיק זיך צו די פינקטלעכע וויסנשאַפטן בנוגע די מעטאָדן פון קינסט־

פערישן שאַפן. גלייכצייטיק דערמיט ווערט אויך זיין אינהאַלט אַלץ מער די פינקטלעכע און אַלזייטיקע שילדערונג פון אַלע עלעמענטן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. דער ראש פון דער נאַטוראַליסטישער שול איז דער אויטאָר פון רוגאָן־מאַקאַרס, וועלכער איז געשטאָרבן מיט אַזאַ נאַרישן און טראַגישן טויט. עמיל זאָלאַ איז געווען דער פאָרזעצער פון דער זאַך, וואָס אָנגעהויבן האָט באַלזאַק. דער אויטאָר פון ר ו ג אַ ן מ אַ ק אַ ר ס האָט געהאַלטן דעם אויטאָר פון דער מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר ק אָ מ ע ד י ע פאַר זיין גייסטיקן פאָטער און ער איז, ווי מיר וועלן זען, געווען גערעכט.

אַפילו די אומשטענדן פון זייער ביידנס לעבן האָבן פיל געמיינזאַמעס. ביידע זיינען זיי געווען שריפטשטעלער־אַרבעטער, ליטעראַטאָרס בעלי מלאכות. ביידע שטעלן זיי פאָר אַ טיפ פון שריפטשטעלער, וואָס זייער באַרימטקייט ווערט קאָטירט אויף דער בערזע, וועלכע קאָנען איבעררעכענען זייער טאַלענט אויף געלט־צייכנס. ביידע זיינען זיי פלייש פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפטס פלייש, אָנגעשטעקט מיט אַלע שטרעבונגען פון דעם היינטיקן בורזשואַ, מיט זיין דאָרשט רייך צו ווערן, מיט זיין ליבע צו דער גרויסער שטאָט, מיט זיינע אַפעטיטן, מיט זיין נערוויאַישקייט, מיט זיין בירגערלעכער אַמביציע. אמת, באַלזאַקן איז ערשט צום סוף פון זיין לעבן געלונגען דערגרייכן צו אַ מצב פון וואוילשטאַנד. זאָלאַ איז לפי ערך פרי רייך געוואָרן, און מיט דער גאווה פון אַן אמתן בורזשואַ האָט ער אויסגעפוצט די זאַלן פון זיין פאַלאַץ מיט דעם שרייענדיקן לוקסוס, לויט וועלכן מען קאָן לייכט דערקענען מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַדורכגעשלאָגן פון אָרעמקייט און סטאַרען זיך אונטערצושטרייכן זייער ערפאָלג און קאַמף פאַר מאַטעריעלע עשירות. דאָס, וואָס באַלזאַקן האָט זיך געחלומט אַלס אַ ניט דערגרייכבאַרער אידעאַל פון גליק, האָט זאָלאַ דערוואָרבן. זאָלאַ איז אַן אַמתער בורזשואַ און אין דער זעלביקער צייט אַ באַגאַבטער און אַן אַלזייטיקער באַשולדיקער פון די זינד פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

זאָלאַס פאָטער איז געווען אַן איטאַליענער, די מוטער — אַ פראַנצויזין. ער איז געבוירן געוואָרן אין פאַריז אויף דער גאַס סען־זשאָזעף, אין האַנדלס קוואַרטאַל, וואו דאָס לעבן טרייבט ווי פון אַ קוואַל פון דער פרי ביז דער נאַכט. ער איז אַלט געווען זיבן יאָר, ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן און די משפחה איז געבליבן אין אַ גאַנץ שווערער מאַטעריעלער לאַגע. זאָלאַס קינדהייט איז אַריבער אין עקס, און אין דער אָרטיקער גימנאַזיע האָט דער קינפטיקער ראָמאַניסט באַקומען די ערשטע בילדונג. ווען עמילס באָבע איז

אין 1857־טן יאָר געשטאָרבן, איז די מאַטעריעלע לאַגע זיינע און זיין מוטערס געוואָרן נאָך ערגער. אַזוי איז איינמאָל אין אַ פעברואַר־אָוונט אין 1858 יאָר דער 18־יעריקער יונגער בחור געקומען קיין פּאַריז, וואו ער איז אָנגעקומען אין ליצײ פון דעם הייליקן לודוויק, אַדאַנק דער פּראָטעקציע פונם אַדוואָקאַט לאַבאָ, זיין געשטאָרבענעם פאָטערע אַ גוטער פריינט. און זאָלאַ איז אַריינגעפאַלן אין דער לאַגע פון אַן אָרעמען סטודענט, אַ פּאַרוואָרפענער אין דער ריזיקער שטאָט, אַ דאָרשטיקער נאָך רום און גליק. קיינמאָל האָט דער באַגאַבטער בחור ניט אַזוי שטאַרק געפילט זיין אָרעמקייט, ווי אין דער ערשטער צייט אין ליצײ, נאָך די גראָבע און אומאַנטוויקלטע פּראָווינציאַלן האָט ער זיך דאָ באַגעגנט מיט יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך געפונען אינם קורס פון היינטיקע נייסן, האָבן טעגלעך געלייענט ציייטונגען, געקענט וועגן אַלץ ריידן. אין עקס האָט מען אים גערופן „פּאַריזער", דאָ — „מאַרסעלער". ער האָט געפילט, אַז ער שטייט אָפּ פון זיינע חברים אין אַלע הינזיכטן; זייער העכערקייט איז גיכער באַשטאַנען אין אויסערלעכע פּזרונות, איידער אין אמתע מעלות, אָבער מיר האָבן שוין אויף באַלזאַקס העלדן געזען דעם ביישפּיל, ווי שווער עס איז דעם שטאָלצן און באַגאַבטן יונגן מאַן צו קעמפן קעגן די דערנידערונגען, וואָס די אָרעמקייט ציט נאָך זיך. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס זאָלאַ איז געוואָרן אַן אומפריינדלעכער און אַן איינגעשלאָסענער אין זיך, האָט אויסגעמיטן באַקאַנטשאַפט און פריינדשאַפט מיט חברים. דערפאַר האָט ער פאַר דער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ליצײ, פיל געלייענט. הוגאָ, מיוסע, ראַבלע, און מאָנטען, — לויט פּאָל אַלעקסיס אויסדרוק — זיינע אויסער־אוניווערזיטעטישע פּראָפעסאָרן, — האָבן אים אויסגעלערנט ליב צו האָבן צוויי זאַכן: פריער די ראָמאַנטישע פּאָעזיע, די גלענצנדע און זינלאָזע, און דערנאָך אַלס אַ קאָרעקטיוו — די שיינע פראַנצויזישע פּראָזע, די שנעלע, דינע און לאָגישע. זאָלאַן געלונגט ניט צו ענדיקן דעם קורס בשלום. ס'איז מערקווירדיק, אַז געשטרויכלט געוואָרן ביים עקזאַמען איז ער אויף די הומאַניטאַרע, ניט אויף די נאַטורוויסנשאַפטלעכע למודים. גלענצנד אויסגעהאַלטן כעמיע, פיזיק, אַלגעבּרע און אַז. וו. האָט ער שוין געמיינט, אַז ער האָט דעם דיפּלאָם זיכער. עס איז געבליבן דער לעצטער פּראָפעסאָר פילאָלאָג. „אין וואָסער יאָר איז געשטאָרבן קאַרל דער גרויסער?" — האָט ער געפרעגט ביי זאָלאַ, און דער יונגער ליציייאיסט האָט אַ טעות געהאַט פונקט אויף אַ יאָר. און ווען אויף דער פראַגע וועגן עפּעס לאַפאַנטענס אַ פאַבעל האָט זאָלאַ געגעבן אַן ענטפער, אַ ווילדן פון

שטאַנדפּונקט פון די דאַמאָלדיקע בליקן, האָט דער פּראָפעסאָר דעם סטודענט געזאָגט דעם פּאַטאַלן „גענוג״, און האָט אים אַוועקגעשטעלט אַ „נול״. אַזאַ איז געווען די איראָניע פונם גורל: דער קינפטיקער מנהיג פון אַ מעכטיקער ליטעראַרישער באַוועגונג האָט באַזיגט די כעמיע, און איז געשטרויכלט געוואָרן אויף ליטעראַטור, — אַ טשיקאַווער פאַקט, וועלכער האָט פאַרמערט דעם לאַנגן מאַרטיראָלאָג פון די קרבנות פונם פּעדאַנטיזם און פון דער שול־רוטין. פּאָל אַלעקסיס האָט געוואָלט פאַראייביקן פאַר די קומענדיקע דורות דעם נאָמען פון דעם פּעדאַגאָג, וואָס האָט ניט דערלאָזן, זאָלאַ זאָל באַקומען אַ דיפּלאָם, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט דערוויסן זיין נאָמען. זאָלאַ איז געבליבן אָן אַ דיפּלאָם, אָן געלט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערער קאַמף פאַרן לעבן. אַ דאַנק דעם דערמאָנטן אַדוואָקאַט לאַבאָס פּראָטעקציע, באַקומט ער אַ שטעלע מיט זייער אַ קליינעם געהאַלט: 60 פראַנק אַ חודש האָבן ניט געקענט באַפרידיקן אַפילו די סאַמע באַשיידענע באַדערפענישן זיינע און דער מוטערס. גאַנץ פרי איז דער קינפטיקער ראָמאַניסט באַקאַנט געוואָרן מיט קלאָגעדיקע מעבלירטע צימערן, הונגער, לאָמבאַרדן — די דאָזיקע אַלע באַגלייטער פון דעם אינטעליגענטן פּראָלעטאַריער אין אַ גרויסער שטאָט. אין 1862 יאָר געלונגט אים צו באַקומען אַ שטעלע, וואָס זאָל אים בעסער פאַרזיכערן. אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פון בודע, אַ מיטגליד פון דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע, קומט ער אָן אויף אַ שטעלע אין אַ באַוואוסטער בוכהאַנדלונג. אַ ביסל צייט איז זאָלאַס עובדא באַשטאַנען אין פאַרוויקלען די ביכער, דערפאַר האָט ער באַקומען הונדערט פראַנק אַ חודש. אומגערן באַמערקט מען זיינע פעאיקייטן, די פירמע פאַרגרעסערט אים דעם געהאַלט, און גיט אים אַ אינטערעסאַנטערע אַרבעט, צוליב וועלכער ער קריגט באַקאַנטשאַפט מיט פאַרשיידענע פאַרלעגער און אויטאָרן. אים געלונגט אָפּצודרוקן עטלעכע קליינע זאַכן. צום סוף 1865 באַשליסט זאָלאַ פאַרלאָזן זיין שטעלע און ווידמעט זיך אינגאַנצן דער ליטעראַטור. ער טרעט אַרויס מיט אַ ריי קריטישע אַרטיקלען און ״Evènement„ וואָס זיין אַרויסגעבער ווילמעסאַן האָט גלייך אָפּגעשאַצט דעם יונגן שריפטשטעלער. זאָלאַס ערשטער אַרטיקל האָט ערשיינט דעם 2־טן פעברואַר 1866 יאָר. ווען דער אויטאָר איז צום סוף חודש געקומען נאָך האָנאָראַר, האָט אים דער קאַסיר דערלאַנגט 500 פראַנק. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, — דערציילט אַלעקסיס, — די פאַרוואונדערונג פון דעם אָנפאַנגער שריפטשטעלער — ער האָט נאָך קיינמאָל אין די הענט ניט געהאַט אַזאַ גרויסע סומע. פון דעם דאָזיקן מאָמענט אָן הויבט זאָלאַס נאָמען אָן

צו וואַקסן. זיינע אַרטיקלען צייכענען זיך אויס מיט דרייסטקייט, מיט דער אומאָפּהענגיקייט פון זייער אויטאָרס אָנשויונגען, און זיי פאַרשאַפן אים אַ מאַסע שונאים. אינגיכן פאַרלאָזט ער ווילמאַסאָנס אויסגאַבן און לאָזט אַרויס אין באַזונדערע ביכער די ראָמאַנען טערעזאַ ראַקען און מאַדלען פער. דער אָנפאַל פון די צייטונגען וועלכע האָבן טערעזאַ ראַקען באַ־געגנט מיט זידלערייַ, האָבן געווענדט די אויפמערזאַמקייט פון דער פובליק אויף דעם יונגן שריפטשטעלער, און זאָלאַ הויבט אָן צו טראַכטן וועגן אַ גראַנדיעזן פּלאַן, מיט וועלכן מען קאָן פאַרגלייכן נאָר באַלזאַקס פּלאַן, וואָס ער האָט פאַרווירקלעכט און דער מענטשלעכער קאָמעדיע. אַזוי איז אַנטשטאַנען די סעריע ראָמאַנען אונטערן נאָמען רוגאָן מאַרקאַרס. אין דעם דאָזיקן פּלאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן די נטיה צו אייגנהייטלעכקייט, צו אויספאָרשונג און צו דער פאַראייניקונג פון אַ מאַסע פאַקטן, וועלכע אין דער ספּעציפישער שטריך פון דעם נאַטוראַליסטישן און בכלל נאַטורוויסנ־שאַפטלעכן גייסט פון דער צייט. זאָלאַ האָט געוואָלט באַשאַפן די נאַטירלעכע און סאָציאַלע געשיכטע פון אַ משפחה פאַר דער צווייטער אימפעריע. און ער האָט זיך גענומען פאַר דער זאַך ניט ווי אַ קינסטלער, נאָר ווי אַן אמתער געלערנטער. יעדן טאָג פלעגט ער גיין אין דער קייזערלעכער ביבליאָטעק פאָרשן אויף דעם געביט פון פיזיאָלאָגיע און נאַטורגעשיכטע, אויסשרייבן נאָ־טיצן. נאָכדעם האָט זאָלאַ געבראַכט אין אָרדענונג אַלע נאָטיצן, אויסגעמאָלט אַ גענעאַלאָגישן בוים, און איז מיט אַ ברייטן גענוי־באַאַרבעטן פּלאַן געקומען צום פאַרלעגער לאַקרואַ, וועלכער האָט אים פאַרזיכערט 500 פראַנק אַ חודש, דערפאַר האָט זיך זאָלאַ מתחייב געווען צוצושטעלן צוויי ראָמאַנען אַ יאָר. דאָס געלט איז ניט געווען קיין געצאָלט פאַר די ראָמאַנען גופא: דאָס איז נאָר געווען אַן אַוואַנס, וועלכן דער פאַרלעגער האָט געזאָלט נאָכדעם אויס־רעכענען פון זאָלאַס האָנאָראַר. ווען יעדער ראָמאַן וועט ערשיינען. ווי עס טרעפט כמעט אַלע מאָל אין אַזעלכע פאַלן, האָט זיך דער שריפטשטעלער אַרויסגעוויזן פאַר ניט קיין פּינקטלעכן מענטשן, און זאָלא איז געבליבן אַ בעל חוב דעם פאַרלעגער. פון דער שלעכטער לאַגע האָט אים באַפרייט אַן אַנדער פאַרלעגער. שאַרפּאַנטיע, וועלכער האָט געשאַפן אַן אָפּמאַך מיט לאַקרואַ. שאַר־פּאַנטיע האָט זאָלאַן באַצאָלט פאַר צוויי ראָמאַנען יערליך צו 6000 פראַנק, אָבער די סומע האָט ער אים געגעבן ניט אַלס אַוואַנס, נאָר פאַר דאָס רעכט אַרויסצוגעבן די ראָמאַנען אין משך פון 10 יאָר. זאָלאַ האָט ווידער פאַר־שפּעטיקט מיט עטלעכע ראָמאַנען און איז געבליבן אַ גרויסער בעל חוב אויך

דעם צווייטן פאַרלעגער. פּאָל אַלעקסיס דערציילט גענוי וועגן זאָלאַס באַגעגעניש מיט שאַרפּאַנטיע, וועלכע מוז אַריינגעטראָגן ווערן אין דער געשיכטע; דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישע אילוסטראַציע צו דער וויכטיקער באַדייטונג, וואָס דער גרויסער קאַפּיטאַליסט באַקומט היינטיקע צייט אין דעם שריפטשטעלערס לעבן. זאָלאַ איז געגאַנגען אַן אומרוהיקער. די סיבה פון זיין אומרוהיקייט איז געווען זיין אָרעמקייט. ער האָט מסתמא געוואַרט אויף ניט קיין אָנגענעמען שמועס. עס קאָן זיין, אַז אים איז פאָרגעשטאַנען איבערצורייסן גאָר אין אָנהויב די גראַנדיעזע עפּאָפּייע פון דער בורזשואַזער משפחה, וועלכע ער האָט שוין אַזוי געלונגען אָנגעהויבן. אָבער ווי גרויס איז געווען די פאַרוואונדערונג פון דעם יונגן שריפטשטעלער, ווען שאַרפּאַנטיע האָט אים איבערגעריסן תיכף פון די ערשטע ווערטער און האָט אים געזאָגט: „מיין טייערער, איך וויל אייך ניט באַרויבן. איך וויל פון אייערע ווערק ניט באַקומען מער רווחים, איידער איך באַקום געוויינלעך. איך האָב געהייסן צוריק אויפשטעלן אייער אויטאָר־רעכט און אויסרעכענען אייך צו 40 סאַנטים פאַר יעדן פאַרקויפטן באַנד. לויט דער רעכענונג איז לא די וואָס איר זייט מיר ניט שולדיק, נאָר פאַרקערט, איך בין אייך שולדיק איבער 10 טויזנט פראַנק אָט איז אייער קאָנטראַקט, איך צערייס אים. גייט אין קאַסע, וועט איר דאָרט באַקומען, וואָס אייך געהערט". זאָלאַ איז געראַטעוועט געווען צו דער רעכטער צייט. פון דעם מאָמענט אָן האָבן זיינע ראָמאַנען אָנגעהויבן ערשיינען איינער נאָכן אַנדערן מיט גענויער פּינקטלעכקייט, און שאַרפּאַנטיע, דער דאָזיקער פריינט פון די שריפטשטעלער, האָט ענדגילטיק באַקומען דאָס רעכט אויף דאַנקבאַרקייט מצד די קומענדיקע דורות. דער ערשטער ראמאַן פון דער סעריע *די קאַריערע פון די רוגאַנס* איז ערשינען אין 1871, דער לעצטער *דאָקטאָר פּאַסקוויל* אין 1893 – יאָר. פאַר 22 יאָר האָט זאָלאַ אַרויסגעלאָזן צוואַנציק ראָמאַנען, וועלכע זיינען אין אַ מאַסע איבערזעצונגען אַרומגעגאַנגען איבער גאַנץ אייראָפּע און זענען שוין לאַנג געוואָרן אַ קנין פון דעם גאַנצן עולם לעזער. די פּאָפּולערסטע פון זיי זיינען, למשל *נאַנאַ*, *אַ טרוים*, *אַ מענטש אַ חיה*, *געלט*, *חורבן* – גייען זיך פונאַנדער אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן. אין די 90־קער יאָרן האָט זאָלאַ באַטראַכט און אָנגעשריבן אַ נייע סעריע ראָמאַנען, וועלכע זענען פאַראייניקט אין איין געדאַנק: *לורד*, *רוים*, און *פּאַריז*. די לעצטע יאָרן פון זאָלאַס לעבן זענען געווען יאָרן פון סאַמע ענערגישן קאַמף פאַר דאָס רעכט פון דעם געשענדעטן און באַעוולטן מענטשן. דרייפוסעס פּראָצעס האָט

פיל געמיינזאַמעס מיט דעם פּראָצעס פון קאַלאַס. ביידע זיינען ווייט אַרויס פון די גרענעצן פון דער אומגערעכטיקייט, וואָס איז געטאָן געוואָרן בנוגע אַ פּריוואַטער פּערזאָן. ביידע פּראָצעסן זיינען אַ שרייענדיקער אויסווייז פון טיף־איינגעוואָרצלטן אַלגעמיין־מלוכהשען בייז. אין ביידע צופאַלן האָט דער שריפטשטעלער מיטן אייראָפּייאישן נאָמען זיך באַנוצט מיט דעם פּרי־וואטן ענין, כדי צו מעלדן קריג דער געזעלשאַפט און אויפצודעקן די גאַנצע טיפקייט פון דעם תהום, צו וועלכער זי שטרעבט. זינט זאָלאַ איז אַרויסגע־טראָטן מיט זיין באַוואוסטן „איך באַשולדיק", וואָס האָט אויפגעטרייסלט גאַנץ פראַנקרייך, האָט ער שוין מער קיין רו ניט געהאַט, ביז ער האָט דערפירט צום גלענצנדסטן סוף די קריג, וואָס ער האָט געמאָלדן דער פּראָג־צוויזישער אַרמיי, דעם פּראַנצויזישן געריכט, די מיניסטאָרן, די גענעראַלן, די עפּיסקאָפּן און די יעזואיטן. זיין קאָלאָסאַלע ענערגיע און אַרבייטס פייאיקייט האָבן זיך אין דעם דאָזיקן קאַמף אַרויסגעוויזן אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב איידער אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט. קיינמאָל ניט אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטיק, האָט ער פּלוצלינג אין דער דאָזיקער נייער פּאַר אים ספּערע אַרויסגעוויזן אַ גלענצנדן טאַלענט. פּאַר אַ קורצער צייט גייט ער דורך אַלע שטופן, וועלכע זיינען נויטיק פּאַר אַ פּאָליטישן קעמפער. ער באַ־הערשט אַלע ספּרענזשינעס, וועלכע באַוועגן דאָס מלוכה לעבן, ער ווערט אַ מיניסטער אָן אַ פּאָרטפעל, אַ דיפּלאָמאַט אָן באַפאָלמעכטיקונגס דאָקומענטן, אַ דעפּוטאַט אָן אַ מאַנדאַט. דאָס גאַנצע אַלטע פּראַנקרייך איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם קעמפער פּאַר יושר. ער איז ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער דיפּלאָמאַט, אָבער ער האָט געגעבן אַ שרעקלעכע לעקציע דער דיפּלאָמאַ־טישער וועלט, אָנווייזנדיק אויף דער געפערלעכער פּאָזיציע, אויף וועלכער פּראַנקרייך שטעלט זיך בנוגע צו דייטשלאַנד צוליב דרייפוסעס פּראָצעס. דייטשלאַנד האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו שענדן ווען זי וויל נאָר איר שכנה, מחמת אין דייטשלאַנדס הענט זענען געבליבן די דאָקומענטן, וועלכע קאָנען דערווייזן, ווער איז דער אמתער פּאַררעטער. אַנטקעגן דער דאָזיקער רעכטיקער און קלאָרער שטעלונג זיינען די ערפּאַרענע פּאָליטיקער געבליבן צעמישטע, און דער דעביוטאַנט, זאָלאַ, איז אַרויס אַ זיגער פון דעם מערק־ווירדיקן דועל מיט די דיפּלאָמאַטן, וועלכע האָבן מורא געהאַט פּאַר אינטער־נאַציאָנאַלע קאָמפּליקאַציעס. זאָלאַ איז ניט געווען קיין דעפּוטאַט, אָבער ווען די אומשטענדן האָבן געפאָדערט, איז אים פּאַר אַ קורצער צייט געלונגען צו שאַפן אַ מוראדיקע פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט, און ער איז געוואָרן איר אומ־

געזעענער אָנפירער ניט ערגער, איידער אַן אָפיציעלער דעפוטאַט, וועלכער
איז באַפולמעכטיקט דורך פּאַרטייאישע קלובן און קאָמיטעטן, די רעדנער
פון דער אָפּאָזיציע האָבן זיך סומך געווען אויף זיינע אַרטיקלען. אירע אָפי־
ציעלע מנהיגים האָבן אָן זיין איינשטימונג קיין טריט ניט געמאַכט. אין זיין
פּרעכטיקן פּאַלאַץ אויף rue de Bruxelles, וועלכער האָט דערמאָנט אַ פיינעם
קונסט־מוזיי, איז געטאָן געוואָרן אַ פיבערהאַפטע אַרבעט. אַהער פלעגן קומען
צו פאָרן איינפלוסרייכע דעפוטאַטן, זשורנאַליסטן, מיניסטאָרן, און אַז. וו.
דאָ זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פּלענער פון קאַמף, פּאַרטיילט געוואָרן די
ראָלעס, געשריבן געוואָרן באַפעלן; באַגייסטערט דורך דעם אומערמידלעכן
אָנפירער, זיינען זיך פונדאַנען פונאַנדערגעגאַנגען אויף זייערע פּאָסטנס די
ערלעכע קעמפער, וועלכע האָבן זיך באַהעפט אין אַ ליכטיקער אַרמיי פון פּראָ־
גרעס, וועלכע האָבן אויף זייער רוקן אַריבערגעטראָגן די מאָראַלישע באַניי־
אונג פון פראנקרייך. פאראן צוויי מינים פּאָליטישע טוער. איינע לייגן אכט
אויף די אינטערעסן פון דעם מאָמענט; זיי זיינען פּראקטיקער, זיי קאָנען
מער אָדער ווייניקער בשלום אויסמיידן שטיינער און גריבער, וואָס באגע־
גענען זיך אין וועג; פאר זיי איז וויכטיק אָפצוהאלטן אַ געזעלשאפט־
לעכן נצחון. עס זענען אָבער פאראן אנדערע פּאָליטיקער, וועלכע זענען
דורכגעדרונגען מיט א ברייטער פילאָזאָפיש־געשיכטלעכער און געזעלשאפטלעך
פּאָליטישער וועלטאָנשויונג. אין סאמע ברען פון קאמף, צווישן די צילן פון
מאָמענט און צייטווייליקע קאָמפּראָמיסן פארגעסן זיי דאָך ניט די הייליקע
אידעאלן פון הומאנישקייט און יושר. און די דאָזיקע אידעאלן לייכטן שטענ־
דיק פאר זיי, ווי א זון, ווי דער ענדע־ציל פון זייער וועג. טשעמבערלענס
זענען פייאיק צו דערפירן בשלום ביז א סוף רוויבערישע מלחמות אָדער
דורכצופירן גוטע טאריפן, אָבער נאָר גלאדסטאָנעס זענען אויף יעדן טריט
זייערן באגייסטערט מיט א ברייטער אידייע, און לאָזן איבער ירושה ניט
געריטע אידעאלן פון הומאנישער מלוכה־חכמה. זאָלא האָט זיך שפעט
אריינגעלאָזן אין פּאָליטישן קאמף, עס איז אָבער לייכט צו זען, איבער
וועלכן פון די דאָזיקע צוויי וועגן האָט ער בדעה געהאט צו גיין. און אויב
פון די טויזנטער בויגנס פּאפּיר, וואָס ער האָט אויסגעשריבן, וואָלט פאר־
בליבן נאָר דער צייטונגס־בויגן מיט זיין בארימטן „איך באשולדיק”. וואָלט
שוין דער דאָקומענט אליין פארזיכערט דאָס רעכט צו אָנערקענען פּראַקט־
קרייכס איידלקייט פון גייסט.

לא די וואָס דרייפוסעס פּראָצעס און דער שוואכער קאמף, וואָס זאָל

האָט געפירט האָבן ניט אָפּגעשוואכט זיין קינסטלערישע טעטיקייט, נאָר פאר־קערט, זיי האָבן אין אים אריינגעגאָסן נייע קרעפטן. פון א שטראָפער איז ער געוואָרן א ליידנשאפטלעכער זוכער פונם אמת, אלס דענקער און קינסט־לער איז אים געלונגען דעם פריוואטן ענין צו פארוואנדלען אין א גראנד־יעזע מאָראלישע און פילאָזאָפישע אויפגאבע. ער הויבט אָן די נייע סעריע „פיר עוואנגעליומס", פיר ראָמאנען (פ ר ו כ ט ב א ר ק י י ט, א ר ב ע ט, א מ ת און י ו ש ר).

אַלע געדענקען נאָך דעם אומגעלומפּערטן טויט פון זאָלאַ, וועלכער איז געשטאָרבן פון טשאַד, מחמת דער קוימען איז קאַליע געוואָרן. זיין לויה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציע. אַ פילטויזנדיקער המון, וואָס האָט נאָך ניט לאַנג צוריק געשריען „conspuez Zola" איז לאַנגזאַם גע־געגאַנגען נאָכן ארון פון דעם באַרימטן שריפטשטעלער. די פאַרפאָלגונגען מצד דער פאַלנדיקער רעגירונג האָבן נאָך קורץ פאַרן טויט געצוואונגען אים אַנטלויפן פון פאָטערלאַנד און באַהאַלטן זיך. איצט האָט דער מיניסטאָרן, ראַט פון דער פראַנצויזישער רעגירונג באַפאָלמעכטיקט דעם בילדונגס־מיניסטער שאָמיע פאָרצושטעלן די פראַנצויזישע רעגירונג אויף דער ראָמאַניסטס לויה. אין די טעלעגראַמעס, וואָס זיינען אָנגעקומען פון אַלע עקן וועלט האָט מען אונטערגעשטראָכן ניט נאָר זאָלאַס ליטעראַרישע פאַרדינסטן, נאָר אויך זיין בירגערלעכע גבורה. „אייער טרויער, — האָט אַנאַטאָל פראַנס געשריבן צו זאָלאַס אלמנה, — איז דער טרויער פון גאָר דער וועלט. די מענטשהייט האָט פאַר־לאָרן איינעם פון די גרעסטע מוחות, איינס פון די גרעסטע הערצער. זאָלאַ לאָזט ירושה גרויסע שאַפונגען און אַ איידעלן ביישפּיל."

## II

דער נאַטוראַליזם. — די טעאָריע פונם עקספּערימענטאַלן ראָמאַן און דער בונד צווישן דער דאָזיקער טעאָריע מיט דער „איינלייטונג אין דער עקספּערימענטאַלער מעדיצין" פון קלאָד בערנאַר. — די באַציונג פונם נאַטוראַליזם צו דער שילדערונג פון די ערשיינונגען, צום דעטערמיניזם, צו דער מאָראַל, צום אידעאַליזם, צו דעם שריפטשטעלערס פּערזענלעכקייט, צו דער פאָרמע. — די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און די העלדן אין זאָלאַס ראָמאַנען. — די אַריסטאָקראַטיע. — נאַנאַ. — באַנקירן און קאַפּיטאַליסטן. — „געלט". — די מיטעלע און די קליינע בורזשואַזיע. — „אַ זינדיקער טאָפּ". — דער פּראָלעטאַריאַט. — „L'Assomoir". — אַנדערע זאָלאַס ראָמאַנען און טיפּן.

יעדע ליטעראַרישע ריכטונג קאָן גערעכנט ווערן פאַר אַן איינגעשטעלטע גאָר דעמאָלט, ווען זי האָט באַשאַפן איר טעאָרעטיקער. נאָר בואַלאָס פּאָעטיק האָט פאַראייניקט די קלאַסישע פּאָעטן. ערשט נאָך הוגאָס הקדמה צו קראָמוועל האָט מען געקאָנט ריידן וועגן אַ ראָמאַנטישער שול. זאָלאַ איז געווען ניט בלויז דער קינסטלער, נאָר אויך דער טעאָרעטיקער פון דער נאַטוראַליסטישער שול. און מען קאָן אַפילו זאָגן, אַז אַלס טעאָרעטיקער איז זאָלאַ געווען קאָנסעקווענטער איידער אַלס ראָמאַניסט. ער האָט די פּרינציפּן פון ראָמאַנטיזם דערפירט ביז עקסטרעמקייט, נאָר אַליין האָט ער זיי ניט אַלע מאָל געפאָלגט אין זיינע ראָמאַנען. איבעריגנס, זאָלאַ איז ניט גלייך געוואָרן אַ נאַטוראַליסט. אין 1865 יאָר האָט ער אָפּגעדרוקט אַ ריי אַרטיקלען אין דער ליאָנער צייטונג „Le Salut public", אין וועלכע ער איז אַרויסגעטראָטן אַלס פאָרטזעצער פון דער עסטעטישער טראַדיציע פונם ראָמאַנטיזם. „מיין קונסט, — זאָגט ער אין איינעם פון די אַרטיקלען, — איז די פאַרלייקענונג פון דער געזעלשאַפט, די אָנערקענונג פונם אינדיווידואום, אויסער אַלע כּללים און אַלע געזעלשאַפטלעכע נויטווענדיקייטן." „איך, — זאָגט ער אין אַן אַנדער אַרטיקל, — האָב ליב צו באַטראַכטן יעדן שריפטשטעלער אַלס אַ שעפער, וועלכער פּרובט ווי גאָט צו באַשאַפן אַ נייע ערד." אין יענע צייטן איז אין באַלזאַקס ווערק זאָלאַ אַנטציקט געווען פון דעם אַלגעמיינעם איינדרוק „פונם מענטשלעכן אמת". און אין 15 יאָר אַרום אין זיין עטיוד „ראָמאַניסטן נאַטוראַליסטן" האָט ער אים אָנגעהויבן שעצן „דעם שעפער פון ער פּינקטלעכער אויספאָרשונג פונם אמת", דעם זאַמלער פון דאָקומענטן. אַלס טעאָרעטיקער פונם ראָמאַנטיזם טרעט זאָלאַ אַרויס אין די 70־קער יאָרן די שפּעטער צונויפגעזאַמלטע אין אַ באַזונדער בוך ראָמאַניסטן נאַטו־

ראַליסטן און עקספּערימענטאַלער ראָמאַן געבן דעם הויפּט־מאַטעריאַל, לויט וועלכן מען קאָן זיך קלאָר מאַכן, אין וואָס עס באַשטייט זיין טעאָריע.

די טעאָריע פונם עקספּערימענטאַלן ראָמאַן איז דער בעסטער באַווייז פון דעם מעכטיקן איינפלוס, וואָס די אַנטוויקלונג פון דער נאַטורוויסנשאַפט האָט געהאַט אויף דער ליטעראַטור. זאָלאַ אַליין דערמאָנט דאַרווינס נאָמען ווען ער רעדט וועגן דער ראָלע, וואָס די ירושה־קראַפט שפּילט אין די געדאַנקען און אין ליידנשאַפטן ביים מענטשן. אָבער אַ באַזונדער שטאַרקע השפּעה האָט אויף אים געהאַט קלאָד בערנאַר, וואָס זיין מעטאָד האָט זאָלאַ אינגאַנצן אַריבערגעטראָגן אין דער ליטעראַטור. „קלאָד בערנאַר ווייזט אויף, — זאָגט זאָלאַ, — אַז דער עקספּערימענטאַלער מעטאָד, וועלכער ווערט אָנגעווענדט ביים פאָרשן ניט־אָרגאַנישע קערפּערס אין דער כעמיע און דער פיזיק, דאַרף אויך אָנגעווענדט ווערן ביי אָרגאַנישע קערפּערס און פיזיאָלאָגיע און מעדיצין. איך, פון מיין זייט, וועל מיך סטאַרן צו דערווייזן, אַז אויב דער עקספּערימענטאַלער מעטאָד ברענגט צו ערקענען דאָס פיזישע לעבן, דאַרף ער אויך ברענגען צו ערקענען דאָס לעבן פון די ליידנשאַפטן און פון אינטעלעקט". אין וואָס זשע באַשטייט דער עקספּערימענטאַלער מעטאָד? אין דער איינלייטונג צו דער עקספּערימענטאַלער מעדיצין פירט קלאָד בערנאַר דורך אַ פּאַראַלעל צווישן דעם באַאָבאַכטער און צווישן דעם עקספּערימענטאַטאָר. דער ערשטער נעמט אויף די ערשיינונגען פון דער נאַטור ביים אויספאָרשן אַלס אַזעלכע ווי זיי זיינען. דער צווייטער פאַרשיידנאַרטיקט, אָדער ער ענדערט די ערשיינונג און שטעלט זיי אין אַזעלכע באַדינגונגען, אין וועלכע די נאַטור האָט זיי ניט געשטעלט. אַסטראָנאָמיע — איז אַ וויסנשאַפט אַ באַאָבאַכטנדיקע, מחמת מען קאָן די שטערן ניט שטעלן אין געקינצלטע באַדינגונגען. די כעמיע — איז אַן עקספּערימענטאַלע וויסנשאַפט, מחמת דער כעמיקער ווירקט אויף דער נאַטור און ענדערט זי. אַריבערטראָגנדיק דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט אויף דעם געביט פון קינסטלערישן שאַפן, זאָגט זאָלאַ, אַז דער ראָמאַניסט באַשטייט פון אַ באַאָבאַכטער און אַן עקספּערימענטאַטאָר. לכתחילה שטעלט דער באַאָבאַכטער פאָר די ערשיינונגען אין דעם אויסזען ווי ער האָט זיי באַאָבאַכטעט, נאָכדעם קומט דער עקספּערימענטאַטאָר, מאַכט אַ פּרוב, ד. ה. ער צווינגט די ווירקנדיקע פּערזאָנען צו באַגיין זיך אַזוי, ווי עס פאָדערט דער דעטערמיניזם פון די נאַטירלעכע ערשיינונגען, וועלכע ווערן אויסגעפאָרשט. „איך נעם, — זאָגט זאָלאַ, — אַלס ביישפּיל די פּערזאָן פונם באַ־

ראַן Hulot אין באַלזאַקס La consine Bette. דער אַלגעמיינער פּאַקט, וואָס באַלזאַק האָט באַמערקט — דאָס איז דער חורבן, וואָס דעם מענטשנס ליידנ־שאַפטלעכער טעמפּעראַמענט מאַכט אין זיך אַליין, אין זיין משפחה, אין דער געזעלשאַפט, ווי נאָר ער האָט אויסגעפונען זיין אָביעקט, איז ער אַרויס פון די באַאָבאַכטעטע פאַקטן, נאָכדעם האָט ער געמאַכט אַ פּרוב, מאַכנדיק אי־בער Hulot אַ ריי עקספּערימענטן, צווינגענדיק אים דורכצוגיין דורך אַ געוויסע סביבה, כדי אַזוי אַרום צו באַווייזן, ווי עס ווירקט דער מעכאַניזם פון זיין ליידנשאַפט... La consine Bette — דאָס איז איינפאַך אַ פּראָטאָקאָל פון עקס־פּערימענט, וועלכן דער ראָמאַניסט חזרט איבער פאַר דעם פובליקום אין די אויגן. אין אַלגעמיין באשטייט די גאַנצע אָפּעראַציע אין דעם, מען זאָל נע־מען פאַקטן, ווירקן אויף זיי דורך דער ענדערונג פון די אומשטענדן און דער סביבה, נאָר קיינמאָל זיך ניט דערווייטערן פון די געזעצן פון דער נאַ־טור. לויט דער גערעכטער באַמערקונג פון איינעם אַ רוסישן קריטיקער אַר־סעניעוו, איז געגוג מען זאָל זיך ווענדן צו קלאָד בערנאַר גופא, כדי אומצע־וואַרפן דעם דאָזיקן גאַנצן לופט־שלאָס. און ווירקלעך, דער כעמיקער און דער מעדיקער קאָנען קינסטלעך אוועקשטעלן די אויסגעפּאָרשטע קערפּערס אין וועלכע זיי ווילן באַדינגונגען, ווי זשע אָבער זאָל דער קינסטלער שאַפן די נויטיקע באַדינגונגען, כדי ער זאָל קענען מאַכן דעם עקספּערימענט אי־בער דעם מענטשנס פּסיכאָלאָגיע און איבער זיינע ליידנשאַפטן? באַלזאַק האָט געקאָנט דעם באַראָן Hulot אַרומרינגלען מיט וועלכע איר ווילט באַדינגונגען אין דער פאַנטאַזיע, ער קאָן אונז אָבער בשום אופן ניט איבערצייגן, אַז ביי אַנאַלאָ־גישע באַדינגונגען אין לעבן וואָלט דער ליידנשאַפטס־מעכאַניזם ביי Hulot געווירקט דווקא אַזוי ווי אין ראָמאַן, דעריבער איז אַנאַלאָגיע צווישן דער כעמיע און דעם ראָמאַן אַ ווילקירלעכע. דער ראָמאַניסט קאָן זיין נאָר אַ באַ־אָבאַכטער און ניט קיין עקספּערימענטאַטאָר. מאַכן אַן אמתן עקספּערימענט אויף Hulot — וואָלט געהייסן באמת אַוועקשטעלן אים באוואוסטע באַדינגונ־גען און דעמאָלט, לויט די רעזולטאַטן, אורטיילן, צי וועלן באשטעטיקט ווערן דעם באאָבאַכטערס השערות. זאָלא האָט ניט קיין ריכטיקע פאָרשטע־לונג וועגן אמתן וויסנשאַפטלעכן עקספּערימענט, אַז ניט וואָלט ער פאַרשטאַ־נען, אַז דער ראָמאַניסט און דער פּאָעט קאָנען מאַכן עקספּערימענטן נאָר איבער זיך אַליין, אָבער ניט איבער אַנדערע מענטשן.

פון דעם דאָזיקן זאָלאַס גרונטגעדאַנק קומען שוין אַרויס זיינע אַלע איבעריקע הנחות. ערשטנס האָט זאָלאַ פאַר נויטיק אָפּצולייקענען דעם פאָר־

וואורף, אַז ער פֿאַרוואַנדלט כּלומרשט דעם שריפֿטשטעלער אין אַ פֿאָטאָגראַף. דער ראָמאַניסט באַגרענעצט זיך לחלוטין ניט מיט אָנזאַמלען פֿאַקטן און מיט פּינקטלעכע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון ערשיינונגען. כּדי צו באַווייזן דעם מעכאַניזם פֿון די פֿאַקטן, קומט אויס צו שאַפֿן און צו ריכטן ערשיינונגען. אין דעם ווייזט זיך אויס דעם ראָמאַניסטס ערפֿינדערישקייט. אַזוי אַרום דערנידעריקט דער ראָמאַן ניט דעם שריפֿטשטעלער, נאָר פֿאַרקערט, ער פֿאַרברייטערט די ספֿערע פֿון זיין טעטיקייט. ער מוז זען, פֿאַרשטיין און ערפֿינדן, ער מוז זיך סטאַרען ענדערן די נאַטור, אָבער דערביי ניט אַרויסגייענדיק מחוץ פֿון אירע ראַמען. ער גייט אַרויס פֿון ספֿק, כּדי צו קומען צום אַבסאָלוטן ערקענען. דער צווייטער פֿאָרוואורף, וואָס מען האָט געמאַכט דעם נאַטוראַליזם — דאָס איז די באַשולדיקונג אין מאַטעריאַליזם. זאָלאַ מאַכט קלאָר זיין באַציונג אויך צו דער דאָזיקער פֿראַגע, און דאָ דערגענטערט ער זיך אפֿשר מער ווי אומעטום צו דאַרווינען. די וויסנשאַפֿט האָט לויט זיין מיינונג דערוויזן, אַז די עקסיסטענץ־באַדינגונגען פֿון יעדער ערשיינונג זיינען די זעלבע ביי אָרגאַנישע און אומאָרגאַנישע קערפּער. ניט קיין געהיימע און איבערנאַטירלעכע השפּעות אויפֿן לעבן. „ווען מען וועט דערווייזן, — זאָגט זאָלאַ, — אַז דעם מענטשנס קערפּער איז אַ מאַשין, וואָס אירע רעדער קאָן מען לויט דעם פֿאַרלאַנג פֿונם מענטשן, וואָס האָט געמאַכט דעם עקספּערימענט, פֿאַנאַנדערנעמען און ווידער צונויפֿשטעלן, דעמאָלט וועט נויטיק זיין אריבערצוגיין צו דעם מענטשנס מעשׂים אין געביט פֿון געפֿילן, ליידנשאַפֿטן און אינטעלעקט. דעמאָלט וועלן מיר אַריין אין דעם געביט, וואָס האָט ביז איצט געהערט צו דער פֿילאָזאָפֿיע און צו דער ליטעראַטור. דאָס וועט זיין די ענדגילטיקע עראָבערונג מצד דער וויסנשאַפֿט איבער די היפּאָטעזעס פֿון די פֿילאָזאָפֿן און די שריפֿטשטעלער... דער זעלבער דעטערמיניזם הערשט איבערן שטיק שטיין און איבער דעם מענטשנס מאַרך". אַנדערש גערעדט, די וויסנשאַפֿט האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז דאָס אַזוי גערופֿענע גייסטיקע לעבן איז ניט וואָס אַנדערש, ווי אַן עלעמענט פֿונם אַלגעמיינעם מעכאַניזם, אַ מאַטעריע. בכן, דאַרפֿן די מעטאָדן פֿון פֿאָרשן גייסטיק לעבן זיין די זעלבע ווי פֿון פֿאָרשן די מאַטעריעלע נאַטור, און דער עקספּערימענטאַלער מעטאָד דאַרף זיין אַן אַלגעמיינער סיי פֿאַר דער כעמיע, סיי פֿאַרן ראָמאַן. מיט זיינע באַאָבאַכטונגען און עקספּערימענטן זעצט דער ראָמאַניסט פֿאָר די אַרבעט פֿון דעם פֿיזיאָלאָג, וועלכער איז פֿון זיין זייט דער פֿאָרזעצער פֿון דעם פֿיזיקער און דעם כעמיקער. די וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג, די עקספּערימענטאַלע אורטיילן זיינען ביסלעכווייז מנצח די היפּאָ־

טעזעס פון די אידעאַליסטן, און דער ראָמאַן פון רייִנער פאַנטאַזיע ווערט פאַרביטן מיט דעם ראָמאַן, וואָס איז געגרינדעט אויף באַאָבאַכטונג און ערפאַרונג. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען שטעלט זיך דער ראָמאַניסט אויך די צילן, וועלכע עס שטעלט זיך דאָס פינקטלעכע וויסן; די גרענעצן פון דער וויסנשאַפט זיינען אויך פאַר אים גרענעצן. ער זאָגט זיך אָפ פון דער פראַגע *פאַרוואָס*, און סטאַרעט זיך ענטפערן נאָר אויף דער פראַגע *ווי*, ד. ה. ער זוכט נאָר די נאָענטסטע סיבה פון די זאַכן און ער אינטערעסירט זיך נאָר מיט דער פראַגע וועגן די עקסיסטענץ־באַדינגונגען פון די ערשיינונגען.

די דריטע פראַגע, וועלכע אַנטשטייט ביי אַזאַ מין פאַרשטיין די קינסטלערישע שאַפונג, דאָס איז די פראַגע וועגן איר באַציאונג צו מאָראַל, וועגן דער אָנווענדונג פונם עקספערימענטאַלן מעטאָד. באמת, אויב דער ראָמאַניסט איז נאָר אַ כעמיקער און אַן אַנאַטאָם, עקסיסטירן דאָך פאַר אים נאָר ערשיינונגען און די שייכות צווישן זיי, איז פאַר אים ניטאָ קיין מאָראַליש און אוממאָראַליש, קאָן מען פון זיינע ראָמאַנען קיין אָנווענדונג ניט מאַכן. זאָלאַ איז קעגן דער דאָזיקער באַשולדיקונג. צי דען פאַרשטיין און ערקלערן אַן ערשיינונג הייסט ניט אָפעפענען אַ רחבות פאַר פראַקטישע אויספירן און אָנווענדונגען? יעדע עקספערימענטאַלע אויפגאַבע האָט דעם ציל פאָראויסציען די ערשיינונגען און געבן זיי אַ ריכטונג. דער עקספערימענטאַלער ראָמאַן איז אין דער הינזיכט ניט קיין אויסנאַם. דער רופא שטרעבט צו ערקענען די געזעצן, וואָס הערשן איבערן אָרגאַניזם, כדי אויף וויפיל מעגלעך צו רעגולירן זייערע פעולות. „מיר שטרעבן, — זאָגט זאָלאַ, — צו באַהערשן די ערשיינונגען פון די גייסטיקע און פערזענלעכע אייגנשאַפטן פון דעם מענטשן, כדי צו פאַרריכטן זיי. מיט איין וואָרט, מיר מאָראַליסטן עקספערימענטאַטאָרן באַווייזן דורך עקספערימענט, אויף וואָס פאַר אַן אופן די ליידנשאַפט האָט זיך אויסגעוויזן אין דער געזעלשאַפטלעכער סביבה. ווען מיר ווילן קענען דעם מעכאַניזם פון דער געגעבענער ליידנשאַפט, וועט מען זיך דורך אים קענען אין איר פאַנאַנדערקלייבן און באַגרעניצן זי, לפחות, מאַכן זי מעגליכסט אומשעדליך. אָט אין וואָס עס באַשטייט דער נוצן און די גרויסע מאָראַלישע באַדייטונג פון אונזערע נאַטוראַליסטישע ווערק. מיר באַשאַפן די פראַקטישע סאָציאָלאָגיע און מיר העלפן מיט אונזער אַרבעט די פאָליטישע און די עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן. מיר איז ניט באַקאַנט קיין איידעלערע אַרבעט, ניט קיין ברייטערע אָנווענדונג פון קיין אַרבעט. באַהערשן דאָס גוטס און דאָס שלעכטס, אָרדענונג מאַכן אין לעבן און אין דער געזעלשאַפט, אַנטשיידן סוף כל סוף אַלע פראָבלעמעס

פונם סאָציאַליזם, געבן אַ פעסטן באָדן דעם יושר, לאָזנדיק מיט דער הילף פונם עקספּערימענט די פראַגן וועגן פאַרברעכערישקייט, — צי הייסט עס ניט זיין די נוצלעכסטע און די מאָראַלישסטע אַרבעטער אויפן פעלד פון דער מענטשלעכער אַרבעט?״ דער ראָמאַניסט עקספּערימענטאַטאָר איז כּלל ניט קיין פאַטאַליסט, ווי מען ווארפט אים פאָר. ער פאַרוואַנדלט כּלל ניט דעם מענטשן אין אַ לעבעדיקע מאַשין, וועלכע ווירקט אונטערן איינפלוס פון ירושה און סביבה. ער דערנידעריקט כּלל ניט די מענטשהייט צו דער שטופע פון אַ טשערעדע, וועלכע גייט אונטער דער בייטש פונם גורל. דער פאַטאַליסט האַלט די ערשיינונג פאַר אַן אומפאַרמיידלעכע, אומאָפּהענגיקע פון די אַרומיקע באַדינגונגען. דער ראָמאַניסט עקספּערימענטאַטאָר סטאַרעט זיך באַשטימען די באַדינגונגען, וועלכע שפּילן בנוגע צו די ערשיינונגען די ראָלע פון אַ נאָענט־סטער סיבה. דער ראָמאַניסט עקספּערימענטאַטאָר מאַכט ניט קיין אויספּירן. דער עקספּערימענט מאַכט עס פאַר אים. ער חזרט הונדערט מאָל איבער זיינע עקספּערימענטן פאַר דער פּובליק, ער דאַרף ניט צאָרענען, ניט זאָגן גוט אַזוי; ער אַנטפּלעקט דעם מעכאַניזם פון די ערשיינונגען. די זאַך פון דער געזעלשאַפט איז שאַפן די ערשיינונגען אָדער ניט, ס'וועגדט זיך אָן דעם, צי זיינען זייערע רעזולטאַטן נוצלעך אָדער שעדלעך. עס וואָלט געווען משונה, ווען דער געלערטער וואָלט געצאָרנט אויפן אזאָט דערפאַר, וואָס אים זיינען ניט אייגנשאַפטלעך קיין לעבנס־ערשיינונגען. ער איז פּשוט מבער דעם אַזאָט, ווען ער שאַדט אים, און מער גאָרנישט. „מיט איין וואָרט, — זאָגט זאָלאַ, — מיר טוען צוזאַמען מיט אַלע געלערנטע די גרויסע אַרבעט — איינגעמען די נאַטור, פאַרברייטערן דעם מענטשנס מאַכט.״

די פּערטע פראַגע, אויף וועלכער זאָלאַ שטעלט זיך אָפּ — דאָס איז די באַציאונג מצד דעם ראָמאַניסט עקספּערימענטאַטאָר צו די שריפטשטעלער אי־דעאַליסטן און בכלל צום אידעאַל. דער עיקר סכסוך צווישן די ערשטע און די צווייטע באַשטייט אין דערין, וואָס די אידעאַליסטן גייען שטענדיק אַרויס פון עפּעס אַן איראַציאָנעלן מקור, ווי למשל אַנטפּלעקונג, טראַדיציע אָדער אָנגענומענעם אויטאָריטעט, זיי דערלאָזן געהיימע השפּעות, וועלכע גיבן זיך ניט פאַר אַנאַליז און פאַרבלייבן דעריבער אויסער די געזעצן פון דער נאַ־טור. בעצם איז דער עקספּערימענטאַטאָר דער זעלבער אידעאַליסט, אויב מען זאָל אונטער דעם דאָזיקן וואָרט פאַרשטיין אַ מענטשן, וועלכער זוכט אַ אי־דעאַל. מער ניט, ער וואַרפט די היפּאָטעזע אונטער אונטער דעם קאָנטראָל פון פּרוּוו, ער זעט ניט קיין איידעלן גייסט, ניט קיין ווירדע, ניט קיין שיינקייט, ניט

קיין מאָראַלישקייט אין אומוויסן, אין ליגן, אין באַהויפּטן. אַז וואָס ווייטער דער מענטש דערהויפּט זיך אין טעות און אין אומקלאָרקייט, איז ער אַליך העכער. דער ראָמאַניסט דאַרף אַזוי ווי דער געלערנטער פאַרלאָזן די פראַגע וועגן דעם מהות פון די זאַכן, איבערלאָזן עס פאַר די פילאָזאָפן, מחמת ער אַליין גלויבט ניט אין מעגלעכקייט זי צו לייזן.

לסוף די פינפטע פראַגע, וועלכע זאָלאַ האָט אויפגעהויבן, דאָס איז די פראַגע וועגן דעם שריפטשטעלערס פערזענלעכקייט און וועגן דער ליטע־ראַרישער פאָרמע. עס פאַרשטייט זיך ממילא, אַז ביי דער הערשאַפט פון עקספּערימענטאַלן מעטאָד טרעט דעם שריפטשטעלערס פּערזאָן אָפּ אָן אַ זייט. דער שריפטשטעלער דאַרף אין אַ גרויסער מאָס פאַרגעסן זיינע אייגענע גע־פילן און אידייעס און אַלנפאַלס מאַכן זיי אונטערטעניק דעם קאָנטראָל פונם אמת. דער שריפטשטעלער לייגט דורך אַ וועג פאַרן געלערנטן. די היפּאָטעז־זעס גרייטן צו אַ וויסנשאַפטלעכן וועג. דער מענטש האָט זיך באַשלאָסן צו געבן אייניקע ערקלערונגען צו די ערשיינונגען פון דער נאַטור. די פּאָעטן האָבן גערעדט וועגן זייערע געפילן, און די געלערנטע האָבן אָנגעהויבן קאָנ־טראָלירן די היפּאָטעזעס און זאָגן דעם אמת, די דאָזיקע ראָלע פון פּיאָנערן, האַלט קלאָד בערנאַר, שפּילן די פילאָזאָפן. לויט זאָלאַס מיינונג דאַרפן זי איצט אויף זיך נעמען די שריפטשטעלער. אָבער דער שריפטשטעלער קאָן ניט שטעלן זיינע היפּאָטעזעס העכער פאַר דער וויסנשאַפט. ווי נאָר עס איז פעסטגעשטעלט אַ וויסנשאַפטלעכער אמת, מוז דער שריפטשטעלער פאַרלאָזן זיין היפּאָטעזע און אונטערגעבן זיך דעם דאָזיקן אמת. וואָס וואָלטן מיר, פרעגט זאָלאַ, געזאָגט וועגן דעם פּאָעט, וואָס וואָלט נאָך געהאַלטן פון דער אַלטער פאָרשטעלונג וועגן דעם, אַז די זון דרייט זיך אַרום דער ערד, נאָך דעם, וויסנשאַפט האָט אַנטדעקט, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון? ס'קיין ספק ניט, אַז די זאָרג וועגן דער פאָרמע וועגן דער שפּראַך דאַרף אָפּטרעטן אויפן פלאַץ. זאָלאַ געפינט, אַז מען איז מגזם די באַדייטונג פון דער פאָרמע. לויט זיין מיינונג איז די שפּראַך נאָר לאָגיק, אַ נאַטירלע־כער וויסנשאַפטלעכער בנין. שרייבן בעסער וועט ניט דער וואָס וועט זיך מער, פאַר אַנדערע פאַרפלאָנטערן אין היפּאָטעזעס, נאָר דער, וואָס וועט גיין דירעקט זוכן דעם אמת. מיר זיינען איצט קאַליע געוואָרן פון ליריזם און אומזיסט מיינען מיר, אַז הויכער סטיל שטאַמט פון עפּעס אַ דערהויבער צעמישונג, וועלכע איז אַלע מאָל גרייט אַריינצופאַלן אין משוגעת, — אַ גוטער סטיל באַשטייט פון לאָגיק און פון קלאָרקייט.

אַזעלכע זיינען די גרונטפּרינציפּן פונם נאַטוראַליזם. נאַטוראַליזם איז

ניט אַנדערש, ווי די אָנווענדונג פון עקספּערימענטאַלן מעטאָד, פון באַאָבאַכטונג און עקספּערימענט אין דער ליטעראַטור.

בעצם האָט זאָלאַ איינגעשלאָסן אין אַ האַרמאָנישער טעאָריע דאָס, וואָס איז שוין פריער אַרייגעדרונגען געווען אין דער ליטעראַטור. ער האָט דערפירט ביז די עקסטרעמע לאָגישע אויספירן די מעטאָדן, מיט וועלכע פאַר אים האָבן זיך שוין באַנוצט דיקענס, באַלזאַק און אַנדערע רעאַליסטן. די חסרונות פון דעם נאַטוראַליסטישן מעטאָד זיינען צופיל באַשיינפערלעך. די פאָלקאָמענע אידענטירונג פון קינסטלערישן שאַפן מיט דער וויסנשאַפט, דאָס פאָלקאָמענע פאַרטרייבן די פאַנטאַזיע, דאָס איגנאָרירן די פערזענלעכקייט פון שריפטשטעלער אָדער אין בעסטן פאַל דאָס דערנידעריקן דעם קינסטלער ביז דער מדרגה פון אַן אָביעקטיוון קלאַסיפיקאַטאָר פון פאַקטן, — דאָס אַלץ איז געווען די סיבה פון דער רעקאַציע, וועלכע האָט געבראַכט דעם קריזיס פונם נאַטוראַליזם און די שנעלע ערפאָלגן פון דעם סימבאָליזם און פון אינדיווידואַליזם אינמיטן די 80־קער יאָרן. די ראָמאַנטישע רוחות זיינען ווידער אַרויס פון די קברים און אָנשטאָט דער אָביעקטיווער וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג, האָבן די פּאָעטן ווידעראַמאָל פאַרלאַנגט אַ בליק צו טאָן אויף דער וועלט דורך דער פּריזמע פון זייער פאַנטאַזיע און האָבן זי דאָס מאָל באַשיינט מיט אַזאַ פייערישן ליכט, וואָס וואָלט אפשר אויף נאַוואַליסן זעלבסט געוואָרפן אַן אימה. אָבער ווען מען זאָל אָפּוואַרפן די עקסטרעמיטעטן פונם נאַטוראַליזם, האָט ער דאָך וויכטיקע פאַרדינסטן. דער נאַטוראַליזם איז אין דער ליטעראַטור דער אויסדרוק פון די וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַלע טענדענצן פון דער צייט. ער האָט דעם שריפטשטעלער אָנגעוויזן נייע אויפגאַבן. דער קינסטלער ערשיינט אַלס דער שעפער פון פראַקטישער סאָציאָלאָגיע, ער דערקלערט די קעגנזייטיקע ווירקונג פון דער פערזענלעכקייט און פון דער סביבה, העלפט קלאָר צו מאַכן די געזעצן, וואָס פירן אָן די געזעלשאַפט. דערביי שטיצט ער זיך אויף דעם באָדן, וואָס די וויסנשאַפט האָט ערהאָבערט, ער בלייבט אַ נביא, אָבער אַ נביא, וואָס שטיצט זיך אין זיינע נביאות ניט אויף איבערנאַטירלעכע און מעטאַפיזישע השפעות, נאָר אויף די נאַטור אין דעם מענטשן.

די ר ו ג אַ ן ־ מ אַ ק אַ ר ס האָבן געזאָלט זיין דער טייל, וואָס זאָלאַ, אַלס שריפטשטעלער, האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אַריינצוטראָגן אין דעם אוצר פון קענשאַפט וועגן מענטשן און וועגן דער געזעלשאַפט. די אויפגאַבע, וואָס זאָלאַ האָט זיך געשטעלט האָט אַרויסגעשטאַמט אַלס נאַטירלעכער רעזולטאַט

פון זיין טעאָריע. ווענדיק קלאָר מאַכן די געזעצן, וואָס פירן אָן דעם מענטשנס געדאַנקען און ליידנשאַפטן, האָט זאָלאַ נאַטירלעך פריער פאַר אַלץ געמוזט אויספאָרשן די השפעה פון ירושהשאַפט. אָבער די געירשנטע שטריכן ווערן געענדערט דורך דער סביבה און דער געזעלשאַפט. דעריבער ווילט זאָלאַ אויס איין משפחה, און וויל אויספאָרשן פאַרשיידענע אינדיווידואומען, וועלכע שטאַמען פון איר. „די רוגאָן־מאַקאַרס" – זאָגט ער אין דער הקדמה צו דעם ערשטן ראָמאַן פון דער סעריע, – די גרופּע, די משפּחה, וועלכע איך האָב בדעה אויסצופאָרשן, כאַראַקטעריזירט זיך מיט דער צעלאָזנקייט פון די תאוות מיט דער אויסערסטער אויפגערעגטקייט פון אונזער עפּאָכע, וועלכער וואַרפט זיך אָן אויף תענוגים. פיזיאָלאָגיש שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ לאַנגזאַם פאַר אונזערע אויגן זיך פונאַנדערוויקלענדיק בילד פון די ענדערונגען אין דער נערוונסיס־טעם און אין דעם בלוט, וועלכע ווייזן זיך אויס אין דער משפחה מחמת דעם אוראָנפאַנגלעכן אָרגאַנישן מום, און וועלכע באַשטימען אָפּהענגיק פון דער סביבה ביי אַלע אינדיווידואומען פון דער געגעבענער משפחה די גע־פילן, שטרעבונגען, ליידנשאַפטן, יענע מענטשלעכע אויסווייזונגען, נאַטירלעכע און אינסטינקטיווע, וואָס זייערע רעזולטאַטן רופט מען אָן מיט די אָנגענו־מענע טערמינען גוטע און שלעכטע מידות. היסטאָריש שטאַמען זיי פון פאָלק, ווערן צעזייט איבער אַלע שיכטן פון דער הייַנטיקער געזעלשאַפט, דערגרייכן אין איר צו פאַרשיידענע מדרגות, צוליב דער עכטער הייַנטיקס־צייטיקער שטרע־בונג מצד די נידעריקע קלאַסן אויפצוהויבן זיך העכער אויף דעם סאָציאַלן לייטער, און מיט זייערע פּערזענלעכע דראַמעס אילוסטרירן זיי די צווייטע אימפּעריע, אָנהויבנדיק פון דער נעץ, וואָס איז אויסעגשפּרייט געוואָרן דורך דער מלוכה איבערקערעניש, און ענדיקנדיק מיט דער סעדאַנער בגידה. דורך יאָר האָב איך שוין געקליבן מאַטעריאַל פאַר דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט, און דער דאָזיקער באַנד איז שוין געווען אָנגעשריבן, ווען באָנאַפּאַרטס מפּלה, וועלכע איז מיר נויטיק געווען אַלס קינסטלער, און וועלכע האָט זיך מיר שטענדיק פאַטאַל פאָרגעשטעלט אַלס עפּילאָג פון דער דראַמע, כאָטש איך האָב ניט געוואַגט צו טרוימען, אַז זי וועט קומען אַזוי שנעל, האָט מיין אַרבעט געגעבן דעם אומפאַרמיידלעכן און שרעקלעכן סוף. דאָס דאָזיקע ווערק איז איצט פאַרענדיקט. דער קרייז פון זיין האַנדלונג–געשלאָסן. עס מאָלט אַ בילד פון דעם פאַרשטאָרבענעם מין קעניגן, פון דער אומגעלומפּערטער עפּאָכע פון משוגעת און שאַנד. די דאָזיקע אַרבעט, וועלכע נעמט אַרום עטלעכע עפּיזאָדן, ווערט געמאָלט אין מיין מוח אין דער געשטאַלט פון דער

נאַטירלעכער און סאָציאַלער געשיכטע פון איין משפחה פאַר דער צייט פון דער צווייטער אימפעריע. און דער ערשטער עפּיזאָד אירער — די קאַריערע פון די רעגאַנס — דאַרף טראָגן דעם ווינסשאַפטלעכן טיטול — דער שטאַם.

אין דער דאָזיקער הקדמה האָט זאָלאַ אויסגעצייכנט באַשטימט דער הויפּטשטריך פון זיין וועלטאָנשויונג. דאָס איז — דער אינסטינקטיווער פּעסימיזם פון אַ באַזונדער מין, וואָס האַלט זיך אין אין דעם גראָב־מאַטעריאַלן פאַרשטיין די מענטשלעכע נאַטור און די מענטשלעכע שטרעבונגען. זאָלאַ־קלייבט אויס אַ משפחה, וועלכע כאַראַקטעריזירט זיך „מיט צעלאָזנקייט פון די תּאוות", אַ משפחה „מיט אַן אוראָנפאַנגלעכן אָרגאַנישן מום". די דאָזיקע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן פון די עלטערן ווערן איבערגעגעבן „אַלע אינדיווידואומען פון דער משפחה". זאָלאַ שטעלט זיך ניט פאָר קיין ציל צו מאָלן די געשיכטע פון אַ געזונטער משפחה. אַ טרויעריקע ירושה האָט זאָלאַ אויסגעקליבן, ער האָט אויך אויסגעקליבן אַ טרויעריקע עפּאָכע. דאָס איז אַ אומגעלומפּערטע עפּאָכע פון משוגעת און שאַנד. ניט ווייניקער פּעסימיסטיש איז אויך דעם אויטאָרס בליק אויף די גרונט־שטרעבונגען פון זיין עפּאָכע. דאָס איז אַן עפּאָכע, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט „אויסערלעכער אויפגערעגטקייט", אַן עפּאָכע, וועלכע „וואַרפט זיך אָן אויף אַלע פאַרגעניגנס". די נידעריקערע קלאַסן שטרעבן אויפצוהייבן זיך העכער אויף דעם סאָציאַלן לייטער. אויב זאָלאַ האָט גאָרנישט ניט געטאָן פאַר דער טעאָריע פון ירושהשאַפט, אויב זיינע העלדן זיינען פּאָרט געבליבן פּראָדוקטן פון דמיון, און ניט קיין מענטשן, וואָס זייער מחלה איז אויסגעפאָרשט און רעגיסטרירט געוואָרן דורך רופאים, האָט ער דאָך איבערגעלאָזן אַ גראַנדיעז בילד פון זיין צייט, ער איז אַריינגעדרונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון יענער פרייער קאָנקורענץ, פון יענעם שרעקלעכן אַפּעטיט־קאַמף, וועלכן די בורזשואַזיע האָט געמאַכט פאַר דעם איינציקן געזעץ, וואָס קעניגט אין לעבן. אַזאַ טרויעריק און שרעקלעך בילד, אַז איינער פון די קריטיקער האָט זאָלאַ פאַרגליכן מיט מיקעל אַנדזשעלאָ, און זיינע העלדן — מיט די פיגורעס פון דער פרעסקע דער שרעקלעכער געריכט.

ניטאָ קיין מעגלעכקייט אַפילו אין אַן אויבערפלעכלעכער סקיץ צו כאַראַקטעריזירן כאָטש זאָלאַס הויפּט העלדן. מיר וועלן זיך דעריבער אָפּשטעלן אויף אייניקע מערצר טיפּישע העלדן און געזעלשאַפטלעכע גרופּעס וואָס דער ראָמאַניסט האָט אַרויסגעפירט.

מירן אָנהייבן פון אויבן. מיר האָבן פאַר זיך די העכערע געזעלשאַפט, די אויסדערוויילטע, די הויפישע קאַמערהערן, גראַפן און מאַרקיזן. אונטער די גלענצנדע מונדירן און בלענדנדע טואַלעטן זיינען פאַרבאָרגן חיהשע אינסטינקטן, משוגענער דאָרשט נאָך תענוגים, פאַרדאָרבענע געפילן, שמוץ און מיאוסקייט. די אַריסטאָקראַטיע פונם לאַנד, די קרוין פון דער נאַציע, ליגט צו די פיס פון אַ קורטיזאַנע, אַ גאַסנפרוי. נאַנאַ איז אַ ברוטאַלער, פּרעכער אָפּשטויסנדער וועזן, זי איז אויסגעוואַקסן אין גאַס, און ביי איר זיינען פאַרבליבן אַלע רגילותן, מאַנירן און געשמאַקן פון דער גאַס. זי איז ציניש, אין איר איז ניטאָ אפילו יענער קליינער טייל קולטורעלישקייט, וועלכע העלפט כאָטש עפּעס צו פאַרדעקן די נאַקעטקייט פון דער אינערלעכער ברוטאַלישקייט. זי זידלט אירע פאַרערער מיט אַזעלכע ווערטער, וועלכע מוזן יעדער רגע באַליידיקן זייער אַריסטאָקראַטישן גייסט. זי האָט ניט קיין ליידנשאַפט. זי איז קאַלט־אויסגעלאַסן, גיט זיך אַוועק אַלעמען און יעדן, נאָר אָן ליבע, אויס חשבון, אויס קאַפּריז, אָדער פשוט כדי אָפּצוצעפּען זיך. אָבער נאַנאַ באַזיצט אַ גרויסע צוציונגס־קראַפט. די דאָזיקע קראַפט—דאָס איז איר קערפּער, און צו די פיס פון דעם דאָזיקן ציניש ווייבל אַוועק זיי דאָס לעצטע... און צו די פיס פון דעם דאָזיקן צינישן וועזן לייגן באַנקירן אַוועק זייערע פאַרמעגנס, טרעטן מענטשן פון אַלטע באַרימטע שטאַמען זייערע הערבן מיט די פיס, דערשטעכן זיך אומדערפאַרענע ריינע יונגעלייט, ווייגען זייערע מוטערס. די העכערע געזעלשאַפט ערשיינט דאָ פאַר אונז אַלס תאוותדיקע חיה, וועלכע איז באַרוישט פון ליידנשאַפט. נאַנאַ ווירקט אויף די סאַמע נידעריקע אינסטינקטן, זי קאָן זיי וועקן, און די דאָזיקע אינסטינקטן קיניגן איבער אַלץ, וואָס עס איז נאָך פאַרבליבן פון ערנגעפיל און איידלקייט, פון רעליגיע און משפחה. זאָלאַ האָט קיין קאָנקורענט ניט אין שילדערן חיהשע ליידנשאַפטן. דער באַנקיר סטיינער, אַ געניאַלער געשעפטסמאַן, וועלכער האָט געהאַט עסקים אויף מיליאָנען, רויִנירט זיינע קאָנקורענטן, דער דאָזיקער קאַלטער און אכזרישער פּראָדוקט פון דער בערזע, דער קיניג פון דער געלט־וועלט, ווערט אַ נישטיקער, עקלהאַפטער אידיאָט אין נאַנאַס אָנוועזנהייט. „ער האָט ניט געקענט עסן, און איז געזעסן מיט אַן אויסזען פון אַ מטורף, מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענער ליפּ און מיט פלעקן אויפן געזיכט. פאַר נאַנאַ איז געבליבן נאָר אָנצורופן די סומע, אָבער זי האָט זיך ניט געאיילט, זי האָט מיט אים געשפילט און געלאַכט סאַמע אין אויער, האָבנדיק הנאה דערפון, ווי אַ ציטער פלעגט אַדורכלויפן איבער גאָר זיין מאַסיוון קערפּער. זי וואָלט אַלעמאָל באַוויזן צו פאַרענדיקן דאָס געשעפט... סטיינער האָט קוים געאָטעמט, און יעדער רגע האָט אים געדראָט די אַפּאָפּלעקסיע. זי האָט זיך

צוגעהערט צו זיינע רייד, האָט נאָך אָבער, דרייענדיק מיטן קאָפּ אַלץ אָפּגע־
זאָגט זיך, רייצנדיק, לאַכנדיק מיט דעם געלעכטער פון אַ פולער בלאָנדינע,
פונם אויסגעטרונקענעם שאַמפּאַניער זייענען אירע באַקן געוואָרן ראָזע, די
ליפּן פייכטע, די אויגן גלאַנצנדיקע, און דער באַנקיר האָט אַלץ פאַרגרעסערט
די סומע ביי יעדער שטיפערישער באַוועגונג פון איר אַקסל און יעדער ליידנ־
שאַפטלעכן באַוועגן זיך פון דער ברוסט". דער גראַף מיופאַ, וועלכער איז ער־
צויגן געוואָרן אין ריינקייט און אמונה, אַן אַריסטאָקראַט און אַ דזשענטלמען,
אַ שטרענגער בעל־משפחה, אַ מענטש פון חוב, ווערט אַ שפּילצייג אין די
הענט ביי דער דאָזיקער שרעקלעכער פרוי. ער פאַרקויפט די משפחה־גיטער,
רויִנירט לגמרי זיין מצב, פאַרלאָזט דעם הויף, וואַרפט אַוועק די משפחה, ער
טראָגט איבער בזיונות, טרעט אונטער די פיס זיין קאַמערהעריש מונדיר צו־
ליב דער קורטיזאַנעס קאַפּריז, וועלכע איז אים אומגעטריי און לאַכט אים
אויס. דער געפיל פון אָנשטענדיקייט און פון שטאָלץ ערוואַכט אין אים יעדע
רגע, ער גיט זיך אַ שבועה, מער ניט אומצוקערן זיך צו דער דאָזיקער פרוי,
צוליב וועלכער ער האָט צעטראָטן אַלץ, וואָס אים איז געווען הייליק. אָבער
ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט איר צעגייען זיך זיינע גוטע כוונות ווי אַ
רויך. איר נאַקעטקייט פאַרשיכורט אים. ער ליידט נייע בזיונות, ער וויינט
מאַכטלאָז, ווי אַ קליין קינד, און סוף־כל־סוף, אַ פאַרמאַטערטער אין דעם דאָ־
זיקן קאַמף, פאַרמאַכט ער די אויגן, קוקט מער אויף גאָרנישט און גיט זיך אי־
בער אין דער מאַכט פון דעם איינציקן געדאַנק, וואָס באַהערשט זיין גאַנצן
וועזן. דאָס איז דער געדאַנק צו בלייבן לעבן דער דאָזיקער פרוי, ניט פאַר־
טריבן צו ווערן פון איר הויז, אויף וועלכער ער האָט געפּטרט אַ גאַנץ פאַר־
מעגן, גרייט אויף אַלע תנאים, אַבי נאָר צו זען זי. דער יונגער זשאָרזש הוגאָן —
דאָס איז נאַנאַס דריטער קרבן. דער דאָזיקער יינגל האָט איר גאָרנישט גע־
געבן אויסער זיין האַרצן. זי האָט מיט אים אַ ביסל צייט געשפּילט, און זיין
מוטער, וועלנדיק רעטן איר זון, האָט געשיקט דעם עלטערן ברודער פיליפּ.
אָבער פיליפּ איז אַליין געוואָרן איר קרבן. דער פועל יוצא איז געווען, אַז די
אומגליקלעכע מוטער האָט פאַרלאָרן ביידע זין. נאַנאַ איז איינע פון יענע עראָ־
בערינס־רויבערינס, וואָס אין זייער גורל שפּיגלט זיך אָפּ דאָס גאַנצע נערוועזשע
לעבן פון דער עפּאָכע, ווען דער תהום, וואָס טיילט אָפּ דעם אויבן פון אונטן,
האָט אויפגעהערט צו שיינען געפערלעך און יעדער דרייסטער מענטש האָט
איבער אים געקאָנט אַריבערשפּרינגען. פונם אַריסטאָקראַטישן קרייז לאָזט זיך
נאַנאַ ווידער אַראָפּ אין דער וועלט פון דער באָהעמע. זי לעבט אין אָרעמקייט

עפּעס אַן אַקטיאָר שלאָגט זי, קוים וואָס זי איז זיך מציל פון דער פּאָליציי און פון דער געפאַר צו זיין אויף אייביק פאַררעכנט אין צעטל פון יענע אָפּגעשטויסענע פרויען, וועלכע זיינען אַרויסגעשליידערט אויסער דעם גבול פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. און נאָך די דאָזיקע דערנידערונגען און חרפות האָט איר דער מזל ווידער אַרויסגעטראָגן אויף אַ הויך, אַזש ביז קאָפּדרייעניש. זי איז געוואָרן אַ פּרעכטיקע פרוי, וועלכע קלייבט שטייערן פון דער מאַנסבילשער נאַרישקייט און אויסגעלאַסנקייט, אַן אַריסטאָקראַטין צווישן פּראָסטיטוטקעס. „זי האָט זיך דורכגעשלאָגן שנעל און אַנטשלאָסן, איז גלייך געוואָרן אַ באַרימטהייט אין דער ליבע-וועלט, גלייך שטיין געבליבן אין דער ספערע פון משוגענער פאַרשווענדערישקייט און פרעכהייט פון דער ווייבערשער שיינקייט". אין די פענסטער פון די מאַגאַזינעס זיינען געווען אויסגעשטעלט אירע פאָטאָגראַפיעס, ווען איר קאַרעטע פלעגט דורכפאָרן, פלעגן זיך אַלע אומקוקן אויף איר און „מען האָט זי גערופן ביים נאָמען מיט אַזאַ צאַרטקייט און אַנטציקן, מיט וועלכע מען באַגעגנט הערשערינס". און זי האָט געשמייכלט מיט אירע אָנגעפאַרבטע ליפן. עפּעס דורך אַ וואונדער האָט די דאָזיקע דיקע פרוי, אַ לעכערלעכע, ווען איר האָט זיך געלוסט צו מאַכן אַ אָנשטעל פון אַן אָנשטענדיקער, געשפּילט די ראָלע פון אַ באַצויבערערין. זי האָט געהאַט די בייגיקייט פון אַ שלאַנג, די נערוועזשקייט פון אַ קאַץ, וועלכע שטאַמט פון אַ איידעלן מין, די העכערע קראַפט פון זינד; אַ פּרעכטיקע, אַ פרעכע, וועלכע האָט פאַריז געטראָטן אונטער די פיס. זי האָט געגעבן אַ טאָן; באַרימטע דאַמען האָבן איר נאָכגעמאַכט.

די דאָזיקע העכערע געזעלשאַפט, די דאָזיקע געזעלשאַפט פון זשווירן און קאָקאָטעס, דאָס איז בעצם די בורזשואַזע געזעלשאַפט. זאָלאַ מאַכט ניט קיין קלאַסנצוטיילונגען. ער שילדערט ניט די עלעמענטן, וועלכע דאַרפן שאַפן די נייע וועלט. סיי מיוחסדיקע אַריסטאָקראַטן, סיי פויערים, סיי אַרבעטער — אַלע האָבן ביי אים באַקומען די אַפּעטיטן, וואָס די בורזשואַזיע האָט געשענקט דער וועלט. מאַרקס און ענגעלס זאָגן, אַז די בורזשואַזיע שאַפט די נייע וועלט אין איר געשטאַלט און אין איר פורעם. זאָלאַ שילדערט די דאָזיקע וועלט, וועלכע די בורזשואַזיע האָט איבערגעשאַפן אויף איר שטייגער. אָט פאַרוואָס מען קאָן אים ניט האַלטן פאַר קיין סאָציאַלן קעמפער. קריטיקירנדיק די בורזשואַזיע, האָט ער כלל ניט געהאַט בדעה צו הויבן דעם פּראָלעטאַריאַט. ער איז דער שילדערער פון די זינד, מיט וועלכער די בורזשואַזיע געזעלשאַפטס-אָרדענונג האָט באַשאָנקען אַלע קלאַסן. אין דער כוואַליע פון קאַלטן חשבון

האָט די בורזשואַזיע דערטרונקען אַלע געפילן, אין צאַרט-סענטימענטאַלע באַציִונגען, זי האָט אַלץ איבערגעפירט אויף געלט-צייכנס, האָט דער מענטשהייט גאָרניט איבערגעלאָזן אויסער מזומן. דער דאָזיקער מזומן קיניגט אויך אין דער געזעלשאַפט, וועלכע רינגלט אַרום נאַנאַ. די נייע קריטעריס שטעלן אין איינע ריי סטיינערן מיט מיופאַ, מחמת זיי זיינען ביידע מיליאָנערן, און דער דאָזיקער אַלגעמיינער צייכן איז וויכטיקער פאַר דעם אונטערשייד, וואָס וואָלט זיי אָפּגעזונדערט מיט אַ טיפן תהום פאַר אַ הונדערט יאָר צוריק. סטיינער איז אַ דייטשער ייד. מיופאַ איז אַ גראַף און אַ קאַמערהער. אָבער די אַלטע קלאַסנצעטיילונגען זיינען שוין לאַנג איבער אין דער געשיכטע. סטיינער און מיופאַ זיינען מיליאָנערן, און די בורזשואַזע אָרדענונג שטעלט זיי ביידן אויף איין ברעט, ביידע זיצן זיי אין איין ריי. דער גאַנצער זינען פון דער דאָזיקער אָרדענונג פאַר דעם פרט באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל קאָנען וואָס מער פאַרכאַפּן גוטס און תענוגים. צוליב דעם ציל נוצט יעדער אויס די מעלות, מיט וועלכע די נאַטור האָט אים באַשאָנקען. אויף צו שאַצן די דאָזיקע מעלות איז דאָ נאָר איין מאָס—געלט. נאַנאַ האָט געהאַט איין מעלה—אַ שיינעם קערפּער, האָט זי עס איבערגערעכנט אויף געלט. אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געגנשטאַנד פון ספּעקולאַציע, און נאַנאַ האָט אויך ספּעקולירט מיט דער מתנה, וואָס איר מזל האָט איר געשענקט. זי האָט געקיניגט איבער פּאַריז מיט איר לוקסוס, און די מיליאָנען, וואָס זיינען צערונען געוואָרן אין אירע הענט, האָבן באַוויזן איר מאַכט. זי האָט דעם דאָזיקן לוקסוס פרעך אויסגעשטעלט, אַלע זאָלן זען, און אין דער הינזיכט איז זי געווען די אמתע טאָכטער פון איר בורזשואַזער עפּאָכע, אין וועלכער דער לוקסוס דינט ניט צום קאָמפאָרט, ניט צו באַפרידיקן די פאַרלאַנגען, נאָר אַלס אויסשטעלונג פון מאַכט און עשירות. „איר וואוינונג האָט געפלאַמט פונקט ווי דער האָרן פון אַ שמידעריי. אירע אומדערזעטלעכע קאַפּריזן האָבן אונטערגעהאַלטן דעם פלאַם. איין בלאָז פון אירע ליפּן האָט געקלעקט כדי צו פאַרוואַנדלען קופּעס גאָלד אין הויפנס אַש, וואָס דער ווינט האָט כסדר אַוועקגעטראָגן. אין איר פאַרשווענדערישקייט איז געווען עפּעס מטורפדיקס, אומפאַרגלייכיקס. איר הויז, האָט זיך געדאַכט, איז געשטאַנען איבער אַן אָפּגרונט, וועלכער האָט געשלונגען מענטשן, זייער אייגנס און גוטן נאָמען, ניט איבערלאָזנדיק קיין שפור. די דאָזיקע פרוי, וועלכע האָט געגעסן ניט מער איידער אַ קליין פּאָפוגייעלע, וועלכע האָט זיך גענערט מיט רעדיסקעס און פאַרצוקערטע מאַנדלען און האָט זיך קוים צוגערירט צו פליישגעריכטן, האָט מאָנאַטלעך אויסגעגעבן אויף איר טיש ביז פינף טויזנט פראַנק.

אויפן קיך איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע רויבעריי, און נאָך דעם — אַ פאַרשווענדעריי. ביי די פעסלעך ווייַן פלעגן אַרויספאַלן די דעקן. דורכגייענדיק דורך פיר-פינף פאָר הענט, פלעגן די חשבונות אויסוואַקסן אָן אַ שיעור. קליידער, וועלכע האָבן געקאָסט צו צען טויזנט פראַנק, פלעגט מען אָנטאָן נאָר צוויי מאָל". מען פלעגט מאַכן אומגעלומפּערטע קניות; מען פלעגט אייַנקויפן קלייניקייטן. בלומען און טייערע צאַצקעס פלעגן פאַרניכטעט ווערן מאַסנווייַז. האָבן די מעגלעכקייט צו שיטן מיט געלט, שיטן אָן רחמנות — אָט דאָס איז דער ענדציל פון יעדן עכטן בורזשואַ, און מיט דער דאָזיקער אומדערזעטלעכער שטרעבונג פון דער בורזשואַזיע האָבן זיך אָנגעשטעקט אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. די קיניגרייַך פון נואַפים און זשואַנען איז אויך אונטערטעניק דעם דאָזיקן געזעץ, און נאַנאַ איז געווען די קיניגין אין דער דאָזיקער קיניגרייַך, וואָרעם זי האָט פון אים אַרויסגעצויגן דעם גאַנצן שטייַער, וואָס די תאווה איז אומשטאַנד צו צאָלן.

דער ראָמאַן געלט טראָגט אונז אַריבער אין דער וועלט פון באַנקירן און קאַפּיטאַליסטן. נאַנאַ האָט געגרונטפעסטיקט איר טראָן אויף דעם מענטשנס תאווה. דאָ זייַנען קיניגן פון אַן אַנדער מין, דאָ בויט מען דאָס גליק אויף אַן אַנדער שרעקלעכע לייַדנשאַפט — אויף דער לייַדנשאַפט רייַך צו ווערן. די דאָזיקע לייַדנשאַפט קאָן עקספּלאָאַטירט ווערן מיט ניט קיין קלענערן ערפאָלג. טויזנטער לייַכטגלויביקע מענטשן טראָגן די לעצטע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס צו דורכגעטריבענע ספּעקולאַנטן און ווערן רויִנירט, געבנדיק די רמאים מיליאָנען. אין נאַנאַ באַשטייט דער קונץ פון דעם רויבער אין אויסשטעלן דעם קערפּער און וועקן אין דעם מענטשן די חיהשע תאווה. אין געלט באַשטייט דער קונץ פונם רויבער אין דעם, וואָס ער קאָן אַרויסרופן אין מענטשן צוטרויען צו אויפגעבלאָזענע אונטערנעמונגען און וועקן אינם מענטשן דעם אינסטינקט פון ערווערבן; דעם דאָרשט נאָך עשירות. דאָרט דינען אַלס געצייג טואַלעטן, די סצענע, ווייַן און אויסגעלאַסנקייט; דאָ — ברייטע רעקלאַמעס, זעלבסטבאַהערשונג, ערפינדערישקייט און פאָרזיכטיקייט. אין דער באַנקירן-וועלט איז אַלץ געבויט אויף פיקציע. געלט אַלס ממשותדיקער שאַץ עקסיסטירט דאָ ניט. דאָס פּאַפּיר, וואָס גיט הייַנט זייַן באַזיצער אַלדאָס גוטס פון לעבן און שטעלט מיט זיך מאָרגן פאָר ניט קיין גרעסערן ווערט איידער געוויינלעך פּאַק-פּאַפּיר, דאָס דאָזיקע רעטזעלהאַפטע פּאַפּיר, אַ וואַקלענדיקס און אַ קאַפּריז, אַ שרעקלעכס און אַ געהיימס, — ס'דאָזיקע פּאַפּיר, — אפשר די סאַמע כאַראַקטעריסטישע ערפינדונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, — באַשליסט

דעם גורל פון מיליאָנען מענטשן, מאַכט חרוב אימפּעריעס, באַשאַפט טראָנען, ענדערט די גרענעצן פון מלוכות. יעדע קאַריערע האָט אירע העלדן, וועלכע זוכן ניט קיין אייגענע נוצן. די קיניגרייך פון געלט־פאַרדינען האָט זיי אויך. מענטשן, וועלכע זיינען פאַרהאַרטעוועט אין דעם בערזענקאַמף, הויבן אָן די זאַך ליב האָבן צוליב איר גופא, זיי פאַרגעסן וועגן דעם נוטס, וואָס די מי־ליאָנען גיבן. זיי האָבן אפילו פונם גאָלד קיין הנאה ניט. זיי פּרייזט די באַוועגונג גופא פון די רייכטימער, די דרייסטקייט פון די קאָמבינאַציעס. זיי זעען ניט דאָס געלט, איבער וועלכן זיי שאַפן. זיי האָבן הנאה פון דעם באַוואוסטזיין, וואָס זייער חתימה צערודערט טויזנטער מענטשן, שטעלט אָפּ צוגן, בויט אויף פאַבריקן. גונדערמאַן דער קיניג פון די באַנקירן, דער הערשער פון דער בער־זע און פון גאָר דער וועלט, גונדערמאַן, וואָס ווען ער ווייזט זיך אין רעס־טאָראַן, פאַרלאָזן די לאַקייען אַלע געסט,—דער דאָזיקער מעכטיקער מענטש קאָן אין דעם רעסטאָראַן ניט אויפעסן אַפילו קיין שטיקעלע פליייש. ליידנדיק אויף עפּעס אַ מאָגנקראַנקהייט, נערט ער זיך שוין מער ווי צוואַנציק יאָר מיט מילך. און זיין קאָנקורענט סאַקאַר, וואָס צווישן זיינע פינגער איז דורכגערונען אַ טייך מיט מיליאָנען, איז קיינמאָל ניט געלונגען „צו באַהערשן דאָס עשירות. אַלס עפּעס אַ ממשותדיקס, רעאַלס, עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳קאָן עס פאַרשליסן אונטערן שלאָס, איבער וואָס מען האָט צו שאַפן. איינע ליגנס, היילע פיקציעס האָבן אָנגעפילט זיין קאַסע, פון וועלכער דאָס גאָלד פלעגט אַוועק פונקט ווי דורך עפּעס אַ לאָך". אין גונדערמאַנס קאַבינעט פלעגן זיך פאַרזאַמלען מעק־לערס, הענדלער מיט זעלטנהייטן, אַמבּסאַדאָרן, אַדמיניסטראַטאָרן, מיניסטאָרן. דער אַמבּאַסאַדאָר פון אַ מעכטיקער מלוכה, וואָס איז אין טואילרי געווען חשוב און פול מיט ווערדע, האָט דאָ געהאַט אַ פּנים פון איינעם, וואָס קומט עפּעס בעטן. גונדערמאַן האָט געהאַט זיינע אַמבּאַסאַדאָרן ביי אַלע הויפן פון דער וועלט, קאָנסולן אין אַלע פּראָווינצן, אַגענטשאַפטן אין אַלע שטעט און שיפן אויף אַלע ימים. און ווען סאַקאַר האָט דערזען, אַז דער קיניג פון דער בער־זע האָט קיין צייט ניט פריי אויסצוטרינקען אַפילו זיין גלאָז מילך, האָט ער זיך ניט ווילנדיק פאַרטראַכט: צו וואָס זשע דאַרף ער אויב אַזוי דעם מיליאַרד? צו וואָס דאַרף ער אויפשטיין פינף אַ זייגער פאַרטאָג, פאַרנעמען זיך מיט דער דאָזיקער שרעקלעכער מלאָכה, אויסצומאָגערן זיך מיט דער דאָזיקער שרעק־לעכער מידסקייט, לעבן אַ לעבן פון אַ קאַטאָרזשניק, וואָס אויף אַזוינס וואָלט קיין אָרעמאַן ניט איינגעגאַנגען, האַלטן אויפן קאָפּ מאַסן ציפער, מאַטערן זיך מיט טויזנטער זאָרגן? גונדערמאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע לעבנספרייידן. פרויען

האָבן אים קיינמאָל ניט געכאַפּט: אין אַ משך פון פערציק יאָר איז ער געבליבן געטריי זיין ווייב. באַנקירן ווי סטיינער ווערן רויִנירט, נאָר אַזעלכע פּאַנאַטיקער פון געלט, ווי גונדערמאַן, וועלכע דערשטיקן אין נאָמען פונם געלט זייערע אינסטינקטן, פאַרהיטן זייער מאַכט ביזן סוף. גראָד אין דער דאָזיקער קיניגרייך פון באַנקירן האָט זיך אַנטוויקלט יענע נייע פאָרם פון שנאה צו יידן, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. געענערט זיך אַמאָל מיט פאַנאַטיזם און רעליגיעזער פאַרפירטקייט, האָט די אייביקע שנאה צום יידישן פאָלק באַקומען אַ נייע שפּייז אין דעם קאַמף פאַר געלט. יידן זיינען די קיניגן פון דער בערזע. גונדערמאַן איז אַ ייד. די צייטן פון רדיפות, וועלכע האָבן ביי דער יידישער נאַציע אַנטוויקלט די פעיִקייט אויסצודרייען זיך פון שלעכטע לאַגעס, האָט אין איר אויסגעאַרבעט אַלע אייגנשאַפטן, וועלכע זיינען נייטיק פאַר דער בערזנשפּיל. מען האָט זיי פיינט ניט דערפאַר, וואָס מען האָט פיינט דעם בערזנגייסט גופא, נאָר דערפאַר, וואָס מען איז זיי מקנא. סאַקאַר פאַרשילט דעם „ייד גודערמאַן" בעצם דערפאַר, וואָס ער זעט אין אים דעם אידעאַל צו וועלכן ער קאָן ניט דערגרייכן. שוין ביי דעם געדאַנק אַליין וועגן יידן הייבט זיך אין סאַקאַרס נשמה אויף אַ צאָרן, אַ ריין מעטאַפיזישער עקל, ער האָט באַשאַפן אַ גאַנצן באַשולדיקונגס-אַקט קעגן דער פאַרשאָלטענער ראַסע, וועלכע האָט ניט קיין אייגן פאָטערלאַנד, ניט קיין אייגענע פירשטן,—קעגן דער ראַסע, וועלכע „לעבט ווי אַ פּאַראַזיט צווישן אַנדערע נאַציעס, כלומרשט אָנערקענענדיק זייערע געזעצן, אָבער אין דער אמתן פאָלגנדיק נאָר זייער גאָט פון גנבה, כעס און בלוט". פונקט ווי סאַקאַר אַליין וואָלט געדינט ניט צו דעם זעלביקן גאָט. ער האָט דערוויזן, אַז „די דאָזיקע נאַציע, פירט אומעטום אויס איר מיסיע פון עראָבערונג, וואָס גאָט האָט איר געגעבן; אַז זי פאַרשפּרייט איר שפּינוועבס אין יעדן פאָלק, און ווי אַ שפּין היט זי אונטער איר רויב, זויגט אויס זיין בלוט און זעטיקט זיך אָן מיט פרעמדע לעבנס". פונקט ווי סאַקאַר אַליין וואָלט אויסגעפירט אַן אַנדער מיסיע, פונקט ווי זיין אייגן לעבן וואָלט באַשטאַנען ניט אין עקספּלואַטירן לייכטגלויביקע מענטשן! סאַקאַרן האָט מער פאַר אַלץ צערייצט דאָס, וואָס ער איז געצוואונגען געווען צו באַוואונדערן די יידן, מקנא זיין זייערע קאָלאָסאַלע פעיִקייטן צו פינאַנסעלע אָפּעראַציעס. „אין דער דאָזיקער גנבהשער שפּיל,-- האָט ער געזאָגט, — זיינען קריסטן ניט אַזוי שטאַרק, און דעריבער וועלן זיי שטענדיק פאַרשפּילן". אַזאַ איז די וועלט פון די געשעפטסלייט, וואו אַפילו דער נאַציאָנאַלער האַס איז אָפּגעביטן אויף ריינעם מוזמן עובר לסוחר.

די גרויסע קאַפּיטאַליסטן צערייסן זיך, כּדי אויסצושטעלן פֿאַר אַלעמען זייער געלט. די קליינע בורזשואַזיע פּטרט די לעצטע גראָשנס כּדי צו באַהאַלטן זייער אָרעמקייט. די תּאווה צו עשירות, די מטורפֿדיקע קאָנקורענץ, די שטרעבונג איבערצויאָגן דעם שכן אין אויסשטאַטונג האָט פֿאַרכאַפּט די גאַנצע געזעלשאַפֿט פֿון אונטן ביז אַרויף. דער געהיימער קאַמף, וואָס ווערט געפֿירט, כּדי אונטערצוהאַלטן דעם ליגן, רופֿט זיך שווערער אָפּ אויף דעם געוויינלעך אָנשטענדיקן בורזשואַ, איידער אויף דעם מיליאָנער. דאָ סטאַרעט מען זיך אויסשטעלן אויב ניט דאָס עשירות, איז לפּחות די פֿאַרמעגלעכקייט. דער ראָמאַן „אַ זידנדיקער טאָפּ" טראָגט אונז אַריבער גראָד אין דער סבֿיבֿה פֿון דער דאָזיקער אויסערלעך אָנשטענדיקער, גאָר אָנגעזאַפּטער מיט ליגן און צביעות קלייבער בורזשואַזיע; אין יענע משפּחות, וואו „מען קויפֿט שלעכט פֿלייש, כּדי מען זאָל דערפֿאַר דעם טיש קאָנען באַפּוצן מיט בלומען". דער פֿאָטער פֿון אַזאַ משפּחה באַקומט זיבן-אַכט טויזנט פֿראַנק, און זיין ווייב לאָזט די משפּחה האַלב הונגערן, אויסמערקירנדיק אויף קליידער פֿאַר די עלטערע טעכטער, וועלכע מען מוז אומבאַדינגט חתונה מאַכן, און דערביי נאָך טאָן אַ גוטן שידוך. אין אַזאַ משפּחה קומען פֿאָר קליינע מחלוקותן צווישן מאַן און ווייב, ריין בורזשואַזע מחלוקותן צוליב געלט. אָט איז אַ מוסטער פֿון אַזאַ מחלוקת: „פֿאַר אַכט טויזנט פֿראַנק קאָן מען פֿיל אויפֿטאָן, — זאָגט זשאָסעראַן צום ווייב,—און איר קלאָגט זיך כּסדר. מען האָט ניט געדאַרפֿט די הויז אַזוי' אַוועקשטעלן, אַז עס זאָל קאָסטן מער, איידער מיר פֿאַרמעגן. ביי אייך איז פּשוט אַ קרענקלעכע מאַניע אויפֿצונעמען געסט, גיין מיט וויזיטן, מאַכן זשורפּיקסן, געבן געסט טיי, געבעקס."—„אָט האָט איר זיך דעררעדט!—רייסט אים איבער די צערייצטע מאַדאַם זשאָסעראַן. — פֿאַרשליסט מיך תּיכּף אין אַ קאַסטן. מאַכט מיר פֿאָרוואורף דערפֿאַר, וואָס איך גיי ניט אַרויס נאַקעט... און אייערע טעכטער, מיין הער. מיט וועמען וועלן זיי חתונה האָבן, אויב זיי וועלן קיינעם ניט זען? מיר האָבן אַזוי אויך ניט גאָט ווייס, וויפֿיל באַקאַנטע... אָט האָט איר אייך: זייט זיך מקריבֿ, כּדי מען זאָל אייך נאָכדעם פֿאַראורטיילן אַזוי נידעריק ביז". אין דער דאָזיקער משפּחה איז מען זייער אויפֿמערקזאַם צו אַ רייכן פֿעטער. יונגע מיידלעך שיכּורן אים איין און הענגען זיך אים אויפֿן האַלז, כּדי אַרויסצונאַרן ביי אים אַ מתּנה עטלעכע פֿראַנק... אין אַזאַ משפּחה דערגייט אַ קריג ביז קלעפּ, און דאָס אַלץ ווערט מיט פֿיל זאָרג פֿאַרהוילן פֿון לייטנס אויגן. דיוווערס הויז, דער דאָזיקער טאָפּ, אין וועלכן עס האָט געזאָטן די שמוציקע שטינקענדיקע פֿליס־קייט, איז פֿול געווען מיט אַזעלכע משפּחות,

נאָר פון דרויסן איז פאַרבליבן אַן אויסזען, אַ פולער מיט בורזשואזער ווערדע. אָבער אינעווייניק אין דער הויז, וועלכע איז פון דרויסן באַפּוצט געווען מיט אַלערהאַנט בורזשואַזע מדות טובות, האָבן געוווינט מענטשן גייציקע און זינ־דיקע, מענטשן מיט שמוציקע אינסטינקטן און ברוטאַלע אַפּעטיטן. און אויך דאָ, אין דער פּשוטער וואוינונג פון איינפאַך פאַרמעגלעכע מענטשן, האָט זאָלאַ געפונען נאָר בעלי תאוות יונגעלייט, אויסגעלאַסענע פרויען, גייציקע מוטערס, פּונקט ווי ער האָט אין די פּאַלאַצן פון דער אַריסטאָקראַטיע און צווישן די ווענט פון דער בערזע מער גאַרנישט געפונען. ווי שמוץ און חיהשע שטרע־בונגען. אין דער דאָזיקער רעספּעקטאַבעלער הויז פאַרפירט אָקטאַוו מורע די פרוי פון זיין שכן, מיט וועלכן ער האַלט אונטער פריינדלעכע באַציִונגען. ער פאַרפירט זי ניט דערפאַר, ווייל ער האָט זי ליב, נאָר דערפאַר וואָס „אַזאַ פרוי איז באַקוועם; זי איז דערביי, ס'קלעקט נאָר אויסצושטרעקן די האַנט, און דערצו קאָסט זי קיין גראָשן ניט. אַזאַ זול און אַזאַ באַקוועמלעכקייט רירן אים אַזש ביי דער נשמה. ער געפינט, אַז זי איז זייער אַ ליבע, און ער האָט איר צוגעזאָגט ווייטער צו באַציִען זיך צו איר בעסער". אַ צווייטער איינוואוינער פון דער רעספּעקטאַבעלער הויז, טרולבאַ, האָט אויסדערוויילט אַלס געגנשטאַנד פון זיינע פאַרלאַנגען די קעכינס. אין די דאָזיקע נאַכט־אַוואַנטורעס פירט ער זיך ווי אַן אמתער גנב. ער גנבעט זיך און נאַרט אָפּ, דרייט זיך אַרויס. אָבער די ערגסטע און שמוציקסטע געשיכטע שפּילט זיך אָפּ אין זשאָסעראַנס משפּחה. מיט פיל אָנשטרענגונגען מיט דער הילף פון ליגן, פאַלשקייט און פרעכע נאַ־רעריי געלינגט מאַדאַם זשאָסעראַן לסוף טאָן אַ שידוך פאַר דער טאָכטער בערטע. די דאָזיקע מיידל איז אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פון דער צעבראָכענער משפּחה. צוזאַמען מיט די עלטערן נאַרט זי אָפּ דעם חתן, וועלכן מען האָט צוגעזאָגט אַ נדן, וואָס איז באמת ניט געווען, און נאָך דער חתונה פאָדערט זי ביים מאַן געלט אויף קליידער, און אַז זיינע מיטלען קלעקן ניט נאָכצוגעבן אירע פאַרלאַנגען, גיט זי זיך אָפּ אָקטאַוו מורען, וועלכער איז באַצייטנס גע־קומען מיט עטלעכע הונדערט פראַנק. ווען דער מאַן האָט זי געכאַפּט ביי דער נאַכט אין אָקטאַווס צימער, רייסט זיך בערטע אין אימה אַרויס און לויפט איבער די טרעפּ פון דער פּאַראַדנער הויז, בשעת די מאַנסביל פאַרפירן דאָרט אַ געשלעג. איר דאַכט זיך, אַז דער אָפּגענאַרטער מאַן יאָגט זיך נאָך איר מיט אַ מעסער אין די הענט. זי איז אין איין העמד, און האָט זיך ניט וואו אַהינ־צוטאָן. די חרפּה, וועלכע שטייט איר פאַר, אויב עמעצער וועט זי דערזען, צווינגט זי אָנצוקלינגען אין אַ דירה, וואו עס האָט געוואוינט אַ באַקאַנטע משפּחה.

פון אַן אַרכיטעקטאָר. אָבער ווען זי האָט זיך דערוואוּסט אום וואָס דאָ גייט, האָט די שאָקירטע מחמת דעם סקאַנדאַל משפחה פון דעם געערטן בורזשואַ, ניט געוואָלט לאָזן בײַ זיך די אומגליקליכע, און נאָר אָקטאַווס מורבעס שכנה, די זעלביקע, וועלכע ער האָט ליב געהאַט דערפאַר, וואָס זי איז אַ „זול און באַקוועם", האָט בײַ זיך באַהאַלטן איר קאָנקורענטין. זי האָט פון איר דירה געהערט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען בײַם שכן. איר איז שווער. בײַדע אומגליקלעכע פרויען האָבן איינע די אַנדערע פאַרשטאַנען. „זיי האָבן געוואָלט ריידן וועגן אָקטאַוון, אָבער בײַדע זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן, און פּלוצלונג אין דער פינסטער זײַנען זיי וויינענדיק געפאַלן איינע די אַנדערע אין די אָרעמס. ליידנשאַפטלעך, פונקט ווי אין קאָנוואולסיע, האָבן זיי זיך צוגעדריקט איינע צו דער אַנדערער. דאָס איז געווען די לעצטע בענקשאַפט, פול מיט שרעקלעכן צער. דאָס איז געווען דער סוף פון אַלץ. זיי האָבן מער קיין וואָרט ניט געזאָגט, און די טרערן האָבן זיך אַלץ געגאָסן און געגאָסן אָן אַ סוף אין דער פינסטער, אין דעם טיפן שלאָף פון דער איינגעבויגענער הויז, וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט אָנשטענדיקייט". בערטע האָט געמוזט האָבן אַ געשפּרעך מיט דער מוטער. אין דעם דאָזיקן שמועס, וועלכער איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט עכט בורזשואַזער זידלערײַ און מיט קעגנזײַטיקע פאָרוואורפן, האָט זיך אַנטפּלעקט דער וועג, איבער וועלכן בערטע איז דערגאַנגען צו איר צושטאַנד. ס'איז ניט איר שולד, וואָס זי און דער מאַן האָבן זיך איינע די אַנדערע דערעסן. אויף מאָרגן נאָך דער חתונה האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז געפאַנגען, ער איז צו איר אָפּגעקילט געוואָרן, און איז געווען צערודערט, ווי אין דער צײַט, ווען עס איז אים געגאַנגען שלעכט אין זײַנע געשעפטן. איר האָט ער אויך אויסגעוויזן ניט אָנציענד. „פונדאַנען האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן, זאָגט בערטע. — זאָל זײַן אַזוי. ניט איך בין שולדיק אין דעם גרעסטן טייל פון דער שולד"! אַזעלכע זײַנען די אומפאַרמײַדלעכע רעזולטאַטן פון חתונה, בײַ וועלכער עס איז ניטאָ קיין ליבע און קעגנזײַטיקער פאַרשטיין; וואו בײַדע זײַטן האָבן געפירט אַ כיטרע, דינע שפּיל, און שוין פריער געפּטרט זייערע קרעפטן אין קעגנזײַטיקן קאַמף. בערטע דערמאָנט דער מוטער וועגן אירע לעקציעס, וועגן דעם, ווי זי האָט פאַר איר אַנטפּלעקט אירע אייגענע אינטימע באַציִונגען צום מאַן. די מוטער האָט אין איר אַליין איינגעפלאַנצט דעם געדאַנק, אַז „מאַנסבילן טויגן נאָר דערצו, מען זאָל זיי נאַרן". די צעקאָכטע מאַדאַם זשאָסעראַן דערלאַנגט דער טאָכטער אַ פּאַטש, ווען זי דערזעט די רעזולטאַטן פון אירע לעקציעס.

אַזעלכע זײַנען די דראַמעס װעלכע שפּילן זיך אָפּ אין די משפּחות פֿון דער מיטעלער און דער קלײנער בורזשואַזיע. לאָמיר זיך אַראָפּלאָזן נאָך נידעריקער אויף דער דעק פֿון דער געזעלשאַפֿט. מיר זײַנען אין דער קיניגרײַך פֿון חושך און אומװיסנהײט, אין דער װעלט פֿון די קלײנע קרעמער, אַרבעטער און שלעפּער. דער ראָמאַן L'Assomoir טראָגט אונז אַריבער אויפֿן בולװאַר לאַשאַפּעל, אויף דער לינקער זײַט פֿון דעם פּואַסאָניער שלאַגבוים. אַהער דערגרײכט ניט דער געװיש פֿון די פּאַרפּוצטע עקיפּאַזשן אין די שײנע פּאַריזער גאַסן. דאָ האָט זיך אין דער קעלט פֿון פֿרימאָרגן כּסדר געהערט אַן אַנדער מין טופּען, אַ טופּען פֿון המון, װאָס באַװעגט זיך. „מען האָט געקענט דערקענען די שלאָסערס נאָך זײערע גראָבע בלוזעס, די מולער נאָך די װײַסע פֿאַרטעכער, די מאָלער נאָך זײערע פּידזשאַקעס, װאָס פֿון הינטער זײ האָבן זיך אַרויסגעזען לאַנגע בלוזעס. פֿון דערװײַטן האָט דער דאָזיקער המון אויסגעזען װי אַ פּנימלאָזע מאַסע פֿון אומבאַשטימטן קאָליר, אין װעלכן עס האָבן זיך מער פֿאַר אַלץ באַמערקט בלאַסבלויע און שמוציק גראָע שאַטירונגען. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט זיך עפּעס אַן אַרבעטער אָפּשטעלן, פֿאַררויכערן זײַן לולקע, בשעת אַלע אַנדערע פֿלעגן פֿאָרזעצן זײער גאַנג אָן אַ שמײכל, ניט זאָגנדיק קײן װאָרט צו אַ חבר, װענדנדיק די פּנימער פֿון ערדקאָליר צו פּאַריז צו, װאָס האָט זײ אײַנעם נאָכן אַנדערן פֿאַרשלונגען אויף דעם אָרט װאו מען פֿאַרקערט זיך אויף דער גאַס פֿון דער פֿאָרשטאָט פּואַסאָניער". די דאָזיקע װעלט שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ שאַרפֿן קאָנטראַסט קעגן די באַגילדטע פּאַלאַצן פֿון די מאַרקיזן און באַנקירן און אַפֿילו קעגן דער אָנשטענדיקער עקסיסטענץ פֿון דער מיטעלער און קלײנער בורזשואַזיע. די מעבל בײַ אַזעלכע מענטשן באַשטײט פֿון אַ קאָמאָד, אין װעלכן עס פֿעלט געװײנלעך אַ שופֿלאָד, אַ צװײ דרײַ שטרויענע שטולן, אַ פֿאַרפּעצט טישל, אויף װעלכן עס װאַלגערט זיך אַ קוביק מיט אַן אָפּגעשפּרונגענעם ברעג, אַן אײַזערן קינדיש בעטל, װעלכע פֿאַרשטעלט דעם קאָמאָד און פֿאַרנעמט צװײ דריטל פֿון דעם צימער, און אַ פּאָר באַגולדטע צינקענע לײַכטער, צװישן װעלכע עס איז ניט שװער צו באַמערקן אַ פּעקל בלאַס־ראָזע קװיטאַנציעס פֿון לאָמבאַרד. אָבער אַפֿילו אין דער דאָזיקער אָרעמקײט קומט אויך די מענטשן אויס צו פֿאַרברענגען נאָר די נעכט און די ימים־טובֿים. זײער טאָג איז פֿול מיט פּראַצע, גרעסטנטײל אין שרעקלעכע היגיענישע באַדינגונגען. שרעקלעכער פֿאַר אַלץ איז דאָס לעבן פֿון די װעשערינס. די װעשערײַ האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ גרויסן שטאַל מיט אַ פֿלאַכער סטעליע אויף בעלקעס, אונטערגעשפּאַרטע מיט טשוהונענע זײַלן. דער

הייסער דאַמף הענגט אין דער לופטן, ווי אַ נעפּל. די שווערע פייכטקייט האָט זיך כסדר אָפּגעזעצט ווי טראָפּנס רעגן, מיט דעם פייכטן, פאַרן האַרצן אָנ־באַפאַלנדיקן ריח פון זייף. די פרויען מיט נאַקעטע הענט זיינען געשטאַנען און אָן רחמנות געקלאַפּט מיט די וואַליקעס, אַרום און אונטער זיי האָבן זיך געגאָסן טייכן וואַסער. די היץ פלעגט אָפּט זיין ניט איבערצוטראָגן. דאָ גופא האָבן די אַרבעטערינס געגעסן; צוזעצנדיק זיך אויף אַ ברעג מולטער, און אַוועקשטעלנדיק צופוסן די אָפּגעפּראָפּירטע פלעשלעך וויין, האָבן זיי געגעסן וואורשטלעך מיט ברויט. מען וואָלט געקענט ערוואַרטן, אַז כאָטש צו דער דאָזיקער וועלט, וואו עס זיינען ניטאָ קיין פאַראַזיטן און קיין אומגעשטילטע אַפּעטיטן, זאָל זיך דער אַווטאָר באַציען מיט מיטגעפיל. מען וואָלט געקענט וואַרטן, אַז גראָד דאָ וועט ער איפּהויבן דעם קול קעגן דער עקספּלואַטאַציע, וועט ער פון אַן אומפּריינדלעכן גראָבן לעבנסשילדערער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פריידיקער און אַ שופט, וועט ער רופן צום קאַמף קעגן די באַדריקער. אָבער אומזיסט געוואַרט. אמת, ווען דער דאַך־דעקער קופּאָ איז אַראָפּגעפאַלן פונם דאַך און, אָפּגעלעגן צוויי חדשים, איז ער אויפגעשטאַנען פון בעט אַן אויסגעמאַטערטער און אַ צעשלאָגענער, האָט ער פאַרבאָרגן אין זיך אַ טיפע שנאה צו דער אַרבעט. „דאָס איז די אומגליקלעכסטע אַרבעט. ווי אַ קאַץ קריכן גאַנצענע טעג איבער די טרויבן. זיי זיינען ניט קיין נאַראָנים, די דאָזיקע בורזשואַ! אייך שיקן זיי אויף טויט, און אַליין האָבן זיי מורא אויפן לייטער אַרויפצוקריכן, און זיצן זיך זיכערביים אויוועלע, חוזק מאַכנדיק פון דעם אָרעמאַן". — און ער האָט זיך צערעדט ביז דעם אויספיר, אַז יעדער דאַרף זיך אַליין דעקן זיין דאַך. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אויסצודריקן זיין חרטה דערויף, וואָס ער האָט זיך ניט געלערנט קיין אַנדער מלאכה, אַן אָנגענעמערע און אַ ווייניקער געפערלעכע, למשל, סטאָלעריי. אַזוי אַרום זיינען נאָך די מענטשן ניט דערוואַקסן ביז דעם באַוואוסטזיין פון זייערע קלאַסנאינטערעסן. זיי טרוימען נאָך ניט וועגן קאַמף קעגן עקספּלואַטאַציע בכלל. קופּאָ טרוימט נאָר וועגן פאַרבייטן איין מלאכה אויף אַן אַנדערער. ער איז אַפילו גרייט זיך אַליין צו באַשולדיקן אין זיין פאַלן. אָבער אַפילו אויך די דאָזיקע ווייכע פּראָטעסטן קעגן דער בורזשואַזיע קלינגען זעלטן אין זאָלאַס ראָמאַן. און אויך אין דער דאָזיקער סביבה, וועלכע שטייט אויף די נידעריקסטע מדרגות פונם געזעלשאַפטלעכן לייטער, זוכט זאָלאַ פריער פאַר אַלץ מאַטעריאַל צו שילדערן די טיפקייט פון דעם מענטשנס פאַלן. די דאָזיקע מענטשן פאַרטרינקען די לעצטע גראָשנס, פרעסן זיך איבער, ווען נאָר עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט. זיי זיינען אויסגעלאַסן, און אומקערנדיק

זיך אַהיים שיכּורע, שלאָגן זיי די ווייבער, וועלכע זיי זיינען פאַלש אויף יעדן טריט. די חיהשע אינסטינקטן, ניאוף און גייציקייט, וועלכע זיינען ביי דער העכערער געזעלשאַפט פאַרקליידט אין גאָלד און אין זיידנס, באַווייזן זיך דאָ אין גאָר זייער עקלהאַפטער נאַקעטקייט. דאָ רופט מען אַלץ אָן מיטן אמתן נאָמען. דאָ באַרוישן ניט די אַלקאָווס ניט שאַמפּאַניער, ניט די רייכע קליידער פון די פרויען, וועלכע זיינען לכתחילה אויסגערעכנט צו וועקן דעם מאַנסבילס אינסטינקטן. דאָ איז מען באַרוישט מיט שמוץ און מיט דער שטינקנדיקער אַטמאָספער פון דער וועשעריי. אַט ווי זאָלאַ שילדערט ראָמאַנען ביי די דאָזיקע מענטשן: „ער האָט זי ניט אַרויסגעלאָזן פון זיינע אָרעמס. זי האָט זיך פאַרלאָרן אין אַ לייכטער קאָפּדרייעניש מחמת די אויסדעמפונג פונם וועש, און איר איז ניט געווען דערווידער דער ריח פון בראַנפן, וואָס האָט געשלאָגן פון קופּאָ. און דער גראָבער שטאַרקער קוש, מיט וועלכן זיי האָבן זיך געטוישט אין מיטן דעם דאָזיקן שמוץ פון איר מלאכה, איז געווען ווי דאָס ערשטע פאַלן אויף דעם לאַנגזאַמען אונטערגאַנג פון זייער לעבן". דאָ אין דער שרעקלעכער אַטמאָספערע, וועלכע איז אָנגעזאַפּט מיט בראַנפן-ריח, מיט דעם ריח פון אויסגעמאַטערטע שווייסיקע מענטשלעכע קערפּערס, איז געוואַקסן נאַנאַ, די קינפטיקע הערשערין פון פּאַריז. אַרבעטנדיק אין אַ בלומענמאַגאַזין, האָט נאַנאַ, נאָך אַלס פּופּצניאָריק מיידל, דאָרשטיק צוגעהערט זיך צו די שמועסן פון די חברטעס וועגן זייערע געליבטע. די געשיכטע פון דעם שטופּנווייזן מאָראַלישן טויט איז דערציילט געוואָרן בפּרטות, אָן דערווייכערונגען, אָבער אויך אָן גוזמאות. זאָלאַ איז אַ גראָבער מאַטעריאַליסט, אָבער ניט קיין ציניקער. די אָפּשטויסנדיקע בילדער פון זינד פאַרשאַפן אים ניט קיין פאַרגעניגן, און אומזיסט האָט מען אים באַשולדיקט, אַז ער איז סקאַברעז. זאָלאַ בלייבט געטריי זיין טעאָריע פונם עקספּערימענטאַלן ראָמאַן. ער פיל ניט ניט קיין ליבע, ניט קיין עקל צו זיינע העלדן, ווי דער כעמיקער צום אַזאָט. ער דערלאָזט, דער אַוטאָר זאָל זיך אַריינמישן נאָר אין די גרעניצן, אין וועלכע עס איז מעגלעך, דער געלערנטער זאָל זיך אַריינמישן אין דער אַקציע פון דער נאַטור: ער שטעלט פעסט די סיבות און די רעזולטאַטן, ווייזט אָן די געפאַר, מאַכט קלאָר די פאַרבינדונג צווישן די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, ער גיט אַ שפע מאַטעריאַל פאַר אויספירן און אָנווענדונגען. „נאַנאַ האָט אין דעם בלומענוואַרשטאַט פאַרענדיקט איר ערציִונג. ביי איר איז שוין, פאַרשטייט זיך, געווען אַ נאַטירלעכע נייגונג, אָבער, די געזעלשאַפט פון די מיידלעך, וועלכע זיינען שוין געווען איבערגעפירטע, און די אָרימקייט האָבן פאַרענדיקט

איר פאַלן. דאָ האָבן אַלע געלעבט אין איין קופּע און צוזאַמען געשפּילט, ווי עפּל אין אַ קויש, אין וועלכן עס זיינען שטענדיק פאַראַן עטלעכע קאַליקעס. אויף די יונגינקע, וועלכע זיינען נאָך ריין געבליבן, ווי נאַנאַ, האָט שעדלעך געווירקט די אַטמאָספער פון דעם וואַרשטאַט, וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם ריח פון שיכרות און שענדלעכע נעכט, וואָס עס פלעגן אַריינברענגען די אַרבעטערינס אין צעריפּעטע שיכאָגען און אין אַזעלכע צעקנייטשטע קליידער, פונקט ווי זיי וואָלטן אין זיי געשלאָפן אויך. דאָס פוילע ציען זיך אין דער פרי נאָך די הוליאַנקעס, די שוואַרצע קרייזן אונטער די אויגן, וועלכע די מאַדאַם לוראַ (די ווירטין פון דעם וואַרשטאַט) פלעגט צוליב אָנשטענדיקייט רופן ליבע־צייכנס, דער ביס־פעסטער גאַנג, די הייזעריקע שטימען, — דאָס אַלץ האָט באַשאַפן אַן אַטמאָספער פון אויסגעלאַסנקייט צווישן די פּליטערלעך און דעם גלאַנץ פון די קינסטלעכע בלומען. באַנאַ האָט זיך געפילט צערודערט, באַרוישט, ווען זי האָט געפילט לעבן זיך אַ מיידל, וועלכע האָט שוין געזען אַ לעבן״. אין דער דאָזיקער מיידל האָט ביסלעכווייז דערוואַכט דער דאָרשט נאָך לוקסוס און עשירות. קנעטנדיק די בלאָטע, אַ פאַרשפּריצטע פון די דורכפאָרנדיקע קאַרעטעס, אַ פאַרבלענדטע פון דעם גלאַנץ פון די ווימרינעס, האָט זי געפילט אַ פיזישע באַדערפעניש צו עסן מיטאָג אין רעסטאָראַנען, אָנטאָן זיך גוט, האָבן שיינע מעבל. זי פלעגט ווערן בלאַס, באַרוישט, זי האָט געפילט, ווי „פון דעם פאַריזער ברוק האָט זיך געהויבן אַ הייסער שטראָם איבער דער לענג פון אירע לענדן״. אַזאַ איז דער צויבער פון די נסיונות, וועלכע זיינען פונאַנדערגעוואָרפן איבער דער ריזיקער רעזידענץ פון פראַנקרייך. זאָלאַ ערשיינט אַלס באַלזאַקס אַ פאָרטזעצער אין שילדערן „די אַפּעטיטן״, וועלכע צינדן זיך אָן ביי מענטשן אין דעם דאָזיקן צענטער פון קולטור און לוקסוס.

מיט אַזאַ גראָב־מאַטעריאַליסטישן בליק קוקט זאָלאַ אויף אַלע שיכטן פון דער פאַריזער געזעלשאַפט. ס׳איז אַפילו שווער אויסצורעכענען אַלע ווינקעלעך, אין וועלכע דער ראָמאַניסט האָט אַריינגעבליקט, אינסטינקטיוו שטרעבנדיק איבערצולאָזן פאַר די קומענדיקע דורות די אוניווערסאַלע עפּאָפּייע פון פראַנקרייך אין זיין צייט. דער קאַלאָסאַלער מאַגאַזין (דאָס גליק פון די דאַמען), דער גראַנדיעזער מאַרק (דער בויך פון פאַריז), די אונטערערדישע שאַכטעס (זשערמינאַל), די אייזנבאַן (אַ מענטש אַ חיה), דער דאָרף (ערד) — אַלע פאַרשיידנאַרטיקע איינצלען, וועלכע גייען אַריין אין דעם צוזאַמענשטעל פונם היינטיקן קאָמפּליצירטן לעבן, האָט זאָלאַ אָנגעצייכנט.

אין דעם אווטאָרס דמיון איז די מענטשהייט ווי צעטיילט אויף גרופּעס לויט די אַפּעטיטן, וועלכע ליגן אין דעם יסוד פון הײַנטיקן לעבן. דער בורזשואַזיע איז געלונגען אויסצובויען גראַנדיעזע דענקמעלער לכּבוד יעדערער פון די לעבנספאָרמען, וועלכע זי האָט באַשאַפן. זאָלאַ האָט ליב צו געבן זײַנע ראָמאַנען די נעמען פון דידאָזיקע דענקמעלער, וואָס יעדער פון זיי האָט, דוכט זיך, פאַרקערפּערט איינעם פון די מומים פון דער הײַנטיקער מענטשהייט. דער בנין פון דער בערזע באַווײַזט זיך אַלס דער געהויבענער מאָנומענט פון דעם מענטשנס גײַציקייט. דער קעלער אַלס לעבעדיקער עדות פון דעם מענטשנס דערנידערונג, דער טעאַטער איז פאַרוואַנדלט אין אַן אָרט פון אויסגעלאַסנקייט. דער עקספּרעס, וועלכער שלעפּט האַסטיק הונדערטער מענטשן מיט זײַנע לײַדנשאַפטן, פרײַדן און טרויערן, איז, דאַכט זיך, אַ סימבאָל פון דער משוגע-נערוועזישער אײַלעניש, פון וועלכער די הײַנטיקע געזעלשאַפט איז אויסגעמאַטערט. אויב די געזעלשאַפט איז צעטיילט אויף קלאַסן, וועלכע בויען יעדער זײַנע טעמפּלען לכּבוד די נײַע שרעקלעכע געצקעס, זײַנען די באַזונדערע אינדיווידואומען אויסגעמאַטערט, האָבן פאַרלאָרן זייער מענטשלעך געשטאַלט אין דעם דאָזיקן טירוף, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די וועלט. שיכּורים, נואפים, אידיאָטן, מענטשן מיט סאַדיסטישע אינסטינקטן, בעווראַסטעניקער און אַלקאָהאָליקער פון אַלערליי מינים — אָט דאָס זײַנען די קרבנות פון דער משוגענער קאָנקורענץ, פון דעם טירופדיקן שטרעבן צו תּענוגים, צו אויסערלעכער עשירות און צו מאַכט, מיט איין וואָרט, פון די אַלע גליקן, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע לעבנסאָרדענונג האָט געבראַכט.

זאָלאַ איז ניט געווען קיין קעמפער אין דעם געוויינלעכן זין פון דעם וואָרט. ער האָט זיך ניט געשטעלט קיין ציל צו שיצן דעם אַרבעטער קעגן באַלעבאָס און פאַרקערט. די קריטיק, וועלכע זוכט בײַם שרײַפטשטעלער אַ סאָציאַלע פּראָגראַם, מוז בלײַבן שטיין אַ צעמישטע קעגן דער ירושה, וואָס איז געבליבן נאָך זאָלאַען. L’Asomoir האָט פאַרשאַפט אַ היבש ביסל פאַרגעניגן דעם בורזשואַ און די קאָנסערוואַטאָרן מיט די בילדער פון די שרעקלעכע מידות בײַם פּראָלעטאַריאַט. אָבער דער קאָכעדיקער טאָפּ האָט דערצאָרנט דיזעלביקע פאַרטיידיקער פון דער בורזשואַזער אָרדענונג. ערד מיט איר טרויעריקער שילדערונג פון דעם פּויערטום האָט אַפילו אַרויסגערופן אַ פּירוד אין זאָלאַס שול, און אייניקע פאָרשטייער פון דעם נאַטוראַליסטישן ראָמאַן האָבן פּובליקירט אַ פּראָטעסט קעגן זייער לערער. מיט איין וואָרט, זאָלאַ האָט ניט געגעבן קיין פּאָזיטיווע אידעאַלן, וועלכע זאָלן צופרידן שטעלן עפּעס

אַ וועלכן ס'איז קלאַס. די אַלגעמיין־אָנערקענטע מיינונג פון דער קריטיק זאָגט, אַז זאָלאַ האָט ניט די פעיִקייט צו שילדערן ריינע און פולקומע כאַראַקטערן. נאָכגעבנדיק דער קריטיק, האָט זאָלאַ עטלעכע מאָל געפּרוווט שילדערן ניט בלויז שמוץ און חיהשע אינסטינקטן. דעמאָלט האָט ער באַשאַפן ראָמאַנען, ווי למשל טרוימען. אָבער דידאַקטישע פּרוּוון אויסצומאָלן אידילישע בילדער, שאַפן די פּאָעזיע פון ריינער ליבע האָבן זיך ניט איינגעגעבן, און אָנשטאָט די העלע פאַרבן פון נאַנאַ האָבן זיך באַקומען נאַיִווע מעשהלעך און אויסגעמאַטערטע מעלאָדראַמען. אויב זאָלאַ האָט ניט געקענט מאָלן קיין פּאָזיטיווע כאַראַקטערן, איז ער נאָך ווייניקער געלונגען אַרויסגעטראָטן אין דער ראָלע פון אַ פּריידיקער. זייַנע לעצטע ווערק — די טרילאָגיע און די טעטראַלאָגיע, אין וועלכער ער איז פון סאַטירע אַריבער צו פּריידיקן פּאָזיטיווע אידעאַלן, זיינען אינטערעסאַנט בלויז מיט יענע זייטן זייערע, מיט וועלכע זיי זיינען געראָטן אין דער סעריע רוגאָן מאַקאַרס, ס'הייסט מיט די חסרונות פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. און די פּאָזיטיווע אידעאַלן זיינע באַשטייען סוף־כּל־סוף אין פּריידיקן וועגן געזונטן משפּחה־לעבן (פּאַריז, פרוכטבאַרקייט), פון טרוימען אין גייסט פון פוריע (אַרבעט) און אַז. וו. זאָלאַ האָט ניט געזאָגט קיין ניי וואָרט, ניט אָנגעוויזן קיין וועגן, איבער וועלכע מען זאָל גיין ווייטער; גיכער האָט ער אַפילו ניט פאַרשטאַנען, וואוהין די געזעלשאַפט ווערט געטריבן דורך דער לאָגיק פון די געשעענישן, וואו זיינען די בויער פון אַ בעסערן עתיד, אָבער דאָס פינסטערע בילד פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וואָס ער האָט באַשאַפן, האָט געגעבן אַ רייכן מאַטעריאַל די מענטשן, וועלכע האָבן געמאָלדן מלחמה אויף טויט דער אַלטער אָרדענונג פון עקספּלאָאַטאַציע און עקאָנאָמישן דרוק. זאָלאַ האָט געפירט, לויט דעם שאַרפזיניקן אויסדרוק פון איינעם אַ קריטיקער, אַ קאַמף קעגן „אייביק היהשן" אין דעם מענטשנס נאַטור. די היינטיקע לעבנס־אָרדענונג עפנט אַ ברייטן פלאַץ פאַר דער אויסהייזונג פון דעמדאָזיקן „אייביק היהשן", און זאָלאַ איז געווען דער ריכטיקער שילדערער פון דעם „אייביק חיהשן".

---

# III.

נאַטוראַליזם און טעאַטער. — הערהאַרדט הויפּטמאַן. — די גרונטשטריכן פון זיין שאַפן. — „פאַר זונענאויפגאַנג“. — די שילדערונג פון די שלעכטע מידות און די ירושה־שאַפט. — לאָט. — נערוועיִשע מענטשן. — יאָהאַן פאַקעראַט.— „די וועבער“. — דרייסיגער. — די שילדערונג פונם המון. — די באַדייטונג פון די וועבער.

זאָלאַ האָט געשטרעבט דורכצופירן זיין טעאָריע ניט נאָר אויפן געביט פונם ראָמאַן, נאָר אויך אין דער דראַמע. אַליין האָט ער ניט געהאַט קיין טאַלאַנט פון אַ דראַמאַטורג, דעריבער איז אים ניט געלונגען צו מאַכן אין טעאַטער די רעוואָלוציע, וועלכע ער האָט אַרויסגערופן אין דער ליטעראַטור. אָבער ער האָט גערופן אַנדערע צו דער אַרבעט, וועלכע ער האָט אַליין ניט געקענט אויספירן, און אין זיין אַרטיקל נאַטוראַליזם און טעאַטער האָט ער געגעבן אַ גלענצנדע כאַראַקטעריסטיק פון דער קלאַסישער און פון דער ראָמאַנטישער דראַמע און אָנגעמערקט די פּרינציפּן, אויף וועלכע עס דאַרף זיין געבויט די נאַטוראַליסטישע, ד. ה., לויט זיין מיינונג, די עכט קינסטלערישע דראַמע. נאָך דער רעוואָלוציע, זאָגט זאָלאַ, נאָך דעראָזיקער טיפער אויפטרייסלעניש, וועלכע האָט געזאָלט אַלץ איבערשאַפן און געבוירן אַ נייע וועלט, קעמפט די קלאַסישע טראַגעדיע מיט דער גסיסה נאָך עטלעכע יאָר. נאָכדעם פּלאַצט איר פאָרמעל און דער ראָמאַנטיזם זיגט. עס ווערט איינגעשטעלט אַ נייע פאָרמעל. „מען דאַרף זיך קאָנען אַריבערטראָגן צו דער ערשטער העלפט פונם יאָרהונדערט, כדי פּינקטלעך אָפּצושאַצן דעמדאָזיקן געשייד פון דער פרייהייט. די יונגע געזעלשאַפט האָט געציטערט פון איר פרוכטבאַרקייט. די אויפגערעגטע, פאַרפלאָנטערטע, מיט גוואַלט פאַרברייטערטע מוחות האָבן געפלאַטערט, געטראָפן פון דעם געפערלעכן פיבער, און די ערשטע אָנווענדונג פון דער דערוואָרבענער פרייהייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט זיך געקלאָגט, געטרוימט וועגן אומגעהייערע ווערק, וועגן איבערמענטשלעכער ליבע“. בעצם איז די ראָמאַנטישע דראַמע געווען אַ המשך פון דער קלאַסישער. סיי די ערשטע, סיי די צווייטע זיינען געווען געגרינדעט אויף דער „אַמפּוטאַציע פונם אמת“. קעגן איין ריטאָריק איז געשטעלט געוואָרן אַ צווייטע, קעגן דעם אַלטערטום — די מיטלאַלטער, קעגן דער עקזאַלטאַציע פונם חוב — די עקזאַלטאַציע פונם געפיל. בעצם זיינען די תנאיםקייטן פון דער סצענע ניט בטל געוואָרן, נאָר געביטן די ערטער. „די ווירקנדיקע פּערזאָנען זיינען געבליבן די זעלביקע מאַריאָנעטן, נאָר אַנדערש גע-

קליידט; עס האָבן זיך נאָר געענדערט דער אויסערלעכער אויסזען און די שפּראַך". די ראָמאַנטישע דראַמע האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ מורד, מען האָט געדאַרפט באַפרייען די ליטעראַטור. איצט איז די מרידה געענדיקט, מען דאַרף גרינדן אַ פעסטע מלוכה. די היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם ראָמאַנטיזם באַשטייט אַלזאָ אין דעם, וואָס ער האָט אָפּגערייניקט דעם וועג פאַרן נאַטוראַליזם. די נאַטוראַליסטן מעלדן, אַז „דער אמת האָט ניט נייטיק קיין דראַפּירונגען. ער מוז אַרויסטרעטן אין גאָר זיין נאַקעטקייט". אַזאַ איז דער גרונדפּרינציפּ, וואָס וועט געלייגט ווערן אינם יסוד פון דער נייער דראַמע. זאָלאַ אַנטזאָגט זיך גענויער צו פאָרמולירן די שטריכן פון דער דאָזיקער דראַמע. דאָס געהערט נאָך זיין מיינונג דעם זשעני, וועלכער וועט מיט זיין שאַפונג באַקומען פאַר איר דאָס רעכט אויף הערשאַפט. דער ראש פון דער נאַטוראַליסטישער שול מערקט אָן דעם וועג, איבער וועלכן דער טעאַטער וועט גיין. „פריער פאַר אַלץ דאַרף מען פאַרלאָזן די ראָמאַנטישע דראַמע. עס וואָלט געפערלעך געווען צו נעמען אירע מעטאָדן פון גוזמא, איר ריטאָריק, איר טעאָריע פון אַקציע צום שאָדן פאַרן אַנאַליז פון די כאַראַקטערן. די סאַמע שענסטע געשטאַלטן פון דעם זשאַנר זיינען נאָר קאַנאַקעדיקע אָפּערעס. איך מיין, אַז מען מוז זיך אומקערן צו דער טראַגעדיע גופא, ניט צוליב דעם, פאַרשטייט זיך, כדי איבערצונעמען איר ריטאָריק, איר סיסטעם פון פאַרטרויטע פערזאָנען, פון דעקלאַמירן אומענדלעכע ערציילונגען, נאָר כדי צוריקצוקערן זיך צו דער איינפאַכקייט פון דער אַקציע און צום איינהייטלעכן פּסיכאָלאָגישן און פיזיאָלאָגישן שטודירן די ווירקנדיקע פערזאָנען. אין דעם דאָזיקן זינען זיינען די ראַמען פון דער טראַגעדיע אויסגעצייכנט: אַן איינציקער פאַקט אַנטוויקלט זיך אין גאָר זיין רעאַלישקייט און רופט אַרויס ביי די ווירקנדיקע פערזאָנען ליידנשאַפטן און געפילן, וואָס זייער פּינקטלעכער אַנאַליז איז דער איינציקער אינטערעס פון דער פּיעסע. און דאָס אַלץ מוז פאָרקומען אין דער היינטיקער סביבה, אין דעם פאָלק, וואָס רינגלט אונז אַרום".

קאָרנעל און ראַסין האָבן באַשאַפן די פּסעוודאָקלאַסישע טראַגעדיע, הוגאָ — די ראָמאַנטישע דראַמע. די נאַטוראַליסטישע דראַמע האָט נאָך ניט עד היום ניט איר קאָרנעלן, ניט איר הוגאָ, און באַזונדערס האָט אַזעלכן ניט געגעבן דער פראַנצויזישער נאַטוראַליזם. די פּיעסן פון דיומאַ דעם זון, פון עמיל אָזשיע, די ווערק פון די נייסטע דראַמאַטורגן, ווי למשל בריע, וואָס זיינען געשריבן אין נאַטוראַליסטישן גייסט, האָבן קיין עפּאָכע ניט געמאַכט אין דער געשיכטע פונם טעאַטער, ווי דאָס איז געווען מיט ע ר נ אַ נ י. די

נאַטוראַליסטישע דראַמע האָט ניט אַרויסגעשטעלט קיין זשעני, אָבער מיר האָבן איר צו דאַנקען פאַר אַ פולע גרויסע ווערק, און מען דאַרף צוגעבן, אַז דאָס מאָל האָט ניט פראַנקרייך זיך געשטעלט אין דער שפיץ פון דער באַוועגונג. די בכורה געהערט צו דייטשלאַנד, וועלכע האָט געגעבן דעם סאַמע טאַלאַנט-פולן פאָרשטייער פון דער נאַטוראַליסטישער דראַמע.

דעם 28 אָקטאָבער 1889 יאָר זיינען אויסערגעוויינלעך אויפגערודערט געווען אַלע, ווער עס איז נאָר אַזוי אָדער אַנדערש געווען פאַרבונדן מיטן בערלינער לעסינגטעאַטער: די דירעקציע, די אַרטיסטן, די פובליק. עס האָט געשיינט, אַז אויף דער בימה גרייט זיך אַן אַנטשלאָסענע שלאַכט. אמת עס זיינען ניט געווען אַזעלכע גראַנדיעזע הכנות, ווי עס זיינען געמאַכט געוואָרן אין פאַריז אין די באַרימטע טעג פון ע ר נ אַ נ י, אָבער גערעדט און געטומלט האָט מען אַ פולע. דעם דאָזיקן אָוונט האָט געזאָלט פאָרקומען די ערשטע פאָרשטעלונג פון אַ יונגן דיכטערס דראַמע. פון דעם ערשטן אַקט אָן האָט זיך אין זאַל אָנגעהויבן אַ טומל, וועלכער איז נאָך יעדער סצענע אַלץ מער געוואַקסן. די צושויער האָבן איבערגעריסן די אַקטיאָרן, געטופעט מיט די פיס. ווען איינע אַ העלדין פון דער דראַמע האָט אויף דער סצענע אויסגעשריען: „לויפט נאָך דער אַקושערין מילער!", האָט עפעס אַ דאָקטאָר אָנגעהויבן פאָכן מיט אַ כירורגישן אינסטרומענט און געוואָלט אים וואַרפן אויף דער סצענע. דער טומל איז נאָך גרעסער געוואָרן, עס איז קוים געלונגען דערשפילן די פיעסע ביזן סוף; פון דעם העלד האָט מען כיכיקעט, איבער דעם אַווטאָר האָט מען הויך געשפאָטט. אין די ווייטערדיקע טעג האָט דער סקאַנדל ניט אויפגעהערט. קעגן דעם דאָקטער האָט מען פאַרפירט אַ פראָצעס. די גאַזעטן האָבן געדרוקט אַרטיקלען וועגן דער פאָליטישער באַדייטונג פון עסטעטישע רעוואָלוציעס. דעם אַווטאָר האָט מען אָנגערופן ברוטאַלער נאַטוראַליסט, „דראַמאַטיקער פון העסלעכקייט", אַנאַרכיסט אין דער פאָעזיע. אַזוי איז באַוואוסט געוואָרן אין דייטשלאַנד דער נאָמען פון דעם נייעם דראַמאַטורג גערהאַרט הויפטמאַן, וועלכער פאַרדינט מיט יושר דעם טיטל ראש פון דער נאַטוראַליסטישער דראַמע.

ער איז געבוירן דעם 15טן נאָוועמבער 1862 יאָר אין שלעזיע אויפן קוראָרט אָבערזאַלצברון, וואו דער פאָטער זיינער ראָבערט הויפטמאַן האָט געהאַלטן אַ גאַסטהויז. זיין ערציִונג האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט פון דער געוויינלעכער ערציִונג, וואָס עס פלעגן באַקומען דייטשע יינגלעך. ער האָט זיך פון אָנהייב געלערנט אין דער אָרטיקער שול, נאָכדעם אין דער

ברעסלויער גימנאַזיע; פון דאָרט איז ער אַריבער אין קונסטשול. פון ברעסלוי איז ער אַוועק קיין יענע, וואו ער האָט זיך געלערנט אין דעם אוניווערסיטעט. ער האָט געהערט לעקציעס פון פילאָסאָפיע, זאָאָלאָגיע און באָטאַניק. אָבער אַ סך אַ גרעסערע באַדייטונג איידער דער אוניווערסיטעט האָט פאַר דעם יונגן סטודענט געהאַט דער אַקאַדעמישער נאַטורוויסנשאַפטלעכער קרייזל. דאָס איז געווען אַ קרייז פון יונגעלייט, וואָס האָבן באַקומען רעאַלע בילדונג, און געזוכט רעטונג פאַר דער וועלט אין די צוויי גרויסע גייסטיקע כוחות פון דער עפּאָכע — אין נאַטורוויסנשאַפט און סאָציאַלער פּאָליטיק. דאַרווין איז געווען דער גאָט פונם דאָזיקן קרייז. די נאַטורוויסנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע אידעען, וואָס ער האָט געגעבן דער מענטשהייט, פלעגן דאָ הייס דעבאַטירט ווערן. דאָ האָט געהאַרט הויפּטמאַן וואַרשיינלעך באַקומען דעם שטויס צו דעם נאַטוראַליסטישן וועלטפאַרשטיין, וואָס האָט זיך אַזוי בולט אַנטפּלעקט אין זיינע ווערק פון דעם ערשטן פּעריאָד. אָבער אויסער דאַרווינען האָט ער געהאַט נאָך איין לערער — קאַרל מאַרקסן. לויט דער עדות פון איינעם אַ קריטיקער, וואָס האָט הויפּטמאַנען פּערזענלעך געקענט, איז שווער צו געפינען נאָך אַזאַ מענטשן, ביי וועלכן דער סאָציאַלער אינסטינקט „זאָל זיין אַזוי אַריינגעדרונגען אין בלוט און פלייש און אַריבער אַפילו אין דער נערוונסיסטעם". ער האָט געלייענט אַלץ, וואָס וועגן דער סאָציאָלאָגיע האָבן געשריבן די נאַטוראַליסטן, פּאָליטיקער, טעאָלאָגן. די דאָזיקע צוויי שטריכן פון זיין כאַראַקטער און פון זיין שאַפונג — דאָס נאַטורוויסנשאַפטלעכע וועלטפאַרשטיין און די שטרעבונג צום סאָציאַלן אמת — האָבן זיך אויסגעבילדעט ניט נאָר אונטער דעם איינפלוס פון ביכער און לעקציעס. קינדווייז נאָך האָט ער ביים פאָטער אין גאַסטהויז געזען רייכע קוראָרט-געסט, און ער פלעגט זיין אויסער זיך פון דעם קאָנטראַסט צווישן זיי און צווישן די אָרעמע איינוואוינער פונעם שטעטל. דער דאָזיקער מיטגעפיל צו די אָרעמע איז ביי אים פאַרבליבן אויך שפּעטער. פון יענע איז ער אַריבערגעפאָרן קיין האַמבורג צו אַ ברודער, און פון דאָרט האָט ער זיך געלאָזן רייזן איבער שפּאַניע און איטאַליע. דאָ מוז מען דערמאָנען וועגן אַ דריטן שטריך אין הויפּטמאַנס כאַראַקטער, וועלכער האָט געווירקט אויף זיין שאַפן ניט ווייניקער, איידער די וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַלע שטימונגען פון דער צייט. הויפּטמאַן איז געווען אַ עסטעטיקער און אַ פּאָעט. זיין אַרבעט אין דער קונסטשול, די שיינע לאַנדשאַפטן, וועלכע ער האָט געזען אין איטאַליע, האָבן אַנטוויקלט זיינע נאַטירלעכע עסטעטישע נטיות. נאָך אין יענע האָט ער זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט די וויסנשאַפטלעך-

סאָציאַלע אינטערעסן פון די חברים און איז געוואָרן נאָענט מיט מאַקס מי־לער — אַ מוזיקער־וואַגנעריאַנער. מילער און הויפּטמאַן האָבן אין דעם קרייזל אַריינגעטראָגן נייע אינטערעסן. אַדאַנק זיי, האָט מען אָפּגעגעבן אַן אָנגעזועען אָרט פאַר פראַגן פון קונסט אין די שמועסן און די דעבאַטן פונם קרייזל. אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז הויפּטמאַן איבערהויפּט אַ שעפער פון דער נאַטוראַליסטישער און דער סאָציאַלער דראַמע. אין דעם צווייטן פּעריאָד נעמען ביי אים די איבערהאַנט די פאַנטאַזיע און זיינע ראָמאַנטישע נטיות. אומגעקערט זיך אַהיים אין 1885 יאָר, האָט הויפּט־מאַן חתונה געהאַט מיט אַ רייך מיידל. דער דאָזיקער שידוך האָט אים באַ־פרייט פון זאָרגן וועגן פּרנסה און ערלויבט אָפּצוגעבן זיך זיין באַרוף. ער האָט זיך באַזעצט אין דער בערלינער פאָרשטאָט ערקנער. אין פיר יאָר אַרום נאָך דער חתונה האָט זיך הויפּטמאַן באַקענט מיט דעם פּאָעט אַרנאָ האָלץ, וועלכער האָט צוזאַמען מיט יאָהאַן שלאַף אַרויסגעגעבן אַ ריי עסקיזן אונטער טיטל Papa Hamlet, — אַן אָפּנהערציק ווערק אין זאָלאַס געשמאַק. די שמועסן מיט האָלצן וועגן זאָלאַס נאַטוראַליזם האָבן אויף הויפּטמאַנען געמאַכט אַ רושם. אַזוי איז געבילדעט געוואָרן אַ גרופּע דראַמאַטורגן־נאַטוראַליסטן. אין דעם זעלביקן 1889 יאָר איז אויף דער סצענע אויפגעפירט געוואָרן הויפּטמאַנס דראַמע, וועלכע האָט אָנגעמאַכט דעם פריער באַשריבענעם טומל.

די דאָזיקע דראַמע האָט זיך גערופן **פאַרזונענאויפגאַנג**. זי האָט אין זיך פאַרקערפּערט דעם אידעאַל, וואָס זאָלאַ האָט געמאָלט. די, וואָס האָבן הויפּטמאַנען גערופן „דראַמאַטורג פון העסלעכקייט", זיינען געווען פונקט אַזוי פיל גערעכט, ווי די, וואָס האָבן פאָרגעוואָרפן זאָלאַען זיינע ניט־אָנשטענ־דיקע בילדער. די סביבה, וואָס הויפּמאַן פירט אַרויס, דערמאָנט די קעלערס פון שיכּרות און אויסגעלאַסנקייט, וועלכע פיגורירן אַזוי אָפט אין דער גע־שיכטע פון די רוגאָן־מאַקאַרס. די מיטגלידער פון דעם פויער קראַוזעס משפחה זיינען אַלקאָהאָליקער און אַנטאַרטיקער. מיר האָבן פאַר זיך ניט קיין מענטשן, נאָר אין תאווה פאַרזונקענע חיות, און דער אויטאָר שאַנעוועט ניט קיין גראָבע פאַרבן אויסצומאָלן זיינע העלדן. די פרוי קראַוזע איז קאַל וויל־העלמס, — איר שוועסטערקינדס און איר טאָכטערס חתנס — אַ געליבטע. קראַוזע אַליין איז פון אַלקאָהאָל און צעלאָזנקייט געוואָרן כמעט אַן אידיאָט. אויסער זיך וואַרפט ער זיך מיט העסלעכע כוונות אויף דער אייגענער טאָכ־טער, בשעת זי וויל אים אַ שיכּורן אונטערהאַלטן. דעם אויטאָרס רעמאַרק מאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק: „ער נעמט זי אַרום מיט דער אומגעלומפּערט־

קיים פון אַ גאַרילע און מאַכט עטלעכע אויסגעלאַסענע זשעסטן. העלענע לאָזט אַרויס אַ פּערשטיקטן געשריי נאָך הילף". קעגן דער דאָזיקער עקלהאַפ־טער סצענע בלייבן די בילדער פון מענטשלעכן פאַלן, וועלכע דער אַוטאָר פון רוגאָן מאַקאַרס האָט געשילדערט. איבער קראַוזעס משפּחה איז עפּעס ווי הענגען געבליבן אַ פאַראויסבאַשטימטער אורטייל פונם גורל, און ס'איז ניטאָ אַזוינס, וואָס זאָל מציל זיין אירע מיטגלידער פון מאָראַלישן טויט. שיכּרות איז אין דער דאָזיקער משפּחה אַ ירושה־קראַנקהייט, — יענע ערשטע זינד, פאַר וועלכע עס מוזן צאָלן צענדליקער דורות. קראַוזעס אייניקל איז געשטאָרבן פון אַלקאָהאָליזם, ווען ער איז אַלט געווען דריי יאָר. דאָס אָרע־מע קינד האָט זיך געצויגן צום פלעשל מיט עסיק, מיינענדיק, אַז דאָס איז בראַנפן. די פלאַש איז געפאַלן און האָט זיך צעבראָכן. דער ייִנגל איז גע־פאַלן אויף די שטיקלעך גלאָז פונם צעבראָכענעם פלעשל און איז אויסגע־גאַנגען מיט בלוט. פונדעסטוועגן האָט קראַוזעס טאָכטער, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיטן אינזשעניער האָפמאַן, נאָך קינדער. זי טרינקט ביז זי פאַרליר־דעם באַוואוסטזיין און דער צושויער הערט די קרעכצן פון דער אומגליקלע־כער, וועלכע פייניקט זיך אין ווייעניש, און בשעת מעשה טראַכט ער אין אימה, אַז אָט איז גרייט געבוירן צו ווערן אַ נייער שטאַם פון דער אַנטאַר־טיקטער משפּחה, וועלכער איז פון געבוירן טאָג אָן פאַרמשפּט אויף ליידן און אומזין. קראַוזעס משפּחה איז ניט קיין אויסנאַם. לויט דעם דאָקטאָר שימעל־פעניגס רייד, וועלכער האָט זעקס יאָר שטודירט דעם קאַנט, איז דאָ אַלץ צע־פוילט אויף דורך און דורך: „שיכּרות, בלוטצעמישונג, אַנטאַרטונג כּסדר".

אַזאַ איז דער ערשטער שטריך פון דער נאַטוראַליסטישער דראַמע. הויפּט־מאַן האָט אין איר אַריינגעטראָגן יענעם גראָב מאַטעריאַליסטישן בליק אויף דער מענטשלעכער נאַטור, וועלכער האָט זיך אַזוי בולט בעלאָזט זען אין דעם נאַטוראַליסטישן ראָמאַן. הויפּטמאַן גייט נאָך ווייטער אויך אין דער הינ־זיכט, וואָס ער זעט די סיבה פון דעם שלעכטס אין דעם, וואָס די שלעכטע אייגנשאַפטן ווערן איבערגעגעבן בירושה. צו האָפמאַנען איז צופעליק געקו־מען צו פאָרן אַלפרעד לאָט, האָפמאַנס אַמאָליקער חבר. זייערע וועגן זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. האָפמאַן האָט פאַרגעסן די אַמאָליקע טרוימען און אידעאַלן. לאָט איז זיי געבליבן געטריי. איינער גרייט זיך ווערן אַ מיליאָ־נער, דער צווייטער איז אַן אָרעמאַן. איינער זוכט אויס דעם זאַפט פון די קוילנגרעבער, דער צווייטער איז געקומען אויספאָרשן די באַדינגונגען פון זייער עקסיסטענץ. לאָט פאַרליבט זיך אין העלענען, דעם אַלטן קראַוזעס

טאָכטער. זי איינע האָט אים פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט. לאָט האָט באַשלאָסן מיט איר חתונה צו האָבן. ער האָט געטרוימט וועגן אַ שידוך מיט אַ מיידל, וועלכע זאָל זיין פּויש און גייסטיק געזונט. לאָט וויל ניט אָנפּרוכפּערן קיין נעווראַסטעניקער און אַלקאָהאָליקער. העלענע, וועלכע איז געווען אַ נידערגעשלאָגענע אין דער שרעקלעכער סביבה, צווישן שכורים און בעלי־תאוות, האָט אָפּגעלעבט, ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט לאָטן. דער געדאַנק וועגן פאַרבינדן זיך מיט דעם דאָזיקן מענטשן, וועגן אַ געזונטן נוצלעכן לעבן, האָט זי באַפּליגלט. אַלע אירע געדאַנקען האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דעם דאָזיקן שידוך. אָבער פּלוצלונג האָט זיך לאָט דערוואוסט וועגן דעם סוד. דער דאָקטאָר שימעלפעניג האַלט פאַר זיין חוב אויסצוזאָגן אים וועגן דעם גיפט, מיט וועלכן העלענעס בלוט איז אָנגעזאַפּט, וועגן דעם, אַז דער שידוך מיט איר וועט אַרויסברענגען אַ נייעם פאַרשאָלטענעם שטאַם, און אַ ריי אומגליקלעכע דורות וועלן מיט זייערע יסורים מוזן צאָלן פאַר דעם דאָזיקן שידוך לאָט איז אַנטלאָפן פון דער דאָזיקער פאַרפּעסטעטער הויז, צעבראָכן העלענעס האַרצן; זי האָט זיך דערשטאָכן מיט אַ יאַגד־מעסער.

הויפּטמאַן, ווי מיר זעען, איז לויט זיין גייסט נאָענט צו זאָלאַ: דאָס זעלבע אַריינדרינגען אין דער טבע פון זינד, די זעלביקע שטרעבונגען קלאָר צו מאַכן די געזעצן פון ירושה. נאָר אין הויפּטמאַנס דראַמע איז פאַראַן עפּעס נייס, וואָס דער פראַנצויזישער נאַטוראַליסט האָט ניט. זאָלאַ איז קיינמאָל ניט געווען קיין פריידיקער פון באַשטימטע סאָציאַלע פּרינציפּן. ער האָט נאָר באַאָבאַכטיקט די דערשיינונגען, אין קאָפּ געמאַכט מיט זיי עקספּערימענטן און אויפגעקלערט די נאָענטסטע סיבות. הויפּטמאַן איז אַ פריידיקער, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פון אַ באַשטימטער פּראָגראַם. זיינע אידעאַלן האָט ער פאַרקערפּערט אין לאָטן. לאָט איז גלייכצייטיק דער טרעגער פון וויסנשאַפטלעכן און סאָציאַליסטישן גייסט פון זיין צייט. ער איז גלייכצייטיק אַ פאָרשער און אַ קעמפער. פאַר אים איז די וויסנשאַפט ניט קיין ציל פאַר זיך, נאָר אַ מיטל קלאָר צו מאַכן זיין אַקטיווע פּראָגראַם, אַ געווער אין קאַמף קעגן דער אומגערעכטיקייט. אין זיין אַלטרויִזם גופא איז דער אויסגאַנגספּונקט עגאָיִזם. זיין געדאַנקענגאַנג איז אַזאַ. ער וויל זיין גליקלעך, אָבער כדי צו ווערן גליקלעך, דאַרף מען, אַז פריער זאָלן אַלע אַרום אים זיין גליקלעך. צו זיין גליק איז נייטיק, „מען זאָל אַרום ניט זען ניט קיין קראַנקהייטן, ניט קיין אָרעמקייט, ניט קיין קנעכטשאַפט, ניט קיין נידעריקייט". ער קאָן זיך „זעצן צום טיש סיידן דער לעצטער". די וויסנשאַפט איז פאַר אים נאָר געווען אַ מיטל, ווי געזאָגט.

אונטערצושיידן צווישן נאָרמאַלן און אומנאָרמאַלן. „מיר איז ניט שווער געווען, — זאָגט ער צו העלענען, — דערטראַכטן זיך צו דערצו צוליב דעם גאַנג פון מיין אַנטוויקלונג, צוליב די שמועסן מיט מיינע פריינד, צוליבן לייענען, און צוליב די אייגענע געדאַנקען". ער האָט פאַרשטאַנען די אייגנאַרטיקייט פון דער אָרדענונג פון זיין צייט. „עס איז אַן אומזין, וואָס דער אַרבעטנדיקער הונגערט, און דער פוילער לעבט אין לוקסוס. עס האָט קיין זינען ניט צו באַשטראָפן פאַר רציחה אין פרידלעכער צייט, און רימען פאַר איר אין מלחמה-צייט. עס האָט קיין זינען ניט צו פאַראַכטן דעם תליון, און אַליין, ווי דאָס טוען אַלע זעלנער, שטאָלץ אַרומשפּאַצירן מיט רציחה-געווער ביי דער זייט, — מיט דעם שווערד אָדער דער שפּאַגע. ווען דער תליון וואָלט זיך געלאָזן שפּאַצירן מיט זיין האַק, וואָלט מען אים געוויס פאַרוואָרפן מיט שטיינער". דעם קאַמף מיט די אַלע זינלאָזיקייטן האַלט לאָט פאַר דער אויפגאַבע פון זיין לעבן.

עס איז אָבער קנאַפּ צו פאַרשטיין דאָס שלעכטס. מען דאַרף נאָך קענען געפינען באַשטימטע וועגן פון קאַמף קעגן אים. און, ס'איז קיין ספק ניט, דער וועג, וועלכן לאָט קלייבט אויס, פאַלט צונויף מיט די וועגן, איבער וועלכע עס גייט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע שלעכטס איז, ווי אין אַ פאָקוס, קאָנצענטרירט אין די באַציִונגען צווישן דעם אונטערנעמער און דעם אַרבעטער. קינדווייז נאָך איז שוין לאָט געווען אַן עדות אויף דעם פאַקט, וועלכער האָט אויף אַ גאַנץ לעבן איבערגעלאָזן אַ טיפן שפּור אין זיין נשמה. זיין פאָטער האָט געוואוינט בשכנות מיט אַ זייף-פאַבריק. אויף דער דאָזיקער פאַבריק האָט שוין פינף יאָר געדינט אַן אַרבעטער, וועלכער האָט צום סוף אָנגעהויבן שטאַרק צו הוסטן און דאַרן. דער דאָקטאָר האָט אים געראַטן פאַרלאָזן די אַרבעט, וועלכע וועט אים אומפאַרמיידלעך דערפירן צו שווינדזוכט. אָבער ביי דעם אַרבעטער זיינען געווען אַכט מאַן קינדער און ער איז פאַרבליבן אַרבעטן. „אין איינעם אַ הייסן אווגוסט-טאָג, — דערציילט לאָט, — האָט ער מיט גרויס מי געשלעפּט אַ וועגל מיט וואַפּנע איבערן הויף. איך האָב גראַדע געקוקט דורכן פענסטער, און האָב באַמערקט, אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ וואַקל געטאָן און פלוצלונג געפאַלן ווי גרויס ער איז אויף דעם ברוק". מען האָט אים ניט באַוויזן צו ברענגען אַהיים — ער איז געשטאָרבן אין וועג. אין אַ וואָך אַרום האָט מען אַרויסגעשלעפּט זיין פרויס קערפּער פון טייך, אין וועלכן עס איז פון זאָרג אַראָפּגערונען דער לייג. „יאָ, פריילין, — ענדיקט לאָט זיין ערציילונג, — ווען מען דער-

וויסט זיך פון דעם אַלעמען, אַזוי ווי איך ווייס עס איצט, איז, שוין גלויבט מיר, ניט מעגלעך צו לעבן רויִק. אַ פּשוט שטיקל זייף, וואָס קיינער אויף דער וועלט האָט וועגן דעם ניט געטראַכט, און ריין אויסגעוואַשענע, אויסגעצערטלטע הענט קאָנען אַריינברענגען אין דער שווערסטער שטימונג. דער וועג, וואָס לאָט קלייבט אויס, איז קלאָר. ער קומט צו פאָרן אין דעם אָרט, וואו זיין געוועזענער חבר קלייבט אָן עשירות, כדי דאָרט „אויסצושטודירן די אָרטיקע באַדינגונגען". ער וויל אין משך פון דעם חודש אַראָפּלאָזן זיך אין די שאַכטעס, כדי אויסצופאָרשן די פּראָדוקציע און דערנאָך אָנשרייבן אַ ווערק פון „באַשרייבונגס־כאַראַקטער" וועגן דער לאַגע פון די קוילן־גרעבער. נאָר אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער בדעה אָנצורירן אויך „די באַציונגען, וועלכע זיינען די סיבה פון דער דאָזיקער לאַגע". ניט קוקנדיק אויף די אַלע אויסריידן און אויף לאָטס שטרעבונג צו אָביעקטיוויטעט, איז האָפּמאַן זייער באַאומרויִקט פון דעם דאָזיקן „געפערלעכן" מענטשנס קומען, און ער בעט זיין אַמאָליקן חבר אָפּצוטראָגן זיך אַהיים.

הויפּטמאַן האָט אָנגעהויבן פון דער אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעכער אָנשויונג אויפן לעבן, אָבער ביסלעכווייז פאַרכאַפּט אים די סאָציאַלע פראַגע אַלץ מער. אמת, נאָך אַ ביסל צייט וועט זיך הויפּטמאַן פאַרנעמען מיט פאָרשן די נערוועזע מענטשן פון היינטיקער צייט. אין „יום טוב פון פרידן" שילדערט ער, אַזוי ווי כדי צו פאַרענטפערן לאָטס האַרטהערציקן באַגיין זיך קעגן העלענען, אַ משפּחה, אין וועלכער די קינדער שטאַמען פון קראַנקע עלטערן. לאָט האָט מורא געהאַט צו גרינדן אַ קראַנקע משפּחה. אָבער אַזעלכע משפּחות עקסיסטירן, און דאָס שרעקלעכע בילד פונם לעבן ביי אַזאַ משפּחה, וואָס הויפּטמאַן האָט אויסגעמאָלט, האָט געדאַרפט ווי באַשטעטיקן, אַז לאָט איז געווען גערעכט. אַ משפּחה־דראַמע וויקלט זיך פאַר אונז פונאַנדער אויך אין איינער פון הויפּטמאַנס בעסטע פּיעסעס — איינזאַמע. דאָ הערט זיך אַפילו אַ בייער מאָטיוו, וועלכער וועט שפּעטער ווערן דער הערשנדער ביים דעם אַוטאָר פונם דערטרונקענעם גלאָק. דאָ איז הויפּטמאַן פון אַ סאָציאַלן פּאָעט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אינדיווידואַליסט. סך הכל איז אַריבער אַ יאָר זינט מ'האָט געשטעלט הויפּטמאַנס דראַמע, און אָנשטאָט אַ סאָציאַל דעמאָקראַט, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיטן דאָרשט צו קעמפן פאַר דעם גליק פון דער מענטשהייט, שטעלט ער שוין אַלס טרעגער פון זיינע אידעאַלן אַרויס אַ געלערנטן, וועלכער איז פאַרנומען מיט אַ ספּעציעלער אַרבעט, אַ גייסטיקן אַריסטאָקראַט, וועלכער האָט הנאה דערפון, וואָס אין דער דיסערטאַציע „איז פאַראַן בלויז

אָנווייזונגען פון קוועלן אַליין צוועלף זייטן". יאָהאַן פּאָקעראַט האָט פון זיך פאַרטריבן אַלע זיינע געוועזענע חברים, ער שטרעבט צו העכערע וויסנשאַפטלעכע עראָבערונגען. אים דאַכט זיך, אַז די אידעען, פון וועלכע ער האָט אַמאָל צוזאַמען מיט די חברים געהאַלטן, זיינען פּוסטע דבורים און ראַדיקאַלע פראַזן. ווען אַננאַ מאַר דערציילט וועגן גאַרשינס קינסטלער, וועלכער פאַרלאָזט די מאָלעריי און ווערט אַ שול-לערער, פאַרשטייט עס פּאָקעראַט ניט. דער אַרבעטער פון דער קעסלפאַבריק, וועלכער איז געבויגן אין דרייען, שלעכט אָנגעטאָן, ווערט דערשטיקט פון מידקייט, האָט געצוואונגען דעם קינסטלער ריאַבינין קומען צום אויספיר, אַז כל זמן עס עקסיסטירן אַזעלכע עינויים, איז אַ פאַרברעכן צו טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ניט דעם דירעקטן ציל צו דערלייכטערן די דאָזיקע עינויים. דער קינסטלער ברוין, דער איינציקער פון פּאָקעראַטס חברים, וואָס האַלט אונטער די באַקאַנטשאַפט מיט אים, פאַרטראַכט זיך איבער גאַרשינס דערציילונג, און איבערצייגט זיך, אַז עס זיינען פאַראַן „זאַכן, וועלכע זיינען וויכטיקער", איידער בילדער און דיסערטאַציעס. אָבער פּאָקעראַט בלייבט זיך געטריי. ער פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס איז אַ שול-לערער נוצלעכער פאַר אַ געלערנטן. אויב אין פּאָקעראַטס פּערזאָן האָט הויפּטמאַן געוואָלט באַשאַפן דעם אַפּאָטעאָז פון דער פרייער פּערזענלעכקייט, דאַרף מען מודה זיין, אַז ער האָט ניט געלונגען אויסגעפירט זיין אויפגאַבע. פּאָקעראַט שטייט ניט אויף דער געהעריקער הייך. זיינע שטרעבונגען זיינען ניט קיין קלאָרע. און וואָס באַשטייט די באַדייטונג פון זיין דיסערטאַציע, פאַרוואָס ווערן פאַר איר געבראַכט אַזוי פיל קרבנות—אויף די דאָזיקע פראַגן איז שווער צו ענטפערן. זיין פאַרצוג לגבי די אַרומיקע טרעט ניט אַרויס בולט און שאַרף. ער איז סוף כל סוף אַ שוואַכער מענטש, ער נייטיקט זיך שטענדיק אין שטיצע. ער קאָן ניט מאַכן קיין סוף מיט ברוינען, נאָך דער קריג מיט אים איז ער גרייט בעטן מחילה, און זאָגט זיך דערפון אָפּ, נאָר ווייל אַננאַ מאַר צווינגט אָפּצוזאָגן זיך דערפון. זיינע באַציִונגען צו אַנען באַווייזן אויך זיין שוואַכקייט. אַננאַ האָט בעסער פאַר אים פאַרשטאַנען דעם כאַראַקטער פון די דאָזיקע באַציִונגען. „די גרעסטע געפאַר איז דאָך אין אונז גופא",—זאָגט זי. פּאָקעראַט האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם קאָנפליקט צווישן האַרץ און צווישן מוח, צווישן זיינע מענטשלעכע געפילן און זיינע איבערמענטשלעכע שטעבונגען. ער האָט געפונען אַן אויסגאַנג אין זעלבסטמאָרד. אָנשטאָט אַ שטאָלצן אינדיווידואַליסט האָט הויפּטמאַן באַשאַפן אַ נעווראַסטעניקער. דאָס פיבערישע לעבן פון דער נערוועזער צייט שאַפט ניט קיין פּאַסיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון שטאַרקע פּערזענלעכקייטן.

ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָט הויפּטמאַן געלונגען אויסגעפּירט זיין אויפגאַבע, ווען ער איז פון דער רעאַלער וועלט אַריבער צו דער וועלט פון מעשהלעך און האָט אויסגענוצט די מיטלען פון דעם, דאַכט זיך, שוין באַגראָבענעם ראָמאַנטיזם. אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין טעטיקייט אינטערעסירן אים די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער צייט מער פאַר אַנדערע, די ליידנדע מענטשהייט אינטערעסירט אים מער, איידער די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע.

די דראַמע די וועבער — דאָס איז דער בעסטער פּראָדוקט פון דער זייט פון זיין גייסט. אַלס אָרט פון דער אַקציע האָט ער אויסגעקליבן דאָס לאַנד, מיט וועלכן עס האָבן אים פאַרבונדן די זכרונות פון דער קינדהייט, און אין וועלכער אין די 40קער יאָרן האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ גרויסע סאָציאַלע טראַגעדיע. אין די צוואַנציקער יאָרן האָבן זיך קיין סילעזיע אַלאַז געטאָן אַ מאַסע אויסלענדישע אונטערנעמער און צוזאַמען מיט זיי האָבן זיך אויך באַוויזן די ליינענשפּינמאַשינעס, די דאָזיקע קאָנקורענטן פונם אַרבעטער. יעדע פאַבריק, וואָס האָט געגעבן אַרבעט איין טויזנט אַרבעטער, האָט אַוועקגעלאָזן מיט דער טאָרבע צען טויזנט האַנט־שפּינער. די קאָנקורענץ מצד ענגלאַנד האָט געצוואונגען די אונטערנעמער צו פאַרקלענערן דעם אַרבעטסלוין. פאַר אַ שטיקל לייוונט, איבער וועלכן עס איז אויסגעקומען צו אַרבעטן פינף־זעקס וואָכן צו זעכצן שעה אַמעת לעת, האָבן די וועבער פריער באַקומען צו צען טאַלער, איצט האָבן זיי אָנגעהויבן באַקומען זעקס. אַלערליי מינים שטייערן און אָפּצאָלונגען האָבן פאַרשלונגען אויך דעם דאָזיקן קבצנישן פאַרדינסט. „אין אַ פינסטערן אומגעזונטן קעמערל, — דערציילט איינער, וואָס האָט אַליין צוגעזען דאָס דעמאָלטיקע לעבן פון די שלעזישע אַרבעטער, — איז גאָרנישט ניטאָ אויסער דער וועבמאַשין, אַ האַלב איינגעפאַלענע בעט, פאַרדעקט מיט שמאַטעס, וואָס האָט פונדעסטוועגן געהייסן געלעגער, אַ שלעכטן הילצערנעם טיש, אַ באַנק און אַ טאַבורעט. דאָס קעמערל איז אַזוי ענג, אַז די קופּע קינדער דרייען זיך אין אים אַרום ווי ווערים, און קוים וואָס עס קלעקט אָרט פאַר די באַוועגונגען, וועלכע מען מוז מאַכן ביי דער אַרבעט. — אַזאַ קעמערל, וואָס דאָס שטעלכל ביי עפּעס אַ גוטבאַזיצער קאָן אין פאַרגלייך דערמיט אָנגערופן ווערן אַ רייכער שלאָס". די אונטערנעמער האָבן קיין אַכט ניט געלייגט אויף דער דאָזיקער שרעקלעכער אָרעמקייט. מען דערציילט, אַז איינער אַ גרויסער קאַפּיטאַליסט האָט די וועבער, וועלכע האָבן זיך געקלאָגט, אַז זיי האָבן ניט קיין ברויט, געענטפערט: טאָ עסט גראָז, וועלכע עס איז פאַראַן גענוג. און אַ צווייטער, ווען מען האָט אים פאָרגעלייגט אויסבעסערן די לאַגע פון די

אַרבעטער, האָט געמאָלדן, אַז ער וועט זיך ניט אָפּעסן דאָס האַרץ צוליב יעדן קבצן. לסוף האָבן די אויסגעהונגערטע וועבער אָנגעהויבן צו ווערן אומרויִק. ביי זיי איז פּאָפּולער געוואָרן דאָס לידל „דער בלוטיקער משפט אין פּעטערסוואַלדוי", אין וועלכן אַוטאָרן אָן אַנאָמען, די משוררים פון זייער צייט, האָבן כסדר צוגעגעבן נייע קופּלעטן. מ'האָט עס געזונגען אויף די גאַסן, אויסגעקלעפּט אויף די פאַבריקן, געזונגען אונטער די פענסטער ביי די פאַבריקאַנטן צוואַנציגער, וועלכע זיינען באַרימט געווען מיט זייער באַזונדערער אכזריות. איינער פון די צוואַנציגער איז עס אַרויסגעפּירט אין הויפּטמאַנס די וועבער אין דער פּערזאָן פון דרייסיגער. איינמאָל האָט מען איינעם פון די זינגער געכאַפּט, אַריינגעשלעפּט אין שטוב, אָנגעשלאָגן און איבערגעגעבן דער פּאָליציי. דער דאָזיקער פאַקט האָט געדינט אַלס סיגנאַל צום אויפשטאַנד: דעם 4טן יוני 1844 יאָר האָט זיך אַ המון וועבער אַלאָז געטאָן אויף די הייזער פון די פאַבריקאַנטן, צעבראָכן די מעבל, געפּטרט סחורות, פּאַפּירן א. אַנד. מיט דער הילף פון חייל האָט מען איינגעשטילט דעם אויפשטאַנד פון די דערצאָרנטע אַרבעטער, וועלכע האָבן געוואָרפן שטעקענער און העק אויף די סאָלדאַטן.

אַזעלכע זיינען געווען די געשעענישן, וועלכע זיינען אַרויסגעפּירט אין דער באַרימטער דראַמע ביי הויפּטמאַנען, וואָס איז אַליין געווען אַן אייניקל פון אַ שלעזיער וועבער. „ליבער פאָטער,—זאָגט ער אין זיין ווידמונג,—דיין ערציילונג וועגן דעם זיידן, וועלכער איז אין דער יוגנט אַלס אָרעמער וועבער, ווי די דאָ געשילדערטע, געזעסן ביי דער וועבמאַשין, האָט פאַר מיר געדינט אַלס קערן פון מיין ווערק און צי עס פעיִק צום לעבן, צי דאָס האַרץ איז ביי דעם אויסגעפוילט, — איז עס דאָך דאָס בעסטע, וואָס עס קאָן געבן „אַזאַ אָרעמאַן, ווי האַמלעט".

די וועבער איז אַ געזעלשאַפטלעכע דראַמע. דאָס איז אַ דראַמע ניט פון אינדיווידועלער, נאָר פון מאַסנפּסיכאָלאָגיע. ווי אין שעקספּירס יולי צעזאַר, איז דער טראַגיזם פון דער פיעסע קאָנצענטרירט אויפן קאַמף פון פּרינציפּן, אויף דעם קאָנפליקט פון סטיכישע שטרעבונגען, און ניט אויף דעם צוזאַמענשטויס פון ליידנשאַפטן, אָדער פּריוואַטע אינטערעסן; אַזוי ווערט דאָ די אַרבעטער־פראַגע אַרויסגעשטעלט אין איר גאָרער שרעקלעכער באַדייטונג. ביי זשאָרזש זאַנד און ביי דיקענסן האָבן נאָך דער פאַבריקאַנט און דער אַרבעטער ניט פאַרשטאַנען דעם זינען פון זייער לאַגע, די קעגנער האָבן נאָך ניט געפּרווט זייערע כוחות, זיי זיינען נאָך ניט אַריינגעטראָטן אין אָפענעם קאַמף. אין זייערע באַציִונגען איז נאָך דאָ אַ פולע מאָס פאַרשטענדעניש; די ליטעראַ־

טור האָט נאָך ניט אין אַלע דעטאַלן באַלויכטן די דאָזיקע באַציִונגען. דער פאַבריקאַנט האָט זיך נאָך ניט פּאַרפּעסטיקט אין אַלע פּונקטן פונם שלאַכט-פעלד. ער לאָזט נאָך איבער אַ פולע פּונקטן אָפענע, אויף וועלכע עס איז באַקוועם אָנצופאַלן. ער אַליין און פיל אַנדערע גלויבן נאָך אין זיין רעטונגסמיסיע. פילע זיינען נאָך איבערצייגט אין דער מעגלעכקייט פון פּאַליאַטיוון און טיילווייזע אויסבעסערונגען. דרייסיגער אין די וועבער איז שוין גאָר אַן אַנדערער. ער האָט שוין צופיל שונאים. קעגן אים טרעט אַרויס די געשיכטע. ער פילט זיך אין דער לאַגע פון אַ פעלדהער, וואָס פירט אַ שלאַכט אויף עטלעכע פראָנטן פאַר אַמאָל. קעגן אים טרעט אַרויס אַלדאָס פּראָגרעסיווע, אַלדאָס בעסטע אין דער געזעלשאַפט. פון אים פאָדערט זיך מער קונסט, מער שכל און ענערגיע. ער באַהערשט זיין לאַגע. ער ווייס די קראַפט פון דער געזעלשאַפטלעכער מיי-נונג, די באַדייטונג פון ווערטער וועגן יושר און הומאַנישקייט, און ער האָט זיך אויסגעלערנט באַנוצן זיי ניט ערגער פאַר אַ פאַרטגעשריטענעם אָראַטאָר און פּובליציסט. ער ווייס, אַז ער באַקומט צופיל, אַז צופיל אינטערעסן, מענטשן און פּרינציפּן ליידן פון זיין מעכטיקייט און קעגן דעם דאָזיקן נאַטירלעכן פאַר-באַנד פון זיינע שונאים שטעלט ער אַרויס אַ דורכגעטראַכטע און אַ קאָמפּלי-צירטע סיסטעם פון קאַמף. באַנדערבי און קאַרדאָנע האָבן מורא נאָר פאַר די קאָנקורענטן און פאַר די אַרבעטער. דרייסיגער האָט נאָך אויסער דעם צו רעכענען זיך מיטן געריכט, מיט דער פּרעסע, מיט דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, און ער זעט פאָראויס אַלץ, ער איז שטענדיק אויף דער וואַך און או-מעטום באַווייזט ער צו קומען אין דער צייט. ביי אים זיינען שטענדיק גרייט אַרגומענטן קעגן די מאַסע באַשולדיקונגען, וואָס שיטן זיך אויף אים.

מען באַשולדיקט דעם פאַבריקאַנט, אַז ער עקספּלאָאַטירט אָרעמע. הערט, ווי עס פאַרטיידיקט זיך אַ הייַנטיקער פאַבריקאַנט. ער שטעלט ניט אויס זיי-נע יתרונות, ווי עס האָט געטאָן באַנדערבי, וועלכער האָט ציניש געמאָלדן, אַז ער איז שטאָלץ דערמיט, וואָס ער איז אַן עקספּלאָאַטאָר. דרייסיגער איז קליגער. ער ווייס, אַז איצט איז געפערלעך סומך צו זיין זיך אויף זיין קראַפט און עזות, כדי צו באַרעכטיקן די עקספּלואַטאַציע. און ער מאַכט זיך בעסער פאַר אַ קרבן, אָנשטאָט אָפן גרויס צו האַלטן זיך מיט דער ראָלע פון תליון. „אַז דער דאָזיקער מענטש,—זאָגט ער,—האָט זאָרגן און שלאָפלאָזע נעכט, אַז ער נעמט אויף זיך אַ גרויסע ריזיקע, וועגן וועלכער דער אַרבעטער האָט קיין פאָרשטעלונג ניט, אַז אָפטמאָל דרייט זיך ביי אים דער קאָפּ פון חילוק, חיבור חיסור און כפל און חשבונות אָן אַ צאָל, אַז ער מוז טויזנטערליי זאַכן אויס-

רעכענען, משער זיין, און קעמפן קעגן דער קאָנקורענץ אויף לעבן און אויף טויט, אַז ביי אים גייט קיין איינציגער טאָג ניט אַריבער אָן צער און היזקות, — וועגן דעם, נישקשה, טראַכט מען ניט!... און וואָס פאַר אַ לאַסט ליגט אויפן פאַבריקאַנט, וויפל מענטשן זויגן פון אים און לעבן פון אים... ניין. איר וואָלט כאָטש איין מאָל געווען אין מיין פעל — וואָלט איר שוין אַ צווייטן מאָל ניט געוואָלט". דרייסיגער איז ניט נאָר צוגעגרייט צו פאַרטיידיקונג, ער קאָן אויך אָנגרייפן. דרייסיגער קאָן אָנפאַלן אויף די, וואָס אין זייער נאָמען פאַלט מען אויף אים אָן. די וועבער הונגערן, אָבער די געוויסנהאַפטע און די אַרבעטזאַמע אַרבעטן שטענדיק אויס אַזוי פיל, אַז זיי זאָלן קאָנען ערטרעגלעך לעבן. ער פאַרשוויגט קונציק דעם פאַקט, אַז די שכירות און די אומפינקטלעכקייט אַנטוויקלען זיך אַדאַנק דער פאַרטעמפנדיקער אַרבעט און דער אומוויסנהייט. ער קאָן יעדן פאַקט פאַרוואַנדלען אין אַ אַרגומענט קעגן זיינע קעגנער. אין זיין קאָנטאָר, וואו די וועבער גיבן אָפּ די אַרבעט, פאַלט אַן אַכטיאָריקער ייִנגל אין חלשות פון הונגער. אים האָט געשיקט אַ קבצן אַ טאַטע, וועלכער האָט ניין קינדער און אויף אַ צענטן וואַרט מען. ווען דער ייִנגל שעפּצעט קומענדיק צו זיך: „איך — וויל — עסן", ווערט דרייסיגער בלאַס, און רייסט שנעל איבער די וועבער, וועלכע האָבן געהערט דעם ייִנגלס שעפּצען: „מען קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס זאָגט ער". דרייסיגער פאַרשטייט די באַדייטונג פון דעם דאָזיגן אינצידענט. ער ווייס, אַז „עפּעס אַ שרייבערל איז שוין געוויס דערביי און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען אין די ציַיטונגען באַשרייבן די טראַגישע געשיכטע". דרייסיגער הייסט פאַר אַלעמען אין די אויגן אַריבערטראָגן דעם ייִנגל צו זיך אויף דער זאָפע, געבן אים אַ ביסל קאָניאַק. איין זאַך האָט דרייסיגער מורא: הייסן פאַר זייטיקע מענטשן אין די אויגן, מען זאָל דעם ייִנגל געבן עסן. פאַר דרייסיגערן איז ניט באַקוועם עפנטלעך צו באַשטעטיקן דעם פאַקט, אַז די, וואָס אַרבעטן אין זיין געשעפט, חלשן פון הונגער. ער צעגיסט זיך מיט אַ צאָרנדיקער פּיליפּיק קעגן דעם קינדס עלטערן: „דאָס איז געוויסנלאָז. ווי קאָנען די דאָזיקע מענטשן זיין אַזוי נאַריש! אָנגעלייגט אויף אים צוויי פּעק, און דער וועג — גוטע אָנדערטהאַלבן מייל... און דער שולדיקער וועט, פאַרשטייט זיך, סוף־כל־סוף זיין דער פאַבריקאַנט... דער פאָטער, די עלטערן, וועלכע שיקן אַזאַ קינד... יאָ, באַהיט גאָט — זיי זיינען דען עפּעס שולדיק? דער פאַבריקאַנט איז אין אַלץ שולדיק, ער איז דער שעיר לעזאזל". באַנדערביי וואָלט געהייסן אַרויסוואַרפן דאָס קינד הינטערן טיר. דרייסיגער איז צופיל קלוג, אַז ער זאָל אַזוי זיך באַגיין. ער איז אויך אויף זיין שטייגער

אָנגעשטעקט מיט דעם וויסנשאַפטלעכן גייסט פון זיין צייט. ער אָנערקענט דעם שרעקלעכן כאַראַקטער דערפון, וואָס דאָ איז געשען, אָבער ער זוכט די באַוואוסטסטע סיבה דערפון. ער פאַרלויפט דעם וועג זיינע קעגנער. אַוועק די צייטן, ווען דער פאַבריקאַנט האָט זיך געשטיצט נאָר אויף דער קראַפט. איצט האָט ער זיך אויך פאַרשריבן אין די רייען פון די טינטלער. ער קעמפט מיט דעם געווער פון היינטיקער צייט. כדי צו פאַרענטפערן זיין עקספּלואַטאַציע, שטיצט ער זיך אויף די זעלבע הומאַנישע פּרינציפּן, ווי זיינע קעגנער. ער איז אַכזריש צו אָרעמע, נאָר ער וועט זיך דערין קיינמאָל ניט מודה זיין. אין זיין קאָנטאָר הערט מען געבעטן און קרעכצן. דאָרט נאַרט מען די אָרעמע אָפּ אין חשבון, מען סטאַרעט זיך אויסצורעכענען אַן איבעריקן גראָשן פאַר דעם קלענסטן פעלער. מען טרייבט פון דאָרט אָן רחמנות אַרויס אַ וועבערין, ביי וועלכער דער מאַן איז קראַנק, און וועלכע קאָן קיין אויג ניט צומאַכן, מחמת זי דאַרף אַרבעטן; מען טרייבט זי אַרויס דערפאַר, וואָס זי בעט אַן אַוואַנס עטלעכע פעניג. אָבער דרייסיגער אַליין האָט קיינמאָל קיינעם ניט אָפּגעזאָגט. ער ברענגט קיינמאָל דאָס וואָרט „ניין" ניט אויף זיינע ליפּן, ווען עמעצער ווענדט זיך צו אים מיט אַ בקשה. ער שיקט פּשוט אָפּ צו זיין עקספּעדיטאָר, און דער עקספּעדיטאָר פייפער ווייס שוין גוט זיין עסק און קאָן די, וואָס ווענדן זיך צוליב צו, געבן דעם געהעריקן ווידערשטאַנד. בקיצור, די עקספּלואַטאַציע, וועלכע איז פריער געווען אַן אָפענע און אַ ציניש, איז איצט איבערגעדעקט מיט אַ קולטורעלער אויסערלעכקייט און מיט שיינע ווערטער. דרייסיגער קאָן אָפּשאַצן דעם אויסערלעכן דעקאָרום. ער פרעסט אַרויס ביי די אומגליקלעכע אָרעמע לייט אַ פאַלשע שבועה; ער פרעגט ביי זיי, צי קאָן אַן אַרבעטער, וואָס ווייס זיין פאַך, ביי אים לעבן ניט אין נויט, און די דערשלאָגענע אָנגעשראָקענע וועבער ענטפערן אויף דער דאָזיקער יעזויטישער פראַגע: יאָ.

צווישן דער מאַסע העלדן פונם קאַפּיטאַל, וואָס זיינען אַרויסגעפירט אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור פון XIX י"ה, פאַרנעמט דרייסיגער אַ באַזונדער אָרט. דער אַוטאָר האָט אויסגעמאָלט אַן עקספּלואַטאַטאָר פון דער לעצטער פאָרמאַציע, אַ קולטורעלן, אַ קלוגן און אַ גוט באַוואָפנטן צום קאַמף. ניט דער קאַפּיטאַליסט בלויז, נאָר די אַרבעטער זיינען ביי הויפּטמאַנען אויך געמאָלט אַנדערש, ווי ביי די שריפטשטעלער פון דעם פריערדיקן פעריאָד. מיר האָבן פאַר זיך ניט קיין באַזונדערע טיפּן מיט אַ דעטאַל באַאַרבעטער פּסיכאָלאָגיע, נאָר אַ סטיכישע מאַסע. אין אירע אַקציעס איז ניט צו זען קיין קאָנזעק-

ווענטקייט, אָבער דערפון דאַרף מען ניט מאַכן דעם אויספיר, אַז מען קאָן דעם דאָזיקן המון פירן וואוהין מען וויל. ווי די וועבער זיינען דערשלאָגן, ווי אונטערטעניק און דערשראָקן זיי זיינען, אָבער דער אָנוואַקסנדיקער גייסט פון פראָטעסט רייסט זיך דורך אין באַזונדערע מאָמענטן און דער שאַרפאויגיקער באַאָבאַכטער, וואָס זעט טיפער איידער דרייסיגער, וואָלט געקענט פאָראויסזען די דראָענדיקע געפאַר. דער זוטאָר שוינט ניט קיין פאַרבן צו מאָלן דעם דערנידעריקטן צושטאַנד פון די וועבער. זייערע קינדער ווערן געשוואָלן פון הונגער. די אַלטע לייט, וועלכע רירן זיך קוים מיט די פיס, גלייכן ניט אויס דעם רוקן ביז דעם לעצטן אָטעם. די געזונטע יונגע אַרבעטער און אַרבעטערינס ווערן נאָך עטלעכע יאָר אַרבעט פאַרוואַנדלט אין סקעלעטן. „און ווי איז עס מיר צו קוקן אויף זיי? — זאָגט די אַלטע באַזומערט וועגן אירע קינדער.— די מעכטער אָט — ווי זיי זעען אויס! באַלד וועט פון זיי קיין בלוטסטראָפּן ניט בלייבן. ווייסע זיינען זיי געוואָרן ווי לייוונט". די מאַנסביל זעען אויס ווי קלאָגעדיקע אָרעמעלייט „מיט איינגעפאַלענער ברוסט, מיט שטילן הוסטן, מיט שמוציק-בלאַסער פאַרב אין פנים. דאָס זיינען עכטע באַשעפענישן פון וועבערשטול, ביי וועלכע די קני זיינען פון שטענדיקן זיצן אויסגעבויגענע". זייערע פרויען — „אויסגעפייניקטע, פאַריאָגטע, דערשלאָגענע נפשות". ביי אַלעמען אויף די פנימער ליגט דער שטעמפּל פון דערנידעריקטקייט. זיי גייען אַריין אין קאָנטאָר מיט די פּראָדוקטן פון זייער גהינומשער פּראַצע ניט ווי אַרבעטער, וועלכע באַקומען מיט רעכט זייער פאַרדינסט, נאָר ווי אָרעמע, וועלכע בעטלען אויס ווי אַ נדבה יעדן גראָשן, און וועלכע מען איז יעדע רגע גרייט אַרויסצוטרייבן. זיי פּראָטעסטירן ניט, ווען מען נאַרט זיי אָפּ אין רעכענונג. זיי פאָדערן ניט, נאָר זיי בעטלען אויס דאָס וואָס זיי קומט. אמת, זיי קאָנען זיך יעדע רגע אָפּזאָגן פון זייער אַרבעט, אָבער אויפן יעדן איינעם וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט, קומען הונדערטער אַנדערע. „אונז געפעלט ניט אייער אַרבעט, — זאָגט דער עקספּעדיטאָר פייפער צום וועבער ריימאַן. — זאָלט איר שוין מער ניט קומען נאָך אַרבעט. ביי אונז זיינען פאַראַן פיל אַזעלכע, וואָס וועלן די פיס ניט שוינען, זיי וועלן קומען צו לויפן נאָך אַרבעט". אָט פאַרוואָס אויף די פנימער פון די דאָזיקע אָרעמע מענטשן ליגט אַ חתימה פון עפּעס אַ דערשלאָגנקייט, וועלכע מען באַמערקט ביי דעם אָרעמאַן, וואָס, איבערגייענדיק פון איין דערנידערונג צו דער אַנדערער און וויסנדיק, אַז קוים וואָס מען דולדעט אים, איז ער געוויינט זיך מצמצם צו זיין ביז דער לעצטער מעגלעכקייט".

עס וואָלט געשיינט, אַז ביי די דאָזיקע מענטשן קאָן זיך ניט אויפהייבן קיין גייסט פון פּראָטעסט, און דרייסיגער קאָן רויִק שלאָפן אין זיינע באַגולדטע פּאַלאַצן. אָבער עס טרעפן מאָמענטן, ווען דער מענטש, דערפירט ביז פאַרצווייפלונג, ווערט דורכגעדרונגען נאָר מיט איין פאַרלאַנג: אום יעדן פּרייז ענדערן דעם מזל. אַלע חשבונות, אַלע אויסרעכענונגען, וואָס דער שכל הישר דיקטירט, ווערן דערטרונקען אין דער איינציקער מעכטיקער שטרעבונג צו דערלייזונג. אין אַזעלכע מאָמענטן טראַכטן מענטשן ניט וועגן דעם מעגלעכן פּועל-יוצא פונם קאַמף, זיינען ניט אויסן די שאַנסן פון ערפאָלג, איין געדאַנק איז אין זייער נשמה גובר אַלע געפילן: אַזוי לעבן ווייטער קאָן מען ניט. דער המון, וואָס האָט נאָך מיט אַ רגע פריער געשיינט צו זיין פּאַסיוו און אונטערטעניק, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרימצאָרנדיקן שטראָם, וואָס וואַרפט אַלץ אום אויפן וועג. הויפּטמאַן האָט אויסגעמאָלט ס'דאָזיקע בילד, ווי אַזוי די קלאָגעדיקע שלעפּער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שרעקלעכן שטורעמדיקן ים. ער האָט באַוויזן, אַז ביי גאָר דער אומקאָנזעקווענטקייט, ביי גאָר דער ענדערלעכקייט פון די שטימונגען אין דער מאַסע, לעבן דאָך אין איר באַשטימטע סטיכישע אינסטינקטן, און נאָר יענער דעמאַגאָג קאָן אויסרעכענען אויף ערפאָלג, וועלכער עס ווירקט גראָד אויף די דאָזיקע אינסטינקטן. די וועבער בויגן זיך נידעריק פאַר דרייסיגערן, אָבער ווען ער גייט אַוועק, ריידן זיי אַרויס זייערע טענות. מיט נאָכגיביקער אונטערטעניקייט הערן זיי זיין רעדע, און פאַרזיכערן אים, אַז זיי לעבט זיך גוט, אָבער מיט אַנטציקונג הערן זיי נאָר דאָס באַרימטע לידל וועגן בלוטיקן משפּט און די רעדעס פון די אַגיטאַטאָרס יעגער און בעקער. דער ערפאָלג פון דער אַגיטאַציע ערקלערט זיך ניט דורך דער ענערגיע, די שיינע ווערטער און דעם כעס פון די אָנפירער, ווי עס מיינען דרייסיגער און דער קאָמיסאַר פון דער פּאָליציי, נאָר דורך דעם, וואָס דער באָדן איז גרייט. „אַמאָליקע צייטן איז אַלץ גאָר אַנדערש געווען — דעמאָלט האָבן די פאַבריקאַנטן אַליין געלעבט און דעם וועבער לעבן געלאָזן, הײַנט סטאַרען זיי זיך אַליין אַלץ צו פאַרשווענדן. און דאָס איז אַלץ, מיין איך, דערפאַר, וואָס דער העכערער קלאַס גלויבט שוין מער ניט אין גאָט, ניט אין טייוול. זיי האָבן די געבאָטן פאַרגעסן, און האָבן פאַר גאָטס שטראָף קיין מורא ניט. דאָס לעצטע שטיקל ברויט גנבענען זיי ביי אונז אַוועק, די לעצטע נערונג נעמען זיי אַוועק". אין די דאָזיקע ווערטער האָט דער אַלטער אַנזאָרגע ריכטיק כאַראַקטעריזירט די לאַגע, נאָר ער זעט די סיבה פונם שלעכטס ניט דאָרט, וואו זי

איז ווירקלעך באַהאַלטן. די אַמאָליקע פאַבריקאַנטן האָבן געגלויבט אין גאָט ניט מער פאַר די הייַנטיקע. עס איז אָבער אָנגעשטאַנען דער מאָמענט, וואָס מאַרקס האָט פאָראויסגעזאָגט. דער קאַפיטאַליסט איז ניט אימשטאַנד צו פאַרזיכערן דעם אַרבעטער אפילו די באַדינגונגען, וועלכע זיינען נייטיק אונטערצוהאַלטן דאָס לעבן. עס איז אָנגעשטאַנען דער מאָמענט, ווען דער פאַרדינסט הערט אויף צו פאַרזיכערן דעם אַרבעטער פון טויט. „איז מיר דען ניט אַלץ איינס,— זאָגט בעקער,—אויסצוגיין פון הונגער אויפן וועבשטול, צי אין רינע“. ניט די פראָפאַגאַנדע פון די וואָס ווילן אַריינטראָגן קריגעריי, נאָר דער דאָזיקער קלאָרער באַוואוסטזיין פון אומפאַרמיידלעכן טויט צינדט אָן די וועבער און רופט אַרויס דעם אויפשטאַנד. אין דעם דאָזיקן אומאויסמיידלעכן קאָנפליקט באַשטייט די גאַנצע באַדייטונג פון הויפטמאַנס דראַמע. ניט דרייסיגער, ניט די וועבער זיינען ניט אימשטאַנד אויסצומיידן דעם צוזאַמענשטויס. די סיבות פונם קאָנפליקט ליגן אויסער די אָנשטרענגונגען פון פריוואַטע פערזאָנען. זיי וואָרצלען זיך אין די באַדינגונגען גופא פון דער קאַפיטאַליסטישער פראָדוציר־אַרט. דאָס איז אַ צוזאַמענשטויס, וואָס שטאַמט פון קעגנזעצלעכע קלאַסן־אינטערעסן. ניט דיקענס, ניט זשאָרזש־זאַנד האָבן קיינמאָל אַזוי קלאָר און באַשטימט ניט געשטעלט די פראַגע. הויפטמאַן האָט מיט זיין דראַמע געמאַכט אַ סוף צו די אילוזיעס פון די ראָמאַניסטן, ווי מאַרק און ענגעלס—צו די טרוימען פון די אוטאָפיסטן. די סען־סימאָנס און די אָאוענס האָבן שוין מער ניט געקענט אויסרעכענען אויף ערפאָלג נאָך מאַרקסן, און דיקענסעס סענטימענטאַלער אַרבעטער—נאָך די וועבער. מען האָט הויפטמאַנען באַשולדיקט, אַז אין זיין דראַמע איז ניטאָ קיין העלד. פרידריך שפילהאַגען האָט געענטפערט די באַשולדיקער: „איר זוכט דעם העלד. איך האָב אים געפונען. דער דאָזיקער העלד—דאָס איז די נויט. די וועבער האָט מען דאָס ערשטע מאָל געשטעלט אין בערלין דעם 25 סעפטעמבער 1894 יאָר. און פאַר די ווייטערדיקע דריי יאָר האָבן זיי אויסגעהאַלטן העכער צוויי הונדערט פאָרשטעלונגען. דער אינטערעס צו דער פיעסע איז געוואַקסן וואָס אַ טאָג אַלץ מער, דערפאַר ווייל מען האָט זיך כסדר וועגן איר געאַמפערט, און דאָס האָט כסדר אונטערגעהאַלטן די אויפמערקזאַמקייט פון דער פובליק. דער מיניסטער פאָן־קעלער איז אין פרייסישן לאַנדטאַג אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע קעגן די טענדענציעס פון דער פיעסע, פון דער פראָווינץ זיינען כסדר אָנגעקומען ידיעות, אַז מען האָט די פיעסע פאַרבאָטן, — מיט איין וואָרט, די רעגירונג האָט אָנגענומען אַלע מיטלען, כדי צו פאַרשטאַרקן נאָך מער דעם שטאַרקן איינדרוק, וואָס הויפטמאַנס מערקווערדיקע דראַמע האָט געמאַכט.

צום סוף פון די 80קער יאָרן הייבט זיך אין אייראָפּע אָן דער קריזיס פון נאַטוראַליזם. עס הייבט זיך אָן די רעאַקציע קעגן דעם קולט פון דער מאַסע לטובת דער אַריסטאָקראַטישער פּערזענלעכקייט פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט — אַ רעאַקציע קעגן די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן אין דער ליטעראַטור און די פאַרטיידיקונג פון פאַנטאַזיע און פרייהייט אין שאַפן, די אַלטע ראָמאַנטישע געטער. דער בולטסטער אויסדרוק פון דער ערשטער שטרע־מונג איז געווען דער ניטשעאַניזם, און פון דער צווייטער — דער סימבאָליזם.

---

# ניטשעאַניזם און סימבאָליזם.

## IV

ניטשע און די דייטשע געזעלשאַפט. — דער איבערמענטש. — ניטשעס באַציִונג צו דער דעמאָקראַטיע און צו דער אידעע פון גלייכהייט. — די מאָראַל פון די הערן און די מאָראַל פון די קנעכט. — די באַציִונג צו דער פרוי. — אָפּקלאַנגען פון ניטשעאַניזם אין דער ליטעראַטור. — פאַלק אין פּשיבישעווסקיס ראָמאַן „Homo Sapiens“. — מאַגדאַ אין זודערמאַנס „די היים“. — מייסטער היינריך אין „דער פאַרטרונקענעם גלאָק“.

ניטשעס פילאָסאָפיע איז ניט קיין נייע פילאָסאָפיע. דווקא די דייטשע געזעלשאַפט, איבער וועלכער זי האָט געהערשט אין משך פון די 90-יקער יאָרן, האָט שוין ניט איינמאָל נאָך פאַר ניטשען זיך געלאָזן מיטרייסן פון שטאָלצע פריידיקער פונם אומבאַצוימטן אינדיווידואַליזם. די עיקרשטע שטימונגען, פון וועלכע די דאָזיקע פילאָסאָפיע באַשטייט, האָבן שוין געהאַט זייערע באַגאַבטע אויסדריקער, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צום אַוטאָר פון אַ ל ז אָ ש פּ ר אַ ך ז אַ ר אַ ט ו ס ט ר אַ. די אומרויִקע געניס פון דער „שטורם- און דראַנג“-עפּאָכע האָבן מיט כאַאָטישער ענערגיע אומגעוואָרפן אַוטאָריטעט און טראַדיציע, געפאָדערט אומבאַגרענעצטע רחבות פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשנס פערזענלעכקייט, האָבן פאַראַכט און פאַרהאַסט די געזעלשאַפטלעכע צוואַנגען. ביי די דייטשע ראָמאַנטיקער קאָן מען שוין באַגעגענען די באַפרייאונג פון די מאָראַלישע אָנשויונגען, וועלכע האָט געפונען אַזאַ גלענצנדע באַגרינדונג אין ניטשעס פּאַראַדאָקסאַלן בוך. צי דען וואָלט זיך דער אַוטאָר פונם בוך א ו י ף י ע נ ע ר ז י י ט ג ו ט ס א ו ן ש ל ע כ ט ס ניט אונטערגעשריבן אונטער פרידריך שלעגעלס פאָלגנדיקע ווערטער: „דער ערשטער כלל פון מאָראַל—דאָס איז דער בונט קעגן פּאָזיטיווע געזעצן, קעגן אָפּגערעדטער אָנשטענדיקייט. ס'גיט גאָר

בישט, וואָס זאָל זיין נאַרישער פאַר די מאָראַליסטן, ווען זיי וואַרפן אייך אויף, אַז איר זייט עגאָיסטן. זיי זיינען לחלוטין ניט גערעכט: וואָס פאַר אַ גאָט קאָן דער מענטש אַכטן, אויסער יענעם, וואָס איז זיין אייגענער גאָט"? צי דען איז דער טרוים וועגן אויבערמענטש שוין ניט אָנגעמערקט אין אַן אַנדער פראַזע פון דעם זעלביקן אַוטאָר: „דער אמתער מענטש וועט זיך אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלען אין אַ גאָט. זיין אַ מענטש און ווערן אַ גאָט—דאָס זיינען צוויי גלייכטייטשנדיקע אויסדריקן". די זעלביקע, וואָס ביי ניטשען, פאַראַכטונג צו די פאַרגיילעכע אינטערעסן פונם מאָמענט, דאָס זעלבע שטרעבן צו אייביקן און צו שיינהייט: „ניט דער וועלט פון פּאָליטיק גיב אָפּ דיין ליבשאַפט און דיין גלויבן,—ווערט געזאָגט אין פרידריך שלעגעלס אַטענעאום,—צו דער געטלעכער וועלט פון וויסן און קונסט ברענג פאַר אַ קרבן די אינערלעכסטע געפילן פון דיין נשמה און דעם הייליקן פייערדיקן שטראָם פון אייביקער פאַרפולקומונג".

היינע, וואָס האָט באַשאַפן די צויבערלעכסטע ראָמאַנטישע לידער, און אין דער זעלביקער צייט געזאָגט דעם קדיש אויף דער קבורה פונם ראָמאַנטיזם, היינע, וועלכער האָט אויף אַ משוגעהדיקן אופן פאַראייניקט אין זיין פּאָעזיע די קאַפּריזן פון פאַנטאַזיע מיט די שטרענגע פאָדערונגען פונם סאָציאַליזם, איז דאָס גאַנצע לעבן געבליבן אַן אַריסטאָקראַט און אַ אינדיווידואַליסט, און אין זיינע טרוימען וועגן דעם נצחון פון יושר, וועגן אויסבעסערן די לאַגע פון אַרבעטערקלאַס האָט זיך ניט זעלטן אַריינגעריסן דער אומרויִקער געדאַנק וועגן דער צייט, ווען די „מאָזאָליעדיקע הענט" וועלן צעברעכן די „פליטערלעך פון דער קונסט" און פאַרניכטן אַלץ, מיט וואָס עס ווערן געשטיצט די אילוזיע און די פּאָעזיע פון לעבן.

ניטשעס פילאָסאָפיע האָט ניט ערשיינט אין אַ פּאַרטיקער פאָרמע, ווי אַ מענע פון צעאוסעס קאָפּ. זי איז אָנגעוואַקסן אין משך פונם XIX י"ה. בשעת די דעמאָקראַטישע אידעע האָט געמאַכט אירע ערגאָבערונגען, און די עגאָיסטישע שטרעבונגען פון דער פּערזאָן זיינען אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט צוליב די אינטערעסן פון די מאַסן, האָט אין די שטאָלצע הערצער פון די גייסטיקע אַריסטאָקראַטן געזאָטן דער צאָרן קעגן די ניוועלירנדיקע טענדענצן פון דער עפּאָכע; זייער שכל האָט ניט געקענט שלום מאַכן מיט די אויסגלייכונג-שטרעבונגען, זיי האָבן געפאָדערט אונטערטעניקייט מצד די שוואַכע און האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגן פון זייער בכורה. אין 1845 יאָר איז אַרויס דאָס בוך פון מאַקס שטירנער: דער איינציקער און זיין אייגנטום. אין דעם

דאָזיקן ווערק קאָן מען געפינען די הויפּט־אידעען פון דעם אַווטאָר פון זאַ־ראַטוסטראַ, און דערביי זיינען די דאָזיקע אידעען אויסגעדריקט כמעט אַזוי בולט, ווי אין ניטשעס שאַפונגען. אויף אַזאַ אופן האָט נאָך מיט פערציק יאָר פאַר זאַראַטוסטרען אַ נביא שוין זיך געשטעלט אין קאַמף קעגן דער אמונה פון מיטלייד און דער אידעע פון גלייכהייט. אָבער ערב דעם 48 יאָר האָט אַזאַ פריידיקט ניט געקאָנט האָבן קיין ערפאָלג, מאַקס שטירנערס נאָמען איז געבליבן אין שאָטן, און ערשט אין אונזער צייט האָט ניטשעס ערשיינען גע־נויט צו דערמאָנען זיך אָן זיין פאַרגעסענעם פאָרגייער.

ניטשען אַליין האָט דייטשלאַנד באַגעגנט מיט שנאה. די געזעלשאַפט האָט מער אויף דער סצענע ניט געוואָלט זען קיין העלדן, זינט מאַרקס האָט געמאָלדן, אַז ניט דער געני און ניט די טועכצן פון איינעם, נאָר די מאַסע און די עקאָנאָמישע באַציונגען באַשטימען דעם גאַנג פון אַלע געשעענישן. דער עלטערער דור פון די ניינציקער יאָרן איז אָנגעפאַלן אויף דעם אוממאָראַלישן פילאָסאָף, וועלכער האָט, לויט ווילהעלעם יאָרדאַנס אויסדרוק, „מבטל געמאַכט אַלץ, וואָס איז נאָך געבליבן פונם גלויבן און דער ערע, פון דעם ווערט און דער פליכט פונם מענטשן". ווילבראַנד האָט שלעכט פאַרשטאַנען ניטשען און האָט אין איינעם פון זיינע ווערק דעם איבערמענטשן אין די הענט געגעבן די פעדער פון אַ פובליציסט און מיט באַהאַלטענעם פאַרגעניגן געשילדערט, ווי אַזוי עס זיינען חרוב געוואָרן די פּלענער פון דעם פילאָסאָף אַדלער, וועלכער איז אַנטלאָפן אויף אַן איינזאַמען אינזל און האָט געטרוימט צו גרינדן דאָרט דאָס לאַנד פון דער נייער מענטשהייט. „דאָס קריסטנטום איז אונזער גרעסטע אומגליק! — שרייט אויס דער ניטשעאַנער אַדלער. — עס פאַרוואַנדלט די וועלט אין אַ שפּיטאָל פאַר נישטיקע און שוואַכע, וויל אונז אַלעמען מאַכן פאַר זייערע ברידער. עס זינגט אונז אַ ליד וועגן דעם טאָל פון געוויין, אָנשטאָט צו פאַרמעסטיקן אין אונז די לעבנסקרעפטן, דאָס ערדישע שטרעבן צו שאַפ־דיקער אַרבעט! בודיסטן און פעסימיסטן, וועלכע פאַרטיליקן די וועלט, קומען, ווען פעלקער פאַרלירן די געזונטע גראָבע מאַכט, עלטערן זיך און ווערן קלו־גע. די מענטשהייט וויל זיין פאָראויס, דאָס איז ניט קיין חלום, ניט קיין טרוימעריי!"

אַדלערס פראָבעס גיבן זיך ניט איין. פאַר דער ניטשעאַנער „מאָראַל פון הערן" באַצאָלט אויך דער העלד פון דער שפּילהאַגענס ראָמאַן פאַוסטולוס מיטן לעבן. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַ קאָמערצראַט, אָבער כדי צו דערגרייכן ס'דאָזיקע גליק מוז ער צעברעכן דאָס האַרץ פון אַ

פשוטער פישערין, וועלכע ער פאַרפירט. ער באַקומט די פאַרדינטע שטראָף: איר חתן הרגעט אים. דער שווייצאַרישער שריפטשטעלער ווידמאַן איז אַרויס־געטראָטן קעגן ניטשען מיט אַ דראַמע, וואָס האָט זיך גערופן ווי ניטשעס קאַ־פּיטאַלע ווערק: אויף יענער זייט פון גוטס און שלעכטס. ווידמאַן פירט אַרויס אַ העלד, וועלכער האָט לאַנג שטודירט די געשיכטע פון דער פירשטלעכער משפחה מאַלאַטעסטאַ די רימעני. מחמת דער דאָזיקער אַרבעט פאַראינטערעסירט ער זיך שטאַרק מיט דער מאָראַל פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, מיט דעם פּרינציפּ וועגן דער הערשאַפט פון דער קראַפט, מיט דער שטרע־בונג זיך זעלבסט צו געפינען. איינער פון דעם העלדס קרובים דריקט אויס דעם גרונט־געדאַנק פון דער דראַמע: צי דען דאַרף דער נייער מענטש פון פען־דע־סיעקל האָבן דעם מענטשן פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, עפּעס אַ מין מאַקיאַוועלי, כדי צו שאַפן אַ טעאָריע פון גרעניצלאָזן־עגאָיזם, וועלכער הערשט אין אונזער צייט? וועגן דעם ריידן אונזערע אייגענע פּאָעטן און פילאָסאָפן, וועלכע סטאַרען זיך שוין גאַנצע צען יאָר צו פעסט־גרינדן די וועלט אויף די יסודות פון שטאַרקייט און שוואַכקייט אָנשטאָט די פריערדיקע יסודות פון גוטס און שלעכטס. זיי רופן עס אָן איבערשאַצונג פון מאָראַל, פּונקט ווי מען וואָלט קאָנען די טייערסטע בריליאַנטן פונם מענטשלעכן מין אויסבייטן ווי געלט. דער העלד קערט זיך סוף כל סוף אום צו די אַלטע אָנשויונגען צוליב אַ חלום. ער קערט זיך אום צו די אמתן, אויף וועלכע עס האָבן זיך אין משך פון יאָרהונדערטן געהאַלטן די מאָראַלישע יסודות פון דער מענטשהייט, און ער אָנערקענט ווידער, אַז די אמתע העלדשאַפט ליגט אין דער טיפעניש פון אַ גוטן האַרצן.

אַזוי האָט ניטשען באַגעגנט דער עלטערער דור, וועלכער איז ערצויגן געוואָרן אויף די דעמאָקראַטישע אידעען פונם מיטן יאָרהונדערט, וועלכער האָט מקריב געווען זיינע קרעפטן און טאַלאַנטן צו דינען דער עקספּלואַטיר־טער און ליידנדער מענטשהייט. די צייטונגען און די זשורנאַלן האָבן געשריען וועגן דער געפאַר פון דער נייער לערע און מזהיר געווען די יוגנט קעגן דעם רייץ פון דער פרייזדיקט, וועלכע האָט אַזוי פיל גערעדט צו די הייסע הערצער און אומרויִקע מוחות.

און אין דער אמתן איז עס דאָך געווען ניט גאָר קיין רעאַקציאָנערע באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ פּריידיקט פון אינדיווידואַליזם און אַריסטאָקראַ־טיזם, אָבער ניט פון יענעם אַריסטאָקראַטיזם, וואָס די ראָמאַנטיקער האָבן גע־וואָלט, נאָר אַן אַריסטאָקראַטיזם פון דעם נייעם מענטשן, וועלכער איז געבוירן

נאָך דעם יאָרהונדערט, וואָס האָט געהייליקט דעם קולט פון די מאַסן, געשטעלט צו דער פּערזענלעכקייט שטרענגע פאָדערונגען, וואָס האָט די דאָזיקע פּערזענלעכקייט געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס קומט פאָר. ניטשעס אויבערמענטש איז ניט קיין עגאָיסט. אמת, ער איז האַרטהערציק און ווייס ניט פון קיין מיטלייד, ער האָט ניט ליב דעם המון און פאַראַכט אים. ער שטרעבט צו זעלבסטבאַשטימונג און שאַצט העכער פאַר אַלץ די אייגענע פּערזענלעכקייט, אָבער ער איז ניט קיין עפּיקורעער. ער ליידט פיל און ברענגט קרבנות. זיין שטרעבן צו פאַרווירקלעכן זיין פּערזענלעכקייט איז גלייכצייטיק אויך די ערפילונג פון זיין חוב פאַר דער מענטשהייט, מחמת פאַרווירקלעכנדיק זיך, הייסט טאָן פאַר פאַרפולקומונג פון דעם מענטשלעכן מין. אויב די דעמאָקראַטישע מאָראַל האָט געפאָדערט, אַז די פּערזענלעכקייט זאָל זיך ברענגען אַ קרבן פאַר די אינטערעסן פון דער מאַסע, האָט ניטשעס מאָראַל פון דער פּערזענלעכקייט אויך געפאָדערט אַ קרבן אין נאָמען פון דעם טרוים וועגן אַ בעסערער צוקונפט. דער אַריסטאָקראַט, וועלכער איז געבוירן נאָכן 48-סטן יאָר, האָט ניט געקענט אויסנוצן דעם יתרון פון זיין לאַגע, ער האָט זיך שוין ניט געקענט אָפּטיילן פון דער מענטשהייטס אינטערעסן, און זיין איינזאַמקייט גופא האָט געשטאַמט פון ליידנשאַפטלעכן זוכן דעם אמת, פון פייַנלעכע מחשבות וועגן דער דאָזיקער מענטשהייט. די גרויסקייט פונם מענטשן באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז אַבריק, און ניט קיין ציל. דעם מענטשן קאָן מען ליבן דווקא דערפאַר, וואָס ער איז איבערגאַנג און אונטערגאַנג (אַלזאָ שפּראַך זאַראַטוסטראַ). דער דאָזיקער גלויבן אין דער פאַרפולקומונג פון מענטשן, דער דאָזיקער הייסער טרוים וועגן דעם עתיד פאַרלאָזט זאַראַטוסטרען קיינמאָל ניט, און פאַר זיין ליכט באַקומט די אכזרישע פּריידיקט אַ ווייכערע באַפאַרבונג. „איך האָב ליב יענעם, וועמ עס מיט זיך און טראַכט ווי אַזוי אויסצובויען אַ הויז פאַר דעם אויבערמענטש, און ווי אַזוי צוגרייטן פאַר אים אָן ערד, בעלי-חיים און צמחים; דען אַזוי טוענדיק, זוכט ער זיין אייגענעם אונטערגאַנג“ (אַלזאָ שפּר. זאַראַט.). געגליכן דערצו, ווי דער מענטש קוקט מיט פאַראַכטונג אויף אַפן, אַזוי וועט אַמאָל דער אויבערמענטש מיט פאַראַכטונג קוקן אויפן מענטשן. אַזוי אַרום איז דער נייער אַריסטאָקראַט—ניט דער אַריסטאָקראַט פון דעם אַבסאָלוטיקן עבר, וועלכער האָט געליבט נאָר זיינע פּריווילעגיעס, האָט אָבער פאַרגעסן זיינע חובות. עס איז אויף אים אַרויפגעלייגט אַ גרויסע אויפגאַבע. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די בעסטע טעג פון דער אַריסטאָקראַטיע, ער פירט ווידער אַמאָל די מאַסן צו גרויסע צילן

זאראטוסטרא נעמט אויפן פאסיק יעדערן, ווער עס שטעלט זיך אויף דעם דאזיקן וועג. „דו ווילסט גיין איבער דעם וועג פון דיין טרויער, וועלכער איז דער וועג צו דיר אליין? טא באווייז מיר, אז דו האסט רעכט און קראפט דערויף. צי איז אין דיר באהאלטן די נייע קראפט און דאס נייע רעכט? — די ערשטע באוועגונג? — די אליין פון זיך קייקלענדיקע ראד! וויפיל ערגייציקע ציען זיך צו דער הויך. דערוויז, אז דו געהערסט ניט צו זיי". אזוי האט געזאגט זאראטוסטרא, און אין זיינע ווערטער ליגט דער גאנצער טיפער און וויכטיקער זינען פון דער דאזיקער נייער פרייער פערזענלעכקייט. ער איז ניט דער אומרויקער געני פון „שטורם און דראנג", וואס האט פון זיך זעלבסט הנאה, וועלכער פראקלאמירט זיין קאפריז און אינסטינקט אלס העכסטן געזעץ, וועלכער ווארפט פון זיך צוליב זיין קאפריז אראפ די געזעלשאפטלעכע קייטן. ער ווייס, אז עס זיינען פאראן א פולע מענטשן, וואס ווען זיי ווארפן פון זיך אראפ דעם יאך פון אונטערטעניקייט, ווארפן זיי פון זיך אראפ די לעצטע ווערדע. ער וויל הערן ניט וועגן אויסלייזן דעם מענטשן פון יאך, נאר וועגן זיינע הערשנדיקע געדאנקען. זאראטוסטרען גייט ניט אן דאס, פון וואס דער מענטש איז פריי; פאר אים איז וויכטיק די פראגע: צו וואס איז ער פריי. ער ליבט יענעם, ווער עס ברענגט זיך פאר א קרבן דער ערד, כדי זי זאל אמאל ווערן א ארב פאר דעם אויבערמענטשן. דער מענטש דארף זיין דער באצווינגער פון זיך זעלבסט, דער הערשער איבער זיינע געפילן, דער האר איבער זיינע מידות טובות. זאראטוסטרא פאדערט גרעניצלאזע פרייהייט פאר דער פערזאן, אבער די דאזיקע פרייהייט ווערט געגעבן דעם באמת ווערדיקן. זי איז ניט רעכט, ניט זינלאזע פריווילעגיע, נאר היילִיקער חוב, שווערע, אבער אויך געערטע פליכט. די דאזיקע פרייהייט איז דער יאך פון דער נייער פארם. אין איר האבן זיך צונויפגעגאסן די אידעאלן פון דעם אוראלטן אריסטאקראטיזם, ווען דער אנפירער פון דער ווילדער הארדע האט ניט געוואוסט קיין גרענעצן פאר זיינע פארלאנגען, מיט די פאדערונגען פונם דעמאקראטישן און סאציאליסטישן יארהונדערט, ווען די אומגעווײנלעכע פערזענלעכקייט ווערט גערופן צו דינען דער מאסע. דאס לעבן פון דעם דאזיקן נייעם מנהיג איז פול מיט זעלבסטאפערונג. זיין פרייהייט, דאכט זיך נאך, אז דאס איז פרייהייט; ער קאן ניט געבן קיין פולע רחבות זיינע אינסטינקטן. פון אים ווערט געפאדערט באגרענעצונג פון די אינסטינקטן, קאמף מיט זיך זעלבסט.

נאר פאר דער שיין פון די דאזיקע הויכע פאדערונגען האט ניטשעס פי-

לאָסאָפיע געקאָנט באַרעכטיקט ווערן. ער האָט פיינט די דעמאָקראַטישע עפּאָכע. ניטאָ קיין פאַסטעך, געבליבן נאָר די טשערעדע. יעדער וויל גלייכהייט. אַלע זיינען גלייך. זאַראַטוסטראַ מאָלט דאָס טרויעריקע בילד פון דעם דאָזיקן נצחון פון די מיטלמעסיקייטן. אַלע העכערע פאַרלאַנגען זיינען בטל געוואָרן. עס קומט אָן די צייט, ווען דער מענטש איז מער נישט אימשטאַנד צו געבוירן קיין שטערן, ווען ער לאָזט ניט די פיילן פון זיינע פאַרלאַנגען העכער פאַרן מענטשן. „קוקט! איך וועל אייך ווייזן דעם לעצטן מענטשן — האָט זאַראַטוסטראַ געזאָגט. — וואָס איז אַזוינס ליבע? וואָס איז אַזוינס שאַפונג? וואָס איז אַזוינס שטרעבונג? אַ שטערן? — פרעגט דער לעצטער מענטש און פינטלט מיט אויגן. די ערד איז געוואָרן אַ קלייניקע און איבער איר שפרינגט אַרום דער לעצטער מענטש און מאַכט אַלץ קליין. זיין מין איז ניט אויסצוראָטן, ווי די ערדפליי. דער לעצטער מענטש לעבט אַלעמען אַריבער. מיר האָבן געפונען גליק! — זאָגן די לעצטע מענטשן, פינטלענדיק מיט די אויגן. זיי זיינען אויך פון די לענדער, וואו דאָס לעבן איז אומפריינדלעך, ווייל זיי האָבן ביי טיק וואַרעמקייט. זיי האָבן נאָך ליב דעם שכן און טוליען זיך צו אים, ווייל וואַרעמקייט איז נייטיק“. עס שטייט אָן די צייט פון איינגעשטאַנענקייט און בורזשואַזער רו. ניטאָ ניט קיין רייכע ניט קיין אָרעמע, — סיי דאָס, סיי יענץ איז צו באַלאַסטיקנד, — ניט קיין הערשנדיקע, ניט קיין אונטערטעניקע. קריגערייען אַנטשטייען נאָך, אָבער מענטשן איילן זיך שלום מאַכן, ווייל פון קריגן זיך ווערט קאַליע דער מאָגן. דער זיג פון דער גלייכהייט באַווייזט דעם אונטערגאַנג פון אַלץ, וואָס איז אומגעוויינלעך, וואָס גייט פאָראויס. דאָס גליק פון המון — דאָס איז דאָס גליק פון פוילקייט און טעמפקייט. דאָס לעבן איז אַ קוואַל פון תענוגים, אָבער דער דאָזיקער קוואַל איז פאַרסמט, ווען צו אים רירן זיך אָן די אומריינע ליפן פונם המון. „איך, — זאָגט זאַראַטוסטראַ, — האָב זיך איינמאָל געפרעגט און האָב מיך כמעט אַליין פאַרוואונדערט אויף מיין פראַגע: ווי? צי דען דאַרף מען אויך דעם המון האָבן פאַרן לעבן?“ דער געפיל פון עקל האָט אים געגעבן קראַפט און פליגלען, וועלכע האָבן אַרויפגעטראָגן אין דער הויך, צו די קוואַלן פון תענוגים, צו יענעם לעבן, וואָס דער המון רירט זיך אָן דעם ניט אָן. קיינמאָל האָט זיך דער אַריסטאָקראַטיזם ניט פאַרקליבן אין אַזעלכע ניטצוטריטלעכע הייכן, ניט אויסגעצאַמט זיין קאַסטישע אומבאַרירלעכקייט מיט אַ העכערער וואַנט פון דער איבעריקער מענטשהייט. נאָר די קלאָגעדיקע און די גאָרנישטיקע, וואָס זאַראַטוסטראַ רופט זיי אָן טאַראַנטולן, שרייען וועגן גלייכהייט, זיי פאָדערן

נקמה און שענדונג פאַר אַלץ, וואָס „איז ניט ענלעך אויף זיי", זיי שרייען קעגן אַלץ, אין וואָס עס איז פאַראַן כוח און קראַפט. אָבער דאָס לעבן שטרעבט אַליין צו דער הייך. עס האָט נייטיק הויכקייט, ובכן זייגען אויך נייטיק שטופן און דער קעגנזאַץ צווישן די שטופן און די שטײַגער; עס איז נייטיק פײַנטשאַפט, ווייל אין דער דאָזיקער פײַנטשאַפט ווערט באַשאַפן דער עתיד. „מענטשן זייגען ניט גלייך!" אַזוי זאָגט זאַראַטוסטרען דער געפיל פון יושר.

ניטשעס פילאָסאָפיע — איז אַן אַנטידעמאָקראַטישע פילאָסאָפיע. ווי יעדע לערע, וואָס איז אָפּגעריסן פונם לעבן, וואָס רעדט וועגן אידעאַלן זייער דערוויטערטע און פרעמדע פאַר דער היינטיקער צייט, איז זי פאַרמשפט אויף קורצע יאָר. גראָר די זעלבע מאַסע, וועלכע שטייט אויסער ניטשעס לערע, גיט די אידעען כוחות צו לעבן און צו וואַקסן. נאָר די בלוטיקע קרובהשאַפט מיט די מאַסן קאָן פאַרזיכערן דעם דענקער גייסטיקע אומשטערבלעכקייט. ניטשעס ערפאָלג — דאָס איז דער לעצטער העלער אויפפלאַם פונם אינדיווידואַליזם, איידער דעם ענדגילטיקן נצחון פונם געזעלשאַפטלעכן יסוד. פונדאַנען שטאַמט די אַכזרישע מאָראַל פון דער דאָזיקער לערע.

צווישן די פולע טעאָריעס פון דער מאָראַל, מערקט ניטשע אָן צוויי גרונטטיפן פון מאָראַל: די מאָראַל פון די הערן, און די מאָראַל פון די קנעכט. מאָראַלישע ווערטן זייגען שטענדיק באַשטימט געוואָרן אָדער דורך דעם הערשנדיקן שבט, וועלכער האָט מיט געפיל פון באַפרידיקונג אָנערקענט, אַז ער צייכנט זיך אויס פון דעם אונטערטעניקטן שבט, אָדער־זשע די דאָזיקע ווערטן זייגען באַשטימט געוואָרן דורך די איינגענומענע, קנעכט און אָפּהענגיקע פון אַלערליי מדרגות. די אַדעלע און די מעכטיקע האָבן באַשאַפן אַן אַנדער מאָראַל; זיי האָבן געהאַלטן פאַר גוטס די קראַפט און די מעכטיקייט, דאָס, וואָס איז געווען די אייגנשאַפט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט, האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַבסאָלוט גוט. זיי האָבן מער פאַר אַלץ פאַראַכט די שוואַכקייט, אונטערגעבנקייט און פאַלשקייט. דעם קעגנזאַץ צווישן „גוטס" און „בייז" האָבן זיי פאַרביטן אויף דעם קעגנזאַץ צווישן „איידל" און „פאַראַכט". דער איידעלער האָט אין זיך געשעצט דעם שטאַרקן, ער האָט געהאַלטן פון אַלץ, וואָס איז שטרענג און אַכזריש. ער איז ווייט געווען פון יענער מאָראַל, וועלכע זעט אין מיטלייד, אין טעטיקייט לטובת דעם צווייטן, אַ באַווייז פונם מאָראַלישן געפיל. ער האָט אויסגעלאַכט אָפּגעלאָזנקייט, אים איז מיטלייד ניט באַקאַנט. אַנדערש איז די מאָראַל פון די קנעכט. קלאָגעדיקע און שוואַכע, האָבן זיי זיך אָפּגעקערט פון אַלץ, וואָס איז ביי די הערן פאַררעכנט געווען אַלס מאָראַל. זיי האָבן אַרויס־

גערוקט און גערימט יענע אייגנשאַפטן, וועלכע דינען צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די ליידנדיקע. זיי האָבן געקריינט פאַר מידות טובת מיטלייד, געדולד, פלייסיקייט אַ מיטפילנדיק האַרץ. ווייל די דאָזיקע מעלות זיינען פאַר זיי געווען די נוצלעכסטע אייגנשאַפטן, און כמעט דער איינציקער מיטל אַריבערצוטראָגן די לאַסט פון זייער קיום. אַזוי אַרום איז די מאָראַל פון די קנעכט אין תוך אַריין אַ מאָראַל פון נוצן. און דאַן איז עס אַנטשטאַנען דער באַרימטער קעגנפאַרגלייך צווישן גוטס און שלעכטס. שלעכטס האָט מען גערופן אַלץ, וואָס איז שרעקלעך, שטאַרק, אַלץ וואָס ערלויבט זיך ניט צו פאַראַכטן. לויט דער מאָראַל פון די קנעכט, וואַרפט „דער בייזער" אָן אַ אימה, בשעת די מאָראַל פון די האַרן לערנט, אַז דווקא „דער גוטער" וואַרפט אָן און וויל אָנוואַרפן אַ שרעק, און „אַ שלעכטער" מענטש איז יענער, ווער עס רופט אַרויס פאַראַכטונג. די קנעכטישע וועלטאַנשויונג פאַראייניקט מיט דעם באַגריף וועגן „גוטס" די אידעע פון זיכערקייט. דער „גוטער" דאַרף זיין אַ גוטמוטיקער, אַ תם, אפשר אַ ביסל נאַרישעוואַטע. אומעטום, וואו די מאָראַל פון די קנעכט האָט געזיגט, ווייזט די שפּראַך אַרויס אַ טענדענץ צו דערנעענטערן די באַגריפן „גוט" און „נאַריש" (dumm).

די דאָזיקע לערע וועגן מאָראַל האַרמאָנירט אויפן בעסטן אופן מיט ניטשעס לערע וועגן איבערמענטשן און מיט זיין אַריסטאָקראַטיזם. די אויסגלייכנדיקע דעמאָקראַטישע טענדענצן פון אונזער צייט זיינען געגרינדעט אויפן פּרינציפּ פון מיטלייד און אויף דער רעליגיע פון מענטשנליבע. ניטשע צייכנט אָן מיט פאַרדראָס, אַז די הערשנדיקע מאָראַל פון אונזער צייט איז ד מאָראַל פון קנעכט, ניט פון הערן. ער פאַלט אָן אויף די אידעען פון מיטלייד. מיטפילן עמעיצן און רחמנות האָבן אויף אים, הייסט פאַראַכטן אים. „ווען איך האָב געזען אַ ליידנדיקן מענטשן, — זאָגט זאַראַטוסטראַ, — האָב איך מיך פאַר אים געשעמט, און אויב איך האָב אים געהאָלפן, האָב איך דערמיט זיין שטאָלץ דערלאַנגט אַ קלאַפּ". מען דאַרף פאַרניכטן אָרעמעלייט, בעלעבירות, אַלעמען, ביי וועמען דער געוויסן איז ניט ריין. מיטלייד מאַכט די לופט שטיקנדיק פאַר אַלע פרייע נשמות. ליבשאַפט צום נאָענטן איז עגאָיזם. „איך, — זאָגט זאַראַטוסטראַ, האַלט פאַר גלייכער צו אַנטלויפן פונם נאָענטן און ליבן דעם ווייטן".

מיט דער דאָזיקער גאווה בנוגע צום שוואַכן, מיט דער דאָזיקער טיפער איבערצייגונג, אַז די וועלט דאַרף געהערן צום שטאַרקן, זיינען אויך דורכגעדרונגען ניטשעס מיינונגען וועגן דער פרוי. וויפל אייניקע באַגראַפן זיינע



פרידריך ניטשע

האָבן זיך ניט געמיט מילדער צו מאַכן ניטשעס אורטיילן וועגן דער פרוי, קאָן דאָך די טיפע פאַראַכטונג צו דעם שוואַכן מין, וועלכע ליגט אין יסוד פון די דאָזיקע אורטיילן, ניט דורכגיין אומבאַמערקט פאַר זאַראַטוסטרעס צוהערער. ניטשע באַציט זיך פיינטלעך צו יעדן פרווו מצד דער פרוי צו עמאַנסיפּירן זיך פון דער טראַדיציאָנעלער ראָלע אירער אַלס שפּילצייג און ליאַלקע. אויב אַ פרוי פילט אַ נטיה צו דער וויסנשאַפט, ליידט זי געוויס אויף עפּעס אַן אומנאָרמאַלער אָפּוועגדונג אין געשלעכטלעכער באַציִונג. דער פרויס אומפרוכטבאַרקייט אַליין שאַפט שוין אין איר די נטיה צו מאַנסבילשע געשמאַקן. די ערוואַרטונגען, מיט וועלכע די פרוי איז פול בנוגע דער געשלעכטלעכער ליבע, פאַרשטעלן פאַר איר אַלע ברייטע פּערספּעקטיוון. צו לאַנג האָט זיך אין דער פרוי פאַרבאָרגן די שקלאַפין און דער טיראַן. דעריבער איז די פרוי ניט פעיִק צו פריינדשאַפט; איר איז באַקאַנט נאָר ליבע. די ליבע פון דער פרוי איז פאַרבונדן מיט אומגערעכטיקייט און פאַרבלענדטקייט צו אַלץ, וואָס זי ליבט ניט. פרויען זיינען נאָך קעץ און פויגל, אין בעסטן פאַל—קי. דעם מאַנסבילס גליק דריקט זיך אויס אין די ווערטער „איך וויל". דער מאַנסביל דאַרף ערצויגן ווערן כּאַר מלחמה, די פרוי — פאַר דעם קריגערס אָפּרו. די איינציקע באַשטימונג פון דער פרוי איז — קינדער האָבן. זי דאַרף זיין אַ שפּילצייג, אַ ריינע און אַ שיינע. זי דאַרף, ווי אַ דימענט, שיינען מיט די מידות טובות פון דער נאָך ניט עקזיסטירנדיקער וועלט. זי דאַרף פאָלגן דעם מאַנסביל. דער מאַנסביל איז דער הערשער, און דער פרויס חוב איז ברענגען זיך אַ מתנה צו איר הערשער.

דאָס איז די מאָראַל פון דער דאָזיקער פילאָסאָפיע. אין דער צייט פון אומפאַרגלייכלעכער אַנטוויקלונג פון די סאָציאַלע שטרעבונגען, צווישן דער פריידיקייט פון גלייכהייט און מענטשלעכער סאָלידאַריטעט, רופט זי צו שטאָלצער איינזאַמקייט, פאַרפעסטיקט זי די מאַכט פון די אויסדערוויילטע און באַשאַפט דעם אידעאַל פון אַ מענטשן, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן, וואָס קוקט אין דער ווייטער צוקונפט. אינמיטן דער מעכטיקער באַוועגונג לטובת די אומגליקלעכע און הילפלאָזע פאָדערט זי הארטהאַרציקייט און גלייכגילטיקייט, ערקלערט זי דעם עגאָיִזם אַלס אייגנשאַפט פון די אויסדערוויילטע. ניטשע פאַרגעסט, אַז מיטלייד און אַלטרויִזם איז ניט אַלע מאָל געווען די מאָראַל פון די שקלאַפן, אַז אויך די, וועלכע ער רופט הערן, מענטשן מוטיקע און שטאַרקע, האָבן אויף זיך אָפּט גענומען די איניציאַטיוו פון הילף, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פּריווילעגיעס און זייבן אַוועק ראַטעווען די

פאַראַכטע. אַוועקגעשליידערט אָן אַ זייט די מידות טובות, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר אייגנשאַפטן פון שוואַכע, האָט ניטשע אָפּגענומען ביי דער מענטשהייט די גאַראַנטיע פון קולטורעלן קיום, און די ערד פאַרוואַנדלט אין אַ פעלד פון בלוטיקן שלאַכט, אין אַ געדיכטן וואַלד, אַ באַזעצטן מיט ווילדע חיות. און דער דאָזיקער קאַמף ווייזט אים אויס ניט ווי אַ נעגאַטיווע ערשיינונג. דאָס איז יענע העכערע לעבנספאָרם, וועלכע שאַפט אַ מעגלעכקייט, עס זאָלן זיך אויסטיילן שטאַרקע און מעכטיקע, עס זאָלן אומקומען די לאָ־יוצלחס, און וועלכע ברענגט סוף כל סוף צו דער אומאויפהערלעכער פאַרפולקומונג פון דעם מענטשלעכן מין, צו דערצו, אַז דער מענטש זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ איבערמענטש. אין דער צייט, ווען די פרוי איז צוזאַמען מיט אירע געדריקטע אַרויסגעטראָטן צו פאַרטיידיקן אירע מענטשלעכע רעכט, האָט ניטשע געפאָדערט, אַז איר רעכטלאָזיקייט זאָל ווערן אַ געזעץ, ווייל אַלץ וואָס האָט ניט עראָבערט קיין הערשאַפט, האָט שוין דערמיט אַליין דערוויזן זיין נידעריקייט. ער האָט חרוב געמאַכט די אַלטע וועלט פון באַציִונגען, ער האָט אומגעשליידערט דאָס, וואָס האָט פאַרהאַלטן די פּראָגרעסיווע באַוועגונג, ער האָט אָבער ניט געשווינט דאָס, וואָס האָט געדינט אַלס ערבות פאַר אַ בעסערער צוקונפט. אָט פאַרוואָס אים איז ניט געלונגען פון ס׳ניי אויפצובויען די דאָזיקע וועלט. ער האָט געהאַט אַ משונה מזל: אייביק קעמפנדיק קעגן דעם שטראָם, האָט אים אַליין פאַרכאַפּט דער שטראָם פון דער מאָדע, און ער איז געוואָרן דער באַליבטער פון יענע „פילע־צו־פילע", וואָס זייער הסכמה האָט ער אַזוי פאַראַכט.

אָבער אין ניטשעס אַנטידעמאָקראַטישער פילאָסאָפיע און עגאָיִסטישער מאָראַל איז געווען איין העלע זייט — דאָס איז דער ליידנשאַפטלעכער רייסן זיך צו אַ אידעאַל, אמת, אַ נעפּלהאַפטן און אַ ווייטן, אָבער דאָך אַ הויכן. דער דאָזיקער טרוים וועגן איבערמענטש, וועלכער ווערט באַשאַפן דורך מענטשלעכע ליידן און אַלגעמיינעם קאַמף, האָט אויף זיין פריידיקט אַרויפגעלייגט אַ קאָלאָריט און צוגעגעבן איר אַ באַוואוסטן רייץ. מ׳האָט דעם דאָזיקן אידעאַל ניט פאַרשטאַנען; אים האָבן צעקאַליעטשעט די העלדן, וועלכע האָבן אָנגעפילט די דייטשע ליטעראַטור אין די נייַנציקער יאָרן. אויף אייניקע פון זיי וועלן מיר זיך אָפּשטעלן.

„האָמאָ סאַפּיענס" פּשיבישעווסקיס איז דערשינען אויף דייטש אין 1895 יאָר. פאַלק איז אַן איבערמענטש אין ניטשעאַנישן גייסט. „איך בין—איך, און אין דער זעלביקער צייט אַן אייגענע וועלט, און מיר גייט ניט אָן, צי איז

מען מיט מיר מסכּים, צי ניט". — זאָגט פאַלק וועגן זיך. ער האָט ליב דרייסטע כאַראַקטערן, שטאַרקע, מעכטיקע, וואָס אַלץ רייסן זיי און טרעטן, און גייען, וואוהין עס ציען זיי די אינסטינקטן זייערע,—דאָס אינערלעכע גרויסע הייליק־טום פון דער מענטשהייט,—די שטאַרקע מעכטיקע אינסטינקטן. ער האָט ליב די דאָזיקע איידעלע לייט, „וועלכע האָבן גענוג מוט און ווערדע, כּדי צו פאָלגן זייערע אינסטינקטן". ער פאַראַכט אָן אַ שיעור די שוואַכע, די מאָראַליסטן, די קנעכט, „וועלכע וואַגן ניט צו באַזיצן קיין אינסטינקטן". ער וויל ניט קיין דעמאָקראַטיע: „זי ניוועלירט און מאַכט וואולגאַר די מענטשהייט, פאַרגרעבט זי און לאָזט זינקען אין ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן". דער נצחון פון דער דעמאָקראַטיע וועט ברענגען די קיניגרייך פון קרעמער, דעמאַגאָגן, גאַרבער און פויערים, וועלכע האַסן אַלץ וואָס איז פיין, אַלץ וואָס שטייט העכער פאַר זיי. ער וויל ניט, אַז „אַלע פלעבעיִשע אינסטינקטן זאָלן זיין געריכטעט קעגן דעם, וואָס שטייט העכער". און אין דער זעלביקער צייט פילט ער מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. ער טיילט פונאַנדער זיין געלט אויף שטרייקן, אויף פּראָפּאַגאַנדירן רעוואָלוציאָנערע אידעען. אָבער ער טוט עס אַלץ לשם פאַר־ווײַלונג, איידער פון ערנסטן מיטפילן, מחמת „צו ווייניק אינטערעסירט אים דאָס לעבן". ער עקספּערימענטירט, לויט עס מיינט איינער פון זיינע חברים, ער זוכט עסטעטישע איבערלעבונגען.

און פאַלקס אַלע שטאָלצע שטרעבונגען ענדיקן זיך מיט אומערלעכע ראָמאַנען און מיט באַפרידיקן די נידעריקע תּאווה. ער שלאָגט אָפּ די כּלה ביי זיין פריינד, און יענע לאָזט זיך אַ קויל אין שטערן. ער טוט דעם דאָזיקן אַכזורישן טאַט ניט אָן וואַקלענישן. ער פייניקט זיך פאַר זיין פריינד, ער פּרובירט אַנטלויפן פון איזען, אָבער ער קערט זיך צו איר ווידער אום. ער האָט מיט איזען חתונה, און אין דער זעלביקער צייט צערייסט ער ניט דעם בונד מיט זיין געליבטער יאַנינען און פאַרגעסט אָן זיין גוטן פריינד. זיין תּאווה האָט ניט קיין גרענעץ. זיין ליידנשאַפט צו איזען איז אַרויסגעשפּרונגען אויגנבליקלעך: „פּלוצלונג האָט אים אָנגעכאַפּט דער געלוסט, עפּעס ווי אַ וואָלקן וואָלט פאַרדעקט זיין מאַרך און פאַרטונקלט אַלע געדאַנקען. ער האָט איר האַנט געפילט אויף זיינע ליפּן. ער האָט געפילט, ווי די וואַרעמקייט פון איר קער־פּער צינדט אָן זיין בלוט; ער האָט געפילט, אַז דער קלאַנג פון איר שטימע איז געשוואָומען, ווי אַ לאַשצענדיקע כוואַליע איבער זיינע נערוון". ער טאַנצט מיט איר אויפן באַל. „דאָס בלוט איז אים גלייך אַריין אין קאָפּ, ווען ער האָט צו זיך צוגעדריקט איר שלאַנקן קערפּער. עפּעס אַ קעסלגרוב האָט אים

אונטערגעכאַפּט און אַוועקגעשלעפּט. ער האָט געפילט, אַז זיי זייַנען זיך צונויפגעוואַקסן, אַז זי איז געוואָרן אַ טייל פון זיין נשמה. און ער טראָגט זיך אין ענדלאָזער באַרוישונג אַרום זיך זעלבסט, מיט זיך צוזאַמען". זיין חיהשן געפיל באַרעכטיקט ער מיט ניטשעאַנישע טעמים, ער זינגט פּאַנעגיריקס דעם אינסטינקט און פאַרטויבט די שטים פון געוויסן. ער איז ניט שולדיק, וואָס ער האָט באַגעגנט אַזאַ פרוי, וועלכע איז אים „אַזוי באַקאַנט", — מער באַקאַנט, איידער זיין פריינד. ער ווייס דען הפנים, פאַרוואָס ער האָט זיך געמיט צו זיין אינטערעסאַנט, צו וואָס האָט ער זי פאַרצויגן אין זיינע נעצן. „דאָס גרויסע Agens האָט די פרושינע אָנגעדרייט אַזוי, אַז די רעדער האָבן אומפאַרמיידלעך געמוזט זיך קייקלען אין דער און ניט אין קיין אַנדער ריכטונג".

אין אַ יאָר אַרום נאָך דער חתונה מיט איזען קומט ער צו פאָרן אַהיים אויף אַ קורצע צייט, און „פאַרבייגייענדיק" פאַרפירט ער די „קליינינקע" מאַריט. ער צעברעכט איינעם נאָכן אַנדערן די טראַדיציאָנעלע פּרינציפּן, וואָס די דאָזיקע מיידל האָט הייליק געהאַלטן, אַלס ערצויגענע אויף די יסודות פון מאָראַל און רעליגיע. זי האָט ניט קיין מאַכט צו קעמפן קעגן אים, הגם זי גיט אַ ווידערשטאַנד ביז דער לעצטער מעגלעכקייט. „איך גיי אַוועק, — זאָגט פאַלק, — איך לאָז דיר איבער דיין מאָראַל, דיין גלויבן, דיין מיידלשאַפט, און בין דיך מציל פון דער אַזוי גערופענער זינד". זי בעט זיך ביי אים, ער זאָל בלייבן, און ווערט זיין קרבן. זי דערוויסט זיך, אַז ער איז אַ באַווייבטער, און די פרומע מיידל געפינט דערלייזונג פון איר געוויסנס־פּיין אין זעלבסט־מאָרד. און אָפּגעטאָן דעם דאָזיקן נייעם פאַרברעכן, כדי צו באַפרידיקן זיין מאָמענטאַלע תאווה, געפינט ער זיך ווידער באַרעכטיקט, וואַריירנדיק זאַראַטוסטרעס רייד: „איך בין נאַטור, איך רויניר און איך גיב לעבן, איך טרעט איבער טויזנטער הרוגים, מחמת איך מוז! און איך לאָז געבוירן לעבן דורך לעבן, מחמת איך מוז. איך בין ניט איך. איך — דאָס איז וועלטאַל, די נאַטור, אָדער ווער עס זאָל ניט זיין, די אייביקע נאַרישקייט, דאָס אייביקע אויסלאַכן. איך בין גאָרניט מענטש. איך בין — אויבערמענטש! אַ געוויסנלאָזער, אַן אכזר, אַ פיינער, אַ גוטער — איך בין נאַטור. איך האָב ניט קיין געוויסן, זי האָט אים אויך ניט... איך האָב ניט קיין רחמנות: זי האָט עס אויך ניט... יאָ, איך בין אויבערמענטש". ווי ווייט איז דער דאָזיקער באַגריף וועגן אויבערמענטש פון זיין פּראָטאָטיפּ. ניטשע האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זיין טרוים וועגן דעם מענטשן פון דער צוקונפט, ער האָט ליב געהאַט די מענטשן פון דער געגנוואַרט, נאָר ווי אַן איבערגאַנג צו דעם דאָזיקן אויבערמענטשן; ער האָט פון זיי גע-

פאַדערט זעלבסטאָפּפּערונג און מאַכט איבער זייערע אינסטינקטן. פאַלק האָט די דאָזיקע פילאָסאָפיע פאַראיינפאַכט; ער האָט אָפּגעוואָרפן יענעם לאַנגן שווערן וועג, וועלכער פירט צו דעם פולקומען מענטשן. ער האָט פאַרגעסן, אַז לויט ניטשעס לערע זיינען די מענטשן פון דער געגנוואַרט נאָר אַן איבערגאַנגס-מדרגה. ער האָט זיך אַליין ערקלערט פאַר דעם אויבערמענטשן; פון די אייגנשאַפטן פון דעם אויבערמענטשן האָט ער איבערגענומען נאָר יענע, וועלכע האָבן געגעבן אַ גרענעצלאָזע רחבות פאַר די גראָבע אינסטינקטן פון זיין נאַטור.

„פאַר זיך אַליין נאָר זוכסטו פרייהייט", וואָלט מען אים געקאָנט זאָגן מיט די ווערטער פון פושקינס ציגיינער. זיין פרייע פריידיקט האָט ער נאָר פאַר זיך אָנערקענט. נאָר פון זיך אַליין וואַרפט ער אַראָפּ די קייטן פון דער טראַדיציע און פון די אָנגענומענע אָנשויונגען. אָבער ווען עס איז נוגע איזען, דערוואַכט אין אים דער דעספּאָט, דער מענט פון עבר, דער געטרייער קנעכט פון דער טראַדיציאָנעלער מאָראַל. איזעס געוויסן איז געווען ריין קעגן פאַלקן. אין אַ רגע פון יאוש, וואַקלענדיק זיך צווישן חתן, אויף וועלכן זי האָט רחמנות געהאַט, און צווישן פאַלקן, וועמען זי האָט ליב געהאַט, האָט זי נאָכגעגעבן דעם גוואַלדיקן אויפברויז פון דעם חתנס ליידנשאַפט, כדי איבערצוצייגן אים אין איר ליבע. מיט דער קאַלטער כיטרעקייט פון אַ קונציקן דעדעקטיוו האָט פאַלק ביי איר אַרויסגענאַרט איר אומגליקלעכן סוד, און, אַליין נאַרנדיק זי אויף טריט און שריט, האָט ער אַ גאַנצן לעבן ניט געקאָנט מוחל זיין איר אַמאָליקן פאַרברעכן. ער פילט אַ משוגענעם פאַרלאַנג „אַ שליידער צו טאָן די דאָזיקע פרוי אויף דער ערד, טרעטן זי מיט די פיס, צעשלאָגן זי מיט די פויסטן". ער, וואָס האָט איר אַזוי באַגייסטערט גערעדט וועגן פרייער ליבע, ווערט אויסער זיך ביים געדאַנק, אַז זי געהערט צו אַן אַנדערן; ער, וואָס האָט געפּריידיקט וועגן גרענעצלאָזער רעכט פונם אינסטינקט, פילט, אַז איזעס „חטא" איז פאַר אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפּעס אַן אָנוואוקס מיט לאַנגע שפּיצן, וועלכע „זויגן זיך איין אין יעדע פאָרע פון זיין נשמה, דריקן זיך מיט שטייגנדיקן צאָרן אַריין אין יעדן חלל און זויגן אָן דעם אָרגאַניזם מיט דעם דאָזיקן שרעקלעכן סם". ער, וואָס האָט אין דער קליינער מאַריטס מאָרד ניט זיך באַשולדיקט, נאָר די נאַטור, וועלכער עס איז וואוילגעפעלן געווען אים אויסצוווילן פאַר אַ געווער פונם מאָרד", — ער איז איצט ניט אימשטאַנד קעגנצושטעלן זיך דעם פליען פון זיין פאַנטאַזיע. זי האָט זיך פונאַנדערגע-שפּילט, זי וואַקסט זיך פונאַנדער, ווי אַ ווילדער וואַלד, ווערט „אַ שאַרפע און

אַ גיפּטיקע, ווי די פּייל פונם אינדיאַנער, אַ דערפינדערישע ווי עדיסאָן, אַן אומדערבעטלעכע ווי סאָקראַטעס". ער שטעלט זיך פאָר כמעט פיזיש קלאָר דאָס בילד פון איזעס פאַלן, און זיינע פיינט האָבן קיין גרעניץ ניט. אַזעלכער איז דער דאָזיקער ניטשעאַנער מיט ערדישע שוואַכקייטן און מיט סאָפּיסטישער לאָגיק. ער קאָן קונציק אויסניצן די לערע וועגן דער מאָראַל פון די הערן, יעדן נייעם ראָמאַן זיינעם, יעדע נייע גראַבע אינטריגע קאָן ער באַרעכטיקן אויפן נייעם שטייגער, מיט נייע באווייזן, מיט נייע פּסיכאָלאָגישע פּלפּולים.

פאַלקס געשיכטע איז ניט בלויז די געשיכטע פון דעם וועג, איבער וועלכן עס זיינען אַוועק די ניטשעאַנער פון אַ געווויסן טיפּ: זי שילדערט אויך דעם טרויעריקן סוף פון די דאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געוואָלט באַפרייען פון דער אַלטער מאָראַל. עס הייבן אים אָן צו פּייניקן די געשפּענסטער פון זיינע קרבנות. ער האָט איינמאָל באַגעגנט מאַריטס פאָטער, און האָט דערפילט אַ שטוף, גלייך ווי אַ בליץ וואָלט אים געטראָפן. ער האָט דערהערט דעם אַלטנס אויסגעשריי „רוצח!" דער אַלטער האָט געוואָלט אויף אים אַ וואָרף טאָן זיך, נאָר ער האָט אים באַצייטנס אָפּגעשטופּט. „פון דעמאָלט אָן האָט זיך דאָס אָנגעהויבן... עס איז אין דער נשמה עפּעס פאַראַן, צו וואָס מען דאַרף זיך ניט צורירן, אויב ניט, ווערט דער מענטש אויסער זיך". דער אַלטער האָט דאָס אויפגעעפנט אין פאַלקס נשמה, און זינט דעמאָלט „רינט פון איר בלוט אָן אויפהער". ער זוכט דעם טויט, און ענדיקט דאָס לעבן כמעט פולקום אַ משוגענער.

פאַלקס חבר דערקלערט אים די סיבות פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אים געטראָפן. „אָט זעהט איר איצט פאַרצווייפלט. פאַרוואָס־זשע? ווייל איר זייט צוגעגאַנגען צו דעם ניט אָנגענעמען געשלעכטלעכן קאָנפליקט. ליבער פאַלק, עס זיינען פאַראַן ליידן לחלוטין אַנדערע, וועלכע איר פילט ניט, וועלכע עס פילט נאָר יענער, וואָס האָט זיך צונויפגעוואַקסן אינאיינעם מיט דער גאַנצער מענטשהייט, וואָס אין אירע אָדערן פליסט אַ גאַנצער גהינום פון ליידן. איך ווייס, אַז פאַר אייך עקסיסטירט ניט די מענטשהייט. אייער נשמה איז צו קליין, צו רומצונעמען די גאָרע וועלט. אייער האַרץ קלאַפּט נאָר פאַר אייערע ווייבער, געליבטע און קינדער... וואָס איז דער סך־הכל פון אייער געזעצן־בוך ?—ניט געלוסט די פרוי פון דיין חבר, ניט גנבע און ניט הרגע. וואָס איז דער סך־הכל פון אייער רעליגיע: נאָך דער מי, פּרעס..ריי און שיכּרות דאָ אויף דער ערד, פאַרזיכערן זיך רויק אַן אָרט צום פאַרדייען אויף יענער וועלט... וואָס איז אַזוינס אייער פילאָסאָפיע? איך

האָב געלייענט אַייער שטירנער, ניטשע. דאָס איז אַלץ אַ ליגן, אַ נידעריקער קליינלעכער ליגן. מ'האָט געדאַרפט באַזייטיקן אַלדאָס גרויסעס, שווערס, אי ליבע, אי ליידן, אי קרבנות, אי די מענטשהייט, אי גאָט, ווייל דאָס אַלץ האָט אייך געשטערט צו פאַרדייען. דעם קרבן האָט מען געדאַרפט פאָרשטעלן לעכערלעך, מחמת ברענגען זיך פאַר אַ קרבן איז אַזוי שווער, מחמת דאָס קאָסט אַזויפיל קאַמף און יאוש. וואָס איז די אונטערשטע שורה פון אַייער לעבן? אויסגעלאַסנקייט און געשלעכטלעכע תאוות". די דאָזיקע שטרענגע קריטיק פון פאַלקס ניטשעאַניזם דריקט גוט אויס די מאָראַל, וועלכע איז אַ פועל יוצא פון זאַראַטוסטרעס שטאָלצער פילאָזאָפיע. ניטשע האָט געענדיקט מיט משוגעת, אָבער ער האָט פאַרפיינערט זיין פרוכטלאָזע פילאָסאָפיע מיט אידעאַליסטישע שטרעבונגען; אויב ער האָט געטראָטן איבער די טויטע קערפערס פון די „פילע־צו־פילע", האָט דאָך זיין משוגענער בליק ערגעץ אינדערווייטן געזען אַ ליכטיקן אידעאַל. פאַר פאַלקן איז אפילו דידאָזיקע טרייסט ניט געבליבן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין זיין לעבן איז קיין הויכס און איבערמענטשלעכעס ניט געווען, אַז ער איז נישטיק און קלאָגעדיק אַנטקעגן די, וועלכע שענקען זייערע קרעפטן צו דינען דער געזעלשאַפט, וואָס זייער טעטיקייט איז דערוואַרעמט מיט גלויבן און מיט ליבע. „דאָס איז אַזוי משונה — זאָגט פאַלק צו איינעם אַ מיטגליד פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פאַרטיי, — וואָס דווקא איר, איר ניוועלירער, איר בעלי־רחמים, זייט די אויבערמענטשן. דאָס גלויבן, די ליבע גיבן אייך אַזאַ קראַפט, אַזאַ מאַכט. און איך? איך בין דער אויסשטאַרבנדיקער מין מענטש, איך בין דער לעצטער מענטש".

פאַלק איז ניט נאָר די פאַרקערפערונג פון גראָבן געפיל, ער איז אַ סאָציאַלדעמאָקראַט, און ער רופט זיך אפילו אין איין אָרט אָן פאָרזיצער פון אַ צענטראַלן קאָמיטעט. ניטשעאַניזם און די אַרבעטערבאַוועגונג לאָזן זיך לויטן גייסט גאָרניט פאַרן. אָבער ביידע ריכטונגען קומען זיך צונויף אין זייער קריטישן טייל. ניטשע איז ניט ווייניקער פאַר מאַרקסן פיינדלעך צו דער בורזשואַזער לעבנס־אָרדענונג. ביי דער רייכער באַגולדטער בירגערשאַפט זיינען פאַראַן צוויי שונאים: דער פראָלעטאַריער און דער פעאָדאַל. אויב מאַרקס איז געווען דער אידעאָלאָג פון דעם ערשטן, ריידן די צופיל פראַקטישע נאָכפאָלגער פון דער ניטשעאַנער פילאָסאָפיע ניט זעלטן אויף דער שפּראַך פון דעם צווייטן. ניטשע האָט געוואָלט זיין דער וואוילטעטיקער פון דער מענטשהייט, אַריבערטרעטנדיק איבער די טויטע פגרים פון מענטשלעכע מאַסן. די אידעאָלאָגן פונם פראָלעטאַריאַט האָבן זיך ניט פונאַנדערגעקליבן אין זיין פילאָסאָפיע,

זיי האָבן זיך פאַר איין טייל אירן דערשראָקן, דהיינו — פאַר דער פאַראַכטונג, וואָס זי שליידערט אין פנים די אומגליקלעכע מאַסן, און זיי האָבן ניטשען אידענטירט מיט דעם אייגנטימער־עקספּלואַטאַטאָר. אויב די בורזשואַזיע האָט צוויי שונאים, דעם פּראָלעטאַריאַט און די מענטשן, וואָס האַלטן זיך פאַר די אָפּגעבראָכענע שטיקלעך פון דעם פעאָדאַליזם, גייט דער אַרבעטער־מאַסע גאָרניט אָן די מחלוקת פון די הערן, זי איז גלייך פיינדלעך סיי צו דער בורזשואַזיע, סיי צו דער אַריסטאָקראַטיע. אָט פאַרוואָס די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּרעסע האָט אָפט ניטשען אָנגערופן: „דער פילאָסאָף פונם קאַטאָליציזם", און האָט אין זיין אויבערמענטש אייגנטלעך אַ פּראָדוקט פון בורזשואַזע מוראס פאַר זייער אייגנטום. אין צוויי יאָר אַרום נאָך Homo Sapiens איז ערשינען אַ צווייטער ראָמאַן פון דעם זעלבן אַווטאָר דעם שטנס קינדער — אַנאַרכיסטן. דאָס זיינען אויך אַ מין ניטשעאַנער. זייער ציל איז חורבן, פאַרניכטן אַלץ, אויף וואָס עס האַלט זיך די מאַכט און דער אייגנטום. זייער ראש, גאָרדאָן, איז דער נביא פון שטן. ער זאַמלט אַרום זיך אַרום אַלע, וואָס האָבן זיך פאַרלאָרן, אַרום אים גרופּירן זיך פּראָסטיטוטקעס, פאַרשיידענע שלים־מזלות, הונגעריקע,— בקיצור אַלע, צי אַרויסגעשליידערטע, צי אַליין אַנטלאָפענע פון דער געזעלשאַפט. זיי בילדן אַ נאַטירלעכן פאַרבאַנד. זיי אַרבעטן פאַראייניס אַפילו דאַן, ווען זיי ווייסן איינער פונם אַנדערן. דער ראָמאַן איז פול מיט פאַרברעכנס; דאָס איז באמת די מלוכה פונם שטן. פון ניטשעס לערע נעמט דער העלד איבער נאָר די נעגאַציע פון די אַלטע ווערטן. אַזעלכע פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמען האָט דער ניטשעאַניזם אָנגענומען אין דייטשלאַנד.

די דייטשע ליטעראַטור פון די ניינציקער יאָרן האָט אויף דער סצענע אַרויסגעפירט ניט בלויז ניטשעאַנער, נאָר אויך ניטשעאַנערינס. עס קומט אויס משונה צו פאַראייניקן מיט ניטשעס נאָמען דעם באַגריף וועגן אַן אויבערפרוי. דער אַווטאָר פון זאַראַטוסטראַ לאָזט פאַר דער פרוי איבער אַ פּאַסיווע און אַ דערנידעריקנדיקע ראָלע אין דעם פּראָצעס פון באַשאַפן דעם פולקומען מענטשן. אָבער מיט ניטשען איז געשען דאָס, וואָס האָט זיך אָפט איבער־געחזרט אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק: ער האָט באַשאַפן דאָרט, וואו ער האָט געוואָלט רויִנירן, און רויִנירט דאָרט, וואו ער האָט גע־שטרעבט צו באַשאַפן. פאַלק האָט איבערגענומען דעם צעשטערנדיקן טייל פון זיין פילאָסאָפיע און איז אַוועק פאַרביי אירע שעפערישע פּרינציפּן. מאַגדען (אין זודערמאַנס היימאַט) איז געלונגען ניט בלויז צו צערייסן די אַלטע קייטן, אין וועלכע די דייטשע טוגנדלעכע בורזשואַזיע האָט איינגעשלאָסן די

פרוי: מאַגדאַ מאַכט צו זיך אונטערטעניק די אַרומיקע און שאַפט אַרום זיך אַ נייע קינדערייך, אַ נייע וועלט, וואו זי ערשיינט אַלס פירערין און געזעצגע־בערין. „דאָרט איז אָנגענומען אַלץ וואָס איך טו,— זאָגט זי צו איר פּאַסטער,— דערפאַר, וואָס אַזוי טו איך". מאַגדאַ האָט זיך צוריקגעקערט אַלס באַרימטע זינגערין צו די עלטערן אין שטוב, פון וואַנען זי איז נאָך אַ שרעקעדיקע מיי־דעלע מיט עטלעכע יאָר צוריק אַנטלאָפן, ראַטעווענדיק זיך פון די קליינלע־כע אינטערעסן פון דער דאָזיקער פיליסטערישער משפחה, פון איר אָפּגעמאַכ־טער מאָראַל. מאַגדאַ האָט זיך צוריקגעקערט אַ שטאָלצע און אַ זעלבשטענדיקע. געגליכן צו זאַראַטוסטרען און צו פאַלקן, שרייט זי אויס: „איך בין איך, און איך וויל זיך ניט לאָזן כּאַלן". דעם פּאַסטאָר, וואָס מוסרט איר, זי זאָל פאַר־בלייבן אין פאָטערס הויז, ענטפערט זי: „ווען איר, הער פּאַסטאָר, וואָלט גע־האַט אַ באַגריף, וואָס הייסט לעבן מיט אַ פולן לעבן, וואָס הייסט אָנשטרענגען אַלע כּוחות, אויסלייזן יעדע שולד, וואָס הייסט דערגרייכן צו הייכקייט און געניסן פון איר, וואָלט איר אויך אַליין אויסגעוויזן לעכערלעך אין דעם דאָ־זיקן פּאַסטאָרישן שמועס". זי האָט איבערגענומען אַלע אויסצייכענונגס־סימנים פון אַן אמתן אויבערמענטש. זי פילט אין זיך די תּשוקה צו פאַרשקלאַפן מיט איר זינגען. זי זינגט אָדער זי ליבט,— פאַר איר איז עס אַלץ איינס, — אַזוי אַז „יעדער מוז וועלן נאָר דאָס, וואָס זי וויל". זי נויט צו לעבן און צוליידן און צו יובעלן און און צו קלאָגן צוזאַמען מיט איר. זי איז אכזריש צו די, וואָס ווילן זיך איר אַנטקעגנשטעלן. „איך וועל אים, — זאָגט זי,— איינעמען מיט אַ ליד, איך וועל אים פאַרשקלאַפן, וואַרפן צו די פיס, ביז ער וועט ווערן אַ שקלאַף, אַ שפּילכל אין מיינע הענט". זי איז נאָענט צו דער ניטשעאַנישער מאָראַל, צו דער מאָראַל פון די הערשער: „מיר דאַרפן זיין זינדיק, אויב מיר וועלן אויסוואַקסן. שטעלן זיך העכער פאַר די זינד, — דאָס איז העכער פאַר יענער ריינקייט, וועלכע איר פּריידיקט",— זאָגט זי צום פּאַסטאָר. מאַגדען קומט אויס צו מאַכן דעם טריט, וועלכער איז דער געפערלעכסטער נסיון אויפן וועג צו די אויבערמענטשלעכע הויכענישן. איר קומט אויס צו דערשטיקן אין זיך דעם געפיל פון רחמנות, רויק קוקן אויף די יסורים פון די נאָענטע און טייערע מענטשן און אַפילו אַריבערטרעטן איבער דעם טויטן קערפּער פונם פאָטער. איר שטייט פאַר צו צעברעכן דאָס גליק פון פילע, כּדי אָפּצוגעבן זיך דער תּשוקה פון אירע אינסטינקטן און וואונטשן. און מאַגדאַ וואַקלט זיך. זי איז גרייט אונטערצוגעבן זיך די פאָדערונגען, צו ברענגען איר רייכן לעבן פאַר אַ קרבן צו דער בורזשואַזער מאָראַל. אָבער ווען מען פאַרלאַנגט פון איר,

זי זאָל וואַרפן איר קינד, ערוואַכט אין איר ווידער דער שטאָלצער זעלבשטענדיקער מענטש. זי זאָגט זיך אָפּ. „פאַר וועמען האָב איך געזינדיקט? איך בין געווען אַ פרייער פויגל... איך האָב שוין לאַנג געהערט צו דער קאַטעגאָריע באַשעפענישן, וועלכע פּלאָנטערן זיך אַרום אויף דער וועלט אָן זייטיקער הילף, ווי מאַנסביל, אָפּהענגיק נאָר פון דער אייגענער פּראַצע... אַזוי, אויב איר גיט אונז דאָס רעכט צו הונגערן — און איך האָב געהונגערט, — פאַרוואָס־זשע זאָגט איר אונז אָפּ אין דאָס רעכט צו ליבן, ווי מיר קענען, און דאָס רעכט אויף גליק, ווי מיר פאַרשטייען עס".

מאַגדאַ האָט, געגליכן צו פאַלקן, איבערגענומען נאָר יענע זייטן פון דער ניטשעאַנער פילאָסאָפיע, וועלכע האָבן פאַר איר געלוינט. זיי האָבן ביידע פון איר איבערגענומען די טיפע שנאה צו דער הערשנדיקער מאָראַל און די ליידנשאַפטלעכע שטרעבונג צו באַפרייען זייער פערזענלעכקייט. אָבער זיי ביידע האָבן צוגעגעבן זייערע שטרעבונגען אַן עוודעמאָניסטישע באַפאַרבונג, וועלכע איז אין זאַראַטוסטרעס פּריידיקט ניטאָ. סיי פאַלק, סיי מאַגדאַ דאָרשטן אומבאַוואוסטזיניק נאָר נאָך גליק. זיי ביידע ליידן, אָבער זיי ביידן זייגען שווער זייערע ליידן, און זיי שטרעבן זיך פון זיי צו באַפרייען. ניטשעס אויבערמענטש איז אַ פרייוויליקער און באַוואוסטזיניקער ליידער. ער מיידט ניט אויס קיין ליידן, ער ווייס, אַז זיי זייגען ניט שיידבאַר מיט זיין הויכער מיסיע, און ער זאָגט זיך פון זיי ניט אָפּ. ניט פאַלק, ניט מאַגדע האָבן ניט קיין ציל, וואָס זאָל ליגן אויסער זייער אייגענעם „איך". דער עכט ניטשעאַנישער אידעאַליזם האָט געפונען אַ געוויסע באַרעכטיקונג דווקא אין דעם, וואָס עס האָט יאָ עקסיסטירט אַזאַ ציל. אין דער רעאַלער וועלט קאָן מען אים ניט זען. ניטשעס טרוים איז צופיל אומבאַשטימט, דער פּאָזיטיווער טייל פון זיין לערע איז צופיל ווייט פון אונז, אַז מיר זאָלן אין דער הייַנטיקער געזעלשאַפט קאָנען געפינען אַזאַ העלד, וואָס גייט גלייך צו זאַראַטוסטרעס אידעאַל, געבן אַ קלאָר בילד פון דעם דאָזיקן וועג. אָט פאַרוואָס די ניטשעאַנישע העלדן אין דער דייטשער ליטעראַטור פון די ניינציקער יאָרן האָבן ניט קיין פּאָזיטיווע באַשטימטע אידעאַלן. אָפּגעזאָגט זיך פון דער הערשנדיקער מאָראַל, סטאַרענדיק זיך צו דערשטיקן אין זיך דעם געפיל פון ליבע און רחמנות, מיט איין וואָרט, גרייטנדיק אין זיך דעם אויבערמענטשן, ווייסן זיי נאָכדעם ניט, וואוהין צו ווענדן זייערע קרעפטן, אָדער זיי ווענדן ניט אַהין, וואוהין זאַראַטוסטראַ האָט גערופן. דער טרוים וועגן דעם אויבערמענטשן איז אַ לעגענדע און נאָר אַ מיטאָלאָגישער סוזשעט, אַ מעשהלע האָט געגעבן די באַקוועמע פאָרם צו

באַווייזן דעם אויבערמענטשן אין די מאָמענטן פון זיין שאַפנדיקער און ניט רוינירנדיקער טעטיקייט.

הויפּטמאַנס דער דערטרונקענער גלאָק האָט דערשיינט כמעט גלייכצייטיק מיט דעם ראָמאַן Homo Sapiens און האָט באַצייכנט אַן ענדגילטיקן איבערברוך אין הויפּטמאַנס וועלטאַנשויונג. מייסטער היינריך האָט געאַרבעט „אָן רו און פריילעך". ער האָט אויסגעגאָסן מער ווי הונדערט גלעקער. „אויף אַ הונדערט טורעמס מיט אויסגעצויגענעם קלאַנג" האָבן זיי הודענדיק געזונגען אַ לויב צו זייער באַשעפער און האָבן צעשפּרייט די לעבעדיקע שיינקייט פון זיין נשמה איבער דערפלעך, דערפער און פעלדער". זיין לעצטע שאַפונג האָט געזאָלט אויף אַ געהעריקן אופן קריינען אַלע זיינע פריערדיקע אַרבעטן. דער ניי אויסגעגאָסענער גלאָק האָט פאַר אים געוווּנען אַכטונג מצד די מיטבירגער „מיט זיין דורכזיכטיקן קלאַנג". אָבער דער טייוול האָט איבערגעפירט די אַרבעט פון דעם גרויסן מייסטער. דער גלאָק איז אַראָפּגעפאַלן און אויף אייביק פאַרזונקען אין כוואַליעס אין דעם מאָמענט, ווען מען האָט אים געפירט איבער די בערג, כדי אויפצוהענגען אין גלאָקנטורעם. מייסטער היינריך אַליין האָט זיך שטאַרק צעשלאָגן. אָבער דאָ אין די בערג האָט זיך צו אים באַוויזן די וואונדערלעכע פייע רויטענדעליין, און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַן אַנדערער. ער האָט פאַרשטאַנען די נישטיקייט פון זיין גערימטער שאַפונג, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין גלאָק איז נאָר פאַר די טאָלן און ניט „פאַר דער מלוכה פון די בערג". ניט די פאַרגעטערוג מצד די אַרומיקע, ניט די פאַרזיכערונגען פון דער ווייב, ניט די רייד פונם פאַסטאָר — קיין זאַך האָט ניט געקאָנט איבערצייגן דעם מייסטער היינריך, וועלכער האָט אין זיך דערפילט נייע קרעפטן: „ער איז פאַר די טאָלן, ער איז ניט פאַר די הויכע בערג. וועגן דעם ווייס איך נאָר אַליין, וועגן דעם ווייס דער פאַסטאָר גאָרנישט". ער שטעלט זיך אַן אויבערמענטשלעכע אויפגאַבע. ער וויל שאַפן אַ נייעם גלאָק: „אין דעם קלאַנג פון זיינע דונערטרובעס וועלן דערטרונקען ווערן די קלאַנגען פון אַלע גלעקער. און וואַקסנדיק אין הילכיקן יובעלן, וועט ער אָנזאָגן דער וועלט וועגן דער געבורט פון טאָג". מייסטער היינריך וויל ניט דינען צו די טאָלן: אים באַפרידיקט ניט מער די אָפּשאַצונג פון זייערע איינוואוינער. ער האָט, געגליכן צו זאַראַטוסטרען, אָפּגעזוכט נייע קריטעריס, אומבאַוואוסטע און אומפאַרשטענדלעכע פאַר דעם פשוטן המון. זינט ער האָט פאַרבראַכט אַ צייט צווישן די בערג, שטרעבט זיין גייסט שטענדיק אַלץ ווידער צו די אונטערוואָלקנדיקע

בערגשפּיצן. די בערג — דאָס איז יענע זייט, וואו ער האָט דערזען דעם אויבערמענטשן. דער טאָל — דאָס איז די היינטיקע ערד, וואוהין ער האָט געבראַכט די בשורה וועגן אים. דורך דעם דאָזיקן לעגענדאַרן סוזשעט האָט זיך דער פּאָעט באַפרייט פון דער נויטווענדיקייט, פּינקטלעכער צו באַשטימען מייסטער היינריכס אויפגאַבן און שטרעבונגען. דער גלאָק, וועגן וועלכן היינריך טרוימט, פאַרקערפּערט מיט זיך דעם אידעאַל פון יעדער קינסטלערישער שעפערישער נאַטור. ווען מען זאָל אַ בליק טאָן אויף מייסטער היינריכס שטרעבונגען אָן אַלעגאָריע, וואָלט, אפשר, דער אויסוואַל פון דער דאָזיקער אויפגאַבע אויסגעוויזן קנאַפּ געלונגען. וואָס גייט דער גלאָק אָן דעם שעפער, וואָס האָט געוואָלט אַוועק ווייטער פאַר קריסטנטום, און האָט סוף כל סוף געאַרבעט לטובת דער דערהויבונג פון דער קירך.

מייסטער היינריך דערמאָנט זאַראַטוסטרעס אידעאַל פריער פאַר אַלץ דערפאַר, וואָס ער איז אַ שעפער לויט זיין נאַטור; ער באַשאַפט דאָס, וואָס עס איז נאָך ניט געווען און איז ניטאָ, וואָס מען קאָן אפילו ניט באַשטימען. ער רופט אָן זיין קינפטיקע שאַפונג גלאָק, אָבער אין דער אמתן ווייס ער ניט, אַז ער שאַפט דאָס, „וואָס האָט ניט קיין נאָמען און וואָס דאַרף זיך ערשט אַליין אַ נאָמען געבן". ער געפינט זיך, געגליכן צו זאַראַטוסטרען, נאָר אין דעם צושטאַנד פון דעם אומקלאָרן אָבער זיסן פאָרגעפיל פון די ענדגילטיקע רעזולטאַטן פון זיין אַרבעט:

אין זינגענדיקע ליידנשאַפטלעך־צאַרטע קלאַנגען
גלאַנצט דורך דער לופט מיין קלונג מיט הילכעדיקן שפּילן, —
קלינגענדיק, ביי אַלעמען אין ברוסט צאַפּלט אַ געוויין
פון תענוגדיקן ווייטאַג: ס'איז אַ ליד.
אַ פאַרלאָרנס, אַ פאַרגעסנס, און אַ לייבלעכס,
וואָס ט'אויפגעלעבט פון טונקל־ווייטער קינדהייט,
און זיך צוריק געפונען אין דעם טיפן קוואַל
פון דורכזיכטיקע מעשיות, — אַלעמען באַקאַנט,
נאָר ביז אויף היינט נאָך קיינמאָל ניט געזונגען.
און ווי עס הויבט זיך אָן נאָר, שטיל, געהיים,
דאַ אויסדריקנדיק ליידן פונם סאָלאָוויי,
דאַ געבנדיק דעם צאַרטן טויבן־שמייכל, —
אין אַלע הערצער צינדט זיך תיכף אָן דער אייז
און פּלאַצט, — דאַן צעשמעלצט זיך שׂנאה, צער,
גרימצאָרן און בענקשאַפט־פינסטערניש און פּיינען,
אין צערטלעכקייט פון הייסע, הייסע טרערן.

מייסטער היינריך איז אויך נאָענט צו זאַראַטוסטרעס אידעאַל נאָך דערפאַר, וואָס ער קאָן זיין אַן אַכזר, כּדי צו פאַרווירקלעכן זיין אידעאַל. אויסגעבויט זיין וואַרשטאַט אין די בערג, האָט ער דאָרט אין טאָל פאַרלאָזן די ווייב מיט די קינדער, און אַפילו דער פאַסטאָר, וועלכער דערמאָנט יעדע רגע וועגן איינגעהאַלטנקייט און פאַרגעבונג, איז אין גרימצאָרן פון זיין „ווילדער אַכזריות", פון יענער גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער מייסטער היינריך נעמט אויף די ידיעה וועגן די ליידן פון זיין פאַרלאָזענער משפּחה. ער וואָלט מיט פרייד אָפּגעטריקנט זייערע טרערן. „אָבער דאָס איז אוממעגלעך! — שרייט היינריך אויס, — טראַכטנדיק אין די רגעס פון בענקשאַפט, זע איך עס קלאָר: מיר איז ניט באַשערט צו פאַרקלענערן דעם דאָזיקן צער. איך בין אינגאַנצן ליבע, איך בין באַנייט דורך ליבע, אָבער מיט דער ליכטיקער שפע פון מיינע עשירות קאָן איך מיך מיט איר, דער אָרעמער, ניט טיילן, מיין וויין וועט פאַר איר זיין גאַל און גיפט. און דער, וואָס זיינע הענט זיינען ביינער פון אַ רויבפויגל, — ווי קאָן ער לאַשצען דאָס געזיכט פון אַ קינד, ווען דאָס וויינט!"

מייסטער היינריך פאַראַכט דעם המון, און דער המון האַסט אים. זיין זיין סודותפולע אַרבעט אין די בערג „וועקט אומעטום געפיל פון עקל". זאַראַטוסטרעס איבערמענטש האָט זיך פאַרקליבן אין די הייכן און געטרונקען פון די קוואַלן, צו וועלכע די אומריינע ליפּן פון המון האָבן זיך ניט צוגערירט. מייסטער היינריך האָט פאַרלאָזן דעם טאָל צוליב די בערג, כּדי ניט צו פאַרשוועכן זיין אידעאַל דורך דער נאָענטקייט צו דעם המון. אים שרעקט ניט אָפּ, ווען מ'דערמאָנט אים וועגן המון, — ער בלייבט רויִק, ווען דער פאַסטאָר שרעקט אים: „דאָס פאָלק, דורך אייך באַליידיקט פאַר זיין הייליקטום, וועט זיך אַריינרייסן אין אייער וואַרשטאַט און אַלץ אָן רחמנות צעשמעטערן". איז דאָס פאַר דעם המון אַליין ערגער. אויב דער וואָס ליידט דאָרשט, זעצט אַרויס דעם קריגל פון דער האַנט, וואָס דערלאַנגט אים וויין, טאָ זאָל ער ליידן דאָרשט. אויב דער המון וועט דורכגעדרונגען ווערן מיט בלינדער שנאה צו דעם, וואָס גרייט פאַר אים דערלייכטערונג, אויב ער וועט „אָנפאַלן מיט ווילדקייט, כּדי צו פאַרלעשן דאָס פייער פון זיין נשמה", וועט ער „דאָס לעצטע מאָל אויפהייבן זיין האַמער" און צעברעכן דעם גלאָק, וואָס „וועט זיין געמאַכט דורך דער קונסט פון דעם נידעריקן המון".

מייסטער היינריך דערמאָנט זאַראַטוסטרעס אידעאַל, דערפאַר וואָס ער האָט אויפגעהערט צו פאַרשטיין די שפּראַך פון המון, און דער המון האָט אויפגעהערט צו פאַרשטיין זיין שפּראַך. ער און דער פאַסטאָר, דער פאָרשטיי-

ער פון דער טראַדיציע, דער אויסדריקער פון די שטימונגען פון דער מאַסע, ריידן אויף באַזונדערע שפּראַכן. סיי מייסטער היינריך, סיי דער פּאַסטאָר, ביידע זוכן גאָט, און דער דינער פון דער קירך איז צופרידן, וואָס זייערע אידעאַלן קומען זיך צונויף. אָבער ביי דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון היינריכס געדאַנקען האָט דער פּאַסטאָר פאַרשטאַנען, סאַר אַ מיספאַרשטענדעניש עס קומט פאָר צווישן זיי. דעם פּאַסטאָרס גאָט איז גאָרניט דער, וועלכן דער מייסטער זוכט. פאַר דעם פּאַסטאָר איז וויכטיקער איידער אַלץ די פאָרמעלע זייט פון דער פראַגע. ער פאָדערט, אַז היינריכס דערהויבענע שטרעבונגען זאָלן זיך אָנקליידן אין טראַדיציאָנעלע פאָרמען, וואָס די קירך האָט געשאַפן. ער פאַרווערט אַ שטרעבן צו גוטס און צו אידעאַלן, וואָס ווייכט אָפּ פון די וועגן, וועלכע די קירך האָט אָנגעוויזן. בשעת פּאַוסט האָט פאַר דער נאַיווער גרעטכען אַנטוויקלט זיינע פאַנטעזיסטישע אידעען, האָט זי אים טרויעריק געענטפערט: „כמעט דאָס זעלבע זאָגט אונזער פּאַסטאָר, און פונדעסטוועגן איז מיר שווער, וואָס דו גייסט ניט אין קירך". אין דער עפּיש־פּשוטער גרעטכען האָט זיך דער מהות פון דער קריסטלעכער רעליגיע געענדיקט מיט דער אויסערלעכער צערעמאָניאַלער זייט, דער גייסט און דער זין פון דער רעליגיע האָט פאַר איר געשפּילט אַ ראָלע פון דער צווייטער מדרגה. הויפּטמאַנס פּאַסטאָר איז נאָך מער איינגעשפּאַרט. ער דראָט מיט שטראָף פונם הימל פאַר זעלבשטענדיקן רייסן זיך צו גאָט. ער איז אַנטציקט, ווען היינריך לויבט גאָט, אָבער אומרו באַהערשט זיין האַרצן, ווען ער דערוויסט זיך, אַז היינריך האָט זיין קינפּטיקע שאַפונג ניט אָנגעמערקט פאַר עפּעס אַ באַשטימטער קירך. ער פרייט זיך, וואָס היינריך איז געזונט געוואָרן, ער שטייט אָבער אַ פאַרוואונדערטער, ווען דער מייסטער דערקלערט אים דעם כאַראַקטער פון זיין גענעזן ווערן:

א, יאָ!

איך בין גענעזן, כ'בין באַנייט! איך הער
דעם אָטעם פון אַן אויפלעבונג אין אַלץ.
אין ברוסט וואָס אָנגעפילט איז מיט אַנטציקונג, —
האָט לוסטיק מאַי, מיר זאַכט זיך, איינגעבליט, —
אין האַנט, מיינער, מיר דאַכט זיך, אייזערנער,
און אין די פינגער, אָנגעשטרענגטע, ווי די קרעלן
פון שטאַרקן אָדלער, וועלכער, פלאַטערנדיק
אין פוסטן חלל, צעלאָזט און ציט זיי אויף:
נאָר שאַפן, שאַפן, און נאָר שאַפן.

מייסטער הײנריך איז נאָענט צו זאַראַטוסטרעס אידעאַל דערפאַר, וואָס ער לײדט. זײן אַרבעט איז אַן אומדערשעפּטער קוואַל ניט בלויז פון תענוג, נאָר אויך פון לײדן. ער פאַרשמידט אין אײזערנער דיסציפּלין די שרעטלעך, ער גיט אַכטונג אויף יעדע באַוועגונג זײערע, אויף יעדן פּרט. ער אַרבעט מיט די לעצטע קרעפטן און אָפט פאַלט ער אַ מאַכטלאָזער און אַ מידער. זײן האַרץ דריקט זיך פּײנלעך צונויף, ווען עס געלינגט אים ניט, אָבער „מיט באַפרײטן בליק מעסט ער אויס די רחבות פון הימלשע װײטן", און ער נעמט זיך מיט נײער ענערגיע פאַר דער אַרבעט. ענדלעך, קומען זיך מייסטער הײנריך מיט זאַראַטוסטרען צונויף אין זײער לײדנשאַפטלעכן דאָרשט נאָך קאַמף. „דער קאַמף מאַכט אויפלעבן, דער זיג פאַרהאַרטעוועט", זאָגט דער מײסטער. אינם קאַמף קעגן דעם אומפאַרשטײן מצד די אַרומיקע געפינט ער נײע קרעפטן פאַרטצוזעצן זײן אַרבעט. דער אָנפאַל פונם המון אויף אים גיסט אין אים אַרײן מעכטיקע אויפמונטערונג. „דאָס רעווען פונם המון איז מיר זײער צו דער צײט, — שרײט ער אויס. — ווען צו מיר וואָלט זיך פון הימל אַראָפּגעלאָזן אַ מלאך מיט אַ ליליע אין האַנט, איבערצײגנדיק מיך צו זײן פּעסט, וואָלט איך אַזוי קלאָר ניט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן ווערט פון מײ־נע איבערערדישע באַשעפענישן, דעם גאַנצן אינהאַלט פון מײנע פּלענער, ווי איצט, ווען איך הער דאָס הײלן פון די דאָזיקע מיאוסטע קולות".

און פונדעסטוועגן גײט מייסטער הײנריך פאַרלאָרן. די מענטשלעכע געפילן נעמען סוף כל סוף די אויבערהאַנט איבער די איבערמענטשלעכע. צו אים באַווײזן זיך די שאָטנס פון זײנע קינדער. זײ ברענגען אים אַ קריגעלע, אָנגעפילט מיט געזאַלצן און ביטער פליסיקײט. דאָס זײנען די טרערן פון זײן ווײב, וועלכע האָט געפונען באַרויקונג „צווישן די וואַסערליליעס". עס דערהערט זיך דער קלאַנג פונם דערטרונקענעם גלאָק, וואָס באַצײכנט דעם זיג פון ערדישן איבער הימלשן אין זײן נשמה. ער שטופּט פון זיך אָפּ מיט שנאה די רויטענדעלײן, וועלכע האָט אין אים צום ערשטן אויפגעוועקט די הויכע פּלענער, און ער פאַרשילט זײנע שאַפונגען. ער וועט זיך שוין קײנ־מאָל ניט אויפהײבן אין דער הײך.

אַזוי ענדיקן צום גרונט גײַענדיק אַלע העלדן, וואָס זײערע געשטאַלטן זײנען אַרויסגערופן דורך זאַראַטוסטרעס פּרײדיקט. די דאָזיקע פּרײדיקט איז באַגעגנט געוואָרן פײנדלעך. די דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט האָט דערזען אַ סכנה אין דער ווידעראויפלעבונג פונם אַריסטאָקראַטיזם און אינדיווידואַליזם. די דעמאָקראַטישע אָרגאַנען האָבן זיך געסטאַרעט באַשיצן די יוגנט פון איר ווירקונג. אָבער

די באַוואוסטזיניקע ניטשעס קעגנער האָבן זיין פילאָסאָפיע ניט אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ געגעבן, ווי די שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם צויבער פון זיין לערע. ניט שפּילהאַגען און ווידעמאַן, נאָר די קינסטלערישע געשטאַלטן פון פאַלקן און מייסטער היינריכן האָבן דערוויזן די ניט שטאַנדהאַפטיקייט פון די אינדיווידואַליסטישע אידעאַלן און פון דער הערשער-מאָראַל. זייער פאַרלאָרנגיין האָט גערעדט וועגן דער קראַפט פון ערדישן, וועגן דער מעכטיקייט פונם געוויסן, וועגן דעם אינסטינקט פון דער מענטשלעכער סאָלידאַריטעט פיל שטאַרקער, איידער גאָר די אַנטיניטשעאַנישע קריטיק. דווקא זיי, וואָס האָבן געשטרעבט אַוועקצוגיין פון דער מענטשהייט, האָבן דערוויזן, אַז נאָר אין צונויפגיסן זיך מיט דער מענטשהייט קאָן מען שעפן קרעפטן פאַר באַוואוסטזיניקער אַרבעט, וועלכע גיט באַפרידיקונג.

---

## V.

היינריך איבסען. — דער נאַציאָנאַלער עלעמענט אין זיינע דראַמעס. — דער גרונטמאָטיוו פון זיינע ווערק. — די באַזונדערהייטן פון זיין אינדיווידואַליזם און אַריסטאָקראַטיזם. — איבסענס פּעסימיזם און זיין קריגערישער גייסט. — זיין סכעמאַטישקייט. — דער סימבאָליזם אין זיינע ווערק: „ווען מיר, טויטע, ערוואַכן". — די הויפּטפאַקטן פון זיין ביאָגראַפיע. — זיין פּערזענלעכקייט. — די טיפּן: בראַנד, נאָראַ, דאָקטאָר שטאָקמאַן. — איבסענס געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג.

הויפּטמאַן איז איינער פון די סאַמע עמפּפאַנגלעכע פון די היינטיקע פּאָעטן. ער האָט גלייך וואַכזאַם אויפגענומען סיי די וויסנשאַפטלעכע, סיי די סאָציאַלע ווינטן פון דער צייט, אויך די אינדיווידואַליסטישע און ראָמאַנטישע טענדענצן, וועלכע הייבן אָן זינט די אַכציקער און נײַנציקער יאָרן ווידער אַריינצודרינגען אין דער ליטעראַטור אַלס פּראָטעסט קעגן די געוועלנדיקע און טרוקענע פאָדערונגען פונם נאַטוראַליזם. הויפּטמאַן איז ניט געווען ריינער נאַטוראַליסט אָדער סימבאָליסט, ווי ער איז אויך ניט געווען נאָר דעמאָקראַט אָדער אינדיווידואַליסט. שוין אין די ערשטע ווערק, וואו ער ערשיינט אַלס תּלמיד פון זאָלאַ און פון מאַרקסן, שלאָגן זיך דורך אינדיווידואַליסטישע און סימבאָלישע שטרעמלעך, און פון דער צווייטער זייט האָט ער נאָך דעם **דערטרונקענעם גלאָק** אויך ניט אויפגעהערט צו שרייבן קיין נאַטוראַליסטישע דראַמען, ווי אַ שטייגער **ראָזע בערנד**, וואו ער קערט זיך פון



העגריק איבסען

ס'ניי אום צום גראָבן מאַטעריאַליסטישן בליק אויף דער מענטשלעכער נאַטור. אין זיינע אינדיווידואַליסטן איז ניטאָ קיין גרויסקייט, קראַפט, אכזריות: הויפּט־מאַן איז צופיל פאַרכאַפּט פון די דעמאָקראַטישע הומאַניסטישע שטרעבונגען פון זיין צייט, אַז ער זאָל געבן אַ פאַרענדיקט געשטאַלט פון אַ שטאָלצן און איינזאַמען מענטשן.

די דאָזיקע שטאָלצע און איינזאַמע געשטאַלטן זיינען אין גאַר זייער פראַכט אַרויסגערופן צום לעבן דורך אַן אַנדער פּאָעט, וועלכער איז געוואָרן דער מעכטיקסטער אויסדריקער פונם אינדיווידואַליסטישן אַריסטאָקראַטיזם — היינריך איבסען קיניגט איבער דעם היינטיקן אייראָפּעישן טעאַטער. געבוירן אין אַ לאַנד, וואָס זיין ליטעראַטור האָט כמעט ניט אינטערעסירט די אייראָ־פּעישע געזעלשאַפט, איז אים געלונגען צוצושמידן צו דער סקאַנדינאַווישער שאַ־פונג די אויפמערקזאַמקייט פון גאָר דער וועלט. ער האָט ניט אַכטונג געגעבן אויף די ליטעראַרישע טראַדיציעס, ער האָט אָנגעהויבן שאַפן, צוהערנדיק זיך נאָר צו זיין אינערלעכער שטימע, אונטערגעבנדיק זיך נאָר זיין פּאָעטישן קאַפּריז, — בקיצור אַלץ האָט פאָראויסגעזאָגט דעם דאָזיקן דראַמאַטורג פון דער קליינער מדינה אַ באַשיידענעם גורל פון אַן אומבאַוואוסטן אַרבעטער. אָבער איבסענען האָט זיך איינגעגעבן איינצונעמען די אייראָפּעישע פּובליק, ער האָט באַשאַפן אַ ריכטונג, וועלכע האָט פאַרנומען דעם פעסטן אָרט אויף דער אייראָפּעישער סצענע אונטערן נאָמען איבסעניזם, און צום סוף איז יעדע נייע ווערק פון דעם נאָרוועגער דראַמאַטורג געוואָרן אַ געשעעניש פון גרויסער ליטעראַרישער באַדייטונג. די סקאַנדינאַווישע נאַטור האָט אפשר געלאָזט געבוירן ווערן אַזעלכע מענטשן, וואָס זיינען אַמנעענטסטן געשטאַנען צו זאַראַטוסטרעס אידעאַל. פון איבסענס דראַמעס ווייעט מיטן אָטעם פון צפון. אין זיי פילט זיך די שטרענגע קעלט און דער אימהדיקער געוויין פון דער זאַווערוכע, אין זיינע העלדן לעבט די שווייגנדיקע עקשנות און די קאָנצענטרירטקייט פון געזונטע, ניט געריירטע מענטשן, וואָס זיינען נאָענט צו דער נאַטור, רויִקע און איבער־געטראַכטע. די דאָזיקע העלדן זיינען נאָך ניט פאַרסמט מיט די קרענקלעכע אויסדעמפונגען פון די קאָלאָסאַלע שטעט, מיט די אומגעזונטע תענוגים פון דעם ראַפינירטן געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי דאַרפן ניט די רוישיקע גאַס, וואָס איז באַגאָסן מיט דעם ליכט פון עלעקטרישע לאָמפּן, פאַרענגט פון עקי־פּאַזשן און פון פאַרפּוצטן המון. זיי דערנענטערן זיך מיט מענטשן לאַנג־זאַם, און אָנשטאָט המון און פלוידעריי האָבן זיי בעסער ליב איינזאַמקייט און שטומע מחשבות.

די פאַרשיידנאַרטיקע העלדן פון איבסענס דראַמען זיינען די פאַרקער־פערונג פון דעם דאָזיקן אומפריינדלעכן גאַציאָנאַלן טיפּ. אָבער ווי יעדער גרויסער קינסטלער, האָט איבסען צוזאַמענגעגאָסן דאָס נאַציאָנאַלע מיטן אַל־מענטשלעכן, אים איז געלונגען אויסצושפּרייטן זיין אָנשויונג אויף גאָר דעם לעבן און דער נאַטור, און אַדאַנק דעם האָבן זיך אין זיין פּאָעזיע אויפגעעפנט נאָך ניט קיין באַוואוסטע סודות פון דעם מענטשנס נשמה, זיינען באַשײַנט געוואָרן מיט נייעם ליכט די טיפישע מאָמענטן אין דעם אומענדלעכן קאַמף פון דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט קעגן דער נאַטור, דער געזעלשאַפט און זיך אַליין.

איבסענס וועלטאָנשויונג איז דורכגעדרונגען מיט טראַגיזם און מיט קריטישער שטימונג. דאָס לעבן שטעלט זיך אים פאָר, ווי אַ שטרענגער קאַמף פון די פינסטערע כּוחות קעגן אַלץ, וואָס צייכנט זיך אויס און איז העלדיש. דאָס רוב פון זיינע ווערק איז געווידמעט דער באַאַרבעטונג פון דעם דאָזיקן קאָנפליקט. זיינע העלדן שטעלן פאָר אַ וואַריאַציע פון איינעם און דעם זעלבן טיפּ. לויט בראַנדעסעס גערעכטיקער באַמערקונג, האָט איב־סען געהאַט די באַזונדערע פעיִקייט צו וואַריירן איינע און די זעלבע מאָ־טיוון. פונדאַנען נעמט זיך איבסענס פּעסימיזם: ער האַלט די וועלט פאַר אַ מיאוסע, אַ שוואַכע, אַ פאַרזונקענע אין שלעכטס. אָבער דער דאָזיקער פּע־סימיזם איז ווייט פון לעאָפּאַרדיס טרייסטלאָזער פילאָסאָפיע. איבסענס פּעסי־מיזם רעדט ניט וועגן דעם, אַז שלעכטס און ליידן זיינען אומפאַרמיידלעכע עלעמענטן פון לעבן, און אַז דעריבער זיינען קאַמף און גלויבן פרוכטלאָז און אומזיניק. איבסען זעט דווקא אין דעם קאַמף פונם דערהויבענעם מיט דעם שלעכטס די שיינקייט און דעם זינען פון לעבן. די פראַגע וועגן דעם נצחון פון דעם אָדער יענעם יסוד איז פאַר אים אַ פראַגע פון דער צווייטער מדרגה. ער איז דער פּאָעט פון די שטרעבונגען גופא, פון די אָנשטרענגונגען גופא פון דער העראָישער נאַטור. „אַז גאָט וואָלט געהאַלטן, — זאָגט לעסינג, — אין דער רעכטער האַנט דעם אמת און אין דער לינקער—די שטרעבונג צו אים, וואָלט איך מיך געכאַפּט פאַר דער לינקער". ווען מ'וואָלט איבסענען פאָרגעלייגט אַן אויסוואַל צווישן נצחון און צווישן קאַמף פאַרן נצחון, וואָלט ער בלי ספק אויסגעוויילט דאָס לעצטע. איבסען איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער איז נתפּעל געוואָרן פון דער באַדריקונג, מחמת דרוק וועקט „די ליבשאַפט צו פרייהייט". ווען דער פּאָעט האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס איטאַליענישע חייל האָט איינ־גענומען רוים, האָט ער געשריבן: „די וואונדערלעכע שטרעבונג צו פרייהייט איז פאַרשוואונדן אָן אַ שפור. איך פּערזענלעך מוז אָפנפאַלס זאָגן, אַז דאָס

איינציקע, וואָס מיר געפעלט אין דער פרייהייט, דאָס איז דער קאַמף פאַר איר, דאָס באַזיצן זי אינטערעסירט מיך קנאַפ". אַזאַ איז דער גרונדשטריך פון איבסענס גאַנצער וועלטאָנשויונג. אים אינטערעסירט מער פאַר אַלץ די פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשנס פערזענלעכקייט. דער געזעלשאַפטלעכער און דער פּאָליטישער קאַמף, וועלכער קומט פאַר אַרום אים, אינטערעסירט אים ניט אַליין פאַר זיך, ניט מחמת זיינע רעזולטאַטן, וועלכע ער דערגרייכט לטובת דער מענטשהייט, — דער דאָזיקער קאַמף איז פאַר אים וויכטיק נאָר צוליב דער מעכטיקער איבערקערעניש, וואָס ער מאַכט אין די מוחות און אין די הערצער פון זיינע אָנטיילנעמער. אין צרות און אין קאַמף ווערן באַשטימט די מעכטיקע כאַראַקטערן, ווייזט זיך אַרויס דעם העלדס פערזענלעכקייט, ווערן באַלויכטן אַלע ווינקעלעך פון זיין נשמה. די פערזענלעכקייט, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין קאַמף מיט דער געזעלשאַפט, ווערט געשטעלט פאַר אַ נסיון; בשעתן קאַמף ווערן קלאָר די מענטשן, וואָס זיינען פעיִק צו איבערלעבעניש. איבסען פאַרטראַכט זיך ניט און קערט אום מיטן קאָפּ אַראָפּ אַלע אונזערע געוויינלעכע פאָרשטעלונגען וועגן דעם אָדער יענעם געשיכטלעכן פאַקט, אַבי נאָר צו באַשאַפן אַ סוזשעט, וועלכער זאָל ערלויבן אַוועקצושטעלן דעם העלד און די באַדינגונגען, וואָס זיינען בייטיק פאַר זיינע צילן. אין ערשטן ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן נאָך אויף דער שולבאַנק, קלייבט ער אַלס העלד אויס קאַטאַלינען. עס וואָלט געווען אַן אומזיסטע אַרבעט צו זוכן אין דעם דאָזיקן ווערק שפּורן פון היסטאָרישן אמת, די געמיינזאַמע באַלויכטונג פון פאַרשיידענע גרופּעס פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָבן אַזוי, צי אַנדערש אָנטייל גענומען אין דער באַרימטער פאַרשווערונג. אַ שאַבלאָנערער שכל וואָלט קאָנצענטרירט די אויפמערקזאַמקייט אויף די פעריפעטיעס גופא פון דער היסטאָרישער טראַגעדיע, וואָלט נאָכגעשילדערט די היסטאָרישע סבות, צוליב וועלכע קאַטאַלענען איז זיין זאַך ניט געלונגען, ער וואָלט זיך ענדלעך געסטאַרעט ווידער באַשאַפן די דאָזיקע היסטאָרישע פיגור. פאַר איבסענען זיינען דאָס אַלץ פראַגן פון דער צווייטער מדרגה. ניט די געשיכטלעכע, ניט די געזעלשאַפטלעכע זייט פון די געשעענישן אינטערעסירן אים ניט. זיי זיינען פאַר אים נאָר אַן אַקסעסואַר, מער ניט ווי אַ סביבה, אין וועלכער דער מעכטיקער גייסט לעבט און קעמפט. אים איז אַלץ איינס, וועמען די געשיכטע האָט פאַרמשפּט, ווער איז גערעכט, ווער איז אומגערעכט אין דעם דאָזיקן קאַמף פון דעם שטאַנדפּונקט פון געשיכטלעכן פּראָצעס. די דאָזיקע געשעעניש האָט באַהערשט זיין נאָך ניט רייכן דמיון, ווייל אין איר האָט

ער פריער פאַר אַלץ דערזען די מעכטיקע שטרעבונג פון אַ שטאַרקער פּער-
זענלעכקייט. ער האָט פון קאַטילינען געמאַכט אַן איבערמענטש, וועלכער
רייסט זיך צו דער הויך אינמיטן פון דעם אַלגעמיינעם פאַלן און גראָבקייט
פון דער רוימישער געזעלשאַפט. די פּסיכאָלאָגיע פון דעם קעמפער, די
קראַפט און די שיינקייט, וועלכע בליט זיך פונאַנדער אין דעם מעכטיקן
גייסט בשעתן קאַמף — אָט וואָס עס פאַרכאַפּט איבסענען. יעדעס ווערק איבּ-
סענס, וועלכע איר ווילט, באַשטעטיקט דעם דאָזיקן געדאַנק. לאָמיר זיך פאָר-
שטעלן אין אַ קליין נאָרוועגיער האַפן, וואו דאָקטאָר שטאָקמאַן פירט זיין
קאַמף. די אינטערעסן פון דעם קליין שטעטל—איז ניט דער גורל פון דער
רוימישער רעפּובליק, און די באַשיידענע זאַך פונם דאָקטאָר איז ניט קאַטי-
לינעס פאַרשווערונג. אין דער דאָזיקער קליינער טראַגעדיע איז, דאַכט זיך,
ניטאָ קיין מאַטעריאַל צו שילדערן גרויסע גבורות, צו הויבן און רימען העלדנ-
שאַפט. קיין שריפטשטעלער וואָלט ניט אויסגעקליבן אַזאַ סוזשעט, ווען ער
וואָלט וועלן באַווייזן דעם נצחון פון דער שטאַרקער פּערזאָן איבער דער
אַרומיקער געזעלשאַפט. דאָ איז ניטאָ קיין מאַטעריאַל פאַר אויסערלעכע
עפעקטן, ניטאָ קיין גראַנדיעזע מניעות, וועלכע מען מוז גובר זיין. אָבער
פון דעם אינדיווידואַליסטישן שטאַנדפּונקט, פון וועלכן איבסען קוקט אויף
דער באַדייטונג פון קאַמף, איז דער דאָזיקער סוזשעט ניט ווייניקער אינטע-
רעסאַנט, איידער די שרעקלעכסטע היסטאָרישע געשעענישן. איבסען פירט
אַרויס אַ פּראָווינציעל בלעטל, וואָס פאַרקויפט איר געוויסן. דעקט אויף די
טעמפּקייט פון דער צוזאַמענגעבונדענער מערהייט, קלערט אויף דעם אייגננוץ-
זוכן מצד די געזעלשאַפטלעכע טוער. עס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער
טעות, איינצוזען אין איבסענען אַ געזעלשאַפטלעכן שריפטשטעלער, אַ פּובלי-
ציסט, וועלכער דעקט אויף דאָס געזעלשאַפטלעכע שלעכטס אין נאָמען פון
די אָדער יענע פּאָזיטיווע אידעאַלן. ער טראַכט אַפילו ניט וועגן אויפהויבן
דעם ניוואָ פון דער פּרעסע, וועגן רעפאָרמען אין דער שטאָטישער זעלבסטפאַר-
וואַלטונג, וועגן קאָנטראָל איבער די געזעלשאַפטלעכע טוער. פאַרקערט, די
טונקעלע זייטן פונם לעבן זיינען פאַר אים נייטיק, כדי העלער צו באַלויכטן
דעם קעמפער, די שטאַרקע און מעכטיקע פּערזענלעכקייט. אין קאַמף קעגן
דער פינסטערניש לעבט די דאָזיקע פּערזענלעכקייט מיט פולן אינטענסיוון
לעבן, און מער ניט ווי ס'דאָזיקע לעבן איז פון איבסענס שטאַנדפּונקט אינטע-
רעסאַנט. אָט פאַרוואָס איבסען קלייבט ניט פונאַנדער דעטאַל די נעגאַטיווע
ערשיינונגען פון לעבן, סטאַרעט זיך ניט אַריינצודרינגען אין זיינע קעגנזייטי-

קע באַציִונגען, פּרוּווט זיך ניט אויפצוזוכן קיין מיטלען זיי צו באַזייטיקן. זיי אינטערעסירן אים נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל פון זיי הענגט אָפּ דאָס ליידן, די פאַרפולקומונג און די זעלבסטבאַשטימונג פון דער איינזאַמער און שטאָלצער פערזענלעכקייט. אומזיסט וואָלטן מיר אין נ אָ ר אַ געזוכט די פאַרטיידיקונג פון פרויענרעכט, אַ פּרוּוו צו לייזן די פרויענפראַגע. ניט דאָס איז דער עיקר פון דער דראַמע. איר גאַנצער זין, און גאַנצער אינטערעס באַשטייט אין נאָרעס ווידערגעבורט. עס איז אַפילו שווער צו זאָגן, צי האָט איבסען מיטגעפילט דער עקאָנאָמישער און דער פּאָליטישער באַפרייונג פון דער פרוי, צי ניט. עס קאָן זיין, אַז די אונטערטעניקע לאַגע פון דער פרוי, איר לעבן פון אַ זאָרגלאָז פלאַטערנדיק פייגעלע איז באַזונדער אָנגענעם פאַר דעם אַווטאָר פון נ אָ ר אַ, ווייל דווקא די דאָזיקע טרויעריקע ערשיינונג האָט אַרויסגערופן דעם קאָנפליקט, וועלכער האָט אין נאָרען אויפגעוועקט דעם אומאָפּהענגיקן מענטשן, האָט זי געטריבן צו זעלבסטבאַשטימונג, האָט זי אַרויסגערופן צום קאַמף. די דאָזיקע טעמע, וועגן דער פערזענלעכקייט, וועלכע האָט זיך געפונען און פאַרווירקלעכט, חזרט זיך איבער אין איבסענס אַלע דראַמען. סיי אין ב ו י ע ר ס אָ ל נ ע ס, סיי אין ד זש אָ ן ג אַ ב ר י ע ל ב אָ ר ק מ אַ ן, סיי אין ב ר אַ נ ד, אומעטום רוקט זי אָפּ די סיבה פונם קאַמף, איר ענדציל אָן אַ זייט, דערפאַר איז מיט העלע פאַרבן אויסגעמאָלט די פּסיכאָלאָגיע פונם קעמפער, די שיינקייט פון זיינע שטרעבונגען. דאָס לעבן איז קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ. די שטאַרקע לעבן איבער און לייגן אַוועק אַ יסוד פון נייע פאַרפולקומונגען פאַר די דורות. אַזוי זאָגט דאַרווין. ליב אין מענטשן נאָר דעם איבערמענטשן, זאָגט ניטשע. דער גרונטגעדאַנק ביי ביידע דענקער ברענגט צו דער אומפאַרמיידלעכער מסקנא, אַז קאַמף איז אַ נויטווענדיקער תנאי פון פאַרפולקומונג, קראַפט — דער הויפּטעלעמענט פון קאַמף. דער ציל איז צו ווייט און נעפּלהאַפט, אָבער דער וועג, וואָס פירט צו אים, איז קלאָר. איבסען האָט געזוכט די דאָזיקע העלדן, וועלכע רייסן זיך צו אַ ליכטיקער צוקונפט. ער האָט געשילדערט זייער שטרעבונג, ער האָט טיף באַגרייפט דעם זינען פון זייער באַציען זיך צו דער מאַסע.

איבסען איז אַ קריגערישער שריפטשטעלער. „איך האָב אַלעמאָל ליב געהאַט דעם שטורעם", זאָגט ער וועגן זיך זעלבסט. אָבער די דאָזיקע קריגערישקייט איז, ווי מיר זעען, פון אַן אַנדער מין. זיינע קריגער זיינען ניט קיין קעמפער פאַר אַ פּאָליטישן, סאָציאַלן, אָדער פאַר אַ וועלכן ניט איז אַנדער קלאָרן אידעאַל. דאָס זיינען אומרויִקע גייסטער, וועלכע ווידערשפעניִקן אין

נאָמען פון דעם ניט קלאָרן עתיד. נאָראַ איז ניט די קעמפערין פאַר פרויען-עמאַנסיפּאַציע, דאָקטאָר שטאָקמאַן איז כלל ניט קיין אַרצט, וועלכער שטעלט זיך איין פאַר די אינטערעסן פון געזונטהייט, בראַנד—ניט קיין פּאַסטאָר, באָרקמאַן—ניט קיין באַנקיר. ווען מען זאָל אויף זיי קוקן פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, וואָלטן מיר געמוזט מודה זיין, אַז איבסען האָט אויסגעמאָלט אַ גאַנץ בלאַסע פּראָגרעסיווע פרוי, אַ שלעכטן דאָקטאָר און אַ משונהדיקן באַנקיר. די קראַפט פון די דאָזיקע געשטאַלטן איז ניט אין זייער רעאַלער, נאָר אין דער סימבאָלישער באַדייטונג. איבסען איז אַ ראָמאַנטיקער פון אַ באַזונדער מין. ער נעמט די הײַנטיקע ספערן פון לעבן, אָבער אין די קאָנפליקטן פון דעם דאָזיקן לעבן זעט ער אַלעמאָל עפּעס אַ סודותדיקס, רעטזעלהאַפטיקס. זיינע העלדן זיינען אַ פּראָדוקט פון אַ דענקער און ניט פון אַ לעבנס-באַשרייבער אַ קינסטלער. זיינע געשטאַלטן, זאָגט בראַנדעס, ווילן זיך ניט פאַרקערפּערן און אָננעמען אַן אַלזייטיקן לעבנסכאַראַקטער. עס פילט זיך אַ פאַרלאַנג צו נעמען אַ סטערעאָסקאָפּ, כדי גוט צו באַטראַכטן די דאָזיקע פיגורן. מיר זיינען צוגעגאַנגען צו אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקן שטריך אין איבסענס שאַפונג—צו זיין סימבאָליזם. איבסען איז אַ סימבאָליסט אפילו אין די סאַמע רעאַלע זיינע ווערק. זיינע געשטאַלטן זיינען סימבאָלן, פאַרקערפּערטע אידעען און געדאַנקען, זייער מענטשלעכע באַשטרייכונג ווערט צעשוואומען אין אַבסטראַקציעס. זייערע קאָנטורן זיינען בלאַס, און זיי איז שווער תופס צו זיין. איבסען פירט אַרויס דאָקטוירים, קינסטלער, פּאַסטאָרן אאַז״וו. אָבער די אידעע פון יעדער שאַפונג זיינער וואָלט גאָרנישט פאַרלאָרן, ווען די פּראָפעסיעס וואָלטן זיך געביטן און בראַנד וואָלט געווען אַ דאָקטאָר, שטאָקמאַן—אַ פּאַסטאָר; וואָרעם דער עיקר אין זיינע העלדן איז ניט דאָס וואָס באַהעפט זיי צו די רעאַלע באַדינגונגען, נאָר דאָס וואָס הייבט זיי אויף העכער איבער די דאָזיקע באַדינגונגען.

איבסען אַליין האָט פיין כאַראַקטעריזירט דעם מהות פון זיין סימבאָליזם אין פאָלגנדיקע ווערטער: „דער ראָמאַנטישער בליק אויפן לעבן טרעט אָפּ זיינע רעכט דעם מוחדיקן, אָבער אין איין שורה מיט דעם דאָזיקן לעצטן, איבער אים און דורך אים, גייט דורך דאָס סודותפולע, רעטזעלהאַפטע און אומקלאָרע“. דאָס איז דער ראָמאַנטיזם, וועלכער לאָזט ווידער אַדורך די וועלט דורך דער פּריזמע פון פאַנטאַזיע און געדאַנק. נאָר דער פּאָעט נעמט איצט ניט קיין ניטעקזיסטירנדיקע געשטאַלטן פון מעשהלעך. ער נעמט לעבעדיקע מענטשן, נאָר ער וואַרפט פון זיי כמעט אַראָפּ זייער ערדישן לבוש, איבערלאָזנדיק נאָר

אַ שוואַכע פאַרבינדונג מיט דער ווירקלעכקייט. זיין העכסטן אויסדרוק האָט איבסענס סימבאָליזם באַקומען אין דער פּיעסע ווען מיר, מתים, ער־וואַכן. איבסען האָט זי אָנגעשריבן צום סוף פון זיין לעבן אין 1889טן יאָר און האָט זי אָנגערופן דראַמאַטישער עפּילאָג, אַזוי ווי אַלס צייכן, אַז אין איר האָט ער געגעבן דעם סך־הכל פון דער גרויסער גייסטיקער אַרבעט פון גאַר זיין לעבן. די ניט קלאָרע סימבאָלן פון דער דאָזיקער פּיעסע האָבן אַרויסגערופן אַ פולע אויסטייטשונגען אין דער קריטיק, עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו אויסצוטייטשן יעדע באַזונדערע פראַזע, אויפצוכאַפּן דעם געדאַנק, וואָס באַ־האַלט זיך הינטער זיי. אָבער ווען מען זאָל זיך אָנטזאָגן פון די דאָזיקע פּרוכטלאָזע פּרוּוון, ווען מען זאָל אין איבסענס סימבאָלישער שאַפונג זוכן נאָר די אָפּשפּיגלונג פון די אומבאַוואוסטזיניקע שטרעבונגען און אומקלאָרע שטי־מונגען, דעמאָלט וועט רובעקס קלאָגן זיך און אירענעס נעפּלדיקע רייד אָנרירן אפילו סטרונעס אין דער נשמה פונם לעזער. רובעק איז אַ שעפערישע נאַטור, ניט אין דעם זינען וואָס ער איז אַ סקולפּטאָר, נאָר אין דעם זינען, וואָס ער איז אַ שעפער בכלל. אין זיין געשיכטע זיינען וויכטיק ניט די דעטאַלן, ניט די באַזונדערע מאָמענטן, נאָר יענע אומענדערלעכע געזעצן, וועלכע הערשן פּאַסאַל איבערן לעבן פון יעדן שעפער און דענקער, באַשטימען זיינע באַ־ציונגען סיי צו זיך זעלבסט, סיי צו זיינע שאַפונגען, סיי צו דער מאַסע. די גאָרע וועלט ווייס גאָרנישט, זאָגט רובעק, די וועלט שטויסט זיך וועגן דעם, וואָס ביי מיר איז אפילו אין רעיון ניט געווען, און זי ווערט נתפעל דער עיקר פון דעם. עס לוינט ניט צו סטאַרען זיך צוליב דעם המון, צוליב דער „גאָרער וועלט”. ס'דאָזיקע קלאָגן זיך — דאָס איז דאָס אַלטע קלאָגן זיך מצד יענע, וועלכע גיבן דער וועלט נייע אידעען און געשטאַלטן, און עס וואָלט געווען אומזיסט צו זוכן, אין וואָס ליגט די סיבה פון רובעקס אומצופרידנהייט עס איז ניט נייטיק אויפצוהייבן דעם גאַנצן פאָרהאַנג, ווען דער ווינקל, וואָס דער פּאָעט האָט אויפגעהויבן, האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע מענגע זכרונות און געדאַנקען, פון דער ווייטקייט פונם עבר זיינען אויפגעשטאַנען געשטאַלטן פון דיזן און העלדן, אויסגעלאַכטע, ניט פאַרשטאַנענע... „איך האָב דעמאָלט גע־ליטן די יסורים פון שאַפן, אויסטראָגנדיק אין זיך די אידעע פון דעם גרעסטן ווערק מיינעם. איך האָב עס געוואָלט אַ נאָמען געבן „תחית המתים”, — זאָגט רובעק צו אירענען. — איך האָב עס געוואָלט פאַרקערפּערן אין דעם געשטאַלט פון אַ יונג מיידל, וועלכע האָט ערוואַכט פון טויטן שלאָף... די ערוואַכטע פרוי האָט געזאָלט ערשיינען אַלס די שענסטע, ריינסטע אידעאַלישסטע פון די טעכטער

אויף דער ערד. האָב איך דאָך געפונען. דו האָסט פאַר מיר אין אַלע הינזיכטן געפּאַסט. און דו האָסט אַזוי גערן מיט אַזאַ פרייד מסכּים געווען מיר צו דינען... האָסט פאַרלאָזן די היים, די קרובים און ביסט אַוועק נאָך מיר... דו ביסט פאַר מיר געוואָרן אַ העכערער וועזן, צו וועלכן מען האָט זיך געמאָגט אָנרירן נאָר אין געדאַנק... מיט ערפורכט. איך בין נאָך דעמאָלט יונג געווען, אירענאַ. און האָב מיך אונטערגעגעבן דעם אָבערגלויבערישן פאָרגעפיל, אַז ווען איך וועל געבן פרייהייט דער תּאווה, וועל איך פאַרשוועכן מיין נשמה, און מיר וועט שוין קיינמאָל ניט געלינגען צו פאַרקערפּערן מיין אידעע". די געשטאַלטן פון די גוטע פעעס, וועלכע פאַרגייסטערן דעם שעפערישן געני, פון בעאַטריטשען ביז רויטענדעליין, די אייביקע שנאה צווישן גייסט און לייב, די אומגעצוימטע שטרעבונג צום אידעאַל, דער טרויער וועגן פאַרלאָרענע טרוימען און אפילו אַנדערע זעאונגען און געפילן, אומקלאָרע, אומדייטלעכע, אָבער באַקאַנטע און נאָענטע, שפּיגלען זיך אָפּ אין דער געשיכטע פון רובעקן און אירענען. דאָס זיינען ניט קיין לעבעדיקע מענטשן, נאָר פאַרטיקע סכעמען, אָבער וואָס נעענטער עס זיינען די קאָנטורן פון די דאָזיקע פיגורן, אַלץ לייכטער איז אין זיי צו כאַפּן יעדן אויסדרוק און ניט צו זען קיין אויסדרוק. זייערע רייד זיינען וואונקען, און אין אַ רמז איז די ברייטקייט און די טיפקייט צום שאָדן דער באַשטימטקייט. וואָס מער אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער עס טראָגט די אידעע, וועלכע ליגט אין אַ קינסטלערישער געשטאַלט, אַלץ מער וועט דער פּאָעט מוזן דערנענטערן די דאָזיקע געשטאַלט צו אַן אַבסטראַקטער פאָרמעל, אַלץ ווייניקער וועט אין איר בלייבן אינדיווידועלע שטריכן, וועלכע מאַכן זי פאַר אַ לעבעדיקן מענטשן. איבסענס דראַמען ליידן פון דער דאָזיקער סכעמאַטישקייט. ער רופט אַרויס, לויט בראַנדעסעס שאַרפזיניקער באַמערקונג, גייסטער, מיט וועלכע ער איז ניט אימשטאַנד זיך איינצופאָרען, זייער העלדן שפּרינגען טאַקע אַריבער איבער זיך זעלבסט.

צו די דאָזיקע עיקרשטע באַזונדערהייטן פון איבסענס שאַפונג שטימט פולקום אויך דעם פּאָעטס פּערזענלעכקייט. ער געהערט צו יענעם מין גאַנצע פאַרענדיקטע נאַטורן, וועלכע ווייזן זיך אין אַלץ אַרויס אין אַ גלייכער מאָס שאַרף און אָפּהענגיק. אין זיין באַציִונג צום לעבן שטייט ער אויף דער דאָזיקער אָפּגעזונדערטער פּאָזיציע; ער באַטראַכט דאָס לעבן און די לעבנסבאַציִונגען פון דער הייך, ער מישט זיך נישט אַריין אין זייער געדיכטעניש און בלייבט דאָ אויך ביי זיין אויסזען פון אַ קריגערישן דענקער, ווי אין זיין גאַנצער שאַפונג. זיין געזיכט גופא, דאָס געזיכט פון אַ סקאַנדינאַווישן גאָט, דער־

ציילט וועגן זיין נאַטור, דער הערשערישער, אומפֿריינדלעכער און שווייגנדיקער, וועגן זיין צאָם און זיין שטרענגקייט. אָט ווי בראַנדעס באַשרייבט זיין אויסערלעכקייט: זיין גיין איז אַ לאַנגזאַמער, ער האַלט זיך מיט גרויסער ווערדע. זיינע מאַנירן צייכענען זיך אויס מיט אַדלקייט. זיין קאָפּ איז אַ גרויסער, זייער אַ אינטערעסאַנטער, מיט אַ גרויסער גריווע גראָע האָר, וועלכע זיינען ביי אים גאַנץ לאַנגע. דער שטערן, וועלכער הערשט איבערן געזיכט, איז זייער אַ שטיילער, אַ הויכער און אַ ברייטער און ער טראָגט אויף זיך די חתימה פֿון גרויסקייט און פֿון רייכקייט פֿון די געדאַנקען. בשעת ער שווייגט, איז דער מויל געפּרעסט, ווי אָן ליפּן".

ער איז געבוירן דעם 20טן מאַרט 1828 יאָר, און איז געווען דאָס ערשטע קינד ביי זיינע עלטערן, וועלכע האָבן געשטאַמט פֿון סוחרישע משפּחות אין דער שטאָט סקיען. געגליכן צו די ענגלענדער, זיינען די נאָרוועגיער פֿון דער נאַטור אויס ים־רייזנדער. יעדער מער אָדער ווייניקער פֿאַרמעגלעכער סוחר טרוימט צו האָבן אַן אייגענע שיף, און די דאָזיקע נאָענטקייט צום ים אַנטוויקלט דאָ דעם גייסט פֿון אונטערנעמונג, אומאָפּהענגיקייט און די געוויינהייט צו פֿאַרלאָזן זיך אויף די אייגענע כּוחות אין אַזאַ מאָס ווי אין ענגלאַנד. די געזעלשאַפֿט אין סקיען האָט געפֿירט אַ פֿריילעך וועלטלעך לעבן. דאָס רוב שטאָטישע משפּחות זיינען צווישן זיך געווען נעענטערע אָדער ווייטערע קרובים. „בעלער, מיטאָגן, מוזיקאַלע אָוונטן, — דערציילט איבסען אַליין,—פֿלעגן גיין איינע נאָך די אַנדערע סיי זומער, סיי ווינטער. אין שטאָט פֿלעגן קומען צופֿאָרן אַ סך טוריסטן, און היות ווי אין סקיען זיינען קיין גאַסטהייזער ניט געווען, פֿלעגן זיי איינשטיין ביי אייגענע און באַקאַנטע. אונזער גרויסע דירה איז פֿול געווען מיט אורחים, באַזונדערס צו ניטל און בשעת די יאַרידן".

בשעת איבסען איז אַלט געווען אַכט יאָר, האָט זיך ס'דאָזיקע פֿריילעכע לעבן געענדיקט. זיין פֿאָטער האָט אויפֿגעהערט צו צאָלן, און ביי דער משפּחה איז געבליבן נאָר אַ קליינער פֿאַרלאָזענער הויף ניט ווייט פֿון שטאָט. דער דאָזיקער איבערגאַנג פֿון פֿריילעכן שטאָטישן לעבן צו נויט און צרות האָט פֿאַרזייט אין איבסענס נשמה די ערשטע קערנער פֿון פּעסימיזם, האָט אין אים אויפֿגעוועקט ערנסטקייט. לויט די דערציילונגען פֿון זיין ייִנגערער שוועסטער, האָט ער זיך פֿון קינדוויַיז אָן אָנגעהויבן האַלטן אייַנזאַם און קיין אָנטייל ניט גענומען אין די שפּילן פֿון די קינדער. איבסען האָט זיך געלערנט אין סקיענער רעאַלשול. ער איז אַלט געווען פֿערצן יאָר, ווען זיינע עלטערן זיינען ווידער אַריבערגעפֿאָרן אין שטאָט אַריין. ער האָט געמוזט טראַכטן וועגן אַ

פאַרדינסט, און איז געוואָרן אַן אַפּטייק־שילער אין גרימשטאָט. די ניטגעהויבענע געזעלשאַפטלעכע לאַגע האָט אין דעם אָרעמען יונגן מאַן געוועקט ערגייציקע פאַרלאַנגען, אים האָט זיך געוואָלט אַדורכשלאָגן זיך אויף די שפּיצן פון דער געזעלשאַפטלעכער היעראַרכיע. די פעברואַר־געשעענישן פון 48טן יאָר האָבן צעטרייסלט דעם צוואַנציקיעריקן איבסענען. ער האָט אין זיינע יוגנטלעכע פערזן באַגריסט די באַפרייאונגס־באַוועגונג, וועלכע האָט פאַרכאַפּט גאַנץ אייראָפּע, און ווען די אונגאַרן האָבן אין 1849טן יאָר באַקומען אַ גרויסע מפּלה, האָט ער אָנגעשריבן אַ פלאַמעדיק ליד „צו אונגאַרן", אין וועלכן ער האָט אויסגעגאָסן זיין פאַרטרוערט האַרץ וועגן דער ממשלה פון דער פרייהייט. אָבער שוין דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די גרונט־טענדענץ פון איבסענס וועלטאָנשויאונג. אינם סוף פון דעם ליד טרייסט ער זיך מיט דעם געדאַנק, אַז די מאַרטירער און די העלדן פון דער פרייהייט וועלן דינען אַלס אַ מוסטער פאַר די קומענדיקע דורות. בשעת אין דעם זעלביקן 1848טן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה אין שלעזוויג און אין האָלשטיין, זיינען שוועדן און נאָרוועגיע אויפגערודערט געוואָרן. איבסען איז אויסער זיך געווען פון דעם גוואַלדטאַט מצד די דייטשן, אָבער דער פּאַטריאָטישער אויפרייס איז ניט געגאַנגען ווייטער פאַר מיטינגען און רעדעס. איבסען איז דורגעדרונגען געוואָרן מיט פאַראַכטונג צו זיינע שוואַכע און פאַלשע מיטבירגער. אין זיין ערשטע פּיעסע ק אַ ט י ל י נ אַ האָט זיך די דאָזיקע פאַראַכטונג אָפּגעשפּיגלט בנוגע צו אַלץ וואָס איז אָפיציעלע געזעלשאַפט.

אין 1850 יאָר ווערט איבסען סוף־כל־סוף אַ סטודענט, וועגן וואָס ער האָט כסדר געטרוימט אין דער אַפּטייק. אָבער די ליטעראַרישע נטיות רייסן אים כסדר אָפּ פון דער אַרבעט אין אוניווערסיטעט. ער נעמט אונטער אַ וועכנטלעכן זשורנאַל, שרייבט פיל, באַקומט באַקאַנטשאַפט און אין 1852טן יאָר לאַדט אים איין אָלע בורג, דער גרינדער פונם נאַציאָנאַלן טעאַטער אין בורגען אַלס דירעקטאָר און דראַמאַטורג. אַריי דראַמען, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן פאַר דעם בערגענער טעאַטער, פאַרשאַפט אים באַרימהייט אין די טעאַטראַלע ספערן, און אין 1857 יאָר ווערט אים איבערגעגעבן די פאַרוואַלטונג פון די נאָרוועגיער טעאַטערן אין כריסטיאַניע. דער אומאָפּהענגיקער און איינגעשפּאַרטער כאַראַקטער, די פאַראַכטונג, מיט וועלכער איבסען איז דורכגעדרונגען צו דער נאָרוועגישער געזעלשאַפט נאָך זינט דער שלעזוויגער מלחמה, לסוף די בייהייט און דער דרייסטער כאַראַקטער פון די אידעען, מיט וועלכע ער איז אַרויסגעטראָטן אין זיינע דראַמען, — דאָס אַלץ האָט אים באַשאַפן אַ מאַסע שונאים,

האָט אַרויסגערופן אָנפאַלן אין דער קריטיק און אין דער פּרעסע. די דאָזיקע אָנפאַלן האָבן באַקומען אַ באַזונדער שאַרפן כאַראַקטער, ווען עס האָט ערשיינט די קאָמעדיע פון דער ליבע.

איינער פון די קריטיקער האָט געמאָלדן, אַז אין גרונט פון דער פּיעסע ליגט דער עכט באַלעבאַטישער בליק אויף ליבע. דעם אַוטאָרס עיקרשטער שטאַנדפּונקט, לויט דעם קריטיקערס מיינונג, „שטימט ניט ניט בלויז מיטן אמת און דער מאָראַל, נאָר אויך מיט דער פּאָעזיע, ווי בכלל מיט יעטווידער אידעאַל, וועלכער שטעלט פאַר דעם אידעאַל און די ווירקלעכקייט אַלס אַזעלכע, וואָס צווישן זיי איז קיין שלום ניט מעגלעך. די געזעלשאַפט איז געווען ברוגז, און ווען איבסען האָט געבעטן אַ סובסידיע צו פאָרן קיין אויסלאַנד, האָט איינער פון די פּראָפעסאָרן פון אוניווערסיטעט געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז „די פּערזאָן, וועלכע האָט אָנגעשריבן „די קאָמעדיע פון דער ליבע", פאַרדינט קלעפּ מיט אַ שטעקן, און ניט קיין סובסידיע". גלייכצייטיק האָבן זיך ביי איבסענען אָנגעהויבן אומאָנגענעמלעכקייטן אויך אין טעאַטער. די אַרטיסטינס, וועלכע ער האָט באַזייטיקט, האָבן אים פאַרפאָלגט דורך דער פּרעסע; מען איז אויף אים אָנגעפאַלן פון אַלע זייטן. נאָך מער איז איבסען אין כעס געוואָרן אויף דער באַציִונג פון זיינע מיטבירגער צו דער נייער מלחמה פאַר שלעזוויג צווישן דענעמאַרק און דייטשלאַנד. דער סוף פון דער דאָזיקער מלחמה, וועלכע איז אויסגעבראָכן אין 1864טן יאָר, איז געווען, אַז מען האָט פאַרלוירן שלעזוויג־האָלשטיין, דערביי האָט זיך דער מיטגעפיל פון נאָרוועגיע אויסגעדריקט בנוגע צו דענעמאַרק נאָר מיט פלאַמעדיקע רעדעס מצד דער יוגנט, וועלכע האָט ביי באַקאַלן שאַמפּאַניער געשוואָרן צו פאַרגיסן איר בלוט פאַר דענעמאַרק.

געגליכן צו באַיראָגען און צו היינען, האָט אויך איבסען פאַרלאָזן דאָס פאָטערלאַנד, און דעם 2טן אַפּריל 1864טן יאָר איז ער אַרויסגעפאָרן פון כריאַסטיאַנע און זיך אַוועקגעלאָזט קיין בערלין, טריעסט און רוים. פון דעמאָלט אָן האָט איבסען פיל געררייזט, פאַרברענגענדיק אָפטמאָל צו עטלעכע יאָר אין איינציקע שטעט. ער האָט אויך פאַרבראַכט אין מינכען, דרעזדען, קאָפּענהאַגען, שטאָקהאָלם און אין אַנדערע שטעט. אין די רעזידענץ־שטעט פון דענעמאַרק און שוועדן האָט מען אים אויפגענומען מיט כבוד. אויך אין נאָרוועגיע גופא האָט זיך געענדערט די באַציִונג צום פאַרטריבענעם, וועלכער האָט ביסלעכווייז באַקומען אייראָפּעיִשע בארימטקייט. צען יאָר זיינען אַריבער זינט איבסען איז אַוועקגעפאָרן און ווען ער האָט זיך אין 1874טן יאָר ווידער באַוויזן אין זיין פאָטערלאַנד, האָט מען אים באַגעגנט מיט אַנטציקונג. אין טעאַטער האָט בשעת

דער פאָרשטעלונג פון איינער זיינער אַ פּיעסע דער גאַנצער זאַל אַפּלאָדירט דעם באַרימטן דראַמאַטורג.

אין לעבן ווי אין שאַפן איז איבסען פאַרבליבן דער זעלביקער אומאָפּ־הענגיקער כאַראַקטער. ער האָט אויפן לעבן און אויפן מענטשן געקוקט פון אויבן אַראָפּ, מיט אַ צו־אַלגעמיינעם בליק. און דעריבער האָבן לעבעדיקע מענטשן מיט זייערע פּריוואַטע אינטערעסן פאַרנומען ביי אים אַן אָרט פון דער צווייטער מדרגה לגבי דער אַלגעמיינער אידעע, וועלכע איבסען האָט אין יעדן פון זיי אַריינגעלייגט.

ער האָט ניט ליב געהאַט צו פאַרשליסן זיך אין אַ באַשטימטן קרייז פון אינטערעסן, אָפּגעבן זיך אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג, אויסשטודירן די דעטאַלן פון עפּעס אַ זאַך. דערמיט דערקלערט זיך זיין ליידנשאַפט צו וואַנדערן, צו ענדערן דאָס אָרט, זיין ניט קענען זיך איינלעבן. גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרנעמען אַ באַשטימט אָרט אויף דער וועלט, כדי ניט צו פאַרלירן די מעגלעכקייט אויפצוהויבן זיך העכער פאַר דעם אָרט און צו קוקן אויף דעם פון דער זייט. ער האָט געלעבט,—דערציילט בראַנדעס,—גלייך ווי אויף דער רייזע, אין ביידל, מיט מעבל גענומען אויף פּראָקאַט, וואָס מען קען עס אָפּשיקן אין דעם טאָג, וועלכער איז באַשטימט צו רירן זיך פון אָרט. פון 1864טן יאָר האָט ער זיך קיינמאָל ניט געזעצט צו אַן אייגענעם טיש, האָט קיינמאָל ניט געשלאָפן אין קיין אייגענער בעט. רו אין דעם אמתן זינען פון דעם וואָרט האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט. ער האָט זיך צוגעוויינט פילן זיך ווי ביי זיך אין היימלאָזער אומגעבונג... אַפילו, ווען ער איז געוואָרן אַ פאַרמעגלעכער מענטש, פילט ער ניט קיין נויטווענדיקייט אין אַן אייגענער הויז, אין אַן אייגענער היים, און באַך ווייניקער אין אַ הויף און אין ערד־אייגנטום... ער האָט זיך צעשיידט מיט זיין פאָלק, ניט פאַרנומען זיך מיט קיין טעטיקייט, וועלכע זאָל אים פאַרבינדן מיט עפּעס אַן אַנשטאַלט, מיט עפּעס אַ פּאַרטיי און אַפילו פּשוט מיט עפּעס אַ צייטונג אָדער אַ זשורנאַל אין דער היים, צי אין אויסלאַנד. בקיצור—דאָס איז אַ פולקום איינזאַמער מענטש.

בראַנד איז דאָס בעסטע ווערק פון דעם ערשטן פּעריאָד פון איבסענס ליטעראַרישער טעטיקייט. בראַנד איז אַ מעכטיקער גייסט, ער ווייס ניט פון קיין קאָמפּראָמיסן און הנחות. ער פאַראַכט די מענטשן, וועלכע זיינען „אי דאָס, אי יענץ" אַביסל, אין וועלכע סיי די גוטע מידות סיי די זינדיקייט פילן ניט אויס דעם גאַנצן איך. זיי דאַרפן אַ גאָט, וועלכער זאָל אויף זיי קוקן „דורך די פינגער". בראַנד זוכט אַן אַנדער גאָט. ער זאָגט צו אייבאַכן:

מיין גאָט — ער איז שטורעם דאָרט, וואו דיינער ווינט;
ער איז אומדערבעטלעך דאָרט, וואו גלייכגילטיק איז דיינער,
און מיט רחמים פול, וואו דיינער—נאָר גוטמוטיק.
מיין גאָט—ער איז יונג. הערא̇קלעס ביכער
איידער זיידע. מיין גאָט—האָט געדונערט ביים הר סיני,
ווי אַ דונער, פונם הימל פאַר די בני ישראל.

בראַנד ווייס ניט פון קיין קאָמפּראָמיסן, באַרויִקט זיך ניט מיט קליינס. אַלץ, אָדער גאָרנישט — דער דאָזיקער דעוויז פון פאַוסט, מאַנפרעד און קין ווערט ווידער איבערגעחזרט דורך בראַנדס ליפּן. וואָס זשע אַזוינס וויל בראַנד? צו וואָס שטרעבט ער? אין וואָס באַשטייען זיינע אידעאַלן? זיי זיינען ניט קיין קלאָרע, מטושטשע, ווי די אידעאַלן ביי אַלע טרוימער מיט טיטאַני־שע פּרעטענזיעס. זיינע אידעאַלן זיינען אין דער ווייטער צוקונפט, און ניט דאָ אויף דער ערד. דאָס זיינען טרוימען וועגן אַ פולקומען מענטשן, וועגן אַ זיך־באַשטימטער אַלזייטיק אַנטוויקלטער פּערזענלעכקייט, וועלכע לעבט מיט פולן גייסטיקן לעבן. בראַנד וויל „פון שטיקלעך נשמות, פון קלאָגעדיקע ברעק־לעך גייסט ווידער באַשאַפן עפּעס גאַנצס, אַז גאָט דער שעפער זאָל אין אים קאָנען דערקענען די קרוין פון זיין שאַפונג, דעם יונגן אדם". — „אָרט, רחבות און פרייהייט פון דער גאַנצלעכער אין זיך געטרייער פּערזענלעכקייט — אָט איז דאָס רעכט פון פאָלק. נאָר פאַר דאָס שטיי איך אין קאַמף". אַזאַ איז דער ריז פון סוף XIX יאָרהונדערט, ניט געגליכן צו די טרוימער פון אָנהייב יאָר־הונדערט. ער איז אויך, ווי זיי, פול מיט גראַנדיעזע פּרעטענזיעס און אויך אַזוי אומבאַשטימט איז זיין אידעאַל. אָבער זיי, ווי נאָר זיי האָבן דערפילט זייער מאַכטלאָזיקייט צו פאַרווירקלעכן זייערע פּרעטענזיעס, אָנערקענענדיק די באַגרענצטקייט פון זייער נאַטור, האָבן זיי געשיקט אַ קללה סיי דעם שעפער, סיי די מענטשן, און זיינען אַוועק פון דער וועלט. אין דער צייט ווען בראַנד גייט אין קאַמף פאַר זיינע אידעאַלן. זיי זיינען פּאַסיוו. ער איז דער קריגע־רישער, אַקטיווער שעפערישער גייסט.

אין זיינע מטושטשע שטרעבונגען צו דער הייך קומט בראַנדן אויס אָנ־צושטויסן זיך אויף אַלע עלעמענטן, וועלכע שטייען אין וועג צו דעם גרויסן ציל. אין דעם דערטרונקענעם גלאָק דינט דער פּאַסטאָר אַלס פאָר־שטייער פון די טראַדיציעס, אַלס פאָרשטייער פון די געשאַפענע רוטינע אָנ־שווינגען אויפן לעבן; דאָ—דער פאָגט. בראַנד און דער פאָגט ריידן אויף צוויי באַזונדערע שפּראַכן. אין דער נויט און אין דעם הונגער, וואָס עס ליידן די פויערים, זעט דער פאָגט איין מער ביט ווי נויט און הונגער. בראַנד זעט אין

דעם אַ מעכטיקן סטימול צו טעטיקייט: די דחקות און די צרות צעבּרעכן יענע מאָנאָטאָנע עקסיסטענץ, „ווען אַ טאָג נאָך אַ טאָג גייט פּאַרביי ווי אין שלאָף און דאָס לעבּן גייט מיט לוויה־טריט". די פּיין פּירט צו גייסטיקער דערהויבּונג. „דאָס פּאָלק וואַקסט און קרעפּטיקט זיך אין נויט, און זיין טעמפּער בּליק בּאַקומט אַ קרייזבּליק פון אַן אָדלער, און די שוואַכקייט, אַ זיכערע אין נצחון, ווערט פּאַרוואַנדלט אין קראַפט". די דאָזיקע אָנשווייונג האָט אַפּנים ווי אויסגעלאַכט פון דעם ליידנדיקן המון. אָבּער בּראַנד מוז זיך רעכענען ניט נאָר דערמיט, וואָס עס פעלט העלדישקייט, וועלכע איז ניט אייגנשאַפטלעך פּאַרן המון, נאָר אויך מיט די אייגענע געפילן. מייסטער היינריך האָט צעבּראָכן דאָס גליק פון זיין משפּחה. בּראַנד בּרענגט אויך אַ קרבּן פאַר דעם דערהויבּענעם ציל: די מוטער און די ווייבּ און דאָס קינד. זיין מוטער „איז איינגעבּויגן און איינגאַנצן גראָ געוואָרן", קלייבּנדיק פאַר אים אַ פּאַרמעגן. זי לאָזט אים איבּער די ירושה מיט איין תּנאי: ער זאָל זי היטן און פאַרמערן: ער „מוז היטן דאָס לעבּן און מיען זיך פּאַרלענגערן און פּאַרשטאַרקן די משפּחה, עס זאָל גיין אַ זון נאָך אַ זון. אָבּער ער קוקט אַנדערש אויף דער וועלט: זאַמלענדיק מאַטעריעלע גוטס, האָט זי „גאָטס גוטס אויסגעבּראַכט דאָ אויף דער ערד, — די נשמה, וועלכע זי האָט פון גאָט בּאַקומען". פאַר איר רעטונג איז בּייטיק, זי זאָל שטאַרבּן, „ווי איוב אויפן אַש — נאַקעט און אָרעם". און ווען די שטאַרבּנדיקע מוטער בּעט דעם זון־פּאַסטאָר, ער זאָל איר טאָן דאָס לעצטע חסד — לאָזן איר דעם הייליקן אָוונטבּרויט עמפּפאַנגען, זאָגט זיך בּראַנד אָפּ. זי איז גרייט אים אָוועקצוגעבּן אַ העלפט פון איר עשירות. „אַ העלפט נאָר? מען דאַרף איינגאַנצן! — זאָגט ער צו איר שליח. — קער זיך אום, זאָג: ער וועט ניט קומען, ער וועט ניט געבּן די הייליקונג". ווען מען זאָגט אים אָן, אַז זי איז גרייט אָוועקצוגעבּן ניין צענטל פון איר אייגנס, זאָגט ער: „איז מיין ענטפער אָלץ דערזעלבּיקער: „דער גלח וועט ניט קומען". נאָך זיין מיינונג, איז „אַן אָפּגעבּראָכן שטיקל פון עגל הזהב — אַלץ איינס אַן אָפּגאָט". אָבּער ווייטער אויף זיין אומפּריינדלעכן וועג וואַרט אויף אים אַ נייער, נאָך אַ שווערער נסיון. ער ליבּט אַגנעסן און האָט מיט איר חתונה. זיי האָבּן אַ קינד אַלף — זייער בּיידנס שטאָלץ און נחמה. אָבּער אין דעם בּאַרגשפּאַלט, וואו בּראַנד האַלט זיין שטרענגע פּריידיקט, איז די נאַטור געפערלעך פאַר אַלפן. „דאָ איז די זון ניטאָ, דאָ שניידט דער ווינט אַדורך ווי אויפן פּאָל. דאָ שפּרייט זיך אַ געדיכטער נעפּל. נאָך איין ווינטער אין אַזעלכע בּאַדינגונגען — און אייער צאַרט בּלימל וועט איינגאַנצן פּאַרוועלקן. ווילט איר אים רעטן — איז אַוועק פון דאַנען,

און וואָס גיכער אַלץ בעסער". אַזוי זאָגט דער דאָקטאָר צו בראַנדן און צו אַגנעסן. אָבער ווער עס האָט זיך מקריב געווען צו אַ גרויסער אידעע, מוז זיך אָפּזאָגן פון אַלץ, און בראַנד פאַרבלייבט, דאָס קינד שטאַרבט, און נאָך אים זיין מוטער אויך. דער איבערמענטש דאַרף זיין איינזאַם, און בראַנד בלייבט אַליין.

בראַנד פירט אַ קאַמף ניט בלויז מיט דער טראַדיציע, ניט בלויז מיט זיך אַליין, מיט די געליבטע און נאָענטע מענטשן. די שווערסטע שנאה דראָט דעם איבערמענטשן מצד יענע, וואָס ער האָט זיינע כוחות אָפּגעגעבן זיי צו דינען. די פולקומענהייט פון דער מאַסע וועט ער דערגרייכן דורך אירע אייגענע ליידן. ער ליבט אין דער דאָזיקער מאַסע יענע פאַרפולקומטע געשטאַלט פון דער מענטשהייט, צו וועלכע זי וועט קומען. ער האָט אין איר פיינט יענע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, קעגן וועלכע ער קעמפט,—מיט איין וואָרט, ער ליבט זי, ווייל ער האָט זי פיינט, ער האסט, זי ווייל ער האָט זי ליב. זיין שיין ריידן צינדט זיי אָן, און זיי גייען נאָך אים. דער פאָכט דראָט אים מיט אַ פּראָטאָקאָל, אָבער דער המון שרייט צו בראַנדן: "פיר! מיר אַלע גייען נאָך דיר"! וואוהין פירט זיי בראַנד? ווידער איז זיין רעדע גיכער אַ סימבאָלישע געשטאַלט פון אידעאַל, איידער אַ קלאָרע פּראָגראַם.

צו דער הייך איבער פאַרגליווערטע כוואַליעס פון גלעטשערס,  
צו דער נידער איבער טאָלן און דערפער,  
לענג און קווער וועלן מיר אַדורכגיין גאָר די ערד,  
אַלע שלענגלען, אַלע נעצן אָפּבינדן,  
די נשמות געפאַנגענע באַפרייען,  
זיי באַנייען און רייניקן,  
פון צעקראַכנקייט, פוילקייט קיין שפורן ניט לאָזן,  
און באמת זיין מענטשן וועלן מיר,  
פאַסטוכער,—די פאַרמעקטע מטבע באַנייען,  
אין אַ הייל די מלוכה פאַרוואַנדלען!

זיי גייען נאָך אים. אָבער דער המון קאָן זיך אָנצינדן נאָר אויף אַן אייגנבליק. דאָס אייביקע שטרעבן צום אידעאַל איז ניט צוטריטלעך פאַר מיטעלע מענטשן. זיי זייגען אומפעיִק צו אָפּפערן זיך אַ לענגערע צייט. זיי גייען נאָך אים, אָבער צווישן זיי לאָזן זיך אַלץ אָפטער און אָפטער הערן די שטימען פון ערדישע מענטשן, ניט פון הימלשע: "מיין אַלטער פאָטער איז מיד געוואָרן... איך האָב פון נעכטן פרי אָן ניט געגעסן... זעטיק אָן אונזער הונגער, שטיל אונזער דאָרשט"... אָבער ער האַלט אין זיי אונטער די קרעפטן

מיט דעם צוזאָג אויף געצאָלט. אויסגעפּייניקטע און מידע, פאָדערן זיי, ער זאָל זיי לפּחות זאָגן, אין וואָס וועט באַשטיין די דאָזיקע געצאָלט. און ערשט דעמאָלט, ווען בראַנד גיט זיי אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע, ווערט קלאָר, ס'איז אַ טיפער מיספאַרשטייין עס איז געלעגן אין די באַציִונגען צווישן דעם מנהיג און דער מאַסע. זיי האָבן געמיינט, אַז דער קאַמף וועט פון זיי פאָדערן קרבנות, אָבער ניט דאָס טייערסטע אין לעבן. ער זאָגט, אַז זיי וועלן מוזן קעמפן „דאָס גאַנצע לעבן ביזן סוף", זיי שטייט פאָר „פאַרלירן אַלע גע־טער וועלטלעכע און די צעצווייאונג פונם גייסט, אַלע קייטן פון קנעכטשאַפט, די גלענצנדע, די באַגילדטע און די פוכפערענעס פון אייער שלעפעריקייט". זיי האָבן פאַרשטאַנען געצאָלט אַלס פאַרמערונג פון ערדישן גוטס, ער האָט אונטער דעם פאַרשטאַנען „די באַגייסטערונג פון גלויבן און די ריינקייט פון ווילן, די אייניקייט פון דער נשמה, איר גרייטקייט אויף קרבנות און אויף אַ קרוין פון דערנער אויפן קאָפּ". זיי האָבן געוואַרט אויף אַ שנעלע פאַרווירק־לעכונג פון זייערע שטרעבונגען. ער מעלדעט זיי, אַז „די ערשטע רייען וועלן מיט זייער פאַלן געבן נצחון די ווייטערדיקע". דער המון און דער העלד וועלן שטענדיק ריידן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, זיי האָבן פאַרשיידענע קריטעריס פון גליק, און בראַנד מיט זיינע נאָכפאָלגער,—דאָס איז נאָר אַ סימבאָליש בילד פון דעם אייביקן קאָנפליקט. פון אַ נביא האָט ער זיך פאַר זיי פאַרוואַנדלט אין אַ שטן המשחית. זיי פאַרשילטן אים, און ווען דער פאָכט זאָגט זיי אָן, אַז עס האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע טשאַטע הערינג ביים ברעג, באַהערשט זיי די גייציקייט, זיי פאַרוואַרפן זייער מנהיג מיט שטיינער און לאָזן זיך אַוועק באָכן פאָכט, דעם פאָרשטייער פון דער טראַדיציע און פון די ערדישע אינטערעסן. בראַנד איז ווידער אַליין, אַ פאַרבלוטיקטער, אַ פאַרוואונדעטער. אַן אומגעזעע־נער כאָר זינגט אים וועגן דעם, אַז ער איז באַשאַפן פון ערד און ער טאָר זיך ניט גלייכן צו דעם באַשעפער. כמעט אין די זעלביקע אויסדרוקן האָט מיט הונדערט יאָר צוריק מעפיסטאָפעל אויסגעלאַכט די טיטאַנישע שטרעבונגען פון פאַוסט: „דו ביסט אַם ענדע, וואָס דו ביסט". דו ביזט נאָר אַ מענטש, האָט געזאָגט דער גייסט פון פאַרלייקענונג צו דעם טרוימער פון XVIII יאָר־הונדערט, וועלכער האָט געקוקט אין דער ווייטקייט פון דער צוקונפט. און די זעלביקע פראַזע הזרט איבער דעם טרוימער פון XIX יאָרהונדערט דער שפּאַנ־דער כאָר: מיט אים קאָנסטו זיך ניט גלייכן, אָרעמער טרוימער, קיינמאָל ניט, צי דו וועסט אָפּפערן, צי קאַרגן; דו ביסט אַ זון פון דער ערד, אַ מענטש". און ווען די אָפּגעריסענע לאַווע שניי באַגראָבט אונטער זיך בראַנדן, הערט

זיך דורך די דונערן ווידער אַמאָל די אָפּלאַכנדיקע שטים: גאָט, ער איז — Deus Caritatis, ס'קאָן קיין ספק ניט זיין אין דעם, אַז איבסען האָט ניט גע־האַט בדעה צו באַווייזן דעם גאָט פון ליבע און פון אַלפאַרגעבונג, ווי אייניקע זיינע קריטיקער האָבן געמיינט. אַזאַ כּוונה וואָלט קעגנגעשפּראָכן דעם גאַנצן גאַנג פון דער פּיעסע און איבסענס גאַנצער וועלט־אָנשויונג: זי איז דורכגע־דרונגען מיטן ניטשעאַנישן גייסט, איז פיינטלעך צו די קריסטלעכע אידעען פון מיטלייד און רחמנות. בראַנדס אומקומען און דאָס, וואָס זיין מיסיע האָט זיך אים ניט איינגעגעבן, באַווייזט בשום אופן ניט, אַז זיין פּרווו האָט קיין האַפט ניט געהאַט. דער דערהויבענער גייסט איז פאַראורטיילט אויף ליידן און אומקומען. שילדערנדיק, ווי אַזוי די טיטאַנישע שטרעבונגען זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, האָט איבסען ניט געהאַט די כּוונה אַרויסצוזאָגן זיין פאַראורטיילונג איבער די דאָזיקע שטרעבונגען. בראַנד האָט געטאָן דאָס, וואָס עס האָט גע־קענט טאָן אַ מענטש, וועלכער קוקט צופיל אין דער ווייטער צוקונפט. אַלץ איז אין זיין פּאַראַפיע פאַרבליבן ווי אַמאָל — די זעלביקע קליינלעכע אינטע־רעסן, די זעלביקע שנאה אין לעבנסקאַמף, אָבער אין די הערצער איז אַריינ־געוואָרפן געוואָרן אַ פונק, וועלכער וועט ניט פאַרלאָשן ווערן, און וועט זיך אַמאָל פונאַנדערוואַקסן אין אַ הייליקן פלאַם.

> כ'האָב אויפגעוועקט דאָס פאָלק. באַוואוסטזיניקייט
> אין מענטשנס זעל ט'ער אָנגעצונדן, די אויגן זיי געעפנט,
> צו זען דאָס בייז פון לעבן און זיין פאַלשקייט.
> דאָס פאָלק ט'ערוואַכט, און ט'מער ניט וועלן
> מיט יענעם לעבן, ווי ביז איצטער, לעבן.

בראַנד האָט ערשיינט אין 1866טן יאָר. די פּיעסע נאָראַ (ליאַלקענ־הויז) האָט ער אָנגעשריבן אין 1879טן יאָר. דרייצן יאָר טיילן אָפּ די דאָזיקע ווערק איינס פונם צווייטן, אָבער דער פּאָעט איז געבליבן געטריי דער גרונט־אויפגאַבע פון זיין שאַפונג—אויפקלערן דעם קאָנפליקט צווישן דער פּערזענלעכ־קייט מיט די אַרומיקע באַדינגונגען. אויב די טראַדיציע, די פאַראורטיילן, די אָפּ־געשטאַנענקייט פון דער געזעלשאַפט, — מיט איין וואָרט אַלץ, וואָס שטערט דעם לעבן אויסצושפּרייטן זיך מיט ברייטן מעכטיקן שטראָם, איז געהאַנגען ווי אַ פינסטערער קאָשמאַר איבער יעדער פּערזענלעכקייט, איז די פרוי אין דער הינזיכט אַוועקגעשטעלט אין באַזונדער אומגליקלעכע באַדינגונגען. דער שטאַר־קער פרוי קומט אויס צו ברעכן צווייפיקע קייטן: זי האָט ניט אפילו די באַ־גרענעצטע פרייהייט, וועלכע איז אין די גרענעצן פון דער געזעלשאַפט דער־

לאָזבאַר, וועלכע איז טראַגיש, אַ געשמידטע איבער הענט און פיס. אויסמאָלן דאָס בילד, ווי דער מענטש ערוואַכט אין דעם ווען, וועלכע די אַלטע טראַדיציע האָט געגעבן די ראָלע פון אַ ליאַלקע,—די דאָזיקע אויפגאַבע האָט ניט געקענט ניט באַגייסטערן איבסענען, וועלכער האָט אומעטום אויפגעדעקט די אומדערבעטלעכע שטרענגקייט פונם געזעץ, וועלכער קיניגט איבער דער מענטשלעכער פרייהייט. ניט אַלס קעמפער פאַר דער פרויענעמאַנסיפּאַציע אין דעם געוויינלעכן זינען פון דעם וואָרט איז איבסען אַרויסגעטראָטן אין דער ליאַלקענהויז. יענע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פרייהייט, וואָס מאַנסביל האָבן און וועגן וועלכער עס טרוימען די פאָרטגעשריטענע פרויען, וואָלט געשיינט צו זיין ווייניק באַפרידיקנד פאַר דעם זינגער פון די טיטאַנישע פרעטענזיעס פון דער פערזענלעכקייט. דעריבער האָט ער אויך אויף דער פרויענפראַגע געקוקט אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער. פאַר אים איז עס ניט נאָר איין טייל פון דער אַלגעמיינער סאָציאַלער פּראָבלעם פון אונזער צייט, נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פון דער טראַגישער נויטווענדיקייט, וועלכער הענגט איבער דעם לעבן פון דער מענטשהייט, פון דעם שטרענגן געזעץ, וואָס זיין מאַכט קאָן בטול ווערן נאָר דורך דער מעכטיקער, אָן אַ זייט ניט אָפּטרעטנדיקער שטרעבונג פון דער שטאַרקער פערזענלעכקייט צו זעלבסטבאַשטימונג און פולקומער באַפרייאונג. נאָראַ און העלמער — דאָס איז אַ אידעאַלע פּאָר פון שטאַנדפּונקט פון דער בורזשואַזער וועלטאָנשויונג. דער וואוילשטאַנד פון דער ליאַלקענהויז איז געבויט אויף פעסטע יסודות. העלמער באַקומט אַ פיינעם געהאַלט. אויף דער שטעלע איז ער אַ געוויסנהאַפטער מענטש, וועלכער טוט אַלץ וואָס מע דאַרף. אַזעלכער איז ער אויך אין די געשעפטלעכע און פערזענלעכע באַציִונגען. אין דער היים הערשט אין זיין ביודזשעט אַ שטרענגע גלייכגעוויכט. ער מאַכט קיינמאָל קיין חובות ניט. „דו שטעל זיך פאָר, — גט ער צו נאָרען, — הייַנט וועל איך לייען טויזנט קראָן, דו וועסט זיי אויסגעבן אויף יום-טובים, און ערב יום-טוב וועט מיר אויפן קאָפּ אַרויספאַלן אַ דאַכלקע פון דאַך — און פאַרטיק!" ווען נאָראַ זאָגט אים, אַז עס וועלן ליידן פרעמדע, וועלכע גייען איר ניט אָן, שטעלט זי העלמער אָפּ: „דיר זיינען באַקאַנט מיינע בליקן אין דער הינזיכט. קיינע חובות! קיינמאָל ניט לייען! אויף דער משפחההיים, וואָס איז געגרינדעט אויף חובות ליגט עפּעס אַ שאָטן. זי פאַרלירט איר פרייהייט, איר שיינקייט". דאָס גליק פון דער דאָזיקער היים, וועלכע איז געבויט אויף אַזעלכע קלוגע פּרינציפּן, וועלכע ווערט אָנגעפירט פון אַזאַ קלוגן און פאָרזיכטיקן מענטשן, איז פעסט און זיכער. און נאָראַ איז גליקלעך, אַזוי

גליקלעך, ווי עס קאָן נאָר זיין אַ זאָרגלאָזע פויגל. אירע זאָרגן באַשטייען אין דעם צופוצן צו ביטל אַ קריסטוס=בוים און צו איבערראַשן מיט עפעס אַ סורפריז איבער קינדער. אירע קליינינקע סודות באַשטייען אין דעם, וואָס זי גייט געהיים פון מאַן אַריין אין קאָנדיטערײַ אַ נאַש טאָן קאָנפעטורן און מאַנדלען־טשאַסטעס; נאָכדעם וועט העלמער אַ ביסל שטראָפן זיין „קליינטשקע אויסברענגערין", זיין „ליב פייגעלע", און וועט זיך פרייען, וואָס עס איז אַריבער די צייט פון נויט, און וואָס זיין ליאַלקעלע דאַרף ניט מער זיצן ביי דער אַרבעט „קאַליע מאַכן אירע ליבע וואוילע אייגלעך און צאַרטע הענטלעך". און פלוצלונג רוינירט אַ ריס פון ווינט ס'דאָזיקע קאָרטן־הייזעלע פון אידילישן גליק, וואָס איז געבויט, דאַכט זיך, אַזוי פעסט. אַן אומדערוואַרטער צופאַל דעקט אויף דעם גאַנצן ליגן, אויף וועלכן עס האָט זיך געהאַלטן גאָר די דאָזיקע לופטיקע צופרידנהייט. באַלד נאָך העלמערס און נאָרעס חתונה, ווען דאָס יונגע פאָר פאָלק האָט נאָך געליטן נויט, איז העלמער קראַנק געוואָרן, און די דאָקטוירים האָבן געמאָלדן, אַז מען מוז אים אָפשיקן אויף דרום, און דעמאָלט האָט נאָראַ זיך באַשלאָסן, כדי צו רעטן איר מאַן, אויף דעם איינציקן זעלבשטענדיקן טאַט. זי האָט געליען די נייטיקע סומע און אויפן וועקסל אונטערגעשריבן איר פאָטערס נאָמען. העלמערן האָט זי געראַטעוועט, און פון דעמאָלט אָן האָט נאָראַ געהיים פון מאַן אָפגעשפאָרט פון דער הוצאה און ביסלעכווייז אויסגעצאָלט דעם חוב. פונם מאַן האָט זי שטרענג אויסבאַהאַלטן איר סוד, ווייל זי האָט ניט געוואָלט באַליידיקן זיין מאַנסבילשע אייגנליבע. פאַר אים איז עס געווען,—דערציילט זי איר חברטע,—אַזוי פיינלעך דערנידעריקנד צו וויסן, אַז ער דאַרף מער פאַר עפעס דאַנקבאַר זיין. דאָס וואָלט איבערגעקערט מיטן קאָפ אַראָפ אַלע אונזערע באַציִונגען. עס וואָלט דעמאָלט אַ סוף געווען צו אונזער גליקלעך לעבן". די דאָזיקע ליאַלקע האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז דער וואוילשטאַנד פון איר הויז באַזירט זיך אויף איר פערזאָנלאָזיקייט, אויף איר אונטערטעניקייט. די דאָזיקע פאַלשע חתימה, וואָס וועגן איר שרעקלעכער באַדייטונג האָט נאָראַ קיין באַגריף ניט געהאַט, האָט איבערגעקערט מיטן דעק אַרויף די גאַנצע עקסיסטענץ פון דער ליאַלקעהויז. די דאָזיקע חתימה, וועלכע נאָראַ האָט געגעבן אויס נאַיִווקייט, מחמת מען האָט ביי איר געפאָדערט אַנדערש ניט, ווי די התימה פון פאָטער, און מחמת זי האָט אויסגערעכנט, אַז צום טערמין וועט זי באַצאָלן דעם וועקסל, — די דאָזיקע חתימה גיט איבער אין די הענט פון דעם פאַרביטערטן שלימזל קראָגסטעדט דאָס גאַנצע גליק פון דער משפחה. דערוויסט זיך דאָ נאָראַ, אַז די אומשולדיקע אומשעדלעכע

ביטראַסט קאָן לויט די מענטשלעכע געזעצן פאַררעכנט ווערן אַלס שרעקלע־
כער פאַרברעכן, אַז די דאָזיקע משונהדיקע געזעצן שטראָפן שטרענג די טאָכ־
טער, וועלכע וויל ניט באַאומרויִקן דעם אַלטן טאַטן, די ווייב, וועלכע פּלאַנט
פון פאַרלאַנג צו ראַטן איר מאַן פון טויט. נאָראַ איז איבעררעשט, אַ פינסטערער
וואָלקן באַווייזט זיך דאָס ערשטע מאָל אויף איר זאָרגלאָזן געזיכט. דאָס ער־
שטע מאָל שטעלט זיך איר דאָס לעבן פאָר ניט אַלס ענדלאָזער פריילעכער
יום־טוב, נאָר ווי אַ שרעקלעכער תּהום, ווי אַן אַרענע פון טראַגישן קאַמף...
ניין, דאָס קען ניט זיין! איך האָב עס דאָך געטאָן אויס ליבע!" דאָס איז אין
אַ נייער פאָרם דערזועלביקער קאָנפליקט, וועלכן בראַנד האָט שוין פריער אי־
בערגעלעבט: דער פרייער אויפברויז, דער אוממיטלבאַרער אינסטינקט פון דער
פערזענלעכקייט און די דריקנדיקע קראַפט פון די אויסערלעכע באַדינגונגען,
אומדערבעטלעכע און נאַרישע. נאָראַ ערוואַכט ענדגילטיק, ווען איר שרעק־
לעכער סוד ווערט אַנטפּלעקט, און העלמער פאַלט אָן אויף דער פרוי מיט אַ
האָגל פון שטראָפרייד. אָנשטאָט דעם שטאַרקן מענלעכן מענטשן, וועלכן זי
האָט גערן אָנערקענט פאַר איר הערשער, ווייזט זיך העלמער אַרויס פאַר אַ
גראָבן עגאָיִסט און אַ פּחדן. זיין ערשטער אויפבראַך — איז די עגאָיִסטישע מורא
פאַר זיך, פאַר זיין לאַגע. זיין צווייטער אויפבראַך איז מורא: ער איז גרייט
צו לויפן צו קראָגסטעדטן, וועלכן העלמער האָט אַלס מענטשן מיט אַ חשודן
עבר אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלע. העלמערס יעדעס וואָרט מאַכט אַ שרעקלעכן
איינדרוק אויף נאָרען. גאַנצע יאָרן פון זאָרגלאָזער עקסיסטענץ וואָלטן פון
איר ניט געקענט מאַכן קיין מענטשן, און דאָ איז זי געוואָרן אַ מענטש אין
עטלעכע אויגנבליקן. און אַז נאָרעס חברטע אָרדנט איין דעם ענין, און דער
גליקלעכער העלמער איז „מוחל" זיין ליאַלקע און זאָגט איר צו צוויי מאָל
אַזויפיל ליב האָבן פאַר איר ליבער הילפלאָזיקייט, — ווייזט זיך אַרויס, אַז ווי־
דער אויפשטעלן דאָס פריערדיקע גליק פון ליאַלקענהויז איז שוין ניט מעגלעך.
נאָראַ האָט פאַרשטאַנען, סאַר אַ דערנידערנדיקע ראָלע זי האָט געשפּילט גאָר
דאָס לעבן. „פון דעם פּאַפּאַס הענט בין איך אַריבער אין דיינע. דו האָסט
אַלץ איינגעאָרדנט לויט דיין געשמאַק, און ביי מיר איז געוואָרן דיין געשמאַק...
ווען איך קוק מיך איצט אַרום אויף צוריק, דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב דאָ
געהאַט כּמעט אַ קלאָגעדיק לעבן! מען האָט מיר געגעבן טרינקען, עסן, מען
האָט מיך געקליידט, און מיין זאַך איז געווען אונטערהאַלטן, צעשטרייען דיך...
איך האָב געמיינט, אַז איך בין געווען גליקלעך, אָבער אין דער אמתן איז דאָס
קיינמאָל ניט געווען". ווידער אַמאָל ווערט אויסגעמאָלט פּשוט און קלאָר איבסענס

באליבטע אידעע וועגן דעם, אז עס קאָן צוזאַמען ניט זיין קיין גליק מיט עכט מענטשלעכע שטרעבונגען. גליק—דאָס איז אַ טויט פאַר אַלע שטרעבונגען צו דער הייך און צו יעדער פאַרפולקומונג. ליידן און קאַמף—דאָס איז דאָס עכטע לעבן, אין וועלכן עס ווערט פאַרהאַרטעוועט און באַשטימט דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט. און נאָראַ גייט אַוועק פונם מאַן, ווייל זי האָט זיך דערוואוסט, אַז פריער פאַר אַלע אַנדערע אויפגאַבעס—אונטערהאַלטן די משפחה, ערציען די קינדער אאַז״וו — דאַרף זי באַשליסן די עיקרשטע אויפגאַבע: „איך האָב אַנדערע הייליקע חובות, דאָס זיינען חובות לגבי מיר אַליין... מען דאַרף זיך זעלבסט ערציען״,—זאָגט זי צום מאַן. זי ווייס, אַז מען וועט זי פאַראורטיילן, אַז די מערהייט וועט זיין אויף דער זייט פון איר מאַן, און אַז „אין די ביכער ווערט עפּעס אין דער אַרט געזאָגט״. אָבער זי גייט אַוועק, ווייל זי וויל זיך אַליין פונאַנדערקלייבן אין אַלץ, אַלץ דורכקאָנטראָלירן, צי זאָגט דער פּאַסטאָר אמת, אָדער לפּחות, צי קאָן עס זיין אמת פאַר איר. זי האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט די געזעצן, מיט דער געזעלשאַפט, איר שכל קאָן שוין מער ניט אָנערקענען קיין צוועקמעסיקייט אין זייערע פאָדערונגען, און זי האָט באַשלאָסן קלאָר צו מאַכן, ווער איז גערעכט—זי אָדער די געזעלשאַפט.

אַזאַ איז די לייזונג פון די פרויענפראַגע ביי איבסענען. ווי אין אַלע זיינע פאָדערונגען, ווייס דער סקאַנדינאַווער דראַמאַטורג ניט קיין קאָמפּראָמיסן און קיין מיטל-וועג. ערגעץ פּראָטעסטירט נאָראַ ניט אַלס אַ ווייב, וואָס איז באַרויבט אין געוויסע רעכט אין פאַרגלייך מיט די מאַנסביל. פון ערגעץ זעט מען ניט אַרויס, אַז איבסען זאָל זוכן די דאָזיקע אויפגאַבע — אויסגלייכן די פרוי מיט דעם מאַנסביל אין רעכט. נאָראַ ערקלערט מלחמה ניט די געזעצן, וועלכע באַגרענעצן די פרוי, נאָר די געזעצן בכלל. זי טרעט אַרויס צו פאַרטיידיקן ניט דער פרויס עפּעס אַן אַנדער גרופּע רעכט, נאָר צו פאַרטיידיקן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט בכלל. מחמת דעם וויל זי ניט גיין מיט יענע וועגן פון ביסלעכווייזער באַפרייאונג, וועלכע עס האָט אויסגעוויילט דער פּראָגרעסיווער טייל פון דער געזעלשאַפט. זי קלייבט אויס איר באַזונדער וועג, צוהערנדיק זיך נאָר צו דער שטים פון איר אייגענעם האַרצן.

אין ליאַלקענהויז ערוואַכט די פּערזענלעכקייט אונטער דעם איינפלוס פון יענער דערנידעריקנדיקער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך די פּרוי-ליאַלקע. אין 1882טן יאָר האָט ערשיינט די דראַמע דער שונא פון פאָלק, אין וועלכער איבסען האָט אַרויסגערופן אויף מלחמה זיינע קעגנער,— די געזעלשאַפט, וואָס איז געוועזן מלא חימה אויף נאָרען פאַר איר דרייסטן

שטאָט. אָבער אויך אין דער דאָזיקער פּיעסע באַווייזט זיך די געזעלשאַפט, די געזעלשאַפטלעכע טוער, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ניט ווי אַ ספּעציעלער קעגנשטאַנד פון איבסענס סאַטירע. זיי זיינען נאָר איינער פון די עפּיזאָדן אין דעם אַלגעמיינעם קלאָגעדיקן און קאָמישן קאַליידאָסקאָפּ, וואָס דאָס לעבן וויקלט פונאַנדער.

דאָקטאָר שטאָקמאַן, אַן אַרצט אויף אַ קוראָרט, האָט געמאַכט אַ וויכטיקע אַנטדעקונג: די קוואַלן, פון וועלכע די היילאַנשטאַלט באַקומט וואַסער, זיינען פול מיט שעדלעכע באַקטעריעס, און דערפון ווערן די אָנגעפאָרענע פּאַציענטן קראַנק. די דאָזיקע אַנטדעקונג, וועלכע דראָט דעם קוראָרט חרוב צו ווערן, רודערט אויף די גאַנצע שטאָט, וואו די איינוואוינער לעבן דער עיקר פון די אָנגעפאָרענע אורחים. די גאַנצע געזעלשאַפט טרעט אַרויס אַנטקעגן דאָקטאָר שטאָקמאַן, כדי צו ניטן אים, ער זאָל זיך אַנטזאָגן פון זיין אַנטדעקונג. אָבער שטאָקמאַן בלייבט ביי זיינס, פאַרלירט די שטעלע, לאָזט בעסער די משפּחה רויִנירט ווערן, טראָגט בעסער אַריבער די פאַרפאָלגונגען פון זיינע פריינד, איז אָבער ניט מסכּים צו ברענגען פאַר אַ קרבן דעם אמת.

שטאָקמאַן איז נאַיִוו ווי אַ קינד. דאָס איז דאָן קיכאָט פון סוף XIX יאָרהונדערט, מיט דעם שנעלן טויש פון זיינע שטימונגען, מיט זיין ניט פּראַקטישקייט, מיט זיין קינדערשער געטרויִלעכקייט און מיט זיין פאַרוואונדערונג אין די מאָמענטן, ווען די ניכטערע ווירקלעכקייט צעקלאַפּט די אילוזיעס, רייסט זיך אַריין אין די טרוימען. אָבער הינטער דער דאָזיקער משונהדיקער און קאָמישער פיגור איז באַהאַלטן אַ שטאַרקע איבערלעכע קראַפט, וואָס מען קען פון אָרט ניט רירן. דאָן קיכאָט איז שלימזלדיק און גרויס גלייכצייטיק. דאָקטאָר שטאָקמאַן איז אויך גרויס און קלאָגעדיק. ער איז אויך ווי דער וואַנדערנדיקער ריטער גלייכצייטיק אי שוואַך, אי שטאַרק: שוואַך מיט זיין ניט פאַרשטיין קיין מענטשן, מיט דער פּרוכטלאָזיקייט און נאַרישקייט פון יעדן פּראַקטישן טריט זיינעם; מעכטיק מיט דער אימה, וועלכע עס פאַרשפּרייט דער אמת, וואָס איז אין אים באַהאַלטן, אויף דעם גאַנצן אַרום, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט ליגן און פאַלשקייט. ווען דאָקטאָר שטאָקמאַנס חשד לגבי די וואַסער ווערט באַשטעטיקט, פרייט ער זיך, ווי אַ קינד. ער איז איבערצייגט, אַז די פאַרוואַלטונג פון קוראָרט, זיין ברודער דער בורגמיסטער פּעטער, די גאַנצע שטאָט וועט זיין אַנטציקט פון זיין אַנטדעקונג. ריכטנדיק זיין בליק גלייך, קוקנדיק פאָראויס צו דעם אמת, וואָס שטייט קעגן אים, זעט ער ניט, וואָס עס טוט זיך פון די זייטן. ער איז אַפילו ניט חושד, אַז אין איין

שורה מיט דעם אַלגעמיינעם אומענדלעכן אמת זיינען פאַראַן אַנדערע פּריוואַ־טע אייגנגוצלעכע אמתן. געגליכן צו אַלע אידעאַליסטן פון ברוטוסן ביז אַאוענען, איז ער איבערצייגט, אַז עס קלעקט נאָר צו זאָגן דעם המון דעם אמת, איז שוין דער נצחון פונם אמת געזיכערט. „און ווי מיינסטו, פּאַפּאַ, וואָס וועט זאָגן דער פעטער פעטער?" — פרעגט אים די טאָכטער פּעטראַ. „וואָס וועט ער זאָגן? — שרייט שטאָקמאַן אויס, — אים וועט מסתמא בלייבן נאָר פרייען זיך, וואָס אַזאַ וויכטיקער אמת איז אַנטפּלעקט געוואָרן". ער איז ניט חושד, אַז ער באַליידיקט אויף טויט דעם בורגמיסטר, וועלכער איז פאַר־זיצער אין דער פאַרוואַלטונג פון קוראָרט. ער פאַרשטייט ניט, אַז ער פאַר־שאַפט אומגעוויינלעך פאַרגעניגן מאָרטען קיילן, דעם רייכן פעלפאַבריקאַנט, וועלכער איז ניט אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג, און פרייט זיך דעריבער פון יעדן טעות, וואָס די פאַרוואַלטונג מאַכט. מיט איין וואָרט, ער פאַרשטייט ניט, אַז דער אמת, וועלכן ער האָט אויסגעטראָגן, ווי אַ טייער קינד, וועט אומגעטרישט ווערן אויף קליינקייט דורך געוויסנלאָזע מענטשן, אַז די דאָזיקע גייציקע זיך־זעלבסטליבנדיקע מענטשן וועלן אים פאַרשמוצן, וועלן זיך צוליב אים צערייסן און וועלן אַרומקריכן, ווי די באַקטעריעס, וועלכע ער האָט אַנטדעקט. ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען אין דעם שטורעם, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן צוליב זיין אַנטדעקונג. פון דער מאַסע ווערטער, וואָס מען רעדט אַרום, כאַפּט ער אַרויס די ווערטער פון אמת, וועלכע גליטשן זיך ניט בכיוון זעלטן אַרויס אין דעם ים פון ליגן. ער כאַפּט זיך אָן פאַר די דאָזיקע ווערטער, ניט פאַרשטייענדיק, אַז די מענטשן, וואָס ריידן זיי אַרויס, ניצן זיי אויס נאָר ווי אַ מיטל צו דערגרייכן זייערע אייגענע צילן. יעדעס מאָל ביי־אַזאַ וואָרט דאַכט זיך אים, אַז דער אמת איז געפונען. ער איז אַנטציקט, ווען דער רעדאַקטאָר פון דער אָרטיקער צייטונג זאָגט אים צו שטיצע. נאָך מער אַנטציקט איז ער פון דעם מיטגעפיל, וואָס אים דריקט אויס דער באַלע־באָס פון דער אָרטיקער דרוקעריי, דער פאָרשטייער פון דער „צוזאַמענבאַ־האַלטענער מערהייט". אמת, דאָקטאָר שטאָקמאַנען איז ניט גאָר פאַרשטענדלעך, צו וואָס זייבען בייטיק די אַלע הכנות צום קאַמף, בשעת די זאַך איז אַזוי קלאָר און פשוט. איבעריקנס, ער פאַרטראַכט זיך ניט באַזונדער איבער די פרטים, נאָר ער פרייט זיך פשוט, וואָס ער האָט אַזאַ מאַסע מיטפילנדיקע מענטשן. ער איז ווי אַ קינד שטאָלץ דערמיט, וואָס אויף זיין זייט איז די „פריידענקענדיקע און אומאָפּהענגיקע פּרעסע" און די „צוזאַמענבאַהאַלטענע מער־הייט". ער פרייט זיך מיט דעם אַלעמען, ווי מיט עפּעס אַ הכרעה, וואָס הגם

זי האָט קיין גרויסע באַדייטונג, אָבער זי איז אָנגענעם אַלס צוגאָב צום עיקר, צו דער אַנטדעקונג גופא פון דעם אמת. און אַז עס קומט פאָר דער ערשטער צוזאַמענפאָר מיטן בורגמיסטער, דערמאָנט זיך דאָקטאָר שטאָקמאַן מיט פרייד, אַז היינטער אים שטייט די „צוזאַמענבאַהעפטע מערהייט”.

פונקט ווי נאַיִוו דאָקטאָר שטאָקמאַן איז געווען, ביי דער אַרויסווייזונג פון געזעלשאַפטלעכן מיטגעפיל, אַזוי איז אויך געווען נאַיִוו זיין פאַרוואונדע־רונג און זיין צאָרן, ווען די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, וועלכע איז געריכטעט געוואָרן דורך דעם בורגמיסטערס געשיקטע האַנט, איז אַרויסגעטראָטן קעגן אים. שטאָקמאַן באַזיצט די וואונדערלעכע פעיִקייט לייכט און שנעל צו בייטן זיינע בליקן אויף די אַרומיקע מענטשן, אויף באַזונדערע פאַקטן. אָבער דאָס דאַכט זיך נאָר, אַז ער ענדערט זיך אַזוי לייכט. ער ענדערט זיך נאָר פונם שטאַנדפונקט פון דעם אָדער יענעם פּריוואַטן אמת. מענטשן גייען צו אים אונטער פון אַלע זייטן, זיי סטאַרען זיך אים פאַררעכענען אין דער אָדער יענער קאַטעגאָריע, אויף וועלכע די געזעלשאַפט טיילט זיך. זיי ווילן געפי־נען די באַהאַלטענע פּרוזשינע, וועלכע פירט אָן שטאָקמאַנס מעשים, און פון די דאָזיקע אַלע שטאַנדפונקטן קאָן מען ניט איינזען קיין קאָנסעקווענטקייט אין זיינע מעשים. אפשר האָט שטאָקמאַן געוואָלט וואַרפן די אַקציעס פון דער וואַסער־היילאַנשטאַלט, און אויסקויפנדיק זיי, נאָכדעם אָנלעבן עשירות? פילע פאַלן אייך דער דאָזיקער שאַרפזיניקער השערה, מען הייבט שוין אָן נתפעל צו ווערן פון דער ערפינדערישקייט פון דעם קונציקן ספּעקוליאַנט, און שטאָק־מאַנען הייבן אָן צו אַכטן די חשובסטע לייט צווישן זיינע מיטבירגער. אָבער אויב דאָס איז שטאָקמאַנס פּלאַן, טאָ צוליב וואָס קויפט אויף די אַקציעס זיי־בער אַ נאָענטער מענטש. אַזאַ אָפנהאַרציקער באַגיין זיך קאָן דאָך קאַליע מאַכן דעם גאַנצן פּלאַן. און די קלוגע מענטשן זיינען פאַרוואונדערט. אפשר האָט זיך שטאָקמאַן געוואָלט נוקם זיין אָן דער פאַרוואַלטונג פון קוראָרט דער־פאַר, וואָס מען גיט אים ניט קיין הוספה אויף זיינע שכירות? אויב אַזוי, טאָ וואָס איז ער ברוגז, ווען דער בורגמיסטער גיט אים אָנצוהערעניש, אַז זיין מאַטעריעלע לאַגע קאָן אויסגעבעסערט ווערן? בקיצור, שטאָקמאַנס טאַט קאָן מען ניט באַרעכטיקן פון קיין שטאַנדפונקט, וואָס די פאַרזונקענע אין ליגנס געזעלשאַפט וואָלט אימשטאַנד זיין צו פאַרשטיין. און קיינעם קומט ניט אויפן רעיון צו זוכן דעם איינפאַכסטן מאָטיוו. קיינעם פאַלט ניט איין צו דערקלערן שטאָקמאַנס שריט אַלס פשוטע שטרעבונג צום אמת, וועלכע באַלייכט מיט קלאָרער שיין אַלע מעשים פון דעם נאַיִוון אידעאַליסט, און ביי־

דער דאָזיקער שיין גיסן זיך אַלע זיינע משוגהדיקע מעשים פּלוצלונג צונויף אין אַ האַרמאָנישע גאַנצע אין דער סיסטעם פון מוטיקן, פעסטן קאַמף פאַרן אמת. שטאָקמאַן ווייזט זיך אַרויס אַלס קאָנסעקווענטער און זיך געטרייער פון ערשטן ביזן לעצטן טריט. מענטשן קריכן אַרום אים ווי ווערים, דערנעענ־טערן זיך און דערווייטערן זיך, זיי סטאַרען זיך פאַרפּלאָנטערן אים אין זיי־ערע אייגננוציקע אינטערעסן. ער גייט נאָך זיי נאַיוו און גערן, ווערט אַפילו אַ געצייג אין זייערע הענט, ביז ער דערגייט צו דעם אמת. וואָס ער האָט באַקומען, — דעמאָלט וואַקסט ער אויס אין אַן אומבאַזיגבאַרן ריז, און אַלץ, וואָס עס איז צו אים צוגעשטאַנען, ווערט אָפּגעשליידערט אין אַלע זייטן פון איין אָטעם פון דעם דאָזיקן מעכטיקן מענטשן.

דער דאָזיקער אין פלוג שוואַכער פאַריאָגטער מענטש גייט מיט אַזאַ ביטערבעטלעך ריכטיקן לאָגישן וועג צום אמת, אַז אין זיין גאַנג פאַרצעפּעט ער און שליידערט אום לחלוטין אַלע מניעות, און דער לעצטער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער באַוועגונג, וואָס קערט זיך ניט אָפּ אָן אַ זייט, מוז אומפאַרמיידלעך זיין דאָס פולקומע אומוואַרפן די גאַנצע עקסיסטירנדיקע לעבנסאָרדענונג. דאָקטאָר שטאָקמאַן האָט אָנגעהויבן פון וואַסער־היילאַנשטאַלט, אים האָט זיך געדאַכט, אַז די וועלט וועט זיך צוזאַמען מיט אים דערפרייען פון דעם, וואָס דער אמת איז אַנטפּלעקט. אָבער ווען ער האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט דער מאַכט אין דער פּערזאָן פון דעם בורגמיסטער, האָט ער אויף דער מאַכט אַריבערגעטראָגן די שולד, וואָס די געזעלשאַפט האָט אָפּגעקערט פון אמתן וועג און האָט באַשלאָסן צו שטיצן זיך אויף דער עפנטלעכקייט, אויף דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. אָבער ווען ער האָט אויך דאָ ניט געפונען קיין שטיצע, האָט ער זיך ניט אָפּגעשראָקן און געמאָלדן קריג דער געזעלשאַפט אויך און איז געבליבן גאָר אַליין. „די געפערלעכסטע שונאים פון אמת און פרייהייט צווישן אונז, — האָט ער באַשלאָסן, — דאָס איז די צוזאַמענבאַ־העפטע מערהייט. יאָ, די פאַרשאָלטענע, צוזאַמענבאַהעפטע ליבעראַלע מער־הייט. די מערהייט איז קיינמאָל ניט גערעכט. איך זאָג, קיינמאָל ניט! דאָס איז אַ געזעלשאַפטלעכער ליגן, איינער פון יענע אַלגעמיין אָנגענומענע פאַלשע אָפּמאַכן, קעגן וועלכע יעדער פרייער און דענקענדיקער מענטש איז מחויב אַרויסצוטרעטן. פון וועלכע מענטשן ווערט צונויפגעשטעלט די מערהייט אין לאַנד: פון קלוגע, צי פון נאַרישע? איך מיין, אַז אַלע וועלן מסכים זיין, אַז נאַרישע מענטשן זיינען אַ שרעקלעכע מערהייט אויף דער גאַנצער ערד־קויל. איז דען אָבער ריכטיק, אַז נאַרישע זאָלן זיין די אָנפירער פון די

קלוגע? אויף דעם צד פון דער מערהייט איז די ק ר אַ פ ט — צום באַדויערן, אָבער ניט דאָס ר ע כ ט. גערעכט בין איך און נאָך עטלעכע אַנדערע איינצעלנע פערזאָנען. די מ י נ ד ע ר ה י י ט איז אַלע מאָל גערעכט". די דאָזיקע איינצעלנע פערזענלעכקייטן, לויט שטאָקמאַנס מיינונג, „שטייען פונקט ווי אויף דעם אַוואַנפאָסטן פון דער מענטשהייט, אַזוי ווייט פאָראויס, אַז די צוזאַמענבאַהעפטע מערהייט האָט נאָך אַהין ניט דערגרייכט, און דאָרט שלאָגן זיי זיך פאַר די אמתן, וועלכע זיינען געבוירן אין באַוואוסטזיין נאָך גאָר ניט לאַנג, כדי צוזאַמענבאַהעפטן באַצייטנס אַרום זיך עפעס אַ מערהייט.

דאָס איז דער סך הכל, צו וועלכן דאָקטאָר שטאָקמאַן איז געקומען. „שטאַרקער פאַר אַלעמען אין דער וועלט איז דער, וואָס איז איינזאַמער פאַר אַלעמען". די דאָזיקע פראַזע באַשטימט איבסענס וועלטאַנשויונג גופא. ער איז אַ שטאַרקער אָריגינעלער דענקער, וועלכער האָט אויף דאָס לעבן געוואָרפן אַ נייעם בליק. אָבער פון די הויכן פון געדאַנק לאָזט ער זיך ניט אַראָפ צו די נידעריקייטן פון דער ערד: מיט דער זעלביקער קראַפט ברעכט ער סיי די פינסטערע כוחות, וועלכע שטערן דעם פראָגרעס, סיי די פאָרטגעשריטענע אידעען פון אונזער צייט. אין זיין שטאָלצן שטרעבן צו דעם ווייטן ענדלעכן אמת צעטרעט ער אונזערע צייטווייליקע און אָפגערעדטע „אמתן". די מאַכט, וואָס זוכט אירע אייגענע נוצן, און דער פרינציפ פון מערהייט, דאָס לעצטע וואָרט פון דער היינטיקער געזעלשאַפטלעכער חכמה, פאַלן אַריין אין דער אַלגעמיינער קאַטעגאָריע פון די פינסטערע כוחות. „ווער, — זאָגט בראַנדעס, — עס קוקט, שטרעבנדיק צו גרויסע, אַנטשלאָסענע, ברייטאומפאַסנדיקע איבערקערענישן, גלייכגילטיק אָדער מיט פאַראַכטונג אויף די לאַנגזאַם פאָרקומענדיקע ניט גרויסע ענדערונגען און דעם גאַנג פון דער לעבנסאַנטוויקלונג, אויף די שטופנווייזע, טריט נאָך טריט דערגרייכטע פאָליטישע אויסבעסערונגען, אויף די קאָמפראָמיסן, וואָס די פראַקטישע טוער מוזן טאָן, מחמת נאָר דורך זיי קאָן מען כאָטשע טיילווייז פאַרווירקלעכן די באַליבטע אידעע, לסוף אויף די אַסאָציאַציעס, וואָס פאַר יעדן, וועלכער קאָן ניט גראָב באַפוילן, איז אָן זיי ניט מעגלעך צו פאַרווירקלעכן כאָטשע איינעם פון זיינע געדאַנקען, — יענער טאָר אַפילו מיט קיין פינגער ניט אַ ריר טאָן אין פראַקטישן לעבן. ער קאָן נאָר, געגליכן צו בראַנדן, אָנווייזן אויף דעם אָפענעם תהום, וועלכער טיילט אָפ די ווירקלעכקייט, אין וועלכער מיר ווירקן און לעבן, פונם אידעאַל. יעדער פרווו זייבער עפעס אונטערצונעמען אַליין, אָדער באַוועגן אַנדערע צו אויסערלעכע מעשים, וועלכע אַנטשפרעכן דעם

אָנגעמערקטן ציל, וואָלט נאָר געבראַכט דערצו, אַז די אָנהענגער זיינע זאָלן שפּרינגען משוגענערווייז איבער אַ שרעקלעך טיפן אָפּגרונט, וועלכער טיילט אָפּ דאָס עקסיסטירנדיקע אין דער ווירקלעכקייט פונם געוואונטשענעם, און אים אַליין וואָלטן זיי אויסגעשטעלט פאַר דער געפאַר פון סאַמע אומאָנגענעמע פאָלגן".

---

## VI

סימבאָליזם. — מעטערלינקס „דער אוצר פון ענווים". — די סימבאָלישע וועלטאַנשויונג: די טראַנסצענדענטאַלע וועלט און איר אַרויסווייזן זיך אין דער וועלט פון ערשיינונגען. — דאָס שווייגן. — סימבאָלישע מאָראַל און עסטעטיק. — די טעאָריע פון דער סימבאָלישער דראַמע. — Intruse. — סימבאָליזם און דעקאַדאַנס און זייער אַלגעמיינער אונטערשלאַק.

„דער עקסטרעמער פּאָזיטיוויזם, וועלכער האָט ביז איצט געהערשט, דערגענטערט זיך צום סוף", — זאָגט מעטערלינק אין זיין האַלב פילאָסאָפישן האַלב פּאָעטישן ווערק „דער אוצר פון ענווים". דער בעסטער פאָרשטייער פון היינטיקן סימבאָליזם האָט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן דעם פּאָזיטיוויזם און דעם נאַטוראַליזם, געגליכן דערצו, ווי ניטשע האָט מיט זיין אינדיווידואַליסטישער פילאָסאָפיע געשטרעבט צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ די דעמאָקראַטישע אידעאַלן פון דער עפּאָכע. די דעמאָקראַטישע באַוועגונג אין דער געזעלשאַפט און דער רעאַליסטישע ריכטונג אין דער ליטעראַטור זיינען, ווי מיר האָבן געזען, געגאַנגען אין משך פונם XIX י"ה האַנט ביי האַנט. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס די רעאַקציע, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן קעגן דער עקסטרעמקייט פונם רעאַליזם און פון זיין לייבלעך קינד — דעם נאַטוראַליזם, האָט זי זיך אַרויסגעוויזן ניט בלויז אין דער פריידיקט פונם אַריסטאָקראַטישן אינדיווידואַליזם, נאָר אויך אין דעם קער, וואָס זי האָט זיך אַ קער געטאָן צו די ראָמאַנטישע אידעאַלן, וואָרעם דער סימבאָליזם איז ניט אַנדערש, ווי אַ נייע פאָרם פון ראָמאַנטיזם.

וואָס איז אַזוינס אַ סימבאָליסט? ווי יעדע ליטעראַרישע באַוועגונג, דריקט זיך אויך די סימבאָלישע ריכטונג ניט אויס אין פּאָעטישע ווערק, נאָר זי שטרעבט אויך צו ווערן אַ טעאָריע, אַ פילאָסאָפישע און עסטעטישע דאָקטרין. מעטערלינקס בוך, וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט, גיט די אַממערסטן גענויע באַשרייבונגען פון דערדאָזיקער דאָקטרין.

פריער פאַר אַלץ גלויבט דער סימבאָליסט אין דער מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין דעם סוד פון אייביקן אַבסאָלוטן לעבן, וואָס עקסיסטירט לעבן

דעם געוויינלעכן לעבן, וואָס מיר זעען. דער פּאָזיוויטיזם באַגרענעצט די ספערע פון אויספאָרשונג מיט דער וועלט פון ערשיינונגען, פון פענאָמענס. דער סימבאָליסט פּרוווט זיך פון ס׳נייַ אַריינצודרינגען אין דער וועלט פון נומענס, משיג צו זיין דעם סוד פון וועלט־לעבן. ער בויט ווידער אויס אַ בריק פון דער רעאַלער וועלט צו דער טראַנסצענדענטאַלער, — אַ בריק, וואָס איז שוין געווען צעשטערט דורך דעם יאָרהונדערט פון שטרענג וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. לויט זיין לערע, עקסיסטירט אין איין שורה מיט דעם געוויינלעכן לעבן „אַן אַנדער לעבן, וואו אַלץ ווערט באַדייטנד, אַלץ איז שוצלאָז, גאָרנישט פּייניקט ניט צו לאַכן, ס׳הערשט אַ זעלבסטמעכטיקייט, וואו גאָרנישט פאַרגעסט זיך שוין מער ניט". די באַציִונג פונם מענטשן צום ענדלאָזן דאָס איז עס טאַקע, וואָס עס שיידט אים אונטער פון אַן אַנדער מענטשן. מען מוז, אַז יעדער מענטש זאָל געפינען פאַר זיך פערזענלעך די מעגלעכקייט צו לעבן אין דער באַשיידענער און אומאויסמיידלעכער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט. דער מענטש האָט ניט קיין איידעלע אויפגאַבע. „אויב עס איז ריכטיק, אַז די שאַפונג האָט זיך ניט געענדיקט מיט דעם מענטשן, און אַז עס רינגלען אונז אַרום העכערע אומזעבאַרע וועזנס, זיינען די דאָזיקע וועזנס העכער פאַר אונז נאָר דערמיט, וואָס האָבן מיט דעם אומענדלעכן אַזאַ מגע ומשא, וועלכן מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן".

אין דער דאָזיקער לערע וועגן אַן אַנדער וועלט, וועגן אַבסאָלוטן און אומענדלעכן האָט דער סימבאָליזם ניט אַריינגעטראָגן קיין חידוש לגבי דער טעאָלאָגישער אָדער דער ראָמאַנטישער וועלטאָנשויונג. דער חידוש פונם סימבאָליזם באַשטייט אין זיין לערע וועגן דעם אַרויסווייזן זיך פון דעם דאָזיקן אומענדלעכן אין דער וועלט פון ערשיינונגען. מיר אַלע לעבן אין פאַרקערשאַפט מיט דעם אומענדלעכן, אָבער די דאָזיקע פאַרקערשאַפט ווייזט זיך אַרויס ניט אין טאָגטעגלעכן לעבן, נאָר אין אין האַלבבאַוואוסטזיניקע, אומדייטלעכע שפּירונגען. יעדע סאַמע איינפאַכע, טאָג־טעגלעכע ערשיינונג האַלט אין זיך איין, אויסער איר דירעקטע באַדייטונג, אַ העכערן, נאָך אַ געהיימען זינען. כּדי אַרויסצווייזן איר העכערעס לעבן נייטיקט זיך דעם מענטשנס נשמה ניט אין חושים. דווקא אין אונזער צייט זעען מיר אין טאָגטעגלעכן לעבן ביי די גרעסערע ענווים די אַנטשטייונג פון געהיימניספולער און דירעקטער פאַרקערשאַפט, גייסטיקע ערשיינונגען און דערנענטערונג פון די נשמות, וועגן וועלכע אַמאָל האָט מען גאָרניט געהערט. די היינטיקע פּסיכאָלאָגיע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט גייסטיקע ערשיינונגען, וועלכע זיינען ענג פאַרבונדן מיט מאַטעריע,

מוז איינגיכן אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַר דער העכערער פּסיכאָלאָגיע, „וועלכע פאַרנעמט זיך מיט דעם אוממיטלבאַרן פאַרקער פון די נשמות, מיט דער עמפּפינדלעכקייט און מיט דער וואונדערלעכער אָנוועזנהייט פון אונזער גשמה". אַמאָל פלעגט מען זיך ווייניק אָפּשטעלן אויף די פראַגעס „וועגן פאָרגעפיל, וועגן דעם משונהדיקן איינדרוק פון אַ באַגעגעניש אָדער אַ בליק, וועגן אַ באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין אַ געביט, וועלכער איז ניט צוטריטלעך פאַר דעם מענטשנס שכל, וועגן דעם אַריינמישן זיך מצד אַן אומדערקלערלעכער אָבער באַגרייפלעכער קראַפט, וועגן די געהיימע געזעצן פון אַנטיפּאַטיע אָדער סימפּאַטיע, וועגן באַוואוסטזיניקע אָדער אינסטינקטיווע תשוקות, וועגן דעם איבערוועגנדיקן איינפלוס פונם ניט דערזאָגטן". אַמאָליקע צייטן, זאָגט מעטערלינק, האָט קיינער ניט חושד געווען מיט וואָס פאַר אַ „צוריבערהאַפּטער לאַסט" זיי דריקן דאָס לעבן. איצט רודערן די דאָזיקע גייסטיקע ערשיינונגען אויף ניט בלויז די גרויסע מוחות, נאָר אַפילו די סאַמע נישטיקע מענטשן אויך. אויב עמעצער איז ניט קיין גוטער, וועט זיין אָנוועזנהייט דאָס אַנטפּלעקן הונדערט מאָל קלערער, איידער מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק. אַזעלכע זיינען די צוויי גרונט-אידעעס פונם סימבאָליזם. איבער דעם מאַטעריעלן לעבן עקסיסטירט אַן אַנדערש, אַ גייסטיקס. ס'דאָזיקע העכערע לעבן ווייזט זיך אַרויס אין האַלב באַוואוסטזיניקע אומקלאָרע באַוועגונגען פון אונזער גייסט, און ניט אין יענע געוויינלעכע אונזערע ליידנשאַפטן, אָדער אויסערלעכע געשעענישן, וועגן וועלכע מיר קאָנען זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג.

פונדאַנען פליסט אַרויס מעטערלינקס דריטע אידעע: וואָס ווייניקער מיר ווייזן זיך אַרויס אין געוויינלעכע קלאָרע ווערטער און אַקציעס, אַלץ העכער דערהויבן מיר זיך איבער דעם מאַטעריעלן לעבן און מיר לעבן מיט העכערן גייסטיקן לעבן. מעטערלינק דערגייט דערצו, אַז ער האַלט פאַר דעם העכסטן מאָמענט פון אויסדרוק פון דער נשמה דאָס שווייגן. דעם מענטשנס נשמה אַנטפּלעקט זיך דווקא דעמאָלט, ווען ער שווייגט, און ניט ווען ער רעדט: ווי נאָר די מיילער ווערן איינגעשלאָפן, ערוואַכן די נשמות און הויבן אָן צו ווירקן. וואָרעם דאָס שווייגן—דאָס איז אַ סטיכיע, וועלכע איז פול מיט אומדערוואַרטקייטן, סכנות און גליק, אין וועלכע די נשמות גיבן זיך פריי אָפּ איינע דער צווייטער. „אויב איר ווילט זיך ווירקלעך עמעצן אָפּגעבן, טאָ שווייגט". לויט מעטערלינקס מיינונג, אַנטפּלעקט זיך דעם מענטשנס נשמה בשעתן שווייגן אַזוי, אַז פאַר שווייגן ציטערן פיל מענטשן, וואָס האָבן פאַר גאָרנישט קיין מורא. „פאַראַן ווערנס, מיט וועלכע עס וואָלט ניט געוואַגט צו

שווייגן דער גרעסטער העלד". איינער פון דעם פּאָעטס פריינד האָט אים געשריבן, אַז זיי קענען נאָך איינע די אַנדערע ניט, ווייל זיי האָבן נאָך ניט געוואָגט צו שווייגן צוזאַמען. און דאָס איז ווירקלעך געווען אַזוי, גיט צו דער פּאָעט: „מיר האָבן אַזוי טיף געליבט איינער דעם אַנדערן, אַז מיר האָבן מורא געהאַט פאַר דעם דאָזיקן איבערמענטשלעכן נסיון". אַנדערש גערעדט, „דאָס שווייגן קאָן אַנטפּלעקן דאָס, וואָס עס האָבן ניט געקאָנט אַנטפּלעקן לאַנגע יאָר פון ליבע, פריינדשאַפט און שמועסן. צוויי נשמות, וואָס האָבן געשיינט צו זיין פריינדלעכע און ליבנדיקע, קאָנען זיך אַנטפּלעקן אין זייער אמתער שיין בשעתן שווייגן, און אַרויסווייזן זיך פאַר פיינדלעכע. „אויף וויפל אַלע ווערטער זיינען ענלעך איינס אויף דאָס אַנדערע, אויף אַזוי פיל זיינען אַלערליי מינים שווייגן פאַרשיידן. פונדאַנען איז קלאָר, ווי בלאַס און ליגנעריש איז אונזער געוויינלעכע שפּראַך, ווי ניט פעיק זי איז איבערצוגעבן דאָס, וואָס עס טוט זיך הינטער די גרענעצן פון „דעם דאָזיקן לעבן", און פון דער צווייטער זייט, סאַר אַ גרויסער אויסדריקער פון לעבן עס איז די שפּראַך פון שווייגן און ניט קלאָרע וואונקען. „אַן אַרויסגערעדטער געדאַנק איז אַ ליגן", זאָגט אַ רוסישער פּאָעט. מעטערלינק זאָגט אַרויס דעמזעלבן געדאַנק: אַרויסזאָגנדיק עפּעס, פּראָפאַנירן מיר עס אויף אַ משונהדיקן אופן".

מיט דער דאָזיקער לערע וועגן אַ העכערן לעבן איז אויך ענג פאַרבונדן מעטערלינקס עטישע לערע. די ערדישע מאָראַל איז גאָרנישט לגבי דער מיסטישער מאָראַל. ווען אונזער נשמה וואָלט פּלוצלונג געוואָרן אַ זעבאַרע, און זי וואָלט געדאַרפט אַדורכגיין צווישן אַנדערע נשמות אָן אַ לבוש, צי וואָלט זי אָנגעטאָן דעם לאַנגן שלייער פון אירע האָר אויף די אומצאָליקע עברות פון דעם לייב? זי האָט זיי ניט געקענט, און זיי האָבן זיך אפילו קיינמאָל צו איר ניט צוגערירט; זיי זיינען געטאָן געוואָרן פאַר טויזנט וויאָרסט ווייט פון איר טראָן. „זי האָט זיך אין גאָרנישט געמישט, זי האָט געלעבט מיט איר אייגן לעבן דער שיין, און נאָר ס'דאָזיקע לעבן געדענקט זי. מיט איין וואָרט, צווישן דער מיסטישער מאָראַל און דער ערדישער איז ניטאָ קיין פאַרבינדונג. לויט מעטערלינקס מיינונג „קאָן די נשמה בלייבן ריין ביי אַ שרעקלעכן מאָרד; אָפּט פאַרוואַנדלט זי אין אינערלעכע שיינען דאָס גאַנצע בייז, ביי וועלכע זי האָט געמוזט בייזיין". דאָס לעבן פון דער נשמה און אונזערע מעשים געפינען זיך ניט אין אָפּהענגיקייט איינס פון צווייטן. אַ מענטש קאָן אָפּטאָן די נידעריקסטע פאַרברעכנס, און דער גרעסטער פאַרברעכן וועט אפילו אויף קיין איין אויגנבליק ניט מבטל מאַכן דעם אַראָמאַט פון פרישקייט און

גייסטיקער ריינקייט, וואָס רינגלט אים אַרום". בקיצור, אויך אין דער ספערע מאָראַל, ווי אין דער ספערע פון משיג זיין די וועלט, דאָס לעבן און דעם מענטשן, איז מעטערלינגק מבטל די געוויינלעכע ערדישע וועגן און שטעלט אַוועק נייע, נעפּלהאַפטע און אומבאַשטימטע, וועלכע פירן כלומרשט צו דער ערקענטעניש אין אַ העכערער אַטמאָספער, וואו עס קומט פאָר אַ באַזונדער מין לעבן, עקסיסטירט אַ סודותדיקער אמת, אַ טיפערער, איידער דער מאַטעריעלער. פאַר דער שיין פונם דאָזיקן אמת, פונם שטאַנדפּונקט פונם דאָזיקן „אַלגעמיינעם פאָטערלאַנד, וואוהין מיר קומען, וואו מיר באַגעגענען זיך און פונוואַנען מיר קערן צוריק אָן שווערקייט", באַקומט אונזער לעבן וואונדערלעכע פאַרבן. דאָס מאָראַלישע אין דעם ערדישן זינען פונם וואָרט קאָן זיין מערדעריש פאַר דער נשמה, די דערגענטערונג פון קדוש אָדער חכם קאָן „לאָזן אונזער נשמה פאַרזינקען אין אומדערטרעגלעכער פינסטערניש", און פאַרקערט „אַ מאָרד קאָן גיין צוזאַמען „מיט דעם אַראָמאַט פון פרישקייט און גייסטיקער ריינקייט".

אין פאַרבינדונג מיט דער אַלגעמיינער לערע פון די סימבאָליסטן געפינט זיך אויך יענע וויכטיקע באַדייטונג, וועלכע זיי גיבן דער פרוי און דער ליבע. דער דאָזיקער געפיל, לויט זיין טבע, מוז פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער פילאָסאָפיע פון די האַלב-באַוואוסטזיניקע גייסטיקע באַוועגונגען און שטימונגען. לויט מעטערלינקס לערע איז די פרוי מער איידער דער מאַנסביל אונטער דער שליטה פון שיקזאַל. זי קעמפט קעגן אים קיינמאָל ניט אויפריכטיק. „זי איז נאָך נעענטער צו גאָט און מיט גרעסערער אויפריכטיקייט גיט זי זיך איבער דער שליטה פון דעם זינדלאָזן סוד". דעריבער ברענגען אונז די געשעענישן פון לעבן, אין וועלכע די פרוי איז באַטייליקט, „כמעט צו דעם סאַמע מקור פון שיקזאַל". לעבן די דאָזיקע געשעענישן שפירט מען אַמאָל „דעם ליכטיקן פאָרגעפיל פון לעבן". העלדן האָבן דערקענט „די קראַפט און די אומענדערלעכקייט פון זייער שטערן" אויף דער פרויס ברוסט; דער מענטש, וואָס האָט קיינמאָל ניט גערוט לעבן דער פרויס האַרץ, איז ניט אימשטאַנד פאָרצופילן דעם עתיד" און ד. גל. און אויך אין ליבע, ווי אין אַלץ, זיינען פאַר מעטערלינקן ניט אינטערעסאַנט קיין ווערטער און מעשים. דאָס איז אַלץ גאָרנישט „לגבי די סודות". אַ בליק, אַ קוש, די זיכערהייט אין דעם ניטזעבאַרן, מעכטיקן דאָזיין—דערמיט איז אַלץ געזאָגט".

די עסטעטישע דאָקטרין פון סימבאָליזם פליסט אַרויס פון זיין אַלגעמיינער לערע. דווקא די שיינקייט אַנטפּלעקט פאַר אונז יענעם גייסט, וואָס יעדער

מענטש איז מחויב אים צו דערהיטן. לויט מעטערלינקס לערע זײַנען די נאַטירלעכע און אורשפּרינגלעכע באַציונגען פון אַ נשמה צו אַ נשמה — די באַציונגען פון שיינקייט. די שיינקייט — דאָס איז די איינציקע שפּראַך פון אונזערע נשמות. קיין אַנדערע פאַרשטייען זיי ניט. זיי האָבן ניט קיין אַנדער לעבן. זיי קאָנען עפּעס אַנדערש ניט באַשאַפן, זיי קאָנען זיך מיט עפּעס אַנדערש ניט אינטערעסירן". דאָס איז אַזאַ קולט פון שיינקייט, וואָס אפילו די ראָמאַנטיקער האָבן פון דעם ניט געוואוסט. שיינקייט איז פאַר דעם סימבאָליסט געוואָרן דאָס, וואָס רעליגיע איז געווען פאַר דעם גלויביקן. זי האָט פאַרביטן די אַנטפּלעקונג פון דעם הייליקן גייסט. דורך איר ווערט דערקענט דאָס העכערע גייסטיקע לעבן. די ראָמאַנטיקער האָבן שוין די פּאָעזיע געשטעלט העכער פאַר דערווירקלעכקייט. פאַר דעם סימבאָליסט ווערט די פּאָעזיע כמעט דער איינציקער וויכטיקער און באַדייטנדיקער עלעמענט פון אונזער קיום, מחמת די פּאָעטן זײַנען מער אויפמערקזאַם „צו דעם ענדלאָזן שאָטן", איידער די אייביקע מענטשן. אין תוך גערעדט, ליגט טאַקע די העכערע פּאָעזיע אין דעם, וואָס מען זאָל מאַכן „די ברייטע וועגן, וועלכע פירן פון דעם וואָס מיר זעען, צו דעם וואָס מיר זעען ניט, פאַר אַזעלכע, איבער וועלכע מען קאָן פאָרן". פאַר דעם וויכטיקסטן עלעמענט פון אַ פּאָעטישן ווערק האַלט מעטערלינק „די אידעע, וועלכע נעמט אַרום דאָס גאַנצע ווערק און באַשאַפט פאַר אים אַ שטימונג, וועלכע איז נאָר פאַר אים אייגנשאַפטלעך, ד. ה. דעם פּאָעטס אייגענע פאָרשטעלונג וועגן אומבאַוואוסטן, וואָס עס שוועבן אַרום די וועזנס און די קעגנשטאַנדן, וואָס זײַנען דורך אים אַרויסגערופן פון דער סודותפולער וועלט, וועלכע הערשט איבער זיי, משפּט און פירט אָן מיט זייער גורל". דאָס פּאָעטישע ווערק באַקומט זיין שיינקייט און דערהויבנקייט כמעט שטענדיק נאָר אַדאַנק „דעם וואונק אויף די סודות פונם מענטשלעכן גורל, אַדאַנק עפּעס אַ נייער שייכות צווישן זעבאַרן מיטן אומזעבאַרן, צווישן צייטווייליקן מיטן אייביקן".

באַשטימענדיק די אויפגאַבן פון דער נייער פּאָעזיע בכלל, מאַכט מעטערלינק אַ פּרווו צו באַשאַפן די נייע סימבאָלישע דראַמע. די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער דראַמע איז איבערצוגעבן דאָס טראַגישע, וואָס עקסיסטירט אין טאָג-טעגלעכן לעבן, וואָס עס איז לייכט צו שפּירן, נאָר ניט לייכט צו באַווייזן, מחמת דער גרונט פונם טראַגיזם איז דאָ ניט קיין גשמיותדיקער. דער גאַנצער קונץ איז דאָ צו באַווייזן, „וואָס פאַר אַ וואונדערלעכס איז פאַראַן אין אַ פּשוטן פאַקט פון לעבן". די סימבאָלישע טראַגעדיע דאַרף איבערגעבן יענץ

געהיימניספולע און אומענדלעכע, וואָס לאָזן זיך פילן אין יעדער טאָג־טעגלעכער ערשיינונג. מעטערלינק האַלט, אַז די פריערדיקע טראַגעדיע באַפרידיקט ניט: „אַנדערע מחברים פון טראַגעדיעס און די מיטלמעסיקע קינסטלער האַלטן, אַז דער אינטערעס פון זייערע ווערק ליגט אין דער קראַפט פון דעם באַשאַפענעם סוזשעט און מיינען אונז צו פאַרווילן אונז מיט דאָס זעלבע, וואָס האָט פאַרשאַפט פאַרגעניגן די באַרבאַרן, פאַר וועלכע בייזע מעשים, רציחות און בגידות זיינען געווען אַ געוויינלעכע ערשיינונג. אָבער אונזערע לעבנס גייען אַדורך ווייט פון בלוט, געשרייען און שפּאַגעס, און די טרערן פון די מענטשן זיינען געוואָרן שווייגנדיקע, אומזעבאַרע, כמעט גייסטיקע". דאָס וואָס פילט אָן אַ טראַגעדיע פון דער היינטיקער צייט — אַן אָפּגענאַרטער מאַן, וועלכער טויט די פרוי, אַ זון וועלכער איז זיך נוקם פאַרן פאָטער, דערמאָרדעטע מלכים, א. אַנד., דאָס איז די אייבערפלעכלעכע גשמיותדיקע דערהויבנקייט, — דערהויבנקייט פון בלוט, פון אויסערלעכע טרערן און פון טויט. ברואים, וואָס זיינען קראַנק אויף אַ מאַניע, ברואים וועלכע האָבן ניט קיין צייט צו לעבן, מחמת מען דאַרף טויטן דעם קאָנקורענט אָדער די געליבטע, קאָנען דעם צושויער גאָרנישט זאָגן. איך בין געקומען, — זאָגט מעטערלינק, — מיט דער האָפענונג צו זען עפּעס פון דעם לעבן, וואָס איז פאַרבונדן מיט זיינע קוואַלן און סודות, וואָס איז פאַרבונדן מיט קייטן, וועלכע איך האָב ניט די מעגלעכקייט און די קראַפט שטענדיק צו באַמערקן. איך בין געקומען מיט דער האָפענונג כאָטש אויף איין אויגנבליק אַ קוק צו טאָן אויף דער שיינקייט, די דערהויבנקייט און די באַדייטונג פון מיין באַשיידענעם וואָכעדיקן קיום. איך האָב געהאָפט, אַז עס וועט אַנטפּלעקט ווערן עמעצנס אָנוועזנהייט, עפּעס אַ וועלכע קראַפט, אָדער עפּעס אַ גאָטהייט, וואָס רוט מיט מיר אין איין צימער. איך האָב געוואַרט אויף עפּעס העכערע רגעס, וועלכע איך לעב איבער, ניט באַמערקנדיק עס, אין די סאַמע גאָרנישטיקע צייטן, און אָפטער פאַר אַלץ האָב איך נאָר געזען אַ מענטשן, וועלכער האָט מיר לאַנג דערציילט, פאַרוואָס איז ער אייפערזיכטיק, פאַרוואָס סמט ער אַנדערע, אָדער טויט זיך זעלבסט".

אַזוי אַרום באַפרידיקט ניט דער פריערדיקער טעאַטער די נייע באַדערפענישן פון דעם געאיידלטן געשמאַק. די געהויבענע העלדן, וועלכע ווירקן אונטער דעם רושם פון געוויינלעכע, הגם מעכטיקע ליידנשאַפטן, זיינען נידעריקער פאַר דעם סאַמע וואָכעדיקן העלד פון אונזער צייט, אויב אין זיינע וואָכעדיקע, קנאַפּ עפּעקטישע מעשים אַנטפּלעקט זיך דער וועלט־טראַגיזם.

„מיר פלעגט אויסקומען צו טראַכטן, — זאָגט מעטערלינק, — אַז דער זקן,

וועלכער זיצט אין פאָטעל און וואַכט פשוט פאַר דער שיין פון לאָמפּ, הערט זיך צו, ניט ווייסנדיק זיי, צו אַלע אייביקע געזעצן, וואָס הערשן ארום זיין שטוב, איז משיג, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס עס טוט זיך אין דעם שווייגן פון טיר און פענסטער, און שפּירט אין דער שוואַכער שטים פון דער שיין, אַז דאָ איז זיין גורל, ער לאָזט אַ ביסל אַראָפּ דעם קאָפּ, ניט חושד זייענדיק, אַז אַלע כוחות פון דער דאָזיקער וועלט באַווייזן זיך און וואַכן אין צימער, ווי אויפמערקזאַמע דינסטן, ניט וויסנדיק, אַז די זון האַלט איבערן תהום אונטער דעם קליינעם טישל, אויף וועלכן ער איז אָנגעלענט, און אַז עס איז ניטאָ קיין איינציקע זון אין הימל און קיין איינציקע נשמה, וואָס זאָלן גלייכגילטיק זיין צו דער באַוועגונג פון די ברעמען, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ, אָדער צום געדאַנק, וואָס הייבט זיך אַרויף, — מיר איז אויסגעקומען צו טראַכטן, אַז דער דאָזי־קער אומבאַוועגלעכער זקן האָט אין דער ווירקלעכקייט געלעבט מיט אַ לעבן אַ טיפערן, אַ מענטשלעכערן און אַן אַלגעמיינעם, איידער דער פאַרליבטער, וואָס שטיקט זיין געליבטע, איידער דער קאַפּיטאַן, וואָס האַלט אָפּ אַ נצחון, אָדער דער מאַן, וואָס איז זיך נוקם פאַר זיין כבוד". די אויפגאַבע פון דעם סימבאָלישן פּאָעט־דראַמאַטורג איז אַ באַזונדערס שווערע. דער לירישער פּאָעט־סימבאָליסט קאָן בלייבן עפּעס אַ מין טעאָרעטיקער פון אומבאַוואוסטן, און קאָן זיך האַלטן פאַר סאַמע אַלגעמיינע ברייטע און ניט קלאָרע אידעען. דער דראַמאַטורג מוז ברענגען זיין פאָרשטעלונג וועגן אומבאַוואוסטן צום טאָג־טעג־לעכן לעבן, ער מוז באַהעפטן דאָס אומענדלעכע מיט רעאַלן, און, לויט מע־טערלינגס מיינונג, געלינגט שוין איצט אייניקע דראַמאַטורגן צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע פּרינציפּן פון דער דראַמע פון דער צוקונפט. דאָס זיינען איבסען און לעוו טאָלסטאָי. מיר פילן, אַז די העכערע כוחות, וועלכע ווירקן אין די איבסענישע געשפּענסטער און אין דער טאָלסטאָישער מאַכט פון דער פינסטערניש, הענגען מיט זייער לאַסט איבער אונזער גורל. „אין גראַף טאָלסטאָיס דראַמע מאַכט אונז פלאַטערן ניט דער קריסטלעכער גאָט, נאָר דער גאָט, וואָס געפינט זיך אין אַ מענטשנס נשמה, אַן איינפאַכערער, אַ ריי־נערער און אַ גרעסערער איידער אַלע אַנדערע".

אזא איז די נעפלדיקע טעאָריע פונם סימבאָליזם, וואָס מעטערלינק פּרוווט זיך צו פאַרווירקלעכן אין זיינע קליינע איינאַקטערס. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף איינעם פון זיי Intruse.

אין דער דאָזיקער דראַמע האָבן מיר פאַר אונז יענע צוויי וועלטן, וועגן וועלכע מעטערלינק רעדט. די וועלט פון אַלטעגלעכקייט, פון וואָכעדיקע זאָרגן

און אומרויִקייט, אין וועלכע די נשמה שלאָפט, און די וועלט פון אומענדלעכן, וואו די נשמה שפּרייט אויס אירע פליגל און לעבט מיט העכערן לעבן. מיר געפינען זיך אין אַ חושכדיקן, אומפּריינדלעכן זאַל פון אַן אַלטן שלאָס. אין דערבייִיקן צימער ליגט אַ קראַנקע. דעם זיידע, דער פאָטער, דער פעטער, דריי טעכטער זיינען באַאומרויִקט פון דער חולהס לאַגע, זיי וואַרפן זיך דורך מיט סאַמע געוויינלעכע ווערטער, גייען אַריבער פון האָפענונג צו מורא, ריידן אַרום, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט. מיט איין וואָרט, מיר האָבן פאַר זיך אַ וואָכעדיק גראָ בילד, איינס פון יענע בילדער, וואָס מ'באַגעגנט זיי אין וואָסער משפּחה איר ווילט און וועלכע זיינען ניט פּעיִק געווען צוצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם דראַמאַטורג פון אַמאָליקע צייטן, וועלכער האָט געזוכט עפּעקטישע קאָליזיעס און אויסערגעוויינלעכע ליידנשאַפטן. „די סכּנה איז פאַרביי, איצט איז זי שוין געזונט", — זאָגט דער פאָטער. — „און מיר דאַכט זיך, אַז איר איז שלעכט", ענטפערט דער זיידע. „אָבער וויבאַלד די דאָקטוירים זאָגן, מעגן מיר זיין רויִק". צו די דאָזיקע ווערטער גיט דער פעטער צו: „היינט נאָך מיטאָג האָט זי געהאַט זייער אַ גוטן אויסזען... אויך איצט שלאָפט זי פעסט". און אַזוי ביזן סוף דראַמע. זיי ריידן וועגן קינד, וואָס איז נאָר וואָס געבוירן געוואָרן, און איז די סיבה פון דעם חולהס יסורים, וועגן דער אַם, וועלכע איז זייער מיד, וועגן דער אַלטער שוועסטער, אויף וועלכע, אַלע וואַרטן, וועלכע האָט צוגעזאָגט צו קומען, און קומט עפּעס ניט, וועגן די שוואַנען, וועלכע זעען זיך פון פענסטער אויף דעם באַלויכטענעם סטאַוו, און האָבן זיך פלוצלונג פאַר עפּעס דערשראָקן. מיט איין וואָרט, ווען מען זאָל צו דער פּיעסע צוגיין איינפאַך, בלייבט נאָר צו וואונדערן זיך, צוליב וואָס האָט מען געדאַרפט אַריבערטראָגן אויף דער סצענע פון טעאַטער די דאָזיקע וואָכעדיקע סצענע און די דידאָזיקע וואָכעדיקע העלדן מיט זייערע קליינלעכע זאָרגן און מיט אַלטעגלעכע דאגות.

אָבער דער פּאָעט האָט זיך געשטעלט ניט די אויפגאַבע, צווישן די דאָזיקע געוויינלעכע העלדן איז פאַראַן נאָך איין העלד, וואָס זיין אָנוועזנהייט פילט זיך, נאָר מען זעט אים ניט. דווקא ער איז דאָ די צענטראַלע פיגור, צוליב וועלכער די פּיעסע איז אָנגעשריבן. דער דאָזיקער העלד איז — דער טויט. זיין שרעקלעכער אָטעם פילט זיך ניט אין די ווערטער, וואָס די ווירקנדיקע פּערזאָנען ריידן אַרויס, נאָר אין זייער שווייגן, אין זייער ניט-דערריידן, אין זייערע זשעסטן און אומדערוואַרטע אויסגעשרייען. צוזאַמען מיט דער וואָכעדיקער סצענע הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג פון אומענדלעכן. יעדער באַ-

וועגונג, יעדע ערשיינונג, וואָס קומט פאָר אויף דער סצענע, האָט צוויי באַ־דייטונגען, איינע אַ פּשוטע, אַ קלאָרע, די צווייטע — אַ ניט קלאָרע און אַ גרויסע. זאָלן זיך די דאָזיקע מענטשן ריידן וואָכעדיקע שמועסן, זאָלן זיי זיך טרייסטן דערמיט, וואָס די סכּנה איז אַריבער. — צווישן זיי שטייט עפּעס אַזוינס אומ־פאַרמיידלעכס, אומאויסמיידלעכס. דאָס איז שטאַרקער פאַר זייערע פּשוטע רייד, דאָס פאַרטוליבט זייערע רייד, און זיי אַלע פילן עס. אין דער צייט, ווען מיטן מויל זאָגן זיי איינע צו די אַנדערע איינס, ריידן זייערע נשמות עפּעס אַנדערש. לאָמיר ברענגען אַ צוויי־דריי ביישפּילן דערפון, ווי אַזוי מעטערלינק דערגרייכט זיין ציל.

פּאָטער. פאַרמאַך נאָר די טיר. עס איז שוין שפּעט.

טאָכטער. באַלד, פּאָטער. איך קאָן זי ניט צומאַכן.

זיידע. וואָס איז געשען, טעכטערל?

פּעטער. ניטאָ צוליב וואָס צו זאָגן עס מיט אַזאַ שרעקלעכער שטימע... איך וועל אייך העלפן!

עלטערע טאָכטער. מיר קאָנען זי ניט צומאַכן גאָר שטשילגע!

פּעטער. זי איז פייכט געוואָרן. לאָמיר פּרווון איינאיינעם זי פאַר־האַקן! צווישן די טירלעך איז אַוודאי עפּעס אַריינגעפאַלן.

פּאָטער. מאָרגן וועט דער סטאָליער פאַרריכטן.

זיידע. דער סטאָליער וועט אפּנים מאָרגן קומען?

אין דער דאָזיקער סצענע איז ניטאָ קיין אומגעוויינלעכס. די טיר איז קאַליע. מען קאָן זי ניט צומאַכן, און מאָרגן וועט מען זי פאַרריכטן. טויזנטער מאָל אַ טאָג קומען פאָר אַזעלכע סצענעס, און קיינער לייגט אויף זיי קיין אַכטונג. אָבער מעטערלינק גיט צו די דאָזיקע איינפאַכע ווערטער פון די אָנטייל־נעמער אין דער דאָזיקער סצענע אַזעלכע שאַטירונגען, אַז אין זיי פילט זיך, אַחוץ זייער דירעקטן געדאַנק, נאָך אַן אַנדערער, אַ באַדייטנדיקערער זינען. קיינער דערמאָנט וועגן דעם ניט, אָבער אַלע נשמות לייגן אַריין אין דעם דאָ־זיקן פאַקט, וואָס די טירן זיינען קאַליע געוואָרן, עפּעס געהיימניספולס און וויכטיקס. פאַרוואָס האָט עפּעס דער זיידע די ווערטער: „וואָס איז געשען, טעכטערלעך?" אויסגערעדט, לויט דעם פּעטערס אויסדרוק, „מיט אַ שרעקלע־כער שטים"? צו וואָס איז דאָס איבערפרעגן וועגן דעם סטאָליערס קומען? דער זיידע איז בלינד, ער באַזיצט דעריבער אַ באַזונדער שפּירעוודיקייט בנוגע צו דער אינערלעכער שטים. דעריבער וועקט ער שטענדיק דער ערשטער אומרויִקייט. ער האָט מורא, און גלייך נאָך אים כאַפּט די מורא אַרום אַלע־

מען. אלע פילן, אז דאָס, וואָס די טירן לאָזן זיך ניט פאַרמאַכן, דערמאָנט וועגן דעם שרעקלעכן גאַסט, וועלכער איז שוין דאָ צווישן די טירלעך. אלע וואַרטן אויף אים; דאָס דאָזיקע וואַרטן פילט אָן אַלעמען און אַלץ אין זאַל, הגם קיינער רעדט וועגן אים ניט. און בשעת די מיילערריידן פשוט וועגן דער קאַליע געוואָרענער טיר, צאַפּלען די נשמות און זיינען איבערפולט מיט אימה פאַרן טויט, וועלכער איז שוין נאָענט, פאַר וועלכן מען קאָן זיך ניט פאַרמאַכן, וועלכן מען קאָן ניט אַרויסטרייבן, ווי מען זאָל זיך ניט סטאַרען צו פאַרמאַכן די אויגן אויף ס'דאָזיקע וויכטיקסטע. ער שטייט אַ מעכטיקער און אַן אומבאַזיגטער, ער ווערט די הויפּטווירקנדיקע פּערזאָן; די אויסערלעכע דראַמע ווערט בלאַס, און פאַר דעם צושויער וויקלט זיך פונאַנדער די עכטע העכערע דראַמע, וועלכע קומט פאָר אין די נשמות פון די דערביייִקע.

לאָמיר נעמען די ווייטערדיקע סצענע: פון דרויסן דערהערט זיך פּלוצלונג אַ קלאַנג פון אַ קאָסע, וועלכע מ'שאַרפט.

זיידע. (מיט אַ ציטער) אַך!

פּעטער. וואָס איז עס אַזוינס?

טאָכטער. איך ווייס אַליין ניט אויף זיכער... מסתמא איז עס דער גערטנער. איך קאָן ניט גוט זען... ער איז מסתמא אין שאָטן פון שטוב.

פאָטער. פּשוט, דער גערטנער קלייבט זיך שניידן גראָז.

פּעטער. ער שניידט דען ביי דער נאַכט?

פאָטער. מאָרגן איז מסתמא זונטאָג? נו, געוויס! איך האָב אים געזאָגט, אַז די גראָז אַרום שטוב איז צו הויך.

ווידער אַמאָל קיין אומגעוויינלעכס ניט. מאַלע וואָס פאַר אַ געהיימע קלאַנגען עס לאָזן זיך אין וואַלד הערן אין אַ העלער לבנה־נאַכט און מאַלע וואָס פאַר שאָטענס וואונדערלעכע און פאַנטאַסטישע עס פאַלן פון שטוב, פון די ביימער, פון יעדער זאַך! אָבער פאַרוואָס האָט דווקא דער קלאַנג, וואָס דעם מענטשנס דמיון איז פון אייביק אָן געוווינט צו פאַראייניקן מיט דעם געראַנק וועגן טויט, אַרויסגערופן אַזאַ אומרו ביי די דערביייִקע? פאַרוואָס ווערט די דאָזיקע פראַגע אַזוי אַלזייטיק אַרומגערעדט? פאַרוואָס זוכן אַלע אַזוי דאַרשטיק די סיבה פון דעם געהיימעניספולן קלאַנג, איילן אַזוי צו געפינען אַ באַרוּיקנדיקע דערקלערונג, פונקט ווי זיי גלויבן זיך אַליין ניט? פאַרוואָס וואַקסט די אומרויִקייט אַזוי אומגלויבלעך שנעל, וואָס ווייטער עס געלינגט ניט דער טאָכטער, וועלכע שטייט ביים פענסטער, צו געפינען מיט די אויגן דעם גערטענער? און ווידער האָט דער זיידע, דער דאָזיקער בלינדער שפּירעוודיקער

זיידע, אַרויסגערופן די אומרויִקייט. יאָ, אַלץ זאָגט עדות, אַז דער שרעקלעכער גאַסט מיט דער קאָסע איז שוין דאָ. דער מויל און דער באַוואוסטזיין פון די דערביייִקע ווייסן עס נאָך ניט, אָבער דאָס איז שוין גוט באַוואוסט דער נשמה פון יעדערן פון זיי. די אומרויִקייט וואַקסט: יעדער סקריפּ פון טיר, יעדער אומפאַרשטענדלעכער קלאַנג,—מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס האַרמאָנירט מיט די געפילן פון די נשמות, וואָס געפינען זיך אין זאַל, רופט אַרויס אַ שטאַרקע אומרויִקייט. די נשמות רעאַגירן נאָר אויף די דאָזיקע ערשיינונגען; דאָס אויסערלעכע, זעבאַרע לעבן, די וועלט פון ערשיינונגען ווערט פאַרוואַנדלט נאָר אין אַן אַקסעסואַר פונם אומזעבאַרן לעבן, פון אומענדלעך. אין מאָמענט ווען דער זייגער שלאָגט דעם לעצטן קלאַפּ פון האַלבער נאַכט, ווערט די אומרו פאַרוואַנדלט אין פּאַנישער אימה. אַלעמען האָט זיך פּלוצלונג אויסגעדוכט, אַז עמעצער האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש. אין דער אויסערלעכער וועלט איז ווידער אַמאָל קיין באַזונדערס ניט פאָרגעקומען, אָבער די נשמה ווייס, אַז דאָס שרעקלעכע איז פאָרגעקומען. אַלעמענס בליקן זיינען מיט שטומער אימה געווענדט צו דער טיר פון דער חולהס צימער. אויפן שוועל באַווייזט זיך די באַרמהאַרציקע שוועסטער אין שוואַרצע קליידער. זי בייגט זיך אָן און צלמט זיך אַלס צייכן, אַז דער חולה איז געשטאָרבן. דער אומגעזעענער גאַסט האָט אָפּגעטאָן זיין שרעקלעכע אַרבעט און איז אַוועק. די אינערלעכע דראַמע האָט זיך געענדיקט. מיר האָבן פאַר זיך פּנים אל פּנים די אַרויסווייזונג פונם אומענדלעכן אין ענדלעכן.

די סימבאָלישע דראַמע, ווי די סימבאָלישע פּאָעזיע בכלל שטרעבט צו ווערן אַ פילאָסאָפישע אָדער אַ רעליגיעזע אַנטפּלעקונג. זי שטרעבט צו אַנטפּלעקן די מיסטישע אמתן, וועלכע זיינען ניט צוטריטלעך פאַר דעם פּאָזיטיוון פּינקטלעכן וויסן. אַזאַ פּאָעזיע קאָן ניט געפינען קיין שפּייז אין דער רעאַלער וועלט, קיין ווערטער אין דער מענטשלעכער שפּראַך. זי מוז אַלץ מער און מער אַוועק אין דעם געביט פון נעפּלהאַפטן און אומפאַרשטענדלעכן, זוכן אַ געהיימענישפולן זינען אין דער באַהעכטונג פון די קלאַנגען אין די ווערטער ניט לויט זייער דירעקטן, נאָר לויט אַ באַזונדער מיסטישער באַדייטונג. דער דאָזיקער וועג מוז אומפאַרמיידלעך ברענגען צו יענעם סוף, צו וועלכן עס קומט יעדער ליטעראַרישע ריכטונג, וועלכע זאָגט זיך אָפּ צו שעפּן אינהאַלט פאַר פּאָעזיע פון דעם אומענדלעך פאַרשיידנאַרטיקן קוואַל פון רעאַלן לעבן: די אָנהענגער פון סימבאָליזם מוזן קולטיווירן נאָר די פאָרם. און די שול, וועלכע האָט באַקומען דעם נאָמען דעקאַדענטישע, האָט איבערגענומען דווקא

די דאָזיקע פאָרמעלע זייט פונם סימבאָליזם: די נעפּלהאַפטיקייט פון בילד, אַ בכיוונדיקע אָפּגעפרעמדקייט פונם רעאַלן לעבן און עקסטע אויסטערלישקייט פון די פּאָעטישע מעטאָרן. אָבער די דעקאַדענטן האָבן ניט געגעבן קיין ענט־פער אויף די פאָדערונגען פון גייסט, וועלכער איז ניט באַפרידיקט געוועזן מיטן פּאָזיטיווען וויסן. האָבן ניט געשטילט דעם דאָרשט, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן פאַרלאַנג משיג צו זיין די שייכות צווישן דער זעבאַרער וועלט מיט דער געהיימער, וואָס רינגלט זי אַרום. די עקסטרעמע אָנהענגער פון דער שול האָבן געמאַכט פון דער דאָזיקער איידעלער שטרעבונג פונם מענטשנס גייסט אַ זאַך פון מיסטיפיקאַציע. די רמזים און די האַלבבאַוואוסטזיניקע אַרויס־ווייזונגען פון גייסטיקן לעבן, מיט וועלכע די סימבאָלישע פּאָעזיע באַנוצט זיך, האָבן זיי פאַרביטן אויף קונצן פון וואָרט און פון קלאַנגען, וועלכע האָבן קיין זינען ניט — ניט קיין געהיימען, ניט קיין דירעקטן. די דעקאַדענטן זיינען אויסגע־לאַכט געוואָרן, און זיי האָבן עס פאַרדינט. אָבער אַפילו מעטערלינק, וועלכער האָט געגלויבט אין דער צוקונפט פונם סימבאָליזם, האָט מודה געווען, אַז די היינטיקע מענטשהייט, וועלכע איז דערצויגן אויף די אידעעס פונם פּאָזיטיוויזם און פינקטלעכן וויסן, איז שווער תופס די היינטיקע פּאָעזיע. „היינטיקע צייט,— זאָגט ער אין דער פאָררעדע צו זיינע דראַמעס,—איז אַלדאָס אומבאַגרייפלעכע, איבערמענטשלעכע, אומענדלעכע—ווי איר זאָלט עס ניט רופן—געוואָרן כמעט אומצוטריטלעך פאַר באַאַרבעטונג, זינט מיר אָנערקענען מער ניט אַ־פּריאָרי דאָס געטלעכע אַריינמישן אין די מענטשלעכע מעשים. אַזוי אַז אַפילו דער זשעני קאָן דערמיט ניט אָפּט האָבן עסקים.

פרעגט זיך, אויף וואָס פאַר אַן אופן איז אַנטשטאַנען און האָט זיך אַנט־וויקלט די דאָזיקע קרענקלעכע פּאָעזיע אין איין שורה מיט דער מעכטיקער רעאַליסטישער און סאָציאַלער באַוועגונג פון אייראָפּעישן געדאַנק און ליטע־ראַטור? די דאָזיקע פּאָעזיע — דאָס איז דער צייכן פון דער ירידה פון דער בורזשואַזיע. דער הערויִשער פּעריאָד אין דער געשיכטע פונם דאָזיקן קלאַס האָט זיך פאַרענדיקט. די פּאַטערס־בורזשואַ האָבן באַקומען די מיליאָ־נען און איבערגעלאָזן זייער אָרט פאַר די קינדער, וועלכע דאָס עשירות איז אָנגעקומען אַ גרייטס. מען דאַרף דאָס עשירות אויסברענגען, מען דאַרף ער־פינדן קינסטלערישע מיטלען צו פּטרן די ענערגיע, וועלכע בלייבט ניט פאַר־וועגדט ביי די קינדער פון באָנדערבי און קאַרדאָנע. דעם גרעסטן טייל פון אונזערע בורזשואַ איז לאַנגווייליק ביז צו חלשות. מיט כאַריסטקעס און מיט שאַמפּאַניער קאָן מען דאָס גאַנצע לעבן ניט אָנפילן. דער קריפּל־בורזשואַ,

וועלכער איז פון קינדווייז אָן ארומגערינגלט מיט לוקסוס און אויסגעלאַסנקייט, מיט קאַליקע נערוון, האָט ניט קיין ציל אין לעבן, איז ניט פעיִק צו געזונטע פאַרגעניגנס און דאָ האָט ער הינטער זיך דעם קאַפּיטאַל. ווי דורך אַ כּישוף שווימען אין זיינע הענט אַריין די מיליאָנען. ער, דער דאָזיקער האַלבאום־גליקלעכער אידיאָט, איז איינער פון די מעכטיקסטע באַלעבאַטים פון לעבן. דער קריפּל־בורזשואַ וואָלט אַליין ניט אויסגעטראַכט דעם דעקאַדאַנס, אָבער אַז עס איז געוואָרן אויסגעטראַכט, האָט ער עס מיט אַנטציקן גענומען אונטער זיין שוץ. מיט די באַדערפעענישן פון דעם דאָזיקן טיפּ האָט דער סימבאָליזם און באַזונדער דער דעקאַדאַנס אויפן בעסטן אופן געשטימט. דאָס איז אים געווען אָנגענעם, וואָס זיין באַנאַל לעבן שטערט ניט דער שענקייט און דער דערהויבנקייט פון זיין העכערן גייסטיקן קיום. זיי האָבן מיט גלאַנציקער באַגילונג באַפּוצט די גראָע שטיינער, האָבן געגעבן אַן אויסזען פון געהויבנקייט דעם לעבן, אין וועלכן עס איז גאָרנישט געווען אויסער שמוץ. מיט איין וואָרט, דער דעקאַדאַנס איז געוואָרן די באַרעכטיקונג און די באַפּוצונג פון דער אַנטאַרטונג. פון דער שטרעבונג פון דעם סימבאָליזם צו דער יענוייטיקער וועלט, האָבן די דעקאַדענטן גענומען נאָר די פאַראַכטונג צו דער וועלט, די גלייכגילטיקייט צו זינד האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַפּאָטעאָז פון זינד.

אין אָנהויב XXטן י. ה., ווי מיט הונדערט יאָר צוריק, ערשיינט די ליטעראַטור ווידעראַמאָל אַלס פעלד פון קאַמף צווישן ערדישן און הימלשן, צווישן מסירות נפש פאַר דער ליידנדיקער מענטשהייט — פון איין זייט, מיט פּרוכטלאָזן רייסן זיך צום אומענדלעכן — פון דער צווייטער זייט. אָבער די קרעפטן פון די קעמפנדיקע צדדים האָבן זיך געענדערט. מיט הונדערט יאָר צוריק האָבן די וועלט־פּאָעטן געזונגען וועגן טראַנסצענדענטאַלע שטרעבונגען און פאַרשאָלטן די ערדישע זאָרגן, און דער רעאַליזם און די דעמאָקראַטישע באַוועגונג האָט געשטעלט די ערשטע טריט. איצט איז די אויספאָרשונג פון לעבן און דער קאַמף פאַר גליק פון מענטשהייט געוואָרן דער דעוויז פון די גרעסטע טאַלאַנטן און די יענזייטיקע אידעאַלן זיינען פאַרקערפּערט געוואָרן אין דער קראַנקער פּאָעזיע, און ניט עמעצער אַנדערש, נאָר דווקא מעטערלינק האָט עס בעסער פאַר אַלעמען באַשטימט אין דעם געהיימען היכל.

„יאָ, דאָס איז אמת, און, אויב איר ווילט, דער ברייטסטער און ריכטיקסטער פון אַלע אמתן, אַז אונזער לעבן איז גאָרנישט, די אָנשטרענגונגען,

וועלכע מיר מאַכן, זײַנען לעכערלעך, אונזער קיום, און אַפילו דער קיום פון אונזער פּלאַנעט — נאָר אַ נישטיקע צופעליקייט אין דער געשיכטע פון די וועלטן. אָבער אויך דאָס איז אמת, אַז אונזער לעבן און אונזער פּלאַנעט זײַנען פאַר אונז די וויכטיקסטע פענאָמענס און אַפילו די איינציק וויכטיקע אין דער געשיכטע פון די וועלטן. וועלכער־זשע פון די ביידע איז ריכטי־קער? איינער ווירקט אויף אונזער דמיון, און קאָן פאַר אונז זײַן נוצלעך אין זײַן געביט. אָבער דער אַנדערער רירט אוממיטלבאַר אָן אונזער ווירק־לעכן לעבן. לאָמיר־זשע יעדן פון זיי געבן, וואָס ער איז ווערט. דער עיקר איז ניט אויסצוקלייבן דעם אמת, וועלכער איז ריכטיקער פון אַלגעמיינעם שטאַנדפּונק, נאָר יענעם, וועלכער איז ריכטיקער פון מענטשלעכן שטאַנדפּונקט. אונז זײַנען אומבאַוואוסט די צילן פונם וועלטאַל, צי איז פאַר אים וויכטיק דער גורל פון אונזער מין, צי ניט. אַלזאָ איז די וואַרשײַנלעכע נוצלאָזיקייט פון אונזער מין אַן אמת, וואָס פאַרצפּעט אונז נאָר אומדירעקט און וועל־כער פאַרבלייבט ניט געלייזט פאַר אונז. בשעת דער צווייטער אמת, יענער, וועלכער גיט אונז דעם באַוואוסטזײַן פון דער וויכטיקייט פון אונזער לעבן, איז אוודאי שמעלער, אָבער ער איז אונז נוגע ווירקלעך, אוממיטלבאַר און זיכער. מיר וואָלטן געטאָן אַ פעלער, ווען מיר זײַנען אים מקריב, אָדער ווען מיר מאַכן אים אונטערטעניק צו אַן אַנ־דער אמת. פאַרשטייט זיך, אונז איז ערלויבט ניט צו פאַרלירן פון אויג דעם ערשטן, ער וועט שטיצן און באַלייכטן דעם צווייטן, ער וועט אונז לער־נען ניט צו זײַן בײַ אים קיין באַגרענעצטער, זיך גרויסהאַלטנדיקער שקלאַף און בעפּינען אַ נוץ אין אַלץ, וואָס ער נעמט ניט אַרום. אויב אָבער ער נעמט בײַ אונז אָפּ די דרייסטקייט און פאַראַליזירט אונז, הייסט עס, מיר גיבן זיך ניט אָפּ קיין רעכענונג אין דעם קאָלאָסאַלן, אָבער זייער געפערלעכן אָרט וואָס ער פאַרנעמט אין דעם געביט פון די וויכטיקע אמתן. וואָרעם ער איז אָפּהענ־גיק פון אַ גרויסער צאָל נאָך ניט געלייזטע פּראָבלעמען, בשעת די פּראָבלע־מען, פון וועלכע דער צווייטער איז אָפּהענגיק, זײַנען געלייזט דורך דעם לעבן גופא".

די דאָזיקע הודיה פון איינעם פון די באַגאַבטסטע פאַרשטייער פון דער נײַער פּאָעזיע איז די בעסטע לייזונג פון דער אייביקער פּלוגתא צווישן די טראַנסצענדענטאַלע און רעאַלע שטרעבונגען און באַשטימט דעם וועג, איבער וועלכן עס גייט די ליטעראַטור פונם XX יאָרהונדערט. אָפּגעוואָרפן די עקס־טרעמען פון נאַטוראַליזם, וועט די ליטעראַטור בלײַבן געטריי איר גרונט־אויפ־

גאָבע — שטודירן און באַלייכטן די ווירקלעכקייט. און וואָס נוגע דעם רייסן זיך צום אומענדלעכן, וועט עס שטענדיק זיין אַ געוואונטשענער עלעמענט פון דער פּאָעזיע, אויף וויפל זי האַלט אונטער דעם דאָרשט נאָך אַ העכערן אידעאַל, אָבער דאָס איז פאַרמשפּט אויף טויט, אויב צוליב דעם ווערן געבראַכט פאַר אַ קרבן די ערדישע שטרעבונגען און אינטערעסן.

## דריטע אָפּטיילונג.

---

# די פילאָסאָפיע פון מאָדערניזם. מעטערלינק. אָסקאַר וואַילד.

## VII.

די יענזייטיקע וועלט.—„דער אוצר פון בּעוּוים“.—דער וועלט-דוּאַליזם, און דער דוּאַליזם פון דער נשמה אין דעם דאָזיקן טראַקטאַט; יענע און די וועלט, דעם מענטשנס נשמה און שכל.— דער אוממיטלבּאַרער פאַרקער און די שפּראַך.—די קראַפט פונם ערשטן און די שוואַכקייט פון דער צווייטער.—קונסט.—פּאָעזיע.—די אויפגאַבּן פון דער דראַמע.—דער צווייענדיקער זינען פון די ערשיינונגען.—וואָס איז אַזוינס סימבּאָליזם.

די נייע פּאָעזיע—דאָס איז דער רעזולטאַט פונם ליידנשאַפטלעכן שטרעבּן מצד דער בּורזשואַזער געזעלשאַפט אומצוקערן זיך צו דער אינערלעכער וועלט פון דער פּערזענלעכקייט אין דער טויטנדיקער איינאַרטיקייט פון די אויסערלעכע פאָרמען פון היינטיקן לעבּן. איבּסען איז דער אמתער שעפער פונם נייעם טעאַטער, וועלכער איז געבּויט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אינערלעכער דראַמע. ער איז דער עכטער סימבּאָליסט, ווייל הינטער די געשעענישן, וועלכע וויקלען זיך פונאַנדער אויף דער סצענע, איז בּאַהאַלטן אַן אַנדער דראַמע, וועלכע אַנטוויקלט זיך אין דער נשמה פון דער בּאַזונדערער פּערזענלעכקייט,—אַ דראַמע, וועלכע האָט איר בּאַזונדערע לאָגיק, איר בּאַזונדערע געבּונדנקייט פון די געשעענישן, אַ בּאַזונדער געקייטלטקייט פון די סיבּות און די רעזולטאַטן. זיינע העלדן זיינען סימבּאָלן, כמעט אָן פלייש פאַרקערפּערטע אידעען און גייסטיקע מהותן. די דאָזיקע אינערלעכע דראַמע וואַרפט אַן אייגנאַרטיקע ליכט אויף די אויסערלעכע געשעענישן, וועלכע בּאַקומען אַ משונהדיקע און אַן אומגעוויינלעכע בּאַפאַרבּונג; דאָס בּאַדייטנדיקע און וויכטיקע ווערט נישטיק, דער נישטיקער, אין לעבּן קוים קענטיקער פאַקט בּאַקומט אַן אַנטשליסנדיקע

באַדייטונג אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער נשמה, אינם פּראָצעס פון איר געפינען איר מהות און פאַרווירקלעכן אירע אויפגאַבן. איבסען האָט אַריבערגעטראָגן דעם שווערפּונקט פון לעבן אין דער מענטשלעכער נשמה אַריין. דער לעבן האָט באַקומען די באַדייטונג פון אַ פּאָן, וואָס אויף איר וויקלט זיך פונאַנדער די אינערלעכע געשיכטע פון מענטשן. די פאַקטן און די געשעענישן קומען איינס נאָכן צווייטן ניט אין זייער אָביעקטיווער קאָנסעקווענטקייט, נאָר זיי גיבן זיך אונטער דעם סוביעקטיוון זינען, וואָס עס לייגט אין זיי אַריין די פּערזענלעכקייט.

איבסען איז געווען דער זינגער פון אינדיווידועלער קראַפט, פון איר שטאָלצער גאַנצקייט און איר איידעלן טויט. מעטערלינק איז דער פּאָעט פון אומרו און אימה פון דער איינזאַמער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט פון זיך אָפּגעשטויסן די לאָגיק און דעם אָביעקטיוון זינען פון די געשעענישן,—פון דער פּערזענלעכקייט, וועלכע איז געבליבן אַליין מיט זיך, וועלכע זוכט אַ צוזאַמענבונד צווישן זיך מיט דער וועלט. מעטערלינק איז דער טיפסטער צווישן די טעאָרעטיקער פון דער נייער פּאָעזיע, דער שעפער פון אַ נייער סיסטעם, וועלכע האָט געוואָלט שאַפן איין האַרמאָניש גאַנצס פון די זוכענישן פון היינטיקן מענטשן, וועלכער פּרוווט זיך אַרויסצורייסן פון די קייטן פון סאָציאַלישקייט. איבסען האָט געגלויבט, אַז העכערע קרעפטן לייגן אַריין אין יעדער פּערזענלעכקייט אַ גאַנצלעכע נשמה און האָט אויפגעפּאַסט די זוכענישן פונם היינטיקן מענטשן אַלס געהיימען שטרעבן פון יעדערן, די דאָזיקע נשמה צו געפינען. מעטערלינק האָט געשטרעבט אַריינצודרינגען אין דער נאַטור פון די דאָזיקע העכערע קרעפטן. ער באַנוגנט זיך ניט מיט איבסענס גלויבן, וועלכער בעמט די פּערזענלעכקייט אָן אַלס אַ פאַקט, אַלס אַ גרייס פאַר זיך, וועלכע האָט ניט די נייטיקייט פעסטצושטעלן איר שייכות צו דער אויסערלעכער וועלט. מעטערלינק וויל אָפּזוכן אין די שטרעבונגען פון דער אינדיווידועלער נשמה אַן אָנווייזונג אויף דער נאַטור און אויף די צילן פון די העכערע קרעפטן. מעטערלינק באַשאַפט אַ נייעם וועלט־דואַליזם און אַ נייעם מענטשנדואַליזם. פאַר אים פאַלט די וועלט פונאַנדער אויף צוויי וועלטן, און אינם מענטשן זעט ער איין צוויי יסודות. סיי דער אויסערלעכער וועלט, סיי אינם מענטשן לעבט יעדער איינער פון די דאָזיקע צוויי יסודות מיט זיין באַזונדערן לעבן.

ביי איבסענען ווענדט זיך דער העלד אינעווייניק צו זיך אַליין, און געפינט אין זיך מוט צו בלייבן זיך אַליין געטריי, אומצוקומען אינם קאַמף פאַר

זיין פּערזענלעכקייט, אינם קאַמף קעגן דער וועלט, וואָס באַגרענעצט זי. ביי מעטערלינקן איז דער זעלבער גרונט. דאָס זעלבע ווענדן זיך אינעווייניק צו זיך אַליין. אָבער זיין העלד האָט מורא פאַר דער וועלט. ער טראַכט ניט וועגן קאַמף קעגן די העכערע כּוחות. ער — אָדער ער בעט ביי זיי רחמים, אָדער אויסער זיך פון יאוש פאַרשילט ער זיי. אין דעם פאַטאַלן קאָנפליקט צווישן דער פּערזענלעכקייט מיט דער וועלט האָט זיך איבסען געשטעלט אויף דעם צד פון דער ערשטער. ער האָט געזאָגט, אַז זי מוז ביזן סוף שטרעבן איינצונעמען די וועלט, און אפילו איר אומקומען זעלבסט ערשיינט אין דעם דאָזיקן שטרעבן אַלס אמתער נצחון און דער איינציקער געהעריקער קרבן דער וועלט. מעטערלינק האָט ניט געפונען קיין אויסגאַנג אינם קאָנפליקט צווישן דער פּערזענלעכקייט מיט דער וועלט. ער איז געבליבן שטיין אומ-מעכטיק פאַר דעם פאַטאַלן איינפלוס פון דער וועלט אויפן גורל פונם מענטשן. ער זעט אויך דעם אומפאַרמיידלעכן אויסגאַנג אין טויט, אָבער אין זיינע אויגן איז דעם מענטשנס טויט ניט קיין נצחון. דער טויט איז נאָר אַ באַווייז, ווי אַכזריש עס איז דעם מענטשנס גורל. ער לאָזט פאַר דעם אומקומענדיקן אינ-דיווידואום ניט יענע נחמה, וועלכע איבסען לאָזט פאַר אים. ער זעט ניט יע-נעם העכערן ציל פון זיין, וואָס אים דינט דער דאָזיקער אומקומען. „געפין זיך, — וויל איבסען מיט זיין פּאָעזיע זאָגן, — און העכער פאַר אַלץ שעץ די אומבאַרירלעכקייט און די גאַנצקייט פון דיין געפונענער פּערזענלעכקייט. דער טויט וועט זיין דער איינציקער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אָנשטרענגונג, אָבער מיטן דאָזיקן טויט דינסטו צו די העכערע אויפגאַבן פונם זיין, און זאָל ער דיר ניט אויסווייזן שרעקלעך און זינלאָז, דו זאָלסט אים ליב האָבן און פרייען זיך מיט אים, ווי מיט דיין נצחון." — „ווענד זיך אינעווייניק אין זיך אַליין, הער זיך צו צו דעם געהיימען קול פון דיין נשמה, — זאָגט מעטער-לינקס פּאָעזיע, — וועסטו זען, אַז די העכערע כּוחות גרייטן פאַר דיר טויט און אומגליק. דער דאָזיקער טויט איז שרעקלעך און זינלאָז, ער איז אָן רחמנות, און ס'איז קיין מעגלעכקייט ניטאָ צו געפינען אין זיינע מעשים צוועקמעסיקייט און קאָנסעקווענטקייט, לעב דעריבער אין אייביקער אומרו. אומרו און מורא — דאָס איז דער צושטאַנד, אויף וועלכן דו ביסט פאַרמשפּט דורך דעם בלינדן גורל".

סיי מעטערלינק סיי איבסען — ביידע זיינען זיי פּאָעטן פון אינדיווידועלן שטרעבן. נאָר דער ערשטער שילדערט דעם דאָזיקן שטרעבן אין דער נשמה פונם שטאַרקן, דער צווייטער — אין דער נשמה פון דעם שוואַכן. דער ערשטער

האָט באַוויזן פאַר דער וועלט יענע העלדן, וועלכע עס האָבן אין קאַמף קעגן די יסודות פונם לעבן געשאַפן די פילאָסאָפיע פון פערזענלעכער שטאַרקייט און מוטיקייט. דער צווייטער—יענע שוואַכע מענטשן, וואָס, פאַרטיפט אין זיך, האָבן געקאָנט באַשאַפן נאָר די פילאָסאָפיע פון אימה און יאוש. ביידנס פּאָעזיע פליסט פון איין קוואַל: פון דער שטרעבונג אומצוקערן זיך צו דעם מענטשנס אינערלעכער וועלט.

אויפן ערשטן בליק קאָן אפשר אויסווייזן משונה צו פאַרגלייכן איבסענס און מעטערלינקס פּאָעזיע. ס'איז כמעט ניט מעגלעך צו לייקענען, אַז ביידע פּאָעטן זיינען טיף פאַרשיידן לויט דעם כאַראַקטער פון זייערע טאַלאַנטן און דער אַלגעמיינער שטימונג, וועלכע נעמט דורך די פּאָעזיע פון יעדערן. און פונדעסטוועגן שטערט עס ניט זייערע שאַפונגען צו זיין נאָר פאַרשיידענע טיילן פון דעם אַלגעמיינעם בילד, וואָס שפיגלט אָפּ דעם קריזיס, וועלכן די אייראָפּעיִשע געזעלשאַפט לעבט איבער. דער צושטאַנד פון די מוחות שפיגלט זיך אָפּ אין דער פּאָעזיע פון דער דאָזיקער עפּאָכע אין איר גאַנצן. דער דרוק פון דער סאָציאַלישקייט און די ניוועלירנדיקע השפעה פון דער אינדוסטריעלער אָרדענונג פון הייַנטיקן לעבן האָט אַרויסגערופן אין די הערשנדיקע גרופן פון אונזער צייט פון איין זייט ליידנשאַפטלעך שטרעבן פונם מענטשן אַרויסצורייסן זיך פון אונטער דעם דאָזיקן דרוק, פון דער צווייטער זייט— דעם באַוואוסטזיין פון דעם מענטשנס פולקומער מאַכטלאָזיקייט קעגן די געזעצן פון לעבן, וואָס ניט ער האָט איינגעשטעלט און ניט זיין ווירקונג זיינען זיי אונטערגעוואָרפן. ווי פאַרשיידנאַרטיק די דאָזיקע צוויי צושטאַנדן פון דער נשמה זאָלן ניט זיין, אָבער, מיר זאָגן ווידער אַמאָל, — זיי נעמען זיך פון איין קוואַל. איבסען האָט באַשאַפן די פּאָעזיע פונם רייסן זיך צו באַפרייאונג. מעטערלינק האָט באַשאַפן אַ נייע קאָסמאָלאָגיע; ער האָט באַוויזן, אין וואָס פאַר אַ אויסזען עס ערשיינט אין דעם דמיון פונם הייַנטיקן מענטשן די יענע וועלט.

מעטערלינקס פּאָעזיע האָט אין דער הינזיכט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אונזער אויפגאַבע, דאָס איז די פילאָסאָפישע באַגרינדונג פון הייַנטיקער פּאָעזיע און פון דעם געזעלשאַפטלעכן צושטאַנד, וואָס האָט זי געבוירן.

מעטערלינק איז דער גרעסטער צווישן די טעאָרעטיקער פון דער סימבאָלישער שול. יעדער ריכטונג אין דער ליטעראַטור באַקומט דאָס רעכט אָנצורופן זיך ריכטונג, ווערט אַ שול, ווען זי ווערט פאַר זיך אַליין באַוואוסטזיניק, ווען זי מאַכט אַ סך־הכל

פון די געפילן און שטימונגען, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די פאַרשיידענע שאַפונגען, וואָס זייער איינהייטלעכער יסוד מיידט אָפּט אויס דעם באַוואוסטזיין אפילו פון זייער שעפער גופא. ערשט דאַן, ווען עס זיינען ערשינען שלעגעלס לעקציעס, האָבן די דייטשע ראָמאַנטיקער זיך געקאָנט דערקענען אַלס אַ שול. ערשט הוגאָס באַרימטער מאַניפעסט האָט באַשאַפן די ראָמאַנטישע דראַמע, ערשט בואַלאָס פּאָעטיק האָט געגעבן אינדיווידועלן לעבן דעם קלאַסיציזם, און זאָלאַס „עקספּערימענטאַלער ראָמאַן"—דעם נאַטוראַליזם.

אין דער גרויסער באַדייטונג פון די טעאָרעטיקער און די פילאָסאָפן פון די ליטעראַרישע שולן איז ניטאָ קיין ספק מצד דעם שטאַנדפּונקט פון דער געזעלשאַפטלעכער קריטיק. אין זייער טעאָרעטישער אַרבעט איז באַהאַלטן דאָס געהיימע מודה זיין זיך, אַז די סאַמע קאַפּריזע באַגייסטערונגען פונם זשעני און די סאַמע ניט ענלעכע שאַפונגען פון איין עפּאָכע האָבן זייער לאָגיק און סיסטעם: פעסטשטעלנדיק אַן אַלגעמיינעם גרונט פאַר פאַרשיידענע פּראָדוקטן פון דער פּאָעטישער שאַפונג, זיינען זיי אומדירעקט מודה, אַז אין דעם טויש פון די קינסטלערישע פאָרמען איז דאָ אַ געוויסע געזעצמעסיקייט. זיי גיבן אַ רעליעפן אָפּדרוק, וועלכער ווערט באַהעפט צו דעם אַלגעמיינעם קולטור־אוצר פון דער מענטשהייט און ערלויבט צו באַשטימען די קולטור־געשיכטלעכע ראָלע פון דער געגעבענער שול.

מיר זאָגן נאָך אַמאָל, מעטערלינק איז ניט נאָר איינער פון די באַגאַבטסטע פּאָעטן פונם סימבאָליזם. ער איז דער אמתער טעאָרעטיקער און פילאָסאָף פון דער שול. „דער אוצר פון ענוים"—דאָס איז דער סך־הכל פון די מחשבות און שטרעבונגען פון היינטיקע מיסטיקער און עסטעטן.

אין די איבערגאַנגס־מאָמענטן פון דער געשיכטע, ווען דער מענטש איז מאַכטלאָז אויפצוכאַפּן אירע געזעצן, מחמת די אַלטע פאָרשונגען אַנטשפּרעכן שוין ניט דעם לעבנסגאַנג, און די נייע האָבן זיך נאָך ניט איינגענומען קיין הערשונגסלאַגע און נאָך ניט באַקומען די נייטיקע קלאָרקייט, — אין אַזעלכע מאָמענטן איז דער מענטש נוטה צו וואַרפן זיך אין די אָרעמס פון מיסטיציזם, זוכן ביי די העכערע כוחות אַן ענטפער אויף די פראַגן און ספקות, וועלכע פייניקן אים. לאָמיר באַטראַכטן די עיקרשטע געדאַנקען, וועלכע זיינען צעוואָרפן איבער „דעם אוצר פון ענוים", וועלן מיר זיך איבערצייגן, אַז ס'דאָזיקע ניט גרויסע, אָבער טיפע ווערק, וואָס האָט באַשיינט די וועלט מיט נייעם ליכט, איז בעצם דער סך־הכל פון די מחשבות פון היינטיקן מענטשן.

די גרונטאידעע פון דעם דאָזיקן האַלב־פּאָעטישן, האַלב פילאָסאָפישן

ווערק — דאָס איז די אידעע וועגן דער העכערער וועלט, וואו עס ווערט באַשטימט דער גאַנג פון דעם ערדישן לעבן. די דאָזיקע אידעע איז אַ דירעקטער פועל־יוצא פון די היינטיקע פאַרפלאָנטערטע באַציִונגען, אין וועלכע ס'איז לחלוטין אוממעגלעך עפּעס וואָס פאָראויסצוזען, עפּעס וואָס פעסטצושטעלן. „קיין זאַך איז פאָראויס ניט באַוואוסט, און דאָס אַלץ קומט פאָר אין די הימלען, וועלכע זיינען אונז גאָרנישט ניט מתרה". און אָפט באַגעגענען מיר ביי די נייע פּאָעטן די דאָזיקע אידעע, וואָס דער מענטש ווייס לחלוטין ניט וועגן דעם, אַז אויף אַן אַנדער העכערער וועלט ווערט באַשטימט זיין גורל. „וואָס מער מען פאַרטיפט זיך אין לעבן, אַלץ מער באַמערקט מען, אַז אַלץ קומט פאָר לויט אַ פאָראויסבאַשטימטן פּלאַן, וועגן וועלכן מען ווייס, אַז ער עקסיסטירט ערגעץ הינטער די גרענעצן פון אונזער לעבן". דעם מענטשנס שכל איז ניט בכוח צו דערקענען די דאָזיקע פאָראויסאָנצייכענונג. „עס עקסיסטירן טויזנטער און טויזנטער געזעצן, אַ סך מעכטיקערע און אַכטונגסווערטערע, איידער די געזעצן פון די ליידנשאַפטן, אָבער די דאָזיקע געזעצן, לאַנגזאַמע, באַשיידענע און שווייגנדיקע, ווי אַלץ וואָס איז באַשאָנקען מיט אומבאַקעמטער קראַפט, לאָזן זיך באַמערקן און הערן נאָר אין דער האַלבפינסטערניש און קאָנצענטרירטקייט פון די רויִקע לעבנסשטונדן". מעטערלינק ווייס, אַז מיר „געפינען זיך אין דער מאַכט פון משונהדיקע כוחות און זיינען גרייט חושד צו זיין זייערע כוונות".

דאָס איז די הויפּטאידעע פון מעטערלינקס פילאָסאָפיע, די אידעע, וואָס גייט אַ דורך ווי אַ רויטער פאָדים דורך דער גאַנצער נייער פּאָעזיע, — די אידעע פון דואַליזם, דער גלויבן, אַז עס איז פאַראַן צוויי וועלטן, אַ יענע און אַ דאָיִקע, דער גלויבן אין דער געהיימער מאַכט פון דער ערשטער און דער באַוואוסטזיין פון דער מאַכטלאָזיקייט מצדן מענטשנס שכל אַריינצודרינגען אין איר סודות. ביי פאַרשיידענע פּאָעטן איז זי אָנגעקליידט אין פאַרשיידענע פאָרמען. אָבער דער ליידנשאַפטלעכער געשריי פון היינטיקן מענטשן, וואָס איז געווענדט צום הימל, דער רוף צו די העכערע כוחות קלאָר צו מאַכן די געהיימע רעטעניש פון לעבן פאַרבלייבט אַלס גרונט־מאָטיוו ביי די היינטיקע פּאָעטן, וועלכע זיינען אויפגערודערט דורך דער אומאַנטשפּרעכלעכקייט צווישן די פאָדערונגען פון דער פערזענלעכקייט מיט דעם אַרומיקן לעבן.

דער דואַליסטישער וועלטפאַרשטיין האַרמאָנירט ביי מעטערלינקן מיט די דואַליסטישע אָנשויונגען אויף דעם מענטשן. אין מענטשן זעט ער נשמה און שכל. אויב דער לעצטער איז לחלוטין מאַכטלאָז צו באַגרייפן די סודות פון

מעטערלינק

דער העכערער וועלט. זיינען פאַר דער נשמה די דאָזיקע סודות אַנטפּלעקט. די נשמה און דער שכל לעבן יעדער מיט זיין זעלבשטענדיקן לעבן. אין מענטשן זייַען דאָ צוויי לעבנס. די דאָזיקע לעבנס גיסן זיך ניט צונויף אינאיינעם. פאַרקערט, זיי שטייען אַפילו אין סתירה און אַנטאַגאָניזם איינס לגבי דעם אַנדערן. מענטשן, וועלכע לעבן מיט אַ בריית אַנטוויקלטן נשמה־לעבן, קוקן אויף דער וועלט מיט אַנדערע אויגן, ניט ווי די, ביי וועלכע די טעטיקייט פון שכל פאַרטומלט די אַנטפּלעקונגען פון דער נשמה. „אין אונז איז באַהאַלטן עפּעס אַזוינס, וואָס עס וואָלט זיך וועלן דערקענען, אָבער דאָס באַהאַלט זיך טיפער איידער דער פאַרבאָרגענער געדאַנק.—דאָס איז אונזער באַהאַלטענער שוויַגן. אָבער פראַגן זיינען אומנוצלעך. יעדער נסיון פון שכל שטערט נאָר דעם אַנדער לעבן, וואָס האַלט זיך אויף אין דעם דאָזיקן סוד". דער שכל און די נשמה זיינען אויף אַזוי פיל זעלבשטענדיקע יסודות, אַז עס גיבן גאַנצע פעריאָדן פון דער געשיכטע, ווען אין מענטשן הערשט נאָר איינער פון די דאָזיקע יסודות, און דער צווייטער גאָר ניט.

דאָס וואָס איז אונז באַוואוסט וועגן אַלטן מצרים, ערלויבט משער צו זיין, אַז ער האָט איבערלעבט אַ צייט פון נשמה־הערשאַפט. „אין זייער אַן אַלטער עפּאָכע פון דער געשיכטע פון אינדיע זאָל די נשמה האָבן אַזוי נאָענט צוגעקומען צו דעם אויבערפלאַך פון לעבן, ווי מער קיינמאָל ניט זינט דעמאָלט. די שפּורן אָדער די זכרונות פון איר אוממיטלבאַרער אָנוועזנהייט רופן נאָך עד היום אַרויס משונהדיקע ערשיינונגען. עס זיינען פאַראַן אַפילו אַנדערע מאָמענטן, ווען דער גייסטיקער עלעמענט, דאַכט זיך, שלאָגט זיך אין די טיפענישן פון דער מענטשהייט, ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך אונטער די כוואַליעס פון אַ גרויסן טייך. דערמאָנט זיך, למשל, אָן פרס, אָן אַלעקסאַנדריע און אָן די צוויי מיסטישע יאָרהונדערטן פון מיטלאַלטער. דערפאַר זיינען פאַראַן פולקומע יאָרהונדערטן, ווען עס הערשט דורכאויס דער ריינער שכל און די שיינקייט, אָבער ווען די נשמה איז לגמרי אין אַבוועזנהייט. אַזוי איז זי זייער ווייט פון גריכנלאַנד אין רוים, פון דעם XVII און XVIII יאָרהונדערטן אין פראַנקרייך... עס פילט זיך, אַז אין זיי פעלט עפּעס, די געהיימע פאַרקערן זיינען איבערגעריסן, און די שיינקייט פאַרדעקט די אויגן".

די צוויי וועלטן אויסערן מענטשן אַנטשפּרעכן צוויי וועלטן אינעם מענטשן. בלויז די נשמה פון מענטשן קאָן קומען אין פאַרקער מיט דער העכערער וועלט, וואָס אירע סודות קאָנען ניט אַריינדרינגען אין דעם מענטשנס שכל. אויך צווישן זיך טרעטן מענטשן אַריין אין פאַרקער דורך צוויי וועגן. איין וועג, דאָס איז

די צונג, וועלכע גיט איבער דעם מענטשנס געדאַנקען. דער צווייטער—דאָס איז דער וועג פון אוממיטלבאַרן פאַרקער צווישן די נשמות. צוויי מענטשן, וואָס שמועסן צווישן זיך, פירן אַ טאָפּעלן שמועס, ריידן אויף אַ טאָפּעלער שפּראַך, אויף דער שפּראַך פון ווערטער, ווען אויף דער נשמה־שפּראַך וואָס מ'הערט ניט. „די פון אונז, וועלכע קאָנען ריידן אַמטיפּזיניקסטן, פילן שטאַרקער פאַר אַלעמען, אַז ווערטער דריקן קיינמאָל ניט אויס די אמתע באַציונגען צווישן צוויי וועזנס".

מעטערלינקס פילאָסאָפיע שטעלט אַ נייע אויפגאַבע פאַר דעם מענטשנס ערקענונג. די פּאָעזיע דאַרף פאַרלאָזן די רעאַלע וועלטן און דאָס שכל־לעבן. איר אויפגאַבע איז אַריינצופירן אונז אין די סודות פון דער העכערער וועלט און אונטערצוהערן דעם קלאַנגלאָזן שמועס פון די נשמות, עס דערנענטערט זיך די קיניגרייך פון די נשמות ד. ה. די עפּאָכע פון אוממיטלבאַרן פאַרקער צווישן אונז, ווען מענטשן וועלן ניט דאַרפן קיין געפילן און באַגריפן, וועלכע דינען אַלס פאַרמיטלער צווישן מענטשן. עס וועט אפשר קומען אַ צייט, ווען אונזערע נשמות וועלן אייבע די אַנדערע דערקענען אָן דער פאַרמיטלונג פון אונזרע געפילן. „ניטאָ קיין ספק, אַז דער געביט פון דער נשמה־הערשאַפט ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ ברייטער. זי איז אַ סך נעענטער צו אונזער זעבאַרן וועזן, און נעמט אין אונזערע מעשים אַ גרעסערן אָנטייל, איידער מיט צוויי־דריי יאָרהונדערטן צוריק. מ'מוז זאָגן, אַז מיר דערנעענטערן זיך צו אַ גייסטיקן פּעריאָד".

אין אַלגעמיין דערמאָנט די דאָזיקע פילאָסאָפיע די דואַליסטישע לערע פון דער קירך וועגן צוויי וועלטן און צוויי יסודות אין מענטשן. אפילו אין דער פאַראַכטונג צו דער רעאַלער וועלט און אין דעם יראת הכבוד צו דער יענער־וועלט גייט זיך דער פילאָסאָף פונם סימבאָליזם ניט פונאַנדער מיט דער קירך. לויט זיין לערע איז אויך אין יענער העכערער וועלט אַלץ באַדייטנדיקער; לויט זיין לערע איז אויך דאָס לעבן פון די נשמות דאָס עכטע לעבן. דער טיפער אונטערשייד צווישן סימבאָליזם און דער קריסטלעכער רעליגיע באַשטייט אין פעסטשטעלן די נייע וועגן, וועלכע פירן צום באַגרייפן די העכערע וועלט און צום קענגזייטיקן פאַרשטיין זיך פון די נשמות. פון שטאַנדפּונקט פונם קריסטנטום איז אַזאַ פאַרמיטלער צווישן דער הימלשער און דער ערדישער וועלט, אויך צווישן דעם געטלעכן און זינדלעכן מהות פונם מענטשן — די קירך, די גייסטלעכע און זייער ראש. דער פּויפּסט האָט דאָ אויף דער ערד איבערגעגעבן גאָטס רצון, דערציילט וועגן די סודות פון דער געהיימער וועלט, געלערנט אין וואָס באַשטייט דאָס דינען צום גייסט און

טייטן דאָס זינדיקע לייב. ביי מעטערלינקן איז ניטאָ רעליגיע אין קירכלעכן זינען פון וואָרט. ער זוכט נייע וועגן צו דער העכערער וועלט, און צום פאַרשטיין די נשמה. די דאָזיקע וועגן באַשטימט מעטערלינק גיכער פון דער נעגאַטיווער, איידער פון דער פּאָזיטיווער זייט. זייער אַלגעמיינע באַזונדערקייט איז דאָס, וואָס זיי לאָזן זיך כּמעט ניט באַשטימען דורך ווערטער. קיינער פון די גלידער, קיינע פון די פעיִקייטן, וועלכע לאָזן זיך ערקענען און אָפּגעבן זיך וועגן זיי אַ רעכענונג, קאָנען נישט זיין קיין איינער פון די דאָזיקע וועגן. אונזערע געפילן פירן אונז גוט אַריין אין דער וועלט פון ערשיינונגען און מאַכן אונז קלאָר די אויספירן פונם שכל פון דעם מענטשן. מיט וועלכן מיר ריידן. זיי זיינען אָבער מאַכטלאָז צו דערנעענטערן אונז צו די סודות פון דער אַבסאָלוטער וועלט און צו דער נשמה פון דער פּערזאָן, מיט וועלכן מיר ריידן. וואָס־זשע איז דער וועג דערצו? „מיר באַרירן איצט. — זאָגט מעטערלינק, — ענינים, וואָס מ'קאָן וועגן זיי כּמעט ניט ריידן, און מיר מוזן זיך באַגרענעצן מיט ביישפּילן ניט קיין פולקומע און גראָבע. אָט זיינען אַ צוויי־דריי עלעמענטאַרע און ממשותדיקע: אַמאָליקע צייטן, אַז עס פלעגט זיך אַפילו דערוועקן אַ פראַגע וועגן פאָרגעפיל, וועגן דעם משונהדיקן איינדרוק פון עפּעס אַ באַגעגעניש און אַ בליק, וועגן אַ באַשלוס, וואָס איז געבוירן אין דעם אומבאַוואוסטזיניקן טייל פון דעם מענטשנס שכל, וועגן אַ אומדערקלערבאַרער, דאָך אָבער באַגרייפטער קראַפט, וועגן די געהיימע געזעצן פון אַנטיפּאַטיע אָדער סימפּאַטיע, וועגן גייסטיקער קרובהשאַפט, באַוואוסטזיניקער אָדער אינסטינקטיווער, וועגן דער פּאַרציגלעכער השפּעה פון עפּעס אומאויסדערציילבאַרס, — האָט קיינער ניט אָפּגעשטעלט די אויפמערקזאַמקייט אויף די דאָזיקע זאַכן, וועלכע האָבן, איבעריקנס, גאַנץ זעלטן באַאומרויִקט דעם דענקער. צופעליק פלעגט מען זיך אויף זיי אָנשטויסן. קיינער האָט ניט חושד געווען, מיט וואָס פאַר אַ לאַסט זיי דריקן אויף גאָר דעם לעבן, און מען האָט זיך געאײַלט פון זיי גיכער אַוועק צוריק צו דער געוויינלעכער שפּיל פון די ליידנשאַפטן און אויסערלעכע אַוואַנטורעס". דער דאָזיקער פראַגמענט גיט ביז אַ געוויסער מדרגה אַ פּאָזיטיווע, הגם אַ נעפּלהאַפטע דעפיניציע פון די נייע פּאַרקער־וועגן צווישן מענטשן. דאָס איז דער וועג פון פאָרגעפילן, דאָס איז די „משונהדיקע איינדרוקן פון עפּעס אַ באַגעגעניש אָדער אַ בליק", „גייסטיקע קרובהשאַפט", בקיצור — יענע אַרויסווייזונגען פון אומבאַוואוסטזיניקן, וואָס מען פלעגט זיי שענקען ווייניק אויפמערקזאַמקייט אַמאָל, און וועלכע רוקן היינט אָפּ אין אַ זייט די שפּיל פון די ליידנשאַפטן און אויסערלעכע אַוואַנטורעס.

מענטשן ווייסן איצט פיל און פאַרשטייען אין דעם צווייטן פיל אַזוינס, וועגן וואָס עס גיט זיי ניט צו וויסן ניט דער לשון, ניט די איברים פון די געפילן, ניט דער באַוואוסטזיין. כּדי צו דערוויסן זיך, וואָס פאַרבאָרגט זיך אין דעם מענטשנס נשמה, האָבן מיר היינט ניט די נויטווענדיקייט אָנקומען צו פראַגן, ערקלערונגען, אויספאָרשונגען. היינטיקע צייט ריידן די נשמות גאָר גוט צווישנאַנאַנד אָן ווערטער. „אויב איר זייט ניט קיין גוטער, איז מער ווי וואַרשיינלעך, אַז אייער אָנוועזנהייט וועט עס אַנטפּלעקן הונדערט מאָל קלע־רער, איידער מיט צוויי יאָרהונדערטן צוריק. צי ווייסט איר, אַז אויב איר האָט פון דער פרוי פּאַראומערט כאָטש איין נשמה, האָט די נשמה פון דעם פויער, מיט וועלכן איר ווילט ריידן וועגן געוויטער אָדער וועגן רעגן, וועגן דעם שוין באַקומען אַן אָנזאָג, איידער ער האָט נאָך באַוויזן אָפּצועפענען די טיר?” אַ קינד וועט דערקענען אומגערעכטיקייט אָדער אַ צווייטנס טרערן אין אייער נשמה, אפילו ווען איר וועט זיך מאַכן פאַר אַ הייליקן. פאַרבאָרגן קנאה אָדער בגידה איז אוממעגלעך אין אונזער צייט, — אויף אַזוי פיל זיי־נען געוואָרן שפּירעוודיק־וואַך די נשמות אַפילו ביי די סאַמע גלייכגילטיקע. „זשעסטן און ווערטער באַדייטן שוין מער גאָרנישט, און כמעט אַלץ ווערט באַשלאָסן דורך דער געהיימער קראַפט פון פּשוטער אָנוועזנהייט”. אַ מענטש קאָן ניט דערקלערן, פון וואַנען האָט ער דערקענט אַ צווייטן מענטשן, וואָס קומט דאָס ערשטע מאָל אַריין צו אים אין צימער. נאָר ער איז שוין „באַ־לעסטיקט מיט אונזער זיכערקייט, וועלכע מען קאָן ניט אָפּלייקענען”. וואָס ווייניקער דאָס וואָרט און דער באַוואוסטזיין נעמען אָנטייל אין דעם פאַרקער צווישן מענטשן, אַלץ קלענער קענען זיי איינע די אַנדערע. דעריבער איז דער העכסטער מיטל פון פאַרקער, דער בעסטער וועג צו דעם מענטשנס נשמה — שווייגן. שווייגן — דאָס איז דער גרעסטער מאָמענט פון ערוואַכן אין דער געהיימער טעטיקייט פון די נשמות. ווי נאָר די ליפּן ווערן אַנט־שלאָפן, כאַפּן זיך אויף די נשמות און הייבן אָן צו ווירקן. „דאָס שווייגן — דאָס איז אַ סטיכיע, אַ פולע מיט אומדערוואַרטקייטן, סכּנות און גליק, אין וועל־כער די נשמות גיבן זיך פריי אָפּ איינע דער צווייטער. אויב איר ווילט זיך ווירקלעך אָפּגעבן איינער דעם צווייטן — שווייגט”.

אין דער דאָזיקער טיפער און אָריגינעלער פילאָסאָפיע וויקלט זיך פונאַנ־דער דאָס לעבן פון דער העכערער וועלט און דאָס לעבן פון דער נשמה, ווי עס ווערט געמאָלט אין דעם דמיון פון דעם היינטיקן מענטשן. דאָס אויסער־לעכע לעבן איז געוואָרן טראַפּאַרעט אייגאַרטיק. די מענטשן זיינען געוואָרן

אין זייערע אויסערלעכע ארויסווייזונגען, אין זייער ריידן און אין זייערע מעשים ענלעך אויף ליאַלקעס, וועלכע פירן אויס מעכאַניש געוויסע באַוועגונגען. ווערטער און זשעסטן אַנטפּלעקן שוין מער ניט אין דעם מענטשן דאָס אינדיווידועלע, וואָס איז אין דער אמתן זיין אויסשליסלעכער מהות, דאָס, וואָס איז אייגנשאַפטלעך אים און נאָר אים, וואָס טיילט אים אויס פון אַלע אַנדערע יצורים אויף דער וועלט. ווערטער דערקלערן פון דעם מענטשנס אינערלעכער וועלט נאָר דאָס, וואָס ער האָט אַלגעמיינס מיט אַנדערע, וואָס אַלע אַנדערע אינדיווידועלע באַוואוסטזיינס זיינען גלייך משיג. פשוטע אַנוועזנהייט, שטילשווייגן, אוממיטלבאַרער פאַרקער — דאָס זיינען די וועגן, וועלכע פירן צו דעם סאַמע פאַרבאָרגענעם מהות פון דער מענטשלעכער נשמה. אין דער דאָזיקער בייער דואַליסטישער פילאָסאָפיע הערט זיך דאָס זעלבע קלאָגן זיך מצד דער פערזענלעכקייט, וועלכע איז געדריקט אונטערן סאָציאַלן דרוק, וועלכע טראָגט זיך מאַכטלאָז לויט דעם ווילן פון דעם שרעקלעכן געווירבל פון אינדוסטריעלן לעבן, וואָס האָט זי פאַרדרייט. דאָס איז דער זעלבער פּראָטעסט קעגן די „גייסטער", וואָס דרינגט אַדורך שטירנערס פילאָסאָפיע און איבסענס פּאָעזיע; דאָס זעלבע קלאָגן מצד דעם היינטיקן קנעכט פונם לעבן, וועלכער שטרעבט דאָרשטיק אַוועקצוגיין פון דער פרעמדער וועלט, וואָס ניט ער האָט זי באַשאַפן, וואָס נעמט אַרום נאָר די אויסערלעכע זייט פון זיין קיום און זאָגט אָבער גאָרנישט זיין נשמה. מיט דער נשמה לעבט ער ניט צוזאַמען מיט דער דאָזיקער וועלט, און ער האָט פריידיק באַגריסט מעטערלינקס פילאָסאָפיע, וואָס איז ערשינען אַלס אַ מעכטיקער אָפּקלאַנג פון זיין בודען זיך. זי האָט אים געזאָגט, אַז זיין אומבאַשטימטער אומעט — דאָס איז דאָס עכטע לעבן. זי האָט אים געגעבן דעם טרייסטנדיקן גלויבן, אַז יענס אַלגעמיינס און באַנאַלס, אין וועלכן עס באַוועגט זיך מעכאַניש, אָן זיין ווילן, איז ניט דער עיקר אין זיין לעבן. די לערע וועגן צוויי וועלטן און צוויי יסודות אין זיין אינערלעכער וועלט איז דער איינציקער אויסגאַנג פאַר דעם אומרויִקן שכל פון דעם היינטיקן אינטעליגענט, וועלכער פאַרבאָרגט אַזוי טיף זיין פערזענלעכס, זיין „איך" און גייט אַזוי גערן נאָכן אַלגעמיין־אָנגענומענעם. דאָס היינטיקע לעבן האָט אים אויסגעלערנט ניט לייגן קיין אַכט אויף ווערטער, זי האָט אין אים אַנטוויקלט דעם איידעלן חוש, די קונסט צו טרעפן אָן ווערטער. זי האָט אים אויסגעלערנט פון דער שאַטירונג פון דער שטים, פון אַ צופעליק געוואָרפענעם בליק דערוויסן זיך מער, איידער פון אַ גאַנצן מבול רייד. און מעטערלינקס גלויבן, ווי יעדע מיסטישע פילאָסאָפיע, איז

ניט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר די אָפּשפּיגלונג פון דער פּסיכיק פון דעם הערשערישן טייל געזעלשאַפט. ווען די געזעלשאַפט לעבט איבער אַ קריזיס, ווען די נייע פאָרמען פון לעבן האָבן זיך נאָך ניט באַפעסטיקט, און די אַלטע אַנטשפּרעכן ניט די נייגעבוירענע געשמאַקן און באַדערפעניש, — אין דער דאָזיקער צייט קומט פאַר צווישן אינערלעכן און אויסערלעכן לעבן אַ מחלוקת, און די פּערזענלעכקייט ווארפט פון זיך אָפּ די אָביעקטיווע לאָגיק פון אויסערלעכן לעבן, לאָזט זיך אַריין אין זיך און דאָרט אינעווייניק זוכט זי וועגן צו באַגרייפן די וועלט מיט אירע סודות.

מעטערלינק איז דער טיפסטער פילאָסאָף פון דער דאָזיקער געשפּאָלטנקייט פון דער היינטיקער פּערזענלעכקייט. „דער אוצר פון ענוים" איז די עכטע עוואַנגעליע פונם סימבאָליזם. אין דעם דאָזיקן וואונדערלעכן בוך איז אויסגעבויט אַ קולט צו אַ נייעם גאָט. און די דאָזיקע גאָטהייט איז, ווי אַלע מאָל פּאַסירט עס, באַשאַפן לויט דעם פורעם און דער געשטאַלט פון דעם היינטיקן מענטש. דאָס איז דער גאָט, אין וועלכן די היינטיקע געזעלשאַפט, די געזעלשאַפט פון דער קריזיס-צייט פון דער בורזשואַזער אָרדענונג, האָט פאַרקערפּערט איר בענקשאַפט נאָך דער פאַרלאָרענער פּערזענלעכקייט, איר אימה פאַר די ניוועלירנדיקע טענדענצן פון דער צייט. דער שעפער פון דער דאָזיקער נייער עוואַנגעליע האָט אַליין געפילט דעם בונד, וואָס האָט פאַראייניקט זיין נייעם קולט מיט די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אינם היינטיקן לעבן. „אומעטום לאָזט זיך פילן, אַז די באַציִונגען פונם געוויינלעכן לעבן הייבן זיך אָן צו ענדערן און די יינגסטע צווישן אונז ריידן און באַגייען זיך שוין ניט אַזוי, ווי די מענטשן פון פריערדיקן דור. די מאַסע אָפּריידענישן, מנהגים, שלייערס און נוצלאָזע פאַרמיטלער פאַלט אין אָפּגרונד און כמעט אַלע, אַליין דאָס ניט באַמערקנדיק, אורטיילן מיר איינער וועגן דעם צווייטן לויט דעם, וואָס עס איז ניט זעבאַר". מעטערלינקס טראַקטאַט דאָס איז איינע פון די בעסטע אָפּשפּיגלונגען פון דער פּסיכיק פון דעם אינטעליגענט פון סוף יאָרהונדערט. אָבער זיין שעפער האָט איבערגעחזרט דעם גרייז, וועלכער איז שוין ביז אים איבערגעחזרט געוואָרן אָן אַ שיעור מאָל דורך אַלע דענקער פון פאַרשיידענע עפּאָכעס און פעלקער. ער האָט אָנגענומען די סיבה פאַר אַ רעזולטאַט, און דעם רעזולטאַט פאַר אַ סיבה. פאַר אים באַווייזט דער פאַקט, וואָס עס האָבן זיך געענדערט די באַציִונגען פון געוויינלעכן לעבן נאָר דאָס, אַז מיר טרעטן אַריין אין אַ „גייסטיקן פּעריאָד". אַז עס קומט אָן די „קיניגרייך פון דער נשמה". פאַרוואָס קומט אָן די דאָזיקע קיניגרייך? פאַר-

וואָס שלאָפן די נשמות אין משך פון הונדערטער יאָרן און פלוצלונג אין אונזער צייט הייבן זיי אָן ערוואַכן? מעטערלינק גיט ניט קיין ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן. פאַר דעם מיסטישן שכל שטעלן זיך פאָר אַזעלכע שפרונגען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט ווי רעזולטאַטן פון די אומבאַוואוסטע כוונות מצד דער העכערער קראַפט, וואָס פירט אָן מיטן לעבן פון דער־וועלט. אָבער די וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג וועט דאָ אויף דער ערד לייכט געפינען די סיבות פון די דאָזיקע איבערקערענישן און משונהדיקע קאַפריזן פון דער נשמה. זי צייגט אונז איבער, אַז אין די דאָזיקע שפרונגען און קאַפריזן עקסיסטירט אַ געוויסע קאָנסעקווענטקייט און געזעצמעסיקייט, אַז די „נשמה" דערשיינט אויף דער סצענע וואונדערלעך צו דער צייט, דערוואַכט און הייבט אָן צוווירקן דווקא דאַן, ווען לויט די באַדינגונגען פון דער צייט און פון די סאָציאַלע באַציִונגען הייבט מען אָן צו פילן אין איר אַ נויטווענדיקייט. זי קומט דעם מענטשן צו הילף דאַן, ווען דער שכל און די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג לעבן איבער אַ צייטווייליקן קריזיס, אין דער צייט פון אינטעררעגנום פון די באַגריפן, אין מאָמענט פון קאַמף צווישן דער אַלטער און דער נייער וועלט פון באַציִונגען. און פאַר יעדערן, ווער עס זוכט די דערקלערונג פון אונזער פסיכישן צושטאַנד אויף דער ערד און ניט אויפן הימל, ווערט קלאָר, אַז ניט די נשמה קומט אומדערוואַרט אין נייע פאָרמען צו באַשיינען דאָס לעבן און די וועלט מיט נייער שיין, נאָר פאַרקערט, דאָס לעבן מיטן אייביקן טויש פון די רעאַלע באַציִונגען רופן אין געוויסע מאָמענטן אַרויס אין דער אָפגעשוואַכטער געזעלשאַפט די באַדערפעניש אומצוקערן זיך צו די אַלטע געשפענסטער פון דער וועלטישער און אינדיווידועלער נשמה. און דעמאָלט איז די געזעלשאַפט נוטה צו זען אין דעם פאָסטולאַט פון איר שכל אַ רעאַלן קיום. יענע העכערע וועלט און יענע נשמה, וואָס זייער מהות אַנטפלעקט זיך אין דעם „אוצר פון ענוים", גיבן לייכט אַרויס דעם רעאַלן באָדן, וואָס האָט זיי געלאָזט אַרויסוואַקסן פון זיך, און אויב מעטערלינק איז איינער פון די טיפסטע דענקער פון הייַנטיקער צייט, איז דאָס געוויס ניט פאַר זיין טעות, נאָר פאַר די פאָזיטיווע זייטן פון זיין לערע. נאָך „דעם אוצר פון ענוים" זייַנען מיר אויך אויף קיין טראָט ניט אַוועק ווייטער אין באַגרייפן די סודות פון דער אַבסאָלוטער וועלט. אָבער דער אומרויִקער באַוואוסטזיין פון דעם הייַנטיקן מענטשן, זיין אַנטוישונג אין דער טעטיקייט פונם שכל, זיין נייַער מיסטישער שטרעבן זייַנען באַשיינט מיט העלן ליכט. „דער אוצר פון ענוים" מאַכט אונז קלאָר, פאַרוואָס שפאַרן זיך טויזנטער צושויער אין דעם הייַנטיקן

סימבאָלישן טעאַטער, זוכן ווידער מיט היץ גאָט און סוד, קערן זיך אָפּ פון קלאָרן, באַגרענעצטן און ערדישן. דער דאָזיקער פּאָעטישער טראַקטאַט מיט זיין לערע וועגן צוויי וועלטן און צוויי יסודות אין מענטשן איז די ביטערע קלאָג פון דער הייגטיקער געזעלשאַפט, בעת זי שטייט פאַר די אומבאַגרייפּלעכע צופעליקייטן פון לעבן, פאַר זיין פאַטאַלן גאַנג, וואָס זיין בעזעצמעסיקייט איז זי ניט בכוח זיך קלאָר צו מאַכן.

„לאָמיר ווארטן שווייגנדיק, אפשר וועלן מיר באַלד דערהערן דאָס שעפּצען פון די געטער" — זאָגט מעטערלינק. ער האָט באמת דערהערט דעם דאָזיקן שעפּצען, נאָר ער האָט זיך ניט געכאַפּט, אַז די קלאַנגען, וואָס דערגרייכן צו זיין אויער, קומען ניט פון אויבן, נאָר פון אונטן, אַז זייער מקור איז די ערד, און ניט דער הימל, און די שעפּצנדיקע געטער זיינען מער ניט ווי סימבאָלן, אין וועלכע די הייגטיקע געזעלשאַפט האָט אָנגעקליידט אירע ליידן און פריידן.

„דער אוצר פון ענוים" שטייט אין דער שפּיץ פון די עסטעטישע שטרעבונגען פון דער נייער פּאָעזיע, געגליכן דערצו, ווי שטירנערס פילאָסאָפיע אַנטפּלעקט דעם מהות פון אירע פאָרשטעלונגען וועגן דעם מענטשן און זיין תכלית. אויף דער גרונטאידעע פון מעטערלינקס טראַקטאַט איז געבויט די גאַנצע נייע פּאָעזיע און דער נייער טעאַטער.

אין הסכם מיט זיין אַלגעמיינעם פילאָסאָפישן שטאַנדפּונקט שטעלט מעטערלינק נייע אויפגאַבן דעם טעאַטער און דעם לעבן. לויט זיין לערע זיינען די אורערשטע באַציִונגען פון דער נשמה צו דער העכערער וועלט—באַציִונגען פון שיינקייט. אַנדערש גערעדט: דורך שיינקייט דערנענטערט זיך דער מענטש צו די סודות פון דער דאָזיקער וועלט. און די אמתע אויפגאַבע פון דער קונסט איז אויפצוכאַפּן אין דער וועלט פון ערשיינונגען דאָס לעבן פון אַן אַנדער וועלט, אין יעדן געוויינלעכן מענטשלעכן טריט משיג זיין דאָס נשמה־לעבן. אַדאַנק דעם באַשאַפט מעטערלינק די אידעע פון דער נייער קונסט, וועלכע שאַצט אָפּ די לערכדיקע באַדייטונג פון די לעבנסערשיינונגען דורך נייע קריטעריומס. די אַלטע קונסט האָט אויפן אויבנאָן געשטעלט די גרויסע געשעענישן. די נייע האָט אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע אויסערלעכע קריטעריומס און אויפן ערשטן פּלאַץ אַרויסגעשטעלט די ערשיינונגען, אין וועלכע עס ווייזט זיך אַרויס דאָס נשמה־לעבן. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט קאָן די אַלטעגלעכקייט זיך אַרויסווייזן פאַר אַ מער דאַנקבאַרן סוזשעט פאַרן קינסטלער, איידער אויסשליסלעכע פאַקטן און געשעענישן, וועלכע אַלע קינסט־

לער האָבן ליב געהאַט צו נעמען פאַר סוזשעטן. דער נייער פּאָעט, וואָס זיין אויפגאַבע איז צו באַהעפטן אונז מיטן נשמה־לעבן, מיט דעם אַנדערן אומזעבאַרן לעבן פון די העלדן, האָט זיינע אייגענע קריטעריומס און אָפּשאַצונגען. ער שרייבט אַ אינערלעכע דראַמע, אין וועלכער עס איז פאַראַן אַ באַזונדער לאָגיק, אַ באַזונדער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, וועלכע פאַלן ניט צונויף מיט דער לאָגיק און מיט דער געשעעניש־אַנטוויקלונג פון דער אויסערלעכער וועלט. דאָס, וואָס עס שיינט ווי באַדייטנד און ערנסט אין דער אויסערלעכער וועלט, גייט אַדורך אומבאַמערקט פאַר דעם לעבן פון דער נשמה. און פאַרקערט, אָפט לעבט זי איבער מאָמענטן פון דער גרעסטער אויפטרייסלונג, וועלכע ווייזן זיך אויסערלעך אַרויס אָן עפעקט און טומל. עס עקסיסטירט טראַגיזם אין דער טאָג־טעגלעכקייט, זאָגט מעטערלינק, און די דאָזיקע טראַגעדיע ליגט טיפער אין אונזער ווירקלעכן קיום, איידער דער טראַגיזם פון די גרויסע געשעענישן. דער גרונט פון דעם דאָזיקן טראַגיזם איז ניט קיין מאַטעריעלער און האָט קיין שייכות ניט צו דער פסיכאָלאָגיע; דעריבער איז אים ניט לייכט צו באַווייזן, נאָר מ׳קאָן אים באַגרייפן אוממיטלבאַר מיט דעם געפיל. „דאָ האַנדלט זיך שוין ניט וועגן דעם באַשטימטן קאַמף פון איין וועזן מיטן צווייטן, נאָר וועגן דעם קאַמף פון איין פאַרלאַנג מיטן צווייטן, אָדער וועגן דעם אייביקן צוזאַמענשטויס צווישן דער ליידנשאַפט מיט דער פליכט. דאָ גייט גיכער אין דעם, צו באַווייזן, וואָס פאַר וואונדערלעכס עס ליגט אין אַ פשוטן לעבנספאַקט. דאָ גייט גיכער אין דעם, צו באַווייזן די עקסיסטענץ פון דער נשמה פאַר זיך זעלבסט אין דעם אין־סוף, וועלכער איז קיינמאָל ניט טאַטלאָזיק. דאָ גייט גיכער אין דעם, צו לאָזן הערן הינטער דעם געוויינלעכן שמועס פון שכל און געפיל דעם מער דערהויבענעם און אומאויפהערלעכן שמועס פון דער נשמה מיט גורל. דאָ גייט גיכער אום דעם, צו לאָזן אונז באַכשפירן די וואַקלדיקע און ביטערלעכע באַוועגונגען פונם מענטשלעכן וועזן, וואָס אַמאָל דערנעענטערט ער זיך צו זיין אמת, צו זיין שיינקייט און צו זיין גאָט, און אַמאָל דערווייטערט ער זיך פון זיי". ס׳קאָן זיין, אַז ביי קיינעם פון די היינטיקע עסטעטן זיינען אין אַזאַ מצומצמדיקער פאָרמעל ניט רעזומירט די אויפגאַבן פון דעם סימבאָלישן טעאַטער און ניט אָנגעצייכנט דער מהות פון דעם אונטערשייד צווישן דער אַלטער און דער נייער דראַמע. די אַלטע טראַגישע פּאָעטן האָבן געשילדערט דעם קאַמף „צווישן איין וועזן מיטן צווייטן". די נייע טראַגעדיע דאַרף באַווייזן „די עקסיסטענץ פון דער נשמה פאַר זיך זעלבסט". פאַר דעם שמועס פון דעם שכל און דעם געפיל, דאָס

הייסט, פאַר יענער פאָרם פון מענטשלעכן פאַרקער, וועלכע ווערט דערגרייכט דורך ווערטער, דורך קלאָרן איבערגעבן געדאַנקען, — לאָזט ער איבער אַ זייטיק אָרט. אויבנאָן שטעלט ער „דעם שמועס פון דער נשמה מיטן גורל“, ד. ה. דאָס איבערגעבן פון אונזערע נשמה־צושטאַנדן, וועלכע זיינען אינדיווידועל און האָבן ניט קיין פאַר אַלעמען אַלגעמיינע שפּראַך פאַר זייער אויסדרוק. די אַלטע טראַגישע פּאָעטן האָבן אונז נאָר פאַרביי־גייענדיק באַוויזן די דאָזיקע נשמה־צושטאַנדן. זיי זעען נאָר דאָס לעבן פון אימות און דאָס לעבן פונם עבר. דעריבער איז אונזער גאַנצער טעאַטער אַנאַכראָניש, און די דראַמאַטישע קונסט איז אָפּגעשטאַנען אויף פיל יאָרהונדערטן. די מאָלעריי און די מוזיק זיינען אַוועק ווייט פאָראויס. די דאָזיקע מינים קונסט האָבן משיג געווען דעם פאַקט, אַז „פאַרלאָרן בנוגע דער אויסערלעכקייט, האָט דאָס לעבן געוואונען אין דער טיף. אין דער אינערלעכער באַדייטיקייט און גייסטיקער וויכטיקייט“. אָט פאַר וואָס אַ גוטער קינסטלער וועט שוין מער ניט מאָלן מאַריוסן דעם רוימישן זיגער אָדער די רציחה פון הערצאָג דע גיז. „וואָרעם די פּסיכאָלאָגיע פון נצחון און רציחה איז עלעמענטאַר און אויסנעמלעך און דער זינלאָזער טומל פון דער שרעקלעכער געשעעניש פאַרטויבט דעם ציטערדיקן און שטילן קול פון די וועזנס און געגנשטאַנדן, וואָס שטראָמט פון דער טיף“. אַ היינטיקער מאָלער „וועט מאָלן אַ הייזל, וואָס איז פאַרלאָרן צווישן פעלדער, אַ טיר אָפן אין עק קאָרידאָר, אַ געזיכט און הענט אין צושטאַנד פון רו. די דאָזיקע פּשוטע שילדערונגען קאָנען עפּעס צוגעבן צו אונזער לעבנסבאַוואוסטזיין, און דאָס איז שוין אַ געווינס, וועלכן מען טאָר ניט לאָזן פאַרלאָרנגיין“. מעטערלינק פאַלט שאַרף אָן אויף די „מחברים פון טראַגעדיעס“, וועלכע זעצן פאָרט די טראַדיציעס פון דער אַלטער שול, און שילדערן פאַרברעכנס, רציחות, בגידות, די דאָזיקע געוויינלעכע ערשיינונגען פון דער עפּאָכע פון די באַרבאַרן, וואָס זיי טאַקע האָבן די דאָזיקע שילדערונגען פאַרשאַפט פאַרגעניגן. דער אַוטאָר אַליין ווערט אַמאָל אַ רעאַליסט און זאָגט וואונדערלעך פּשוט אַרויס דעם געדאַנק, אַז די פאָרמען פון דער קונסט אַנטשפּרעכן שטענדיק די פאָדערונגען און די געשמאַקן פון דער געזעלשאַפט, און קיינע אַנטפּלעקונגען פון אַבסאָלוטער שיינקייט איז אין זיי ניטאָ. דער נייער טעאַטער איז אַן עכט קינסטלערישער דערפאַר, וואָס „דאָס רוב לעבנס אונזערע גייען דורך ווייט פון בלוט, געשרייען און שווערדן, און די מענטשלעכע טרערן זיינען געוואָרן שווייגעדיקע, אומזעבאַרע, כמעט גייסטיקע“. עס קאָן זיין, אַז די טייערסטע אייגנשאַפט מעטערלינקס באַשטייט אין דער דאָזיקער הודיה, וועלכע זאָל זיין אַ פריער סימפּטאָם פון דער ווענדונג צום רעאַליזם און דער

וויטנשאַפטלעכער וועלטאָנשויונג. דער פאַקט (אויב מען קאָן עס נאָר אָנגעמען פאַר אַ פאַקט), אַז דאָס רוב לעבנס גייט אַדורך ווייט פון בלוט, געשרייען און שווערדן, איז דאָך אַ פאַקט פון סאָציאַלן לעבן, און זיינע רעאַלע סיבות איז ניט שווער פעסטצושטעלן. זיין הודיה איז דאָך אומדירעקט די אָנערקענונג פון דעם אמת, אַז ווען עס ענדערן זיך די סאָציאַלע באַציִונגען, קאָנען זיך אויך אומקערן די באַדינגונגען, ביי וועלכע „דאָס רוב לעבנס" איז אַדורך אין דער סביבה פון בלוט, געשרייען און שווערדן. דעמאָלט וועט זיך אויך דער טעאַטער צוריקקערן צו די אַלטע קונסטפאָרמען. וויבאַלד מעטערלינק פירט אין זיין פילאָסאָפיע אַריין דעם דאָזיקן סומך זיין זיך אויף די פאָדערונגען און די געשמאַקן פון דער געזעלשאַפט, וועלכע זיינען באַדינגט מיט די רעאַלע תנאים פון לעבן, ברעכט ער אונטער אין סאַמע שורש די אידעע פון פאַרזיך־תכליתדיקער אַבסאָלוטער שיינקייט, פאַרוואַנדלט ער די קונסט אין אָפּשפּיגלונג פון די באַגריפן, געפילן און שטימונגען פון דער געזעלשאַפט, אָנערקענט ער דעם פּרינציפּ פון רעלאַטיוויטעט און אָפּגערעדקייט אין דער אָפּשאַצונג פון קינסטלערישע ווערק. די פראַגע, וואָסער קונסט איז העכער, די אַלטע צי די נייע, פאַלט אַליין פון זיך אָפּ. שעקספּירס טעאַטער איז פּונקט אַזוי געזעצלעך, ווי מעטערלינקס, מחמת ביידע זיינען זיי געווען אַן ענטפער אויף די רעאַלע באַדערפענישן פון זייער צייט.

אָבער די דאָזיקע דיסאָנירנדיקע נאָטן רייסן זיך זעלטן אַריין אין מעטערלינקס פילאָסאָפיע און עסטעטיק. זייער אַלגעמיינער טאָן לאָזט דענקען, אַז פאַר דעם אַווטאָר איז דער נייער טעאַטער ווייניקער פאַר אַלץ דער טעאַטער פון זיין צייט, די קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פון היינטיקן צושטאַנד פון די מוחות און מידות. דער דאָזיקער טעאַטער איז פריער פאַר אַלץ דער וועג צו אייביקייט, אַן אַנטפּלעקונג פון הימל, די אַנטפּלעקונג פון די סודות פון דער אַבסאָלוטער וועלט און פון דעם ניט זעבאַרן נשמה־לעבן. די פּיעסן פון אַמאָליקן טיפּ באַפרידיקן מעטערלינקן ניט. ווען ער זעט זיי אויף דער סצענע, איז ער גרייט צו מיינען, אַז ער פאַרברענגט עטלעכע שעה צווישן זיינע אורעלטערן, וועלכע האָבן וועגן לעבן געהאַט אַן איינפאַכע, טרוקענע און גראָבע פאָרשטעלונג, וואָס סיי זיך פאָרשטעלן זי, סיי אָננעמען זי קאָן ער ניט. „איך זע דאָ אַ באַטריגטן מאַן, וועלכע טויט זיין פרוי; אַ פרוי, וועלכע פאַרסמט איר געליבטן; אַ זון, וואָס איז זיך נוקם פאַרן פאָטער; אַ פאָטער, וועלכער טויט קינדער; קינדער, וועלכע טויטן דעם פאָטער; געטויטע קיניגן, פאַרגוואַלדיקטע מיידלעך, פאַרקערקערטע בירגער, און אַזאַ טראַדיציאָנעלע, אָבער — אוי־

ווי! — אַזאַ איבערפלעכלעכע, אַזאַ מאַטעריעלע געהייבנקייט, — די געהייבנקייט פון בלוט, אויסערלעכע טרערן און טויט". דאָס איז דער אַלטער טעאַטער, וואָס קאָן גאָרנישט ניט זאָגן דעם צושויער, ווייל די נפשות, וואָס ווערן אויף זיינע ברעטער געשילדערט, ליידן אויף מאַניע; זיי זיינען אַזוי פאַרשלונגען פון די אויסערלעכע געשעענישן, ליידנשאַפטן און געפילן, אַז די נשמות ווערן אין זיי פאַרשלאָפן. עס קאָנען גאָרנישט ניט זאָגן די מענטשן, „וואָס האָבן ניט קיין צייט צו לעבן, מחמת מען דאַרף טויטן דעם קאָנקורענט אָדער די געליבטע". האַמלעט איז העכער פאַר אָטעללאָ, אַלס קינסטלערישע געשטאַלט, מחמת דער ערשטער טוט ניט און האָט דעריבער צייט צו לעבן, אָבער דער צווייטער „לעבט ניט מיטן העכערן טאָגטעגלעכן לעבן", ווייל ער איז פראַקטפול אייפערזיכטיק" און שטעלט מיט זיך פאָר אַזוינס, וואָס איז געבוירן פון דעם אַלטן טעות, לויט וועלכן „מיר לעבן אויף אַן אמת נאָר אין די רגעס, ווען אונז באַהערשט אַזאַ אָדער אַן ענלעכע צו איר לויט דער קראַפט ליידנשאַפט". דעם נייעם טעאַטער גיט מעטערלינק אַן אַנדער אויפגאַבע. „איך בין געקומען מיט דער האָפענונג צו זען עפעס וואָס פון לעבן, וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין מקור און זיינע סודות, פאַרבונדן מיט קייטן, וועלכע איך האָב קיין מעגלעכקייט און קיין קראַפט ניט שטענדיק צו באַמערקן. איך בין געקומען מיט דער האָפענונג כאָטש אויף איין אויגנבליק אַ קוק צו טאָן אויף דער שיינקייט, געהויבנקייט און באַדייטונג פון מיין באַשיידענעם וואָכעדיקן קיום. איך האָב געהאָפט, אַז עס וועט זיך אַנטפּלעקן עמעצנס אָנוועזנהייט, עפעס אַ קראַפט אָדער עפעס אַ גאָטהייט, וואָס רוט מיט מיר אין איין צימער. איך האָב געוואַרט אויף עפעס העכערע מינוטן, וואָס, אַליין עס ניט באַמערקנדיק, לעב איך זיי איבער אין די סאַמע נישטיקע שעהן, און האָב אָפטער פאַר אַלץ געזען נאָר אַ מענטשן, וועלכער האָט מיך באריכות דערציילט, פאַרוואָס ער איז אייפערזיכטיק, פאַרוואָס ער סמט אַנדערע, אָדער ער טויט זיך אַליין".

די היינטיקע תנאים פון געזעלשאַפטלעכן לעבן האָבן אַריינגעזעצט אין דעם מענטשנס נשמה אַ פירוד. אין אים זיינען געוואָרן עפעס ווי צוויי איינס פונם צווייטן אומאָפּהענגיקע לעבנס. דער דאָזיקער פירוד האָט געשאַפן אַ נייע דואַליסטישע פילאָסאָפיע, און די דאָזיקע פילאָסאָפיע איז געוואָרן די באַגרינדונג פון נייע קונסטפאָרמען. דער נייער טעאַטער, וועלכער זאָל „אַרויסבאַווייזן" דאָס אינערלעכע לעבן, דעם מענטשנס שטימונג, איבערגעבן דעם סינטעז פון די ערשיינונגען און די ערשיינונגען גופא, האָט זיך נאַטירלעך געמוזט ווענדן צו נייע מיטלען פון אויסדרוק. דער נאַטוראַליזם האָט געמוזט

פאַרלאָזן די סצענע. ווידערשאַפן אויף דער סצענע פונקט דאָס, וואָס קומט פאָר אין לעבן,—דאָס הייסט ווידערבאַשאַפן דאָס ניט עיקרשטע און אומבאַדייטנדיקע פון לעבן. אָט פאַרוואָס דאָס פּינקטלעכע ווידערבאַשאַפונג דאַרף איבערלאָזן דאָס אָרט פאַר דאָס אָפּגערעדטע. די געוויסע שטימונג, דער אינערלעכער זינען פון די ערשיינונגען דאַרף זיין דער ציל פונם טעאַטער. די שטימונג, וועלכע עס גיט אַ געוויסע לעבנסקאָליזיע, גיט זיך אָפּטמאָל בעסער איבער דורך דעם, וואָס מען איז מגזם און מען שטרייכט אונטער איין ווינקל פונם בילד, איידער מיט דער אמתלעכער שילדערונג פון דעם גאַנצן בילד. דער דאָזיקער ציל, וואָס מעטערלינק האָט געשטעלט פאַרן טעאַטער, איז דער הויפּטסטימול פון היינטיקע סצעניש זוכענישן. צו מעטערלינקן, ווי צו דער עוואַנגעליע, האָבן זיך געווענדט אַלע גאָוואַטאָרן פון דער מאָדערניסטישער סצענע. זיין עסטעטישע לערע איז דער קוואַל, פונוואַנען עס איז אַרויס די סטיליזאַציע און דער מעטאָד אויסצושטעלן די פיגורן לויט די באַרעליעפן און די פרעסקן און די שטרעבונג צום „סינטעז-טעאַטער”. אין יסוד פון די דאָזיקע אַלע זוכענישן ליגט מעטערלינקס אידעע וועגן צוויי יסודות אין מענטשן, וועגן זעלבשטענדיקן נשמה-לעבן. מען דיקטירט דעם טעאַטער נייע סוזשעטן. עס ווערן אויף דער סצענע אַרויסגעפירט אַזעלכע העלדן, און געשילדערט אַזעלכע לאַגעס, וועלכע עס וואָלט קיינמאָל אויפן זינען ניט געקומען צו מאַכן פאַרן סוזשעט פון אַ דראַמע אין אַמאָליקע צייטן. „מיר איז אויסגעקומען צו טראַכטן,—זאָגט מעטערלינק,—אַז דער זקן, וואָס זיצט אין פאָטעל און וואַכט פשוט פאַר דער שיין פון לאָמפּ, הערט זיך איין, ניט קענענדיק זיי, צו אַלע אייביקע געזעצן, וועלכע הערשן אַרום זיין הויז, דערקענט, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס אַזוינס איז פאַרגראָבן אין דעם שווייגן פון טיר און פענסטער, און אין דער שוואַכער שטים פון ליכט שפירט ער די אָנוועזנהייט פון זיין נשמה און זיין גורל, לאָזט אַ ביסל אַראָפּ דעם קאָפּ, ניט חושד זייענדיק, אַז אַלע קרעפטן פון דער דאָזיקער וועלט באַווייזן זיך און וואַכן אין צימער ווי אויפמערקזאַמע דינסטן— ניט וויסנדיק, אַז די זון זעלבסט האַלט אונטער איבערן תהום דאָס קליינע טישל, אויף וועלכן ער לענט זיך אָן, און אַז עס איז ניטאָ קיין לייכטער אין הימל און קיין קראַפט פון דער נשמה, וואָס זיינען גלייכגילטיק צו דער באַוועגונג פון דער ברעם, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ, אָדער צו דעם געדאַנק וואָס אַנטשטייט,— מיר איז אויסגעקומען צו טראַכטן, אַז דער דאָזיקער אומבאַוועגלעכער זקן האָט אין דער ווירקלעכקייט געלעבט מיט אַ פיל טיפערן לעבן, פיל מענטשלעכערן און מער אַלגעמיינעם, איידער דער פאַרליבטער, וועלכער ווערגט זיין געליבטע,

דער קאַפּיטאַן וואָס האַלט אָפּ זיין נצחון, אָדער דער מאַן, וואָס איז זיך נוקם פאַר זיין כבוד". בקיצור, מיר האָבן פאַר זיך די אַלטע לערע פון די ראָמאַנטיקער וועגן צוויי וועלטן, וועגן דעם, אַז די פאָעטיזירטע וועלט איז וויכטיקער פאַר דערווירקלעכער און דאָס אינערלעכע לעבן איז העכער און באַדייטנדיקער פאַר דעם אויסערלעכן.

די נייע אויפגאַבע פון דער פּאָעזיע און פון דעם טעאַטער פאָדערט אויך נייע אויסדרוקסמיטלען. אויסער דעם „אויסערלעך-נויטווענדיקן דיאַלאָג דאַרף מען האָבן נאָך עפּעס". אין איין ריי מיט דעם אומפאַרמיידלעכן דיאַלאָג גייט כמעט אַלעמאָל נאָך אַן אַנדערער, ווי ס'שיינט אַן איבעריקער. „קוקט זיך צו אויפמערקזאַמער, וועט איר זען, אַז די נשמה הערט זיך טיף צו נאָר צו אים און נאָר אַדאַנק אים רעדט מען טאַקע מיט איר". דער ווערט פון פּאָעטישן ווערק איז באַשטימט דווקא דורך דער העלקייט פון דער דאָזיקער צווייטער אינערלעכער דראַמע, דורך די מעלות און דורך דער מאָס פון דעם דאָזיקן דיאַלאָג, וואָס אים איז ניט אָפּצושאַצן. ער גיט די גרעסטע שיינקייט דער טראַגעדיע. ער אַנטשפּרעכט דעם אמת, אַ סך אַ טיפערן און ניט צו פאַרגלייכן נענטערן צו דער ניט-זעבאַרער נשמה, וועלכע איז בעצם דער מהות פון דער פּאָעמע. „מען קאָן אפילו זאָגן, אַז די פּאָעמע דערנענטערט זיך צו דער שיינקייט און דעם העכערן אמת אויף אַזויפיל, אויף וויפל אין איר ווערן אויסגעמיטן ווערטער, וואָס דריקן אויס מעשים, און אָנשטאָט זיי קומען ווערטער, וועלכע דריקן אויס ניט דאָס, וואָס מען רופט געוויינלעך נשמה-צושטאַנדן, נאָר עפּעס ניט שפּירבאַרע און אומאויפהערלעכע שטרעבונגען פון דער נשמה צו שיינקייט און אמת". יעדן איז אין טאָגטעגלעכן לעבן אויסגעקומען מיט ווערטער צו לייזן זייער אַ שווערע לאַגע. אָבער צי איז אין דעם דאָזיקן מאָמענט דאָס עיקרסטע ווירקלעך דאָס, וואָס דער מענטש רעדט און וואָס מען ענטפערט אים. ווערטער האָבן אָפּט אַ באַדייטונג פון דער צווייטער מדרגה. אָבער אַנדערע קרעפטן און אַנדערע ווערטער, וועלכע מען הערט ניט, טרעטן אַרויס און באַשטימען די געשעענישן. אין דער דאָזיקער לערע וועגן דעם „אומהערבאַרן דיאַלאָג", וועגן דער קראַפטלאָזיקייט פון ווערטער און פשוטע, קלאָרע באַגריפן, וועגן דעם, אַז עס עקסיסטירט אַן אַנדער שפּראַך פון אומ־מיטלבאַרן פאַרקער, איז באַהאַלטן דער קוואַל פון די נעפּלהאַפטע אויסדרוקן פון דער הייִנטיקער פּאָעזיע, פון יענע אומדערוואַרטע ווערטער, קאָמבינאַציעס, פעלפּונקטן, ניט דערזאָגטע פראַזן און אויסגעשרייען, וועלכע האָבן געגעבן דעם אויסרייד צו באַשולדיקן די דעקאַדענטן אין קרימען זיך, אין דער

בטיה צו פּאָזע און רעטענישקייט. ווי אין פיל אַנדערע פאַלן האָט מעטערלינק געגעבן אַ פילאָסאָפישן גרונט און אַ טיפן אויסדרוק דעם כאַראַקטעריסטישן שטראָם פון דער הייִנטיקער פּאָעזיע. און אויב דער דאָזיקער שטראָם האָט אַרויסגערופן פּאַלסיפיקאַטאָרס און אַרלעקינס, שטערט עס אים ניט האַרמאָניש צונויפצוגיסן זיך מיט דער אַלגעמיינער ריכטונג פון דער נייער פּאָעזיע, זיין דער כאַראַקטעריסטישער צייכן פון אַ באַשטימטער ווענדונג פון דער הייִנטיקער פסיכיק, וואָס אין איר גרונט ליגט די שטרעבונג פון די איבערגעזעטיקטע גרופּעס פון דער געזעלשאַפט צו זייער אינערלעכער וועלט און זייער עקל צו די פלאַכע אייבאַרטיקע פאָרמען פון הייִנטיקן לעבן און הייִנטיקן ריידן.

פון דער לערע וועגן צוויי וועלטן, וועגן נשמה און שכל, שטאַמט אויך מעטערלינקס מאָראַלע לערע. די צוויי לעבנס זייַנען שוין אַ תנאי פאַר דער עקסיסטענץ פון צוויי מאָראַלן. איינע, די מיסטישע מאָראַל, הערשט אין דעם לעבן פון דער העכערער וועלט און אין דעם לעבן פון די נשמות. די צווייטע, די ערדישע מאָראַל, עקסיסטירט פאַר דער אָפּשאַצונג פון די מענטשלעכע מעשים און ווערטער. דאָרט אין דער העכערער וועלט זייַנען פאַראַן אייגענע קריטעריומס און ווערטן. אַ מענטש קאָן זיין דער גרעסטער פאַרברעכער דאָ אויף דער ערד, אָפּטאָן די מיאוסטע מעשים, אָבער די דאָזיקע מעשים קאָנען זיין נשמה אַמאָל ניט אָנרירן, און זי בלייבט מאָראַליש שיין און ריין. די נשמה איז אַפילו ניט חושד וועגן דעם, אַז ערגעץ דאָ, אויף אונזער וועלט האָט דער מענטש געטאָן פאַרברעכנס. „זיי זייַנען אָפּגעטאָן געוואָרן טויזנטער וויאָרסטן ווייט פון איר טראָן... זי האָט זיך אין גאָרניִשט ניט געמישט, זי האָט געלעבט מיט איר לעבן געבן דער שיַין, און נאָר וועגן דאָזיקן לעבן געדענקט זי. אין וועלכע געוויינלעכע זינד און פאַרברעכנס האָט זי געקאָנט זיין שולדיק? זי האָט געפעלשט, גענאַרט, געלייגט? געלאָזט ליידן, וויינען? וואו איז זי געווען, ווען עמעצער האָט איבערגעגעבן אַ ברודער צו שונאים? זי האָט אפשר געיאָמערט, ווייט פון אים, און זינט דער דאָזיקער מינוט איז זי געוואָרן טיפער און שענער? זי וועט זיך ניט שעמען דערפאַר, וואָס זי האָט ניט געטאָן", זי קאָן בלייבן ריין ביי אַ שרעקלעכער רציחה. אָפּט פאַרוואַנדלט זי אין אינערלעכער שיין דאָס גאַנצע שלעכטס, ביי וועלכן זי האָט געמוזט בייַזיין. מעטערלינקס לערע וועגן מאָראַל — דאָס איז די אידעאַלישע אָפּשפּיגלונג פון די מאָראַלישע פאָרשטעלונגען, וועלכע זייַנען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דעם פירוד, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דעם באַוואוסטזיין פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. די געזעל-

שאַפט נודעט זיך אין די קלעמען פון דער בירגערלעכער מאָראַל. אירע פאָדע־רונגען זיינען שוין לאַנג באַגרענעצט מיט דעם איינפאַכן קאָדעקס פון די חובות צו דער משפּחה און צו דער געזעלשאַפט, וועלכער פאַלט ניט צוזאַמען מיט דער נייער מאָראַל, וועלכע אַנטשטייט אויף דעם גרונט פון די נייע סאָציאַלע באַציִונגען, וואָס שלאָגן זיך איצט דורך אַ וועג. די בורזשואַזע מאָראַל פאָדערט משפּחה־טוגנד, און די וועלט פון די בורזשואַזע באַציִונגען שטעלט פאַר אַזעלכע לעבנסבאַדינ־גונגען, ביי וועלכע די ערטער פון קונסט און אויסגעלאַסנקייט, די רעסטאָ־ראַנען, קלובן און טעאַטערס זיינען אַ מקום מקלט פאַר דעם איבערגעזעטיקטן מענטשן, וואוהין ער אַנטלויפט פון דער פיינלעכער איינאַרטיקייט פון דעם משפּחה־קיום. די בורזשואַזע וועלט פון דער העכערער געזעלשאַפטלעכער טוגנד שטעלט אַרויס אָפּפערונג און דינסט לטובת דער געזעלשאַפט. פאַר אַ העלד האַלט מען דעם, וואָס האָט געטאָן דער געזעלשאַפט אַ גרעסערע צאָל טובות. אָבער אין דער נשמה פון דעם ערגייציקן איז שוין דאָס דאָזיקע דינען לאַנג דער הערשנדער שטריך. ער דינט זיינע מיטבירגער, כּדי ער זאָל איבער זיי האָבן די מאַכט. ער הערט די התפּעלות און די שבחים פון המון, אָבער ער קען שוין לאַנג ניט באַרוישט זיין פון דעם באַוואוסטזיין, אַז די מענטשן איז בעסער געוואָרן אַדאַנק אים. ער האָט נחת פון זיין רום, און דער המון—איז פאַר אים נאָר אַ פּיעדעסטאַל, אויף וועלכן ער ווערט באַרוישט פון זיך אַליין. די סאַמע הייליקע ווערטער, וואָס די בורזשואַזיע האָט געזאָגט, דער בירגערלעכער חוב, דער יסוד פון משפּחה, ליבע און יושר זיינען געוואָרן לאַנג־ווייליקע טראַפאַרעטן אין די אויגן פון די אינדיווידואַליסטן. דאָס סאַמע פאַר־פיינערטע לעבן זיינס גייט אַ דורך אויסערהאַלב די דאָזיקע „פאַראורטיילן". די סאַמע פאַרפיינערטע און טיפע שטימונגען האָט ער זיך אויסגעלערנט איבער־צולעבן ווייט פון די ניוועלירנדיקע כּללים פון דעם באַלעבאַטישן לעבן. ניט די ניכטערקייט, נאָר די פאַרשיכּורטקייט גיט אים די געהויבענע שטימונג. ניט די אידעע צון דעם המונס גליק, נאָר דער באַוואוסטזיין פון זיין מאַכט איבערן המון, ניט די משפּחה, נאָר דאָס פריי זיין פון דער משפּחה—איז די סטיכיע פון זיין אינערלעכן לעבן. די מאָראַל פון דער אויסערלעכער וועלט און דאָס לעבן פון זיין נשמה—זיינען צוויי גרויסן, וואָס מען קען אויף איין מאָס ניט מעסטן. פונדאַנען שטאַמט די שנאה און די פאַראַכטונג מצד די דעקאַדענטן צו די מאָראַלישע פאָדערונגען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. פונדאַנען שטאַמען נייע מאָראַלישע קריטעריומס: דער ווערט פון מענטשלעכע מעשים ווערט באַ־שטימט ניט דורך זייער באַציִונג צו דער אויסערלעכער וועלט, נאָר דורך די

מעלות און דער קראַפט פון די שטימונגען, וואָס זייער נשמה לעבט איבער. אויסגעלאַסנקייט, שיכּרות, קנאה און כּעס—דאָס קאָן אַלץ פאָרקומען ווי אַ העכערער צושטאַנד פון מענטשן, אויב זיין נשמה פילט די גאַנצע נאָענטקייט צום הימל, לעבט מיט אַ באַזונדערן אינטענסיוון לעבן. פאַר דער היינטיקער געזעלשאַפט מיט אירע קראַנקע מידות איז מעטערלינקס מאָראַל געווען אַן אמתע אַנטפּלעקונג און אַ נחמה. זי איז געקומען אַלס באַרעכטיקונג פאַר זיין קרענקלעכן דאָרשט נאָך באַרוישונג. זי האָט אים געזאָגט, אַז אין זיין ווילנלאָזיקייט, אין דעם פולקומען חורבן פון זיינע מאָראַלישע טראַדיציעס, אין דער וואַקלדיקייט פון זיין מאָראַלישן גלויבן איז פאַרבאָרגן אַ העכערע מאָראַל. זי האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער קאָן זיך ניט פייניקן מיט פיינען פון געוויסן אינמיטן דעם דאָזיקן משוגענעם קאַנקאַן פון היינטיקן לעבן, אין דער אַטמאָספער פון זינלאָזן יאָגן זיך נאָך תּענוגים, אין דעם אָקעאַן פון צעלאָזנקייט און עגאָיזם. מעטערלינקס לערע האָט אַלס נחמה דער באַנקראָטירנדיקער געזעלשאַפט געוואָרפן דעם געדאַנק וועגן אַ צווייטן לעבן, צו וועלכן די שמוץ פון דער ערד רירט זיך ניט אָן. די דאָזיקע פילאָסאָפיע האָט אים געזאָגט, אַז אין דער צעלאָזנקייט זעלבסט קאָן דער היינטיקער מענטש בלייבן ריין און שיין, און זיין קיום קאָן זיין באַצייכנט מיט דעם שטעמפּל פון העכערער ניט־ערדישער שיינקייט. אין די צייטן פון קראַפטלאָזיקייט קעגן די געזעצן פון לעבן קאָן די געזעלשאַפט זיך ניט ביט־פאַרשטעלן יענע וועלט אַלס קאָרעקטיוו צו די נעגאַטיווע זייטן פון זיין קיום. די געטער האָבן אַלע מאָל און אומעטום געמוזט זיין אַ טרייסט פאַרן מענטשן אין זיין קראַפטלאָזן קאַמף מיט זיינע באַדערפענישן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון די לעבנסבאַדינגונגען פון זיין צייט. נאָך מעטערלינקס פילאָסאָפיע האָבן די פאַלקס געקאָנט זין רויק. זייער צעלאָזנקייט איז געווען אַן אַרויסווייז פון העכערער שיינקייט. פאַרפירנדיק יונגע מיידלעך, גייענדיק פאַרלאָרן אין קעסלגרוב פון אויסגעלאַסנקייט, האָבן זיי געקאָנט ריידן וועגן דעם, אַז דאָס גרויסע Agens האָט אין זיי אָנגעצויגן באַזונדערע פּרושינעס, זיי האָבן געקענט האַלטן דעם הימל פאַר זייער פאַרבינדעטן און אין קרענקלעכן עקסטאַז, געבוירן פון זייערע קראַנקע נערוון, איבערלעבן אין זייער פאַנטאַזיע אַ רייך מיט בלענדנדע פאַרבן גלענצנד לעבן, וואָס איז ניט געווען אין דער ווירקלעכקייט, אין די מאָנאָטאָנע פאָרמען פון זייער אינהאַלטסלאָזן קיום. צוויי לעבנס, צוויי וועלטן — די דאָזיקע אידעע האָט שטענדיק אָנגעפילט דעם מענטשנס הארצן מיט טרייסטנדיקן באַוואוסטזיין אין די איבערגאַנגס־צייטן, ווען ער האָט געפילט, אַז דאָס

לעבן, זיינע געזעצן און קרעפטן גליטשן זיך אַרויס פון זיין מאַכט. די בורזשואַזע געזעלשאַפט לעבט איבער אַן ענלעכן קריזיס. זי איז ניט בכוח צו געבן זיך קיין עצה מיט די גייסטער, וועלכע זי האָט אַליין אַרויסגערופן פון דער ערד, ניט בכוח קיין עצה צו געבן זיך מיט די קריזיסן פון יענעם אינדוסטריעלן לעבן, וואָס זי האָט אַליין באַשאַפן. זי איז ניט בכוח צו גיין נאָך יענע, וועלכע עס שטרעבן צו אָרגאַניזירן דאָס לעבן אויף נייע יסודות, צוריקצושטעלן די האַרמאָניע צווישן די באַדערפעגישן אין די געשמאַקן פון דעם מענטשן — פון איין זייט, מיט דעם גאַנג פון דעם לעבן — פון דער צווייטער זייט. די בורזשואַזע וועלט וואַקלט זיך, און די מעטערלינקישע פילאָסאָפיע איז אַן אָפּשפּיגלונג פון די אומרויִקייטן און די ספקות פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וועלכע לעבט איבער איר קריזיס, שטרעבט פון ס'ניי אויפצושטעלן די צעשטערטע האַרמאָניע דורך מיסטישע נחמות. מעטערלינקס לערע וועגן מאָראַל מוז זיין אויפגעכאַפּט דורך אַלע, ווער עס האָט נייטיק צו פאַרשטאָפּן די אַלץ ברייטער ווערנדיקע שפּאַרעס פון דער הייַנטיקער לעבנסאָרדענונג. נאָר אין אונזער צייט, ווען עס ווערן חרוב די אַלטע ווערטן און עס פלאָנטערן זיך די באַגריפן, האָט געקאָנט געבוירן ווערן אַ פילאָסאָפיע, וועלכע זאָגט: „אַ מענטש מאָג באַגיין די נידעריקסטע פאַרברעכנס, און דער גרעסטער פאַרברעכן וועט אפילו אויף אַ רגע ניט קאַליע מאַכן דעם אַראָמאַט פון דער פרישקייט און די גייסטיקע ריינקייט, וואָס רינגלט אים אַרום". די דערנעענטערונג פון אַ מאַרטירער און פון אַ הכם קאָן לאָזן אַראָפּזינקען די נשמה אין דעם שרעקלעכן חושך. דער העלד אָדער דער הייליקער קאָן זיך אויסוויילן אַ פריינד צווישן מענטשן, וואָס אויף זייערע פּנימער איז לייכט איבערצולייענען די רגילות צו די נידעריקסטע רעיונות, — און ער וועט זיך ניט פילן „אין ברידערלעכער, אָדער מענטשלעכער אַטמאָספערע, לעבן אַנדערע, וואָס ביי זיי שיינען אויף די שטערנס די העכסטע און די הויכמוטיקסטע אידעען". וואָס באַטייט עס און וואָס פאַר ביִס ברענגען אַריין די דאָזיקע ערשיינונגען? „עס עקסיסטירן טיפערע געזעצן, איידער די וועלכע פירן אָן מיט די מעשים און מיט די רעיונות!...‏ — שרייט מעטערלינק אויס. און די גאַנצע לערע זיינע וועגן מאָראַל, ווי די גאַנצע פילאָסאָפיע זיינע, איז בעצם נאָר דער פּאַראַגראַף פון דער נויטווענדיקייט פון נייע געזעצן, דער באַוואוסטזיין, אַז עס טויגן ניט יענע, וועלכע „פירן אָן מיט אונזערע מעשים און רעיונות". די גאַנצע פילאָסאָפיע זיינע איז אַ רעזולטאַט פון דעם באַוואוסטזיין, אַז עס זיינען נייטיק נייע ווערטן, און היות ווי דער עתיד

פון די צוקינפטיקע ווערטן איז באַשטימט נאָך מיט דעם נצחון פון דער נייער וועלט פון באַציִונגען, וואָס קומט צו פאַרבייטן די בורזשואַזע וועלט. דעריבער ווענדן זיך די אידעאָלאָגן פון דער זיך גודענדיקער בורזשואַזיע, ווי עס הייבט זיך אָן איר ירידה, צום דעם אויספּרובירטן מיטל, צו דער דואַליסטישער פילאָ-סאָפיע, וועלכע גיט די מעגלעכקייט צו מאָלן וועלכע איר ווילט אוואָרן אויף די אומזעבאַרע הויכענישן פון יענער וועלט.

דאָרט טאַקע, אויף די דאָזיקע הויכענישן האָט מעטערלינק געפונען דעם פּירוש דערויף, פאַרוואָס האָט אַזאַ אייגנאַרטיקע ראָליע סיי אין דעם לעבן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, סיי אין דער נייער פּאָעזיע, גענומען שפּילן די פרוי און דער ליבעגעפיל. צווישן די נאַרקאָטישע מיטלען, דורך וועלכע די איבערגעזעטיקטע מענטשן פון אונזער צייט, אומצופרידענע מיטן וואָכע-דיקן לעבן, רופן אין זייער נשמה אַרויס אַן אַנדערע, פון דמיון גענומענע, וועלט, — האָבן די געשלעכטס-באַציִונגען פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. די בורזשואַזע געזעלשאַפט האָט אין זיי אַריינגעטראָגן אַזוי פיל רייכע פאַנטאַזיע, אַזוי פיל קרענקלעכן עקסטאַז, אַז דער פילאָסאָף, וועלכער זוכט אין די אומ-דערזעטלעכע באַדערפענישן פון די היינטיקע ליבלינגס פון דעם גורל עלע-מענטן, וועלכע בילדן די וועלט-נשמה, קאָן ניט ניט-איינזען אין דער פרוי און אין די שטרעבונגען, וועלכע די נאָענטקייט מיט איר רופט אַרויס, די מיסטישע השפעה פון די העכערע קרעפטן. מעטערלינק וואָלט זיך ניט גע-טריי געבליבן, ער וואָלט ניט געווען דער אידעאָלאָג פון דער געזעלשאַפטלע-כער גרופּע, וואָס איז די טאָנגעבערין אין היינטיקע צייטן און אין היינטיקער קונסט, אויב ער וואָלט, זוכנדיק די אָפּשפּיגלונגען פון דער העכערער וועלט דאָ אויף דער ערד, ניט אָפּגעשטעלט דעם בליק אויף דער פרוי. לייענט דורך דעם קאַפּיטל „וועגן פרויען", וועט איר זען, אַז דאָס איז פונקט אַזאַ שיינע און טיפע אידעאַליזאַציע פון די היינטיקע געשלעכטס-באַציִונגען, ווי די „מיסטי-שע מאָראַל" איז די אידעאַלישע באַגרינדונג פון דער צעלאָזנקייט אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. מעטערלינק באַשאַפט אַ פאַנטאַסטיש בילד פון אַן „אַלגעמיינעם פאַטערלאַנד", וואו מיר „ווילן אויס אונזערע געליבטע". אויב שוין „צוויי וועלטן" און „צוויי לעבנס", סאָ לאָזט אונז פון דעם העכערן לעבן און פון דער העכערער וועלט אַרויסרופן אַלץ, וואָס גיט אונז באַזונדער ברע-נענדיקע שפּירונגען און וואָס מיר קאָנען ניט דערקלערן דורך ערדישע באַ-ציִונגען. „די קיניגרייך פון ליבע — דאָס איז פריער פאַר אַלץ אַ גרויסע קי-ניגרייך פון זיכערהייטן, מחמת דאָ האָבן די נשמות מער פרייע צייט איידער

ערגעץ־וואו אַנדערש. דאָ דערקענען זיי ווירקלעך איינע די אַנדערע, קומען אין טיפער אַנטציקונג און פרעגן אויס מיט טרערן אין די אויגן, גלייך ווי צוויי יונגע שוועסטער, וועלכע האָבן זיך פון ס'נײַ באַגעגנט; און דערווייל באַגעגענען זיך זייערע הענט און זייערע ליפּן אַזוי ווייט פון זיי... לסוף ערשט קאָנען זיי שמייכלען און דורכלעבן פאַר זיך אַליין כאָטש איין אויגנבליק, אַ פרייען פון דער לאַסט פונם טאָגטעגלעכן לעבן. און אפשר פון די הויכענישן פון דעם דאָזיקן שמייכל, און פון די דאָזיקע אומאויסדערציילבאַרע בליקן פאַלט אַפילו אין די סאַמע געוויינלעכע מינוטן פון יבע אַ גייהיימענישפולער זאַלץ, וואָס פאַרצייכנט אויף אייביק דעם זכר וועגן דער באַגעגעניש פון צוויי מיילער"... דערבײַ מעלדעט מעטערלינק, אַז ער מיינט די ליבע, די „פאַראויסבאַשטימטע און די אמתע" און יענע געליבטע, וועלכע „דער גורל האָט אונז באַשערט". קעמפן קעגן גורל און קעגן די אייביקע קרעפטן איז נוצלאָז. ס'טרעפט, אַז דער מענטש שטרעבט „אין שגעון" צו יענער, וועלכע איז אַראָפּגעשיקט ניט פאַר אונז. „ס'וועט גאָרנישט ניט אַרויסקומען; די אומזינדיקע קראַפט פון די הויכענישן וועט ניט וועלן אַראָפּנידערן, און די דאָזיקע נוצלאָזע קושן און שעהן וועלן ניט צוגערעכנט ווערן צו די אמתע שעהן און קושן פון אונזער לעבן". סאַר אַ רייכע אילוזאָרישע עקסיסטענץ עס ווערט אַנטפּלעקט דורך די דאָזיקע ווערטער פאַר יענע, ווער עס האָט ניט קיין רעאַלע עקסיסטענץ, קאָן ניט פאַרשטיין איר זין און אירע געזעצן. פאַר דעם איבערגעזעטיקטן טייל פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וועלכע פאַרברענגט איר צייט אין תענוגים, צוטריטלעכע פאַר די זשווירנדיקע עשירים, האָט די דאָזיקע ליבע־פילאָסאָפיע ערשיינט ווי אַן אַנטפּלעקונג. זי האָט געגעבן זינען און אינהאַלט זייער ליבע־שפּיל, האָט פאַר זיי אַוועקגעשטעלט אַן אויפגאַבע, וואָס קאָן אָנפילן דאָס לעבן, דהיינו אָפּזוכן די אמתע אויסדערוויילטע. די פרוי האָט אויפגעהערט צו זיין פשוט איינער פון די אויפרודערנדיקע נאַרקאָטישע מיטלען. געגליכן צו דער מיטלאַלטערלעכער „דאַמע", רינגלט מען זי אַרום מיט אַ מיסטישן אָרעאָל. „די פרוי איז מער פאַר אונז אונטערגעוואָרפן דעם גורל; זי איז אים מיט אַ סך מער פשטות אונטערטעניק. זי קעמפט קיינמאָל ניט אויפריכטיק קעגן אים. זי איז נאָך נעענטער צו גאָט און זי גיט זיך מיט גרעסערער הכנעה איבער אין דער מאַכט פון דעם אומזינדיקן סוד. און, וואַרשיינלעך, דעריבער ברענגען אונז אַלע געשעענישן פון אונזער לעבן, אין וועלכע זי נעמט אָנטייל, כמעט צו די זעלבע קוואַלן, פונוואַנען דער גורל הייבט אָן צו פליסן. אַמאָל, פאַרבײַגייענדיק שפּירט מען

לעבן זיי באַזונדער „דעם הייכן פּאַרגעפּיל" פון לעבן, וואָס איז מיט קיין זאַך ניט ענלעך אויפן אויסערלעכן לעבן. זי ברענגט אונז צו דער שוועל פון אונזער וועזן. ווער ווייס, צי ניט אין די זעלבע טיפע מינוטן, ווען זיי זיינען געשלאָפן אויף איר ברוסט, האָבן די העלדן דערקענט זייער קראַפט און די אומענדערלעכקייט פון זייער גורל. און צי דען קאָן דער מענטש, וואָס איז קיינמאָל ניט געשלאָפן לעבן האַרצן פון אַ פרוי, פאַרפילן די צוקונפט? די פרוי גיט „דעם פּאַרגעפיל פון אַ לעבן, וואָס איז אין קיין פאַל ניט ענלעך אויף דעם אויסערלעכן לעבן". אין די דאָזיקע ווערטער ליגט באַהאַלטן דער וויכטיקסטער פּונקט פון מעטערלינקס וועלטאָנשויונג. ער שעצט אַלץ, וואָס ערלויבט צו געפינען דאָס יענוועלטיקע אין טאָג־טעגלעכן, אַלץ וואָס רופט זיך אָפּ אויף דעם אומקלאָרן שטרעבן צו אַן אַנדער לעבן.

ווען עס וואָלט אויף אַ רגע געקאָנט זיין אַ ספק אין דעם, וועמעס האַרץ און שכל רעדט מעטערלינקס פילאָסאָפיע אַממערסטן, וואָלטן עטלעכע שורות פון אַ צווייטן ווערק זיינעם „די חכמה און דער גורל" יעדן ספק באַזייטיקט. ער שטעלט זיך אויף אַ רגע אָפּ אויף דער קראַנקער סאָציאַלער פּראַגע פון אונזער צייט. „אין אונזער צייט איז די אָרעמקייט — די קראַנקהייט פון דער מענטשהייט, ווי די קראַנקהייט – די אָרעמקייט פון דער מענטשהייט. מעטערלינק ווייס, אַז פיל קרעפטן און טאַלאַנטן זיינען אָנגעווענדט אויפן קאַמף קעגן דער דאָזיקער שרעקלעכער סאָציאַלער מחלה. ער זעט פאָראויס דעם פּראָטעסט, וואָס זיין פילאָסאָפיע וועט אַרויסרופן. ער ווייס, אַז מ'וועט אים ראַטן צוערשט צואיילן זיך מיט דעם, „וואָס לאָזט זיך מער פאַר אַלץ ניט אָפּלייגן". אָבער דאָס נעמט ניט אָפּ דעם מוט ביי דעם באַגייסטערער פון דער סימבאָלישער פּאָעזיע. די אָרעמקייט איז אַ חולאת, און קעגן חולאתן זיינען דאָ רופאים, זאָגט ער. צי דען דאַרף מען ניט אַכטונג געבן אויף דעם געזונטן נאָר דערפאַר, וואָס די קראַנקהייט האָט צום אומגליק פאַרגיפט אַלעמען? דער לערער פון אַנאַטאָמיע טאָר ניט אָנווייזן בלויז אויף די חסרונות, מיט וועלכע די אַלגעמיינע אַנטאַרטונג האָט געשטעמפּלט דעם מענטשלעכן קערפּער. דער אויסגאַנגספּונקט פאַרן אַנאַטאָם דאַרף זיין דער געזונטער און גוט געבויטער קערפּער. אַזוי אויך דער מאָראַליסט, „וועלכער שטרעבט צו שטעלן זיך העכער פאַר זיין צייט, מוז ער אַרויס פון דער נשמה, וועלכע איז גליקלעך, אָדער וועלכע האָט אַלע געגעבענע פאַר גליק, מער ניט עס פעלט איר באַוואוסטזיניקייט. מיר לעבן אין דעם שויס פון גרויסער אומגערעכטיקייט, אָבער איך מיין, אַז ניט אכזריות ניט גלייכ־

גילטיקייט איז ניטאָ אין דעם, וואָס מיר וועלן אַ מאָל ריידן, פאַרגעסנדיק די דאָזיקע אומגערעכטיקייט, אַז אויב ניט, וועלן מיר זיך קיינמאָל ניט אַרויסרייסן פון איר קרייז. מען דאַרף, אַז כאָטש ווייניקע פון אונז זאָלן זיך ערלויבן ריידן, טראַכטן און טאָן אַזוי, גלייך ווי אַלע אַרום אונז זיינען גליקלעך". ס'איז וואונדערלעך, ווי אַפילו דער אַממערסטן מיסטיש געשטימטער פון די דענקער איז ניט בכוח פריער אָדער שפּעטער ניט אַרויסצווייזן דעם קלאַסן־אונטערשלאַק פון זיין לערע. ווי הויך איבער דער ערד עס שטייט, דאַכט זיך, מעטערלינקס העכערע וועלט און דעם מענטשנס נשמה, אָבער ווען דער פּאָעט וויל דער דאָזיקער וועלט און דער דאָזיקער נשמה געבן כאָטש עפּעס קאָנקרעטע ליניעס, האָבן זיך אין די דאָזיקע העלגעוואָרענע קאָנטורן אַ ווייז געטאָן באַקענטע שטריכן. און מעטערלינק איז אויך ניט אימשטאַנד געווען אַריבערצושפּרינגען אויף יענער זייט גרענעץ פון זיין עפּאָכע, אויף יענער זייט גרענעץ פון די געשמאַקן און געפילן, וועלכע קיניגן אין דער הערשנדיקער גרופּע פון אונזער צייט. קיין פּאָעט קאָן זיך ניט מאָלן קיין אַבסאָלוטע שיינקייט און קראַפט אַנדערש, סיידן לויט דעם טיפּ פון יענער שיינקייט און קראַפט, וועלכער ער זעט מיט זיינע אויגן. נאָר די, וואָס זיינען געבוירן אין אַ העמדעלע, „די גליקלעכע נשמות" דינען אַלס אויסגאַנגס־פּונקט פאַר דעם מאָראַליסט. די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט דאַרף פאַרגעסן ווערן, וויבאַלד מיר ווילן שטרעבן צו העכערע צילן. „אייניקע אונזערע" דאַרפן זיך ערלויבן צו ריידן און צו טאָן, פּונקט ווי אַלע וואָלטן זיין גליקלעך. גיט אַ זוך הינטער די דאָזיקע שיינע פּאַראַדאָקסן זייער מאַטעריעלן יסוד, וועט איר פאַר זיך דערזען ניט דעם זינגער פון געטלעכער שיינקייט, נאָר דעם אַפּאָלאָגעט פון די אינטערעסן פון דעם הייפל גליקלעכע, וועלכע באַקומען אַלע זייערע תענוגים, די גאַנצע ליידיקע צייט זייערע און זייער רעכט אויף פיינע געפילן און שטימונגען פון דער שווערער פּראַצע פון דער מענטשהייט. זיי אַליין קאָנען זיך פאַרגעסן „אין דעם כישוף פון שיינע אויסדוכטונגען", און די דאָזיקע פליטערגאָלד־אַרבעט פון די זאַטע און ליידיקגייענדיקע מענטשן — דאָס איז די איינציקע ערבות פון דער מענטשהייטס קינפטיקן גליק, די פאַרברייטונג פון יענע פונדאַמענטן פון שיינקייט און אמת, אויף וועלכע עס וועט געבויט ווערן די קינפטיקע גאָטסקיניגרייך אויף דער ערד. אויב עס וועט ניט זיין די דאָזיקע פליטערגאָלד־אַרבעט, טאָ „וואָס פאַר אַן אמת, פאַר אַ גליק, ליבע און שיינקייט וועלן אַלע איבעריקע געפינען אין דעם

טאָג, ווען דער גורל וועט פאַר זיי עפענען די געזעלשאַפטלעכע גערטנער פון דעם צוגעזאָגטן לאַנד". בכן, איז דאָס דאָזיקע הייפל אויסדערוויילטע, די דאָזיקע עגאָיסטן, וואָס זייער זעלבסטצופרידענער קיום „אין דעם שויס פון דער גרויסער אומגערעכטיקייט איז כּלל ניט קיין גלייכגילטיקייט אָדער אַכזריות",— ס'דאָזיקע הייפל האָט ניט פשוט הנאה פון לעבן, נאָר ס'גרייט דאָס אמתע לעבן פאַר דער מענטשהייט, וועלכע בויגט דעם רוקן, כּדי צו געבן די מעגלעכקייט די עטלעכע פאַוואָריטן פון גורל צו פאַרזינקען זיך אין די קונסטן און וויסנשאַפטן. פון דעם הימלשן געוואַנט, אין וועלכן מעטערלינק האָט זיך אַנגעקליידט, זעט זיך קלאָר אַרויס דער ערדישער אידעאָלאָג פון דעם עגאָיסטישן איבערגעזעטיקטן טייל בורזשואַזיע, וועלכע, פאַרשיכּורט פון איר מאַכט און קאַפּיטאַלן, ווייל אום יעדן פּרייז ווערן אַ גאָטהייט, אַנטדעקן אַ העכערן זינען אין איר פּאַראַזיטישן קיום. „אמת,—באַמערקט מעטערלינק,—מען וואָלט דערויף געקאָנט ענטפערן, אַז בעסער וואָלט געווען פריער צוטיילן מיט דעם „וואָס לאָזט זיך אַממערסטן ניט אָפּלייגן", אָבער צוטיילן זיך הייסט נאָך ניט באַגיין זיך מיט חכמה. אָפטמאָל איז פיל וויכטיקער צו שטרעבן „אין דער הייך". — און מעטערלינק באַנוצט זיך מיט אַ משונהדיקער אַנאַלאָגיע, כּדי צו דערווייזן דעם דאָזיקן געדאַנק: „ווען אַ וואַסער וועט זיך אַריינרייסן אין דער הויז פון האָלענדישן פּויער, בשעת דעם ים אָדער דער שכנותדיקער טייך האָט דורכגעריסן די דאַמבע וואָס באַשיצט דעם דאָרף, — וועט פאַר אים דאָס ערשטע זיין רעטן די שטובֿ־חיות, דאָס עסנוואַרג און די כּלים, אָבער דאָס קליגסטע וועט זיין גיין קעמפן קעגן די כוואַליעס אויף דער שפּיץ פון דער דאַמבע, צונויפגעפונדיק אויף הילף די אַלע, וואָס האָבן דאָס לעבן אָנגעטרויט דעם דאָזיקן זאַמדיקן באָדן". ס'איז ניט שווער צו דערקענען די פאַלשקייט פון דערדאָזיקער פאַרגלייכונג. פאַר דעם האָלענדישן פּויער האָט אַ זינען צו גיין אויף דער שפּיץ דאַמבע, מחמת דאָ האַנדלט זיך ווען אַן אַלגעמיינעם פאַר אַלעמען ענין. אָבער פאַר דער הייַנטיקער מענטשהייט האָט קיין זינען ניט צו ציען זיך צו יענער הייך", וואו עס לעבן אין נחת „די גליקלעכע נשמות", וואָרעם איר וועט גאָרנישט ניט אָנקומען פון דעם דאָזיקן נחת.

---

## VIII

די אימה פאר דער וועלט און פארן לעבן.—דער גרונט פון מעטערלינקס פיעסעס.—דער טויט ביי מעטערלינקן. — „טענטאזשעלס טויט".—די רעאלע און זעבארע וועלט, די ניטפולקומענהייט פון דעם עמפּירישן מעטאָד פון ערקענונג און די ריכטיקייט פון דעם איבערעמפּירישן.—„דער אומגעבעטענער".—„די בלינדע" אלס פארקערפּערונג פון דעם מענטשנס אומוויסן און בלינדקייט.—«Intérieur»—דער סימבאָל פון דער אכזריות מצד די קרעפטן, וואָס הערשן ארום אונז.—אנדערע פּיעסן.—מעטערלינקס באַציִונג צו סאָציאַלע פּראָגן.—„דער געהיימער היכל"—שלוס.

„דער אוצר פון ענוים" דאָס איז דער אויסדרוק פון דער נייער פאָרם פון דואַליסטישער וועלטאָנשויונג, וועלכע איז געקומען אַלס ענטפער אויף די בענקענדיקע שטרעבונגען פון דער היינטיקער געזעלשאַפט צו אַן אַנדער לעבן. די יענע וועלט איז ווידער געקומען צו הילף דער געזעלשאַפט אין דער איבערגאַנגס-צייט, ווען זי, די געזעלשאַפט, האָט אַרויסגעלאָזן פון דער האַנט די פּרווּשינעס פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. מעטערלינק איז דער גרעסטער פּאָעט פון דער דאָזיקער בענקשאַפט נאָך אַ העכערן לעבן. ער איז דער משורר פון יענע פיינע שטרעמונגען, פון יענער אומרויִקער וואַכזאַמקייט, וועלכע לאָזן דעם היינטיקן מענטשן אָן וועדטער, אָן הילף פון באַוואוסטזיין און אַנאַליז באַשאַפן פאַר זיך אַ וועלט פון גלויבווערדיקייטן, אַריינטרעטן אין אומ-מיטלבאַרן פאַרקער מיט דער אַרומיקער וועלט און מיט מענטשן.

אָבער מעטערלינק האָט אונז אומגעקערט ניט נאָר צו דעם שטרעבן אין דער רוחניותדיקער וועלט, צו די העכערע כוחות, וואָס הערשן איבער אונז. אים האָט זיך געוואָלט אויפהייבן דעם פאָרהאַנג, וועלכער פאַרבאָרגט די יענוועלטיקע סודות, אַריינדרינגען אין דער טבע פון די דאָזיקע העכערע כוחות. און די פאָרם, אין וועלכער עס שטעלט זיך אים פאָר די באַציִונג פון דעם פאַטום צו דעם מענטשן, איז אויך פונקט אַזאַ אָפּשפּיגלונג פון דער אומרויִקער פּסיכיק פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, ווי דאָס שטרעבן גופא צום אומערדישן. אויב „דער אוצר פון ענוים" שטעלט פאָר די פילאָסאָפישע באַגרינדונג פון דער אידעע וועגן אַן אַנדער וועלט און אַן אַנדער לעבן, האָבן מעטערלינקס דראַמען דעם ציל צו באַווייזן, ווי אַזוי ווערן די דאָזיקע אידעען איבערגעשאַפן אין דער נשמה פון דעם היינטיקן מענטשן. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן דערויף, אַז די אומזיכערקייט און די אומבאַזיכערטקייט, די אימה פאַר צופעליקייטן, וועלכע שטאַמט פון ניט פאַרשטיין די געזעצן פון לעבן, דער ביז יאוש דערגייענדיקער באַוואוסטזיין פון דער אייגענער מאַכטלאָזיקייט קעגן

די דאָזיקע געזעצן זיינען די כאַראַקטעריסטישע סימנים פון דעם היינטיקן מענטשן, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין דער מאַכט פון די קאַפּריזע כוחות, וואָס שרעקן אים, מיט וועלכע ער קאָן זיך קיין עצה ניט געבן. מעטערלינקס פּיעסעס שפּיגלען אָפּ די דאָזיקע אימה און קראַפטלאָזיקייט קעגן דער מאַכט פונם לעבן. אין די דאָזיקע ווערק איז, לויט די ווערטער פון זייער אַוטאָר, אויסגעדריקט דער גלויבן „אין די גרויסע, ניט זעבאַרע און פאַטאַלע קרעפטן, וואָס זייערע כוונות זיינען קיינעם ניט באַוואוסט". די דאָזיקע קרעפטן באַציען זיך צו אונז פיינדלעך. זיי לויערן אויפמערקזאַם אויף יעדן טריט אונזערן; זיי זיינען שונאים פון שׂכל, לעבן, שלום און גליק. אין יסוד פון זיינע טראַ־דיציעס איז געלייגט די אידעע „פון דעם קריסטלעכן גאָט צוזאַמען מיט דער אידעע פון אַלטן פאַטום, וועלכער איז פאַרבאָרגן אין די געהיימעניש פון דער נאַטור, און וואָס איז באַשעפּטיקט דערמיט אונטערצוהיטן און צעשטערן אָדער צו פאַרפינסטערן די כוונות, געדאַנקען, געפילן און דאָס קלאָגעדיקע גליק פון מענטשן".

ס'איז כמעט ניטאָ קיין נויטווענדיקייט פעסטצושטעלן די פאַרבינדונג, וואָס עס האָט די דאָזיקע טרייסטלאָזע פילאָסאָפיע מיט דעם האָפענונגסלאָזן יאוש מצד אַ געוויסן טייל פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, וואָס איז אַרויס־גערופן דורך גאַנץ באַשטימטע סיבות פון סאָציאַלן כאַראַקטער. ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס ביי דער דאָזיקער מאַכטלאָזיקייט פון דעם מענטשנס שׂכל קעגן די געזעצן פון לעבן, מאָלן זיך פאַר אים די העכערע כוחות אַלס פיינד־לעכע און שלעכטע, און די גרעסטע רעטעניש פון דער הוויה שטעלט זיך פאַר איז דער טויט. דער איינציקער ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דעם תּכלית פון לעבן איז די רעטעניש פון דער פאַרניכטונג פונם לעבן. אינם טויט זעט דער אומרויִקער היינטיקער שׂכל דעם סימבאָל פון דער זינלאָזיקייט, וועלכע הערשט אין לעבן. דער טויט איז די פאַרקערפּערונג פון דער מלוכה פון צו־פעליקייטן. דער טויט „איז גלייכגילטיק, בלינד, טאַפּט אין דער פינסטער, כמעט ווי עס מאַכט זיך, אָבער ער נעמט צו איבערהויפּט יונגע און וויניקער אומגליקלעכע, פּשוט דערפאַר, וואָס זיי זיינען וויניקער רויִק, איידער די סאַ־מע אומגליקלעכע, און דערפאַר וואָס יעדע שאַרפע באַוועגונג אין דער פינ־סטער ציט צו זיין אויפמערקזאַמקייט". בלינדקייט, קיין פּלאַנמעסיקייט און צוועקמעסיקייט אין די מעשׂים, — די דאָזיקע שטריכן פון דער העכערער קראַפט, וואָס פירט אָן מיט דער וועלט, וועלן מיר אויך באַגעגענען סיי אין דעם אמסונס „דראַמע פון לעבן" סיי אין אַנדרעיעווס „לעבן פון אַ מענטשן". דער

הויפט־עלעמענט פון דער עכטער פּאָעזיע, לויט מעטערלינקן, איז דעם פּאָעטס אייגענע פאַרשטעלונג וועגן אומבאַוואוסטן, וואו עס שוועבן וועזנס און געגנ־שטאַנדן, וואָס ער האָט אַרויסגערופן פון דער סודותדיקער וועלט, וועלכע הערשט איבער זיי, משפּט און פירט אָן מיט זייער גורל.

זיינע פּיעסעס זיינען דער אויסדרוק פון דער דאָזיקער אימה פאַר די אומבאַוואוסטע קרעפטן. יעדערע פון זיי איז אַ טאָפּעלע דראַמע. איינע—די אויסערלעכע רעאַלע דראַמע, גרעסטנטייל אָן אָרעמע לויטן אינהאַלט, כמעט לגמרי אָן שפּאַנענדער אַקציע און פאַרכאַפּנדיקע געשעענישן. די צווייטע—די אינערלעכע דראַמע פון דער מענטשלעכער נשמה, פול מיט פאַרשיידנאַרטיקע און רייכע טוישונגען פון די פאַרבן, וועלכע פאַרכאַפּט דעם צושויער מיט דעם בייט פון די שטימונגען און די גייסטיקע איבערלעבונגען, וועלכע ווייזן זיך אויסערלעך ניט אַרויס אין קאָנקרעטע פאָרמען, געפינען ניט פאַר זיך קיין אויסדרוק אויף דער מענטשלעכער שפּראַך, און דאָך גיבן זיי זיך זיכער איבער דעם צושויער. מעטערלינק איז אפשר דער גרעסטער פון היינטיקע סימבאָליסטן. ער באַזיצט די געניאַלע פעיִקייט אויפצודעקן דאָס דאָזיקע טאָפּעלע לעבן פון דעם היינטיקן מענטשן. מען קאָן זיין אַן עקסטער רעאַליסט און מאַ־טעריאַליסט, אָפּזאָגן זיך פון יעדן פאַרקער מיט יענער וועלט, און דאָך אי־בערלעבן מאָמענטן פון הויכן עסטעטישן פאַרגעניגן, לייענענדיק מעטערלינקס פּיעסן. אויב פאַר דעם מיסטיש געשטימטן שכל עפענען זיי סודות פון דער ניט, ערדישער וועלט, זעט מיט זייער הילף דער ניכטערער שכל קלערער די פשוטע סודות פון דעם דאָזיקן ערדישן קיום, באַגרייפט טיפער די אומרויִקע פסיכיק פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, וועלכע איז געפּלאָגט מיט בענקשאַפט און אימה אַדאַנק דעם קריזיס, וואָס זי לעבט איבער.

„טענטאַזשעלס טויט"—דאָס איז די סימבאָלישע פאַרקערפּערונג פון דעם דאָזיקן פחד. די געשטאַלט פון דער קיניגין, וועלכע באַווייזט זיך קיינמאָל ניט אויף דער סצענע,—דאָס איז דער סימבאָל פון דער פאַטאַלער קראַפט, וועלכע פירט אָן מיט דעם מענטשנס גורל. ווער איז זי די דאָזיקע סודותדיקע קיניגין? אפשר קאָן מען זי בעסער דערקענען? דערשלאָגן זיך צו געניאָד פון איר? ווייך מאַכן איר האַרץ דורך געבעטן? אַריינטרעטן מיט איר אין אַן אָפּמאַך, רירן איר האַרץ מיט הכנעה? מנצח זיין מיט מענטשלעכער קראַפט?

זי לאָזט צו זיך ניט צו נאָענט קיין מענטשן. די סיבות פון אירע פאַר־לאַנגען זיינען אומבאַוואוסט. איר האָט זיך פאַרוואָלט, אַז מען זאָל דעם קליי־נינקן טענטאַזשעל ברענגען אין דעם דאָזיקן שרעקלעכן שלאָס. פאַרוואָס?

קיינער קאָן ניט דערקלערן די מעשים פון דער קיניגין. דעם ייִנגל נעבעך האָט מען נאָר געזאָגט, אַז ער מוז פּאָרן, און קיינער קאָן די קיניגין ניט זען. און מען האָט אים געבראַכט אין דעם דאָזיקן שלאָס, וואו זיינע שוועסטער איגרענע און בעלאַנזשערע לעבן אַ קלאָגעדיק לעבן, ניט וואַגנדיק צו פּאַרשטיין גאָרנישט פון דעם, וואָס דאָרטן קומט פּאָר. אויף דעם דאָזיקן אינזל, וואו עס שטייט דער שלאָס, דאַרף מען שטענדיק זיין אויף דער וואַך: „דאָ היט מען צו דאָס דערנענטערן זיך פון דעם סאַמע קלענסטן גליק". און די קיניגין, וואָס איר פינסטערע געשטאַלט קיניגט איבער דעם אינזל, באַווייזט זיך קיינמאָל ניט. זי לעבט לחלוטין אַליין אין איר טורעם, און די וואָס באַדינען איר, גייען בייטאָג ניט אַרויס. „זי איז זייער אַלט, — זאָגט איגרענע צו טענטאַזשעלן. זי איז די מוטער פון אונזער מוטער, און זי וויל רעגירן איינע אַליין... זי איז אַלעמען חושד און מקנא. מען זאָגט, זי איז משוגע. זי האָט מורא עמעצער זאָל ניט פאַרנעמען איר אָרט. און מסתמא מחמת מורא דערפאַר האָט זי פאַרלאַנגט, מען זאָל דיך ברענגען אַהער... אירע באַפעלן ווערן דערפילט, נאָר קיינער ווייס ניט, ווי אַזוי. זי גייט קיינמאָל ניט אַראָפּ, און אַלע טירן פון דעם טורעם זיינען פאַרשפאַרט טאָג און נאַכט... איך האָב זי קיינמאָל ניט געזען, נאָר אַנדערע, דאַכט זיך, האָבן זי יאָ געזען, מסתמא דעמאָלט, ווען זי איז געווען יונג". די דאָזיקע נעפּלדיקע געשטאַלט, וועלכע איז געמאָלט מיט אַזעלכע בלאַסע שטריכן — דאָס איז ביי דער נייער פּאָעזיע דער געליבטסטער סימבאָל פון דעם אכזרישן, בלינדן און אומאויסמיידלעכן גורל. מען זאָגט, זי איז ניט קיין שיינע, אָבער די וואָס האָבן זי געזען דערוועגן זיך ניט צו ריידן וועגן דעם. „נאָר צי האָט מען זיווירקלעך געזען? — שרייט איגרענע אויס. — זי באַזיצט אַן אומפאַרשטענדלעכע מאַכט, און מיר לעבן דאָ מיט אַ שווערן שטיין אויפן האַרצן, און מיר וואַרטן ניט קיין רחמים פון איר". דאָס איז אַ מצומצמדיקע פאָרמעל, וועלכע באַשטימט אויסגעצייכנט דעם גייסטיקן צושטאַנד פון דעם הייַנטיקן מענטשן, זיין פאַרשטעלונג וועגן די העכערע קרעפטן. בלויז אין די קעמערלעך פון די מיטלאַלטערישע קלויסטערס האָט געבליט אַזאַ דערנידערנדיקע פאַרן מענטשן פילאָסאָפיע, האָט געקיניגט אַזאַ טיפער גלויבן מצד דעם מענטשן אין זיין קראַפטלאָזיקייט און נישטיקייט, אַזאַ זינלאָזער פחד פאַר די אומפאַרשטענדלעכע וועגן פון הימל.

אין סך הכל איז דער אינהאַלט פון דער פּיעסע „טענטאַזשעלס טויט" אַן אומאויפהערלעכער אָנוואוקס פון אומרויִקן פאַרגעפיל אין די נשמות פון די שוועסטער און דעם ייִנגל, וועלכער איז פאַרמשפּט אויף אומקומען. די רעאַלע

פּיעסע האָט קיין אינהאַלט ניט. דאָס זיינען לאַנגע שמועסן און באַראַטונגען מצד די שוועסטער וועגן דעם, ווי אָפּצוהיטן דעם יינגל, און זייער פאַרצווייפלונג אין דעם מאָמענט, ווען ער ווערט אַוועקגעריבט. אָבער די אינערלעכע האַנדלונג אַנטוויקלט זיך מיט שפּאַנענדיקער קראַפט. אויף וויפל אַלץ איז בלאַס און אומבאַשטימט אין די ווערטער און די מעשים פון די ווירקנדיקע פּערזאָנען, אויף אַזוי פיל איז אַלץ קלאָר און זיכער אין די געשעענישן, וואָס זיי לעבן אינערלעך איבער. אין די דאָזיקע געוויינלעכע ווערטער, אין די דאָזיקע אַלטעגלעכע זאָרגן בלאַנקט גאָר די פאַרשיידנאַרטיקייט פון דעם פאַרבאָרגענעם אַנדערן לעבן פון דעם היינטיקן הין און הער זיך שליידערנדיקן מענטשן. די קראַמפּנדיקע פּרווון צו ראַטעווען דאָס טייערע וועזן, וואָס ראַטעווען קאָן מען עס ניט, פלעכטן זיך צונויף מיט געבעטס, וועלכע איז געווענדט צו דער שרעקלעכער אכזרישער קראַפט, גיסן זיך צונויף אין אַ בענקענדיקער סימפאָניע, אין וועלכער עס קלינגט אַמאָל דאָס קלאָגן זיך פון דער באַזיגטער שוואַכקייט, אַמאָל די קללה און דער דונער פון רעוואָלוציאָנערן שופר, וואָס רופט צום קאַמף קעגן דעם הימל, אַמאָל דער אומרויִקער געשריי פון דעם פאָרשנדיקן שכל, וועלכער פאָדערט, עס זאָלן אַנטפּלעקט ווערן די פון אים פאַרבאָרגענע פּלענער פון דער געהיימער פיינדלעכער קראַפט,—און דאָס אַלץ ברעכט אויס מיט אַטאַקעס פון יאוש.

אין דער אויסערלעכער וועלט זאָגט קיין זאַך ניט פאָר די באָנטקייט פון דער פאָרשטייענדיקער קאַטאַסטראָפע, ניטאָ קיין סימנים פון איר אומפאַרמיידלעכקייט. אָבער די שוועסטערס נשמות ווייסן וועגן דער דאָזיקער אומפאַרמיידלעכקייט אַזוי קלאָר, ווי עס וואָלט בשום אופן ניט געקענט וויסן דער מענטשלעכער שכל. דאָס וואָס געפינט ניט קיין באַשטעטיקונג אין דער וועלט פון די חושים — איז פאַר זיי אַ זיכערע זאַך. אין דער אויסערלעכער וועלט פירן אַריין רמזים, צופעליקע בליקן, דינע קאָמבינאַציעס פון קוים באַמערקבאַרע צייכנס, וועלכע זיינען צוטריטלעך נאָר פאַר דער נשמה. אין דער דאָזיקער וועלט פון געוויסהייטן. איינע פון די שוועסטער, בעלאַנזשערע, האָט געהערט עפּעס רייד ניט קיין קלאָרע. זי ווייס ניט אויף געוויס, וואָס דאָס איז אַזוינס געווען. עס האָבן זי אָפּגעשיידט פון די ריידנדיקע, „מסתמא”, עטלעכע טירן, און די שטימען זיינען צו איר דערגאַנגען, ווי די שטימע פון אַ מענטשן, וועלכן מען שטיקט. זי ווייס אויף ריכטיק גאָרנישט, נאָר איר „דאַכט זיך”, „מסתמא”, האָט מען גערעדט וועגן קינד. דאָס זיינען, „מסתמא”, געווען דער קיניגינס דינסטן. זיי האָבן „כלומרשט”, געלאַכט, „אפשר”, געוויינט, אָדער

„ס'קען זיין דאָס איז געווען נאָך עפּעס", וואָס זי האָט ניט פאַרשטאַנען, מחמת מען האָט גערעדט זייער שטיל. אַזוי ווי אומבאַמערקבאַרע, שנעל לויפנדיקע, זעלטענע וואָלקנס, אַזוי ווי די לופטיקע געשטאַלטן, וואָס זיינען דורך זיי באַשאַפן, וואָס דאָ ווערן זיי צעריסן, דאָ פאַראייניקט אין נייע קאָמבינאַציעס, קלינגען די דאָזיקע קוים הערבאַרע רייד, קומען זיך צונויף און לויפן זיך פונאַנדער די רמזים, יעדן מאָל באַשאַפנדיקן נייע אומרואן. די רעאַלע וועלט פון „וואַרשיינלעכקייטן" ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָלישער וועלט פון „געוויסהייטן". אין די דאָזיקע קוים באַמערקבאַרע צעזייטע געשטאַלטן דערקענט די קרענקלעכע וואַכזאַמקייט פון דער נשמה מיט שרעק דאָס אָנקומענדיקע אומגליק. דער זינען פון די דאָזיקע שטילע רייד, פון דעם דאָזיקן טויבן שעפּצן איז ניט קלאָר נאָר פאַר דעם שוואַכן אָרגאַן פון דעם מענטשלעכן געהער. אָבער זיי לאָזן קיינע ספקות אין דער נשמה, און דאָס, וואָס די דאָזיקע רייד. האָט ניט דערגרייכט צום געהער, האָט דער נשמה געזאָגט מער איידער די ווערטער, וועלכע האָבן דייטלעך אָפּגעקלונגען אין די אויערן פון דער אומגליקלעכער בעלאַנזשערע.

דער פאַרגעפיל פון דער קאַטאַסטראָפע — דאָס איז די גרונד-טעמע פון דער פּיעסע. אָבער זי ווערט צעשלאָגן אויף טיילן. פון איר גייען אָפּ זייטיקע שטראָמען, און אינגאַנצן באַקומט זיך אַ סימבאָליש בילד פון דעם מענטשנס אָנשטרענגונגען צו באַשיצן זיך קעגן די קלעפּ פון דעם אכזרישן גורל.

די ערשטע אָנרעגונג זיינע איז — געבעט, דער אַלטער מיטל פון דער נייער מענטשהייט, וואָס קומט אים אין אַ משך פון צוויי יאָרטויזנטן צו הילף יעדן מאָל, ווען פון זיינע הענט גליטשן זיך אַרויס די פעדים פונם לעבן. נאָר איצט ווערט צו דער דאָזיקער געבעט צוגעמישט ביטערניש און איראָניע, וועלכע זיינען געבוירן פון אַנטטוישונגען און פיל מאָל אָפּגענאַרטע האָפענונגען. „לאָמיר וואַרטן אויף די קני, ווי יענע מאָל... אפשר וועט זי רחמנות האָבן!... מען קאָן זי אַנטוואָפענען מיט טרערן, מען דאַרף איינגיין אויף אַלץ, וואָס זי זאָל ניט פאָדערן פון אונז... זי שווייגט געוויינלעך די וואָס שטעלן זיך פאַר איר אויף די קני... ווען דאָ זיינען געווען מאַנסביל, האָבן זיי אויך מורא געהאַט, און פלעגן פאַלן פאַר איר מיטן פנים צו דער ערד".

די צווייטע אָנרעגונג — צאָרן און פּראָטעסט, דאָס אויפפלאַקערן פונם קנעכט, וועלכער וועט באַלד ווידער מיט הכנעה אָנבויגן זיין רוקן אונטערן יאָך. „מ'דאַרף ענדלעך ווידערשטעלן זיך!—שרייט איגרען.—קיינער ווייס ניט, אויף וואָס איז געגרינדעט איר מעכטיקייט, און איך וויל מער ניט לעבן אין

דעם שאָטן פון איר טורעם". די שוואַכע האָפענונג פון די, וועלכע האָבן שוין איבערגעלעבט די קאַטאַסטראָפע אין זייער אומרויִקן שטרעבן. „פּרווט איר... מיר האָבן שוין ניט איינמאָל געפּרווט... איך האָב מער קיין מוט ניט קעגן איר".

ווייטער גייען שוואַכע פּרווון, פּרוכטלאָזע אָנשטרענגונגען מצד דעם מענטשן. „פאַרשפּאַרט די טירן. וועקט אויף טענטאַזשעלן! נעמט אים אַרום מיט אייערע אַנטבלויזטע הענט און האַלט אים אויף די קני... מיר האָבן ניט קיין אַנדער שוץ... איך האָב אַרומגעזוכט די טירן... דריי זיינען זיי... מיר וועלן אָפּהיטן די גרויסע... די צוויי אַנדערע זיינען פּוסטע און נידעריקע... איך וועל מיך זעצן אויף די טרעפּ ביים אַרייַנגאַנג מיט אַ שווערד אויף די קני..." און אַז. וו.

אין די דאָזיקע צעוואָרפענע אויסגעשרייען, אין די דאָזיקע ניט-געבונדענע גייסט-באַוועגונגען איז פאַראַן אַן אייגענע לאָגיק און אַן אייגענע קאָנזעקווענטקייט. זיי צוזאַמען גענומען באַשטימען דעם צושטאַנד פון דער נשמה, פאַר וועלכער עס עקסיסטירן ניט קיין שפּרונגען און קיין ווידערשפּרוכן, פאַר וועלכער עס עקסיסטירט נאָר איין געוויסער וויסן — די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער קאַטאַסטראָפע. „מיר וועלן דיך באַשיצן, און קיין אומגליק וועט ניט געשען!" זאָגט איגרען. „זי איז שוין דאָ, שוועסטער איגרען!" — ענטפערט טענטאַזשעל... און איגרען ווייס, אַז טענטאַזשעל איז גערעכט, אַז ער האָט נאָר אויסגעדריקט איר אייגענעם גייסטיקן צושטאַנד, וועלכן זי האָט געוואָלט פאַרמאַסקירן דורך ליגן. די שפּראַך פון דער נשמה איז געוויסער פאַר דער שפּראַך פון מויל, און די דראַמע וואָס שפּילט זיך אָפּ אין די נשמות פון די ווירקנדיקע פּערזאָנען, אַנטוויקלט זיך מיט האַרבער קאָנזעקווענטקייט, בשעת די אויסערלעכע רעאַלע דראַמע איז פול מיט ווידערשפּרוכן.

די אָנוואַקסנדיקע אומרו, וועלכע מאַכט שטאַרקער דעם פאָרגעפיל פון דער קאַטאַסטראָפע — דאָס איז די הויפּטטעמע פון אַלע מעטערלינקס פּיעסעס, וועלכע זיינען טיפּיש פאַר זיין שאַפן. „די אומגעבעטענע" איז אפשר די טיפּישסטע פון זיי, אין איר איז מער ווי אַלע אַנדערע פאַרקערפּערט די אומפאַרמיידלעכקייט און די מאַכט פונם טויט. אין דער דאָזיקער פּיעסע טרעט העלער ווי ערגעץ וואו אַנדערש אַרויס די דואַליסטישע פאָרשטעלונג וועגן דער וועלט און וועגן מענטשן. דער צושויער זעט צוויי אומאָפּהענגיקע דראַמעס. און יעדע פון זיי איז געבויט אויף דער באַזונדערער לאָגיק פון די געשעענישן, אויף אַ באַזונדער אָפּשאַצונג פון זיי, אויף ספּעציעלע מעטאָדן פון

ערקענונג. אין דער רעאַלער דראַמע וואַקלט זיך אַלץ, קיין זאַך האָט ניט קיין פעסטקייט און קיין פּינקטלעכקייט. אין דער צווייטער אינערלעכער דראַמע איז אַלץ געוויס און אָן ספק. מערקווערדיק, וואָס ביי אַזאַ אונטערשייד אין דעם אינהאַלט פון דער און יענער דראַמע, צייכענען זיך די אויפנעם־מעטאָדן אין ביידע פאַלן אויס מיט פּונקט פאַרקערטע אייגנשאַפטן. די רעאַלע דראַמע ווערט אויפגענומען דורך סאַמע געוויסע עדות — די איברים פון די חושים. און די וועלט פון געוויסהייטן, דערקענען, דורך ניט קיין קלאָרע שטימונגען, אוממיטל־באַרן פאַרקער און פאָרגעפילן. אין דעם דאָזיקן בוי איז, אפשר, פאַרבאָרגן דער מהות פון יענער איבערקערעניש, וועלכע די סימבאָלישע פּאָעזיע האָט געמאַכט אין די מוחות פון דער הייַנטיקער גצועלשאַפט. אונזערע אָרגאַנען פון געפיל און אונזער וויסנשאַפטלעכער פּאָזיטיווער דענקען, וועלכער איז געבויט אויף נסיון און באָאָבאַכטונג, גיבן אַ קאַליעטשעטן פאַלשן וויסן וועגן דער וועלט.
די אומבאַוואוסטזיניקע טעטיקייט פון דער נשמה, דערקענען, איז דער אייַנציקער זיכערער קוואַל פון ערקענונג. אין אַ פינסטערן זאַל פון אַן אַלטן שלאָס שפּילן זיך אָפּ די דאָזיקע צוויי דראַמען. דער געפיל פון אומרו האָט פאַר־כאַפּט די גאַנצע משפחה: אין דעם דערבייַיִקן צימער ליגט אַ קראַנקע, אַ נאָענטער און פאַר אַלעמען טייערער נפש. זי וועט שטאַרבן, אָדער געזונט ווערן? צי איז נאָענט, צי איז דאָ לעבן די אָנוועזנדיקע דער טויט, אָדער דער שרעקלעכער גאַסט, דער „אומגעבעטענער" וועט אין שלאָס ניט אַריין? די אויסערלעכע און די אינערלעכע דראַמעס גיבן ווידערשפּרעכנדיקע ענטפערס אויף דער דאָזיקער פראַגע וועגן טויט, וועלכער דריקט די אָנוועזנדיקע. „זי וועט לעבן" — זאָגט אַרום אַלץ, וואָס קאָן ריידן צו דעם מענטשלעכן געפיל און דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין. „זי וועט שטאַרבן" — זאָגט אַן אומקלאָרע שטימונג, אַ בייזער פאָרגעפיל, אַ געהיימער פחד. „די סכנה איז אַריבער" — זאָגט די מענטשלעכע וויסנשאַפט אין דער פערזאָן פון די דאָקטוירים. „זי איז געראַטעוועט" — זאָגן די מענטשלעכע אויגן, וואָרעם ביי איר איז געוועזן אַ גוטער אויסזען און זי האָט בעסער געשלאָפן. „דער טויט איז דאָ" — זאָגן די נשמות פון די אָנוועזנדיקע. „דער טויט איז דאָ, מחמת מיר פילן די שרעקלעכע אומרו, מחמת איר ווייסן עס אויף געוויס, מחמת פון דער אויסערלעכער וועלט דערגייט צו אונז נאָר דאָס, וואָס עס רעדט וועגן דעם שרעקלעכן גאַסט. דער קלונג פון דער קאָסע, וואָס האָט זיך דערהערט פון גאָרטן, אָט די טיר, וועל־כע האָט זיך אָפּגעעפנט און ניט אונטערגעגעבן זיך דער אָנשטרענגונג פון מענטשן, די דאָזיקע שרעקלעכע קלאַנגען, וועלכע וואַרפן אונז אין ציטער־

ניש, — דאָס אַלץ זאָגט אונז, אַז דער טויט איז דאָ, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די דאָקטוירים זאָגן, ניט קוקנדיק אויף די פּירושים וואָס די איברים פון די חושים און אונזער דענקען גיבן אונז. מיר לעבן אין אַ וועלט פון געוויסהייטן, און די ניט-פולקומע מעטאָדן פון דער ערקענונג, וועלכע הערשן אין דער מאַטעריעלער וועלט, זיינען ניט בכוח צו רירן פון אָרט דעם קלאָרן וויסן, וואָס קומט צו אונז פון דער איבערגעפילן-וועלט. די לייזונג פון דער פּיעסע — דאָס איז די עדות אויף דער מאַכטלאָזיקייט פון דער ערפאַרונג-ערקענטעניש און אויף דער זיכערער קראַפט פון אינטויציע און פאָרגעפיל. דער טויט האָט זיין זאַך צפגעטאָן אין דער רגע, ווען אין דער רעאַלער וועלט האָט אַלץ גע-רעדט וועגן זיין מפּלה, און נאָר דער אינערלעכער מיט גאַרניט ערקלערבאַ-רער כּחַ פון דער נשמה האָט עדות געזאָגט אויף זיין זיגערישן אָנקומען.

מענטשן זיינען בלינד. טאַפּנדיק זוכן זיי דעם וועג אויף דער ערד, זיי שטרויכלען זיך אויף דעם דאָזיקן וועג, פאַלן און גייען פאַרלאָרן, אָדער זיי הייבן זיך אויף און גייען ווייטער, ווידער טאַפּנדיק דעם וועג, ניט זיכער צעפּענדיק זיך פאַר אַלץ, וואָס קומט זיי אַנטקעגן. מענטשן זיינען בלינד, אָבער זיי גלויבן, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי זיכער דערזען זייער וועג, וועלן זיי געפינען זייער פירער. זיי ווייסן ניט, אַז ער איז טויט און געפינט זיך דאָ לעבן זיי. אין דער קליינער פּיעסע „בלינדע" האָט מעטערלינק אויסגעמאָלט די דאָזיקע טראַגעדיע פון דער אין פינסטערניש בלאָנדזשענדיקער מענטשהייט, וועלכע קאָן ניט הערן די אַנטפּלעקונגען פון אויבן. אין פינסטערן וואַלד, הילפלאָזע, איינזאַמע, אויף שטיינער, אויף וואָרצלען און אויף טרוקענע בלע-טער זיצן זעקס בלינדע זקנים און זעקס בלינדע פרויען. אין די דאָזיקע צוועלף פיגורן האָט מעטערלינק געגעבן דעם סך-הכּל פון דער גאַנצער פאַרשיידנ-אַרטיקייט פון דער מענטשהייט, וואָס כוואַליעט זיך ווי דער ים. זייערע באַווע-גונגען, זייערע אָפּגעריסענע אויסגעשרייען און פראַזן, זייערע פּראָיעקטן און פּלענער, ווי צו געפינען דעם וועג, — דאָס זיינען סימבאָלן, גראָבע שילדערונ-גען פון דער מענטשהייטס צווייפלענישן און זוכענישן. „איך קאָן ניט דערגיין, עס איז פאַראַן איבער אונז אַ הימל, צי ניין... די שטימען קלינגען אַזוי ווי מיר וואָלטן זיין אין אַ הייל... און איך מיין, דאָס איז דערפאַר, וואָס איצט איז אָוונט... דאַכט מיר, איך פיל אויף די הענט די לבנה-שיין. געוויס לייכטן די שטערן, איך הער זיי... און איך אויך... איך הער גאָר ניט... איך הער נאָר אונזער אָטעם..." און אַרום זיינען רויִשיקע ביימער, שיינענדיקע שטערן, אַ קלאָרער וועג, אויף אייביק אַ באַהאַלטענער פון די פאַרבלענדעטע מענטשן.

אַן אומבאַוואוסטע קראַפט האָט אָנגעקליידט מיט פינסטערניש דעם מענטשנס ראיה, מאַכט בייזן חוזק פון די מענטשן, ניט אויפהייבנדיק דעם פאָרהאַנג, הינטער וועלכן עס איז פאַרבאָרגן דער אומבאַגרייפלעכער סוד, וועלכער פייניקט זיי. נאָר אומגעפער, אין אומקלאָרע שטימונגען באַגרייפן די בלינדע די נאַטור פון די קרעפטן, וועלכע קיניגן אַרום זיי. דער דאָזיקער פינסטערער וואַלד — דאָס איז דער סימבאָל פון דער וועלט, פון דער אומבאַגרייפלעכער וועלט, אין וועלכער דער מענטש איז געשילדערט. די בלענדעניש פון די צוועלף פיגורן — דאָס איז דער סימבאָל פון דער אומפולקומענהייט פון דעם מענטשנס ערקענונג. די אומזיכערע טריט פון די בלינדע—דאָס איז דער סימבאָל פון דעם פרוכטלאָזן קאַמף מצד דעם מענטשן קעגן דער נאַטור און דעם לעבן. זייערע רייד — דאָס איז די פאַרקערפערונג פון דער שפּראַך פון באַגריפן, פון דער שפּראַך, וועלכע קאָן איבערגעבן נאָר דאָס ניט עיקרשטע און דאָס ניט וועזנטלעכע פון דער אַרומאונזיקער וועלט, וועלכע איז אָבער ניט אימשטאַנד איבערצוגעבן אירע סודות. די אומבאַזיגלעכע קראַפט, וועלכע ציט די מענטשהייט אין דער וועלט פון די אייביקע סודות—דאָס איז די איינציקע קראַפט, וואָס ברענגט דאָס לעבן אין באַוועגונג. געשטויסן פון איר, פּרוּוון מענטשן אַלע וועגן, זייערע עראָבערונגען שיינען זיי צו זיין גרויסע, זיי דאַכט זיך, אַז ס׳איז קאַלאָסאַל דער וועג, וועלכן זיי האָבן דורכגעמאַכט צום אַבסאָלוט. זיי ווייסן ניט, אַז זיי פּלאָנטערן זיך אויף איין אָרט, אַז דער שטח׳ וואָס טיילט אָפּ דעם גרעסטן פאָרשער פון דעם גרעסטן עם־הארץ, איז נישטיק לגבי דעם העכסטן סוד; אַז דער יאוש, וועלכער האָט זיך מאַכטלאָז אַנטזאַגט פון קאַמף מיטן סוד, און דער עזותדיקער אַרויסרוף צום הימל און צו זיינע רעטענישן זיינען גלייך נישטיק און פרוכטלאָז. „מ׳דאַרף זיך דערוויסן, וואו זיינען מיר", זאָגט דער צווייטער, און גלייך נאָך אים דער דריטער בלינד־געבוירענער, און דער דאָזיקער וואַגנדיקער אויפרוף, די דאָזיקע אויפגאַבע, וועלכער עס איז שוין לכתחילה באַשערט צו ענדיקן זיך מיט גאָרנישט, ברענגען צו תחית המתים אַלע גרויסע משוגעים פון פראָמעטעאוסן ביז פאַוסטן, וועלכע האָבן ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט דער אײַנגעבוירענער בלינדקייט פון מענטשן, וועלכע האָבן געשטרעבט אָפּצונעמען ביים הימל זיינע סודות. „דאָס קאָן מען זיך ניט דערוויסן", זאָגט אַ בלינדער זקן, און אין דער פּשוטער פראַזע האָבן מיר פאַר זיך די גאַנצע געשיכטע פון דער קעגנזעצלעכער סקעפּטישער לערע, וועלכע איז, ניט קוקנדיק אויפן שטראָם פון ווערטער און אידעען, וואָס זיי האָבן געגעבן דער וועלט, וויטער פאַר דער דאָזיקער קורצער

פאָרמול ניט געגאנגען. אין די אָפּגעריסענע פראַזן פון די בלינדע איז ניט שווער צו פאַרנעמען די שטים פון פאַרשיידענע פסיכישע אָרגאַניזאַציעס, וועלט־אָנשויאונגען און געשמאַקן. „איך האָב ליב שפּאַצירן בייטאָג. איך ווייס, אַז דעמאָלט איז זייער ליכטיק. און איך שטרענג מיט אַלע כוחות אָן מיין ראיה, כדי צו באַמערקן די דאָזיקע ליכטיקייט". און נאָך דער דאָזיקער שטים, וועלכע גייט פון אַ הארצן, וואָס קלאַפּט אין אוניסאָן מיט דער נאַטור, לאָזט זיך הערן די שטים פון באַגרענעצטן פיליסטער, און פון דעם וואָס דאַרף ווייניק („און איך מיין, בעסער זיצן אין עס־צימער לעבן אויוון... היינט אינ־דערפרי האָט מען אים אַזוי גוט אויסגעהייצט"), און די שטים פון דער מיטל־מעסיקייט, וועלכע זוכט אַן אויסגאַנג אין שלום און קאָמפּראָמיסן („ער וואָלט אונדז געקאָנט אַרויספירן אין הויף אויף דער זון, דאָרט איז מען לפּחות היני־טער אַ צאַם. מען קאָן ניט אַרויס... און פאַר וואָס איז דאָ מורא צו האָבן, אויב נאָר דער טויער איז פאַרשפּאַרט").

אָבער די דאָזיקע לפּנימדיקע פאַרשיידנאַרטיקייט גיסט זיך צונויף אין אַ מאַטערנדיקע איינאַרטיקייט פאַר דער אמתער שיין. דער מענטשהייטס וויסן און אומוויסן זיינען ביידע גלייך בלינד. „ביי מיר זיינען די ברעמען פאַרמאַכט, אָבער איך פיל, אַז די אויגן זיינען ביי מיר געזונטע",—זאָגט אַ יונגע בלינדע. „און ביי מיר זיינען די ברעמען אָפן. איך שלאָף אפילו מיט אָפענע אויגן".— ענטפערט איר אַן אַנדער בלינדע. אין דער דאָזיקער פאַרגלייכונג ליגט דער גאַנצער אונטערשייד פון מענטשלעכן וויסן. טויטע אויגן מיט אָפענע ברעמען אָדער טויטע ברעמען איבער לעבעדיקע אויגן — אין ביידע איין רעזולטאַט, איין פּועל־יוצא—האָפענונגסלאָזע און אייביקע בלינדקייט. האָפענונגען און ספקות, וואַגן און פּחדנות, שכל און משוגעת, אַקטיווע קראַפט און טעמפּע גלייכגילטיקייט—סוף־כל־סוף גיסט זיך דאָס אַלץ צונויף אין איין אַלגעמיינעם כאָר פון יאוש אָן אַן אויסגאַנג, וואָס קלינגט ווי אַ לוויה־גלאָק, ווי די שטימע פון טויט, פון בייזן, אומבאַוויגלעכן און אומרחמנותדיקן. „מיר האָבן קיינמאָל ניט געזען איינע די אַנדערע. מיר פרעגן אויס איינע די אַנדערע, מיר ענטפערן איינע די אַנדערע, לעבן אין איין הויז, מיר זיינען אַלעמאָל צוזאַמען, און דאָך קאָנען מיר ניט איינער דעם צווייטן... אויף די הויז, אין וועלכער מיר וואוינען, האָבן מיר קיינמאָל ניט געזען. מיר טאַפּן מיט די הענט די ווענט און די פענסטער, און דאָך ווייסן מיר ניט, וואו מיר וואוינען". דאָס איז דער סך־הכל פון דער מענטשהייטס אייביקע אָנשטרענגונגען, דאָס איז די פילאָסאָפיע פון דער נייער פּאָעזיע, וועלכע איז געבוירן אין דער טיפעניש פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, וואָס

איז געבליבן שטיין פאַר אַ וואַנט. די שלוס־סצענע פון דער פּיעסע, אין וועל־כער עס ווערן געשילדערט די באַנייטע האָפענונגען פון די בלינדע, זייער ווענדן זיך צום וויינענדיקן קינד, וואָרפט איין די לעצטע שטיצע, דעם לעצטן גלויבן פון מענטשן, אפשר זעט יענס קליין וועזן די וועלט, וועלכע איז פאַר־הוילן פון דעם בליק פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן. אפשר וועט פאַר דער צוקונפט אַנטפּלעקט ווערן דער אייביקער סוד, וואָס איז פאַרבאָרגן פון די אַלטע. אויף דעם הילפלאָזן קינד ווענדן די בלינדע זייערע האָפענונגען. נאָר עס ענטפערט זיי מיט געוויין, און דער דאָזיקער געוויין, וועלכער שרייט מיט שטענדיקן יאוש, דאָס איז דער איינציקער ענטפער קעגן דעם אייביקן סוד, דאָס איז אפשר דער שרעקלעכער סימבאָל, דער שווערער פאַרגעפיל פון דעם זעלבן שווערן מזל פון די קינפטיקע דורות.

די מאכט פון דעם סוד איז שרעקלעך; דער מענטש מוז אייביק לעבן אונטערן דרוק פון אימה, אַלעמאָל וואַרטן אויף אַ קאַטאַסטראָפע. „זיין גליק־לעך און צופרידן — הייסט רייצן דעם גורל, שלעפן אויף זיך דעם צאָם פון די געטער", — האָט געלערנט די גריכישע חכמה. און מעטערלינק קערט זיך ווידער צו דער זעלבער פילאָסאָפיע, צו דעם דאָזיקן געשטאַלט פון אַ שלעכטן אל קנא. איגרען זאָגט: „איינמאָל האָב איך זיך געזאָגט אין דער סאַמע טי־פעניש פון מיין נשמה — אפילו גאָט האָט עס אפשר ניט געקאָנט דערהערן — האָב איך זיך געזאָגט: איך ווער גליקלעך... און דאָס האָט שוין געקלעקט אַז אין קורצן נאָכדעם זאָל שטאַרבן אונזער אַלטער פאָטער, אוןביידע אונ־זערע ברידער זיינען נעלם געוואָרן". די פּיעסע «Intérieur» איז דער סימבאָל פון דער דאָזיקער אַכזריות מצד די פאַרהוילענע קרעפטן, וועלכע הערשן אַרום אונז. די פּיעסע שילדערט אַ שטיל בילד פון היימלעכן משפחה־גליק. אַ פאָטער וואָס זיצט ביים קאַמין, אַ מוטער וועלכע קוקט פאַרטראַכט אין דער לופטן, צוויי טעכטער אין ווייסע קליידער, יונגינקע מיידלעך, וואָס טרוימען מיט שמייכל אויף די ליפן, און אַ קינד, וואָס איז רויִק אַנטשלאָפן געוואָרן לעבן דער מאַמעס רוקן. זיי זיינען גליקלעך, ניט חושד זייענדיק, אַז ס'דאָזיקע גליק איז שוין ניטאָ, אַז איבער זיי הענגט שוין אַ שרעקלעכע צרה, וועגן וועלכער זיי ווייסן נאָך ניט. יענע, וועלכע זיי האָבן ליב געהאַט „אויסערן זיבען", איז דערטרונקען געוואָרן, און הינטערן פענסטער פון זייער הויז שטייט דער אַלטער און דער פאַרבייגייער, וועלכע מען האָט אַרויסגעשיקט פאַראויס, כדי צו ברענ־גען די טרויעריקע ידיעה וועגן דער דערטרונקענער. אינדערפרי האָט זי נאָך געלעבט, געזאָגט דעם אַלטן, אַז זי פאָרט אַוועק, און מען ווייס ניט, ווען וועט

זי זיך מיט אים זען, און אַ שמייכל איז ביי איר געווען „אַ באַזונדערער, ווי ביי יענע, וועלכע ווילן פאַרהוילן אַ סוד, אָדער זיי האָבן מורא, אַז מען וועט זיי ניט פאַרשטיין... זי איז שוין מסתמא דאַן געווען נאָענט צו יאוש... דער בליק איז געווען עפּעס אַ טריבער... זי האָט זיך געמיט, ניט צו קוקן אין די אויגן". אָבער דעמאָלט האָט עס אַלץ דער אַלטער ניט באַמערקט. און איצט, ווען ער קוקט אין פענסטער אויף דער גליקלעכער משפחה, וועלכע זיצט דאָרט אינעווייניק, הייבט ער אָן צו באַגרייפן די סודות פונם לעבן. ער הייבט אָן צו פאַרשטיין די גאַנצע שרעק פון דעם מענטשנס אומוויסן. מיט אַנדער ליכט איז אין זיינע אויגן באַלויכטן געוואָרן גאָר דער פרידן און דאָס גליק פון דערדאָזיקער גאָרנישט-וויסנדיקער משפחה. זיי זיינען דיזעלבע וואָס נעכטן, פונקט אַזוי זיצן זיי, פונקט דאָס זעלבע ריידן זיי. און אין דער זעלבער צייט זיינען זיי שוין ניט די פריערדיקע, מחמת איבער זיי קייקלט שוין דער טויט פון אַ טייערן מענטשן. וואָס איז אין זיי געענדערט? זיי פילן זיך דאָך פונקט ווי נעכטן, און דאָ האָט שוין עפּעס פון דער אויסערלעכער וועלט, אַזוינס וואָס איז נאָך צו זייער באַוואוסטזיין ניט דערגאַנגען, זיי געטראָפן. „ווען עס וואָלט ניט געטראָפן ס'דאָזיקע אומגליק,—זאָגט דער אַלטער,—וואָלט איר אין זיי אויך גאָרנישט באַמערקט... מיר דאַכט זיך, גלייך ווי איך זע זיי איצט דאָס ערשטע מאָל... כדי צו פאַרשטיין די געוויינלעכסטע זאַך, דאַרף מען צו איר עפּעס וואָס צוגעבן"... און אַז עס גייט אונטער דער עולם מיט דעם טויטן קערפּער פון דער דערטרונקענער, באַשליסט זיך קיינער ניט אָריינצוגיין, אַלע זיינען אויסער זיך פון דעם בילד פון דער משפחה, וועלכע זיצט רויִק הינטער די ווענט פון דער היים און איז אפילו ניט חושד, אַז הונדערטער מענטשן ווייסן שוין וועגן איר אומגליק. „ביי מיר איז אַזאַ געפיל, זאָגט דער זיידע, אַז איך קוק אויף זיי פון אַן אַנדער וועלט... נאָר דערפאַר וואָס איך ווייס אַ טראָפּן פון דעם אמת, וועלכן זיי ווייסן נאָך ניט... און דאַכט זיך, וואָס איז דאָ אַזוינס שרעקלעכס אין דעם, וואָס זיי זיינען אַזוי רויִק?... צופיל צוטרויען האָבן זיי צום לעבן... עס טיילט זיי אָפּ פון שונא עפּעס אַזוינע נישטיקע פענסטער... און זיי מיינען, אַז גאָרנישט קאָן ניט געשען, ווייל זיי האָבן פאַרשפּאַרט די טירן, און זיי וויסן ניט, אַז די נשמה לעבט מיט אַ באַזונדער לעבן און אַז די וועלט ענדיקט זיך ניט הינטער די טירן פון דער הויז. זייער לעבן שיינט זיי פולקום קלאָר, זיי זיינען אפילו ניט חושד, אַז אַזוי פיל מענטשן קאָנען עס בעסער, איידער זיי, אַז בסך-הכל צוויי טריט פון זייער טיר שטייט דער אומגליקלעכער זקן און האַלט אין זיינע אַלטע הענט גאָר זייער קליינטשיק גליק".

די זעלביקע שווערע שטימונג הערשט אויך אין מעטערלינקס אַנדערע פּיעסן. דערזעלבער דרוק פון דעם אומדערבעטלעכן פּאַטום דריקט פון אָנהייב אָן די רירנדע ליבע פון פּעלעאַס און מעליזאַנדע. דאָס ערשטע וואָרט, די ערשטע באַוועגונג פון די דאָזיקע צוויי כמעט לופטיקע העלדן פּילט שוין אָן מיט אומבאַשטימטער אומרויִקייט דאָס האַרץ פון דעם צושויער. „אומגליק האָט באַזוכט די דאָזיקע הויז", קלינגען ווי אַ לוויה־גלאָק די רייד פון דער אַלטער דינסט. אומגליק, אויסגעוועבט פון ליבע און טויט — דאָס איז די איינציקע געוויסע געשטאַלט, וועלכע טיילט זיך בולט אויס אין דעם ניט־קלאָרן קאַמף פון ליידנשאַפט און פאַרלאַנגען, וועלכע זיינען פאַרוויקלט אין אַ געדיכטן שלייער, צווישן די טונקל־באַלויכטענע פיגורן, וועלכע זעען אויס ווי שוואַרצע צאַרטע סילועטן. מעליזאַנדע איז געשטאָרבן, אָבער גאָלאָ איז ניט שולדיק אין איר טויט, ווי קיינער אויף דער ערד איז ניט שולדיק, וואָס ער פאַלט אַ קרבן פון דער בייזער שפּיל פון די צו אונז פיינדלעכע כוחות. „דאָס איז געווען נעבעך אַ קליינטשיק וועזן, אָנגעקליידט אין סוד, ווי אַלע אַנדערע..." די מענטשלעכע מעשים און ווערטער זיינען נאָר הילפסמיטלען אויסצודריקן די משונהדיקע און אומערקלערבאַרע אַקציעס פון דער העכערער קראַפט. אין „טענטאַזשעלס טויט" אַנטפּלעקט זיך אין די ווערטער און מעשים פון די ווירקנדיקע פּערזאָנען די מאַטכלאָזיקייט פונם מענטשן, וועלכער שטרעבט צו באַשיצן זיין נישטיקן גליק קעגן דעם פיינדלעכן אומפאַרמיידלעכן פאַטום. די העכערע כוחות מאַכן חוזק פון דער אומפולקומענהייט פון דער מענטשלעכער געפילן־ערקענונג — אין „די בלינדע". יעדע פּיעסע איז אַ שוואַכער שטראַל געוואָרפן אויף דער וועלט פון דעם העכערן סוד. פּעלעאַס און מעליזאַנדע הייבט מיט זיך אָן אַ סעריע ליבע־פּיעסן. אין זיי דערגרייכט דער אינערלעכער טראַגיזם ביז דער העכסטער קראַפט. אונטער דער ווירקונג פון דעם אומערבעטלעכן פאַטום ווערן אין זיי צעבראָכן די האָפענונגען, עס צעגייען ווי רויך אַלע מיני קליגן זיך און אַלע חשבונות פון די מענטשן, עס גייען פאַרלאָרן די סאַמע שענסטע און ליבנדיקע. ליבע — דאָס איז אַ געפיל, וואָס איז אַממערסטן אונטערגעוואָרפן דעם פאַטום. איר אַנטשטיין און אַנטוויקלונג שטעלן פאַר אַ רעטעניש, וועלכע דעם מענטשנס שכל האָט ניט געלייזט. זי ווייס ניט פון קיין געזעצן. זי איז קאַפּריז. אין איר איז ניט מעגלעך צו געפינען קיין צוועקמעסיקייט. און ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס די קאַפּריזן און די אַכזריות פון דעם דאָזיקן געפיל זיינען פאַר דעם סימבאָליסט דער בעסטער סימן, אַז עס זיינען דאָ העכערע כוחות. די דאָזיקע פּיעסן פון ליבע — דאָס זיינען סטילי-

זירטע בילדלעך. זיי זיינען אַלע געבויט לויט איין פּלאַן. די ניט־קלאָרע אומרויִקייט, וועלכע לעבט אין דער נשמה פון דער יונגער פרוי, זאָגט, אַז זי ליבט ניט דעם, וועלכער איז איר באַשטימט פון גורל, אַז זי איז אָפּגעגעבן ניט יענעם, וועלכער עס איז פאַר איר אויסדערוויילט אין דער העכערער וועלט. די דאָזיקע ניט־קלאָרע אומרויִקייט שטעקט אָן דעם צושויער. אינמיטן דעם אויסערלעכן גליק, אינמיטן דער משפחה, אָדער צאַרטע סצענעס פון ליבע מאָלט זיך פאַר אים אויס דאָס בייזע געזיכט פונם טויט. ער קוקט מיט אימה אויף די פריילעכע פּנימער, אויף די לאַסקעס און אויף די שמייכלען און זעט די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער קאַטאַסטראָפע. דער, וואָס וועט ברענגען די אימה און דעם טויט, קומט, וואָרעם ער מוז קומען, וואָרעם עס קאָנען זיך ענדערן די ווערטער און די מעשים פון מענטשן, אָבער עס קאָן אין זיך ניט פעלשן די העכערע, צו דער מענטשהייט פיינדלעכע קראַפט. און וואָס פאַר אַ מעשים מענטשן זאָלן ניט טאָן, וואָס פאַר אַ רייד זייער מויל זאָל ניט ריידן, — פון דעם מאָמענט אָן, ווי ס'האָבן זיך באַגעגנט צוויי איינע פאַר דער אַנדערער אויסדערוויילטע נשמות, הערט דער צושויער נאָר דעם שמועס פון די דאָזיקע נשמות. אַלץ אין דער רעאַלער וועלט ווערט בלאַס, טרעט אָפּ אָן אַ זייט און ווערט ניט נייטיק קעגן דער דאָזיקער קלאָרער שפּראַך פון נשמות. „דאָס איז איינע אַלטע געשיכטע". לויט דער קורצער סכעמע פון הייגעס ליד זיינען געבויט די דאָזיקע קליינע ליבע־פּיעסן. „זי האָט אים געליבט, און ער איז געווען זיכער אין איר ליבע. אָבער סיי אין זיינער, סיי אין איר נשמה האָט געלעבט אַ באַהאַלטענע אומרו. זי האָט געוואַרט אויף עמעצן אומבאַוואוסט פאַר זיך. ער איז געווען אייפערזיכטיק צו איר, אַליין דאָס ניט פאַרשטייענדיק. זיי האָבן ביידע שטענדיק געוואַרט אויף אומגליק, אפילו אין די מאָמענטן, ווען זיי האָבן זיך געליבט אויפריכטיק און הייס. און אַז עס איז געקומען דער אַנדערער, האָבן זיי נאָך לאַנג געגלויבט אָדער געוואָלט גלויבן, און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ס'איז גאָרנישט געשען. אָבער זיי האָבן שוין ביידע געוואוסט, אַז דווקא איצט הייבט זיך אָן דאָס אמתע לעבן, און עס ווערט פאַרשאָטנט יענס פאַלש לעבן, מיט וועלכן זיי האָבן ביז איצט געלעבט. זי און דער אַנדערער האָבן שוין לאַנג איינער דעם צווייטן געליבט, און איינמאָל האָבן זיי איינער דעם אַנדערן געזאָגט. ער האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, און זיי זיינען אַלע דריי פאַרלאָרן געגאַנגען". דאָס איז אַ סכעמע פון די דאָזיקע פּיעסן, פּונקט ווי אַרויסגעכאַפּטע פון אַ ליאַלקע־טעאַטער. אָבער גראָד אין דעם איינפאַכן כאַראַקטער פון שיל־

דערן, אין מעטערלינקס מאַניר גופא איבערצוגעבן אין דער דאָזיקער טראַגע־
דיע ניט עפעקטנפולע האַרצרייסנדיקע מאָמענטן פון אייפערזיכט און רציחה,
נאָר די מאָמענטן פון שטילער פּאַראַכטקייט און אייגאַרטיקער טאָג־טעגלעכ־
קייט, אין דער מאַניר מבליט צו זיין אומבאַמערקט און פשוט דעם אינער־
לעכן זינען פון די לאַגעס, באַשטייט דאָס נייס, וואָס מעטערלינק האָט אריינ־
געטראָגן אין דעם אייראָפּעישן טעאַטער. „זוכט דאָס טראַגישע אין דער אַל־
טעגלעכקייט, וואַרפט אַוועק די עפעקטן און די אויסשליסלעכע לאַגעס, און
זוכט אַ זינען אין ליאַלקעס־עקסיסטענץ, זוכט גרויסע פאַרשיידנאַרטיקייט אין
דער מאָנאָטאָנישקייט פון די באַוועגונגען און געפילן, וועט איר זיך אויסלער־
נען הערן דעם געשפּרעך פון די נשמות, באַגרייפן דאָס אַנדערע אינערלעכע
לעבן״,—דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם נייעם טעאַטער, וועלכע האָט געפונען
די בעסטע לייזונג אין דער סטיליזאַציע, אין דעם אויסטיילן די סאַמע קענ־
טיקע ליניעס און פאַרבן, די סאַמע אַלגעמיינע באַוועגונגען און ווערטער. נעמט
וועלכע איר ווילט פון מעטערלינקס ליבע־פּיעסן, וועט איר אין איר געפינען
די אַנטוויקלונג פון דער אויבן־געבראַכטער טעמע. אין דער פּיעסע „אַלאַדי־
נע און פּאַלאָמיד״ ליבט דער אַלטער אַבלאַמאַר אַלאַדינען. ער האָט זי אַרומ־
גערינגלט מיט וואונדערלעכער נאַטור און קונסטווערק. זי לעבט צווישן ימים
און וועלדער, צווישן אַלטען מיט פיינע פאָנטאַנען. אָבער סיי אין זיין נשמה
סיי אין איר נשמה לעבט אומרו און בייזער פאָרגעפיל. ער קאָן קוקן אויף
איר מיט פאַרגעניגן נאָר ווען זי שלאָפט. ביי טאָג שמייכלט זי צו אים ווי אַ
שונא. זי פייניקט זיך אויך פון עפּעס. „מיר דאַכט זיך, אַז איך בין ניט באַ־
שאַפן צו וואוינען אין דעם דאָזיקן פּאַלאַץ, אָדער גיכער, אַז ער איז געבויט
ניט פאַר מיר,״—זאָגט אַלאַדינע. און ווען פּאַלאָמיד קומט, ווייס אַלאַדינע וועגן
דעם דאָזיקן קומען שוין דאַן, ווען די סאַמע בעסטע שמיעה וואָלט נאָך ניט
געקענט דערהערן דעם קלאַנג פון זיינע פיס. „איך האָב גאָרנישט געהערט״,
זאָגט אַבלאַמאַר. „און איך זאָג אייך, אַז עמעצער גייט אַהער. אָט איז ער״!—
זאָגט אַלאַדין: „אָט איז ער!״—דער דאָזיקער געשריי האָט געלעבט אין איר
נשמה. פון דעם ערשטן טריט אָן איז אַלץ פול געוואָרן מיט וואַרטונג, און
דאַכט זיך ווי די נשמה וואָלט שוין פון פריער געוואוסט אויף פּאַלאָמידן,
וואָלט אים שוין געקענט, און זיין ערשיינען איז ניט געווען קיין אומדערוואַרטע
זאַך, נאָר אַ פאָרזעצונג פון דעם נאַטירלעכן גאַנג פון די געשעענישן. און
ווייטער אַנטוויקלט זיך די פּיעסע, פונקט ווי אַן ערפאַרענער מעכאַניק וואָלט
אויסגעשטעלט די ליאַלקעס און וואָלט אַוועקגעלאָזן גיין די פּרוזשינעס. אַב־

לאַמאַר ווערט נערוועז און חשדנותדיק. דער שווערער נעפּיל פון אומרו וואַקסט אין זיין נשמה. אין פּאַלאַמידעס נשמה האָט זיך זינט אַ צייט „עפּעס צעריסן, גלייך ווי זיין שטערן וואָלט פינסטער געוואָרן, און עס דאַכט זיך, יעדער טריט טיילט אים אָפּ פון זיך אַליין". ניט פּאַלאַמיד, ניט אַלאַדין זעען ניט דאָס, וואָס עס איז שוין לאַנג קלאָר, וואָס עס איז שוין געווען אַ געוויסע זאַך, באַך איידער פּאַלאַמיד האָט זיך באַוויזן. „וואָס וועסטו זאָגן וועגן אים?" — פרעגט אַבלאַמאַר אַלאַדינען. — „איך האָב אים אַזוי ווייניק געזען", — ענטפערט זי. „דו האָסט ליב פּאַלאַמידן און האָסט אים געקושט פאַר מיר אין די אויגן". — „ניין". זיי האָבן ביידע געוואָלט ניט זען דאָס וואָס עס איז שוין פאַראַן. און פשוט אָן ווערטער האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז „עס עקסיסטירט אַ מאַכט אַ מער אומפאַרשטענדלעכע, איידער די שיינקייט פון דער סאַמע וואונדערלעכער נשמה". און זיי זיינען אַלע דריי פאַרלאָרן געגאַנגען, סיי אַלאַדין, סיי פּאַלאַמיד, סיי דער אַלטער אַבלאַמאַר, וואָרעם ליבע און טויט — דאָס איז איינס.

מעטערלינק איז דער גרעסטער פילאָסאָף פון סימבאָליזם, פון די שטרעמונגען און געשמאַקן, וואָס דאָס הייגטיקע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט געבראַכט, האָט ער באַשאַפן אַ האַרמאָנישע סיסטעם, אָפּטיילנדיק זי פונם רעאַלן באָדן, אויף וועלכן זי איז אויסגעוואַקסן. און די דאָזיקע סיסטעם שטעלט זיך פאַר איר באַשעפער פאַר ווי צו זיך אַליין צילנדיקער אמת, וועלכער איז אונטערגעהערט אין דער וועלט פון די העכערע סודות. עס איז נייטיק פיל אָנשטרענגונג און אריינגעטראַכטקייט, כדי פעסטצושטעלן די פאַרבינדונג צווישן דער ערד און מעטערלינקס הימל, כדי צו פאַרשטיין, אַז זיין צווייט העכער לעבן, דאָס לעבן פון דער נשמה וויקלט זיך פונאַנדער באמת שוין גאָר ניט אַזוי ווייט פון דער ערד, אַז די נשמות, וועלכע פירן זייער ניט הערבאַרן געשפּרעך, גיבן איינע דער אַנדערער איבער די סודות, וואָס ביי אַ געוויסער אויפמערקזאַמקייט און אַ גוטן אַנאַליז געפינען זיי אַ פשוטע דערקלערונג אין די געזעצן, וועלכע פירן אָן מיט דער וועלט פון ערשיינונגען, און קיינע סודות און יענוועלטיקס האָבן זיי אין זיך ניט. מעטערלינק האָט אַליין געפּרוּווט פעסטשטעלן די דאָזיקע פאַרבינדונג. שפּעטער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד און געמאַכט אַ פּראָבע קלאָר צו מאַכן די שייכות צווישן די צוויי וועלטן. אין דעם לעצטן פּעריאָד שוין פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז ער דער סאַמע פאַרענדיקטער פילאָסאָף פונם סימבאָליזם און אפשר דער בולטסטער פּאָעט פון דער שול. די איבערגעפילן-וועלט — דאָס איז זיין ספעריע, ער לעבט אין איר, ווי אין אַ באַזונדער ספערע.

איצט איז ער ניט נאָר דער פּאָעט פון די מיסטישע שטרעבונגען פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, דער זינגער פון זיין אימה און זיין קראַפטלאָזיקייט קעגן דעם אומבאַוואוסטן און צופעליקן. אין זיינע לעצטע ווערק איז ער נוטה צום וויסנשאַפטלעכן דענקען און צו די אידעאַלן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. פון אַ מיסטיקער איז ער געוואָרן אַ רעאַליסט און אַ סאָציאָלאָג. ער שטרעבט צו ברענגען אין הסכם זיינע פאָרשטעלונגען וועגן גורל און וועגן דער מענטשהייטס מאַכטלאָזיקייט מיט דער אידעע פון אַקטיוון אַריינמישן זיך אין לעבן, זיין לערע וועגן פאָרגעפיל, אוממיטלבאַרן פאַרקער און העכערע כוחות מיט די עראָבערונגען פון דער וויסנשאַפט, מיט די רעזולטאַטן פון דער גריבלענדיקער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. מעטערלינק פאַלט דערביי אַריין פּונקט אין אַזאַ לאַגע, אין וועלכער ביז אים האָבן זיך געפונען אַלע פילאָסאָפן, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען די ניט־פאַרווירקלעכבאַרע אויפגאַבע שלום צו מאַכן צווישן גלויבן מיטן קריטישן אַנאַליז. האַמלעט, ווערטער, סען־סימאָן — דאָס זיינען קרבנות פון די דאָזיקע פּרוכטלאָזע אָנשטרענגונגען. קיין מיטלוועג איז ניטאָ. איינס פון די צוויי: אָדער ס'עקסיסטירט אַ העכערע קראַפט, וועלכע פירט אָן מיט אַלע אונזערע מעשים און פאַרלאַנגען, אַ קראַפט, וועלכע שטייט אויסערהאַלב און איבער אונז, וועלכע פאַרפאָלגט אירע אייגענע צילן, צו וועלכע עס זיינען אונטערטעניק אונזערע אייגענע צילן און שטרעבונגען; אָדער דאָס לעבן אויף דער ערד אַנטוויקלט זיך ציללאָז, ניט זייענדיק אונטערטעניק צו קיינע זייטיקע אויפגאַבן, ניט זייענדיק באַשטימט דורך קיין אויסערהאַלב איר שטייענדיקן רצון. אין דעם ערשטן פאַל זיינען אַלע אָנשטרענגונגען פון דעם מענטשן פּרוכטלאָזע. ער וועט קיינמאָל ניט משיג זיין דעם פון אייביקאָנעדיקן סוד, ער וועט קיינמאָל ניט וויסן, וועמען און צו וואָס איז בייטיק געוועזן אַראָפּצולאָזן אויף דער ערד מיליאַסן וועזנס מיט דאָרשט נאָך לעבן און מיט אומפאַרמיידלעכן טויט, מיט גרענעצלאָזע באַדערפענישן פון גייסט, און מיט באַגרענעצטער פעיִקייט פון ערקענונג. אים בלייבט נאָר איבער צו לעבן אין אייביקער אומרו, און וואַרטן אויפן טויט און נאָר אומגעפער טרעפן די צילן און כוונות פון דער איבער אים שטייענדיקער קראַפט. צוזאַמען מיט אונזער פּאָעט אויף דער פראַגע „וואו דאָרט?" ענטפערן: „מיר וויסן ניט", צוזאַמען מיט אים וויינען און רופן: „אוי, ווי אונז, געבוירענע אויף דער וועלט!" אין דעם צווייטן פאַל קאָן דער מענטש פון זיך אָפּוואַרפן יעדן געדאַנק וועגן דעם ענדציל פון דער וועלטשאַפונג. ער קאָן שטודירן די געזעצן פון דער לעבנס־אַנטוויקלונג, באַהערשן זיי, געבן דעם לעבן אַ ריכטונג,

און האָבן דעם באַוואוסטזיין, אַז ער איז ניט קיין שפּילצייג אין די הענט פון אַ בלינדער קראַפט, נאָר דער שעפער פון לעבן, וועלכער האָט אַ פולע צילן דאָ אויף דער ערד. אין דעם „אוצר פון ענוים" און אין די באַטראַכטע פּיעסעס, שטייט מעטערלינק אויף דעם ערשטן שטאַנדפּונקט. ער האָט געטאָן אַלץ, כּדי אַריינצודרינגען אין די פאַר אונז געהיימע אייביקע סודות. ער האָט פאַרקערפּערט אין העלע געשטאַלטן די אומרויִקע פּסיכיק פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, וועלכע זוכט אין הימל אַן ענטפער אויף אירע ספקות. אָבער פּונקט אין דעם ערשטן יאָר פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ערשיינט זיין „דאָס לעבן פון די בינען", און אין אַ יאָר אַרום גייט אַרויס זיין „פאַרבאָרגענער היכל" און נאָכדעם אַנדערע פילאָסאָפישע „L' intelligence des fleurs, Le donble jardiu“ ווערק אין זיי פּרוווט זיך מעטערלינק צו שטיצן אויף דעם קריטישן אַנאַליז אין דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, ניט אָפּזאָגנדיק זיך פון פריערדיקן מיסטיציזם, צוליב וואָס עס באַקומט זיך אַ פּלאָנטער פון באַגריפן. דער „פאַרבאָרגענער היכל" איז דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פון מעטערלינקס פילאָסאָפישע ווערק פאַר דעם צווייטן פּעריאָד. דאָס איז דער בעסטער עדות דערויף, אַז דער מענטשלעכער געדאַנק קאָן אומבאַשטראָפט ניט מאַכן קיין שפּרונג אויף צוריק. יעדע נייע עראָבערונג פון דער וויסנשאַפט שוואַכט אָפּ דעם צופלוס פון דער מיסטישער כוואַליע. דער XIX יאָרהונדערט האָט אויסגעגראָבן אַ טיפן אָפּגרונט צווישן מיסטיציזם און דעם היינטיק-צייטיקן, און דעם דענקער, וועלכער וויל זיך צוריקקערן צו דער מיסטיק און יענער וועלט, איז שווער אַריבערצושפּרייזן איבער אַ גאַנצן יאָרהונדערט פון וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

„איך רייד פאַר די, ווער עס גלויבט ניט אין דעם קיום פון דעם איינציקן שופט, דעם אַלמעכטיקן און אומפעלערהאַפטן, וועלכער לויערט טאָג און נאַכט נאָך אונזערע געפילן און מעשים, שטיצט די גערעכטיקייט אויף דער וועלט, און דערפילט זי אויף יענער וועלט". מיט אַזעלכע ווערטער הייבט זיך אָן דער „פאַרבאָרגענער היכל". אין אונזער צייט קאָן מען ניט איגנאָרירן די אומגלויביקע, און יעדער גלויביקער מוז זיין גלויבן פאַרבינדן מיט די פאָדערונג פון קריטישן שכל. צוליב וואָס האָט מעטערלינק געדאַרפט פעסטשטעלן די דאָזיקע פאַרבינדונג? זיין „פאַרבאָרגענער היכל" גיט ניט בלויז אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע, נאָר ער מאַכט אויך קלאָר, וואָס איז דער געזעלשאַפטלעכער אונטערשלאַק פון היינטיקן מיסטיציזם. ער איז דער פּועל-יוצא פון דעם פירוד, וואָס האָט זיך באַזעצט אין די מוחות פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. כּל-זמן די בורזשואַזע אָרדענונג איז געווען פעסט, און די ניי

קרעפטן, וועלכע האָבן ערשט געזאָלט חרוב מאַכן, זיינען נאָך געווען אַזוי שוואַך, אַז זיי האָבן וועגן זיך ניט געלאָזט וויסן, איז אויך די וועלטאַנשויונג, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אויף די יסודות פון דער בורזשואַזער אָרדענונג, געווען אַ גאַנצע און האָט ניט געוואוסט פון וואַקלען זיך. אָבער אין אונזער צייט, ווען די בורזשואַזע געזעלשאַפט לעבט איבער איר קריזיס, ווען אירע פאָרשטעלונגען וועגן יושר און מאָראַל ווערן דיקטירט דורך די עלעמענטן פון דעם עתיד, און די לעבנספאָרמען בלייבן נאָך בורזשואַזע, — אין אונזער צייט איז די צעצווייַקטקייט פון דער געזעלשאַפט פאַרשטאַרקט געוואָרן אַזוי, אַז אַלע מאָראַלישע פאָרשטעלונגען האָבן פאַרלאָרן זייער פעסטקייט. די קינפטיקע מאָראַל רעדט שוין וועגן דעם, אַז אייגנטום איז אַ שלעכטס, דער דרוק פון דער פראָלעטאַרישער וועלטאַנשויונג האָט שוין אונטערגעבראָכן די פּרינציפּן פון איר אומבאַרירלעכקייט, און אין דער זעלבער צייט האַלטן זיך נאָך די לעבנספאָרמען אויף דעם דאָזיקן פּרינציפּ. אין עפּאָכעס פון קריזיס באַווייזט זיך שטענדיק די דאָזיקע צווייַקייט. אַמאָל וואָלט איינעם אַ באַנדערבי אויפן זינען ניט געקאָנט קומען די פראַגע וועגן דעם, פאַרוואָס איינע אַרבעטן און גייען אויס פון הונגער, און אַנדערע זיינען רייך און גייען אַרום ליידיק. באַנדערבין האָט עס אויסגעוויזן באַטירלעך און פולקום האַרמאָניש מיט דעם העכערן יושר, וואָרעם די עלעמענטן, וועלכע האָבן צעבראָכן די דאָזיקע האַרמאָניע, זיינען נאָך געווען צו-שוואַך; די בורזשואַזיע האָט שוין אָפּגעלעבט די עפּאָכע פון איר נצחון. ניט נאָר די באַנדערביס. נאָר אַפילו די סטעפּענס האָבן נאָך ניט געשטעלט די דאָזיקע פראַגעס. ניט די הערשערישע אַליין, נאָר אַפילו די עקספּלואַטירטע קלאַסן האָט דאָס רוב די דאָזיקע אָרדענונג אויסגעוויזן נאָרמאַל. דיסהאַרמאָניע און צעצווייַקטקייט עקסיסטירן אַלע מאָל. אין די עפּאָכעס, ווען די וועלטאַנשויונג, וועלכע איז געבויט לטובת די אינטערעסן פון די הערשערישע קלאַסן, איז נאָך ניט געריררט, איז ניטאָ קיין נויטווענדיקייט צו ווענדן זיך צו העכערע כוחות און צו סודות. דאָס וואָס עס איז דאָ אין דערווירקלעכקייט, שטימט אומגעפער מיט אונזער פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס עס דאַרף זיין. ניט אַזוי איז עס היינטיקע צייט. דאָס עס קומט פאָר, שטימט שוין לאַנג ניט דערמיט, וואָס, לויט אונזערע איבערצייגונגען וואָלט געדאַרפט פאָרקומען. און אין דער דאָזיקער צייט הייבן מיר אָן צו ריידן וועגן דער „שטימע פון אמת", וועלכע לעבט אין אונז און וועלכע געפינט זיך אין אַ דיסהאַרמאָניע מיט דער ווירקלעכקייט, ניט באַמערקנדיק, אַז די דאָזיקע „שטימע פון אמת" איז נאָר די אידעאָלאָגיע פון די רעאַלע באַציִונגען פון דעם פאַריקן

און קומענדיקן פעריאָד, איז נאָר אַ מאָראַלישע. פאָרשטעלונג, וועלכע איז אומזיסט פאַרבליבן פון דער פאַרגאַנגענהייט אָדער אַרויסגעפירט פון די באַדערפענישן פון דער צוקונפט, וואָס האָט שוין אין דער געגנוואַרט הויך געלאָזט וויסן וועגן זיך.

דווקא אין דעם דאָזיקן מישמאַש פון באַגריפן קאָן זיך מעטערלינק ניט פונאַנדערקלייבן. אָט פאַרוואָס ריכטיקע געדאַנקען מישן זיך אין „פאַרבאָרגענעם היכל" צונויף מיטן מודה זיין זיך אין דער אייגענער מאַכטלאָזיקייט, מיט דער אידעע וועגן אומבאַוואוסטן, מיט געשרייען וועגן ניט אַנטפּלעקטן סוד.

ס'קאָן זיין, אַז קיינער האָט בעסער פאַר מעטערלינקן ניט באַוויזן, אין וואָס באַשטייען די רעאַלע סיבות, וועלכע האָבן אין אונזער צייט אַרויסגערופן די אויפלעבונג פונם מיסטיציזם. „מיר זיינען, זאָגט ער, ווייטער געבליבן שטיין לעבן יענעם פינסטערן פונקט, וואו עס ענדיקט זיך דער איינפלוס פון דעם יושרדיקסטן און אויפגעקלערטסטן מענטשלעכן ווילן אויף די געשעענישן, פון וועלכע עס הענגט אָפּ אונזער הצלחה אָדער מפּלה". אָט וואו עס ליגט די סיבה פון דער מחלוקה: מיר קאָנען שוין מער ניט קירעווען די געשעענישן לויט אונזערע פאָרשטעלונגען וועגן „דעם יושרדיקסטן און אויפגעקלערטסטן ווילן", ד. ה. אַנדערש גערעדט, די געשעענישן, וועלכע באַשטימען אונזער הצלחה, אָדער פאַרקערט, זיינען אַוועק פון אונטער דער מאַכט פון דעם אויפגעקלערטן שכל. אַזוי אַרום איז די סאָציאַלע אומאָרדענונג — דער גרונט פון דעם פּירוד, וואָס לעבט אין דער נשמה פון דעם היינטיקן מענטשן. מעטערלינק גיט אָפּילו אַ רשימה פון די פראַגן, וועלכע גייטן דעם היינטיקן מענטשן אָנערקענען, אַז די העכערע קראַפט איז צו אונז פיינדלעך און לאַכט אויס פון דער „שטים פון אמת", וועלכע לעבט אין אונז אינעווייניק. „פאַרוואָס טוט דער אָדער יענער פאַרשטאַנדיקער מענטש דעם אָדער יענעם טאַט, דעם אָדער יענעם פאַרברעכן? פאַרוואָס קאָן זיך די פרוי, וועלכע ווייס, וואָס זי טוט, ניט אָפּהאַלטן פון דעם טאַט, וואָס פאַרמשפּט זי אויף אייביקן אומגליק? ווער האָט אויסגעשמידט די רינגען פון דער דאָזיקער קייט פּורעניות, וועלכע האָט אַרומגעפּענטעט די שוצלאָזע משפּחה? פאַרוואָס ווערט אַלץ חרוב אַרום איינעם, און אָרדנט זיך אויסגעצייכנט איין ביי אַן אַנדערן", ווייניקער שטאַרקן, ווייניקער קלוגן, ווייניקער טעטיקן און פעיקן? פאַרוואָס איז איינעם געגעבן ליבע, באַשיידנקייט, שיינקייט, און פאַרוואָס שטויסט זיך דער צווייטער אין זיין וועג אָן אויף שנאה, בגידה און צאָרן? פאַרוואָס זיינען מענטשן פון

גלייכער ווערדע געמשפּט: איינעם פאַרעקנשט גליק, דעם צווייטן אומאויפהערלעך אומגליק? פאַרוואָס איז אַ שטענדיקער שטורעם איבער איין דאַך, און איבער דעם צווייטן כּסדר אַ שטערנדיקער הימל? פאַרוואָס קומט איינעם זשעני, געזונט, עשירות און דעם צווייטן אָרעמקייט, חולאת און אידיאָטיזם? פונוואַנען ווערט געבוירן ליידנשאַפט, דער קוואַל פון אַזויפיל שלעכטס; פונוואַנען נעמט זיך די ליידנשאַפט, דער קוואַל פון גוטס אָן אַ שיעור? פאַרוואָס גייט דער יונג, וועלכן איך האָב נעכטן באַגעגנט, ניט איילנדיק זיך צו אומערמערלעכן וואוילטאָג, און אין נאָמען פון וואָס גייט זיין פריינד מיט דעם זעלביקן פרידלעכן, אומוויסנדיקן און רויִקן טריט צום טויט"?

מען דאַרף דען דערווייזן, אַז אַלע די דאָזיקע אַנאָמאַליעס גיבן אָרט פאַר צוויי־ערלייִקער ערקלערונג? עס עקסיסטירט גאָט אָדער אַן אַנדערע העכערע קראַפט. פאַר אירע צילן זיינען נייטיק אַלע די דאָזיקע ערשיינונגען, וועלכע ווייזן אונזער שכל אויס ווי אומצוועקמעסיק. אונז בלייבט אויס מער ניט ווי אָדער אייביק צאָרנען, אָדער אונטערגעבן זיך און גלויבן, אַז ערגעץ וואו אין אַן אַנדער וועלט וועט די צעשטערטע האַרמאָניע באַקומען תּיקון. נאָר עס קאָן אָבער זיין נאָך אַן אַנדער ערקלערונג: מען קאָן געבן פּשוטע קלאָרע ענטפערן אויף די פראַגן פון דעם אויטאָר. מען קאָן דערווייזן, אַז אייניקע פון זיי זיינען ניט ריכטיק געשטעלט.

„פאַרוואָס קאָן די פרוי, וועלכע ווייס, וואָס זי טוט, ניט אָפּהאַלטן זיך פון דעם, וואָס פאַרמשפּט זי אויף אומגליק?" ווען מעטערלינק וואָלט זיך געקענט שטעלן אויפן מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט, וואָלט ער געשטעלט אַן אַנדער פראַגע: „צי איז נייטיק, אַז די פרוי, וועלכע טוט אָפּ אַ מעשה, פון וועלכן זי קאָן זיך ניט אָפּהאַלטן, זאָל פאַרמשפּט זיין אויף אומגליק? צי זיינען ניט פאַרעלטערט געוואָרן די אָנשויונגען און די פאָראורטיילן, וועלכע זיינען די סיבה פון איר אומגליק, מחמת עס זיינען בטל געוואָרן יענע פאָרמען פון וויסנשאַפטלעכן לעבן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די דאָזיקע פאָראורטיילן? אפשר דאַרפן מיר, אָנשטאָט צו רופן צום הימל, זאָרגן וועגן דעם, אַז עס זאָלן ערקלערט ווערן די סיבות, צוליב וועלכע די נייע פאָרמען פון לעבן און די נייע באַדערפעניש פון דער געזעלשאַפט שטימען ניט מיט די פאָראורטיילן, וועלכע זיינען פאַרבליבן פונם עבר, און נאָכן ערקלערן, זען, אַז די דאָזיקע סיבות זאָלן בטל ווערן".

„פאַרוואָס ווערט אַלץ חרוב אַרום איינעם, און אָרדנט זיך איין אויסגעצייכנט ביי אַן אַנדערן, אַ ווייניקער שטאַרקן, אַ ווייניקער קלוגן, אַ ווייניקער

טעטיקן און פעיִקן?״ דאָ וואָלט מען זיך געקאָנט ווענדן צו מעטערלינקן גופא מיט אַ פראַגע: פאַרוואָס, מיינט ער, דאַרף עפּעס ביי דעם ווייניקער שטאַרקן, קלוגן און פעיִקן אַלץ איינאָרדענען זיך ערגער? אפשר וואָלט ער זיך ווייטער סומך געווען אויף דער „שטים פון אמת״, וועלכע רעדט אין אונז לטובת די שטאַרקערע און פעיִקערע? אָבער דאָס וואָלט געווען אַ סומך זיין זיך פון אַ אידעאַליסט. דער מאַטעראַליסט וואָלט אַנדערש געזאָגט: די היינטיקע אָרגאַניזאַציע פון דער אינדוסטריע, וועלכע איז געגרינדעט אויף קאָנקורענץ האָט אין דער שפּיץ פון דער געזעלשאַפט אַוועקגעשטעלט די סאַמע שטאַרקע טעטיקע און פעיִקע. האָבן מיר די דאָזיקע איינגעשאַפטן דערהויבן צו אַ אידעאַל, און די „שטים פון אמת״, וועלכע פאַסט זיך שטענדיק צו אויף אַ וואונדערלעכן אופן צו די אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאַסן, האָט אָנערקענט די מערערע רעכט פון די „שטאַרקע, קלוגע און פעיִקע״, אַז אַרום זיי זאָל זיך אַלץ „איינאָרדענען אויסגעצייכנט״. און די „שטימע פון אמת״ איז באַליידיקט. ווען עס קומט אויס פאַרקערט. פרעגט זיך ווייטער, פאַרוואָס־זשע, פונדעסטוועגן, ווערט חרוב אַלץ ביי די שטאַרקע און פעיִקע, וויבאַלד אַז זייערע מעלות גיבן אַממערסטן די מעגלעכקייט צו דערגרייכן מאַכט און עשירות? מחמת גאָר אַ פשוטע סיבה. יענע לעבנסאָרדענונג, וועלכע פאַרזיכערט די הערשאַפט פאַר די שטאַרקע און קלוגע, איז שוין צעטרייסלט. די שטאַרקע, קלוגע, טעטיקע און פעיִקע פילן זיך שוין ניט פאַר קיין האַרן אזוי זיכער, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק. בכן, קאָן מען אויף מעטערלינקס פראַגע געבן אַזאַ ענטפער: דאָס שטאַמט דערפון, וואָס מיר לעבן אויף דער גרענעץ פון צוויי פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס; דאָס בורזשואַזע פאַרשטיין, וואָס האָט זיך אונז איינגעוואָרצלט פון אַמאָליקע פאָרמען פון ווירטשאַפטלעכן לעבן, זאָגט אונז, אַז די שטאַרקערע און די פעיִקערע מוזן אויך באַקומען מערער, אָבער די בורזשואַזע אָרדענונג איז שוין מער ניט בכוח אונטערצוהאַלטן די דאָזיקע פּרינציפּן אין לעבן, ווייל קעגן איר שטייען כוחות, וועלכע טראָגן מיט זיך נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע.

די צופעליקייט און ריזיקע, די אומאויסמיידלעכע רעזולטאַטן פון דער קאָנקורענץ, די אומענדלעכע מיטגייער פון יעדן מענטשן פון היינטיקער צייט, קאָנען דינען אַלס ערקלערונג פון אַנדערע אַנאָמאַליעס, וועלכע באַאומרויִקן מעטערלינקן. פאַר דעם מענטשן, וועלכער שטייט אויפן רעאַלן באָדן, וועלן זיי קלאָר מאַכן, פאַר וואָס צוויי מענטשן פון גלייכער ווערדע זיינען ניט גלייך גליקלעך. פאַרוואָס איז אַ שטענדיקער שטורעם איבער איין דאַך, און איבער

דעם צווייטן — כסדר אַ שטערנדיקער הימל. ענדלעך, האָט שוין די סאָציאָלאָגיע באַלויכטן די פראַגע וועגן דער שייכות צווישן „אַרעמקייט, חולאת און אידעאַטיזם", פון איין זייט, מיט דער סאָציאַלער אָרדענונג — פון דער צווייטער זייט. אַפילו די פראַגע וועגן דעם, „פונוואַנען קומט די ליידנשאַפט, דער קוואַל פון אַזוי פיל שלעכטס, פונוואַנען קומט די ליידנשאַפט, דער קוואַל פון גוטס אָן אַ שיעור — וואָלט מען געקאָנט ריכטיקער שטעלן, אויב מען וואָלט פרעגן: צי איזווירקלעך ניט מעגלעך איינצואָרדענען די געזעלשאַפט אַזוי, אַז די ליידנשאַפט זאָל זיין אַ קוואַל פון גוטס און ניט פון שלעכטס. די ליידנשאַפט איז דאָך אַ קוואַל פון שלעכטס נאָר דערפאַר, וואָס די געזעלשאַפט, וועלכע רינגלט אַרום דעם מענטשן, איז אָנגעזאַפּט מיט פאָראורטיילן, האַלט זיך לאַנג איינגעצאַמט אין די אַלטע מאָראַלישע ווערטן, און איז ניט אימשטאַנד צו פאַרשטיין, אַז צוזאַמען מיטן אָנקומען פון נייע באַדערפעניש, מוזן זיך דידאַזיקע ווערטן ענדערן.

די פּראָגראַם פון די פראַגן, וועלכע מעטערלינק האָט אַוועקגעשטעלט, זאָגט עדות, אַז די „אומלייזבאַרע רעטעניש", וועלכע ברענגען אים אין פאַרלעגנהייט, זיינען מער ניט ווי סתירות, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון קריזיס, וואָס די בורזשואַזע געזעלשאַפט לעבט איבער. מעטערלינק אַליין ווייס, אַז אין דעמדאָזיקן קריזיס איז פאַרבאָרגן די סיבה פון היינטיקן מיסטיציזם. „דאָס לעבן שטעלט אונז אָפט פראַגן פון דעם מין, אָבער ווי אָפט דאַרפן מיר, כדי צו געבן אויף זיי אַן ענטפער, ווענדן זיך צו דעם געביט פון איבערנאַטירלעכן, אומבאַשטימטן, איבערמענטשלעכן, צו דעם געביט פון סוד!"

קיין וואונדער ניט, וואָס מעטערלינק ערשיינט פאַר אונז אַמאָל אין דער ראָלע פון אַ מאַטעריאַליסט, אַמאָל — פון אַ מיסטיקער. לאָמיר אים באַטראַכטן אין יעדער ראָלע באַזונדער. ער אַליין גיט אַ אולטראַ-מאַטעריאַליסטישע ערקלערונג אונזערע אידעען און מאָראַלישע פאַרשטעלונגען. „צופאַסנדיק זיך צום קיום, זיינען מיר נאַטירלעך געקומען דערצו, וואָס מיר האָבן מיט אונזער מאָראַל אָנגעזאַפּט אַלע פּרינציפּן פון קאַוואַליטעט, וועלכע מיר האָבן אָפּטער באַגעגנט, אַזוי אַז מיר האָבן באַשאַפן גאָר אַ באַפרידיקנדיקע אילוזיע פון פאַראַנגענעם משפּט, וועלכער באַשענקט אָדער שטראָפט פאַר דאָס רוב מעשים אונזערע, געווענדט אָן דעם, צי זיי דערנענטערן זיך, צי זיי דערווייטערן זיך פון געוויסע געזעצן, וועלכע זיינען נייטיק אונטערצוהאַלטן דעם קיום. קלאָר, אַז אויב איך פאַרזיי מיין פעלד, האָב איך הונדערט מאָל מער שאַנסן אַראָפּצונעמען דאָס געראַטעניש, איידער מיין שכן, וועלכער האָט זיין פעלד ניט גע-

זייט, וועלנדיק בעסער לעבן אַ פֿויל און פֿאַרשווענדעריש לעבן. אַזוי אַרום ווערט די אַרבעט באַצאָלט מיט דער זעלבסטצופֿרידענער זיכערקייט, און מיר האָבן פֿון דער אַרבעט געמאַכט אַן אַקציע איבערהויפּט אַ מאָראַלישע און דעם גרעסטן חוב, מחמת זי איז נייטיק פֿאַר אונזער קיום". אין דער דאָזיקער טריאַדע זיינען פֿאַראַן אַלע עלעמענטן פֿון דער מאַטעריאַליסטישער וועלטאַנשויונג. מיר האַלטן פֿאַר מאָראַליש אין לעצטן סך הכל אַלץ, „וואָס עס איז נייטיק אונטערצוהאַלטן אונזער קיום". אין אַ צווייטן אָרט זאָגט מעטערלינק בפֿירוש, אַז מיר פֿאַרגעטערן אונזערע געפֿילן „וועדליק אונזערע אינטערעסן", און אַזוי ווי די געטער האָבן ניט מער קיין נעמען, דעריבער „פֿאַרגעטערן מיר אונזערע געפֿילן ווייניקער פּינקטלעך און ווייניקער אויפֿריכטיק". דאַכט זיך, אַז ביי אַזאַ שטאַנדפּונקט איז ניט נייטיק אָפּצולייקענען די כוונה־תחילה, די פֿאָראויסבאַשטימטע כוונה פֿון דעם משפּט. צווישן אונזער מאָראַלישן געפֿיל און דעם לעבן איז ניטאָ קיין קאָנפֿליקט. וויבאַלד אַז דער דאָזיקער מאָראַלישער געפֿיל איז אַ מסקנא פֿון לעבן. אמת, אַרבעט איז אַ מאָראַלישע אַקציע. אין דער דאָזיקער קאָנצעפּציע איז אַלץ לאָגיש: דער מאָראַלישער געפֿיל מיט דער ווירקלעכקייט דעקן איינער די צווייטע. און אויב אַזוי וואָלט שטענדיק געווען, וואָלט מעטערלינק אפשר מודה געווען,—פֿולקום אין גייסט פֿון מאַטעריאַליזם,—אַז די מאָראַל איז בלויז אַן אויספֿיר פֿון אונזערע אינטערעסן, און דעריבער איז צווישן דער „שטים פֿון אמת" און צווישן די פֿאַקטן ניטאָ קיין סתירה.

אָבער מעטערלינק געפֿינט ניט, אַז דאָס שטימט. צופֿאַלן ווי דער נאָר וואָס געבראַכטער, ווען דער מאָראַלישער געפֿיל מיט דער ווירקלעכקייט גייען זיך ניט פֿונאַנדער, זיינען זעלטן. דאָס וואָס עס קומט פֿאָר אין דער ווירקלעכקייט, איז גרעסטנטייל, נאָך זיין מיינונג, סותר אונזער מאָראַלישן באַוואוסטזיין. ובכן, איז דער דאָזיקער מאָראַלישער באַוואוסטזיין ניט קיין אויספֿיר פֿון דער ווירקלעכקייט, נאָר אַ פֿאַראַלגעמיינערונג פֿון איר. דאָס איז—דער אומאָפּהענגיקער פֿון דער רעאַלער וועלט, אויף אַן אומבאַוואוסטן אופֿן אַנטשטייענדער באַוואוסטזיין. מעטערלינק ווערט ווידער פֿון אַ מאַטעריאַליסט פֿאַרוואַנדלט אין אַ אידעאַליסט, ער קערט זיך צוריק אום צו דער אידעע פֿון צו זיך זעלבסט־צילנדיקער מאָראַלישקייט, וועלכע לעבט אין אונז. „געוויס, אַז אין דער טיפֿעניש פֿון מאָראַלישן לעבן ביי יעדן פֿון אונז געפֿינט זיך די געשטאַלט פֿון דער אומזעבאַרער און אומאונטערקויפֿבאַרער גערעכטיקייט, וועלכע מיר האָבן אומזיסט געזוכט אין די הימלען, אין דער וועלט און אין דער

מענטשהייט". בכן, איז ווידער אַ פּירוד, ווידער אַ קאָנפליקט צווישן דעם מאָ־ראַלישן באַוואוסטזיין און די קרעפטן, וועלכע קירעווען דעם גאַנג פונם לעבן. ווידער זעט מעטערלינק איין, אַז דאָס וואָס עס קומט פאָר אין לעבן, שטימט ניט מיט אונזערע פאָרשטעלונגען וועגן גערעכטיקייט. „די דאָזיקע געשטאַלט פון גערעכטיקייט פאַרקלענערט ניט און פאַרגרעסערט ניט אונזער עשירות, ווענדט פון אונז ניט אָפּ ניט קיין מחלות, ניט קיין דונערשלאַג; זי קען ניט פאַרשלינגען דאָס לעבן פון אונזערן אַ טייערן וועזן; נאָר אויב מיר האָבן זיך אויסגעלערנט ליב צו האָבן, אויב מיר האָבן, אַנדערש גערעדט, ערפילט אונ־זער חוב באמונה, האַלט זי אונטער אין דער טיפעניש פון אונזער כוח און האַרץ אפשר אַ פאַרצווייפלטע, אָבער אַן איידעלע און אַן אומערשעפּלעכע באַ־פרידיקטקייט, אַ לעבנס־ווערדע, וועלכע וואָלטן געקלעקט אַנצופילן אונזער קיום אפילו נאָך דער פאַרלאָרענער עשירות, נאָך די אומגליקן און קראַנקהייטן, וואָס האָבן אונז געטראָפן, נאָך דעם ווי דער געליבטער נפש האָט אונז אויף איי־ביק פאַרלאָזן. גוטער געדאַנק און גוטער טאַט טראָגן אַריין אין אונזער האַרצן די פרייד פון באַשענקונג, וואָס די אָפּוועזנהייט פון אַן אַלגעמיינעם שופט אין דער נאַטור ערלויבט אונז ניט זי צו פאַרשפּרייטן אויף אַלע געגנ־שטאַנדן אַרום אונז. דאָס גליק, וואָס זיי איז ניט באַשערט צו געבן דער אויי־סערלעכער וועלט, באַמיען זיי זיך אַריינצוטראָגן אין אונזער אינערלעכער וועלט. די געשטאַלט פון משפט פילט אָן אונזער נשמה, ובפרט אַז זי האָט ניט קיין אויסערלעכע אויסגוסן; זי גרייט אָן דעם נייטיקן שטח פאַר דעם שכל, שלום, ליבע, וועלכע וועלן זיך בהדרגה אַלץ פאַרמערן. זי איז מאַכט־לאָז פאַר די געזעצן פון דער נאַטור, אָבער זי קיניגט אַלמעכטיק איבער די געזעצן, וועלכע באַדינגען דאָס גליקלעכע גלייכגעוויכט פון דעם מענטשנס געוויסן". אַזוי אַרום זיינען די העכערע כוחות, וועלכע קירעווען דאָס לעבן און די געשטאַלט פון משפט אין אונז אומאָפּהענגיק איינע פון די אַנדערע. די געשטאַלט פון משפט קאָן ניט באַזייטיקן קיינעם פון די אומגליקן, וואָס די העכערע כוחות האָבן מיט זיי אַרומגערינגלט אונזער לעבן. זי קאָן אונז נאָר געבן דאָס גליקלעכע גלייכגעוויכט פון דעם מענטשנס געוויסן.

לאָמיר מאַכן אַ סך־הכל צו די דאָזיקע שלום־פּרוון מעטערלינקס, און מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן דעם גאַנג פון זיינע אידעען אין אַזאַ פאָרמול: „אין אונזער נשמה עקסיסטירט אַ באַשטימטע געשטאַלט פון משפט". אָבער דאָס לעבן אַנטוויקלט זיך אויף זיין שטייגער און איז סותר אונזער דאָזיקער אי־נערלעכער פאָרשטעלונג וועגן משפט. קלאָר, אַז צווישן אונזער אינסטינקט און

די העכערע קרעפטן, וועלכע קירעווען דאָס לעבן, איז ניטאָ קיין אַלגעמיינע, און אַז די העכערע כּוחות לאָכן פון אונז און זיינען צו אונז פיינטלעך. אויב אונזער איגערלעכע פאַרשטעלונג וועגן יושר פאַלט אַפילו אַמאָל צונויף מיט די פאַקטן פון דער ווירקלעכקייט, קומט עס פאָר מחמת דער סיבה, וואָס מיר זיינען נוטה די געזעצן פון יושר אַרויסצופירן פון דעם גאַנג פון דער ווירקלעכקייט. אין אַזאַ געדאַנקען-גאַנג איז באַהאַלטן אַ טיפּע מיספאַרשטענדעניש. גלייך ווי מעטערלינק וואָלט אָנערקענט אין אונז דאָס פאַרהאַנען זיין פון צוויי געשטאַלטן פון משפט: איינע, וואָס איר אָפּשטאַמונג איז אומבאַוואוסט, די צווייטע—וואָס שטאַמט פונם אָפּשאַצן די פאַקטן פון דער ווירקלעכקייט. מעטערלינקס טעות באַשטייט אין דעם, וואָס ער זעט ניט, אַז די ערשטע „געשטאַלט פון משפט" שטאַמט אויך פונם אָפּשאַצן די רעאַלע פאַקטן. זיין טעות באַשטייט אין דעם, וואָס אין דער ערשטער, אַזוי צו זאָגן, מיסטישער געשטאַלט פון משפט, שליסט ער איין יענע פאַרשטעלונגען וועגן יושר, וואָס ער באַמערקט ניט זייער אָפּשטאַמונג פון מאַטעריעלע אינטערעסן. אין דער ריכטיקייט פון דעם דאָזיקן געדאַנק איז ניט שווער זיך צו איבערצייגן, אויב מיר ווילן ביי מעטערלינקן געפינען קאָנקרעטע דעפיניציעס פון דער דאָזיקער מיסטישער „געשטאַלט פון משפט". אַזוי ווייזט זיך אין איין אָרט אַרויס, אַז די דאָזיקע „געשטאַלט פון משפט" פאַרבאָט אונז צו „שטרעבן צום אייגענעם נצחון, ניט נעמען אין אַכט די רעכט, ליידן, אומשולדיקייט, שיינקייט, די מאָראַלישע און גייסטיקע מעלות פון אונזערע קרבנות". ס'איז ניט שווער צו זען, אַז די דאָזיקע פּראָגראַם—דאָס איז אַ פּראָגראַם, וועלכע איז אַרויסגעפירט פון פולקום רעאַלע אינטערעסן, אַז זי איז—די מאָראַל, אין וועלכער עס פילט זיך דער אַרויסטריט פון אַ נייער געזעלשאַפטלעכער גרופּע, וועלכע צעטרייסלט די יסודות פון דער בורזשואַזער אָרדענונג, אַז אין דער צוקונפט, ווען דידאָזיקע גרופּע וועט איינשטעלן אירע ווערטן אַלס הערשנדיקע, וועט פאַר יעדן זיין קלאָר, אַז דידאָזיקע מאָראַל איז פּשוט די אידעאָלאָגיע פון די רעאַלע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען. די היינטיקע בורזשואַזע ווירקלעכקייט ווידערשפּרעכט איר; דעריבער דאַכט זיך מעטערלינקן, אַז דידאָזיקע מאָראַל האָט ניט קיין וואָרצלען אין דער רעאַלער ווירקלעכקייט, און ער רעכנט זי גלייך אַריין אַלס אומדערקלערבאַרע „געשטאַלט פון משפט". אויך אין אַלע אַנדערע פאַלן קומט די דאָזיקע געשטאַלט צו הילף דעמאָלט, ווען אונזערע מאָראַלישע פאַרשטעלונגען זיינען אָדער פאַרבליבן פונם עבר, אַנטשטאַנען דורכן אָפּשאַצן די פאַקטן פון דער פאַרשוואונדענער ווירקלעכקייט, אָדער זיי הייבן ערשט

אָן ערווערבן זיך אָנערקענונג צוליב דער ערשיינונג פון די נייע געזעלשאַפט־לעכע קרעפטן. מען קאָן דאָך ניט אָפּלייקענען, אַז אַ באַנדערבי וואָלט זיך אויסגעלאַכט, ווען מען וואָלט וועלן זיין „אייגענעם נצחון" באַגרענעצן מיט די „רעכט און די ליידן פון זיינע קרבנות", אַז ער האָט געהאַט זיין אייגענע „שטים פון משפט", וועלכע האָט קיין אַלגעמיינס ניט מיט אונזער צייט. ווען די „רעכט און די ליידן" פון די קרבנות לאָזן הויך הערן וועגן זיך און פילן הינטער זיך אַ מאַכט.

דווקא פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט דאַרף מען קוקן אויף מעטערלינקס פּרווו שלום צו מאַכן צווישן אַלטן און נייעם, צווישן גלויבן מיט דער וויסנ־שאַפט, דער מיסטישער גערעכטיקייט מיט דער סאָציאַלער. אין דעמדאָזיקן פּלאָנטער פון די באַגריפן ליגט די הויפּט־סיבה פון זיין דורכפאַל. ער פילט, אַז ער קאָן ניט באַהערשן דעם זינען פון דעם געשיכטלעכן פּראָצעס. ער פילט, אַז די וויסנשאַפט האָט שוין אויפגעכאַפּט פיל געזעצן אין דעם אַנט־וויקלונגסגאַנג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, נאָר ער קאָן ניט איגנאַנצן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון די אַלטע „גייסטער". „נאַר שרעקעדיק, — זאָגט ער, — און אומזיכער פּרובירט אַ טיילכל פונם מענטשלעכן געדאַנק אויפ־צוהייבן זיך העכער פאַר דער אויבערפלאַך פון דער ווירקלעכקייט. דער מענטשלעכער געדאַנק קאָן פיל אויפטאָן. ער האָט סוף־כל־סוף געבראַכט וואונדער־לעכע פאַרבעסערונגען פון פיל זאַכן, וועלכע מען האָט געהאַלטן פאַר אומענ־דערלעך אין מין און אין גוף. אָבער אויך אין דעם אויגנבליק, ווען ער פאַר־טראַכט עפּעס איינפירן אַ נייס, זעט עס פאַר, האָפט אויף זיין פאַרווירקלע־כונג, בלייבט ער פאָרט אונטערטעניק דער מאַכט און דער מאַניר — צו זען, פילן און פאַרשטעלן אין דמיון — פון דעם גופא, וואָס ער וויל ענדערן. אויף באָרניט געקוקט געהערט ער כמעט לחלוטין צו דעם גופא, וואָס ער וויל משנה זיין", אין דידאָזיקע ווערטער האָט מעטערלינק פאַרטרעפלעך באַשטימט דעם מהות פון זיין אייגענער סאָציאַלער וועלטאָנשויונג. ער געהערט צופיל צו דעם גופא, וואָס ער וויל ענדערן". די אינערלעכע „געשטאַלט פון משפט", וואָס לעבט אין אים, איז אויסגעשניטן פון שטיקלעך אַלטס און נייס. ער איז דער פּריידיקער פון גלייכהייט און רחמנות, פון יענע „גייסטער", פון וועלכע שטירנער און ניצשע האָבן זיך ניט געקענט אינגאַנצן באַפרייען, פונקט אַזוי ווי מעטערלינק קאָן זיך פון זיי ניט באַפרייען. דידאָזיקע גייסטער דריקן די פרייהייט פון דער פּערזענלעכקייט, די פרייהייט פון עקספּלאָאַטאַציע, דעם אומבאַצוימטן עגאָיזם. שטירנער און ניצשע האָבן פשוט געוואָלט אַפּוואַרפן

זייער מאַכט, און האָבן גערופן צו קעמפן קעגן זיי. מעטערלינק האָט אין זיך ניט געפונען קיין מוט צו טאָן אַזוי. ער האָט געלייזט די אויפגאַבע אויף אַן אַנדער אופן. ער האָט באַשאַפן די דואַליסטישע פילאָסאָפיע, וועלכע ערלויבט צו לעבן בשלום לעבנאַנאַנד דער „שטים פון משפט" מיט די עגאָיסטישע אינסטינקטן. ניצשע האָט געזאָגט דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וועלכע איז באַגרענעצט דורך אַלערליי „גייסטער" אין דער פאָרם פון געוויסן און מיטלייד: „שליידערט אָפּ דידאָזיקע גייסטער און גייט נאָך אײַערע אינסטינקטן". מעטערלינק האָט דער דאָזיקער געזעלשאַפט געזאָגט: „גייט נאָך אײַערע אינסטינקטן, און די „גייסטער" אין דער געשטאַלט פון אײַער אינערלעכער „שטים פון משפט" לאָזט פאַר אײַער צווייטן אינערלעכן לעבן". ווי ווייט עס זיינען ניט איבסען און מעטערלינק, אָבער זיי ביידע זיינען פּאָעטן פון דער צייט פונם קריזיס פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, ביידע זיינען זיי די אידעאָלאָגן פון די געשמאַקן און באַדערפענישן פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, וועלכע שטייט אויפן שיידוועג. ביידע זיינען זיי אויפגעכאַפּט און דערהויבן פון די קלאַסן, וועלכע שטייען נאָך אין דער שפּיץ פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָבער זיי פילן שוין, אַז דער באָדן שאָקלט זיך שוין אונטער זייערע פיס.

## IX

די פסיכיק פון אַ זשוויר.—אילוזיע און פאַרזיכטיקייט.—„לייטענאַנט גוסטל".—„דער טויט".—שניצלערס פילאָסאָפיע: דאָס לעבן איז אַ שפּיל".—די טרילאָגיע „גרינער פּאַפּוגיי" אַלס אויסדרוק פון דערדאָזיקער פילאָסאָפיע.—די טעטראַלאָגיע „לעבעדיגע שטונדען.—„אַנאַטאָל".—שניצלער און מעטערלינק.

אויב מעטערלינק האָט געשילדערט די איבערגעפילן-וועלט לויט זי שטעלט זיך פאָר דעם היינטיקן שכל, האָט אַן אַנדער פּאָעט אויפגעדעקט די סביבה און די געשמאַקן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן צום לעבן די דאָזיקע פאָרשטעלונגען.

שניצלער איז דער אמתער זון פון דער „שיינהייט ווין". אַ מעדיקער לויט דער פּראָפעסיע, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ מיליטערישער ספערע, אַזאַ ספערע, וועלכע האָט פאָרגעשטעלט דעם סאַמע פּאַסיקן באָדן צו קולטיווירן די געוויקסן, וואָס די ווינער זשוּוירנדיקע יוגנט האָט אויסגעכאַוועט. שניצלער איז דער פּאָעט פון ווין. אין זיינע ערציילונגען באַקומט די עסטרייכישע הויפּטשטאָט לעבן, זי באַקומט גייסט, וואַקסט אויס אין אַ שפּילנדיקן ריז. קיינע פון

די איראָפּעיִשע הויפּטשטעט האָט אַזוי גוט ניט איבערגענומען די פּאַריזער קולטור. פּראַכטפולע גאַסן, וועלכע שטאָלצירן מיט שיינע קונסטווערק, קאָלאָסאַלע פּלעצער, באַפּוצטע מיט דענקמעלער, סעדער, וועלכע גלאַנצן מיט רייכן גרינס, לסוף דער פּראַטער, ס'דאָזיקע ליבלינג פון די שניצלערישע העלדן, דער פּראַטער, וועלכער איז פּאַרפלייצט פון גרינס, האָט זיך פונאַנדערגעוואָרפן ווי אַ פּעכער פון דעם שטערן פון דעם פּראַטער.—די דאָזיקע הויפּטשטאָט האָט אין זיך אַזאַ באַפעלקערונג, וועלכע קאָן ליידנשאַפטלעך ליבן קונסט, קאָן דינען שאַצן אַלדאָס שיינס. די דאָזיקע באַפעלקערונג האָט אויסערן זינען ליב דאָס לעבן און זיינע פאַרגעניגנס, אָבער זי זוכט ראַפינירטע תענוגים, אפילו די זינלעכע און טירישע ליידנשאַפטן קאָן זי איבערדעקן מיט אַ פיינער דעק.

אמת, ניט פאַר גאַנץ ווין איז דאָס לעבן אַזאַ דורכאויסיקער יום-טוב. אין איין ריי מיט דער זשוירנדיקער גרויסוועלטיקער געזעלשאַפט וואוינט אין די פינסטערע קוואַרטאַלן אַן אָרעמע מאַסע, אָבער דער סוביעקטיווער בליק זעט נאָר די פּרעכטיקע פּאַלאַצן און די רייכע עקיפּאַזשן, ער גייט פאַרביי די ניט שיינע בילדער, און באַשאַפט זיין אייגענע פאַרשטעלונג וועגן דער וועלט, וועגן שיינקייט און מאַראַל פון דעם מאַטעריאַל, מיט וועלכן ער האָט זיך צונויפגעלעבט פון קינדהייט אָן. דער גורל האָט שניצלערן אַריינגעוואָרפן אין דער גרויסוועלטיקער און אָפּיצירן-געזעלשאַפט פון דער עסטרייכישער הויפּטשטאָט. ער האָט איבערגענומען זייערע מאַנירן און רגילותן און האָט זיי איבערגעטראָגן אין זיינע קינסטלערישע יצירות. שניצלער איז דער זון פון זיין סביבה. ער באַזיצט ניט יענע וואַכזאַמע נשמה, וועלכע קאָן זיך אָפּרופן אויף די מחשבות פון דער גאַנצער מענטשהייט, ער האָט זיך ניט פאַרטראַכט וועגן דער לאַגע און דער וועלטאַנשויונג פון די מאַסן, וועלכע מען קאָן ניט און מיט וועלכע מען אינטערעסירט זיך ניט אין זיין קרייז. ער האָט קיינמאָל ניט געמאַכט קיין פּרווו אַריבערצוטרעטן אויף יענער זייט גרענעץ, וועלכע טיילט אָפּ די ווינער הייכע געזעלשאַפט פון די איבעריקע קלאַסן, און שניצלער איז פאַרבליבן דער טאַלאַנטפולער מאָלער נאָר פון יענער סביבה, דער אויסדריקער פון אירע געשמאַקן און אַנשויונגען. דעריבער זיינען טאַקע טייער זיינע שאַפונגען אַלס קולטור-דענקמאָל. זיי אַנטפּלעקן פאַר אונז די פּעדים, וועלכע בינדן צונויף דאָס לעבן פון דעם זשויר מיט דער פילאָסאָפיע פון דואַליזם, מיט די זוכענישן פון ניט עקסיסטירנדע לעבן און וועלט.

זיין העלד—אַ מיטעלער זשויר פון דער העכערער געזעלשאַפט, וועלכער פאַרלעבט אַ 500 גולדן אַ חודש, וועלכער געפינט זיך שטענדיק אין אַ קאָמפּאַ-

ניע פון שאַרפזיניקע שיינע פרויען, וואָס פאַרנעמען אַ מיטל־לאַגע צווישן אַ גריזעטקע און אַ קאָקאָטקע. דער לעבנסציל פון אַזאַ העלד איז יאָגן זיך נאָך תענוגים. זיין זאָרג באַשטייט אין שטענדיקן קאַמף מיט די קרעדיטאָרס, זיינע אויסערלעכע צייכנס — דאָס איז שאַרפזין און אַ געוויסע פיינקייט פון דער הוי־כער געזעלשאַפט. דער דאָזיקער העלד קוקט לייכט אויפן לעבן; דער גאַנצער זינען פון לעבן איז שוין ביי אים לאַנג דערפירט צום אָפּהיטן יענעם קאָדעקס פון אויסערלעכע כּללים און אָנשטענדיקייט, וואָס די סביבה אַרום אים האָט אויסגעאַרבעט. איבערגעגעבן די דאָזיקע אויסערלעכע כּללים, האָט ער זיך אויסגעלערנט זיי צו ערן, ווי אַ הייליקטום, און ער האָט אַליין ניט באַמערקט ווי די געקינצלטע כּללים האָבן אים פאַרביטן די אמתע פאָדערונגען פון דער נאַטור, ווי די רעאַלעווירקלעכקייט איז בעלם געוואָרן הינטער די אילוזיעס, וועלכע ער האָט אַרויסגערופן צום לעבן און וועלכע האָבן באַקומען רעאַלע שטריכן.

ער האָט זיך פאַרגעסן ליבן מיט עכטער ליבע, ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף פרויען מיט די אויגן פון זיין קרייז. ער האָט גוט אויסשטודירט די מעטאָדן פון באַגיין זיך מיט פרויען פון דער געזעלשאַפט און מיט פרויען פון דער פאָרשטאָט. ער האָט פאַרגעסן ריכטיק צו פאַרשטיין די מענטשלעכע ווערדע, און האָט זי פאַרביטן מיט אָפּגערעדטע פאָרשטעלונגען וועגן דער ערע. דועל איז ביי אים ווי אַ סימבאָל פון דער דאָזיקער געקינצלטער וועלט־אָנשויונג: דאָס לעבן איז דאָס טייערסטע גוטס, וואָס דעם מענטשן איז גע־שענקט, די ערע — די סוביעקטיווסטע פאָרשטעלונג, וועלכע איז געבוירן פון קאָרפּאָראַטיווער אָפּגעזונדערטקייט, און דער מענטש איז דאָס ערשטע מקריב לשם דער צווייטער. דועל — דאָס איז אַ געוויינלעכע ערשיינונג אין שניצלערס דראַמען, זי שפּילט אין זיי אַ וויכטיקע ראָלע. פאַר דער ווינער פּאָעט איז עס ניט קיין מיטל צוצוגעבן טשיקאַווקייט דער אינטריגע. זי איז אַן אומאָפּטייל־באַרער עלעמענט, וועלכער איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן לעבן פון אַ געוויסער סביבה. דועל — דאָס איז אַ העכערע אָפּשטאַמונג פון דערדאָזיקער אָפּגערעדטער געקינצלטער וועלטאָנשויונג. ערגעץ אין דער ליטעראַטור איז אַזוי טיף ניט אויפגעדעקט די פּסיכאָלאָגיע פון דעם דועלאַנט ווי אין שניצלערס ווערק. אָן איבערבלייבעניש פון מיטלאַלטערישן ריטערטום, האָט די אידעע פון דועל באַקומען אַן אייגנאַרטיקע פאָרם אין דעם קאָפּ ביי דעם הייניטיקן זשווירנדן ווינער מענטשן. דאָס לעבן, וואָס ווערט געשטעלט אין קאָן צוליב איין וואָרט, צוליב איין זשעסט, וועלכע די סביבה, די דערוואַקסערטע פון דער נאַטור,

האָט צוגעגעבן אַ שרעקלעכן טייטש, — די דאָזיקע טעמע האָט פון גאָר פרי אָן אינטערעסירט דעם פּאָעט, זי האָט געטראָפן זיין דמיון, זי האָט ערלויבט אַלזייטיק צו באַלייכטן די אומגעלומפּערטקייט פונם איבערפלעכלעכן לעבן פון דער זשוירנדיקער געזעלשאַפט.

דער לייטענאַנט גוסטל, וואָס זיינע געדאַנקען און פאַרלאַנגען זיינען קיינמאָל ניט געגאַנגען ווייטער פאַר דעם שוועל פון בודואַר פון דער דאַמע פון דעמימאָנד, אָדער פאַר דעם שוועל פון אַ קאַבינעט אין רעסטאָראַן, דער לייטענאַנט גוסטל, נאָכדעם אַז ער האָט זיך אָפּגעלאַנגווייליקט אַ גאַנצן אָוונט אין קאָנצערט, איילט ער זיך אַרויסצוגיין אינאיינעם מיטן עולם. דאָ קומט פאָר צווישן אים מיט אַ דיקן בעקער אַ צוזאַמענשטויס. דער בעקער זאָגט עטלעכע באַליידיקנדיקע ווערטער. לייטענאַנט גוסטל האָט ניט באַוויזן אָפּצורעכענען זיך. דער בעקער איז דריי מאָל שטאַרקער פאַר אים. און דערביי האָט ער באַצייטנס צוגעהאַלטן דעם אָפיצירס שווערד. אַלץ האָט זיך געעקט פאַרן אומגליקלעכן לייטענאַנט. דיזעלביקע ערשיינונגען, דיזעלביקע מענטשן, אָבער אַלץ האָט זיך פאַר דעם לייטענאַנט פאָרגעשטעלט אין אַן אַנדער אויסזען. ער זעט אין זיי עפּעס אַזוינס, וואָס נעכטן האָט ער נאָך ניט געזען. און דאָס אַלץ איז נאָר דערפאַר, וואָס ער ווייס מיט איין סוד מער פאַר זיי. ער לעבט איבער עפּעס אַזוינס, וואָס עס האָט איבערגעלעבט דער זקן אין Interieur, בשעת ער האָט געקוקט אינעווייניק אין שטוב אַריין, אויף דאָס גליק פון דער משפחה, וועלכע האָט נאָך ניט געוואוסט דעם סוד, וואָס ער האָט געוואוסט. פאַרפּוצטע דאַמען זעצן זיך אין די קאַרעטעס, קאַוואַליערן אין אייגענע עקיפּאַזשן איילן אין די רעסטאָראַנען, ווייניקער רייכע באַנוגענען זיך מיט דראָשקעס, אָדער זיי גייען צו פוס. די וועלט לעבט ווייטער מיט איר אייטעלן לעבן. קיינעם גייט ניט אָן, וואָס פאַר איין מענטשן האָט דאָס לעבן באַקומען אַ נייע, אַ טראַגישע באַדייטונג. נאָך דער באַליידיקונג קאָן לייטענאַנט גוסטל ווייטער ניט פאָרטזעצן זיין עקסיסטענץ. אמת, דער דיקער בעקער האָט גערעדט שטיל, קיינער האָט זיינע ווערטער ניט געהערט. און מען קאָן אָן דער גאַנצער זאַך פאַרגעסן. אָבער קאָן מען דען זיין פולקום זיכער, אַז קיינער האָט די דאָזיקע שרעקלעכע ווערטער ניט געהערט? קאָן מען דען ערוב זיין, אַז דער בעקער וועט וועגן זיין אַוואַנטורע ניט דערציילן ביי זיך אינדערהיים, און די מעשה וועגן דעם וועט ניט דערגיין צו זיין פּאָלק? אויב אפילו דאָס זאָל ניט געשען, קאָן מען דען שטענדיק לעבן מיט דעם פּחד, אַז אָט-אָט קאָן זיך דער שרעקלעכער סוד אַנטפּלעקן? לסוף, ס'איז דען ניט אַלץ איינס, צי וויסן אַנדערע

וועגן דעם, צי ניט? לייטענאַנט גוסטל אַליין ווייס — און דאָס קלעקט שוין. ער ווייס, אַז ער האָט אויפגעהערט צו זיין דער מענטש, וואָס ער איז געווען מיט אַ שעה צוריק. דער פריערדיקער לייטענאַנט גוסטל, דער זעלבסטצופרידענער און דער פריילעכער, דער רויִקער, וואָס האָט מיט ריינעם געוויסן אַלעמען גע־קוקט גלייך אין די אויגן, איז ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן. זיין אָרט האָט פאַרנומען אַ נייער מענטש, אַ דערנידעריקטער און אַ אומגליקלעכער, מיט אַ פיינלעכן פירוד אין דער נשמה, אַ מענטש, אין וועלכן עס קעמפן צוויי מעכ־טיקע כוחות — דער ליידנשאַפטלעכער דאָרשט נאָך לעבן, וואָס די נאַטור האָט אין אים אריינגעלייגט, און די מאַכט פון פאָראורטיילן, וועלכע איז באַשאַפן דורך דורות ליידיקע עפּיקורעער. סאַר אַ גליקלעכער, סאַר אַ גאַנצער מענטש ער איז געווען מיט אַ שעה צוריק. ווי געַנוי ער האָט באַטראַכט די פּרטים פון דעם אָנגענעמען אָוונט, וועלכן מען קאָן פאַרברענגען מיט סטעפין, מיט יענער זעלבער סטעפין, וועלכע האָט אים אַנוסטן אין די אויגן אָנגערופן „דער שענ־סטער". ער האָט געטראַכט וועגן זומער, געטראַכט וועגן דעם, וואָס ביים פע־טער איז לאַנגווייליק, אָבער אויב ער זאָל דאָרט טרעפן עטלעכע, לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פעטערס דאָרף. און מאַלע וואָס נאָך לייטענאַנט גוסטל האָט געטראַכט! דאָס לעבן איז אַזוי שיין. ער האָט גרייט פאַרן מענטשן אַזוי־פיל פאַרגעניגנס. מיט אַ שעה צוריק האָבן נאָך אַלע פריידן אים געהערט. איצטער איז אַלץ געענדיקט — לייטענאַנט גוסטל מוז זיך דערשיסן.

דער צופאַל האָט אָפּגענומען ביים לייטענאַנט גוסטל אַלדאָס גליק פון לעבן, דער צופאַל האָט אים אַלץ צוריק אומגעקערט. ארומגעוואַנדלט די גאַנ־צע נאַכט נאָך דער טרויעריקער געשעעניש אין טעאַטער, קומט גוסטל גאַנץ פרי אין דער בירהאַלע, וואו ער דערוויסט זיך, אַז דער דיקער בעקער איז ביידערנאַכט געשטאָרבן פון אַ פּאַפּלעקסיע. דער בייזער סוד איז באַגראָבן אויף אייביק. דאָס לעבן פאַרלאָקערט ווידער מיט זיין כּישוף דעם לייכטזיניקן לייטענאַנט. די פרימאָרגן־זון לאַשצעט אים מיט אירע שטראַלן. דער בלויער הימל שמייכלט צו אים פריינדלעך, מיט פולער ברוסט אָטעמט גוסטל איין די פרישע לופט פון פריען מאָרגן, וועלכע געהערט אים ווידער מיט אַלע פריידן פון לעבן.

דער צופאַל, די מאַכט פון אומבאַוואוסטן, — די דאָזיקע שרעקלעכע נעשפענסטער זיינען געבוירן נאָר דאָ אין דער סביבה פון די זשוּרנדיקע מענטשן, אויף די שפּיצן פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט. די נעבעכדיקע מענטשן, וועלכע לעבן מיט אילוזיעס — זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אין דער

אַרטור שניצלער

מאַכט פון די דאָזיקע אילוזיעס און האָבן פאַרגעסן דאָס רעאַלע לעבן, אין וועלכן דער מענטש איז אַ גאַנצער באַלעבאָס, וואָס ער ווייס זיינע געזעצן און וואָס ער קאָן עס קערעווען און ענדערן לויט זיין ווילן.

„פון וואָס מיר זיינען אָפּהענגיק!“ — שרייט גוסטל אויס מיט יאוש אין זיין שווערער מינוט. ער איז געווען גערעכט בנוגע צו זיך און צו זיין סביבה. ווער עס האָט אויסגעטוישט דאָס לעבן אויף קליניקייט, ווער עס האָט אָנשטאָט קלאָרע רעאַלע אידעאַלן זיך אַוועקגעשטעלט אַלס ציל פון לעבן דאָס דינען צו אַ געקינצלטן פאַנטאַסטישן קאָדעקס פון אָנשווינגען, — יענע זיינען ניט קיין שעפער פון זייער גליק. זיי פאַרטראַכטן זיך ניט וועגן די אַלגעמיינע באַדינגונגען, וועלכע רינגלען זיי אַרום. זיי האָבן ניט קיין טיפע קריטישע באַציִונג צום לעבן. זייער קריטיק גייט ניט ווייטער פאַר דער פאַרגלייכונגס־אָפּשאַצונג פון פאַרשיידענע מיטלען, ווי די צייט צו פאַרברענגען, פון פאַרשיידענע מינים פון תענוגים. נאָך דעם טויט פון דעם דיקן בעקער איז לייטענאַנט גוסטל גליקלעך. ער איז גליקלעך אַזוי לאַנג, ביז אַ נייער צופאַל וועט אים ניט טרעפן, ביז נייע געשפּענסטער וועלן אים ניט נעמען שטיקן מיט קאָשמאַרן, ווי אים האָט געשטיקט אַ גאַנצע נאַכט דער געדאַנק וועגן דער געשעעניש מיטן בעקער.

דידאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַרומגערינגלט מיט געקינצלטע סכנות, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן דער מאַכט פון תענוגים און געקינצלטע פריידן, וועלכע האָבן אַליין איבער זיך אויסגעהאַנגען דאַמאָקלעס־שווערדן, — דאָס זיינען די געליבטסטע העלדן פון דעם פּאָעט. ער ליבט די לאַגעס און די סוּושעטן, וועלכע ערלויבן העל צו באַלייכטן דעם דאָזיקן אילוזאָרישן קיום, באַווייזן, ווי אַזוי אין דער דאָזיקער סביבה גיסן זיך צונויף די ווירקלעכקייט מיט דער אילוזיע.

לייטענאַנט גוסטל האָט זיך געוואָלט שיידן מיטן לעבן, מיט דעם דאָזיקן אייביקן יום טוב נאָך דערפאַר, וואָס ביי דעם דאָזיקן בעקער דעם „מיאוסן, אומווירדיקן נפש“ האָט זיך צופעליק אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געזונטע פויסטן. נאָך פאַר דער שיין פונם דאָזיקן פאַקט אַנטפּלעקט זיך דער געקינצלטער כאַראַקטער פון דעם לייטענאַנטס אַלע אינטערעסן און פאַרלאַנגען. דער העלד פון אַן אַנדער ערציילונג („שטערבען“) פעליקס, איז פאַרמשפט צום טויט דורך אַ בייזער מחלה, פון וועלכער מען קאָן זיך ניט אויסהיילן און וועלכע דאַרף אין אַ יאָר פאַרענדיקן איר צעשטערנדיקע אַרבעט. דער גורל האָט פעליקסן באַשאָנקען מיט אַלץ, וואָס עס איז בייטיק פאַרן גליק פון אַ מענטשן, וועלכער

פאַרפאַלגט איין ציל—פאַרגעניגן. ער איז רייך, ער באַזיצט אַ נשמה, אַ וואַכ־
זאַמע צו אַלץ וואָס איז שיין, ער האָט אַן איידעלן געשמאַק, עפּיקורעיִשע
נטיות, ער איז געליבט פון אַ שיינער פרוי, וועלכע ער אַליין האָט שרעקלעך
ליב. פאַר אים זיינען אָפן די היכלות פון קונסט, די וואוּנדערבאַרע פון תענוגים
פון העכערן און נידעריקן סאָרט, בקיצור — אַלץ, מיט וואָס די שיינע שטאָט
ווין איז אַזוי רייך. פאַר אים עפענען פריינדלעך אָפּ זייערע אָרעמס די טיראָלער
בערג. ער האָט געלט צו קויפן אַלץ, וואָס די פאַראיידלטע אינדוסטריע האָט
אויסגעטראַכט פאַר דעם לוקסוס און דער צערטלונג פון דעם גורלס ליבלינג.
אָבער, אוי־ווי! נאָר איין יאָר ליבן איז געבליבן פאַר פעליקסן, און אַלע
מתנות פונם גורל ווערן באַלויכטן מיט אַ בייזן פאַנטאַסטישן ליכט, וואָס ענ־
דערט די באַדייטונג און דעם זינען פון אַלע ווערטן, וואָס גיט אַ שרעקלעכע
פאַרב אַלע ערשיינונגען. „שטעל זיך פאָר,—זאָגט פעליקס צו זיין געליבטער,—
אַז עמעצער האָט דיר געזאָגט: איר וועט שטאַרבן דעם 1טן מאַי 1970טן יאָר.
אַ גאַנץ לעבן וואָלט דיך געפייניקט די מורא פאַרן 1טן מאַי 1970טן יאָר, הגם
דו רעכנסט געוויס ניט אויס צו לעבן אַזוי לאַנג”.

ווידער שטייען מיר אויף דער גרענעץ פוןווירקלעכקייט און טרוים.

פאַרוואָס באַקומען אַלע פאַרגעניגנס, אַלץ צו וואָס עס שטרעבן דאָר־
שטיק נאַטורן, ענלעכע צו פעליקסן, אַזאַ משונהדיקן זינען, אַזאַ קאַפּריזע פאַרב
אונטער דער השפעה פון דעם קאַפּריז פון גורל? זייער לעבן האָט זיך איינ־
געאָרדנט אויסער די באַדינגונגען פון דער ווירקלעכקייט, אויסער די געזעצן
פון דער נאַטור, און דעריבער איז יעדעס מאָל, ווען די דאָזיקע תנאים און
געזעצן דערמאָנען וועגן זייער אומענדערלעכער מאַכט, וועגן זייער אומצעברעכ־
לעכער קראַפט, וועגן זייער אייביקער באַדייטונג,—צעפאַלן זיך די געקינצלטע
אָנשיכטונגען, וועלכע זיינען אָנגעוואָרפן דורך לייכטזיניקע הענט אויף דעם
געזונטן נאָרמאַלן גרונט, אויף אַש און אויף שטויב.

די דאָזיקע מענטשן זיינען ניט די שעפער פון זייער גליק, זיי זיינען
אַ שפּילצייג אין די הענט פון דעם צופאַל, וועלכער קאָן יעדע רגע אומוואַרפן
דעם איינציקן ציל פון זייער לעבן—די תענוגים. זיי זיינען ניט צוגעשטאַנען
צו קיינער פון יענע זייטן ווירקלעכקייט, וועלכע ערלויבן דעם מענטשן צו
גלויבן אין דער צוועקמעסיקייט פון לעבן, אין דער מענטשלעכער סאָלידאַרי־
טעט, אין דער געשיכטלעכער ערבלעכקייט. די דאָזיקע מענטשן זיינען צופע־
ליקע איינצלען, וועלכע פילן ניט זייער פאַרבינדונג מיט דער איבעריקער
וועלט ניט אין שטח, ניט אין צייט. ווען פעליקס וואָלט זיך געפילט אַזוי פאַר־

בונדן מיט דער וועלט, וואָלט ער געפונען אויף וואָס אָנצווענדן זיינע כוחות. ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז דאָס לעבן איז ניט קיין שפּילצייג פון דעם בלינדן צופאַל, אַז ער איז איינער פון זיינע שעפער, קאָן פאַרשטיין זיינע געזעצן, ווירקן אויף דעם און קעמפן קעגן דעם. דעמאָלט וואָלט ער סיי אין זיינע פרייען, סיי אין זיינע ליידן מער ניט איינגעזען קיין סוד, אָדער אומזין, ער וואָלט משיג געווען אַ סדר, אַ זינען, אַ צוועקמעסיקייט אין דער דאָזיקער זיך דאַכטנדיקער אומאָרדענונג. ער האָט אין זיך ניט ערצויגן דעם געפיל פון סאָלידאַריטעט מיט דער מענטשהייט, ניט אויסגעאַרבעט קיין גלויבן אין דעם, אַז דאָס לעבן, דאָס רוישיקע און קאָכיקע, וואָס וועט ניט איבעררייסן דעם גאַנג אויך נאָך זיין טויט, איז ענג פאַרבונדן מיט זיין עקסיסטענץ, אַז ער האָט אין דעם אַריינגעטראָגן זיין חלק און לאָזט נאָך זיך איבער יורשים. ווען פעליקס וואָלט געהאַט אַ ניכטערן מוח און פאַר אים וואָלט קלאָר געווען דער אמת פון דער וויסנשאַפטלעכער אָנשויונג אויף דער וועלט, וואָלט זיין טויט אין זיך ניט איינגעהאַלטן אַזוי פיל טראַגישע זינלאָזיקייט, פון וועלכער דער לעזער ווערט אַ פאַרציטערטער. ער וואָלט זיך ניט געשראָקן פאַרן אומבאַגרייפלעכן, און וואָלט געוואוסט, אַז אין די גרענעצן פון דער ערד זיינען קיין סודות ניטאָ. לסוף, ווען זיין משוגענע ליידנשאַפט צו דער געליבטער פרוי וואָלט ניט געווען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ אכזרישן עגאָיזם, מיט אַזאַ דאָרשט נאָך תענוגים, וואָלט ער געקאָנט געפינען טרייסט אין דער אַלטרויִסטישער שטרעבונג, אין דעם גליק פון דעם געליבטן נפש. בכלל, ווען אין פעליקסן וואָלט געלעבט איינער פון יענע אינסטינקטן, וועלכע זאָגן דעם מענטשן אונטער די אידעע פון פעסטער פאַרבונדנקייט, וועלכע עס עקסיסטירט צווישן אים און די אַרומיקע, וואָלט זיין לעבן ניט געווען אַזוי איינזאַם, זיין טויט — אַזוי טרויעריק. אָבער פעליקס דאַרף שטאַרבן, ווען פאַרפוצטע המונים שמייען אַרום איבער די שיינע ווינער גאַסן, די האָטעלן פון די מאָדישע קוראָרטן זיינען ווי פריער פול מיט פוסטעפּאַסנע טוריסטן, די טיראָלער בערג בלייבן ווי פריער אַן אָרט פון פריילעכע שפּאַצירן. אין דעם משוגענעם יאָגן זיך נאָך פאַרגעניגנס באַוועגט זיך דער דאָזיקער פאַרשיידנפאַרביקער המון, און קיינעם גייט ניט אָן, וואָס אין אַ ביסל צייט אַרום וועט פעליקס איינער אויף אייביק פאַרלירן די מעגלעכקייט אָנטייל צו נעמען אין דעם דאָזיקן יום טוב פון יובלענדיקן לעבן.

טראַגיש שטאַרבט דער היינטיקער זשוּיר. דאָרשטיק כאַפּט ער זיך אין גסיסה מיט אַ קאַלט־ווערנדיקער האַנט אָן פאַר דאָס אַוועקפליענדיקע גליק, פייגלעך כאַפּט ער די אַנטלויפנדיקע געשפּענסטער, מיט וועלכע ער האָט אָפּגע־

לעבט דאָס גאַנצע לעבן, און וועלכע זייַנען אַוועקגעפלויגן, כּדי צו פֿאַרנאַרן מיט פֿאַלשן כּישוף אַנדערע לייכטגלויביקע גליקלעכע, וועלכע גליטשן זיך אויף פֿונקט אַזוי ניט פֿאַרזיכטיק ביים ברעג פֿון אָפּגרונט.

ביי דעם איבערגעצויטיקטן זון פֿון דער בורזשואַזער קולטור איז אַלץ — אילוזיע. ער ווייס ניט — ניט פֿון אמתן גליק, ניט פֿון אמתן חוב, ניט פֿון אמתער ליבע, וואָס פֿאַרבינדט פֿעליקסן מיט מאַריען. ער האָט זי ליב געהאַט אָן אַ שיעור, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען דער טויט האָט איבער אים אויסגעשטרעקט זיין שרעקלעכע האַנט, נאָר דעמאָלט איז מיט העלער בייזער שיין באַלויכטן געוואָרן די אילוזאָרישקייט פֿון דער דאָזיקער ליבע. דאָס איז די ליבע פֿון אַ עגאָיִסט, וועלכער איז ניט פֿעיִק אויף קרבנות, וועלכער זעט אינם געליבטן נפש נאָר אַ געגנשטאַנד פֿון פֿאַרגעניגן, איינעם פֿון די עלעמענטן, וועלכע פֿאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין אַ פֿריילעכן אומאויפֿהערלעכן יום־טוב. וואָס נעענ־טער עס איז דער טויט, אַלץ שרעקלעכער ווילט זיך פֿעליקסן, מאַריע זאָל בלייבן אין זיינע הענט. אַ הומאַנישער און אַ פֿעיִקער אין אָנהייב קראַנקהייט, ווערט ער אַן אייפֿערזיכטיקער און אַן אַכזרישער שפּעטער. מאַריע האָט זיך פֿון אַלץ אָפּגעזאָגט, זי האָט אָפּגעגעבן אַלע אירע כּוחות, גייענדיק אַרום דעם קראַנקן. מיט קיין וואָרט, מיט קיין באַוועגונג האָט ניט אַרויסגע־וויזן איר מידקייט אָדער איר אומצופֿרידנהייט די דאָזיקע יונגע פֿרוי, וועלכע האָט זיך לעבעדיקערהייט באַגראָבן. הינטער דער דאָזיקער מאַריעס הכנעה אין ליבע, הינטער דער דאָזיקער גרייטקייט צו שטאַרבן צוזאַמען מיטן געליבטן,— הערט פֿעליקס דעם אומגעשטילטן געשריי פֿון לעבן, געזונט און פֿאַרגעניגן. מיט זיין גאַנצן וועזן פֿילט פֿעליקס, אַז מאַריע פֿאַרשטיקט קינסטלעך דעם דאָ־זיקן געשריי; איר ווילט זיך שרעקלעך לעבן; זי וועט עובר זיין אויף איר צוזאָג און וועט שטאַרבן מיט אים צוזאַמען. מיט דעם דאַרשטיקן אויג פֿון אַן אייפֿערזיכטיקן עגאָיִסט באַמערקט ער יעדן שטראַל פֿון לעבן, וואָס פֿליסט ווי אַ מעכטיקער קוואַל אין איר אינעווייניק, הינטער דעם דאָזיקן הייטל פֿון גלייכגילטיקייט און זעלבסטאָפּפֿערונג. סיי ער, סיי מאַריע זייַנען מענטשן פֿון איין בוי, נאָענטע קרובים לויטן גייסט. פֿעליקס זעט אין איר זיין אייגענע אָפּ־שפּיגלונג. זי ברענט מיט דעם זעלביקן דאָרשט נאָך פֿאַרגעניגן, וואָס ער. זי וועט ניט שטאַרבן, ער פֿילט עס. צווישן זיי פֿלאַמט אויף אַ געהיימער קאַמף, וועלכער זעט זיך ניט, וועלכן זיי באַהאַלטן ניט נאָר פֿון דער גאָרער וועלט, נאָר אויך איינער פֿון דעם צווייטן, פֿון זיך אַליין. די וואָס האַלטן ביים שטאַרבן זייַנען באַשאָנקען מיט אַ באַזונדער וואַכזאַמקייט; ער האָט זיך אײַנ־

גאַנצן מצמצם געווען אויף איין געדאַנק, אויף איין חוש. ער לויערט אינ־סטינקטיוו נאָך דער ענדערונג אין איר געזיכט; זי שטרענגט אינסטינקטיוו אָן אַלע אירע קרעפטן, כדי צו פאַרבאָרגן פון אים דאָס, וואָס רייסט זיך מיט שרעקלעכער קראַפט אַרויס אין דרויסן. פעליקס ענדיקט מיט אַ ווילדן לעצטן אויפברויז, וועלכער קומט אַלס לאָגישער רעזולטאַט פון דעם ווינער זשוי̇רס גאַנצן לעבן. ער מוז פאַרן טויט דערמאָרדן מאַריען, מחמת ער גלויבט ניט, זי זאָל זיך אַליין אַ מעשה אָנטאָן, ווי זי האָט צוגעזאָגט. די לעצטע האַרצ־רייסנדיקע סצענע, ווען מאַריע רייסט זיך אַרויס פון די הענט פון דעם גוסס, ווען פון איר ברוסט רייסט זיך ענדלעך אַרויס דער געשריי פון אמת: „איך וויל ניט שטאַרבן!" — די דאָזיקע סצענע דאָס איז דער טרויעריקער אַפּאָטעאָז פון דעם צילל אָזן אילוזאָרישן לעבן.

דאָס יאָגן זיך נאָך דער אילוזיע פון גליק -- דאָס איז די הויפּט־טעמע פון שניצלערס דראַמעס און ערציילונגען. זי קומט ביי אים אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס. דער צופאַל—דאָס איז די ערשטע בייטש פון דער סביבה, וועלכע ער שילדערט. אַן אומבאַדייטנדע קריג רייסט זיך אַריין אַלס שרעקלעך אומ־גליק אין אַ קרייזל פון זשוי̇רן אין דער דראַמע „פריי־ווילד"; דער צופאַל טויט איינע פון די העלדינס אין דעם ראָמאַן „פרוי בערטאַ גאַרלאַן". אין דערדאָזיקער וועלט, וואו אַלץ לויפט שנעל פאַרביי און אַלץ איז צופעליק, טראָגן די קאַטאַסטראָפעס גופא אַ צופעליקן כאַראַקטער. דער צופאַל פאַרלירט דאָ, דאַכט זיך, זיין געוויינלעכע באַדייטונג. אין דערדאָזיקער סביבה, וואו מען קעמפט ניט קעגן אים, וואו מען שטעלט קעגן אים ניט אַרויס קיין פעסטן שטרעבן צו אַ באַשטימטן ציל, אין דער דאָזיקער סביבה ערשיינט ער ווי אַ מעכטיקע טרייבקראַפט פון די געשעענישן, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שרעק־לעכן דעמאָן, רופט אַרויס כמעט מיסטישע אימה אין די אַרומיקע.

שניצלער איז דער פּאָעט פון זיין סביבה. ער האָט אויסשטודירט אַלע קנייטשן אין דער נשמה פון אירע פאַרשטייער. אָבער ווען שניצלער וואָלט געווען נאָר דער קינסטלער פון דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן ווינקל, וואָלט שווער געווען צו דערקלערן די באַרימטהייט, וועלכע ער האָט באַקומען פאַר אַ קור־צע צייט אין גאַנץ אייראָפּע. ערשט ווען דעם קינסטלער געלינגט מיט דעם אויג פון דער וועלט, צו וועלכער ער געהערט, וואַרפן אַ בליק אויף דער גאַנ־צער איבעריקער וועלט, דורכפירן זיין שטאַנדפּונקט דורך דאָס גאַנצע לעבן און באַלייכטן די ווירקלעכקייט מיט נייער שיין,—ערשט דעמאָלט באַקומט ער דאָס רעכט אויף אויפמערקזאַמקייט מחוץ די גבולות פון דער סביבה, וועלכע

ער מאָלט. דער פּעסימיסט, וועלכער בענקט און לאַנגווײַליקט זיך, וועלכער געפינט פאַר זיך אין קיין זאַך ניט קיין באַפרידיקונג, שטויסט פון זיך אָפּ די אַרומיקע. אָבער אויב ער קאָן אויף דער גאַנצער וועלט וואַרפן זײַן בענקע־דיק אויג, אויב ער וועט די גאַנצע וועלט באַזעצן מיט האָפענונגסלאָזן יאוש, אויב ער וועט אומעטום אויפדעקן די עלעמענטן, וועלכע באַשטעטיקן זײַן פינסטערע וועלטאָנשויונג, אויב ער וועט זײַן פּערזענלעכן אומעט צעגיסן איבער דעם גאַנצן וועלטאַל און ער וועט דערווײַזן, אַז זײַן צער איז — דער וועלט־צער, מיט איין וואָרט אויב זײַן פּערזענלעכער טרויער וועט געבוירן אַזאַ פּאָעזיע ווי לעאָפּאַרדיס פּאָעזיע, אָדער אַזאַ פילאָסאָפיע ווי שאָפּענהויערס פילאָסאָפיע,—דעמאָלט וועט זײַן טרויער געפינען אַן אָפּקלאַנג אין אַלע אומ־באַפרידיקטע טרויערנדיקע הערצער. ער וועט ווערן דער אויסדריקער פון די מאַסנשטימונגען, דער זינגער פון די מחשבות און פּײַנען פון אַלע אים נאָ־ענטע נשמות.

שניצלער באַזיצט ניט אַזאַ קאָלאָסאַלן טאַלאַנט און אַזאַ טיפקייט פון דער וועלטאָנשויונג, וועלכע וואָלטן אים געקאָנט מאַכן פאַר דעם הערשער איבער די מחשבות פון דער היינטיקער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט. אָבער אים איז געלונגען אויפצוהייבן זיך ביז דעם גראַד פון אַ דענקער, וועלכער האָט רעכט אויף אַלגעמיינער באַדײַטונג. די וועלטאָנשויונג פון דעם ווינער זשוויר וואַקסט אויס אין זײַנע בעסערע ווערק אַלס אַן אייגנאַרטיקע פילאָ־סאָפיע, און באַקומט אַ באַדײַטונג אַלס אַ פײַנע קונציקע פּאַראַלגעמיינערונג פון געוויסע זײַטן פון היינטיקן לעבן. „ויר שפּיעלען אימּמער; ווער עס ווייסס, איסט קלוג" — דאָס איז די קורצע פאָרמול, וועלכע דריקט אויס דעם מהות פון דער דאָזיקער פילאָסאָפיע. עס שפּילן אַלע. עס האָט געשפּילט אין XII יאָרהונדערט מיט מענטשן דער מכשף פּאַראַצעלזיוס, וועלכער האָט אײַנגע־שלעפערט די אומגליקלעכע יוסטינע, און האָט איר אַרײַנגעגעבן דעם געדאַנק, אַז זי האָט געפעלשט אין איר מאַן. זי איז געבוירן ריין, אָבער ניט ריין איז זי שוין געווען פאַר איר קיפּריאַנען. ס'האָט געשפּילט אין אונזער צײַט מיט זײַן ווייב און מיט איר געליבטן דער פּראָפעסאָר פּילגראַם, און געשפּילט האָבן זיי מיט אים, און צווישן זיך אײַנער מיטן צווייטן. און אַלע דריי האָבן באַ־וואוסטזיניק אונטערגעהאַלטן די אילוזיע, און האָבן באַוואוסטזיניק ניט אַנט־פּלעקט דעם סוד, וואָס, ווען ער וואָלט זיך אַנטפּלעקט, וואָלט ער צעבלאָזן דעם גאַנצן לופטיקן בנין, וואו אמת און טרוים גיסן זיך צונויף אין וואונ־דערלעכער האַרמאָניע.

דאָס גאַנצע לעבן איז אַ שפּיל

קיינמאָל האָט נאָך די דאָזיקע אָנשויונג זיך ניט באַשטעטיקט מיט אַזאַ באַשיינפּערלעכקייט, ווי אין דער עפּאָכע, ווען די אויסשטאַרבנדיקע פראַנ־צויזישע אַריסטאָקראַטיע איז דערגאַנגען ביז פולקומער פאַרווילדקייט. די דאָזיקע עפּאָכע, ווען די צעקראָכענע מאַרקיזן מיט פאַרדאַרבענער זינלעכקייט האָבן געזוכט אַלץ נייע נאָך ניט קיין פּרובירטע שפּירונגען, וועלכע זאָלן אַ ביסל צעשאָקלען זייערע אָפּגעטעמפּטע נערוון, ווען עס איז פאַרשוואונדן די גרענעץ צווישן גראָבער אויסגעלאַסנקייט מיט דער אויסגעלאַסנקייט, וועלכע דראַפּירט זיך אין דעם מאַנטל פון גאַלאַנטקייט און פיינקייט, ווען גראַפן און הערצאָגן זיינען געגאַנגען צו שנאָרער או גנבים זוכן פאַרגעניגנס, — די דאָ־זיקע עפּאָכע דאַרף אַזוי פיל זאָגן דעם שכל פון דער הייַנטיקער זיך אַנטאַרטנ־דיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט. שניצלער האָט אונז אַריבערגעטראָגן אין אַ שענקל ערב רעוואָלוציע. דאָ שפּילן בראָדיאַהעס, אָבער זייער שפּיל איז ענלעך אויף אַזאַ שרעקלעכן אמת, אַז דאָס האַרץ ווערט פאַרציטערט ביי די אַריסטאָקראַטן, וועלכע זיינען געקומען אַהער זוכן איבערלעבונגען. קיינמאָל האָבן זיך חלום און אמת ניט צוזאַמענגעפלאָכטן אין אַזאַ קאַפּריזער שפּיל, ווי אין דעם דאָזיקן ווערק. דאָ דערגרייכט שניצלערס טאַלאַנט צו זיין העכסטער מדרגה. איבעריקנס, די עפּאָכע גופא האָט געגעבן אַ דאַנקבאַרן מאַטעריאַל פאַר דער אילוסטרירונג פון זיינע געדאַנקען. דעריבער איז געבליבן נאָר עפּעס צוגעבן צו דער געשיכטע, כדי צו באַווייזן, ווי אילוזאָריש עס איז דאָס לעבן פון דער געזעלשאַפט, וועלכע איז אַוועק אַזוי שרעקלעך ווייט פון דעם נאַ־טירלעכן לעבנסגאַנג, וואָס האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין קינסטלעך באַשאַפענע פאָרמען פון עקסיסטענץ.

די טרילאָגיע „דער גרינער פּאָפּוגיי" געהערט צו די בעסטע ווערק פון דעם פּאָעט. ער האָט ניט נאָר דורכגעפירט זיין גרונטגעדאַנק דורך די דריי עפּאָ־כעס, וואָס זיינען איינע פון דער אַנדערער אָפּגעטיילט מיט יאָרהונדערטן נאָר אים איז אויך געלונגען בולט און אמתדיק איבערצוגעבן דעם קאָלאָריט פון אָרט און צייט. די העלדן פון דעם לעצטן טייל פון דער טרילאָגיע, וועל־כע זיינען אָפּגעצייכנט יעדער בסך־הכל מיט עטלעכע שטריכן, זיינען פּונקט ווי לעבעדיקע, אַרויסגעכאַפּטע פון דער עפּאָכע, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע דראַמע, ווען דאָס קאָמישע און דאָס טראַגישע, דאָס נישטיקע און וועלטישע האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן אַזוי פעסט, אַז עס איז שווער צו זען, וואו הייבט זיך אָן איינס, וואו ענדיקט זיך דאָס צווייטע

אַלץ וואָס עס שיינט גרויס און טיף
אויף דער ערד דאָ—איז צלע מאָל אַ שפּיל בלויז!
איינער שפּילט מיט המוגים פון געדונגענע,
אַ צווייטער מיט דער ווילדקייט פון די אָבערגלויבער.
און אפשר שפּילט נאָך עמעץ מיט דער זון
און מיט די שטערן...
ס'פלעכטן זיך צוזאַמען ליגנט מיט אמת,
און וואָר מיט טרוים. קיין געווים ניטאָ.
מיר פאַרשטייען דעם צווייטן קיינמאָל ניט,
מיר ווייסן גאָרנישט וועגן זיך...
מיר שפּילן שטענדיק. ווער ס'איז קלוג, פאַרשטייט עס.

„און אפשר שפּילט נאָך עמעץ מיט דער זון און מיט די שטערן". מען דאַרף דען צוגעבן, אַז די דאָזיקע פראַזע איז דער פאַרבינדונגס־רינג צווישן היינטיקער ערד מיט היינטיקן הימל? אפשר האָט נאָך קיין פּאָעט ניט אַזוי קלאָר אויפגעדעקט די פעיִקייט פון דעם מענטשנס שכל צו באַשאַפן די טראַנס־צענדענטאַלע וועלט לויט דעם געשטאַלט פון דער דאָיִקער. אויב דאָ אויף דער וועלט שפּילן אַלע, צי באַווייזט עס ניט, אַז עמעץ שפּילט מיט דער זון און מיט די שטערן, אַז גאָט ווערט באַשאַפן לויט דעם דמות און דעם צלם פון דעם מענטשן, און אַפילו ניט פון דעם מענטשן, נאָר פון דער גרופּע, וועלכע שרייבט פאָר אין געגעבענעם מאָמענט פאַר דער געזעלשאַפט גע־שמאַקן און אָנשוי:גען.

די באַוואוסטע טעטראַלאָגיע „לעבעדיגע שטונדען" באַווייזט, אַז שניצ־לער האָט לאָ די וואָס ניט געפעלשט אין זיין וועג, אויף וועלכן ער האָט זיך געשטעלט אין סאַמע אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, נאָר שפּעטער איז ער אויך אַלץ טיפער און טיפער אַריינגעדרונגען אין דער נאַטור פון די פאַרפיינערטע שפּירונגען, אין דעם זינען פון דער זיך דאַכטנדיקער איראָניע, וועלכע הערשט אין די פאַרפלאָנטערטע, קאָמפּליצירטע באַציונגען פון היינ־טיקן לעבן, וואָס איז קינסטלעך דערווייטערט פון פשוטקייט און נאַטירלעכ־קייט. אין דערדאָזיקער טעטראַלאָגיע איז שניצלער אַ סקעפּטיקער אין דעם געשמאַק פון מאָנטען, וואָס האָט ספקות אין אַלץ, אַפילו אין זיינע ספקות גופא. וואו זיינען די גרענעצן פון ליגנט און אמת, וואו איז דער ריכטיקער און דער פאַלשער טריט? ווער זאָל ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע? היינריך (דער העלד פון דעם ערשטן טייל פון דער טעטראַלאָגיע) — איז אַ גרויסער טאַלאַנט; אָבער אָט איז שוין באַלד צוויי יאָר, ווי ער קאָן גאָרנישט

ניט שאַפן. זיין מוטער, „דער געליבטער, טייערער נפש" שטאַרבט אויך מיט אַ לאַנגזאַמען טויט. גאַנצע יאָרן ציט זיך די פּיינלעכע גסיסה, און די שטאַרבנדיקע פרוי לעבט איבער טאָפּעלע פּיינען, זעענדיק, אַז זי האָט אָפּגענומען ביים זון די מעגלעכקייט צו אַרבעטן. נאָר אָט איז אַ סוף צו אַלץ: היינריכס מוטער איז געשטאָרבן. היינריך איז פריי; אים האָט ווידער אָנגענומען אַ דאָרשטיקייט צו אַרבעטן. אָבער דער אַלטער האַוסדאָרפער וויל אָפּסמען די מינוטן פון זיין אויפלעבונג. דער אַלטער האַוזדאָרפער, וועלכער האָט שטאַרק געליבט די געשטאָרבענע, אַנטפּלעקט פאַר אים אַ טרויעריקן סוד. די געשטאָרבענע האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט דאָס לעבן, זי וואָלט געקענט לעבן נאָך צוויי יאָר, און זי האָט די צוויי יאָר געוואָלט לעבן צוליב זיך, צוליב האַוסדאָרפערן, וועלכן זי האָט אין דער יוגנט געליבט, צוליב דעם גאָרטן, וואו אַלץ האָט איר דערמאָנט וועגן זייער יוגנט, זי האָט געוואָלט לעבן מיט איר ניט-היילבאַרער קראַנקהייט; נאָר זי האָט זיך געבראַכט פאַר אַ קרבן דעם זון, זי האָט פאַרקירצט די אַזוי אויך קורצע צייט, וואָס איר איז געבליבן צו לעבן, און האָט ביידערנאַכט אויסגעטרונקען אַ פלעשל מיט מאָרפי. פאַרן טויט האָט זי האַוסדאָרפערן איבערגעגעבן אַ בריוו, אין וועלכן זי בעט באַהאַלטן פונם זון דעם פאַקט פון איר זעלבסטאָפּפערונג, זי האָט ניט געוואָלט באַלעסטיקן זיין נשמה מיט פּיינען פון געוויסן. פאַרוואָס-זשע האָט האַוסדאָרפער ניט ערפילט דעם לעצטן געבאָט פון דער געליבטער פרוי? פאַרוואָס האָט ער אַרויסגעגעבן היינריכן דעם סוד? דער אַלטער האַוסדאָרפער האָט געוואוסט, אַז די יונגקייט וועט טאָן דאָס איריקע, אַז היינריך וועט אינגיכן פאַרגעסן די מוטער און וועט געפינען טרייסט אין זיינע אַרבעטן. און האַוסדאָרפער האָט קיין טעות ניט געהאַט אין חשבון. ער זעט מיט אייפערזיכטיקער פאַרדראָס, ווי די פאַרשלעפּערטע קרעפטן ערוואַכן ווידער אין היינריכן, אַז דער געדאַנק וועגן דער געשטאָרבענער מוטער ווערט ביסלעכווייז פאַרטונקלטער, און האַוסדאָרפער איז זיך נוקם פאַר דער געשטאָרבענער דערמיט, וואָס ער אַנטפּלעקט איר סוד. צי האָט ער אָבער דערויף רעכט געהאַט? צי דען וועט ער דורך דעם ניט פאַרניכטן די גאַנצע באַדייטונג פון דעם פרייוויליקן טויט פון היינריכס מוטער, איר גרויסן קרבן? צי דען האָט זי ניט אַליין געוואָלט באַפרייען היינריכן פון איר זכר און געבן אים קרעפטן צו אַרבעטן? צי האָט זיך דען האַוסדאָרפער ניט באַגאַנגען מיט אומרעכט ניט בלויז לגבי היינריכן, נאָר אויך לגבי דער פאַרשטאָרבענער? שניצלער איז אַ גרויסער ווירטואָז און אַ דיאַלעקטיקער. דעם מענטשנס מאַרך איז אומערשעפּלעך אין דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון קאָמבי-

נאַציעס און לאָגישע קאָנסטרוקציעס. יעדער טריט, יעדעס וואָרט לאָזט איבער אַן אָרט פאַר מיליאַסן אָפּשאַצונגען און פּירושים. און צי דען באַהאַלטן ניט אין זיך דעם רעאַליסט שניצלערס ווערק מער אומצוטרויען צו דעם מענטשנס שפּראַך, איידער מעטערלינקס מיסטישע פילאָסאָפיע, וועלכע ווייזט אויף די אומפולקומהייט פון דעם מענטשנס שפּראַך און פון דעם לאָגישן געדאַנק. האַוסדאָרפערס ווערטער מאַכן אויף הייבריכן אַ גאַנץ אומדערוואַרטע ווירקונג. זיין מוח מאַכט איינעם פון יענע לאָגישע אויספירן, קעגן וועלכע עס קאָן גאָרניט ניט זאָגן דער שכל, נאָר וועלכע צעטרייסל׳ען עפעס אין אונז אינעווייניק, רופן אַרויס דעם געדאַנק וועגן דער אומפולקומענהייט פון שכל, וועגן אומזעבאַרע געוויסהייטן, וועגן אַן אַנדער לעבן. הייבריך וועט זיך ניט פילן אַ גאַנץ לעבן ווי דער רוצח פון זיין מוטער. ער וועט זיך נעמען פאַר דער אַרבעט, און וועט דערוויין, אַז זיין מוטער איז געשטאָרבן... ניט אומזיסט. דער אַלטער האַוסדאָרפער איז אויסער זיך פון הייבריכס עגאָיזם. ער זעט פאָראויס, אַז שפּעטער אַ ביסל וועט הייבריך זאָגן, אַז מיט דעם דאָזיקן פריוואָליקן טויט האָט זיין מוטער נאָר ערפילט איר חוב. האַוסדאָרפערן האָט זיך געוואָלט, שיינט עס, אַז פאַר הייבריכן זאָל זיך מיט דער מוטערס טויט ענדיקן דאָס גאַנצע לעבן, ווי עס האָט זיך געענדיקט פאַר אים. דעם אַלטן האַוסדאָרפער.

ווער איז גערעכט פון די דאָזיקע צוויי נפשות, וואָס האָבן גלייך געליבט די פאַרשטאָרבענע?

צי איז דען ניט רירנד דער געפיל פון דעם אַלטן, וועלכער באַשולדיקט דעם יונגנמאַן, אַז ער ליבט ניט? אָבער, פון דער צווייטער זייט, צי איז דען אין הייבריכס ליבע ניט באַהאַלטן מער צוועקמעסיקייט, צי דען האָט ער ניט ריכטיקער אויסגעפירט איר ווילן? און וואָס איז אַזוינס בכלל ליבע? ווי קאָן מען צעשניידן די קאָמפּליצירטע און פאַרשיידנאַרטיקע צושטאַנדן פון דעם מענטשנס נשמה צו די גרייטע און פשוטע ראַמען?

אַמאָל דאַכט זיך, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ האַמלעט, וואָס טרויערט וועגן דעם מענטשנס מאַכטלאָזיקייט, אַמאָל—אַ מעפיסטאָ, וועלכער לאַכט אויס דעם מענטשנס באַגרענעצטקייט. דאָס איז אַ נייער אינדיווידואַליזם. דער אַווטאָר פירט אַרויס העלדן, טיף אַריינדרינגענדיק אין זייער אינערלעכער וועלט; די דאָזיקע העלדן פרוּוון ניט ברענגען אין האַרמאָניע די דאָזיקע אינערלעכע וועלט מיט דער אַרומיקער אויסערלעכער, אָבער פון דער צווייטער זייט גייען די דאָזיקע העלדן ניט אַוועק פון דער געזעלשאַפט. מאַנפרעד האָט ניט גע-

קאָנט שלום מאַכן מיט מענטשן און מיט די קייטן, וואָס די געזעלשאַפט טוט אָן אויף אירע מיטגלידער, און מאַנפרעד איז געווען קאָנזעקווענט; ער איז אַנטלאָפן אין די בערג, ער האָט געזוכט פאַרקער מיט גייסטער; ער האָט פאַראַכט מענטשן.

דער אינדיווידואַליסט פון אָנהייב פאָריקן יאָרהונדערט איז געווען ווירקלעך אַ פאַרענדיקטער אינדיווידואַליסט; אין אים האָט געלעבט אַן אַנטיסאָציאַלער אינסטינקט, אַן אינסטינקט, וועלכער איז געווען פיינדלעך דעם צוזאַמענלעבן פון מענטשן. אויף די אינדיווידואַליסטן פון אונזער צייט האָט דער יאָרהונדערט פון קאָלאָסאַלער סאָציאַלער אַרבעט איבערגעלאָזן אַ שפור. אַוועקצוגיין פון דער געזעלשאַפט איז פאַר אים ניט מעגלעך, און אין דער זעלבער צייט האָט ער ליב נאָר זיך, זיינע אייגענע געדאַנקען און געשמאַקן. און ער מיט זיך צו באַהעפטן דאָס אַלטע מיטן נייעם, דאָס פערזענלעכע מיטן אַלגעמיינעם, דאָס אינדיווידועלע מיטן סאָציאַלן. ער גייט נאָר נאָך זיינע אינסטינקטן, אָבער ער פאָדערט, אַז זיי זאָלן זיין אָנערקענט פאַר אַבסאָלוט ריכטיקע פאַר אַלעמען. אַזוי שטויסן זיך צוזאַמען די דאָזיקע באַזונדערע פערזענלעכקייטן, וועלכע זאָרגן ניט איינע וועגן דער צווייטער, און וועלכע קאָנען אין דערזעלבער צייט איינע דער צווייטער ניט פאַרלאָזן. די דאָזיקע נייע געזעלשאַפט האָט קוים דאָס רעכט צו רופן זיך געזעלשאַפט. די געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען ווערן ביי זיי דערפירט נאָר ביז אָנערקענען עטלעכע אויסערלעכע כללים און מנהגים. די דאָזיקע געזעלשאַפט איז געבויט אויף אַזעלכע יסודות, וועלכע ערלויבן יעדן פון אירע מיטגלידער ניט צו באַגרענעצן זיך לטובת אַנדערע. אמת, דערצו איז נייטיק געלט און ליידיקע צייט, אָבער דאָס אַלץ איז גענוג פאַראַן אין דעם דאָזיקן קרייזל פון די גליקלעכע, וועלכער האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער איבעריקער ליידנדיקער וועלט. ביי אַזאַ אָרדענונג, ביי אַזעלכע פרעטענזיעס מצד דער פערזענלעכקייט זיינען אומפאַרמיידלעך פאַרשיידענע קאָנפליקטן, און שניצלער האָט ליב צו מאָלן פאַר אונז די דאָזיקע קאָנפליקטן. מיר זעען ווי שווער עס איז פון זיי אַרויסצוגיין אין דער סביבה, וואו יעדער לעבט אויף זיין אייגן אחריות. שילדערן די דאָזיקע אינערלעכע שוועריקייטן פון די מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געטראַכט און זיינען געוואָרן גענויט פלוצלונג אַ טראַכט צו טאָן און פונאַנדערצוקלייבן זיך אין דער פראַגע, וואָס די אויסערלעכע באַדינגונגען האָבן אַרויסגעשטעלט — די דאָזיקע שוועריקייט האָט שניצלער ליב צו שילדערן, און וואָס מער אומדערוואַרט אַזאַ קאָנפליקט איז, אַלץ מער איז ער אָנגענעם דעם אַוטאָר. זיינע

קליינינקע דראַמעס זיינען ניט זעלטן נאָר שאַרפזיניקע פּאַראַדאָקסן, וועלכע באַלייכטן די אָדער יענע קאָמבינאַציע, די אָדער יענע קאָליזיע, וועלכע חזרן זיך טעגלעך איבער אין לעבן, נאָר וועלכע מיר באַמערקן ניט.

צו די פריסטע שניצלערס ווערק געהערט „אַנאַטאָל". דאָס איז אַ ריי ניט קיין גרויסע עפּיזאָדן אין אַ דראַמאַטישער פאָרם, וועלכע זיינען פאַראייניקט נאָר מיט איין אַלגעמיינעם העלד. איבעריקנס אין יעדן פון די דאָזיקע עפּיזאָדן איז מער ניטאָ ווי אַ צווייט, דריי פּערזאָן. איינע פון די דאָזיקע פּערזאָנען איז אַנאַטאָל, דער שטענדיקער העלד פון אַלע עפּיזאָדן. גרעסטנטייל פאַראייניקט זיך מיט אים זיין חבר מאַקס. און אויסער דעם קומט אין יעדן נאָך עפּעס אַ פרוי. אַזוי אַרום זיינען די ווירקנדיקע פּערזאָנען אין איין עפּיזאָד — אַנאַטאָל מאַקס און קאָראַ, אין אַ צווייטן — אַנאַטאָל מאַקס און אַני, און אַז. וו. אין דעם ערשטן עפּיזאָד פייניקט זיך אַנאַטאָל פון אייפערזוכט. ער וויל וויסן, צי איז אים קאָראַ געטריי. מאַקס לייגט אים פאָר אַ פּשוטן און זיכערן מיטל: היפּנאָטיזירן קאָראַן. און ווען אַנאַטאָלס געליבטע איז אַנטשלאָפן געוואָרן, מאַכט ער טויזנטערליי קונצן, כדי ניט צו שטעלן די פאַטאַלע פראַגע. ווי זאָל מען פרעגן? אויב ער זאָל פרעגן, צי איז זי געטריי, קאָן זי די דאָזיקע פראַגע פאַרשטיין אין ברייטן זינען. זי האָט אפילו אַנוסטן געזאָגט אַנאַטאָלן, אַז זי האָט זיך אַמאָל באַגעגנט מיט אַן אַנדערן. אָבער דעמאָלט קאָן מען פרעגן, צי איז זי געטריי אַנאַטאָלן פון דער צייט אָן, וואָס זי קען אים. אָבער דאָס איז נאַריש. אין אָנהייב פון דער באַקאַנטשאַפט האָבן אַנאַטאָל און קאָרע געקוקט אויף זייערע פאַרהעלטענישן, ווי אויף עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף שנעל פאַרבייגיין. אפשר האָט זי זיך מיט יענעם ניט תיכף געשיידט? אפשר איז זי געבויט געוועזן נאָך אַ ביסל צייט צו שליסן די אַלטע קייטן. קאָן מען דאָס איר דען פאָרוואַרפן? דעמאָלט האָט מאַקס, וועלכער איז געווען ביי דעם דאָזיקן סעאַנס, פאָרגעלייגט אַ דריטע, אַ גאַנץ קלאָרע רעדאַקציע: צי איז קאָראַ געטריי אַנאַטאָלן זינט זי ליבט אים? אָבער אַנאַטאָל איז אויך דערויף ניט מסכים: וואָס הייסט „געטריי"? זי האָט געקענט זיין אין וואַגאָן פון אייזנבאַן, און אַ הער וואָס איז געזעסן קעגן איר, האָט זיך אָנגערירט מיטן בעזל פון זיין שוך אָן אירן; זי איז געגאַנגען אין גאַס און אַ קלעק אַ פאַרבייגייער האָט איר געקאָנט אַ קוש טאָן אין האַלז. ביי דער געהויבענער שפּירעוודיקייט בשעתן היפּנאָז, קאָן זי אויף אַזעלכע זאַכן אַ קוק טאָן, ווי אויף אומגעטרייקייט. און אַנאַטאָל האָט אויפגעוועקט זיין געליבטע ניט שטעלנדיק איר קיין פראַגעס. ער האָט אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט מיט דער אילוזיע, און

צו וואָס זאָל ער זי צעשטערן? ער ווייס, אַז אין אַלע זיינע געפילן, אין אַלץ, וואָס ער לעבט איבער, איז פאַרהוילן האַלב אמת האַלב ליגנס. אָבער ער האָט ניט קיין אויסגאַנג: אויב ער וועט זיך פּרוּוון אַנאַליזירן, אַריינטראַכטן זיך אין דעם אמת פון זיינע באַציִונגען צו דעם אָרוּם, וועט פאַר אים גאָרנישט ניט בלייבן אין לעבן. דער דאָזיקער קאַמף מיט קאָקאָטקעס, מיט זייער פאַלשקייט, אַ קאַמף וואָס איז דערפירט געוואָרן ביז עכטער, דין באַאַרבעטער קונסט, איז דאָך געווען דער איינציקער סטימול, וואָס האָט געוועקט זיין ענערגיע, וואָס האָט אים געלאָזט שאַרפן זיין שכל און זיינע קרעפטן. אַדאַנק אים האָט ער געפילט, אַז ער לעבט, אַז ער פרייט זיך און ליידט, אַז ער ליבט און האַסט. און פּלוצלונג וואָלט די אַנטדעקונג פון דער היפּנאָטישער קראַפט פאַראַמאָל חרוב געמאַכט דעם גאַנצן זינען פון זיין קיום. די דאָזיקע אַנטדעקונג ערלויבט מיט איין קלאַפּ צו צעהאַקן יעדעם פּלאָנטער, וואָס פונאַנדערנעמען אים האָט ער זיך אַזוי לאַנג געמיט. וואוהין־זשע זאָל ער דעמאָלט אַהינטאָן זיינע קרעפטן? וואָס וועט אים בלייבן אין לעבן? ער איז דערצויגן געוואָרן אין דער גרויסוועלטיקער זשוירנדיקער געזעלשאַפט, וואו מען קוקט אויפן לעבן, ווי אויף אַ שפּיל. צו דער דאָזיקער שפּיל האָט ער זיך צוגעפּאַסט, ער האָט זיך מיט איר צונויפגעלעבט און איז אין איר געוואָרן אַ מייסטער. און פּלוצ־לונג וויל מען אים אָנשטאָט איר געבן דעם אמת, פאַרבייטן די אילוזיע אויף ווירקלעכקייט. אַנאַטאָל זאָגט זיך אָפּ פון דעם דאָזיקן אמת, און בלייבט בע־סער מיט זיין אילוזיע.

אין אַ צווייטן עפּיזאָד האָבן מיר פאַר אונז אַ טשיקאַווע פאַרגלייכונג פון אַ גרויסוועלטיקער דאַמע מיט אַ מיידל פון פאָרשטאָט. דער גאַנצער אונטער־שייד צווישן זיי באַשטייט אין דעם, וואָס די ערשטע האָט ניט קיין מוט צו לעבן אַזוי ווי די צווייטע, הגם זי דאַרפט ניט ווייניקער פאַר דער צווייטער נאָך דער דאָזיקער ליבע, דער פרייער, ניט געשמידטער אין אָפּגערעדטקייטן אָן אַ שיעור. אין אַ דריטן עפּיזאָד דערמאָנט זיך אַנאַטאָל אַ לאַנגע קייט פון פרויענגעשטאַלטן, וואָס ציט זיך דורך זיין פאַרגאַנגען לעבן און ער שטעלט זיך מיט ליבע אָפּ אויף איינער פון זיי. „אין אַ קליין צימערל האָב איך דע־מאָלט געוואוינט,—דערציילט אַנאַטאָל מאַקסן,—איינאָוונט... איך האָב מיך מיט איר באַקענט ערשט מיט צוויי שעה פאַר דעם. עס האָט געברענט מיין גרין־רויטע לאָמטערן. איך זיץ ביי דער פאָרטעפּיאַנע. זי — ביי מיינע פיס, איך פאַנטאַזיר אויף דער פאָרטעפּיאַנע, אָבער נאָר מיט דער לינקער האַנט. די רעכטע האָט זי צוגעדריקט צו אירע ליפּן... איך האָב זי געקענט ערשט צוויי

שעה, און האָב אויך געוואוסט, אַז נאָך דעם אָוונט וועל איך זי, מסתמא, מער קיינמאָל ניט זען. זי האָט עס מיר אַליין געזאָגט, און איך האָב געפילט, אַז אין דער רגע האָב איך זי געליבט אָן אַ שיעור. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס קינד וועט נעבעך קיינמאָל ניט פאַרגעסן די דאָזיקע שעה. מען פילט דאָך אָפּט, אַז אויף מאָרגן וועסטו זיין פאַרגעסן. אָבער דאָ איז געווען עפּעס אַנדערש. פאַר דער דאָזיקער מיידל, וואָס איז געלעגן צו מיינע פיס, בין איך געווען די גאָרע וועלט. איך האָב געפילט, אַז אין דער דאָזיקער רגע האָט זי מיך אַרומגערינגלט מיט אַ הילכיקער ניט-וועלקנדיקער ליבע"... אָרעמער אַנאַטאָל! אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך באַגעגנט מיט ביאַנקען (אַזוי האָט מען זי גערופן) און ביי גאָר דער אָנשטרענגונג האָט זי זיך ניט געקענט דערמאָנען דעם געבראַכטן עפּיזאָד, זי האָט אפילו אַנאַטאָלס געזיכט ניט געקאָנט זיך דערמאָנען. ער איז אַנטלאָפן, אַן אויפגעקאָכטער, פון מאַקסן, צו וועלכן ביאַנקע איז צופעליק געקומען, בשעת דעם דאָזיקן רירנדיקן שמועס, אויף אַ ראַנדעוואו. שניצלער ווייזט די באַקעטע נאַטור פון „עפּעס אַנדערש", צו וועלכן עס האָט זיך אַזוי ערנסט באַצויגן דער אַוטאָר פון „אוצר פון ענוים". אין דעם עפּיזאָד „אַ געזעגענונגס-אָוונטברויט" האָט אַנאַטאָל איינגעלאַדן מאַקסן און אַנין, כדי פריילעך צו זעגענען זיך מיט אַנין. דאָס איז איינס פון יענע שיידעניש, וועלכע ער האָט אַזוי פיל געהאַט אין זיין לעבן. אַנאַטאָל האָט ליב אַרומצוריינגלען אַזעלכע פּשוטע ערשיינונגען מיט פּאָעטישע אַקסעסואַרן. אַ פּראָזאַיִקער וואָלט געזאָגט פּשוט, אַז אַני איז אַנאַטאָלן מיאוס געוואָרן, און ער האָט באַשלאָסן פאַרבייטן זי אויף אַן אַנדער פרוי. אַנאַטאָל פיינינקט זיך גרייגעלעך, גרייטנדיק זיך צו דער אומאָנגענעמער סצענע, צו אַניס טרערן און צו אַלץ, וואָס קומט פאַר געוויינלעך ביי זיין שיידן זיך. אָבער אַני איז אים מקדים. ווייזט זיך אַרויס, זי איז אויך געקומען, כדי צו מעלדן אים וועגן דער נויטווענדיקייט צו שיידן זיך, וואָרעם זי האָט ליב געקראָגן אַן אַנדערן. די גאַנצע פאַנטאַסמאַגאָריע, וואָס אַנאַטאָל האָט באַשאַפן, איז אין איין אויגנבליק צעפאַלן. אַלע זיינע פּראָבעס צו טרעפן אַניס געפילן אין דעם מאָמענט פון פונאַנדערגיין זיך, זיין גאַנצער צער וועגן איר טרויער, דאָס אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אומזיסטע אָנשטרענגונג פון די נערוון. ווען דידאָזיקע מענטשן וואָלטן געלעבט און געפילט נאָרמאַל, וואָלט אַנאַטאָל נאָר געדאַרפט פרייען זיך, וואָס דער צופאַל האָט אים פאַרלייכטערט זיין אויפגאַבע. אָבער אַנאַטאָל איז אויפגעקאָכט, ער איז שוין גרייט צוריק צו לאָזן אַנין, ער פרעגט ביי איר אויס וועגן אַלע דעטאַלן פון איר נייער ליבע — אפשר האָט זי אין אים שוין

געפעלשט ביזן שיידן זיך? ס'איז דען אַנאַטאָלן ניט אַלץ איינס, וויבאַלד אַז ער איז גרייט צו פאַרבינדן זיך מיט אַ נייער און לאָזן די פריערדיקע? אָבער דאָס איז די מעשה, וואָס אים איז ניט אַלץ איינס. די דאָזיקע מענטשן האָבן ליב נאָר זייער אילוזיע, און זיי האַסן אַלץ, וואָס צעשטערט זי.

אַזעלכע זיינען שניצלערס העלדן. די העלדינס זיינען האַרמאָנירן מיט דעם אַלגעמיינעם בוי פון דעם אילוזאָרישן לעבן. זיי זיינען אַקסעסואַרן אין דער אַלגעמיינער שפּיל, אין וועלכע דאָס לעבן איז פאַרוואַנדלט. ווער איז פעיִקער איידער די פרוי אָנטייל צו נעמען אין דער דאָזיקער שפּיל? די יאָרהונדערטן פון אונטערטעניקייט, וועלכער האָבן געלאָזט די פרוי קאָנצענטרירן אַלע אירע קרעפטן צו פאַרנאַרן דעם מאַנסביל, מאַכן זי פאַרן געוואונטשענעם עלעמענט פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. דער טיפּ פון אַ פרוי, וועלכע איז פאַרנומען מיט ראַפינירטן פלירט — דאָס איז שניצלערס געליבסטער טיפּ. שניצלערס ווערק זיינען דורכגעדרונגען מיט יענעם טראַדיציאָנעלן בליק אויף דער פרוי, וואָס אין זיין יסוד ליגט די פאָרשטעלונג וועגן דער פרוי, ווי וועגן אַ שפּיל־צייג פאַר דעם מאַנסביל. אמת, ווען־ניט־ווען פירט ער אַרויס סימפּאַטישע פרויען־געשטאַלטן פון אַזאַ מין, ווי די אַרטיסטין אַננע רידעל, אַ שטאָלצע און אַ זעלבשטענדיקע מיידל, וועלכע וויל דינען דער קונסט, וועלכע זעט אין דער קונסט ניט קיין מיטל צו געפינען אַ ליבהאָבער וואָס זאָל זי אויסהאַלטן. אָבער דאָס זיינען זעלטענע איינצלען. זיי געפינען פאַר זיך ניט קיין אָרט אין דער דאָזיקער סביבה, וועלכע פּטרט זיי, סטאַרענדיק זיך אַריינצוטרייבן די דאָזיקע ווידערשפּעניקע אין דעם אַלגעמיינעם וועג. אמת, אין זיין „מעשהלע" מאַכט שניצלער אַ פּראָבע אויפצושטיין קעגן דער יאָרהונדערטנדיקער אומגערעכטיקייט, וועלכע לאָזט דעם מאַנסביל פאָדערן פון דער געליבטער פרוי אַ דין וחשבון וועגן איר עבר. דער העלד פון דער „מעשהלע" האַלט הייסע רעדעס קעגן דעם דאָזיקן פאָראורטייל. אָבער ווען דעם דאָזיקן העלד אַליין קומט אויס אין דער ווירקלעכקייט מקיים צו זיין זיינע ווערטער, קאָן ער זיך ניט אויפהייבן העכער פאַר זיין געזעלשאַפט, און די אַלטע מעשהלע ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ כזרישע ווירקלעכקייט.

נאָר אויפן באָדן פון עפּיקורעיִשע אידעאַלן האָט געקאָנט גע־בוירן ווערן אַזאַ פילאָסאָפיע. נאָר די שטרעבונג צו תענוגים, די אָפּוועזנהייט פון באַוואוסטזיין, אַז דאָס לעבן איז חוב און קאַמף, האָבן געקאָנט ברענגען צו דעם אינדיפערענטיזם פון שניצלערס העלדן. שניצ־לערס פּאָעזיע איז באַשטימט פאַר יענע, וועמען עס קומט ניט אויס צו קעמפן

און געווינען דאָס רעכט אויף עקסיסטענץ. דעריבער דאַרף אויך די פאָרם, אין וועלכער דער פּאָעט קליידט אָן זיינע געדאַנקען, באַפרידיקן דעם פּוסטן גע־שמאַק. געגליכן צו מעטערלינקן, האָט שניצלער געפונען די דאַזיקע פאָרם, און האָט אויך ווי אַזוי יענער אין דער הינזיכט קיין קאָנקורענטן ניט. דאָס איז די איינאַקטער־פּיעסע. דעם זיך לאַנגווײלנדיקן צושויער קאָן מען ניט באַלעסטיקן מיט אַ דערמידנדיקער דראַמע. און אין דער פאָרם פון שניצלערס ווערק האָט זיך אַרויסגעוויזן דער דאָזיקער פּריילעכער, זשווירנדיקער שאַרפזיניקער איינ־וואַינער פון ווין. גרויסע דראַמען גיבן זיך שניצלערן ניט איין. די אורטיילן וועגן דועל, מיט וועלכע עס איז פול, למשל, די דראַמע „פרייווילד״—זיינען אַ לאַנגווײליקע דיסערטאַציע, וועלכע שטימט ניט מיט די פאָדערונגען פון דער דראַמאַטישער קונסט. דערפאַר זיינען די איינאַקטיקע פּיעסן, די טרילאָגיע „גרינער פּאָפּוגיי״ און „לעבענדיגע שטונדען״ גלענצנדע פּאַראַדאָקסן אין אַ דראַמאַטישער פאָרם. דער לייכטער בליק אויפן לעבן דאַרף זיין אָנגעקליידט אין אַ לייכטער פאָרם, און מ׳מעג זאָגן, אַז שניצלער איז דער בולטער שעפער פון דעם דאָזיקן נייעם זשאַנר, פון איינאַקטיקע דראַמען.

שניצלער, זאָגן מיר נאָך אַמאָל, איז דער עיקר דער פּאָעט פון דער זשווירנדיקער פּוסטעפּאַסנער געזעלשאַפט. אָבער אַזעלכע איז שוין די טבע פון יעדער עכטן קינסטלערישן טאַלאַנט, אַז אפילו דער איין ווינקל פון לעבן, וואָס ער האָט באַלויכטן העל און וואָרהאַפטיק, דינט פאַר אַ קוואַל, פון וואַנען עס קאָנען שעפּן באַלערנדיקע לעקציעס אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. אויב דער ליידיקגייער דער זשויר, וועלכער רייסט פון לעבנספעלד בלומען פון תענוגים, וועט אין שניצלערס ווערק איינזען נאָר אַ נייע באַשטעטיקונג פון דעם געדאַנק, אַז „נאָר דער אייגנבליק איז אונזערער״, אַז „גאָר די פולקייט, גאָר דער שטאָלץ פון אונזער לעבן איז נישטיק לגבי דער שטאַרקער מאַכט פון דעם טרוים, וואָס פליט צו אונז אַראָפּ אין שלאָף, אויב פאַר דעם ליידיק־גייער דעם זשויר זיינען די שאַפונגען פון דעם אויטאָר פון „גרינעם פּאָפּוגיי״ נאָר אַ נייער באַווייז, ווי אומפּרוכטבאַר עס איז די ערנסטע באַציִונג צום לעבן,— איז אין דער נידער, וואו עס ווערט געבוירן די נייע פילאָסאָפיע, וואו דער קאַמף פאַרן לעבן האָט אַרויסגערופן אַ דאָרשט צו אַקטיוון אַריינמישן זיך אינם לעבן פון דער אַרומיקער וועלט, וועט מען אין די ווערק פון אונזער פּאָעט דערזען דאָס בילד פון דער פאַרווילדקייט, צו וועלכער די פּוסטעפּאַסנע געזעלשאַפט איז דערגאַנגען, דאָרט וועט מען פאַרציטערט ווערן פון די שרעק־לעכע רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער ירידה, דאָרט וועלן די מענטשלעכע

שטאָלץ און ווערדע אויסגעקאָכט ווערן פון דער נישטיקייט פון דעם מענטשן, וועלכער איז געוואָרן אַ שפּילצייג אין די הענט פונם צופאַל, וואָס איז געוואָרן אומפעיִק צום קאַמף פאַר זיין גליק און פרייהייט. דאָרט זיינען שניצלערס ווערק — אַ געזעלשאַפטלעכער ווייזער. זיי דערקלערן דאָס לעבן און קאָנען אַריינגיסן נייע קרעפטן אין דער אומצופרידנהייט מיט דעם עקסיסטירנדיקן, אין דער ניט-אָפּשטאַרבנדיקער שטרעבונג צו פאַרפולקומונג.

שניצלער און מעטערלינק זיינען די בעסטע פּאָעטן פונם היינטיקן דואַליזם. נאָר איינער האָט זיך ערלויבט אַ שמייכל צו טאָן דאָרט, וואו דער צווייטער מאַכט אַן ערנסטע מינע. איינער האָט באַוויזן דעם אמתן אונטערשלאַק פון די טרוימען וועגן דעם דינסטן לעבן פון דער נשמה. דער צווייטער איז איבערצייגט געווען, אַז ער האָט פאַרנומען די סודות פונם דאָזיקן לעבן ביי זייער קוואַל.

---

## X.

*„אויסדיכטונגען". — די אַפּאָלאָגיע פון ליגנט. — קונסט און נאַטור. — קונסט און לעבן. — פון וואַנען שטאַמט אָסקאַר אואיילדס עסטעטישע לערע. — קונסט און קריטיק. — וואָרט און טאַט. — קונסט און מאָראַל. — „דאָריאַן גרייס פּאָרטרעט" אַלס סאָציאַלע אוטאָפּיע. — איבעראַנדערשן די וועלט און דער קולט פון שיינקייט אין דעם דאָזיקן ראָמאַן. — אָסקאַר אואיילדס עסטעטישע סאָציאָלאָגיע. — ליבע און טויט. — „שלומית". — ליידן. — „תפיסה". — שלוס.*

אָסקאַר אואיילד איז דער סאַמע באַצויבערנדיקער צווישן די פּאָעטן פון דער נייער צייט. מעטערלינק האָט באַשאַפן די פילאָסאָפיע, אואיילד — די עסטעטיק פון דער בענקענדיקער היינטיקער געזעלשאַפט, וועלכע ווערגט זיך אין דער פאַרשטיקטער אַטמאָספער פון אינדוסטריעלן לעבן. די בורזשואַזע געזעלשאַפט ווערט דערטרונקען אין דעם זומפּ פון דער דורך אים אַליין געשאַפענעם איינאַרטיקן קיום. דער איינאַרטיקער קלאַפּן פון די מאַשינעס, דאָס מעכאַנישע לעבן, וואָס פאַרוואַנדלט די וועלט אין אַ גראַנדיעזן וואַרשטאַט, וואַרפט אין אימה ניט בלויז די מאַסן, וועלכע זיינען אויסגעפייניקט מיט פאַרטעמפּנדיקער פראַצע, נאָר אויך יענע, וועלכע שטייען אין דער שפּיץ פון דעם דאָזיקן לעבן און זיינען פּטור פון דער דאָזיקער פראַצע אַדאַנק זייערע מיליאָנען. מעטערלינק האָט באַשאַפן די לערע וועגן צוויי וועלטן. ער האָט געגעבן דעם אומרויִקן גייסט די מעגלעכקייט אַוועקצוגיין פון „דער גרויסער אומגערעכ-

טיקייט", אין אַן אַנדער וועלט. אָסקאַר וואַיילד האָט די געזעלשאַפט אויסגעלערנט צו קוקן אויף דער ווירקלעכקייט דורך דער פּריזמע פון זיין דמיון. ער האָט דער וועלט באַוויזן, ווי מען קאָן אין די ערשיינונגען, וואָס מיר זעען, אַריינלייגן וואָס מען וויל פאַר אַן אינהאַלט. אין די עפּאָכעס, וועלכע דערמאָנען אונזער צייט, זיינען עסטעטיזם און יאוש ניט זעלטן געגאַנגען האַנט בײַ האַנט. באַיראָן איז געווען גלײַכצײַטיק אַ פּעסימיסט און אַ ראָמאַנטיקער. די וועלט פון אויסדיכטונג און פון באַצויבערנדיקן ליגן — דאָס איז דער נאַטירלעכער אויסגאַנג פאַר דער קראַפטלאָזיקייט קעגן לעבן און זיינע רעטעניש. די פאַנטאַזיע, וועלכע ווייס ניט קיין גרענעצן, וועלכע פילט די רעאַלע וועלט אָן מיט פאַנטאַסמאַגאָריעס — דאָס איז די לעצטע רעטונג פון דער אינדיווידואַליטעט, וועלכע רייסט זיך אַרויס פון די קייטן פון דער געזעלשאַפט. אָסקאַר וואַיילד באַלייכט מיט פעיערישער שיין סיי דעם עבר, סיי דעם הווה פון דער מענטשהייט, סיי די נאַטור, סיי דאָס לעבן, און פאַר דער דאָזיקער שיין נעמען די באַקאַנטע געשטאַלטן אָן פאַנטאַסטישע קאָנטורן. זיינע אומדערוואַרטע פאַרגלייכונגען און די פינקלענדיקע פּאַראַדאָקסן צערייסן די פעדים פון די לאָגישע קנופּן, זינלאָזיקייט ווערט קאָנזעקווענטקייט, און קאָנעקוועטקייט — משוגעת, אילוזיע ווערט פאַרוואַנדלט אין ווירקלעכקייט, און ווירקלעכקייט אין אילוזיע. אין יעדן וואָרט זיינעם הערט זיך די פּראָטעסטירנדיקע שטים פון דעם אַריסטאָקראַטישן גייסט, וועלכער איז באַליידיקט פון דער זיגערישער בירגערלעכער וויסנשאַפט מיט איר פּינקטלעכקייט און געטרייקייט דער ווירקלעכקייט. צעברעכן די פעסטע אויספירן פון דעם בירגערלעכן פלאַכן דענקען, דערווייזן, אַז אינם „ליגן" איז באַהאַלטן דער עכטער אמת — דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם ווערק „אויסדיכטונגען", יענס ווערק פון אָסקאַר וואַיילד, וואָס מען קאָן עס אָנרופן אָסקאַר וואַיילדס עסטעטישער מאַניפעסט פון דער נייער שול, געגליכן דערצו, ווי דער „אוצר פון ענוים" קאָן דינען אַלס איר פילאָסאָפישער מאַניפעסט.

אָסקאַר וואַיילדס עסטעטיק איז פריער פאַר אַלץ די אַנטבלויזונג פון דעם רעאַליזם, אַן אויפשטאַנד קעגן אויספאָרשונג און דער וויסנשאַפט, וועלכע האָבן געהאַט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער רעאַליסטישער ליטעראַטור. „איינע פון די סיבות פון דער וואונדערלעכער באַנאַליטעט אין דאָס רוב ליטעראַטור פון אונזער צייט איז, זיכער, דאָס, וואָס ליגנט איז געפאַלן אַלס קונסט, וויסנשאַפט און געזעלשאַפטלעכע פאַרווײַלונג". דער הײַנטיקער שריפטשטעלער שטרעבט צום אמת, און דאָס רופט אַרויס צאָרן מצד דעם קיניג פון

די הײנטיקע עסטעטן, „די אַלטע היסטאָריקער, — זאָגט ער, — האָבן אונז געגעבן צויבערלעכע פאַנטאַזיעס אַנשטאָט פאַקטן, די הײַנטיקע ראָמאַניסטן גיבן אונז גראָבע פאַקטן אַנשטאָט אויסדיכטונגען". לויט דעם מעטאָד און דער מאַניר צו שרײַבן איז זײער אידעאַל „דאָס בלויע בוך", ד. ה. אַ זאַמלונג פון דאָקומענטן. אַ הײַנטיקער ראָמאַניסט האָט זײַן אײגענעם אומדערטרעגלעכן „מענטשלעכן דאָקומענט", זײַן אָרעם קלײנטשיק „ווינקל פון דעם וועלטבאַשטאַנד", וואוהין ער קוקט דורך זײַן מיקראָסקאָפּ. „מען קאָן אים באַגעגנען אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אָדער אין ברימישן מוזײ, וואו ער שטודירט אומפּאַרשעמט זײַן געגנשטאַנד. ער האָט אַפילו ניט דעם מוט צו נעמען געדאַנקען פון אַנדערע מענטשן; ער מוז דווקא נאָך אַלץ וועגדן זיך אוממיטלבאַר צום לעבן. און סוף כל סוף גײט ער פאַרלאָרן צווישן די ענציקלאָפּעדיעס און אײגענער ערפאַרונג, אָנקלײַבנדיק זיך טיפּן פון דעם אײגענעם משפחה-קרײַז אָדער פון דער טאָגאַרבעטערין, דער וועשערין און פאַראָרגנדיק זיך מיט אַ מאַסע נוציקע ידיעות, פון וועלכע ער וועט זיך שפּעטער, אַפילו אין די מינוטן פון סאַמע התפּכלות ניט קענען אָפּצעפּען". די דאָזיקע ליבע צו פּינקטלעכקײט און אמת האָט די ערגסטע ווירקונג אויף דער ליטעראַטור און אויף דעם אונטערוואַקסנדיקן דור. אונטערן אײַנפלוס פון אַזעלכע שריפטשטעלער פאַרלירן יונגעלײַט די מתנה פון „איבערטרײַבן", וואָס וואָלט געקאָנט בײַ אַ געוויסער גינציקער סביבה אויסוואַקסן „אין עפּעס ווירקלעך גרויסעס און וואונדערלעכס". זײ באַקומען אויך די רגילות צו פּינקטלעכקײט, בײַ זײ אַנטוויקלט זיך „די אומגעזונטע און אומבאַרמאַלע אײגנשאַפט צו זאָגן אמת, זײ הײבן אָן צו קאָנטראָלירן אַלץ, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט אין זײער אָנוועזנהײט, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, הויבן זײ אָן צו רײדן אַנטקעגן מענטשן וועלכע זײַנען פיל ייִנגער פאַר זײ, און זײ ענדיקן אָפּט דערמיט, וואָס זײ שרײַבן ראָמאַנען אַזוי פיל ענלעכע צום לעבן, אַז מען קאָן ניט האַלטן פון זײער גלויבנסווערדיקײט".

אַזוי אַרום איז דער קוואַל פון דער נײַער עסטעטיק — די שנאה צו דער פּינקטלעכער פאָרשונג און צום וויסנשאַפטלעכן קענען די ווירקלעכקײט. אין איר יסוד ליגט די זעלבע שטרעבונג, וועלכע האָט באַדינגט איבסענס אײנדיווידואַליסטישע פּאָעזיע און מעטערלינקס דואַליסטישע פילאָסאָפיע, — די שטרעבונג אָפּצוטײלן די פּערזענלעכקײט פון דער וועלט, מאַכן פאַר אַ קולט אירע סוביעקטיווע פאָרשטעלונגען. די ערד, אַלס עטוואָס רעאַלס, ווערט לגמרי פאַרשוואונדן, און דאָס אײנציק וויכטיקע ווערט מ ײַ ן פאָרשטעלונג וועגן

דער וועלט. קונסט איז די איינציקע רעאַלישקייט. דאָס וואָס זי שאַפט, איז פיל העכער און באַדייטנדיקער פאַר די שאַפונגען פון דער נאַטור. קונסט געפינט איר פאַרפולקומונג אין זיך, ניט אויסער זיך. מען קאָן נים משפטן לויט קיין שום אויסערלעכן געשטאַלט און ענלעכקייט. זי איז גיכער אַ דעק, איידער אַ שפּיגל. „זי האָט בלומען, וואָס קיין פעלד ווייס פון אַזעלכע ניט, פויגלען וואָס קיין וועלדל האָט אַזעלכע ניט. זי באַשאַפט און מאַכט חרוב די וועלט. און זי קאָן אַראָפּנעמען די לבנה פון הימל אויף אַ פּורפּור־פאָדעם". זי האָט „די פאָרמען, וועלכע זיינען רעאַלער פאַר לעבעדיקע מענטשן", און די גרויסע אַרכיטיפּן, וואָס אומגעזעצלעכע קאַפּיעס פון זיי איז אַלץ וואָס עקסיסטירט. אין זיינע אויגן האָט די נאַטור ניט קיין געזעצן, קיין איינאַרטיקייט. די קונסט קאָן שאַפן וואונדער לויט איר פאַרלאַנג, און אַז זי רופט אַרויס אומגעהייערס פון דער ים־טיפענישׁ, קומען זיי. זי קאָן לאָזן דעם מאַנדלבוים בליען אום ווינטער, און אַרויסשיקן אַ שניי אויף די רייפע תבואה־פעלדער. זי האָט געטער מיט צורות פון שפּאַרבערס, וועלכע בוקן זיך פאַר איר, און אַרום איר שפּרינגען צענטאַוורעס". די דאָזיקע דרייסטע געדאַנקען זיינען בעצם אין אַ פּאַראַדאָקסאַלער פאָרם דער אויסדרוק פון דער זעלביקער אידעע, אַז די אויפגאַבע פון דער קונסט איז מאַכן אונז זעען די נאַטור־ערשיינונגען אין אַ נייער באַלייכטונג, אַריינלייגן אין זיי די שטימונגען, וועלכע מיר וואָלטן ניט געקענט אָנכאַפּן אָן די קונסטשאַפונגען. אָסקאַר אוואיילד האָט נאָר די דאָזיקע אידעע דערפירט צום עקסטרעמען אויסדרוק. ער מעלדעט גלייך, אַז אין דער נאַטור זיינען ווירקליך נאָר די שטימונגען, נאָר דער אינהאַלט, וואָס מיר לייגן אין איר אַריין, דעריבער זיינען נאָר זיי אַליין רעאַלע וועזנס, נאָר זיי אַליין עקסיסטירן. קיין נאַטור גופא איז ניטאָ, עס זיינען דאָ נאָר געשטאַלטן, וואָס ווערן געבוירן אין אונזער פאַנטאַזיע. „די נאַטור איז כלל ניט קיין די גרויסע מוטער, וועלכע האָט אונז געבוירן. זי איז—אונזער שאַפונג. אונזער מאַרך רופט זי אַרויס צום לעבן. זאַכן עקסיסטירן דערפאַר, וואָס מיר זעען זיי, און ווי מיר זעען און וואָס מיר זעען — דאָס הענגט שוין אָפּ פון דער קונסט, וואָס האָט אויף אונז געווירקט. קוקן אויף אַ זאַך הייסט נאָך ווייט ניט זען זי. דער מענטש זעט ניט די זאַך, כל זמן ער דערזעט ניט די שיינקייט אירע. דעמאָלט און נאָר דעמאָלט הייבט די זאַך אָן צו עקסיסטירן. לויט אוואיילדן איז די גאַנצע נאַטור באַשאַפן דורך דער קונסט. די קונסט האָט באַשאַפן די נעפּלען איבער לאָנדאָן. אפשר,—און אַפילו זיכער—האָבן די דאָזיקע נעפּלען אַלע מאָל עקסיסטירט, אָבער קיינער האָט דאָ ניט

געוואוסט און ניט געקענט. „זיי האָבן ניט עקסיסטירט, כל זמן די קונסט האָט זיי ניט ממציא געווען".

אָבער ניט נאָר די נאַטור — דאָס לעבן גופא איז אַ באַשעפעניש פון דער קונסט. דאָס לעבן מאַכט נאָך דער קונסט פיל מער, איידער די קונסט דעם לעבן. דער גרויסער קינסטלער באַשאַפט אַ טיפּ, און דאָס לעבן סטאַרעט זיך נאָך קאָפּירן אים, רעפּראָדוצירן אים אין אַן אַלגעמיין צוטריטלעכער פאָרם, ווי אַ טיכטיקער פאַרלעגער. די גריכן האָבן עס פאַרשטאַנען, און אין צימער ביי דער כלה געשטעלט שיינע סטאַטועס, כדי זי זאָל געבוירן קינדער אַזעלכע שיינע, ווי די שאַפונגען פון דער קונסט, אויף וועלכער זי האָט געקוקט אין די מאָמענטן פון גליקזעליקייט אָדער פּיין. „די גריכן האָבן געוואוסט, אַז דאָס לעבן קנאַפּ וואָס עס באַקומט פון דער קונסט פאַרגייסטיקונג, טיפקייט פון געדאַנק און געפיל, גייסטיקע שטורעמס און רו, נאָר דאָס לעבן קאָן זיך אויך באַשאַפן לויט די ליניעס און די פאַרבן פון דער קונסט און קאָן רעפּראָדוצירן פידיס דערהויבנקייט, ווי אויך פּראַקסיטעלס חן". אויף דער ליטעראַטור קאָן מען באַזונדער לייכט נאָכשפּירן די ווירקונג פון דער שיינקייט אויפן לעבן. אין אַ גראָבער פאָרם ווייזט זיך עס אַרויס אין דעם, וואָס נאַרישע יונגאַטשעס, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעלייענט מיט מעשהס וועגן אַוואַנטורעס, צערויבן די ביידלעך פון די עפּל־הענדלערקעס אויפן מאַרק, רייסן זיך אַריין אין די קאָנדיטערייען ביידערנאַכט און שרעקן איבער די אַלטע דזשענטלמענער, וועלכע גייען פרידלעך פון שטאָט אַהיים, אָנשפּרינגענדיק אויף זיי אין די געסלעך פון די פאָרשטעט אין שוואַרצע מאַסקעס מיט ניט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער יונגאַטש־דער רויבער איז נאָר אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון נאָכמאַכונגס־אינסטיקט פון לעבן. דאָס איז אַ פאַקט, וועלכער פאַרנעמט זיך, ווי אַלע פאַקטן, מיט רעפּראָדוצירן די אויסדיכטונג. און דאָס הזרט זיך אין לעבן איבער אומעטום. דעם פּעסימיזם האָט אויסגעטראַכט האַמלעט. „די וועלט איז געוואָרן טרויעריק, מחמת אַמאָל איז איינע אַ ליאַלקע געוואָרן מעלאַנכאָליש. דעם ניהיליסט, דעם דאָזיקן משונהדיקן מאַרטירער אָן גלויבן, האָט ממציא געווען טורגעניעוו און דערגאַנצט — דאָסטאָיעווסקי. דעם ניינצנטן יאָרהונדערט האָט אין אַ גרויסער מאָס ממציא געווען באַלזאַק. די ראָסטיניאַקס און די לוסיענס האָבן זיך פריער פאַר אַלץ באַוויזן אין דער „מענטשלעכער קאָמעדיע". און מיר פירן נאָר אויס דעם קאַפּריז און די פאַנטאַזיע פון די ראָמאַניסטן. „די ליטעראַטור איז מקדים דעם לעבן. זי קאָפּירט ניט פון דעם, נאָר זי אַרבעט עס איבער פאַר אירע אייגע־

נע צוועקן״... דאָס לעבן האַלט אַ שפּיגל קעגן דער קונסט און רעפּראָדוצירט עפּעס אַ משונהדיקע געשטאַלט, אַ באַשאַפענע פון דעם מאָלער אָדער דעם סקולפּטאָר, אָדער עס פאַרווירקלעכט אין טאַט דאָס, וועגן וואָס עס האָט זיך געטרוימט דער אויסדיכטונג״.

ווען מען זאָל זיך אויפמערקזאַם אַריינטראַכטן אין דער דאָזיקער מיט איר דרייסטקייט בלענדנדיקער טעאָריע פון קונסט, וועלן מיר דערזען, אַז הינטער די בלישטשענדיקע פּאַראַדאָקסן פון אָסקאַר אוֹאײַלד הערט זיך דער זעלביקער געשריי פון דער באַליידיקטער פּערזענלעכקייט, וועלכער איז צוגעדריקט אונטערן פּרעס פון סאָציאַלישקייט, צוגעשמידט צו דער אײַנאַרטיקער באַוועגונג פונם לעבן. די פּערזענלעכקייט זוכט פאַר זיך אַן אויסגאַנג, דאַרשט פריי זיך אַרויסצווייזן. צי אינם קולט פון אומבאַצוימטן אינסטינקט, ווי ביי שניצלערן, צי אין דער אידעע פון אַוטאָנאָמער נשמה, ווי ביי מעטערלינקן, אָדער לסוף אין דער פאַרגעטערונג פון דער פאַנטאַזיע, ווי ביי אוֹאײַלדן,—נאָר די פּערזענלעכקייט זוכט פאַר זיך אַן אויסגאַנג. אַז אין דעם גרונט פון איבסענס און אוֹאײַלדס פּאָעזיע ליגט דערזעלביקער דאָרשט נאָך זעלבסטבאַשטימונג, דער זעלבער צאָרן קעגן דער דעספּאָטישקייט פון לעבן,—דאָס דערווייזט דער אויסגאַנגס־שטאַנדפּונקט פון אָסקאַר אוֹאײַלדן, וועלכער ווייס, פונוואַנען עס איז אויסגעוואַקסן זיין קולט פון קונסט. ער זאָגט: „דער יסוד פון לעבן—„די ענערגיע פון לעבן״, ווי אַריסטו וואָלט עס אָנגערופן, איז נאָר דער וואונטש זיך אַליין אויסצודריקן, און די קונסט גיט אַלעמאָל פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמען, דורך וועלכע דער דאָזיקער אויסדרוק קאָן דערגרייכט ווערן״. אַזוי אַרום באַשטייט די גאַנצע דערהויבנקייט פון דער קונסט אין דעם, וואָס זי פאַרלייכטערט דער פּערזענלעכקייט די מעגלעכקייט אויסצודריקן זיך. פאַרשטייט זיך אַליין פון זיך, אַז ביי אַזאַ שטאַנדפּונקט שטעלט זיך אָסקאַר אוֹאײַלד קעגן דעם געדאַנק, אַז די קונסט דריקט כלומרשט אויס די שטימונג פון דער אייגענער צייט, די מאָראַלישע און סאָציאַלע תנאים, וואָס רינגלען זי אַרום. „די קונסט דריקט קיינמאָל גאָרנישט ניט אויס, אויסער זיך אַליין״. פעלקער און באַזונדערע פּערזענלעכקייטן סטאַרען זיך געפינען אין דער קונסט „דעם שפּיגל פון זייערע אייגענע טריבע לײַדנשאַפטן״. דאָס איז ניט אַזוי. „די העכערע קונסט שלייַדערט פון זיך אָפּ דעם יאָך פון דעם מענטשלעכן גייסט און באַקומט אַ סך מער דורך בייעם געצייג אָדער מאַטעריאַל, איידער דורך אַ וועלכן עס איז ענטוזיאַזם צו קונסט, דורך דערהויבענער לײַדנשאַפט, אָדער גרויסער דערוואַכונג פון דעם מענטשנס באַוואוסטזיין. די קונסט אַנטוויקלט זיך נאָר לויט אירע אייגענע

ליניעס. זי איז ניט קיין סימבאָל פון קיין צייט. צייטן זיינען אירע סימבאָלן".

ווען אָסקאַר וואַילד גייט איבער פון קינסטלער צום קריטיקער, ווערט דער אינדיווידואַליסטישער אונטערשלאַק פון זיין עסטעטישער לערע נאָך קלע־רער. מיין אינערלעכע וועלט קאָן ניט זיין איבערגעגעבן. אָט פאַרוואָס דער קינסטלער דריקט זיך אויס אין זיין שאַפונג, אָבער יעדער וואָרט נעמט אויף די דאָזיקע שאַפונג, באַשאַפט שוין אַ נייע, דריקט שוין אויס זיין אייגענעם „איך". בעצם איז די אַנטיטעזע צווישן דער שעפערישער און קריטישער פעי־קייט לגמרי אַ ווילקירלעכע. אָן קריטישער פעיִקייט איז אינגאַנצן ניטאָ דאָס, וואָס איז ווערט אָנגערופן צו ווערן „קינסטלערישע שאַפונג". דער שיינער גע־שמאַק און דער פאַרפיינערטער אינסטינקט פון אויסוואַל, דורך וועלכע דער קינסטלער שילדערט פאַר אונז דאָס לעבן און גיט אים אָן אויגנבליקלעכע פולקומענהייט, — דער דאָזיקער געשמאַק און אויסוואַל, ס'דאָזיקע קענען אין דער געהעריקער צייט צו פאַרשווייגן, וואָס מען דאַרף, אָט דאָס איז בעצם טאַקע די קריטישע פעיִקייט אין איינעם פון אירע כאַראַקטעריסטישע מינים, און דערפאַר ווער עס באַזיצט איר ניט, יענער קאָן אין דער קונסט גאָרנישט ניט שאַפן. אָן זעלבסטבאַוואוסטזיין איז ניטאָ קיין קונסט, און זעלבסטבאַוואוסט־זיין און קריטיק — דאָס איז איינס און דאָס זעלבע. — אָן איינהייט איז ניטאָ קיין סטיל און קיין קונסט. און איינהייט קומט פון אינדיווידואַליטעט. שעקספיר האָט געקאָנט נעמען פון אַנדערע זייבע סוזשעטן, אָבער פון די כראָניקעס און נאָוועלן האָט ער גענומען נאָר רוישטאָף. ער האָט זיי איבערגעמאַכט, זיי־נען זיי געוואָרן זיין אייגנטום. „וואָס ווייטער מען שטודירט דאָס לעבן און די ליטעראַטור, אַלץ שטאַרקער פילט מען, אַז הינטער אַלץ, וואָס עס גיט וואונ־דערלעכס, איז באַהאַלטן אינדיווידואַליטעט, און ניט דער מאָמענט באַשאַפט דעם מענטשן, נאָר דער מענטש באַשאַפט זיין עפּאָכע".

אָסקאַר וואַילד אַנטפּלעקט דעם רעאַלן אונטערשלאַק פון זיין עסטעטי־שער לערע, ווען ער נעמטריידן וועגן שפּראַך און זינד. שפּראַך איז ביי אים העכער פאַר אַקציע. מאַכן עפּעס אַ זאַך איז פיל לייכטער, איידער ריידן וועגן איר. יעדער קאָן מאַכן געשיכטע, אָבער נאָר דער גרויסער מענטש קאָן זי שרייבן. אונזער אַקציע הענגט אָפּ ניט פון אונז, נאָר פון אויסערלעכע השפעות. זי ווערט באַוועגט דורך אָנרעגונגען, וואָס זייער טבע ווייס זי ניט. „בשעת דער מענטש טוט, איז ער אַ מאַריאָנעטע. ווען ער באַשרייבט — איז ער אַ פּאָעט". אין די דאָזיקע ווערטער קלינגט שוין דער אונז באַקאַנטער פּראָ־

טעסט קעגן דער איינאַרטיקייט פון דעם היינטיקן לעבן און דער רוף צו טרוים און פאַנטאַזיע, וואו עס קאָן זיך נאָך אַרויסווייזן די פּערזענלעכקייט, וואו עס ווערט געמאַכט דאָס לעבן, וואָס איז פריי פון פאָדערונגען פון דער אויסער־לעכער וועלט.

אָסקאַר וואַיילד האָט אָנגעשריבן איינע פון די שענסטע אוטאָפּיעס, וועלכע דער פּאָעטישער זשעני האָט ווען עס איז געשאַפן. אוטאָפּיע איז שטענ־דיק געווען די ליבסטע שאַפונגס־פאָרם, ווען דיווירקלעכקייט פון דער איבער־גאַנגס־עפּאָכע האָט ניט געגעבן קיין פאַרבן און קלאַנגען צו פאַרקערפּערן דעם אידעאַל. די דאָזיקע פאָרם פון פּאָעטישער שאַפונג האָט בעסער פאַר אַלץ אָפּגעשפּיגלט די באַגערן פון אַ געוויסער גרופּע, מחמת ניט האָבנדיק קיי־נע רעאַלע באַגרענעצונגען, האָט זי געגעבן אַבסאָלוטע רחבות פאַר זייער אַרויס־ווייזן זיך... „דאָריאַן גרייס פּאָרטרעט" פאַרקערפּערט די פלאַמענדיקע שטרע־בונג פון די היינטיקע פּוסטע עסטעטן צו איבעראַנדערשן די וועלט און דאָס לעבן. די דאָזיקע משונהדיקע געשיכטע מאָלט יענע פון דמיון אויסגעדאַכטע מלוכה, וואו פאַר די באַגערן פון די עפּיקורעער און דעם עסטעט זיינען ניטאָ קיינע גרענעצן, אפילו יענע, וואָס די נאַטור אַליין שטעלט, למשל אַלטקייט, אָדער די באַגרענעצטע כּוחות פון דעם מענטשן. „דאָריאַן גרייס פּאָרטרעט" — דאָס איז פריער פאַר אַלץ אַ טרויעריקער באַקלאָגן זיך מצד דעם היינטיקן גליקסקינד, וואָס באַזיצט אַלץ אויסער די אייביקע יוגנט, כּדי אָוועקצוגיין פון דער איינאַרטיקער רעאַלער וועלט אין דער ספערע פון באַרוישנדיקע תענוגים.

ווייטער, דאָס איז אַ בילד פון אידעאַלער עקסיסטענץ, וועגן וועלכער עס פאַנטאַזירט דאָס איבערגעזעטיקטע גליקסקינד פון אונזער צייט, וואו די אַנט־ציקונג מיט פאַרשיכּורנדיקע אַרגיעס און אילוזיעס, וועלכע דער ליגנט שענקט, ווערט ניט פאַרטונקלט מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז קראַנקהייט און עלטער זיי־נען אומאויסמיידלעך אויך פאַר עשירות און יחוס. די נאַטור האָט אַוועקגע־שטעלט אַ גרענעץ פאַר דער מענטשלעכער אויפנעמבאַרלעכקייט. מען קאָן ניט אומבאַשטראָפט פאַרשטאַרקן די דאָזע פון נאַרקאָטישע מיטלען. און פאַר דעם היינטיקן מיליאָנער מאָלט זיך דער שיינער אינזל אוטאָפּיע אַלס דאָס גליקלע־כע לאַנד, וואו עס איז מעגלעך צו באַקומען יענס לעצטס, וואָס מען קאָן אים ניט געבן אין דער רעאַלער וועלט פון עשירות.

דאָריאַן איז „שיין, ווי די לופטיקע אויסדיכטונגען פון עלאַדע". אָבער דאָריאַנס שיינקייט אַליין וואָלט ניט געווען אימשטאַנד אים אַרומצורינגלען מיט



אָסקאַר אואַיילד

יענע צויבערלעכע טרוימען, וואָס אין זייערער אַ ריי אָן אַ סוף איז פאַרוואַנדלט
געוואָרן זיין פוסטער לעבן. דאָריאַן איז ניט בלויז שיין. ער איז אַ יחסן, און
דער עיקר — רייך. ער לעבט אין יענער וועלט, וואו אפילו וויטאָג און לייד
זיינען געקליידט אין זייד און אין גאָלד. „דאָס איז טאַקע מאָדנע,—זאָגט דער
קינסטלער בעזיל,—אָבער איך האָב נאָך קיינמאָל ניט ליב געהאַט קיין פרוי.
מסתמא האָב איך דערויף ניט קיין צייט. אפשר איז, ווי הענרי זאָגט, «grande
passion» די פריווילעגיע פון יענע מענטשן, וועלכע האָבן ניט וואָס צו טאָן
און דעריבער בלייבט עס אַ קנין פון די פוילע קלאַסן אין לאַנד". לאָרד הענרי
האָט אין די דאָזיקע ווערטער אַליין פעסטגעשטעלט דער סאָציאַלן אונטער=
שלאַק פון יענעם פסיכישן לעבן, וואָס וויקלט זיך פונאַנדער אין „דאָריאַן
גרייס פאָרטרעט".— די דאָזיקע וועלט פון ליידיקע און פוילע קלאַסן, וואו מען
„שטייט אויף שפעט, מען טוט זיך אָן לאַנגזאַם, און דעם גרעסטן טייל פון טאָג
פאַרברענגט מען אין זוכן אַ קינסטלעכן אינהאַלט, מיט וועלכן מען זאָל קאָנען
אָנפילן די אינערלעכע וועלט, מחמת עס זיינען ניטאָ קיין רעאַלע אינטערעסן.
דאָס זיינען מענטשן, וועלכע ליגן אָפּ שעהן אין ווינקל סאָפע, וועלכע איז גע=
דעקט מיט פערסישע קאָבריצעס, רויכערן אָן אַ שיעור איינע נאָך די אַנ=
דערע פּאַפּיראָסן", און האָבן הנאה פון קוקן אויף דער שפּיץ פון די שיינע
רייך באַפאַרבטע בלומען פון אַלפּישן גאָלדרעגן, וואָס זיינע ציטערדיקע צווייגן
האַלטן, דאַכט זיך, קוים אויס די משא פון זייערע פייערדיקע באַפּוצעכצן".
„דאָס זיינען מענטשן, וואָס זייערע געדאַנקען קערן זיך ניט ווילנדיק צו די
ווייטע געלויכטיקע קינסטלער, וועלכע זוכן אויסצודריקן באַוועגונג און אויפ=
ברויז אין דער אומבאַוועגלעכער לויט איר טבע קונסט", מחמת „גלייך פאַר
די אויגן" פון די דאָזיקע מענטשן טראָגן זיך דורך אויף די לאַנגע זיידענע
פאָרהאַנגען פונם גרויסן פענסטער „וועלכע דערמאָנען די מאָמענטאַלע עפעקטן
פון דער יאַפּאַנישער מאָלעריי" די פאַנטאַסטישע שאָטנס פון פאַרביילויפנדיקע
פייגל. דאָס איז די וועלט פון סיבאַריטן און עפּיקורעער, וואָס זיי צו דינסט
שטייען שטענדיק גרייט וואוילערצויגענע לאַקייען, טייערע עקיפּאַזשן, באַקווע=
מע שטולן און „פּערסישע פּוכיקע זיידענע טעפּעכלעך", וועלכע זיינען צעוואָרפן
איבער דער „מיט גראַנאַט=געוואַנט באַצויגענער פּאָדלאָגע".

לאָרד הענרי איז גערעכט: אַן אמתע «grande passion» איז די פריווי=
לעגיע פון יענע מענטשן, וועלכע האָבן ניט וואָס צו טאָן, אַ פריווילעגיע פון
די פוילע קלאַסן אין לאַנד. דער גרויסער וואָרהאַפטיקער קינסטלער אָסקאַר
וואַילד האָט באַוויזן די געזעלשאַפטלעכע אָפּשטאַמונג פון יענעם עסטעטישן

אינדיווידואַליזם, פון וועלכן ער אַליין איז געווען דער דרייסטער אויסדריקער. אין דעם לאָרד הענריס פּיינער, בלענדנדיקע פּאַראַדאָקסן ווערט אויפגעדעקט די וועלטאָנשויונג פון די דאָזיקע מענטשן, וועלכע קליידן אָן אין נייע פּאָרמען אַלץ די זעלבע שטרעבונג פון דער זיך אַנטאַרטנדיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט צום פרייען אַרויסווייזן אירע אינסטינקטן; די שנאה פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט צו די קייטן, וועלכע האָבן פאַרדריקט די פּערזענלעכקייטן אין דער קלעם פון סאָציאַלער נויטווענדיקייט. לאָרד הענרי שטייט אויף, ווי שטירנער, קעגן אַלע פאָרמען פון נזירות. „די צעקאַליעטשעטקייט פון דעם ווילדן איז פאַרבליבן אין דער טראַגישער איבערבלייבעניש פון דעם געפיל פון אַליין אָפּזאָגן זיך פון דער וועלט, וואָס פאַרפלעקט אונזערע לעבנס. מיר זיינען באַשטראָפט פאַר אונזער נזירות... פאַרווירקלעכונג איז דער בעסטער וועג צו באַפרייאונג. דער איינציקער מיטל פּטור צו ווערן פון אַ נסיון איז — נאָכגעבן אים. וויבאַלד מען ווייזט אים אַ ווידערשטאַנד, ווערט שוין די נשמה קראַנק אויף געלוסטונג צו דעם פאַרבאָטענעם, און זי הייבט זיך אָן רייסן דערצו, וואָס האָט איר אָנגעהויבן אויסצווייזן ווילד און פאַרברעכעריש צוליב אירע קעגנגאַטירלעכע געזעצן". רחבות פאַר די אינסטינקטן, נידער מיט די באַגרענעצונגען און נזירות! אַזאַ איז דער דעוויז פון די נייע פּאָעטן און לאָרד הענרי האָט נאָר אָנגעקליידט אין דער פאָרם פון העלע און שטאַרקע פּאַראַדאָקסן די דאָזיקע שטירנערס און ניטשעס לערע. ער וואַריִרט די ווערטער פון די דאָזיקע דענקער און פון איבסענען: „דער ציל פונם לעבן איז זעלבסטאַנטוויקלונג. אויסדריקן אין דער פולער מאָס דעם אייגענעם מהות — אָט צוליב וואָס יעדער פון אונז לעבט". ער איז בראַנדס בעל־ברית: „איצט האָבן מענטשן מורא פאַר זיך אַליין. זיי האָבן פאַרגעסן דעם העכסטפון אַלע חובות, דהיינו דעם חוב בנוגע צו זיך זעלבסט. געוויס, זיי אַלע ציינען זיך אויס מיט רחמים; זיי ווילן עסן געבן אַ הונגעריקן, אָנקליידן אַן אָרעמאַן. אָבער זייערע אייגענע נשמות ליידן הונגער און קעלט. די מוטיקייט איז אָפּגעשטאָרבן אין אונזער גזע, און אפשר האָט זי גאָר אין אונז קיינמאָל ניט עקסיסטירט. די מורא פאַר דער געזעלשאַפט, וואָס ליגט אין יסוד פון דער מאָראַל, די מורא פאַר גאָט, וואָס איז דער יסוד פון אמונה, — אָט זיינען די צוויי אימפּולסן, וואָס קירעווען אונז". ווי יעדער היינטיקער אַפּאָלאָגעט פון דער באַקעטער צו זיך זעלבסט צילנדיקער פּערזענלעכקייט, קאָן לאָרד הענרי פון זיין האַרצן ניט אַרויסרייסן דעם סאָציאַלן אינסטינקט. און געגליכן דערצו ווי ניטשע האָט צונויפגעבונדן זיין לערע פון עגאָיזם מיט דעם טרוים וועגן

דער פאַרפולקומונג פון דער מענטשהייט, אַזוי פאַראיידלט לאָרד העגרי זיין קולט פון עגאָיזם און אינסטינקט מיט דעם חלום וועגן אַ שיינער פולקומער וועלט. „איך מיין, אַז אויב עמעצער וואָלט געלעבט מיט פולן און פולקומען לעבן, געבנדיק אַ פאָרם יעדן געפיל זיינעם, אַן אויסדרוק יעדן געדאַנק זיינעם, אַ ווירקלעכקייט יעדן חלום,—איך מיין, אַז די וועלט וואָלט באַקומען אַזאַ אימפולס צו פרייד, אַז מיר וואָלטן פאַרגעסן אָן אַלע מחלות פון מיטלאַלטער און זיך צוריקגעקערט צו דעם העלענישן אידעאַל, אפילו, אפשר, צו עפּעס נאָך דינערס און רייכערס, איידער דער אידעאַל פונם העלענער". „זיי אַן אָנרחמנותדיקער עגאָיסט, וועסטו דינען דעם העכערן ציל פון זיין, דער אידעע פון אויבערמענטש, דער פאַרפולקומונג פון דער מענטשלעכער ראַסע"—לאָזט הערן ניטשעס לערע. „זיי אַ עגאָיסט, וועסטו דינען דעם שאַפן פון אַ וועלט פון עכטער שיינקייט און פרייד" — זאָגט אָסקאַר אוַאיילד מיטן מויל פון לאָרד העגרי. פון פאַרשיידענע זייטן גייען הייַנטיקע אינדיווידואַליסטן אונטער צו באַרעכטיקן דעם עגאָיזם און די עקספּלואַטאַציע. דעם קולט פון שיינקייט און גליק, וואָס דאָס ליידיקגיין האָט אויפגעבויט, שטעלט דער לאָרד העגרי אַרויס אַלס העכערן לעבנסגעזעץ און אין זיין נאָמען באַרעכטיקט ער די פאַראַכטונג צום געזעלשאַפטלעכן חוב, די שנאה צו זעלבסטבאַגרענעצונג. אויב ניטשע האָט דערהויבן צו אַ קולט קראַפט, אומרחמנותדיקן ווילן און דאָרשט נאָך מאַכט, אויב מעטערלינקס פילאָסאָפיע איז געוואָרן די באַרעכטיקונג פון גאָרנישט טאָן און הסתכלות, האָט אָסקאַר אוַאיילד דער הייַנטיקער געזעלשאַפט באַוויזן נאָך אַ דריטן אויסגאַנג,—אין וועלכן זי קאָן זיך געפינען טרייסט און זינען. דאָס איז דער וועג פון עפּיקורעער און עסטעט. יעדער פון די דאָזיקע שריפטשטעלער האָט באַשאַפן אַ געלוסטיקע פילאָסאָפיע, וועלכע באַרעכטיקט דעם אָדער יענעם פון די וועגן, איבער וועלכן עס גייט די הייַנטיקע בורזשואַזע געזעלשאַפט. שטירנער האָט איבערגעשאַצט די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט, אוועקשטעלנדיק אין צענטער פון זיין געשיכטע-פילאָסאָפיע אַ באַשטימטן פּרינציפּ—דעם נצחון פון דער פאַר זיך צילנדיקער, שטאַרקער עגאָיסטישער פּערזענלעכקייט. אָסקאַר אוַאיילד האָט געפונען דעם גרונט-פאַקטאָר פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג אין דער ספערע פון קונסט. „ציַיטנווייז דוכט זיך מיר,—זאָגט דער קינסטלער בעזיל,—אַז אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט זיינען וויכטיק נאָר צוויי ערעס. די ערשטע—דאָס איז די אַנטדעקונג פון אַ נייעם מיטל פון אויסדרוק אין דער קונסט, און די צווייטע—דאָס איז די ערשיינונג פון אַ נייעם מוסטער, פאַרשטייט זיך, ווידעראַמאָל אין דער קונסט".

לאָרד הענרי פאַרווירקלעכט אין דער פּראַקטיק אָסקאַר אואַיילדס עס־טעטישע טעאָריע. ער פּילט אָן די וועלט מיט צויבערלעכן אינהאַלט, ער ענ־דערט די געשטאַלט פון דער ווירקלעכקייט לויט דעם ווילן פון זיין פאַנטאַזיע. דאָריאַן איז אַ דאַנקבאַרער מאַטעריאַל פאַר דעם לאָרד הענרי. ער איז געווען אָפּהילכיק אויף ווערטער, ווי אַ גוטע פידל איז אָפּהילכיק צום לייכטסטן ריר און צו די וויבריררונגען פונם סמיטשיק. אין די פּסיכאָלאָגישע פּראָבעס צו משפּיע זיין אויף אים איז געווען עפּעס אַזוינס פאַרלאָקערנדיקס פאַר לאָרד הענרי. „רעפּראָדוצירן אין אַ פרעמדער נשמה לויט דעם אייגענעם רצון גראַנדיעזע פאָרמען און אויף אַ ביסל צייט איינקריצן זיי אין איר, הערן דעם עכאָ פון די אייגענע אידעען, וועלכע איז פאַרשטאַרקט דורך ליידנשאַפט און יוגנט, — ווי עפּעס אַן אייִדעלע פליסיקייט, אָדער אַן אומגעוויינלעכן אַראָמאַט, אַריבער־גיסן אין אַן אַנדערן דעם אייגענעם טעמפּעראַמענט: אין דעם איז געווען אַן אמתער תענוג, אפשר דער גרעסטער פון די תענוגים, וועלכער איז געגעבן אונזער וואולגאַרן יאָרהונדערט מיט זיינע וואולגאַרע שטרעבונגען און גראָבע זינלעכע פאַרגעניגנס. „דאָריאַן האָט פאַר בעזילן אַנטדעקט אַ נייע ערע אין דער קונסט. די וואונדערלעכע געשטאַלט פון דעם פּרעכטיקן יונג האָט אין אים אַריינגעגעבן אַ נייע מאַניר אין דער קונסט, אַ נייעם סטיל, האָט אים געלאָזט דערזען די זאַכן אין אַ נייער באַלייכטונג, געגעבן די מעגלעכקייט צו באַשאַפן דאָס לעבן אין אַזעלכע פאָרמען, וועלכע זיינען פון אים פריער געווען פאַר־הוילן; די פּשוטע פאָרמען און געשטאַלטן פון די זאַכן זיינען געוואָרן פול־קומער און האָבן זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון סימבאָלישע ווערטן, ווי זיי וואָלטן געקומען אַלס די אָפּשפּיגלונג פון אַנדערע, נאָך מער פולקומע פאָרמען, אַלס רעאַליזאַציע פון זייער אידעע. אין דעם לאָרד הענרי האָט זיך פאַרוואָלט ווערן פאַר דאָריאַנען דאָס, וואָס דער יונג איז געווען פאַר דעם קינסטלער. ער האָט געוואָלט הערשן איבער אים, ווי יענער איבער בעזילן. אואַיילדס וועלט — דאָס איז די וועלט פון שיינקייט און פאַנטאַזיע. אין דער דאָזיקער וועלט ווערן זאַכן געשאַצט לויט דעם, אין וואָס פאַר אַ מאָס זיי נערן דעם דמיון. דאָ קאָן זיך די פּערזענלעכקייט פילן און פונאַנדערוויקלען אין דער גאַנצער ברייט נאָר אין דער שפּיל פונם דמיון, ווען זי שאַפט נייע גע־שטאַלטן, לייגט אין געגנשטאַנדן אַריין איר אייגענעם אינהאַלט. די דאָזיקע שפּיל פון דער פאַנטאַזיע איז איר איינציקע רעטונג פון די וואולגאַרע שטרע־בונגען פון דער וואולגאַרער צייט.

אַזאַ איז די וועלט, אין וועלכער אָסקאַר אואַיילד האָט אַריינגעוואָרפן

זיין העלד. דער שיינער יונג, וואָס האָט שוין מיט זיין קיום זעלבסט איבער־געאַנדערשט די איינאַרטיקע ווירקלעכקייט אין העלע געשטאַלטן, איז געוואָרן אַ זאַך פון פאַרגעטערונג. ער איז פאַר די דאָזיקע מענטשן געווען פאַנטאַזיע און קונסט. דאָס לעבן האָט זיינע שעדעווערען, געגליכן צו דער פּאָעזיע, סקולפּטור און מאַלעריי. דאָריאַן איז פאַר לאָרד הענרי געווען יענער סצעני־שער העלד, וואָס זיינע פריידן שיינען פאַר אונז צו זיין פרעמדע, נאָר זייער ליידן וועקן אין אונז דעם געפיל פון שיינקייט, און זייערע וואונדן זייען פּיין ווי רויזן.

לאָרד הענריס פריידיקט איז געפאַלן אויף אַ דאַנקבאַרן באָדן, זי האָט אין דעם יונגס נשמה אָנגעצונדן אַ נייע שרפה. ער איז געוואָרן דער שעפער פון אַ וועלט. ער מיט זיין שיינקייט, תפיסה און עשירות האָט געהאַט אַלע מיטלען צו פאַרוואַנדלען די רעאַלע וועלט אין אַ אילוזיע, און צו באַשאַפן אַרום זיך פון אילוזיעס אַ רעאַלע וועלט. לאָרד הענרי האָט אים „אָנגעפילט מיט ווילדן דאָרשט צו דערקענען די וועלט“. אין דעם באַרוישנדיקן טומל פון דער גרויסער שטאָט האָט ער געפונען אַ מיטל צו פאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין אַ חלום. ביי גאָר דער רייכקייט פון דער צויבערלעכער מלוכה פון די נייע פּאָעטנס פאַנטאַזיע, שעפּט די דאָזיקע מלוכה אַלע אירע פאַרבן נאָר פון דעם פאַרגיפטיקטן באָדן פון דער היינטיקער גרויסער שטאָט, די דאָזיקע כאַ־ראַקטעריסטישע באַשעפעניש פון דער בורזשואַזיע. אין די טעג נאָך לאָרד הענריס פריידיקט „האָט עפּעס געזאָטן“ אין דאָריאַנס אָדערן. ער האָט געפילט, אַז „אין דער לופט טראָגט זיך אַרום עפּעס אַ זיסער גיפט“; אַ ליידנשאַפט האָט אים באַהערשט צו שפּירונגען. דאָס איז דער זעלבער גיפט, וועלכער האָט פאַרסמט ראַסטיניאַקן און לוסיענען, וואָס זיין באַרוישנדיקע קראַפט האָט געפילט נאַנאַ, ווען זי איז נאָך אַ קליין מיידעלע געגאַנגען איבער פּאַריזער גאַסן, ווען איר האָט זיך געדוכט, אַז „פון דעם פּאַריזער ברוק הייבט זיך אויף אַ הייסער שטראָם איבער אירע לענדן“, ווען זי פלעגט ווערן בלאַס און שיכור נאָר פון צורירן זיך צו אַ מיידל, וועלכע „ווייס שוין וואָס אַ וועלט איז“. דער גרויסער קינסטלער אָסקאַר וואַיילד האָט ניט געקענט ניט אויפדעקן די שייכות, וואָס פאַרבינדט זיין העלד מיט די לעבנסבאַדינגונגען פון די פּוסטעפּאַסנע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן אין דער גרויסער שטאָט. אָסקאַר וואַיילדס בלענדנ־דיקער עסטעטיזם איז אויסגעוואַקסן אין דער זעלבער פאַרשיכורנדיקער אַטמאָ־ספערע, אין וועלכער עס איז געבוירן מעטערלינקס „אימה פון לעבן“... איך האָב געפילט, — דערציילט דאָריאַן דעם לאָרד הענרי, — אַז אייער גראָ־

ער אומגעהייערער לאַנדאַן מיט די מיליאַנען מענטשן, מיט זייערע גלענצנדע בעל-עבירות, מיט די נידעריקע פעלערן, האָט עפּעס פאַר מיר אויך צוגעגרייט". ער האָט זיך דערמאָנט אָן הענריס ווערטער, אַז „דאָס זוכן שיינקייט איז דער סאַמע אויפרעגנדיקער און צעשטערנדיקער סוד פון לעבן". אין די נעצן פון דעם יובעלנדיקן ריז, אין זיינע וואוינונגען פון אויסגעלאַסנקייט און היכלות פון קונסט איז ניט שווער זיך צו באַשאַפן אַ אילוזאָריש לעבן.

די דאָזיקע מענטשן דאַרפן ניט אָנקומען צו מעשהלעך און אוטאָפּיעס, ווען די שטאָט גיט די מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען דאָס רעאַלע לעבן אין אַ פעיערישע מעשהלע. דאַכט זיך, דאָ וואָלט מעגלעך געווען צו פאַרווירקלעכן דעם „ציל פון לעבן — די זעלבסטאַנטוויקלונג". אָבער דאָריאַן קאָן אַלץ איינ-געמען אויסער די נאַטור. אין דער באַגרענעצטקייט פון דעם מענטשנס קערפּער ליגט זיין אומגליק. די באַרוישונג גייט ניט אַוועק אָן שפּורן. זי מאַכט חרוב זיין שיינקייט און זיינע קרעפטן, וועלכע גיבן אים די מאַכט איבער די אַרומיקע. ער ווייס, אַז עס וועט אומפאַרמיידלעך קומען אַ צייט, ווען ער וועט ווערן אַן אַלטער, אַ צעקנייטשטער און ניט קיין שיינער, ווען די מחשבות וועלן צעאַקערן זיין שטערן, און די ליידנשאַפטן וועלן אויסטרי-קענען זיינע ליפּן מיט זייער פּרעסערישן פלאַם. ער וועט שוין בלויז מיט זיין באַוויזן זיך ניט פאַרכישופן אַלע אַרומיקע, יעדער חודש וועט אים דערנעענטערן צו עפּעס שרעקלעכס. די צייט וואַרט אייפערזיכטיק אויף דעם טאָג פון באַצאָלן פאַר די רויזן און ליליעס, וואָס זיינען געווען צעשאָטן אי-בער זיין וועג. זיין געזיכט וועט געל ווערן, די באַקן איינפאַלן, די אויגן טונקל און אָפּגעבליט, די ליפּן—פאַרוועלקט, די האָר וועלן פאַרלירן די גאָלדע-נע פאַרב. דאָס לעבן, וואָס איז געפּטרט אויף דער אַנטוויקלונג פון זיין נשמה, וועט קאַליע מאַכן זיין קערפּער. דער שאַרפער פּיין פון בענקעניש האָט אים געשניטן ווי מיט אַ שאַרפן מעסער בלויז ביי דעם געדאַנק וועגן דעם, און גע-לאָזן ציטערן די דינסטע פיבערן פון זיין וועזן. „איך בין מקנא אַלעמען, וואָס זייער שיינקייט שטאַרבט ניט. איך בין מקנא דעם דאָזיקן פּאָרטרעט, וואָס דו האָסט געמאָלט פון מיר,—זאָגט דאָריאַן צו דעם מאָלער בעזיל.— פאַר-וואָס וועט ביי אים פאַרבלייבן דאָס, וואָס איך מוז פאַרלירן. יעדע פאַרביי-גייענ-דיקע רגע באַגנבעט מיך און גיט אים אַוועק. אָ, ווען דאָס וואָלט געווען פאַרקערט, ווען דאָס בילד וואָלט זיך געקאָנט ענדערן, און איך זאָל בלייבן אַלע מאָל דערזעלביקער! צוליב וואָס האָסטו עס געמאָלט? עס וועט דאָך אַמאָל פאַר מיר ווערן אַ שפּאָט". דאָס דאָזיקע משוגעדיקע קלאָגן זיך איז דער

הערט געוואָרן אין הימל, און דאַריאַנס וואונטש איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווירקלעכקייט. ער האָט זיך געקענט איבערגעבן דער שיכרות פֿון לעבן, און איז געבליבן שיין און יונג, און אויף דעם פּאָרטרעט זיינען געפֿאַלן די שפּורן פֿון די ליידנשאַפֿטן און אַלטקייט. אין דער דאָזיקער וואונדערלעכער מעשהלע גיסן זיך צונויף אואיילדס עסטעטישע אידעען מיט זיינע פֿאָרשטעלונגען וועגן אמת און וועגן אידעאַל פֿון לעבן. די קונסט איז רעאַליטעט, דאָס לעבן — אַ מעשהלע. דער פּאָרטרעט איז אומשטערבלעך אין זיין שיינקייט, וועלכע עלטערט זיך קיינמאָל ניט, דער מענטש ווערט פֿאַרעלטערט און שטאַרבט. די קונסט לעבט אייביק, דער מענטש איז אַ פֿאַרבייבליצנדיקע זעאונג דאָ אויף דער ערד. אָסקאַר אואיילד האָט געלאָזט לעבן דעם פּאָרטרעט, אויפֿנעמען די ליידן און תּענוגים פֿונם אָריגינאַל, טראָגן זייערע שפּורן און לעבן מיט פֿולן לעבן. און דער מענטש איז געוואָרן אייביק יונג און שיין: זיין לעבן איז געוואָרן קונסט, אין וועלכער די ווירקלעכקייט האָט געענדערט איר געשטאַלט אויף שיינקייט, אָפּוואַרפֿנדיק אַלץ, וואָס איז מיאוס. די גרענעץ, וועלכע טיילט אָפּ דאָס לעבן פֿון דער קונסט, איז אַזוי ווי פֿאַרטונקלט געוואָרן, און אין דער בייער אוטאָפּיע האָט דער מענטש באַקומען די מעגלעכקייט צו צעשמעלצן זיין לעבן אין דער קונסט. געגליכן צו קאַמפּאַנעלע און טאָמאַס מאָר, האָט ער אויסגעמאָלט אַ בילד פֿון יענעם אידעאַלן לעבן, וואָס כּדי עס צו פֿאַרווירקלעכן אין דער אמתן איז ניט געווען קיינע רעאַלע דאַטן. דאָס איז אַ בייער אינזל אוטאָפּיע, וואו עס זיינען, ווי אין אַדער אוטאָפּיע, אָפּגעוואָרפֿן די מניעות, וועלכע שטערן דער פֿולער אַנטוויקלונג פֿון יענעם לעבן, וואָס ווערט פֿאָרגעשטעלט אַלס פֿולקומע פֿון דעם שטאַנדפּונקט מצד באַשטימטע געשמאַקן און באַדערפֿענישן. דער אַוטאָר שטעלט דאַריאַנען אין אַזעלכע באַדינגונגען, ביי וועלכע דאָס לעבן, וואָס באַשטייט פֿון כּסדרדיקע תּענוגים און עסטעטישע אַנטציקונגען, וויקלט זיך פֿאַנאַנדער אומגעשטערט, און עס ווערט פֿולקום פֿאַרווירקלעכט דער אידעאַל פֿון לאָרד הענרי, וועלכער האָט געלערנט, אַז דער ציל איז זעלבסטאַנטוויקלונג. און די זעלבסטאַנטוויקלונג, לויט הענריס לערע, פֿאַלט צונויף מיט עגאָיִזם. „מענטשן ניט קיין עסטעטישע זיינען שטענדיק פֿאַרבלאָזט, אין זיי פֿעלט אינדיווידואַליטעט". אַנטוויקלען זיך הייסט זוכן אייביק אַלץ נייע און נייע שפּירונגען. „לעבט מיט יענעם וואונדערלעכן לעבן, וואָס איז באַהאַלטן אין אייך". דער פּראַקטישער סך־הכּל פֿון דער דאָזיקער פֿילאָסאָפֿיע ווערט דערפֿירט צו דעם איין געדאַנק: „האָב פֿאַרגעניגן — וועסטו דערמיט דינען דעם העכערן ציל פֿון קיום". לויט הענריס לערע דאַרף מען

„דאָס לעבן שטענדיק מאַכן פאַרביק". און די דאָזיקע מענטשן האָבן אין אים ליב נאָר יענע מאָמענטן, וועלכע גיבן נערונג דעם דמיון. זיי שטופּן אָן רחמנות אָפּ פון זיך יענע, וואָס עס האָבן אויפגעהערט צו דינען זייער פאַנטאַזיע. דאָריאַן האָט אָוועקגעוואָרפן די קליינינקע אַרטיסטין סיביליע, ווי נאָר זי האָט איר בוטאַפאָרישע ליבע פאַרביטן אויף רעאַלער. כל־זמן זי האָט אים ניט געקענט,—איז די שפּיל געווען איר איינציקער ציל, זי האָט געליבט נאָר אין טעאַטער, זי האָט זיך געפרייט מיט די פריידן פון בעאַטריסע און געפּייניקט זיך מיט די ליידן פון קאָרדעליען, די וואולגאַרע פאַרטנערן האָבן זיך איר אויסגעדאַכט גרויסאַרטיק, די באַמאָלטע דעקאָראַציעס—ס גאַנצע וועלט. אָבער דאָריאַן האָט איר געבראַכט עפּעס העכערס, וואָס דערפון קאָן די קונסט זיין נאָר אַן אָפּשפּיגלונג. זי האָט געקאָנט פאָרשטעלן ליידנשאַפט, וועלכע זי האָט ניט געפילט, זי האָט אָבער ניט געקאָנט פאָרשטעלן יענער, וועלכע האָט אין איר געברענט ווי פייער, און זי האָט אויפגעהערט צו זיין אינטערעסאַנט פאַר דאָריאַנען, ווען די וועלט פון קונסט האָט זיך אין איר פאַרביטן אויף אַ וועלט פון לעבן. „איר האָט געטויט מיין ליבע. איר האָט אויפגערעגט מיין דמיון, איצט וועקט איר שוין ניט מיין נייגעריקייט... איר האָט פאַרווירקלעכט די חלומות פון די גרויסע פּאָעטן און געגעבן אַ ממשותדיקע פאָרם די לייבלאָזע געשטאַלטן פון דער קונסט. איר האָט דאָס אַלץ פון זיך אָפּגעוואָרפן, איר זייט געווען נישטיק און נעבעכדיק... וואָס זייט איר אַזוינס אָן דער קונסט? גאָרנישט". אין דער טראַגישער געשיכטע פון סיביליע און אין דער געשיכטע פון דאָריאַנען זעלבסט טרעט אַרויס אוייַלדס גרונטאידעע. די פולקומע זעלבסטבאַשטימונג פונם מענטשן איז מעגלעך נאָר אין קונסט. די פערזענלעכקייט האָט אַ ווערט, אויף וויפל זי שאַפט אַ וועלט. דאָריאַן האָט די דאָזיקע אידעע פאַרווירקלעכט. פאַר אים איז דאָס לעבן געווען „די ערשטע און די גרעסטע פון די קונסטן, אַלע איבעריקע קונסטן האָבן נאָר געדינט פאַר אַ פּרוזדור צו איר. „נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, נאָך אַ בלאַסן קאַיאָר, וועלכער פילט אונזער מאַרך אָן מיט שרעקלעכע פאַנטאָמען,—זאָגט אוייַלד,—כאַפּט אונז אָפּ אָן, קוקנדיק אויף דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט, דער באַוואוסטזיין פון דער שרעקלעכער נויטווענדיקייט פאָרטצוזעצן אונזער קיום אין דעם זעלביקן לאַנגווייליקן קרייז פון די סטערעאָטיפּע געוויינהייטן. מיר פילן אַן אומבאַזיגלעכן פאַרלאַנג, אַז אין איין שיינעם פרימאָרגן זאָלן אונזערע אויגן, ווען זיי וועלן זיך עפענען, דערזען די וועלט אַן איבערבאַשאַפענע אונטער דעם שלייער פון דער נאַכט, צו אונזער פאַרגעניגן, מיט נייע פאָרמען

און נייער באַפּאַרבונג פון די זאַכן, מיט זייער בייעם „סוד״. דאָס באַשאַפן פון אַזעלכע וועלטן, האָט זיך געדאַכט דאָריאַן גרייען, איז דער עכטער ציל פון לעבן. אָסקאַר אוואיילדס צויבערלעכע אוטאָפּיע—דאָס איז די פּרעכטיקע פאַרווירקלעכונג פון די זוכעניש מצד דער היינטיקער געזעלשאַפט און איר יאָגן זיך נאָך אילוזיעס. דאָס איז דער זעלבער „בלויער פויגל״, דאָס זעלבע. זוכן פון טילטילן דעם צויבערלעכן בריליאַנט, וועלכער ערלויבט אַרויסצורופן פון די געגנשטאַנדן זייער נשמה. מיט איבער הונדערט יאָר צוריק האָט נאָוואַליס זיך געיאָגט נאָך דעם „בלויען בלימל״, וואָס האָט אויך דעם מענטשן געמאַכט פאַר אַ שעפער פון אַ וועלט, באַשירמט אים פון דער לאַנגווייליקער ווירקלעכקייט. דערנאָך האָט היינע פאַרביטן דאָס „בלויע בלימל״ אויף אַ „געהיים וואָרט״. דער, וואָס אים איז באַוואוסט דער סוד פון דעם־דאָזיקן וואָרט, האָט עס געקאָנט אויסניצן, ווי טילטיל זיין בריליאַנט. און דער פּאָעט, וואָס ער איינער קען די דאָזיקע פאַרהוילענע ווערטער און בריליאַנטן, פאַרוואַנדלט אין איין אויגנבליק אין אַ צויבערבילד די געשטאַלט פון די חורבות פון אַלטן שלאָס, וואו די סאָווע פלעכט זיך אַ נעסט. די קלאָגעדיקע ווירקלעכקייט ווייזט זיך אַרויס אַלס רעזולטאַט פון „בייזן כישוף״, און די פאַנטאַסטישע בילדער, וואָס דער פּאָעט האָט אַרויסגערופן—איז די עכטע רעאַליטעט

איצטער איז די עכטע שעה
און עס איז דער עכטער אָרט.
יאָ, איך גלויב פון מיינע ליפּן
קלינגט ביי מיר דאָס עכטע וואָרט.
זעסטו, קינד מיינס, ווי ס׳שוין דעמערט
און עס וועקט זיך האַלבע נאַכט,
טייך און ביימער רוישן העכער,
אין דער אַלטער באַרג ערוואַכט.
ציטרע־קלאַנג און שראַטן־לידער
שאַלן פון דעם באַרגן־שפּאַלט,
און, ווי אין פאַרשייטן פרילינג,
וואַקסט אַרויס אַ בלומענוואַלד.
בלומען, שטאָלצע וואונדערבלומען,
בלעטער ברייט און פאַבלהאַפט,
דופטיק, בונט און ציטערדיקע,
ווי געדייצט פון ליידנשאַפט.
ראָזעס, ווילד ווי רויטע פלאַמען,
גלאַנצן פון דער ענג אָן צאָל,

ליליעס פליען אזש צום הימל
ווי די פיילן פון קרישטאָל.
און די שטערין, גרויס ווי זייגען
קוקן אויס מיט תאוה־היץ.
אין די לילי׳ס ריזנבעכערס
גיסן שטראָמען שטראַלן־בליץ.
דאָך, מיין קינד, פארוואנדלט זייגען
נאָך מער מיר אליין פון וואָרט:
פאקעל־גלאנץ, און גאָלד, און זיידנס
בלאנקען אום אי דאָ אי דאָרט.
דו—דו ווערסט גאָר אַ פרינצעסע,
דיין געצעלט—אַ שלאָס פאר דיר,
און דאָ פרייען זיך און טאנצן
ריטער, פרויען אָן אַ שיעור.

די דאָזיקע „בארג־אידיליע" דאָס איז די פראָגראַם פון מעטערלינקס „בלויען פויגל" און פון אוסקאַר ווײַלדס פּאָעזיע. געגליכן צו די היינטיקע עסטעטן ווייזט היינע אָן דעם וועג, אויף וועלכן דער מענטש קאָן ווערן דער שעפער און דער איינציקער הערשער פון דער וועלט. קענען נ י ט זײַן דעם טויט — הייסט דען ניט מנצח זיין אים? זען נשמות און טויטע געגנשטאַנדן — הייסט דען ניט זיין אַ גאָט־אַ שעפער, וואָס פאַר זיין שעפערישן ווילן איז מאַכטלאָז די מעכאַניש אָפּטעמפּנדיקע באַוועגונג פון דעם אינדוסטריעלן לעבן? אָן אויס־גאַנג איז דאָ. ווען נאָוואַליס האָט געשמועסט מיט סאָפיע קין, וועלכע איז געלעגן אין קבר, האָט געהערט איר שטים און באַגייסטערט מיט אירע רע־דעס, — צי האָט עס דען ניט געהייסן, אַז דער טויט איז געווען מאַכטלאָז קעגן זיי? ווען טילטיל און מיטיל האָבן זיך אויף אַ רגע אָנגערירט אָן דעם בלויען פויגל און געפונען דאָס הייזל פונם האָלצהעקער אַ געענדערטע, — צי איז עס דען ניט געווען קיין באַווייז, אַז אין דעם מענטשן, אין זיין שעפערישער אָנשטרענגונג ליגט די ערבות פון זיין נצחון איבער דער נאַטור? געגליכן צו צו טילטילן, זוכט דאָריאַן גריי ליידנשאַפטלעך יענע קאַנטן, וואו עס לעבט דער גרינער פויגל, יענע קאַנטן, וואו עס באַקומט נערונג דער שעפערישער קינסט־לער׳ישער געדאַנק. פאַר מעטערלינקס „מענטשן" איז עס דאָס לאַנד פון זכרונות, אָדער דער וואַלד, אָדער די קיניגרייך פון דער נאַכט, אָדער די בלויע קיניג־רייך פון דער צוקונפט. מיט איין וואָרט, יענע ספערן, וואו עס ווערט אַנט־שוויגן די אַרבעט פון געדאַנק, און עס הייבט אָן צו אַרבעטן די פאַנטאַזיע, דאַרפן זיין דאָס, צו וואָס עס שטרעבט דער היינטיקער מענטש. אַלץ, נאָר ניט

די העלע שיין פון טאָג, וועלכער דער בלויער פויגל טראָגט ניט אַריבער, קאָן דעם מענטשן דינען אין זיין שטרעבונג צו באַשאַפן אַ נייע געשטאַלט פאַר דער וועלט. בלויז דאָס באַהעפטן זיך צו דער קיניגרייך פון דער נאַכט, צום בית־עלמין און אַז״וו. גיט שוין דעם מענטשן די מעגלעכקייט צו זען די וועלט אין אַן אַנדער שיין. דאָריאַן איז אַריינגעטאָן אין פונקט אַזעלכע זוכענישן. ער האָט אויפגעזאַמלט און אויסגעשטודירט די רעזולטאַטן פון דער אייביקקאָכעדיקער אַרבעט פון דעם מענטשלעכן דמיון. אין דער אַמאָליקער קולטוראַרבעט פון דער מענטשהייט האָט ער געזוכט נאָר יענע מאָמענטן, ווען די מענטשהייט האָט זיך דערווייטערט פון דער רעאַלער וועלט און, געגליכן צו אים, הייס געשטרעבט צו ווערן איר שעפער. איין צייט האָט אים צוגעצויגן דער קאַטוילישער ריטואַל. דער טעגלעכער קרבן צו דער ליטורגיע, וועלכע איז פיל שרעקלעכער, איידער אַלע קרבנות פון דער אַלטערטימלעכער וועלט, האָט אים איבערראַשט סיי מיט זיין מיסטישקייט, וועלכע שטייגט אַריבער די געפילן, סיי אויך מיט דער פרימיטיווער פשוטקייט פון זיינע עלעמענטן און מיט דעם אייביקן פאַטאָס פון דער מענטשלעכער טראַגעדיע, וואָס ער סימבאָליזירט. דערנאָך האָט ער זיך פאַרנומען מיט דאַרווינס טעאָריע, און האָט געפונען אַן „אומגעוויינלעכן פאַרגעניגן צו דערפירן אַלע מענטשלעכע געדאַנקען און ליידנשאַפטן צו אַ פונקציע פון עפּעס אַ גראָער צעלע פונם מאַרך־שטאָף אָדער פון די ווייסע נערוון־פעדים". נאָכדעם דאָס שטודירן די אַראָמאַטישע שטאָפן און די סודות פון זייער אויסאַרבעטונג, און די השערה וועגן דעם, „אַז יעדע שטימונג קאָן קעגנזייטיק פאַרגלייכט ווערן מיט אַ באַשטימטן בילד פון חוש הריח", און די אויספאָרשונג פון די סיבות, פאַרוואָס רופט ווייראַך אַרויס אַ מיסטישע שטימונג, גראָע אַמבראַ — רייצט די תאוות, מוסקוס — פאַרנעפּלט דעם מוח, און טשאַמפּאַק מאַכט אויסגעלאַסן דעם דמיון". ווייטער — מוזיק, משונה קאָנצערטן, וואו כוואַטסקע ציגיינערינס ברענגען אַרויס ווילדע קלאַנגען פון ציטרעס, טוניזיאַנערינס שפּילן אויף די סטרונעס פון גרויסע לויטעס, מורינעס, שטשירענדיק די ציין, קלאַפּן אין מעשענע פויקן אאַז״וו, לסוף דאָס פאַרקאָכעניש אין איידלשטיינער, אַריבערשיטן זיי גאַנצענע טעג פון איין קעסטעלע אין דעם צווייטן, — דאָס אַלץ, ניט אויסשליסנדיק דאַרווינען, איז דערזועלבער יאָגן זיך נאָכן בלויען פויגל, די רייזע איבער פאַרשיידענע קיניגרייכן, וואו עס אַנטוויקלט זיך די שעפערישע פאַנטאַזיע, וועלכע אַנדערשט איבער די וועלט.

קונסט, דאָס איבעראַנדערשן די וועלט דורך דער שעפערישער־

פאַנטאַזיע—דאָס איז אַ העכערע פאָרם פון אינדיווידואַליזם. איבסען האָט געשילדערט דעם אויבערמענטש אין זיין באַרירונג מיט דער מענטשהייט. זיינע העלדן שטאַרבן, ווען זיי זעען גאָט, ווען זיי דערגרייכן צו דער פולער פאַרווירקלעכונג פון זייער פערזענלעכקייט. די ערד טראָגט ניט אַריבער קיין הימלשעס. אָפּגעזוכט אַן אַנדער וועג אַרויסצובאַווייזן די פערזענלעכקייט, וועלכע אַנטפּלעקט זיך אין דער פאַנטאַזיע, האָט אָסקאַר אואיילד פונקט מיט אַזאַ טראַגיזם אָנגעקליידט דעם קאָנפליקט צווישן דער פערזענלעכקייט מיט דער געזעלשאַפט. אַלס פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל קומט דער מאָלער בעזיל. ער פאָדערט אַן ענטפער ביי בעזילן בנוגע די קלאַנגען וועגן זיינע פאַרברעכנס און זיינע קרבנות. פאַרוואָס האָט העגרי אַשטאָן געמוזט פאַרלאָזן ענגלאַנד? פאַרוואָס האָט אַזוי שרעקלעך געמוזט מאַכן אַ סוף צום לעבן אַדריאַן סענדלטאָן? פאַרוואָס ריזיקירן ניט קיין אָנשטענדיקע דאַמען צו באַווייזן זיך צוזאַמען מיט לעדי גווענדאָלען? די רעאַלע וועלט, די אָביעקטיווע געזעלשאַפטלעכע מאָראַל רייסט זיך אַריין אין דער צווייבערלעכער שפּיל פון דער פאַנטאַזיע. דער „קראַנקער" געוויסן צעטרייסלט די וועלט, וועלכע איז איבערגעאַנדערשט דורך דאָריאַנס קונסט. און דער צערייצטער דאָריאַן טויט בעזילן, וועלכער האָט אויסגעמאָלט דעם פאָרטרעט, די סיבה פון אַלע זיינע אומגליקן, ער טויט יענעם, וועלכער האָט אים דורך דעם וואונדערשאַפנדיקן פאָרטרעט לכתחילה באַפרייט פונם געוויסן, און נאָכדעם געקומען דערמאָנען וועגן אים מיט אומדערבאַרמיקע ווערטער, שטעלנדיק זיך אַלס שופט איבער אַנדערע. ער האָט געטויט דעם מאָלער—און ער טויט זיין ווערק און מיט דעם צוזאַמען דעם גאַנצן זין זיינעם. ער וועט טויטן דאָס פאַרגאַנגענע, וואָס נאָך זיין טויט וועט ער ווערן פריי. און ער האָט מיט אַ מעסער צעשניטן דאָס בילד פון אויבן ביז אַראָפּ. די אָנגעקומענע דינערשאַפט האָט געפונען דעם גרויסאַרטיקן פאָרטרעט, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט זייער הער אַזעלכן, ווי זיי האָבן אים געזען דאָס לעצטע מאָל אין דער גאַנצער שיין פון זיין יוגנט. און אויף דער פאָדלאָגע איז געלעגן אַ טויטער מענטש, מיט אַ מעסער אין האַרצן. די ווירקלעכקייט האָט זיך נוקם געווען. די רעאַליטעט האָט געטויט די קונסט. דער פאַקט האָט געטויט בראַנדן, בעזיל האָט געטויט דאָריאַנען. זיינע פראַגעס, די דאָזיקע „פאַרוואָסן" — זיינען די גרויסע אַרמיי פון מיטלמעסיקייטן, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם זשעני, די אַרמיי פון שוואַכע קעגן די שטאַרקע, יענע „פיעל צו פיעלען", וועגן וועלכע ניטשע רעדט. דער אינדיווידואַליסט פון אָסקאַר אואיילד ווערט אויך אַזוי

פארלאָרן ווי איבסענס אינדיווידואַליסט. אָבער אינם טויט איז דער נצחון. סאָלנעס האָט מנצח געווען, ווען ער איז אַראָפּגעפאַלן פון דער הויך פונם בנין, וואָס ער האָט אויסגעבויט, בראַנד — ווען אויף אים איז אַראָפּגעפאַלן און האָט אים דערשטיקט די לאַווע שניי. אויך דאָריאַנס טויט זאָל ניט דינען אַלס שטראָף לשם דער בירגערלעכער מאָראַל. דאָריאַן האָט פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם עכטן עסטעט געלעבט מיט דעם אייגציק ווירדיקן לעבן. „דו ביסט פּולקום, זאָגט צו אים לאָרד הענרי. — דו ביסט דער טיפּ, וואָס אונזער צייט זוכט אים, און וועלכן זי האָט מורא צו געפינען אין דיר. איך בין צופרידן, וואָס דו האָסט קיינמאָל גאָר נישט ניט געטאָן: ניט אויסגעהאַקט קיין סטאַטוע, ניט אויסגעמאָלט קיין בילד, און בכלל גאָר נישט ניט געשאַפן. דיין קונסט איז געווען דיין לעבן. דו האָסט זיך געווידמעט דער מוזיק. דיינע טעג זיינען געווען דיינע סאָנעטן".

דאָריאַנס אומקומען — דאָס איז דאָס אומקומען פון דעם גרויסאַרטיקן אין דעם וואָכעדיקן, דער טויט פון דעם אויסגעצייכנטן צווישן דעם טראַפּאַראַטן.

יעדע פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט זיך לגמרי פאַרווירקלעכט, איז פאַרברעכעריש, מחמת זי צעטרייסלט די יסודות, אויף וועלכע עס האַלט זיך די געזעלשאַפט. אַלע מאָל איז פאַרברעכעריש איבסענס איבערמענטש, פאַרברעכעריש איז דער, וואָס האָט דאָס לעבן געמאַכט פאַר קונסט, וועלכער האָט זיין גאַנצן לעבן קאָנצענטרירט אויף איין אָנשטרענגונג. מען קאָן זאָגן, אַז אָסקאַר וואַיילדס גאַנצע פּאָעזיע איז אַ געשיכטע וועגן די תענוגים און עינויים פון דער נשמה, וועלכע פאַרווירקלעכט זיך אין דינען צו דער שיינקייט. „שלומית" איז אַ צוויבערלעכער הימן צו דער ליידנשאַפט, וועלכע פאַרברענט אַלץ אַרום זיך, וועלכע טייט די נזירות און קומט אום אין דעם פייער, וואָס זי פאַרשפּרייט אַרום זיך. שלומית און יוחנן — דאָס זיינען תאווה און נזירות, וועלכע זיינען אַרויס אויף אַ טראַגישן דועל צווישן זיך; פון דעם דועל קאָן זיין נאָר איין אויסגאַנג — דער טויט. „זי איז ווי אַ טייבעלע, וועלכע האָט פאַרבלאָנזשעט... זי איז ווי אַ נאַרציס, וועלכן דער ווינט שאָקלט אום... זי איז ענלעך צו אַ זילבערן בלימעלע". אין דעמדאָזיקן מיידלשן באַשעפעניש האָט דער פּאָעט פאַרקערפּערט זיין טרוים וועגן איבעראַנדערשן די וועלט דורך ליבע. די גאַנצע וועלט האָט באַקומען נייע פאַרבן, אָפּגעברענט מיט דעם פייער פון איר ליידנשאַפט, זי האָט ליב געקראָגן יוחננען פאַר זיינע אויגן, וואָס האָבן געבלאַנקט פּונקט ווי די לעכער, וועלכע זיינען אויסגעברענט מיט שטורקאַצן אין די טעפּעכער פון צור, פּונקט ווי די שוואַרצע היילן פון מצרים.

וואו לינדנוועריס האַלטן זיך אויף. זי האָט אים ליב געקראָגן דערפאַר, וואָס ער איז ענלעך צו אַ דינער פיגור פון העלפאַנדביין, צו אַ פיגור פון זילבער. זי האָט אים ליב געהאַט דערפאַר, וואָס ער איז ריין, ווי די לבנה, ענלעך צו אַ לבנה־שטראַל, צו אַ זילבערן לבנה־שטראַל, דערפאַר, וואָס זיין קערפער איז קאַלט ווי העלפאַנדביין. זי האָט ליב געקראָגן — און די וועלט איז אַנדערש געוואָרן, לעבן און טויט זיינען געוואָרן גלייך, ס׳זיינען אַנדערש געוואָרן אַלע זאַכן, לעבעדיקע נשמות האָבן זיך באַזעצט אין די גייסטלאָזע זאַכן. נאָר אַזאַ קאָנצענטרירטע ליידנשאַפט מאַכט דעם ליבנדיקן פאַר אַ שעפער פון דער וועלט. שלומית הערט ניט די קללות פון דעם נביא, וואָס ער פלוכט זי, די טאָכטער פון סדום, זיינע רופן צו אַסקעטיזם. זיין מויל רופט צו נזירות, און זי טרינקט פון זיי דעם פאַרשיכורנדיקן געטראַנק פון ליידנשאַפט. „איך וועל קושן דיין מויל, יוחנן, איך וועל קושן דיין מויל“, — חזרט זי איבער, פאַרוואַנדלט אין איין פאַרלאַנג, אין איין פלאַמעדיקע שטרעבונג. דערדאָזיקער פלאַם פאַרברענט אַלץ אַרום. עס טויט זיך דער יונגער סיריער, וואָס האָט זי ליב געהאַט. ס׳ווערן בלאַס די זעלנער. נייע קללות שיט אויף איר קאָפּ דער נביא. אָבער די אַלע קלאַנגען: דער קלונג פון צעבראָכענעם האַרצן, דער יאוש און די בייזע נביאות, וועלכע זיינען איבערגעאַנדערשט אין אירע אויערן, גיסן זיך צונויף אין אַ צויבערלעכן כאָר, אַלס אַקאָמפּאַנימענט צו דער איין מעלאָדיע, וועלכע קיניגט אין איר נשמה איבער אַלע קלאַנגען: „לאָז מיר קושן דיינע ליפּן, יוחנן, לאָז מיר קושן דיין מויל. ער איז רויטער, איידער די פיס פון די, וואָס טרעטן וויין אין קעלטער, ער איז רויטער, איידער די פיס פון די טויבן, וואָס לעבן אין די היכלות און וואָס די כוהנים שפּייזן זיי“. אַזאַ אוממענטשלעכער שטרעבן מאַכט אָן אַ שרעקלעכן חורבן אַרום זיך, ער קירעוועט דירעקט צו זיין ציל, אַלץ צעמזיקנדיק אויפן וועג. שלומית, וועלכע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טאַנצן פאַר דעם טעטראַרכס אַ האַלבער מלוכה, פאַר דעם וואונדערלעכן קיילעכיקן סמאַראַגד, וועלכן צעזאַרס ליבלינג האָט געשיקט און וועלכער איז גרעסער פאַר צעזאַרס סמאַראַגד — שלומית טאַנצט איר טאַנץ פון זיבן שלייערס פאַר יוחננס קאָפּ. זי האָט אירס דערגרייכט. זיין קאָפּ געהערט איצט איר. זי האָט ענדלעך אַ קוש געטאָן יענע ליפּן, וועלכע איר האָט זיך אַזוי משוגע געוואָלט קושן. „יוחנן דו ביסט געווען דער איינציקער מענטש, וועלכן איך האָב ליב געהאַט... דו האָסט מיר ניט געוואָלט לאָזן קושן דיין מויל, יוחנן. איצט וועל איך אים קושן. איך וועל אים בייסן מיט מיינע ציין, ווי מען בייסט איין אַ צייטיק פרוכט. יאָ, איך וועל

קושן דיין מויל. איך האָב דאָך דיר געזאָגט". פאַרווירקלעכן זיך, דערזען גאָט — הייסט שטאַרבן און שלומית קומט אום, ווי דאָריאַן גריי, ווי אַלע העלדן, וועלכע האָבן פון אינעווייניק פון אייגענעם גייסט געשאַפן אַ נייע וועלט.

פאַר אָסקאַר אוּאַיילדן איז דאָס לעבן — שאַפונג. ער האָט די דאָזיקע אידעע דורכגעפירט דורך שיינקייט און ליבע. ער האָט זי פאַרקערפערט אין אַ טרוים וועגן סאָציאַלער גערעכטיקייט. אין זיין נאַיווקייט האָט ער דעם דאָזיקן טרוים אָנגערופן בוך „וועגן סאָציאַליזם", ניט חושד זייענדיק, אַז זיין שיינע פריידיקט, וועלכער רופט צו ליידיקגיין און עסטעטישן לעבן, האָט קיין שייכות ניט מיט דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, מיט זיין אידעאַל וועגן אַן אַרבעטנ־דיקער געזעלשאַפט, מיט זיין לערע וועגן דעם, אַז די זיך ענדערנדיקע באַ־ציִונג פון די רעאַלע קרעפטן, און ניט די אידעאַלע שטרעבונגען פון דער פערזענלעכקייט, וועלן ברענגען צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט. אָסקאַר אוּאַיילדס סאָציאַליזם—דאָס איז דער סאָציאַליזם פון די עקספּלאָטאַטאָרס, און ניט פון די עקספּלואַטירטע. „צוליב די רייכע דאַרפן מיר זיך באַפרייען פון פריוואַטן אייגנטום" — אָט דאָס איז דער דעוויז פון דעם מאָדערנעם בוך, אין וועלכן עס האָט זיך אפשר מער, איידער אין אַ וואָסער אַנדער ווערק פון מאָדערניזם, אָפּגעשפּיגלט דער פּלאָנטער פון די באַ־גריפן אין די מוחות פון דער צעמישטער בורזשואַזיע. אָסקאַר אוּאַיילד טרוי־ערט דערויף, וואָס דער „אינדיווידואַליזם, וועלכער ווערט געבוירן דורך פּרי־וואַטן אייגנטום", טראָגט ניט אַלעמאָל „דעם שטעמפּל פון פאַרפיינערטקייט און וואונדערלעכער איידלקייט". זעצט איבער די דאָזיקע פראַזע אויפן פשוטן לשון, וועט איר זען, אַז אין דעמדאָזיקן משונהדיקן פּרווו פונם עסטעט צו געפינען רע־טונג אין סאָציאַליזם, הערט זיך דערזעלביקער קלאָגן זיך מצד די היינטיקע פּוסטע־פאַסנע מענטשן, וועלכע געפינען ניט אין דער בורזשואַזי־קאַפּיטאַליסטי־שער אָרדענונג פונם לעבן קיין אויסגאַנג פאַר דער פערזענלעכקייט, קיין באַ־דינגונגען פאַר אַרויסבאַווייזן „זיך פונם פיינעם און איידעלן אינדיווידואַליזם". די בורזשואַזע געזעלשאַפט בענקט נאָך דער פרייער שעפערישער פערזענלעכ־קייט, וועלכע האָט זיך פאַרלאָרן אין דער רוישיקער באַוועגונג פון דעם מאַ־שינען־יאָרהונדערט, און נאָך אומזיסטע זוכענישן אין דער וועלט פון פאַנטאַ־זיע און ליידנשאַפטן, ווענדט זי זיך צום סאָציאַליזם, אין וועלכן זי האָפט צו געפינען באַדינגונגען פאַר דער פרייער זעלבסטבאַשטימונג פון דער פערזענ־לעכקייט.

ווי מאָלט זיך אָסקאַר אואַיילד די דאָזיקע קיניגרייך פון דער צוקונפט? „דעמאָלט וועלן שוין מער ניט זיין קיין מענטשן, וועלכע לעבן אין שטינקענדיקע הקדשים, געקליידטע אין שטינקענדיקע שמאַטעס, און וועלכע געבוירן, אין אַ לגמרי אוממעגלעכער אָפּשטויסנדיקער סביבה, קראַנקע, פון הונגער וויינענדיקע קינדער... ווען עס וועלן אַנטשטיין די פרעסט, וועלן הונדערט-טויזנטער אַרבעטסלאָזע מענטשן, דערבראַכטע צו דער שרעקלעכסטער אָרעמקייט, שוין זיך ניט קלייבן מער לעבן די היימען פאַר אָרעמעלייט, מיט דער כוונה צו פאַרזיכערן זיך אַ שטיקל ברויט און אַ נאַכטלעגער אין דער שמוציקער דירה. דעמאָלט וועט יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט זיין אַ שותף צו דער אַלגעמיינער צופרידנקייט און וואוילשטאַנד, און אין די פרעסטיקע טעג וועט קיין מענטש לחלוטין אין קיין הינזיכט ניט זיין פאַרזאָרגט ערגער פאַר אַן אַנדערן". עד כאן איז אָסקאַר אואַיילד סאָציאַליסט. אָבער ווייטער האָבן מיר פאַר זיך דעם ליידיקגייער פון דער היינטיקער גרויסער שטאָט, וועלכער וואָלט וועלן, אַז דער סאָציאַליזם זאָל אַלעמען פאַרזיכערן די פריידן, וואָס אים פעלט דאָ. „דער מענטש איז באַשאַפן פאַר אַ בעסערן תכלית, איידער גראָבן זיך אין בלאָטע". אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט ער ניט אַרבעטן. (מאַשינעס וועלן אַלע האָבן). די גאַנצע מאַסע ניט אינטעלעקטועלע אַרבעט: די איינאַרטיקע, פינסטערע אַרבעט, וועלכע איז גורם סכנות און האָט ניט קיין אָנגענעמע באַדינגונגען—וועלן אויספירן די מאַשינעס. זיי וועלן זיין די הייצער אויף די דאַמפשיפן, קערן די גאַסן אאַז"וו. וואָס-זשע וועלן מענטשן טאָן? זיי וועלן זיך פאַרוויילן, הנאה האָבן פון דער קולטור און רו (אין וואָס עס באַשטייט דער אמתער תכלית פון מענטשן, און לגמרי ניט אין אַרבעט), זיי וועלן שאַפן שיינע ווערק, אָדער זיי וועלן פשוט, ציללאָז מיט אַנטציקונג און מיט פרייד קוקן אויף דער וועלט". די מענטשהייט נייטיקט זיך אין קנעכט. אַזעלכע קנעכט וועלן זיין די מאַשינעס. וועט זיך פאַרווירקלעכן דער אידעאַל פון די עסטעטן. מענטשן וועלן שאַפן שיינס. און היות ווי קונסט איז די סאַמע קלאָרע פאָרם פון אינדיווידואַליזם, וואָס דער וועלט איז באַוואוסט, וועט די פערזענלעכקייט באַקומען רחבות פאַר זיך און פולער פאַרווירקלעכונג. אַזאַ איז אָ. אואַיילדס סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע אָרדענונג וועט דינען צו דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, פאַר נייע עראָבערונגען און נצחונות איבער דער נאַטור פון דער געזעלשאַפט. נאָר פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די באַגערן פון דער היינטיקער בורזשואַזיע, ניט פאַר אויסראָטן די קראַנקע געשמאַקן און די קראַנקע תענוגים, וועלכע זיינען געבוירן דורך ליידיקגיין און שפיל, נאָר צו פאַרשפרייטן די דאָזיקע געשמאַקן און ליידיקגיין איבער דער גאַנצער מענטשהייט.

איבעראַנדערשנדיק אויף אַ עסטעטישן אופן די אידעאַלן פון סאָציאַליזם, האָט א. אואַילד, פאַרשטייט זיך, אויך ניט אָנערקענט די וועגן, איבער וועלכע, לויט דער לערע פונם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, די מענטשהייט וועט קומען מבטל מאַכן דאָס פריוואַטאייגנטום. דערדאָזיקער וועג איז איינער—די אַנטוויקלונג פון קלאַסנבאַוואוסטזיין ביי די אַרבעטנדיקע מאַסן און זייער פאַראייניקונג אין אַ סאָלידאַרע אַרבעטס־אַרמיי. א. אואַילד פאַרשטייט ניט די דעמאָקראַטישע באַוועגונג. „גרויסע האָפענונגען האָט מען אַמאָל געלייגט אויף דער דעמאָקראַטיע, אָבער זי האָט זיך אַרויסגעוויזן מער ניט ווי אַ אָדערשלאָגן, וואָס דאָס פאָלק מאַכט דעם פאָלק לטובת דעם פאָלק". דער המון פאַרלאָקערט און פאַרגרעבט, זיין מאַכט איז בלינד, טויב, מיאוס, ברוטאַל אאַז"וו. מען דאַרף דען ברענגען די אַלעמען באַוואוסטע הנחות פונם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, כדי צו דערוויזן, אַז א. אואַילד האָט ניט פאַרשטאַנען און אַלס פאָרשטייער פון אַן אַנדער געזעלשאַפטלעכער גרופע האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין די דעמאָקראַטישע באַוועגונג, און אַז זיין סאָציאַליזם איז אַלץ וואָס איר ווילט, נאָר ניט קיין סאָציאַליזם? זיין בוך „וועגן סאָציאַליזם" איז נאָר אַ נייער עדות, אַז די בורזשואַזע געזעלשאַפט, וועלכע איז ניט אימשטאַנד צו אָרענטירן זיך אין די סאָציאַלע אויפגאַבעס פון אונזער צייט, פאַרטראָגט זיך אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיעס און האָט הנאה פון דער שעפערישער שפיל אפילו דעמאָלט, ווען זי שטרעבט אָנצושליסן זיך אָן די אידעען, וועלכע זיינען געקומען פון אַנדערע קלאַסן, וועלכע שמידן פאָרמען פון צוקונפטיקן לעבן.

אָסקאַר אואַילד איז אַליין געפאַלן אַ קרבן פון זיינע אידעען. ער איז אומגעקומען, ווייל ער האָט, געגליכן צו דאָריאַנען, געמאַכט זיין לעבן פאַר קונסט. ער, דער זינגער פון סאַמע אומבאַצוימטער פרייהייט פון דער פערזענלעכקייט, האָט באַצאָלט מיט יאָרן פון תפיסה דערפאַר, וואָס ער האָט, געגליכן צו דאָריאַנען, זיין זשעני אָפגעגעבן ניט דער קונסט, נאָר דעם לעבן. און די דאָזיקע תפיסה האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט דאָס לעצטע מאָל אויסצוזינגען אַ הימן צו יענער פרייהייט, קעגן וועלכער עס זיינען אוממעכטיק סיי פיינען, סיי קייטן, סיי דער טויט גופא, יענער פרייהייט, וועלכע בלייבט אויף אייביק אין דער מאַכט פון דעם קינסטלער, וואָס קאָן שאַפן זיין וועלט און איבעראַנדערשן דאָס עקסיסטירנדיקע לויט זיין ווילן. «De profudis» — דאָס איז דער אַפּאָטעאָז פון שעפערישער פאַנטאַזיע, דאָס איז די אידעע וועגן פרימאַט, וועגן דער אַלמעכטיקייט פון שאַפונג, וועלכע איז אַדורך דורך ליידן. דער ליבלינג פון דער געזעלשאַפט, דער געניאַלער פאָעט, דער עכטער דענ=

די, דער שאַרפזיניקער מיטשמועסער מיט אַן אוצר פון בלענדנדע פאַראַדאָקסן און צוויבערלעכע געדאַנקען, אָסקאַר אואײַלד האָט ערשט אין תּפיסה באַגריפט, אַז עס פאַראַן נאָך אַ צושטאַנד פון דער נשמה — ליידן. און ער איז גע=בליבן געטריי זײַן טעאָריע. פון ליידן האָט ער באַשאַפן אַ נײַע וועלט, אין וועלכער ער איז פאַרבליבן דער זעלביקער שעפער, דער זעלביקער אינדיווי=דואַליסט, וואָס ער איז געווען אין קונסט און אין ליבע. ער האָט אַפילו אָוועקגעשטעלט דאָס ליידן העכער פאַר דער קונסט אַלס אַ סטימול צום שאַפן און צום פאַרווירקלעכן די פערזענלעכקייט. צײַטנווײַז ווײַזט אים דאָס ליידן אויס, ווי דער איינציקער אמת. אַנדערע איינדרוקן קאָנען זײַן אַ נאַרעריי פון דער ראיה אָדער פון מאָגן, וועלכע פאַרבלענדן דאָס אויג און זעטיקן אָן דעם מאָגן. אָבער פון ליידן איז באַשאַפן די וועלט, אויך די געבורט פון אַ קינד אָדער פון אַ שטערן באַגייט זיך ניט אָן ליידן. יאָ, אַפילו נאָך מער: דאָס ליידן באַזיצט אַן אומגעווייגלעכע רעאַליטעט. „איך האָב געזאָגט וועגן זיך אַליין, אַז איך האָב אונטערגעהאַלטן די סימבאָלישע באַציִונג צו דער קונסט און דער קולטור פון מײַן עפּאָכע. ניטאָ קיין אומגליקלעכער אין דער דאָזי=קער הויז פון אומגליק, קיינער פון מײַנע חברים אין דער תּפיסה, וועלכער זאָל ניט אונטערהאַלטן די סימבאָלישע באַציִונג צום סוד פון לעבן, וואָרעם *דער סוד פון לעבן איז אין ליידן*. ער איז פאַרבאָרגן אין אַלץ".
און דאָס ליידן איז אין אואײַלדס אויגן געוואָרן ניט קיין שטראָף, נאָר אַ גרוי=סער סוד, וואָס איז אַראָפּגעשיקט אויף דער וועלט דורך דער ליבע, מחמת נאָר ליבע קאָן געבן דעם מענטשן אַזאַ גרויסן קוואַל פון שאַפונג און באַ=פרײַונג. דאָס ליידן איז אים נייטיק געווען, כּדי צו פאַרענדיקן דעם קרײַז פון זײַן אַנטוויקלונג. ער האָט פריער גוט אויסגעמיידט אָרעמקייט, שאַנד, שלימזל און טרערן. איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זײַן לעבן איז געווען איינזײַטיק. אים האָט קיין איינציקן אויגנבליק ניט פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט געליבט לשם תּענוג. „איך האָב עס געטאָן ביזן דעק, ווי מען דאַרף טאָן ביזן דעק אַלץ, וואָס מען טוט. עס איז ניט געווען קיין פאַרגעניגן, וואָס איך זאָל זיך ניט פאַרשאַפן. די פערל פון מײַן נשמה האָב איך געוואָרפן אין בעכער ווײַן. בײַם קלאַנג פון פלייטן האָב איך מיך אַראָפגעלאָזן איבער אַ בלומענסטעזשקע. איך האָב מיך גענערט מיט האָניק. עס וואָלט ניט גע=זעצלעך געווען ווײַטער צו לעבן ס'דאָזיקע לעבן, מחמת עס איז געווען איינ=זײַטיק. מיך האָט געצויגן ווײַטער. און די צווייטע העלפט גאָרטן האָט פאַר מיר געהאַט אירע סודות".

א. אוּאײַלדס פּאָעזיע האָט זיך פונאַנדערגעבליט אויף דעם זעלבן באָדן, ווי איבסענס און מעטערלינקס פּאָעזיע. געגליכן צו זיי האָט ער געזוכט די שעפערישע, פרייע, זיך פאַרווירקלעכנדיקע פּערזענלעכקייט. געגליכן צו זיי האָט ער געזוכט אויפלעבונג ניט אין יענע גרופן, וואו עס ווערט צוגעגרייט אַ נײַ לעבן, נאָר דאָרט, וואו עס איז קיין כּוחות ניטאָ צו לעבן, וואו עס בלאָזט דער אָטעם פון טויט. בײַ אַלע דרײַ פּאָעטן איז דער טויט דער טראַגישער אומאויסמײַדלעכער אויסגאַנג. אָסקאַר אוּאײַלד זאָגט אַליין: „דאָס אייגנטום האָט בײַ איין טייל פון דער געזעלשאַפט אָפּגערויבט די אינדיווידואַליטעט, בײַטנדיק אים צו שטאַרבן פון הונגער. זי האָט אַוועקגענומען די אינדיווידואַליטעט אויך בײַ דעם צווייטן טייל פון דער געזעלשאַפט, אַראָפּפירנדיק אים פון ריכטיקן וועג און פאַרצוימענדיק פאַר אים די שטעג". וואו־זשע איז די רעטונג, אין דער ערשטער, צי אין דער צווייטער גרופּע? ווער וועט די מענטשהייט אַרויספירן אויף דעם וועג צום שיינעם גליקלעכן לעבן — די הונגעריקע, אָדער די פאַרפירטע? די מאָדערניסטן לייגן קיינע האָפענונגען ניט אויף די ערשטע און זיינען צו־נאָענט לויט זייערע געשמאַקן צו די צווייטע. צי ליגט אָפּטמאָל ניט אין דעם די סיבה פון זייער קולט פון טויט? און צי איז אָפּטמאָל זייער פּאָעזיע ניט דער לוויה־מאַרש פאַר דער אָפּשטאַרבנדיקער בורזשואַזער קולטור, די שיינע שקיעה פון דער אויסברענענדיקער וועלט, איבער וועלכער דער טויט האָט שוין אויסגעשטרעקט זיין מעכטיקע האַנט?

---

# פונוואַנען שטאַמט די פילאָסאָפיע פון בייז. אָקטאַוו מירבאָ.

## XI

דאָס אלגעמיינע אין דער פּאָעזיע פון די היינטיקע מאָדערניסטן. — די ראָלע פון פארברעכן און פון בייז אין דער דאָזיקער פּאָעזיע. — מירבאָס באַציִונג צו בייז און צו די פאַרדאָרבענע העלדן. — דאָס בילד פון דער זיך אַנטי-ארטנדיקער בורזשואזער געזעלשאפט. — די רעגירונגען. — די ארמיי. — דער פארלאמענט. — די וויסנשאַפט. — די קירך. — די ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפט און איר קראפטלאָזיקייט. — די משפחה און די פאַרדאָרבענע מידות. — שלוס.

מיר האָבן שוין געזען, אַז די מאָדערניסטישע פּאָעזיע איז בעצם דער אידעישער אויפשטאַנד קעגן דער בירגערלעכקייט. זי שטרעבט אָנצוווייזן דעם מענטשן די וועגן, וועלכע פירן צום אינערלעכן באַפרייען די מענטשלעכע פערזענלעכקייט פון די אויסערלעכע קייטן, וואָס עס האָבן אויף איר אָנגעטאָן די בורזשואַזע לעבנסאָרדענונג און איר אידעיִשער אויסדרוק — די בירגערלעכע וועלטאָנשויונג. די מאָדערניסטישע פּאָעזיע זוכט די דאָזיקע פרייהייט אין דעם מענטשן אינעווייניק. זי מאַכט ניט קיין פּרוּוו צו ווירקן אויף די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען, טרוימט ניט וועגן איינשטעלן אַ האַרמאָניע צווישן דער אינדיווידועלער פרייהייט מיט די אינטערעסן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אָט פאַרוואָס זי איז פרייער פאַר אַלץ אַ רוִיִנירנדיקע פּאָעזיע, און אָט פאַרוואָס זי ערקלערט אַלס איינציקן אויסגאַנג פאַר דער פרייער פערזענלעכקייט — דעם טויט. פריי איז דער, וועד עס שטאַרבט, וועד עס קומט אום דורך דער געזעלשאַפט, וועלכע פאַרטראָגט ניט קיין אינדיווידועלע פרייהייט. זיין אַ פרייער — הייסט זיין אַ פאַרברעכער. די פערזענלעכקייט, וועלכע

שאַפט פון אין־זיך אויס אַ נייע וועלט, איז פיינדלעך צו דער געזעלשאַפט און מוז אומקומען. נאָר דער וועג, וועלכער פירט צום אומקומען — דאָס איז עס טאַקע דער וועג פון דער באַפרייאונג פון דער פּערזענלעכקייט.

דאָריאַן גריי איז געווען אַ פאַרברעכער דערפאַר, וואָס ער האָט אויס־דערוויילט דעם וועג פון עסטעטישער פרייהייט. ער האָט פאַרקערפּערט די אי־דעע פון זיין שעפער וועגן דעם, אַז נאָר אין דער קונסט קאָן די פּערזענלעכ־קייט אין גאָר דער פולער מאָס אויסדריקן איר מהות. די געזעלשאַפט איז קיינמאָל ניט מוחל דעם טרוימער, און אין בעזילס פּערזאָן פאָדערט זי אַ דין וחשבון פון יענעם, וואָס זיין לעבן איז געווען קונסט, ווער ס'האָט „פון זיינע טעג געמאַכט זיינע סאָנעטן". באַפרייען זיך דורך פאָעטישן איבערבאַשאַפן די וועלט — דאָס הייסט ווערן אַ גאָט, אַ שעפער, נאָר דאָס הייסט אין דער זעלבי־קער צייט אויך — קומען אין צוזאַמענשטויס מיט דעם בירגערלעכן קאָדעקס פון געזעצן, דאָס הייסט — מיט דעם אייגענעם פרייען ליגנט אַרויסרופן אויף מלחמה דעם אמת פון דער בירגערלעכקייט, און די אייגענע זיך באַפרייענדיקע אומ־מאָראַלישקייט אַנטקעגנשטעלן דער דריקנדיקער בורזשואַזער מאָראַלישקייט. דאָריאַן איז געשטאָרבן, ווייל ער איז געווען פריי, ווייל ער האָט ניט געוואָלט לעבן אין יענער רעאַלער וועלט, וואָס איז ניט געווען זיין שאַפונג, און האָט בעסער געוואָלט לעבן אין דער פאַנטאַסטישער וועלט, וואָס ער האָט אַליין באַ־שאַפן. די פרייע פּערזענלעכקייט אין דער וועלט זיינען פיינדלעך צווישן אַנאַנד; צווישן זיי קאָן קיין אויסגלייך ניט זיין, און זייערע נאַטירלעכע באַציִונגען באַשטייען אין דעם צושטאַנד פון אייביקן קאַמף, וועלכער ענדיקט זיך שטענ־דיק דערמיט, וואָס די פּערזענלעכקייט קומט אום. די מיטלמעסיקייט טויט שטענדיק דאָס, וואָס צייכנט זיך אויס, דער המון — דעם מנהיג, דער מענטש — דעם אייבערשטן. די מאָדערניסטישע פּאָעזיע איז בעצם אַן אומענדלעכע קייט פון לידער אויף דערדאָזיקער טעמע, פיגסטערע וואַריאַצעס פון דער דאָזיקער טראַגעדיע. אויב אָסקאַר אוּאַילד האָט סיי אין זיין אייגענעם לעבן, סיי אין זיינע שאַפונגען פאַרקערפּערט די טראַגישע געשיכטע פון דער עסטעטיש־פריי־ער פּערזענלעכקייט, פאַרקערפּערן איבסענס אַלע העלדן די טראַגעדיע פון אינ־דיווידועלן ווילן. בראַנד איז פונקט אַזאַ שעפער, ווי דאָריאַן. געגליכן צו אים, האָט ער אַריינגעבראַכט זיין אייגענע וועלט אין דער עקסיסטירנדיקער און האָט זי געוואָלט חרוב מאַכן. זיינע באַציִונגען צו דער געזעלשאַפט — דאָס איז אויך אַ צושטאַנד פון אומאויפהערלעכער שנאה. בראַנד איז אויך אַ פאַרברע־כער פונם געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, וואָרעם ער איז אַ פרייער. ביידע

העלדן האָבן פאַרשיידענע וועגן צו דער באַפרייאונג; דאָריאַן האָט די קונסט. בראַנד—דעם העכערן עגאָיזם, וועלכער זוכט אין די באַדערפעניש פון אייגע־נעם גייסט דעם סטימול צו מעשים. נאָר ביידע זיינען זיי פאַרברעכער, ווייל ביידע האָבן זיי ניט אויפגענומען די וועלט מיט איר ניוועלירנדיקן אמת. קאָן פאַר בראַנדן דער איינציקער אויסגאַנג זיין נאָר דער טויט, און ווען אים וואָלט ניט דערשטיקט דער שנייפאַל, וואָלטן אים געטויט דער פאַכט און דער פראָבסט, וואָרעם „דערזען גאָט — הייסט שטאַרבן". מעטערלינק האָט אָנ־געוויזן אַ דריטן וועג צו דער באַפרייאונג פון דער פערזענלעכקייט—דאָס מיס־טישע פאַרטיפן זיך אין דער אייגענער נשמה. זיינע „ענוים" זיינען פונקט אַזעלכע שטאָלצע אינדיווידואַליסטן, ווי דאָריאַן און בראַנד. די געשיכטע פון זיינע באַציִונגען צו דער געזעלשאַפט אין דער וועלט שטעלט זי צוגריף פון די זעלביקע עלעמענטן. זיי זיינען פונקט אַזוי פיינדלעך צו דעם אָביעקטיוון אמת, וואָס ווערט צוגויפגעלייגט פון דעם סך־הכל פון די רעאַלע אינטערעסן. זיי זיינען פונקט אַזוי פאַרזונקען אין דער טיפעניש פון זייער אינערלעכער וועלט, פונקט אַזוי פאַרמשפט צו אונטערגאַנג אויף דער וועלט, וועלכע שטעלט זיך זיי פאָר אַלס עפּעס אַזוינס, וואָס שטאַמט פון אַ זינלאָזער און פיינדלעכער קראַפט.

ווי פאַרשיידנאַרטיק עס זאָלן ניט זיין די טאַלאַנטן פון די דריי גרעסטע פאָרשטייער פון דער הייַנטיקער אינדיווידואַליסטישער פּאָעזיע, זיינען דאָך אין זייערע שאַפונגען קענטיק צוויי אַלגעמיינע גרונטמאָטיוון: דאָס מעכטיקע רופן צו באַפרייען די פערזענלעכקייט פון די קייטן פון דער בירגערלעכקייט און דער שטאָלצער גסיסה־קרעכץ פון דער ניט שלום־מאַכנדיקער מאַכטלאָזיקייט, וועלכע איז בעסער גרייט צו שטאַרבן, איידער צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן. די מאָדערניסטישע פּאָעזיע האָט מיט בלענדנדיקער שיין באַלויכטן דעם ליגן פון בורזשואַזן לעבן, אָבער די רעטונג האָט זי געזען נאָר אין אַנטלויפן פונם לעבן. אָסקאַר וואַיילד, איבסען און מעטערלינק דעקן אָן רחמנות אויף די נוולות פון דער בירגערלעכקייט, אָבער זיי נעמען זיך ניט די זאָרג צו בייטן איין געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אויף אַ צווייטער, זיי זאָגן זיך אָפּ אפילו פון דעם געדאַנק וועגן אַ געזעלשאַפטלעכן יסוד און לאָזן די ווידערשפעניקע פער־זענלעכקייט איינזאַם אונטערגיין אויף אונזער אומפּולקומער וועלט אין נאָ־מען פון זייער פרייהייט. די דאָזיקע פילאָסאָפיע האָט אומפאַרמיידלעך גע־מוזט פאַרענדיקן זיך מיט דעם אַפּאָטעאָז פון פאַרברעכן און זינדיקייט. דער פאַרברעכן האָט אין זיך עפּעס אַזוינס צוציענדיקס פאַר דעם אינדיווידואַליסט

פון היינטיקער צייט. אַלס העלדן פון דער היינטיקער פּאָעזיע, אַלס טרעגער פון דער וועלט־אָנשויונג פון אירע בעסטע פאָרשטייער ערשיינען גרעסטנטייל די כּוהנים פון דער ראַפינירטער אויסגעלאַסנקייט, סאַדיסטן, קרבנות פון אַלער־ליי מינים פאַרשיכּורונג, פּראָפעסיאָנעלע גנבים און רוצחים. פאַרברעכן און זינדיקייט ציען צו די פּאָעטן פון היינטיקער צייט ניט דערפאַר, וואָס זיי זע־ען אין זיי בייזע פּרינציפּן, וועלכע מוזן קומען צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון די פריערדיקע, ניט דערפאַר וואָס זיי ווילן מאָראַל פאַרבייטן אויף אַן אַנדערע, אָוועקשטעלן, ווי שטירנער זאָגט, איין מין „גייסטער" אויף דעם אָרט פון אַנדערע. פאַרברעכן און זינד שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער היינטיקער פּאָעזיע נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווערן אין איר פאָרגעשטעלט אַלס די העכסטע פאָרם פון פולקומער פאַרווירקלעכונג פון דער פּערזענלעכקייט. אויב דער אמתער אינדיווידואַליזם באַשטייט אין דער באַפרייונג פון אַלע אָנשיכטונגען, אונטער וועלכע די געזעלשאַפט האָט פאַרשטעקט די מענטשלעכע נשמה, דינט די פאַרברעכערישקייט אַלס בולטסטער צייכן פונם אינדיווידואַליזם. זי איז דער פאַרקערפּערטער פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס איז אַלגעמיין־אָנערקענט, די נע־גאַציע פון דעם איינגעשטעלטן, די פאַרניכטונג פון יענער ניווועלירנדיקער, אַנטיפּערזאָנירנדיקער מאָראַל, אויף וועלכער עס האַלט זיך די געזעל שאַפט און אין וועלכער עס ווערט דערשטיקט די פּערזענלעכ־קייט. צוזאַמען מיט קונסט, מאַכט און מיסטישער התבודדות שטעלט מיט זיך פאַרברעכן פאָר די העכסטע פאָרם, אין וועלכער דער מאָדער־ניזם קליידט אָן די שטרעבונגען פון דער פּערזענלעכקייט, וועלכער רייסט זיך צו באַפרייונג. ניט אומזיסט שטראָפט די געזעלשאַפט און פאַרטיליקט דעם פאַרברעכער גלייך מיט דעם קינסטלער. די בירגערלעכע געזעלשאַפט, וועלכע דריקט די שעפערישע פּערזענלעכקייט אין אַלץ, אין וואָס נאָר זי ווייזט זיך אַרויס, וועלכע פאַרניכטעט יעדע אָריגינאַליטעט, האָט אויך די פאַרברעכערישע אינסטינקטן, וועלכע לעבן אין דעם מענטשנס נשמה, אָנגעוויזן די געזעצלע־כע פאָרמען, אין וועלכע זיי איז ערלויבט אַרויסצוווייזן זיך. די היינטיקע גע־זעלשאַפט ערלויבט מאָרד, אָבער ניט אַנדערש ווי אין דער פאָרם פון מלחמה און טויטשטראָף. זי סאַנקציאָנירט אויסגעלאַסנקייט, אָבער ניט אַנדערש ווי אין דער פאָרם פון פּראָסטיטוציע, אָדער יענעם קאָמערציעלן געשעפט, אין וועלכן עס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן דאָס רוב חתונות פון היינטיקער צייט. זי היי־ליקט גנבה און גזלה, אָבער נאָר אין דער פאָרם פון באַנק־אָפּעראַציעס, פּי־נאַנסיעלע רעגירונגס־אונטערנעמונגען אאַז"וו. זי באַשטראָפט די פאַרברעכער,

וועלכע האָבן אַ שעפערישע נאַטור, וועלכע ווילן אין דער ספערע פון פאַרברעכן זיין שעפער און קינסטלער. אָבער אפילו אין דער ספערע פון פאַר־ברעכן, ווי אין אַלץ, שטעלט זי הויך דעם שאַבלאָן און די באַנאַליטעט. זי בויגט זיך פאַר די פאַרברעכער, וועלכע האָבן ניט קיין אָריגינאַליטעט און קיין שעפערישע איניציאַטיוו, פאַר די פאַרברעכער, וועלכע נעמען גערן אָן די דערלויבטע פאָרמען פון בייז, פאַר יענע, וועלכע קליידן אָן גנבה, אויסגעלאַסנ־קייט און רציחה אין די געהייליקטע פאָרמען פון געזעץ.

די אַפּאָלאָגעטן פון פאַרברעכן און די פילאָסאָפן פון בייז גייען מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן עס גייען די עסטעטן, די מיסטיקער און די עגאָיסטן. זיי זיינען אומרחמנותדיק אין אויפדעקן דעם ליגן, וואָס ליגט אין דעם יסוד פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. נאָר זיי האָבן אפילו ניט בדעה צו קעמפן קעגן דאָזיקן ליגן דורך איבערבויען די געזעלשאַפט אויף יסודות פון אמת. דער דאָזיקער ליגן איז זיי דערווידער אַלס אַ מניעה, וועלכע שטערט די אינדיווידועלע אינסטינקטן צו צעשפּילן זיך מיט דער גאַנצער קראַפט. זיי זיינען שונאים פונם בירגערלעכן בייז, וואָס איז אָנגעקליידט אין אייגאַרטיקע פאָרמען, אָבער זיי זיינען די פּריסטער פון שיינעם אָריגינעלן בייז, וואָס זאָגט עדות אויף דער דרייסטקייט און דער בולטער פּערזענלעכקייט פון דעם פאַר־ברעכער. זיי האָבן פיינט די פּרוי, וואָס פאַרקויפט זיך און איז געקליידט אין די געוואַנטן פון „אַ פאָרנעמער דאַמע", נאָר זיי זיינען גרייט צו פאַלן אויף די קני פאַר אַ פּראָסטיטוטקע, וועלכע דינט אָפן צו דער אויסגעלאַסנקייט און צעטרייסלט מיט עזות די פולע שטיצסלופּעס פון די בירגערלעכע מידות טובות. זיי פאַראַכטן דעם גנב, וועלכער האָט זיך אָנגעקליידט אין מונדיר פון אַ מיניסטער, אָדער אין דעם סורדוט פון אַ באַנקיר, אָבער זיי באַשאַפן דעם קולט פון אַ רויבער, וועלכער גייט דרייסט אַרויס מיטן נאָכשליסל אויף דער אַרבעט. זיי פאַראַכטן דעם הענקער, אָבער זיי זיינען גרייט צו בוקן זיך פאַר דעם מונדיר, וועלכער פאַריידיקט אָפן דעם קולט פון רציחה. די גרענעץ, וועלכע טיילט אָפּ דעם שופט פון דעם געמשפטן, דעם געזעצגעבער פון דעם וואָס דער געזעץ פאַרפאַלגט אים, דעם באַלעבאָס פון דעם רויבער, ווערט היינטיקע צייט אַלץ מער און מער מטושטש, און דער איבערגאַנג פון מיניס־טער־באַנק צו דער באַנק פון די באַשולדיקטע און פאַרקערט ווערט אַלץ מער אַ געוויינלעכע ערשיינונג.

מירבאָ איז דער בעסטער אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור שעפער פון דעם דאָזיקן טיפּ אינדיווידואַליסטן, ציניש, זינדיקע און פאַרברעכערישע, אָבער

אין דערזעלביקער צייט פאַרביטערטע און דענקענדיקע. דאָס זיינען מענטשן, פאַרזונקענע אין אויסגעלאַסנקייט און פאַרברעכנס. אָבער אין זייערע צינישע רייד איז באַהאַלטן פונקט אַזוי פיל שנאה צו די בירגערלעכע מידות טובות, וויפל בענקשאַפט נאָך פרייהייט. מירבאָ האָט געגעבן אַ בלענדנדיק בילד פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, ווי זי פליט צום תהום, אַ בילד, וואָס איז באַשיינט מיט פאַנטאַסטישע פייערן. אָבער ס'דאָזיקע בילד העלפט אונז גוט צו זען, פון וואַנען זיינען געקומען די שרעקלעכע מענטשן, די איבערצייגטע, אָפט געניאַלע אַפּאָלאָגעטן פון בייז, וועלכע וואַרפן אַרום זיך פונאַנדער רויִנירנדיקע פּאַראַדאָקסן, פאַרניכטנדיקע אַפאָריזמען, וועלכע דערלאַנגען פון איין זייט טויטקלעפּ דער מיט ליגנט דורכגעדרונגענער בורזשואַזער געזעלשאַפט, און פון דער צווייטער—פאַנגען זיי די אומדערפאַרענע מוחות אין די צויבערלעכע נעצן פון זינד און פאַרברעכן. אַדאַנק דעם בילד פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, וואָס מירבאָ האָט אויסגעמאָלט, קאָנען מיר געפינען דעם שורש פון פון דערדאָזיקער פילאָסאָפיע, פעסטצושטעלן איר שייכות מיט די סאָציאַלע תנאים פון היינטיקער צייט.

מירבאָ איז ניט קיין אַפּאָלאָגעט פון זינד און פאַרברכן אין דעם סטיל פון פּשיבישעווסקין. ער איז גיכער אַ סאַטיריקער און אַ מוכיח. אָבער אין זיין שילדערן די קראַנקע בורזשואַזע געזעלשאַפט פילט זיך אַ געהיימע קרובהשאַפט צווישן אַוטאָר מיט זיינע העלדן, וועלכע ער שטעלט צום שאַנדסלופּ.

„צונויפזאַמלען די דאָזיקע ווידויים, קלאַסיפיצירן זיי, פאַרעגיסטרירן זיי אין זכרון, כדי צו פאַרוואַנדלען זיי אין אַ שרעקלעך געווער פון באַצאָלונג, ווען עס וועט קומען דער טאָג פון חשבון—דאָס איז איינער פון די גרעסטע און סאַמע שטאַרקסטע פאַרגעניגנס פון מיין פראָפעסיע, דאָס איז דער טייערסטער שכר פאַר מיינע דערנידערונגען".

אַזוי רעדט אין מירבאָס אַ ראָמאַן אַ יונגער נפש, וואָס דער גורל האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ נידעריקער טרעפּ פון געזעלשאַפטלעכן לייטער. סעלעסטינע, וואָס איר מזל איז אויסגעפאַלן דאָס דערנידערנדיקע לעבן פון אַ שטובמיידל, האָט אין דעמדאָזיקן לעבן געפונען אַן אייגנאַרטיקן תענוג. זי האָט געשעפּט נחת, ווען זי פלעגט איר באַלעבאַטים באַדינען צום טיש. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגן די באַלעבאַטים זיין דאָס, וואָס זיי זיינען באמת. דער ליגנט, וואָס האָט אַרומגעפלאָנטערט די אויסערלעכע זייט פון זייער לעבן, פלעגט צעגיין, ווי אַ רויך. די נידעריקע שמוציקע זייטן פון זייער נשמה פלעגן זיך פונאַנדערעפענען אין גאָר דער עקלהאַפטער נאַקעטקייט. זיי האָבן גע

רעדט ניט שטערענדיק זיך, לגמרי פאַרגעסנדיק, אַז לעבן זיי געפינט זיך אַ זייטיקער עדות, וואָס פאַרצייכנט אַלע מאָראַלישע קנייטשן אין דער נשמה פון די דאָזיקע אַזויגערופענע „אָנשטענדיקע מענטשן“. סעלעסטין אַליין איז פאַרסמט געווען מיט דער אַטמאָספער פון ליגן און בייז, אין וועלכע עס גייט דורך דאָס לעבן פון דער הויכער געזעלשאַפט. זי האָט אירע באַלעבאַטים פיינט געהאַט און פאַראַכט, און אין דער זעלביקער צייט האָט זי זיי מקנא געווען און האָט ניט געקאָנט לעבן אָן זייער לוקסוס און ליגן. צוליב איר לאַגע באַטייליקט זי זיך אין זייער רייכקייט. זי גייט איבער די זעלביקע טעפעכער, זי זעט די זעלביקע שיינע צאַצקעס, זי לעבט מיט די אינטערעסן פון אירע הערן, זי אינטערעסירט זיך מיט זייער רכילות, דערוויסט זיך נייסן וועגן אינטימן לעבן פון יענע מענטשן, וועגן וועלכע עס ריידן אירע באַלעבאַטים. סעלעסטין האָט נאָר איין זאַך, מיט וואָס זי צייכנט זיך אויס: זי גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון דעם לעבן, וואָס וויקלט זיך פאַר איר פונאַנדער, אין אירע געפילן און שטימונגען, בשעת זיי גיבן זיך אָן אַ רעכענונג אָפּ זייערע מיאוסע פריידן און ליידן. זי פירט אַ טאָגבוך. זי איז ניט בלויז איינער פון די עלעמענטן פון דער אין ליגנס פאַרזונקענער געזעלשאַפט, נאָר אויך דער סאַטיריקער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. איר טאָגבוך איז דורכגעדרונגען מיט שנאה צו די דאָזיקע מענטשן, אָבער אין אים לאָזט זיך הערן אויך אַ געהיימע בענקשאַפט נאָך די זינד און די תענוגים, וועלכע זיינען די פּריווילעגיע פון די דאָזיקע מענטשן. און צייטנווייז איז שווער אונטערצושיידן, וואו ענדיקט זיך איר צאָרן, און עס הייבט זיך אָן די שנאה, וואו פאַרכלינעט זיך סעלעסטינע מיט דעם שילדערן גופא פון דעם שמוץ, און וואו איז זי דערצאָרנט קעגן דעם.

אין מירבאָס שאַפן און אין סעלעסטינעס טאָגבוך איז פאַראַן פיל געמיינזאַמס. ער איז גלייכצייטיק אי דער משורר, אי דער מוכיח פון דער זינד. זיינע ראָמאַנען קענען אָנוואַרפן אַן אימה פאַר דעם שרעקלעכן תהום, אין וועלכן די היינטיקע געזעלשאַפט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. אָבער זיי קענען געבן קרענקלעכע אַרבעט דער פאַנטאַזיע, וועלכע איז נאָך ניט גענוג שטאַרק געוואָרן, וועקן אין דעם אומדערפאַרענעם האַרצן אינסטינקטן פון אַ חיה, אויפוועקן אַ דאָרשט נאָך אומגעזונטע תענוגים. ניט פיל שריפטשטעלער קענען מיט מירבאָ קאָנקורירן אין פאַרלאָקנדיקן שילדערן די זינד. ער רינגלט זי אַרום מיט העלע בלומען, אַ שטייגער ווי די בלומען, וועלכע האָבן געבליט אין דעם פאַנטאַסטישן גאָרטן פון טויטשטראָפן, צווישן ענויים, צווישן שטראָמען בלוט

און שטיקער מענטשנפליישן. מירבאָ האָט גלייכצייטיק הנאה און יסורים. דאַכט זיך אין די מינוטן פון שאַפן לעבט ער איבער געפילן, ענלעכע צו די געפילן פון אַ רוצח, וואָס אַן אומגעצוימטע קראַפט ציט אים צו דעם אָרט פון זיין פאַרברעכן. מירבאָ פאַרשילט די פאַרברעכעריש געזעלשאַפט, און אין דער זעלביקער צייט איז ער פלייש פון דעם פלייש פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, ער קען ניט לעבן אָן אירע ליגנס, אָן איר פאַרשיכורנדיקער זינדיקייט. געגליכן צו סעלעסטינען צייכנט ער זיך אויס פון די פאַרהאַסטע מענטשן, וועלכע ער שילדערט, נאָר מיט זיין שכל און זיין טאַלאַנט, אָבער דאָס מאַכט ניט קלענער דעם פאַרגעניגן, וועלכע ער לעבט איבער, פאַרזינקענדיק אין דער טיפענייש פון דעם געזעלשאַפטלעכן שמוץ. ער קוקט אויך בגנבה נאָך די מענטשן אין די מינוטן, ווען זיי באַפרידיקן די סאַמע עקלהאַפטע אינסטיקטן זייערע. ווי סעלעסטינע, הערט ער אונטער זייער שמועסן אין די רגעס, ווען פון זיי פאַלט אַראָפּ די קולטורעלע באַגילטונג, ווען אין זיי דערוואַכן די פּירפּיסיקע אורעלטערן, בעלי־תאווהשע, שלעכטע און גייציקע. ער פאַרנאָטירט די דאָזיקע מאָמענטן אויפן פּאַפּיר, קלייבט צונויף מאַטעריאַל, שמידט „שרעקלעכן געווער" פאַר דער רגע, ווען עס וועט קלאַפּן די שעה פון באַצאָלונג. אָבער מירבאָ געהערט ניט צו די מאָראַליסטן אָדער סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרס. ניט ער געפינט, ניט ער זוכט די עלעמענטן, אויף וועלכע מען וואָלט זיך געקאָנט שטיצן, כדי איבערצובויען די געזעלשאַפט. ער קומט אַלס מוכיח אין נאָמען פון דער אַנטיסאָציאַלער פּערזענלעכקייט. אין דער צעפאַלנדיקער געזעלשאַפט באַמערקט ער די העלע שטריכן נאָר ביי יענע פאַרשטייער אירע, וועלכע האָבן די זינדיקייט גופא געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ שעפערישער קראַפט, וועלכע האָבן אין פאַרברעכן געקענט אַרויסבאַווייזן די אייגענע פּערזענלעכקייט. און ווען עס טראָגן זיך פאַרביי אונז אַדורך אי אַ גאַנצע מחנה געניאַלע מערדער, גנבים, תליונים און סאַדיסטן, דאַכט זיך צייטנווייז, אַז דער אויטאָר שטעלט זיי אַרויס ווי אַ אידעאַל לגבי די מיטלמעסיקייטן, וועלכע קענען זיך ניט איבערגעבן צו תאווה און מאָרד ביזן סוף. צייטנווייז דאַכט זיך, אַז דער אויטאָר וויל טאָן אַ געשריי צו די פחדנים, גנבים און פאַרברעכער, פון וועלכע די היינטיקע געזעלשאַפט באַשטייט: „ניט דערין באַשטייט אייער אומגליק, וואָס איר גנבעט, גיט זיך אָפּ מיט אויסגעלאַסנקייט און רציחה, — אייער שולד ליגט נאָר אין דעם, וואָס איר טוט עס אָן שיינקייט און וואַגן, וואָס איר זייט נאָר האַלבע גנבים, האַלבע רוצחים, האַלבע סאַדיסטן", און ס'דאַכט זיך, אַז גלייך ווי ס'וואָלט זיך פון ס'ניי געלאָזט הערן בראַנדס אויסרוף: „זיי וואָס דו ווילסט,

נאָר זיי ביזן סוף!" דערמיט ערקלערט זיך, פאַר וואָס מירבאָ, וועלכער האָט מיט אַזאַ אומרחמנותדיקער אכזריות אויפגעדעקט די געזעלשאַפטלעכע וואונדן פון אונזער צייט, וועלכער האָט דעם „גאָרטן פון פייניקונגען", די דאָזיקע בלעטער פון מאָרד און בלוט, געווידמעט „גלחים סאָלדאַטן, שופטים, מענטשן, וועלכע ערציען מענטשן און זייַנען זיי מדריך", — פאַרוואָס האָט מירבאָ, ניט געקוקט אויף דער דאָזיקער ווענדונג צו די עלעמענטן, וועלכע האַלטן אונטער די הייַנטיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, אַזוי ליב די זינד, לאָזט זיך אין איר אַזוי טיף אַראָפּ מיט עפּעס אַ מין תאווה און שילדערט זי מיט פאַרבן, וואָס זייַער גלענצנדיקע העלקייט שטייגט ווייט אַריבער די צילן פון דעם סאַטיריקער.

ער ווײַלט אויס די בולטסטע פיגורן פון פאַרברעכער אין די סאַמע עקלהאַפטע אַרויסווייַזונגען פון די אומווערדיקע אינסטינקטן. אויב ער שילדערט אַ גנב, איז עס נאָר כדי צו זאָגן דער וועלט, אַז זי באַשטייט אינגאַנצן פון גנבים, אַז די באַנקירן און אַדוואָקאַטן, די מיניסטאָרן און קאָמערסאַנטן, — אַלע לעבן נאָר מיט דעם איינציקן גרונד־אינסטינקט, מיט דער איינציקער שטרעבונג — צו באַפרידיקן זייער אַפּעטיטן אויפן חשבון פון זייערע נאָנטע. שילדערנדיק דעם מענטשנס תאווה, אַרויספירנדיק מענטשן, וועלכע ליידן אויף סאַדיזם און אויף די סאַמע ווילדע פאָרמען פון אומנאַטירלעכע געשלעכטגעפילן, לאָזט מירבאָ קיין נחמה ניט איבער פאַר די, וואָס האָבן זיך ביז איצט געהאַלטן אַלס ריינע פון די דאָזיקע פעלערן. די גאַנצע געזעלשאַפט איז אָנגעשטעקט מיט דאָרשט נאָך קרענקלעכע תענוגים, וועלכע האַלטן זיך אויף די פייַנען פון דעם צווייטן. ער האָט אויף גאָר דער וועלט פאַרשפּרייט דעם אומזין, וואָס האָט באַהערשט דעם דעגענערירנדיקן טייל פון דער געזעלשאַפט. אים דאַכט זיך, אַז גאָר די וועלט איז פאַרכאַפּט פון דער באַרוישונג און קייקלט זיך שנעל אין תהום אַריין. ער זעט אין קיין זאַך קיין רעטונג ניט. ער איז אַנאַרכיסט אין דעם ברייטסטן זין פונם וואָרט. פולקומע אומשליידערונג פון דער צעפוילטער געזעלשאַפט אָן אויסוואַל, אָן פּראָגראַם — דאָס איז אפשר די איינציקע מער־ווייניקער קלאָרע פּראַקטישע אויפגאַבע, וועלכע שטאַמט אַרויס פון זייַן וועלטפאַרשטיין. אפילו אין סאַמע אומבאַשטימטע שטריכן ווערן הינטער דער דאָזיקער צעשטערנדיקער אַרבעט ניט אָנגעמערקט יענע פּאָזיטיווע אידעאַלן, וואָס אין זייער נאָמען ווערט אַרויסגעזאָגט דער טויט־פּסק דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דער דאָזיקער אויף דורך און דורך אויסגעפוילטער געזעלשאַפט ווערט ניט אַנטקעגן געשטעלט קיין שום אידעאַל פון אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז אייַנגעאָרדנט צוועקמעסיק, אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די פּערזענלעכקייט האָט

רחבות פאַר איר אַלזייטיקער אַנטוויקלונג, ניט משיג גבול זייענדיק די אינטע־
רעסן פון אַנדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. די איינציקע פיגורן, צו
וועלכע דער אַווטאָר איז דורכגעדרונגען מיט עפּעס אַן אייגנאַרטיקן מיטגע־
פיל — דאָס זיינען די פאַרברעכער־זשעניס. עס וואָלט אפשר צו פיל דרייסט גע־
ווען צו זאָגן, אַז מירבאָ שטעלט זיי אַרויס אַלס אידעאַל און רעקאָמענדירט
איין וועג — דעם וועג זיי נאָכצוטאָן. ער גייט ניט אַזוי ווייט, ווי פּשיבישעווסקי,
וועלכער האָט אָפן אויפגעבויט דעם קולט פון שטן, אָפן אויסגערופן, אַז דאָס
שלעכטס איז דער העכסטער יסוד פון לעבן. מירבאָ לאָזט זיך ניט אַזוי ווייט
אַוועק. ס׳איז אָבער אַ ספק, צי מען קען לייקענען, אַז די איינציקע געשטאַלטן,
וועלכע זיינען ביי אים געצייכנט מיט ליבשאַפט, זיינען דווקא נאָר אַזעלכע
אומגעוויינלעכע פאַרברעכער. אַ רויבער פון דער רויבער־געזעלשאַפט, וואָס איז
געשילדערט אין דעם טאָגבוך פון אַ נעווראַסטעניקער, איז דער טרעגער פון
דער אָריגינעלער פילאָסאָפיע פון רויבעריי, אַ בולטע געשטאַלט, אַ דרייסטער
העלד, וואָס שטייט הויך איבער דער קלעגלעכער האַלב לעבעדיקער און
פּחדנישער געזעלשאַפט. אַזאַ איז אויך קלאַרע אין „גאָרטן פון פּייניקונגען",
די דאָזיקע פּריסטערין פון סאַדיזם, אָדער זשאָזעף („טאָגבוך פון אַ שטובמיידל"),
וואָס זיינע פאַרברעכנס זיינען פאַרהילט כמעט אין מיסטישער אימה. דאָס
זיינען די איינציקע שטאַרקע מענטשן, וועלכע קענען זיין דאָס וואָס זיי זיינען
כמעט ביזן סוף. דער אַווטאָר זוכט ניט קיין אַרויסוויז פון דער פּערזענלעכ־
קייט אין אַנדערע גרופּעס פון דער געזעלשאַפט, אויסער יענע קלאַסן, וואו
אומגעזונטע תּענוגים זיינען אַלץ, צו וואָס מענטשן שטרעבן. גלייך ווי מירבאָ
וואָלט אין זיין בענקשאַפט נאָך דעם אידעאַל פון אַ פרייער פּערזענלעכקייט
מיט אַ בעפיל פון עפּעס אַן אייגנאַרטיקן פאַרגעניגן אָפּגעשטעלט זיין בליק אויף
יענע מענטשן, וועלכע ווייזן אַרויס זייער אומאָפּהענגיקייט, זייער צעשטערנדיקע
קראַפט, וועלכע באַפרייט זיי פון אַלער אַרט דרוק, אין דעם ציניזם פון אויפ־
הייזן די אייגענע פאַרברעכערשקייט, אין דער מעכטיקער פעיִקייט דרייסט
אויפצוהויבן פון דער דעק פון דער נשמה גאָר דעם שמוץ פון זינדיקייט און
אָפן וואַרפן אים אין פּנים דער פאַלשער געזעלשאַפט. ער האָט מיט אַ באַזונ־
דער אָרעאָל פון שיינקייט און העלדישקייט אַרומגערינגלט די דאָזיקע פאַר־
ברעכער פון העכערן מין.

אַזוי ווי ביי אַלע פאָרשטייער פון עקסטן אינדיווידואַליזם, האָט אויך
מירבאָס שאַפן מיט איר נעגאַטיווער צעשטערנדיקער זייט אַן ערנסטע סאָציאַ־
לע באַדייטונג, אויפדעקנדיק די פאַלשקייט פונעם הייניטיקן לעבן און די וואונדן

פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. אָבער מירבאָס געליבטסטע העלדן, אין וועלכע עס לאָזן זיך פילן דעם אויטאָרס פּאָזיטיווע שטרעבונגען, זאָגן אָן איבעריק מאָל עדות אויף דער מאַכטלאָזיקייט פון דעם אַנטיסאָציאַלן דענקען, אויף דער מאַכטלאָזיקייט פון די עקסטע אינדיווידואַליסטן צו לייזן די פּראָבלעם פון דער באַפרייונג פון דער פּערזענלעכקייט. מירבאָס באַליבטסטע העלדן, אויב זיי האָבן עפּעס אַ וועלכן סאָציאַלן ווערט, איז עס נאָר אַזוי פיל, וויפיל עס האָבן עס אַלע העלדן פון דער אינדיווידואַליסטישער פּאָעזיע. ווי אין דאָריאַן גריי און ווי אין מעטערלינקס „ענווים", לעבט אין מירבאָס העלדן אויך אַ ניט שטאַרבנדיקע בענקשאַפט נאָך פרייהייט, נאָך יענער אַנאַרכישער פרייהייט, פאַר וועלכער עס איז קיין אָרט ניטאָ אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אין זייער פאַרברעכערישקייט, ווי אין דאָריאַן גרייס עסטעטישע אָרגיעס, און ווי אין בראַנדס איבערמענטשלעכער שנאה און אכזריות, פילט זיך אַ געהיימע בענקשאַפט נאָך אַ העכערן שיינעם לעבן, נאָך אַ פולקומענעם און פרייען מענטשן. דערמיט קען דערקלערט ווערן דער צויבער פון פון די דאָזיקע העלדן, ביי וועלכער דער שמוץ פון זינד גיסט זיך אָפטמאָל צונויף אין אַ משונהדיקע אַמאַלגאַמע מיט שטרעבונגען, וועלכע זיינען פול מיט העכערער שיינקייט און האַרמאָניע. דעריבער שטעלט נאַטירלעך דער אַנאַליז פון מירבאָס שאַפן פאַר אַ צווייטע אויפגאַבע. מען מוז אויפשטעלן דאָס בילד פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וועלכע איז אַרויסגעפירט אין זיינע ראָמאַנען, און באַווייזן, אין וואָס באַשטייט יענע פאַרברעכערישע וועלט-אַנשויונג, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אַלס נאַטירלעכער פועל-יוצא פון די עקסיסטירנדיקע לעבנסבאַדינגונגען, און געוואָרן אַ גאַנצע פילאָסאָפיע פון זינד ביי די געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן, וועלכע קענען ניט גיין איבער דעם וועג, וואָס פירט צו דער סאַנאַציע פון דער געזעלשאַפט.

דאָס בילד פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וועלכע איז געמאָלט אין מירבאָס ראָמאַנען מיט דער האַנט פון אַ גרויסן מייסטער, האָט, אין פאַרגלייך מיט נאָך אַזעלכע בילדער ביי באַלזאַקן און זאָלאַ, יענעם גרויסן ווערט, וואָס אין אים טרעט צום ערשטן מאָל מיט אַזאַ בולטקייט אַרויס דער מהות זעלבסט פון דער היינטיקער סאָציאַלער סטרוקטור. אַלץ וואָס עס שיינט אויף דער אויבערפלעך פון פאָלקסלעבן — די קירך, די רעגירונג, די מיליטער-מאַכט, די וויסנשאַפט, די פּרעסע, די קונסט,— דאָס אַלץ זיינען נאָר באַזונדערע פאָרמען פון ספּעקולאַציע. די פּערזאָנען, וועלכע שטייען אין דער שפּיץ פון די דאָזיקע, אין פלוג ניט ענלעכע צווייגן פון אָנפירן מיטן גייסטיקן און מאַטעריעלן לעבן

פון דער מענטשהייט, זיינען בעצם די אממערסטן געשיקטע און קונציקע מיט־גלידער אין דער מענטשלעכער משפחה, וועלכע טיילן צווישן זיך דאָס גוטס, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט דורך דער ריזיקער מי פון די פאָלקסמאַסן. דאָס וואָס פונדערווייטן שיינט ווי א קאַמף פון פּרינציפּן, איז נאָר אַ קאַמף פאַר לוין. פונדערווייטנס דאַכט זיך, אַז די קירך און די וויסנשאַפט זיינען פיינט־לעכע צווישן זיך כּוחות. פונדערווייטנס קאָן מען מיינען, אַז די רעגירונג און די פּאַרלאַמענטאַרישע אָפּאָזיציע קאָנען צווישן זיך ניט דורכקומען צוליב דעם גרינדלעכן אונטערשייד אין פאַרשטיין די נויטן פונם פאָלק. דעם אויבער־פלעכלעכן באַאָבאַכטער קאָן אויסווייזן, אַז דער באַנקיר און דער סאָציאַליסט זיינען קרעפטן, וועלכע טיליקן איינע די אַנדערע אויס.

אָבער מירבאָ האָט אַלעמען פאַראייניקט.

ער האָט באַוויזן, אַז אויב די דאָזיקע מענטשן, וועלכע שטייען אויף דער אויבערפלעך פון פאָלקסלעבן, קריגן זיך צווישן זיך, איז עס נאָר אין יענע פאַלן, ווען עמעצער פון די ספּעקולאַנטן האַלט פאַר צו ווייניק דעם טייל, וואָס איז אויסגעקומען אויף זיין חלק ביים טיילן דאָס פאָלקס־עשירות. ווען מען דאַרף און ווען עס לוינט, קאָנען די דאָזיקע מענטשן מאַכן צוזאַמען בעשעפט. די סאָציאַליסטן שטימען אויפן בעסטן אופן מיט די קאַפּיטאַליסטן, די גענעראַלן מיט די פריידיקער פון דער אידעע וועגן דער אַלגעמיינער אַנט־וואָפענונג. זיי טיילן זיך פשרהדיק מיט דעם גאַנצן סך־הכל פון דעם עשירות, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעאַרבעט. זיי האָבן איבערגערעכנט אויף פּינקט־לעכע געלט־ווערטן אַלץ, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר קראַפט, וועלכע ווירקט אויפן לעבן, און אין דער דאָזיקער רשימה פון די קרעפטן איז אַלץ ריכטיק אָפּגעשאַצט געוואָרן: סיי די מיניסטאָרישע מאַכט, סיי דער אוטאָריטעט פון דער וויסנשאַפט, סיי די פּאַטריאָטישע שטרעבונג, סיי דער טומל פון דער צייטונג, סיי רכילות, סיי כּבוד,—און יעדער, ווער עס האָט באַוויזן צו שטעלן זיך ביי איינער פון די דאָזיקע רעדער פונם אַלגעמיינעם מעכאַניזם פונם מלוכה־לעבן, יעדער, ווער ס'האָט פאַרכאַפּט איינעם פון די באַקוועמע ערטער, פאָדערט פאַר זיך זיין חלק, סטראַשענדיק אין קעגנפאַל אַריינצוברענגען אַ צע־רודערונג אין דעם דאָזיקן פאַר אַלע רויבער לוינענדיקן שטראָם פון לעבן. און מען מוז אים צאָלן אויס מורא, ער זאָל ניט אויפדעקן קיין מיאוסע זאַכן. און די כיטרע אוגורן ריידן נאָר פאַרן פאָלק וועגן קאַמף פון פּרינציפּן, וועגן אידעען, אַלגעמיינע אינטערעסן. איינער פאַר דעם אַנדערן האָבן זיי שוין לאַנג אַראָפּגענומען די מאַסקעס און פירן דעם געשעפט בגלוי. איינער פאַר דעם

אַנדערן סטאַרען זיי זיך שוין לאַנג ניט צו פאַרדעקן מיט פייגנבלעטער זייער שענדלעכע נאַקעטקייט. ווען דער מיניסטער רעדט מיט זיין געוועזענעם חבר דעם שאַנטאַזשיסט, וועלכער וויל ביי אים אויספרעסן געלט פאַרן שווייגן וועגן זיינע אומגליקע מיאוסע מעשים, דערמאָנען זיי שוין ניט קיין פאָלקס־אינטערעסן. זיי מעסטן פשוט אויס איינער דעם אַנדערנס קרעפטן, שאַצן אָפּ די מדרגה פון ריזיקע און די שאַנסן פון נצחון. אָבער אויב זיי קומען זיך ניט צונויף אין פריין, טרעט זייער קאַמף פאַרן גוטן ביסן אַרויס פאַרן פאָלק אַלס אַ קאַמף פאַר אידעען. די פרעסע־אָרגאַנען, וועלכע שטייען אויף דעם מיניסטערס צד, וועלן אים פאַרטיידיקן נאָר אין נאָמען פון די פאָלקס־אינטערעסן. ביי וועלכן מען טאָר ניט אָפּנעמען אַ נוצלעכן מלוכה־מאַן. און די אָרגאַנען פון דער אָפּאָזיציע וועלן ריידן וועגן ערלעכקייט און גערעכטיקייט און וועלן זיך ווידער סומך זיין אויף די פאָלקסאינטערעסן, וועלכע מען טאָר ניט איבערלאָזן אין די הענט פון אַ פאַרפלעקטן מענטשן. און דאָס נאַיווע פאָלק ווייס ניט, אַז מען שפּילט מיט אים ווי מיט אַ קינד, אַז עס איז אַ שפּילצייג אין די הענט פון שאַרלאַטאַנעס, וועלכע דינגען זיך פאַר זיין האָב און גוטס.

וואָס זיינען אַזוינס די רעגירער? וואָס פאַר אַ אייגנשאַפטן דאַרפן זיי באַזיצן, צו כדי מאַכן זייער קאַריערע? אויף וואָס האַלט זיך זייער ערפאָלג? מירבאָס ראָמאַנען האָבן אַ גאַנצע קאָלעקציע מלוכה־טוער. אין „דעם גאָרטן פון די פייניקונגען" זאָגט דער מיניסטער, וועלכן עס שאַנטאַזשירט זיין געוועזענער גוטער פריינד, וועלכער ווייס די סודות פון זיין עבר, גאַנץ אָפן אַרויס, וואָס איז זיין אידעאַל פון אַ מלוכה־מאַן. „פאַר אַ מלוכה־מאַן איז דאָס ערגסטע— ערלעכקייט. ערלעכקייט—דאָס איז עפּעס אַזוינס אינערטס און פּרוכטלאָזס, זי פאַרשטייט ניט ווי מען דאַרף לאָזן אין גאַנג די אַפּעטיטן און די ערגייציקייט, די איינציקע טרייבער, דורך וועלכע מען קאָן שאַפן עפּעס שטאַנדהאַפטס. אַ לעבעדיקער באַווייז דערפון איז דער נאַר פאַווראַ, דער איינציקער ערלעכער מאַן אין מיניסטעריום און אין דער זעלביקער צייט דער איינציקער מענטש, וואָס מען קאָן, לויט דער אַלגעמיינער מיינונג, זיין קאַריערע רעכענען פאַר אַ פאַרפאַלענע אויף אייביק". דער מיניסטער דינגט זיך מיט זיין פריינד דעם שאַנטאַזשיסט, און דערקלערט אים זיינע שאַנסן אויף נצחון אין פאַל פון אַ קאָנפליקט און דעקט צוזאַמען דערמיט אויף די סודות פון דעם רעגירונגס־מעכאַניזם. דער בעסטער מיטל צו פאַרזיכערן זיך—דאָס איז מאַכן די אייגענע פערזענלעכקייט פאַר נויטווענדיק, צונויפבינדן דעם אייגענעם קיום מיט די אינטערעסן פון וואָס אַ גרעסערער צאָל מענטשן, וועלכע שטייען ביי דעם גע־



אָקטאַוו מירבאָ

זעלשאַפטלעכן טעפּל. דעם מיניסטער איז עס געלונגען צו טאָן, און פאַר אים זיינען קיינע אָנפאַלן ניט שרעקלעך. „דו מיינסט צו ווירקן אויף מיר מיט סטראַשונקעס... נייטן מיך צו ווערן נאָכגיביקער, ווי אַ חשודן באַנקיר! אָבער דו ביסט אַ קינד! באַדענק דיך אַ ביסל... מיין מפּלה! זאָגט מיר אָבער, כ׳בעט דיך, ווער וועט זיך דעריוועגן נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַזאַ משוגעת!... ווער ווייס דען ניט, אַז עס שלעפּט נאָך זיך דעם חורבן פון צו-פיל, דאָס אומגליק פון צו-פילע, וועלכע מען טאָר ווי מיך ניט אָנרירן אויס מורא פאַר אָפּזאָגן זיך פון זיך זעלבסט, אויס מורא פאַרן טויט?... ניט מיך אַליין וועט מען אַראָפּשליידערן... ניט מיך אַליין וועט מען באַפּוצן מיט דער מיץ פון אַ קאַטאָרזשניק... די גאַנצע רעגירונג, דער גאַנצער פאַרלאַמענט, די גאַנצע רעפּובליק, וועלכע האָבן, ווער זיי זאָלן דאַרפט זיך ניט זיין, גענו-מען אָנטייל אין דעם, וואָס זיי רופן אָן מיין פאַרקויפטקייט, מיין אונטערגע-קויפטקייט, מיינע פאַרברעכנס... זיי מיינען, אַז איך בין זייער מאַכט... דאָס זיינען זיי אין מיין מאַכט!... זיי רויק, איך וועל זיי ניט אַרויסלאָזן". די גרענעץ, וואָס טיילט דעם מיניסטער אָפּ פון דעם קאַטאָרזשנעם, דעם מיניסטער-שטול פון דער שולדיקס-באַנק, איז ניט אַזאַ גרויסע, ווי מען וואָלט זיך עס געקאָנט פאַרשטעלן ביי אַן אייבערפלעכלעכן בליק. דעם מיניסטערס פריינד „קלעקט, ער זאָל איין וואָרט זאָגן", כּדי „אַריינצושליידערן דעם דאָזיקן רמאי אין קאַ-טאָרגע", כּדי אָפּצונומען ביי אים די פאַרגעטערונג פון מענטשן און די אַכטונג פון די אויסלענדישע הויפן". אָבער ער טוט עס ניט: „איך וויל מיין חלק... איך בעט ביי דיר אידיאָטיש ווייניק". אמתע איבערצייגונגען און אמתע פּרינציפּן קאָנען נאָר שאַדן דער פעסטער לאַגע פון אַ מלוכה-טוער. די העכ-סטע מעלה זיינע איז קאָנען פאַרהוילן זיין אייגענע פערזענלעכקייט, זיין דער מעכאַנישער ווייזער פון די אין דער געזעלשאַפט איינגעשטעלטע אָנשויונגען, דאָס גלייכווירקנדיקע פון צוזאַמענגעשטויסענע שטרעבונגען. זשאָרזש לעיג („איינאונצוואַנציק טאָג פון אַ נעווראַסטעניקער") איז אַ מיניסטער פּונקט פון אַזאַ טיפּ. „אַלס מענטש, — זאָגט ער צו זיין בעל-דבר, — בין איך אינגאַנצן אויף אייער זייט. איך בין אַפילו גרייט צו גיין ווייטער פאַר אייך... איך האָב וועגן דעם וואונדערלעך דרייסטע געדאַנקען... די סאַמע עקסטע, רעוואָלוציאָ-נערע, אַנאַרכיסטישע איבערצייגונגען... אָבער דער מענטש איז נאָר אַ העלפט פון מיין איך; איך בין אין דער זעלביקער צייט אויך מיניסטער". און „אַלס מיניסטער" מוז ער קעמפן קעגן יענע איבערצייגונגען, וועלכע ער האָט „אַלס מענטש". דעריבער איז לעיג „סאָלידאַר מיט אַלע קאַבינעטן און אין דער

זעלביקער צייט מיט קיינע פון זיי", מיניסטעריומס פאַלן, און ער בלייבט מיט־גליד פון מיניסטעריום, ווער אין אים זאָל ניט זיין: צי ראַדיקאַלן, צי אָפּאָרטו־ניסטן, צי נאַציאָנאַליסטן, צי סאָציאַליסטן. פאַר אַ קלעריקאַלן מיניסטעריום האָט ער גרייט אַ שול־רעפאָרם, לויט וועלכער דער שולוועזן ווערט איבערגע־געבן אין די הענט פון די יעזויִטן. אין פאַל ווען עס זאָל געשאַפן ווערן אַ רע־פובליקאַנער־קאַבינעט, האָט ער צוגעגרייט אַן אַנדער פּראָיעקט—וועגן איבער־געבן דעם גאַנצן שולוועזן אין די הענט פון די פראַנק־מאַסאָנען, מיט איין וואָרט, ער איז אַן אייביקער אומגעביטענער מיניסטער.

אומערלעכקייט און אומפּערזענלעכקייט — דאָס זיינען די הויפּט־מעלות, וועלכע באַשאַפן מלוכה־מענער, אַדמיניסטראַטאָרס. אין דעם יסוד פון דער הײַנטיקער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע ליגט פאַרברעכן און מאָרד. די דאָזיקע ציוויליזאַציע איז די קונציקע און דינע פאָרם פון רויבעריי, וואָס ליגט אין דעם יסוד פון לעבן בכלל. די רעגירונג און די אַרמיי גייען האַנט ביי האַנט אין דעם דאָזיקן צערויבן דאָס עשירות, וואָס די מענטשהייט שאַפט. דער בראַווער גענעראַל אַרשינאַר, "דער סודאַנער ציוויליזאַטאָר", דערקלערט אויך אַזוי אָפנהערציק, ווי לעיִג, דעם הויפּט־גרונט פון לעבן, אַנטפּלעקט די דאָזיקע איינציקע געהיימע פּרוזשינע פון אַלע היסטאָרישע געשעענישן. ער באַווייזט זיין בעל־דבר די באַשלאָגעכץ פון זיין צימער, דערקלערנדיק, אַז זי איז גע־מאַכט פון דער הויט פון נעגערס. ניט באַמערקנדיק די שרעק פון דעם בלאַס־געוואָרענעם בעל דבר, דערקלערט ער רויִק די מעלות פון דעם דאָזיקן לעדער, און ער רעכנט אויס, אַז אויף צו באַשלאָגן איין צימער דאַרף מען האָבן הונ־דערט ניין נעגערס, "די באַפעלקערונג פון אַ קליין דערפל", דערביי ווערט פאַרניצט ניט אַלץ: "אין די דאָזיקע פעל, באַזונדערס פון פרויען, איז פאַראַן זייער דינע צאַרטע טיילן, וועלכע טויגן פאַר קינסטלערישע אַרבעטן... פאַר פיינע צאַצקעס... נעסעסערס... הענטשקעס, באַזונדערס פאַר טרויער־הענטש־קעס". דעם גענעראַלס פאַראַדאָקסן זיינען בעצם גאָרניט קיין פאַראַדאָקסן. מיט ריין מיליטערישער גראָדליניקייט דערפירט ער ביז צו גראָבן לאָגישן אויספיר דאָס, וואָס עס ווערט אָפּגעטאָן אונטער דעם צודעק פון קולטורעלער באַגײַלונג. דער איינציקער מיטל צו ציוויליזירן מענטשן, דאָס איז לויט אַרשי־נאַרס מיינונג—טויטן זיי. וואָס פאַר אַ סיסטעם פון אָפּהענגיקייט מען זאָל פאַר די איינגענומענע שבטים ניט שאַפן — פּראָטעקטאָראַט, פאַראייניקונג און אַנ־דערע, וועלן זיי אַלץ שטענדיק בלייבן שונאים פון זייערע באַצווינגער און וועלן זיך ניט באַרויִקן. דעריבער לייגט דער גענעראַל אַרשינאַר פאָר צו באַ־

זייטיקן „די איבעריקע הַכְּבָדוֹת" דורך מאַסן־אויסראָטונג. אָבער היות ווי דאָס אָנזאַמלען זיך פון מאַסן טויטע קערפּערס איז ניט היגיעניש און קאָן אַנטוויקלען מגפות, וואָלט די גרינדונג פון אַ נייעם מין פּראָדוקציע, אויסאַרבעטן מענטשן־פעל, דערגרייכט אַ צווייענדיקן ציל. דער זיגען פון דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע האַרמאָנירט פולקום מיט דעם דאָזיקן געדאַנקענגאַנג פון גענעראַל אַרשינאַר. וויבאַלד, אַז איין פאָלק ראָט אויס דאָס צווייטע צוליב אייגענעם נוצן, כדי רייך צו מאַכן די אייגענע רויבער אונטערנעמער, איז דאָס אויסראָטן אויף דער העלפט, אָדער דאָס פּרייוויליק אָפּזאָגן זיך פון יעדער מין עקספּלאָאַטירן דאָס פאַרמשפּטע אויף אויסראָטונג פאָלק, די דאָזיקע, לויט אַרשינאַרס אויסדרוק „סאַנטימענטן" מער ניט ווי אַ לאָגישער אומזין, אַן אומגליקלעכער שטות, וועלכער פאַרוואַנדלט די מנצחים אין „שמאַטעס". דער גענעראַל לייגט פאָר אויסשפּרייטן זיין טעאָריע אויך אויף די ווייסע מענטשן, בקיצור, אויף אַלעמען, ווער עס ווערט אַ קרבן פון די אַפּעטיטן פון די שטאַרקע רויבער, אַפילו אויף אַרעסטאַנטן און קאַטאָרזשנע. „לעדער פון אַ פאַרברעכער! אַלע אַנטראָפּאָלאָגן וועלן אייך זאָגן, אַז בעסער דערפאַר איז ניטאָ"!

די רעגירונג און די אַרמיי זיינען, לויט מירבאָס מיינונג, נאָר איינער פון די עלעמענטן אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע פון רויבער, וואָס האָבן מיט זייערע נעצן אַרומגעפלאָכטן די מענטשהייט. דער פאַרלאַמענט, די מוניציפּאַלע פאַרוואַלטונגען,—בקיצור, אַלע געוויילטע אָרגאַנען, וועלכע זיינען אויפן ערשטן בליק געשאַפן דורך דער באַפעלקערונג גופא, אונטערגעוואָרפן איר אייגענער השגחה,—גייען אין דער אמתן אַריין אין דעם באַשטאַנד פון אַלץ דערזעל־זעלביקער גראַנדיעזער באַטריגערישער אָרגאַניזאַציע. די פאַרלאַמענטישע קאַריערע—דאָס איז דער זעלביקער וועג פון רמאות, וואָס דורך אים דערגייען די מיניסטאָרן צו זייערע פאָרטפעלן. אַ טיפּישער פאַרלאַמענטאַריער איז דער מאַרקיז פאָרפיער. ער איז געווען דער פּאָפּולערסטער מענטש אין זיין קרייז („איינאונצוואַנציק טעג פון אַ נעוראַסטעניקער"). ער האָט אויסגעצייכנט באַגריפן די קונסט פון באַגיין זיך מיט די וויילער. כדי צו האָבן ערפאָלג, דאַרף דער קאַנדידאַט עקספּלואַטירן „די סאַמע איינגעשפּאַרטע און ניט היילבאַרע מענטשלעכע מאַניע—די האָפענונג". וועקנדיק האָפענונג, פאַרקלייבט ער זיך צו די סאַמע קוואַלן פון לעבן: צו די אינטערעסן, ליידנשאַפטן פעלערן. יענער איז מנצח, ווער עס קען מער פאַר אַלעמען צוזאָגן, הגם די פּאָליטישע איבערציוגונגען פון זיין פּאַרטיי, זיינע אייגענע און פון די וויילער זיינען פונקט דער היפוך איינע פון די אַנדערע. די דאָזיקע אָפּעראַציע פון אָפּנאַרן רופט

זיך אויף דעם לשון פון די ווײַלער „דיקטירן דעם אײגענעם ווילן" און אויף דעם לשון פון די דעפוטאַטן „צוהערן זיך צו דער שטימע פון דער באַפעלקערונג". און אָט „האָבן מיר שוין עטלעכע טויזנט יאָר, ווי מען הערט זיך צו צו דער דאָזיקער שטימע, נאָר מען נעמט זי קײנמאָל ניט אין אַכט, און די מאַשין דרייט זיך, דרייט זיך אָן דעם קלענסטן פלאַץ אין איר מעכאַניזם, אָן שום פאַרלענגערונג אין גאַנג; אַלע זײַנען צופרידן, אַלץ גייט ווי געשמירט". דער מאַרקיז פאָרפיער איז געווען אַ געניטער פאַרלאַמענטאַריער. אפילו אין דעם ווײַטסטן קרייז, וואו זײַן נאָמען איז ניט געווען פאָפולער, האָט ער באַקומען די שטימען פון די ווײַלער דורך דער פײַערלעכער הבטחה צו פועלן בײַ דער אַדמיניסטראַציע אַן אײַזנבאַן-פלאַטפאָרם אין דער הויפטשטאָט פון דעם קרייז. די בירגער האָבן שוין לאַנג אָן ערפאָלג זיך משתדל געווען מכוח דעם. און די אײַנוואוינער האָבן יעדעס מאָל געוויילט דעם מאַרקיז, הגם עס זײַנען אַריבער יאָרן אין סעסיעס, און קיין פלאַטפאָרמע איז ניט געוואָרן. לסוף, אַז דער געדולד האָט געפלאַצט, האָבן זיי געשיקט צו דעם מאַרקיז אַ דעפוטאַציע. „איצט איז שוין די זאַך ענדגילטיק באַשלאָסן", האָט דער מאַרקיז געזאָגט. און ווירקלעך, אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אַראָפגעבראַכט וועגענער מיט שטיינער און מיט זאַמד. די דערפרייטע אײַנוואוינער פון דעם קרייז האָבן ווידער אָפגעגעבן זייערע שטימען פאַרן מאַרקיז. אָבער אין אַ טאָג אַרום האָט מען די שטיינער מיטן זאַמד צוריק אַוועקגעפירט. אויף די פראָטעסטן פון די אײַנוואוינער האָט דער אַרבעטער, וואָס האָט צוגענומען די געבראַכטע מאַטעריאַלן, געענטפערט: „ס'איז, ווײַזט אויס געווען אַ טעות... דאָס איז פאַר אַן אַנדער דעפאַרטאַמענט". אויף די ווײַטערדיקע וואַלן האָבן די ווײַלער געפאָדערט מיט מער עקשנות. אָבער דער מאַרקיז האָט געמאָלדן, אַז בלויז אַ פלאַטפאָרמע אַנטשפרעכט ניט די פאָדערונגען פון היינטיקער צײַט: מען דאַרף אַ וואָקזאַל, אַ שײַנעם מיט אַ עלעקטרישן זייגער, מיט בופעטן און אַז. וו. „אַ גרויסער וואָקזאַל — דאָס איז אוודאי בעסער" — האָבן די פויערים געשמועסט, און דער מאַרקיז איז ווידער אַמאָל געוויילט געוואָרן.

אַזעלכע זײַנען די געזעצגעבער פונם לאַנד. און אָט איז אַ פאָרשטייער פון דער שטאָטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג—דער מער זשאַן טרעגאַרעק. ער חלשט, עס זאָל קומען די מגפה, כדי ער זאָל קענען אַרויסווײַזן זײַנע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן, זײַן גרויסע ליבשאַפט צו די ברידער בירגער. און דער מער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם ערשטן פאַסיקן צופאַל. ער האָט געכאַפּט אַ שיכורן מאַטראָס און, געמאָלדן, אַז ער איז קראַנק אויף כאָליערע, האָט ער אַרויסגעוויזן

אומגעוויינלעכן מוט, גייענדיק אַרום אים אין שפּיטאָל. לסוף האָט דער מער דעם אומגליקלעכן דערשטיקט מיטן ראָם, וואָס ער האָט אים געגעבן טרינקען, כּדי אַרויסצוטרייבן פון אים די באַצילן פון כאָלערע. אויף מאָרגן האָבן אַפּישן מיט לאַנגע דיבורים באַרויִקט די איינוואוינער, אָנזאָגנדיק, אַז דער מער האָט באַשלאָסן אַרויסצורייסן זיי ביי דער עפּידעמיע פון די הענט, און דעריִבער וועט ער כּסדר זיצן אין דער מעריע. דער מער איז באַשאָנקען געוואָרן מיט אַן אָרדן, און שפּעטער פלעגט ער גערן דערמאָנען „יענע צייט, ווען אין קערנאַק איז געווען די כאָלערע".

אַזעלכע איז די רעגירונג, די אַרמיי, די פאָלקסגעוויילטע. לאָמיר אַ בליק טאָן אויף אַנדערע עלעמענטן, וואָס „ערציען און זיינען מדריך די מענטשן", וואָס מירבאָ האָט זיי געווידמעט „די בלעטער פון מאָרד און בלוט". וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די הייבטיקע וויסנשאַפט, צו וועלכע הייבטיקע מענטשן באַציִען זיך מיט יראת הכּבוד? זי איז אויך געוואָרן אַ זאַך פון ספּעקולאַציע. ניט וויסנדיק, מיט וואָס צופרידן צו שטעלן זיין פריינד דעם שאַנטאַזשיסט, לייגט אים דער מיניסטער פאָר צו שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון אַ וויסנשאַפטלעכער מיסיע, „וואָרעם", דערקלערט דער דאָזיקער מלוכה־מאַן, — „מיר שיקן איצט פונאַנדער אַ פולע מיסיעס, און מיר ווייסן ניט, אויף וואָס אויסצוגעבן דאָס געלט פון די שטייער־צאָלער". דעם מיניסטערס פריינד ווערט פּלוצלונג אַן עמבריאָלאָג און פאָרט אַוועק אויף דעם אינזל ציילאָן, אויסצופאָרשן דאָס, וואָס די געלערנטע רופן אָן פעלאגישע פּראָטאָפּלאַזמע, אָדער עפּעס אַנדערש פון דעם מין. און דער „פריינד", וואָס אים איז באַקאַנט דער פינסטערער עבר פון זיין הויכגעשטעלטן פריינד, איז געווען אָנגענעם פאַרוואונדערט, באַקומענדיק אַ גרויסע סומע געלט, מיט וועלכן ער האָט געקאָנט טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט. די דאָזיקע ברייטקייט האָט אים באַזונדער פאַרוואונדערט, ווייל ער האָט געוואוסט די קמצנות פון דער רעגירונג און די נישטיקייט פון די סומעס, מיט וועלכע זי פלעגט באַשענקען אמתע געלערנטע. „פאָר, מיין פריינד, — האָט אים זעגנענדיק זיך געזאָגט דער מיניסטער, און קום צו אונז צוריק שטאַרקער, קום צוריק אַ נייער מענטש און אַ גרויסער געלערנטער". און דער מיניסטער האָט צוגעזאָגט, פאַר דער צייט, וואָס ער וועט ניט זיין, צו באַזייטיקן „די מניעות, וועלכע שטערן זיין געזעצטער ערגייציקייט". „אין דער צייט, וואָס דו וועסט זיין דאָרטן, מוטיקער פיאָנער פון פּראָגרעס, זעלנער פון דער וויסנשאַפט... פאַר דער צייט, וואָס דו וועסט אויספאָרשן די ים־אויסגוסן און שטודירן די געהיימעניש־פולע קאָראַלנאינזלען פאַר פראַנקרייך, פאַר אונזער

ליבן פראַנקרייך... וועל איך אָן דיר ניט פאַרגעסן, גלויב מיר... קונציק פונאַנ־דערבלאָזנדיק אַלץ מער און מער, וועל איך מאַכן מען זאָל פאַראינטערעסירן מיט דיין יונגן נאָמען פון אַ געלערנטן עמבריאָלאָג — סיי אין דער האוואַס־אַגענטור, סיי אין מיינע צייטונגען... איך וועל אַוועקלאָזן וואונדערלעכע פאַ־טעטישע רעקלאַמעס: „אונזער גרויסער עמבריאָלאָג"... „מיר האָבן באַקומען פון אונזער יונגן באַרימטן געלערנטן, וואָס זיינע עמבריאָלאָגישע אַנטדעקונגען און אַז. וו."... „אין דער צייט, ווען ער האָט אין דער טיפעניש פון צוואַנציק קלאַפטער אונטערן וואַסער אויסגעפאָרשט די ביז היינט נאָך אומבאַקאַנטע גאַלאַטוריע, איז ער, אונזער ענערגישער עמבריאָלאָג, שיר ניט פאַרצוקט גע־וואָרן דורך אַ היי־פיש... אַ שרעקלעכער קאַמף און אַז. וו." „פאַר, מיין פריינד... אַרבעט שרעקלאָז פאַר דער דערהויבונג פון אונזער לאַנד. אין אונזער צייט איז די נאַציע גרויס ניט נאָר מיט איר געווער, זי איז נאָך גרעסער מיט איר קונסט... מיט דער וויסנשאַפט... די פרידלעכע ערגאָבערונגען פון דער וויסנ־שאַפט העלפן פיל מער דער פאַרשפרייטונג פון דער ציוויליזאַציע, איידער די ערגאָבערונגען פון געווער און אַז. וו. "Cedant arma sapiehtiae". אַזוי האָט די וויסנשאַפט אויסגענוצט די מענטשן, וועלכע פירן אָן מיט דער געזעלשאַפט.

דעם הייליקן גלויבן אין דער וויסנשאַפט, וואָס לעבט אין די הערצער פון מענטשן, האָבן זיי אריינגענומען אין חשבון ווי אַלע אַנדערע כוחות, וועלכע זיינען נייטיק פאַר דעם קיום פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט און זיי האָבן זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן גלויבן, כדי נאָך פעסטער צו מאַכן די אָרגאַניזאַציע פון די געשעפטמאַכער, וועלכע שליגגען איין די בעלטער פון די שטייערצאָ־לער. צוזאַמען מיט דער רעגירונג, דער אַרמיי, דעם פאַרלאַמענט און די מוני־ציפּאַליטעטן איז די וויסנשאַפט, לויט מירבאָס מיינונג, געוואָרן אַן עלעמענט אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פון די רויבער, וועלכע איז באַשאַפן מיט דעם ציל, צו פאַרקנעכטיקן דאָס פאָלק. יעדער, ווער עס האָט נאָר באַוויזן צו ווערן אַ נייטיקער מענטש אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, באַקומט זיין טייל אין איינע פון די פאַרמעס. וועלכע ווערן נאָיוו פאַררעכנט פאַר אַ הייליקטום ביי דעם נאַרישן המון, וועלכער פאַרגעטערט סיי די אַרמיי, סיי די מיניסטאָרן, סיי דעם פאַרלאַמענט, סיי די וויסנשאַפט.

דער רעליגיעזער געפיל פון פאָלק שטעלט נאָך פאַר אַ היפשע קראַפט, און די קאָמאַנדירנדיקע גרופעס האָבן אים אויך אויסגענוצט. ווער עס האָט פאַר זיך ניט געפונען זיין אַנטשפּרעכנדיקן חלק אין דער אַרמיי, אין דער וויסנשאַפט און אין פאַרלאַמענט, בלייבט נאָך פאַר אים איבער די קירך. אַחוץ

דעם שוין דערמאָנטן מער, האָט זיך אין דאָרף קערנאַק אויפן ברעטאַנישן ברעג גוט געפילט מער ניט ווי דער גלח. דאס איז געווען אַן אומערמידלעכער מענטש, וועלכער האָט זיך אייפעריק באַצויגן צו דער רעליגיע, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ניכטערקייט און ריינקייט. ער האָט ניט נאָכגעטאָן זיינע חברים, די בעלנים אויף ווייַן און אויף די דאָרפישע יפהפיות. מיט דער הילף פונם מער האָט ער אויסגעזויגן די לעצטע זאַפטן פון דער אָרעמער קערנאַקער באַפעלקערונג דורך מעשרות און שווערע צינזן, און אָן שום אָנטייל פון דער מלוכה האָט ער אויסגעבויט אַ גרויסאַרטיקע קירך פון ווייסן שטיין, באַפוצט מיט אַן אַזשורנעם גלאָקנטורעם, מיט אַ גרויסן גאָלדענעם צלם. און אַ מאָדנעם איינדרוק האָט דער דאָזיקער היכל געמאַכט צווישן דער אַרומיקער אָרעמקייט. פונדעסטוועגן האָט דער גלח געפונען פאַר מעגלעך, אָנווייזנדיק אויף דאָס פאַרעלטערטע בילד פון דער הייליקער יונגפרוי, צו האַלטן אַזאַ מין רעדע: „איר אַליין לעבט אין לוקסוס און אין תענוג, און אייך, אומגליקלעכע רשעים, אַרט ניט, וואָס בשעת די קרייץ־פּראָצעסיעס און די יום־טובים פון דער פּאַראַפיע שפּאַצירט די הייליקע גאָטסמוטער אַרום אין שמוציקע שמאַטעס, מיט אַ היילן רוקן!.. ניין, ס׳מוז דערצו זיין אַ סוף... דער גאָטסגעווינערין האָט דערעסן אייער פאַרברעכערישער גלייכגילטיקייט, אייער שווערע זינד”. און דער פריידיקער האָט פון די אָרימע איינוואוינער געצויגן נייע פראַנקן, וואָס נאָר זיי אַליין האָבן געקענט אָפּווענדן דעם צאָרן פון דער הייליקער יונגפרוי און מציל זיין דער עדה פון שרעקלעכע צרות. אָנגעשראָקענע מיט די סטראַשונקעס און מסירות פון זייער גייסטיקן פאַסטוך, האָבן זיי געטראָגן די פאַרהאָרעוועטע גראָשנס, און דער גלח האָט צלמנדיק זיך געזאָגט: „In nomine patris et filii et spiritus sancti. Amen!”

די שילדערונג פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט צייכנט זיך ביי מירבאָ אויס מיט דער באַזונדערהייט, וואָס הינטער די שאַרף געצייכנטע, אָפט קאַריקאַטורישע פיגורן, ווייזן זיך בולט אַרויס די פעדים, וואָס פאַראייניקן די אָרגאַניזאַציע פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. די מענטשן, וואָס שטייען ביי דער מאַכט, די גייסטיקע אָנפירער פון דער געזעלשאַפט, די שריפטשטעלער און די גלחים; לסוף די געזעצגעבונג, די געריכטן און די צייטונגען — אַלע די דאָזיקע אָרגאַנען זיינען פאַרנומען מיט איין אַרבעט, זיי האַלטן כסדר אונטער דעם קרייז פון אידעען, גלויבענישן און פאָרשטעלונגען, וועלכע האָבן אַ באַשטימטע אויפגאַבע — מצדיק זיין די רויבעריי פון די ניט־פילע, דערהויבן זי צו דער מדרגה פון אַבסאָלוטן אמת. ס׳קלעקט אַדורכצוקריכן אין דעם

אומדורכדרינגלעכן קרייז פון די רויבער, ווי מען הייבט אָן צו פילן, אַז דאָ איז מען אַרומגערינגלט מיט אַ שווערן פּאַנציר פון טראַדיציעס און פּרינציפּן, וועלכע שטיצן דינסטפאַרטיק דעם מענטשן פון אַלע זייטן קעגן אַלע נסיונות. נאָר אינערהאַלב דעם דאָזיקן קרייז, וואוהין מען סטאַרעט זיך דורכצולאָזן וואָס ווייניקער פּרעטענדענטן אויף דער אַלגעמיינער רויב — מיינט מירבאָ — איז דערלויבט צו גנבענען, מאָרדן, אויסגעלאַסן זיין, נאָר אין דער דאָזיקער קאַסטע טראָגן די רוצחים דעם הייליקן נאָמען פון זעלנער און ריכטער, די גנבים — פון מיניסטאָרן און דעפּוטאַטן און אַז וו. אויסער דעם דאָזיקן קרייז רופן זיך מערדער — מערדער, רויבער — רויבער. אויסער דעם דאָזיקן קרייז ווערן פאַרברעכנס באַשטראָפט מיט טורמע און טויטשטראָפן, בשעת אין זיינע גרענעצן איז פאַר מערדער און רויבער גרייט אַכטונג און כבוד. די היינטיקע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע איז בעצם שוץ פאַר געשיקטע און קלוגע רויבער, וועלכע עס איז געלונגען אַריינצודרינגען אין די גרענעצן פון דעם פאַרכישופטן קרייז. דעמדאָזיקן הויפּטזין פון דער היינטיקער געזעלשאַפט דעקט מירבאָ אויף אין אַ אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, וואָס דערמאָנט אַ משל. דער פאָטער פון העלד אין „גאָרטן פון פּייניקונגען" האָט געהאַנדלט מיט תבואה. דאָס איז געווען אַ ניט קיין געשליפטער, גראָבער מענטש, אָבער אַ געשיקטער געשעפטמאַכער. זיין געשיקטקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געוואוסט, ווי צו לאָזן זיך באַצאָלן צוויי פראַנק פאַר דאָס, וואָס איז ווערט געווען צוויי סו; אין דעם, וואָס ער האָט געקענט לאָזן זיך צוויי מאָל באַצאָלן פאַר די זעלביקע סחורה אָן צו־גרויסע סקאַנדאַלן; אין דעם, וואָס ער פלעגט, איידערן פאַרקויפן, אָנווייקן די האָבער אין וואַסער און צו די אָנגעשוואָלענע קערנער צוגעבן דינעם זאַמד, וואָרום די דאָזיקע אָפּעראַציע האָט פאַרטאָפּלט די וואָג פונם האָבער, און אַז. וו. ער איז געווען אַ שטרענגער רעפּובליקאַנער, אַ הייסער פּאַטריאָט און אַ שונא פון רמאות. ביי זיך אין דעם קרייז פון די היימישע מענטשן האָט ער זיינע שטיק גערופן „באַתרחען" לייטן און ער איז אָפּנים געווען איבערצייגט, אַז זיי זיינען ניט־סותר זיין באַליבטער אידעע וועגן דעם, אַז אין אַ דעמאָקראַטישער מלוכה זיינען ערלעכקייט און גוטע מידות פּונקט אַזוי אָבליגאַטאָריש, ווי אָנפאַנגסבילדונג, שטייערן און מיליטערפליכט. און איינמאָל, ווען ער האָט געכאַפּט אין גנבה זיין קוטשער, האָט ער אים איבערגעגעבן אין די הענט פון געריכט. ביים משפט האָט זיך דער אַרעסטירטער סומך געווען דערויף, אַז ביי זיין באַלעבאָס אין הויז האָט ער כסדר נאָר געהערט שמועסן וועגן דעם, ווי עמעצן צו „באַתרחען". דער קוטשער האָט

דערציילט וועגן דעם, ווי זיין באַלעבאָס האָט זיך באַרימט, ווען אים איז גע=
יונגען צו באַשווינדלען אַ קונה. און דער קוטשער האָט נאָכגעטאָן דעם באַ=
לעבאָס, איבערגענומען זיין פילאָסאָפיע און האָט „באַתרחעט" זיין באַלעבאָס.
די ריכטער זיינען געוואָרן אויפגעבראַכט פון אַזאַ ציניזם, און האָבן אים פאַר=
משפט צו אַ שווערער שטראָף ניט אַזוי פאַר דער גנבה, ווי פאַר דער רכילות
אויף אַן אַלטער האַנדלס=פירמע, וועלכע האָט עקסיסטירט אַ גאַנצן יאָרהונדערט
און איז געווען דער שטאָלץ פון די בירגער. און אַז דער הענדלער האָט אין
טאָג פון משפט אײַנגעלאַדן אויף אָוונטברויט זיינע פריינט, וועלכע זיינען גע=
ווען דורכגעדרונגען מיט דעמזעלביקן, צאַלץ פאַרהייליקנדיקן פרינציפּ פון „באַ=
תרחען", מיט דעם פרינציפּ, וואָס איז די נשמה פון האַנדל,—האָט דעם הענד=
לערס זון פון אַלע רעדעס געדענקט נאָר דעם כלל, וואָס איז דער מוסר=השכל,
וועלכע שטאַמט פון דער דאָזיקער געשעעניש און גלייך ווי דער סינטעז פון
זיין ערציִונג: „צונעמען עפּעס ביי עמעצן און לאָזן ביי זיך—דאָס איז גנבה...
צונעמען עפּעס ביי עמעצן און איבערגעבן אַן אַנדערן אַלס טויש פאַר אַ וואָס
מער גרויסע סומע געלט—דאָס איז האַנדל. גנבה איז באַזונדער נאַריש, וואָס
זי באַנוגנט זיך מיט פאַרדינסט, דערצו נאָך מיט ריזיקאַלישער, נאָר איין מאָל,
בשעת האַנדל באַקומט צוויי מאָל פאַרדינסט אָן שום ריזיקע. דאָס קינד האָט
געכאַפּט דעם נערוו פון היינטיקן לעבן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ניט גנבה
אַליין פאַר זיך איז פאַרברעכעריש, נאָר גנבה אויסער די פּריווילעגירטע
פאָרמען, וואָס זיינען געהייליקט דורכן געזעץ, אויסער יענעם פאַרכישופטן
קרייז, וואו זי טראָגט דעם געאַכפּערטן נאָמען פון האַנדל. פון צעניאָריקן על=
טער אָן איז זיין באַגריף וועגן לעבן געווען דער באַגריף וועגן גנבה; ער
איז גאַנץ אומשולדיק געווען איבערצייגט, אַז „באַתרחען" לייטן איז דער
איינציקער יסוד פון אַלע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען".

אָבער עס קען זיין, אַז ערגעץ האָט מירבאָ ניט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל
אויפדעקונגס=היץ, ווי אינם שילדערן די היינטיקע בורזשואַזע משפּחה. די
ספערע פון די געשלעכטלעכע באַציִונגען איז צעטיילט אויף די זעלביקע צוויי
קרייזן, אויף וועלכע די צביעות האָט צעטיילט אַלע עלעמענטן, וועלכע בילדן
די געזעלשאַפט. און אין דער דאָזיקער ספערע מחוץ די גרעניצן פון דעם
פאַרכישופטן קרייז, אין וועלכן עס געלינגט אַריינצודרינגען נאָר ניט פילע
גליקלעכע, רופט מען די אויסגעלאַסנקייט אָן מיט איר אמתן נאָמען און ווערט
אָן רחמנות פאַרמשפט מצד דער געזעלשאַפט. אָבער אין די גרענעצן פון דעם
דאָזיקן קרייז טראָגט זי דעם הייליקן נאָמען משפחה.

געגליכן דערצו, ווי דער נאָמען באַנקיר און הענדלער איז, לויט מיר־באַס מיינונג, די דערלויבטע פאָרמע פון גנבה, אָדער דער נאָמען זעלנער און ריכטער די דערלויבטע פאָרמע פון רציחה און פייניקונג, אַזוי איז אויך די משפחה די איינציקע פאָרמע, וואָס אין איר דערלויבט די געזעלשאַפט אָנצו־קליידן די אויסגעלאַסנקייט. ווי אין אַלע אַנדערע ספערעס, האָבן די מער גע־שיקטע אויך אויף דעם דאָזיקן געביט באַוויזן אַריינצונעמען אין חשבון די מאָראַלישע פאָרשטעלונגען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט און אויסצוניצן זי, כדי אַרויסצובאַקומען יעדע מעגלעכע טובת הנאה צו באַפרידיקן די נידעריקע תאוות. און מירבאָ אַנטפּלעקט אָן רחמנות אַלע סודות פון יענע שאַנדהייזער, וואָס טראָגן דעם נאָמען משפחה. „דאָס טאָגבוך פון אַ שטובמיידל” — דאָס איז אַ בילד פון אַנטבלויזטן לעבן. אין די דאָזיקע משפחה־הייזער איז אַלץ, אָנהייבנ־דיק פון די פאָרנעמע מאַדאַמען און ענדיקנדיק מיט דינסטן, — אַלץ קאָפּירט פון די שאַנד־הייזער. די באַלעבאָסטעס, די אַזויגערופענע דאַמען פון דער געזעלשאַפט, מאַכן ביז די קלענסטע פּרטים נאָך די אַזוי גערופענע פאַרקויפטע פרויען. אין דער אינטימער סביבה ווייזן זיך אַרויס פאַר לחלוטין אומאָנשטענ־דיק יענע, וועלכע שמען אין דער וועלט פאַר מער אומצוטריטלעכע און קאַלטע. „וויפיל מאַסקעס פאַלן אַראָפּ אין די בודואַרן! וויפיל פלעקן און קנייטשן באַווייזן זיך אויף די כאַמע שטאָלצע געזיכטער”!... סעלעסטינע האָט מיט פאַרגעניגן אַריינגעטראָגן אין איר טאָגבוך די מיאוסע סודות, חטאים, מחלות און אינטימע ליידן פון אירע באַלעבאָסטעס. זי פלעגט זיך מיט בייז־פרייד דערמאָנען וועגן די דאָזיקע פיינע דאַמען, וועלכע האָבן אין זייערע בודואַרן זיך פאַרוואַנדלט אין קלאָגעדיקע חורבות, פאַרבלייבנדיק „אָן באַנ־דאַזשן, קאָרסעטן, שנורן און אַ גאַנצן באַרג געהיימע פאַסקודסטווע און קאָמפּליצירטע מיטלען”. זי האָט הנאה געהאַט, ווען אייניקע פון אירע פילע באַ־לעבאָסטעס האָט אויסגעצויגן די ברוסט קעגן שפּיגל, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, מיט אַ שאַרפער באַוועגונג אויפגעהויבן אים אין דער הויך און געפרעגט ביי סעלעסטינען: „אמת, דער קערפּער איז נאָך ביי מיר שטאַרק?” און די שטוב־מיידל האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון געלעכטער קוקנדיק אויף דער דאָזיקער חורבה נעבעך. „צוליב עפּעס אַ פאַטאַלער פאַרבלענדעניש, וואָס איז איינג־שאַפטלעך דעם גרעסטן טייל פון פרויען ווען זיי עלטערן זיך, האָט זי אַליין ניט באַמערקט איר אָן־רחמנותדיקן וועלקן. זי האָט פאַרצענפאַכט אַלע מעגלעכע באַמיִונגען, די דינסטע קאָקעטעריע, כדי נאָך אַמאָל אַרויסצורופן ליבע. און די ליבע איז געלאָפן אויפן לעצטן רוף. אָבער וואָס פאַר אַ ליבע!...” זי פלעגט

קומען אַהיים מיט אַ מידן פּנים און מיט רעדער אונטער די אויגן, מיט צעוויַיעטע האָר, מיט צעשמירטער פון דער היץ פון קושן זיך פּודער, „וועלכע האָט אָן רחמנות אַנטפּלעקט אַלע פאַלדן און קנייטשן אויף איר געזיכט“. און אַז די באַלעבאָסטע פלעגט זיך לאַנג ניט צוריקקערן אַהיים, האָט סעלעסטינע מורא געהאַט, אַז מען האָט זי ערמאָרדעט ערגעץ אין אַ מיאוסן אָרט. זי פלעגט צאָלן חשודע נפשות, וועלכע פלעגן קומען אַרויספּרעסן ביי איר געלט, כדי אויסצומיידן אַ סקאַנדאַל און צו באַצאָלן פאַר דער ליבע, וועלכע זי האָט געקויפט אין די מיאוסע ערטער. און זי איז געווען „אַ דאַמע פון דער געזעלשאַפט“. איר אויסגעלאַסנקייט האָט איר ניט געשטערט צו געניסן די אַכטונג, וויַיל איר פאַמיליענלאַגע האָט פאַרדעקט אויף אַלץ. און מירבאָ האָט בולט אויסגעצייכנט די ראָלע פון דער היינטיקער בורזשואַזער משפּחה, וועלכע שטעלט פאַר אַ מין דערלויבטע מצד דער געזעלשאַפט פאָרם פון זנות.

די משפּחה גיט דער אויסגעלאַסער פרוי דאָס רעכט צו קוקן מיט פאַראַכטונג אויף דער פאַרקויפטער פרוי אויסער דער משפּחה, ווי דער נאָמען באַנקיר גיט דעם רויבער דאָס רעכט צו קוקן מיט פאַראַכטונג אויף דעם פּראָפעסיאָנעלן גנב. סעלעסטינען פלעגן זיין לעכערלעך די דאָזיקע פּנימער, פון וועלכע ניט די פּודער, ניט די טואַלעטנוועסערלעך, ניט די איינרייבונגען האָבן ניט געקאָנט אָפּווישן די שפּורן פון די נאַכטוואונדן. איר פלעגן זיין לעכערלעך „אויף מאָרגן“ די דאָזיקע „אָנשטענדיקע לייט“ מיט זייערע שיינע מידות, מיטן איידעלן אויסזען, מיט דער פאַראַכטונג צו די „זינדיקע“, מיט מוסר ווענן אויפפירונג און מאָראַל, מיט דער פאָדערונג, אַז די שטוב-מיידל זאָל זיך ניט פאַרקוקן אויף מאַנסביל, זאָל זיך ניט שעפּטשען מיט די לאַקייען. סעלעסטינעס טאָג-בוך — דאָס איז אַ באַשולדיקונגס-אַקט קעגן דער משפּחה. סעלעסטינע איז ווי אַ בייזער דעמאָן אומעטום אויף יעדן טריט און דעקט אָן רחמנות אויף דעם ליגן, וואָס ליגט אין איר יסוד. די שורה פרויענגעשטאַלטן, וועלכע זיינען פאַראייביקט אין איר טאָג-בוך, זאָל דינען פאַר אַ לעבעדיקן באַוויַיז, אַז די היינטיקע דאַמע און פּראָפעסיאָנעלע פּראָסטיטוטקע שיידן זיך מיט גאָרנישט אונטער איינע פון דער אַנדערער. לויט מירבאָס מיינונג, האָבן זיי איינע און די זעלביקע מיטלען צוצוציען דעם מאַנסביל: פאַלשע שיינקייט, וועלכע ווערט אונטערגעהאַלטן דורך דער קאָסמעטיק. זיי זיינען גלייך פאַרקויפבאַר, וואָרעם חופּה — דאָס איז אויך אַ קאָמערציעלער געשעפט. זיי זיינען גלייך אויסגעלאַסן, וואָרום זיי גיבן זיך איבער אָן ליבע, האָבן אויסגעשטודירט אַלערליי מעטאָדן פון לאַשצען און פון ליבע, גיבן זיך איבער קעגנאַטירלעכע זינד.

דער אונטערשייד צווישן זיי באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס די משפּחה־דאַמע פאַרקויפט זיך און איז מזנה צינישער און מיאוסער, וואָס איר זנות איז פאַראייניקט מיט פאַלשקייט און צביעות, וואָס זי איז באַשיצט דורך דעם געזעץ און דורך דער אַכטונג מצד דער געזעלשאַפט, וואָס זי נעמט ביי זיך אויף ביסקופן און פויפסטלעכע געזאַנדטע, וואָס וועגן איר שרייבט מען אין די קלעריקאַלע צייטונגען, „רימענדיק אירע גוטע מידות, פיינקייט, צדקה, שיינע מיטאָגן און די איבערגעגעבנקייט צו די עכט־קאַטוילישע טראַדיציעס פון פראַנקרייך".

אַזעלכע זיינען די פרויען אין די מוטערס אין דער היינטיקער משפּחה. ס'איז ניט שווער צו טרעפן, אַוועלכער דאַרף זיין דער יונגער דור. אין קסאַוויעס משפּחה ווייס דער זון, אַז זיין פאָטער, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין צדקות, האָט באַציִונגען מיט די שטובמיידלעך. און די מוטער, כדי אָפּצוּווענדן דעם זון פון די צו טייערע אַוואַנטורעס מיט קאָקאָטקעס, נעמט פאַר אַ שטובמיידל די שיינע סעלעסטינען מיט דער האָפענונג, אַז זי וועט מיט אירע לאַסקעס פאַרהאַלטן דעם יונגנמאַן אין שטוב. זי פאַרהאַלט סעלעסטינען, זי שפּירט נאָך אומפאַרשעמט נאָך אירע באַציִונגען מיטן זון. זי איז צו איר פריינדלעך, ווען דער איבערגעזעטיקטער זון באַשענקט דער שטובמיידל מיט לאַסקע אויף אַ רגע. און זי מאַכט איר עקלהאַפטע סקאַנדאַלן, ווען סעלעסטינען געלינגט ניט צו פאַרהאַלטן דעם אויסגעלאַסענעם יונגמאַן אינדערהיים. לסוף ווענדט זי זיך אויס פאַרצווייפלונג צו דעם זון מיט שטראָפרייד, דערמאָנענדיק אים וועגן חוב, רעליגיע, געזעלשאַפט. און דער יונגער קסאַוויע ענטפערט איר: „ליבע מאַמינקע, באַשלאָסן... איך וועל מיך פאַרריכטן פון דעם טאָג אָן, וואָס דו וועסט זיך אָפּזאָגן צו האָבן געליבטע". די משפּחה — דאָס איז לויט דער אויסערלעכקייט אַ פיינער בית־זונות. אַפילו די פאַרזאַמלונגען, די מיטאָגן, די אָוונטס, וועלכע דער היינטיקער בורזשוא אָרדנט איין, איז אין תוך געוּנומען נאָר אַ מיטל צו וועקן די געפילן פון תאווה. אויף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען זיינען יענע די אמתע העלדן, די ליבלינגס פון דער געזעלשאַפט, ווער עס קען קונציקער וועקן די תאווה אין די איבערגעזעטיקטע הערצער, אַזאַ העלד איז אויפן מיטאָג קעמבערליי. ער פירט אַראָפּ פרויען פון זינען, אַדאַנק דעם וואָס ער קען אויסערגעוויינלעך עפעקטיש דערציילן ניבול־פה און אומגעוויינלעכע שפּרונגען, אַרויסרופן אַ ציטער פון לייבגעלוסטונג אין זיינע צוהערערינס. מיט איין וואָרט די משפּחה־הויז — דאָס איז אַ געוויינלעכער בית־זונות, דאָס איז זנות מיט אַלע עלעמענטן, פון וועלכע ער באַשטייט, מיט אָנגע=

פאַרבטע פרויען, וועלכע פאַרקויפן זיך און וועלכע קויפן ליבע פאַר געלט, מיט רייצנדיקע מיטלען, מיט געשלעכטלעכע אומנאַטירלעכקייטן. „וויפיל פערפום מען זאָל דערויף ניט גיסן, — זאָגט סעלעסטין, — אַלץ בלייבט אַ ריח אַ שלעכטער... זאָלן זיי זיך זיין רייך, זאָלן זיי האָבן זיידענע און סאַמעטענע זאַכן, באַגולטע מעבל; זאָלן זיי זיך וואַשן אין זילבערנע וואַנעס און זאָלן זיי זיך פּוצן... איך קען זיי! אינעווייניק—איז שמוץ". זי האָט זיך איבערצייגט, אַז די „העכערע געזעלשאַפט" עקסיסטירט צוליב נידעריקן זנות און מיאוסקייט, אַז ליבע פון העכערער קאַטעגאָריע, אויפריכטיקע צאַרטקייט, זעלבסטאָפּפערונג, מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס הייליקט און דערהויבט דעם געפיל פון ליבע, איז דאָ די גרעסטע זעלטנהייט. די דאָזיקע מענטשן האָבן גאָר די וועלט פאַרטיילט אויף צוויי טיילן: אין איינעם איז אַלץ, וואָס איז אָנשטענדיק, און אין צווייטן— אַלץ, וואָס איז אומאָנשטענדיק; דאָ זיינען מענטשן, וועלכע מען קאָן אַריינלאָזן אין שטוב, און דאָרט—וועלכע מען טאָר ניט אויפנעמען ביי זיך.

די משפחה, פונקט ווי די רעגירונג און דער פּאַרלאַמענט, פונקט ווי די קירך און די וויסנשאַפט, די פּרעסע און דער געריכט, ערשיינט אין מירבאָס שילדערונגען אַלס עלעמענט פון דער גראַנדיעזער שווינדלערישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ערלויבט אַ הייפל געשיקטע רויבער הנאה צו האָבן פון דעם גוטס פונם לעבן אויף דעם חשבון פון די מאַסן, וועלכע האָבן ניט געקענט אַריינפאַלן אין איינעם פון די דאָזיקע אָפּגעשלאָסענע קרייזן.

אָבער מען קאָן מירבאָ אָפּפרעגן. אין דער הייניטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע איז ניט אַלץ געבויט אויף ליגן און שווינדל. די פּאָליציי, די געריכטן, די פּרעסע און די רעגירונג זיינען פאַרנומען ניט נאָר מיט באַשיצן די אינטערעסן פון די, וועמען עס איז געלונגען צוצורוקן זיך צו דער געזעלשאַפטלעכער שיסל. זיי האָבן באַזייטיקט און אַנטדעקט ניט איין פאַרברעכן, זיי שיצן די געזעלשאַפט אינגאַנצן גענומען, זיי גיבן דעם פרידלעכן איינוואוינער די מעגלעכקייט צו לעבן אָן מורא פאַר רויבעריי, גוואַלט און אויסגעלאַסנקייט. זיי היטן אָפּ די פרוי פון פאַרפירער, דעם באַלעבאָס פון רויבער, דעם בירגער פון מערדער. מירבאָ האָט פאַראויסגעזען די דאָזיקע פירכא. זיינע ראָמאַנען האָבן אַ היבשע ביסל עפּיזאָדן, וואָס זייער ציל איז צו דערווייזן, אַז די גוטע ווירקונג פון דער מאַכט און די אַנשטאַלטן איז נאָר אַן אָפּדאַכטעניש, אין דער אמתן איז אָט דער שוץ פון דער פּערזענלעכקייט נאָר אַ אילוזיע, און דערביי אַ שעדלעכע אילוזיע, וואָס פאַרהוילט פון אויג דעם ווירקלעכן מהות פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. אויב די פּאָליציי

און די געריכטן דעקן אויף און באַשטראָפן פאַרברעכנס, איז עס יושרדיק נאָר בנוגע צו ניט־קאָמפּליצירטע פאַרברעכנס, און צו מערדער, צו פּרימיטיווע, בײַ וועלכע עס פעלט ערפינדערישקייט און גענאַלע שעפערישע באַגאַבטקייט. די האַנט פון משפט קאָן דערגרייכן נאָר דעם געוויינטלעכן פאַרפירער און פאַרגוואַלדיקער, וואָס באַפרידיקט ברוטאַל און ווילד זײַן תאווה, נאָר זי לאָזט זיך אַראָפּ פאַר דעם קונציקן און ראַפינירטן פאַרפירער, וועלכער פטרט די יונגע מיידל אין די פאַרפלאָנטערטע נעצן פון אַ געניאַל צונויפגעפלאָכטענער שפּינגעוועב, וואָס הרגעט זי אַוועק לאַנגזאַם, לעבט דערבײַ איבער תאוותדיקע שפּירונגען פון סאַדיזם פיל שאַרפער, איידער אַ געוויינלעכער פאַרפירער, און בלייבט ניט נאָר אומבאַשטראָפט, נאָר ער גענייסט נאָך פון אַלגעמיינער אַכטונג. און גראָד מיט אָט די ראַפינירטע סאַדיסטן שווימט און גריבלט אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. דער געריכט און די פּאָליציי דעקן אויף ניט זעלטן און באַשטראָפן אַ פּראָסטן גנב, נאָר עס לאַכט פון זיי דער קונציקער רויבער, דער אָרגאַניזאַטאָר פון שווינדלערישע אונטערנעמונגען, דער גענאַלער פּראָזשעקטאָר, דער ערפינדער פון אַקציאָנערע אונטערנעמונגען. דער געריכט און די פּאָליציי באַשטראָפן מיט טויט דעם פּשוטן מערדער און רויבער, אָבער ניט יענעם, ווער עס גייט כיטרע און קלוג איבער טויזנטער טויטע קערפּערס, איבער שטראָמען טרערן און בלוט פון מענטשן, וועלכע ער האָט רויִנירט, צו זײַן וווילשטאַנד און עשירות. די געזעלשאַפט באַשטייט דורכאויס פון פאַרברעכער, און די פּאָליציי מיט דעם געריכט באַשטראָפן נאָר אַ נישטיקן טייל פון זיי, און דערבײַ די סאַמע שוואַכע און אפשר די אַמווייניקסטן שעדלעכע.

מירבאָ האָט ניט געהאַט קיין קאָנקורענטן אין שילדערן די קאָנפליקטן צווישן געזעץ און לעבן. די קנאַפּ באַדייטנדיקע באַקוועמלעכקייטן, וואָס די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע גיט די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, ווערן בטל אין דעם גרונטלאָזן ים פון באַדריקונגען און שטותן, אין וועלכע זי האָט געלאָזט פאַרזינקען דעם מענטשן. אין דעם טאָגבוך פון אַ נעוראַסטעניקער זייִנען די דאָזיקע קאָנפליקטן אויסגעגאָסן אין דער פאָרם פון פּאַראַדאָקסאַלע לעבענספאַקטן, אַמאָל קאַריקאַטורישע און וואָס לאָזן זיך ניט שיקן. אָבער וואָס פאַנטאַסטישער זיי זייִנען, אַלץ בולטער האָט זיך אין זיי אויסגעגאָסן מירבאָס אידעע וועגן דער שוואַכקייט און דער שעדלעכקייט פון דער מאַכט, פון די געריכטן און דער פּאָליציי. הינטער די דאָזיקע פעסטונגען פון געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג באַהאַלט זיך דאָס שפּאָטנדיקע און בייזפריידיקע געזיכט פון מעפיסטאָ, וועלכער לאַכט אויס די ערלעכע בירגער, וואָס אויף זיי פאַלן

די קלעפּ, וועלכע זיינען געווענדט קעגן די פאַברעכער. לאַגאָפּען, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, פון ניט הויכן וואוקס, אַ גלאַט געגאָלטער, זייער אַ שטאַל־טנער, זייער אַ העפלעכער, האָט אָפּגעדונגען אַן אָפּיצינע ביים דעם אוטאָר פון דער דערציילונג. גאָר נישט הערנדיק אַ גאַנצע וואָך וועגן זיין לאָקאַטאָר, איז דער באַלעבאָס פון דער וואוינונג אַריין אין דער אָפּיצינע און איז גע־בליבן אַ טויטער פון אימה. אויף קישנס איז געלעגן אַ נאַקעטער קערפּער, אַ פאַרגליווערטער קערפּער פון אַ מיידעלע, אַן ערך פון אַ יאָר צוועלף, מיט שרעקלעך צעמורשטע און צעבויגענע איברים, ווי נאָך גרויסע פּייניקונגען. איר אָרימע קליידונג, שמוציקע אָפּגעטראָגענע קליידלעך, זיינען געווען זייער אויפמערקזאַם צונויפגעלייגט אויף אַ פאָטעל און אויפן מירמלנעם טואַלעט־טיש זיינען אויף אַ טעלער געלעגן שיריים פון אַ טאָרט, צוויי גרינע עפּל, וואָס איינער פון זיי איז געווען אַרומגעביסן, פונקט ווי מ׳יז וואָלטן אים געגעסן, און אַ פוסטע פלאַש פון שאַמפּאַניער. לאַגאָפּען איז נעלם געוואָרן אָן אַ שפור. דערזעענדיק דאָס, איז דער ווירט פון הויז גרייט געווען צו טאָן דאָס, צו וואָס דער ערשטער געפיל האָט אים געטריבן, צו רופן די פּאָליציי. אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז דער דאָזיקער טריט וואָלט קיין נוצן ניט געבראַכט. „אָנזאָגן דער פּאָליציי, דעם געריכט? אָבער וואָס אַזוינס וואָלט איך געקאָנט זאָגן די שופטים? פאַרמסרן לאַגאָפּענען. נאָר דער־דערדאָזיקער מענטש האָט מיר געוויס ניט געגעבן זיין אמתן נאָמען״. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ קנאַפּ — די שופטים קאָנען דעם וואָס מסרט ניט גלויבן און אָננעמען זיין מסירה, ווי אַ פּרוּוו צו באַהאַלטן דעם אייגענעם פאַרברעכן. זיי וואָלטן ניט געגלויבט, אַז ער האָט ניט געהערט וועגן דעם מאָרד, וואָס איז פאַרגעקומען צוויי טריט ווייט פון אים. זיי וואָלטן גענומען גריבלען זיך אין זיין גאַנצן לעבן, אָפּגראָבן זיינע אינטימע אַוואַנטורעס, זיי וואָלטן איינגעלאַדן די דינערשאַפט, וועלכע ער האָט אַרויסגעטריבן, דעם אַנטזאָגטן גערטענער, דעם אומצופרידענעם בעקער, וועלכן ער האָט געכאַפּט ביי אַ פאַלשער וואָג, לסוף וועט מען זיך נעמען צו די פרויען, מיט וועלכע ער האָט געהאַט עסקים, מען וועט אָפּגראָבן אַלדאָס שמוציקס, וואָס איז געווען אין זיין לעבן, און סוף־כל סוף וועט ער זיך פאַרפּלאָנטערן, וועט אַראָפּ פון וועג, זיין שווייגן, די פאַרפּלאָנטערטע ענטפערן, די מורא פאַר אַ סקאַנדאַל, וועלן אָנגענומען ווערן, ווי ער וואָלט זיך מודה געווען. „ניין, מען דאַרף ניט קיין ריכטער, קיין זשאַנדאַרמען, קיין פּאָליציי!... נאָר אַ ביסל ערד פאַר דעם דאָזיקן קליינעם קערפּער נעבעך, אַ ביסל גראָז איבער דער דאָזיקער ערד און שווייגן, שווייגן,

שווייגן..." אין צוויי חדשים אַרום האָט דער ווירט פון דעם הויז ווידעראַמאָל באַגעגנט לאַגאָפּעגען אין פּאַרק מאָנסאָ. ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך אַ קליין מיידעלע וואָס האָט פאַרקויפט בלומען. דערביי איז רויק געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט. און דער ווירט פון דער הויז האָט זיך געאײַלט וואָס גיכער אָוועקצוגיין. „אָרדנט זיך איין, ווי איר ווילט, האָב איך מיר געזאָגט, ניט מיין עסק. און איך בין גיכער אַנטלאָפן פון דעם פּאָליציאַנט, פון לאַגאָפּעגען און פון דער בלומענפאַרקויפערין, וועלכע עמעצער אַנדערש וועט אפשר פאַרגראָבן אונטער אַ בוים אין פּאַרק". די אידעע פון דער דאָזיקער דערציילונג איז קלאָר: דער ראַפינירטער פאַרברעכער איז ניט דערגרייכבאַר פאַרן משפט. ווי אַ פאַרקערפּערטע שפּאָט, ווי אַ לעבעדיקער פאָרוואורף קעגן דעם משפט און דער פּאָליציי, גייט ער זיך אַרום פריי פאַר דעם פּאָליציאַנט אין די אויגן, אָנוואַרפנדיק אַן אימה אויף די איינוואוינער, ברענגענדיק יענע, וואָס די געזעצן רעכענען זיי פאַר ערלעכע בירגער, זיי זאָלן אַנטלויפן פון זייער וועג. דער אמתער פאַרברעכער ווייס, ווי אויסצוניצן די אומפּולקומענהייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, און אָרדנט אויפן בעסטן אופן איין זיינע עסקים אין די ווידערשפּרוכן צווישן געזעץ און לעבן. ער טוט אָפּ זיינע פאַרברעכנס אָפן, אָננעמענדיק די סאַמע פּרימיטיווע מיטלען פון פאַרזיכערונג.

די שוואַכקייט פון דער היינטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע אויסצופירן דאָס, צו וואָס זי איז באַשטימט, ווייזט זיך אַרויס ניט נאָר אין דעם, וואָס זי איז ניט אימשטאַנד צו פאַראַליזירן דאָס פאַרברעכן. די דאָזיקע מאַכטלאָזיקייט אַנטפּלעקט זיך בולט אין די באַדריקונגען, מיט וועלכע זי פאַראַליזירט די ערלעכע לייט. ביים „פּעטער ריוואָלי" איז פאַרעלטערט געוואָרן די וואַנט, וועלכע באַשיצט זיין ערד און ציט זיך לענגס דעם שאָסיי וועג. ריוואָלי האָט באַשלאָסן זי צו פאַרריכטן. אָבער דער משגיח אויפן שאָסיי, וועלכער האָט אים געפונען ביי דער אַרבעט און האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט ניט קיין ערלויבעניש, האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל און אים באַשטראָפט אויף הונדערט פופציק פראַנק. ווען דער אָרעמער ריוואָלי האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט גאָר אָפּצוזאָגן זיך פון דער פאַרפלוכטער וואַנט, וועלכע איז ניט ווערט קיין הונדערט פופציק פראַנק, האָט אים דער משגיח אָנגעזאָגט, אַז ער איז מחויב זי צו פאַרריכטן, מחמת זי שטייט ביים וועג, און אויב זי וועט איינפאַלן, וועט ריוואָלי דאַרפן צאָלן 300 פראַנק שטראָף. דער אומגליקלעכער ריוואָלי קומט אַהיים אַ פאַרצווייפלטער. ער ווייס, אַז די אַדמיניסטראַציע האָט פיינט צו שפּאַסן מיט אָרעמעלייט. אויב ער וועט פאַרריכטן די וואַנט, וועט ער צאָלן

הונדערט פופציק פראַנק, אויב ניט—וועט ער צאָלן 300. מען הייסט אים פאַר־ריכטן און אין דער זעלביקער צייט פאַרבאָט מען עס. אין ביידע פאַלן מוז ער צאָלן. לסוף דערלאַנגט ער אַ ביטע צום פּרעפעקט, אָבער קיין ענטפער באַקומט ער ניט. „די פּרעפעקטן ענטפערן קיינמאָל ניט. זיי פאַרפאַסן לידער, זיי טרייבן פלירט מיט די ווייבער פון די שטייערזאַמלער, אָדער פאַרברענגען די צייט אין פאַריז"... לסוף האָט אַ שטאַרקער ווינט איינגעוואָרפן די וואַנט. „איך האָב אייך געזאָגט"—וואַרפט אים פאָר דער משגיח. דער פעטער ריוואָלי איז ניט בכוח אויפצוקלייבן די 450 פראַנק, וועלכע מען מאָנט ביים אים פאַר וועלן און ניט וועלן צו פאַרריכטן די וואַנט. מען מאַכט אַ ליציטאַציע אויף זיין האָב און גוטס. און ווען דער בריווטרעגער ברענגט ענדלעך די ערלויבעניש פון פּרעפעקט, געפינט ער דעם פעטער ריוואָלי אָן אויפגעהאַנגענעם אין זיין אייגענעם גאָרטן.

נאָך כאַראַקטעריסטישער איז די געשיכטע מיט דעם בראָדיאַגע זשאַן דער אַרומגעריסענער, וועלכער האָט געפונען אַ טייסטער מיט צען טויזנט פראַנק און ברענגט זיי צום פּאָליציי־קאָמיסאַר. „איר זייט אַ העלד, איר פאַרדינט די מאָנטיאָנער פּרעמיע פאַר גוטע מידות!" — שרייט אויס דער קאָמיסאַר, וועלכער באַוואונדערט דעם בראָדיאַגעס ערלעכן טאַט. אָבער דערוויסנדיק זיך, אַז זשאַן איז אַ בעטלער און האָט ניט קיין וואוינאָרט, מוז דער קאָמיסאַר זשאַנען אַרעסטירן. ער הערט ניט דעם בראָדיאַגע, וועלכער פאַרענטפערט זיך, אַז ער איז אָרעם, אַרבעטסלאָז, האָט אַ שֶבר, וועלכע ערלויבט אים ניט צו פאַרנעמען זיך מיט קיין שווערער אַרבעט. „דאָס איז אַלץ אמת,— ענטפערט דער קאָמיסאַר,—אַ שבר האָט איר טאַקע, אָבער קיין וואוינאָרט האָט איר ניט. איר זייט אַ בראָדיאַגע... און מען מוז אייך גאָר פשוט צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר היימלאָזיקייט. אַ העלד... דאָס איז ריכטיק... איר זייט טאַקע אַ העלד... אָבער איר זייט אין דער זעלביקער צייט אויך אַ בראָדיאַגע... פאַר העלדן האָבן מיר ניט קיין באַזונדערע געזעצן... און קעגן בראָדיאַגעס האָבן מיר יאָ... און איך מוז אָנווענדן דעם געזעץ... איך בין אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, דאָס איז מיר זייער אומאָנגענעם, וואָרעם איר האָט זייער גוט געטאָן. אָבער וואָס זאָל איך טאָן? געזעץ בלייבט געזעץ און מוז האָבן זיין קראַפט"...

די געזעצן, געריכטן און די פּאָליציי ווירקן און האָבן קראַפט נאָר אין קאַמף מיט די שוואַכע אומשעדלעכע מענטשן, אָבער זיי זיינען ניט געפערלעך פאַר דעם אמתן פאַרברעכן. „דאָס באַגיין אַ מאָרד, — זאָגט דער אַקאַדעמיקער

אין „גאָרטן פון פייניקונגען", איז געפערלעך נאָר פאַר מערדער, וועלכע באַזיצן ניט קיין געפיל פאַר פיינקייט און קיין שכל, פאַר חיות, וועלכע ווירקן אונטער דעם איינפלוס פון טירישן אימפולס, ביי וועלכע עס פעלט יעדער קאָמפליצירטער פסיכיק... דער קלוגער און דער מיושבדיקער מענטש קאָן אומבאַשטראָפט אָפּטאָן אַלערליי רציחות, וועלכע ער פאַרלאַנגט נאָר. די אומבאַשטראָפטקייט איז געזיכערט. די פיינקייט פון זיינע פלענער וועט שטענדיק האָבן די אויבערהאַנט איבער דער רוטינע פון די פּאָליציייִשע פאָרשונגען און — מיר מוזן דערמיט מסכים זיין — איבער דער אָרעמקייט פון געריכטספאָרשונג, וואָס די געריכטס־פאָרשער רימען אַזוי... און דאָ, ווי אומעטום, צאָלן די שוואַכע פאַר די שטאַרקע. די צאָל פאַרברעכנס, וועלכע זיינען פאַרבליבן ניט אויפגעדעקט און וועלכע מען דולדעט, שטייגט טויזנט מאָל איבער די צאָל פאַרברעכנס, וועלכע זיינען אַנטפּלעקט און באַשטראָפט, וועגן וועלכע די פרעסע פלוידערט מיט אַזעלכע משונהדיקע לאַנגע דיבורים און אָן יעדן פילאָסאָפישן פאַרשטייַן.

---

## .XII

אבאַט זשול. — זיין בענקשאַפט נאָך שאַפונג, נאָך א פרייען און שיינעם לעבן. — די סיבות פון זיין מאַכטלאָזיקייט. — זיין זינדיקייט און זיין טראַגעדיע. — פונוואַנען שטאַמט דער דעמאָניזם אין די שוואַכע נאַטורן. — דער יעזויִט דעקערן אין דעם ראָמאַן „סאַבאַסטיאַן ראָק". — די אידעאַליזאַציע פון זינדיקייט. — זשאַן מענטיע (גאָלגאָטע). — קלאַרע און דער כינעזישער תליון פון „גאָרטן פון פייניקונגען". — דער ראָב און זיין פילאָסאָפיע („איינאונצוואַנציק טעג פון א נעוראַסטעניקער"). — זשאַן רול. — די סאָציאַלע באַדייטונג פון מירבאָס פּאָעזיע.

מירבאָ זעט, אַז די בורזשואַזע געזעלשאַפט פליט אומפאַרמיידלעך צום אָפּגרונט. צווישן אַלע דורך דער דאָזיקער געזעלשאַפט איינגעשטעלטע אַנשטאַלטן, מאַטעריעלע און מאָראַלישע ווערטן, האָט ער גאָרנישט געפונען אַזוינס, אויף וואָס מען זאָל זיך קאָנען שטיצן, אין וואָס מען זאָל קאָנען איינזען די ערבות אויף אַ ליכטיקן עתיד, אַ יסוד פון אַ נייער קלוגער און שיינער וועלט. אין זיינע ראָמאַנען האָט מירבאָ ניט איינמאָל געפרוווט באַלייכטן די אינערלעכע וועלט פון יענע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס, וועלכע זיינען פריי פון אומנאַטירלעכקייטן און קרענקלעכע געשמאַקן, וועלכע גראָבן אונטער די הייניקע בורזשואַזיע. און פונדעסטוועגן האָט מירבאָ זיינע געליבטע העלדן, יענע העלדן, אין וועלכע ער שפּיגלט זיך, וועלכע ער שטעלט אויף אַ פּיעדעסטאַל,

וועלכע קאָנען צווישן דער מנוולישע זינדיקייט און מנוולישן לעבן פון דער אַרומיקער וועלט באַשאַפן אַ העל לעבן פול מיט שיינע און פיינע שפּירונגען.

אויב מירבאָ האָט ניט אַרויסגעשטעלט קיין פּאָזיטיווע העלדן, אויב אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט האָט ער ניט געפונען קיין מנהגים, וועלכע מען דאַרף נאָכגיין, האָט זיין בליק אין דער ענדלאָזער שורה טיפן פון דער זיך אַנטאַרטנדיקער געזעלשאַפט מיט באַזונדער אויפמערקזאַמקייט און ליבע זיך אָפּגעשטעלט אויף אייניקע געשטאַלטן. מירבאָ רעקאָמענדירט ניט דעם לעזער דירעקט נאָכצומאַכן דעם יעזויט דע-קערן, אָדער דעם כינעזישן תליון, אָבער מ׳קאָן, דאַכט זיך, ניט צווייפלען, אַז שעפערישע קראַפט און שיינקייט האָט ער געפונען דווקא אין ענלעכע צו זיי געשטאַלטן. באַטראַכטנדיק דאָס טרויע-ריקע פעלד פון היינטיקן לעבן מיט אַ האָפענונגסלאָזן בליק, האָט ער, דאַכט זיך, אין זיי, אין די דאָזיקע געניאַלע נואפים און רוצחים, באַמערקט דעם לעצטן מקום מקלט פאַר דער שעפערישער נאַטור. ער האָט געפונען שיינקייט און קראַפט ניט אין קאַמף מיט דער זיך אַנטאַרטנדיקער געזעלשאַפט, ניט אין שאַפן נייע פאָרמען פון לעבן, ניט אין שטרעבן צו סאָנאַציע, נאָר אין דעם שטרעבן אַריינצוזאַפּן אין זיך די קווינטעסענץ פון דעם באַרוישנדיקן אייטער, וואָס רינט פון די וואונדן פון דעם צעפאַלנדיקן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם. דער פלאַמענדיקער טרוים וועגן אַ שיינער פרייער פערזענלעכקייט און וועגן אַ באַפרייטער בליענדיקער ערד גיסט זיך אויס אין זיינע ראָמאַנען אומפאַר-מיידלעך אין דער פאָרם פון משוגענעם ריידן פון היץ, וואָס אַנטשטייט אין די קעפּ פון סאַדיסטן, פאַרשיכורטע מיט בלוט און לייב-געלוסטונג. מירבאָס אויסדערוויילטע — דאָס זיינען קנעכט און נקמה-נעמער פון דער זינד גלייכ-צייטיק. זיי הייבן אָן פון פלוכן די אויף דורך צעפוילטע געזעלשאַפט און ענדיקן דערמיט, וואָס זיי ציען אין זיך דאָרשטיק אַריין אירע פוילע אויס-דעמפפונגען. מירבאָ איז פלייש פון פלייש פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט און ערגעץ האָט זיך דער פעסטער בונד, וואָס פאַראייניקט זיי, ניט אַזוי אַרויסגע-וויזן, ווי אין דער דאָזיקער שטרעבונג צו געפינען שיינהייט און פרייהייט אין די גרענעצן פון דער עקסיסטירנדיקער וועלט, אין דער סביבה פון טויט-באַ-שטראָפטע און באַשולדיקטע מענטשן.

לאָמיר זיך נענטער צוקוקן צו די דאָזיקע אויסדערוויילטע.

דער אַבאַט זשול איז ניט מירבאָס אידעאַל. אָבער דאָס איז אַ פּערזענ-לעכקייט אַ ניט קיין געוויינלעכע. פון די פריסטע יאָרן טיילט ער זיך אויס פון דער אַרומיקער סביבה; ער איז געווען דער לעבעדיקער פּראָטעסט קעגן

דער מיאוטער פאַרבלאָזיקייט פון היינטיקן לעבן. ער איז געווען אַ פעיק און
פלייסיק קינד און האָט זיך אַלעמאָל גערעכנט פאַר דעם ערשטן תלמיד אין
זיין קלאַס. די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דעם סעמינאַר—דאָס איז
ביי אים געווען די צייט פון שטאַרקע שטרעבונגען צו גוטס און פון פאַר=
עקשנטן קאַמף מיט זיך זעלבסט. ער האָט זיך מיט אַלע כוחות געסטאַרעט צו
באַצוימען זיין צעלאָזענע טבע, אונטערטעניק צו מאַכן זי צו דער אָפּשטויסנ=
דיקער דיסציפּלין, דערנידעריקן זי מיט עניוות, ניט מיט מנהגים און תפילות,
ווי שוואַכע מענטשן, נאָר גלייך ווי ער וואָלט אונטערטעניק געמאַכט זיין ווילן
צו דער פיזישער אָנשטרענגונג פון אַלע זיינע גייסטיקע פעיקייטן. ער האָט
געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון, אַ פייערדיקן רעדנער=טאַלאַנט. ער האָט זיך גע=
האַלטן פרעמד און ניט ליב געהאַט קיין חברים, אויף די שפּאַצירן האָט ער זיך
געהאַלטן ווי אַ ווילדער אָן אַ זייט פון זיי. ער האָט מיט פאַרגעניגן באַמערקט
יעדן שמוץ אין זייערע באַציִונגען. ער „האָט פאַראַכט די דאָזיקע יונגעלייט
מיט די פוכקע ראָזע באַקן, מיטן קנעכטישן שכל, מיט דער נאַיִווער נשמה,
וועלכע האָבן געלערנט רעליגיע, ווי מען לערנט די שוסטערשע מלאָכה, און
אונטער דער אויסערלעכקייט פון פרומע לייט האָבן זיי באַהאַלטן די פאַר=
לאַנגען פון פּשוטע המון=מענטשן, נידעריקע תאוות פון איינגעשפּאַרטן פויער".
און שפּעטער, זייענדיק אַבאַט, איז ער פול געווען מיט געהויבענע שטרעבונ=
גען. נאָך מאָמענטן פון פאַלן פלעגט אים באַהערשן די חרטה, אים האָט זיך
געוואָלט שמייסן און פייניקן זיך, פאַר זיין דמיון האָבן זיך געמאָלט זעק און
רימענס, וואָס זייערע שאַלענע עקן פייפן אין דער לופט, פון וועלכע עס
שפּריצט בלוט פון הייליקע און וועלכע שניידן זיך אַריין אין לייב פון מאַר=
טירער, ער האָט געפילט אַ געפיל פון עקל צו זיין עבר, פיינט האָבנדיק זיין הווה,
געדאָרשט נאָך גבורות פון גלויבן. אין די דאָזיקע רגעס האָט ער געבעטן דעם ביס=
קופּ זאָגן אים יענס „וואָרט", וואָס קריסטוס האָט געקאָנט געפינען אין זיין אומדער=
שעפּלעכער ליבע צו אומגליקלעכע, און זעענדיק די גלייכגילטיקייט, די פאַרשלאָפנ=
קייט און די טעמפּקייט פונם ביסקופּ, וועלכער איז גערופן צו דער גרויסער שליחות
מדריך זיין די נשמות, האָט ער זיך דורכגעדרונגען מיט פלאַמענדיקער שנאה צו אים,
צום מענטשן, וועלכן עס קאָנען ניט אויפוועקן די געשרייען פון פיין, וועלכע
טראָגן זיך פון אומעטום. און ער האָט געמיינט, אַז אפשר זיינען אַזעלכע
געווען אַלע הייליקע, וואָס לכבוד זיי שטעלט מען אויף מאָנומענטן און קירכעס.
ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז אפשר וועט מען דעם ביסקופּ אויך פאַר=
רעכענען פאַר אַ הייליקן און מען וועט זיין סטאַטוע אַוועקשטעלן אין אַ נישע,

און נאָכן טויט וועט ער שאַפן וואונדער, וועלכע ער האָט ניט געקאָנט ווייזן לעבעדיקערהייט. „לעב.דיקערהייט האָט דאָך קיינער איינער דעם צווייטן ניט ליב, איינער דעם צווייטן העלפט ניט, איינער דעם צווייטן פאַרשטייט ניט!... יעדער איז איינזאַם, לחלוטין איינזאַם צווישן די מיליאָנען נפשות, וואָס רינגלען אים אַרום! ווען מען בעט ביי עמעצן אַ ביסל מיטלייד, אַ ביסל ליבע, אַ ביסל וואַכזאַמקייט,—שלאָפט ער. דו קאָנסט וויינען, צעברעכן זיך דעם קאָפּ אָן וואַנט, שטאַרבן—זיי שלאָפן, אַלע שלאָפן זיי!... און וואָס־זשע טוט גאָט צווישן אַלע די דאָזיקע שלעפעריקע קאַפּהינער! צי דען שלאָפט ער אויך אויף זיין וואָלקן?

און ניט בלויז דער דאָרשט נאָך קרבנות און גבורות, ניט בלויז די פלאַמענדיקע ליבע צו נאָענטן, דער קרענקלעך־וואַכזאַמער מיטגעפיל צו זייערע טרערן און פּיינען האָט געלעבט אין דעם דאָזיקן האַרצן. אַבאַט זשול האָט געהאַט יענע מעכטיקע איבערלעכע קראַפט, וועלכע האָט צו אים אונטערטעניק געמאַכט אַלדאָס אַרומיקע; ער האָט געהאַט יענעם אונטערטעניקדיקן רעדנער־טאַלאַנט, וועלכער האָט אים געמאַכט פאַר דעם האַר איבער זיין עדה. אָנגעקומען אויף דער שטעלע צום ביסקופ, האָט ער פאַר אַ קורצע צייט באַהערשט דעם דאָזיקן מענטשן, ער איז געוואָרן דער טיראַן פון אַלע גייסטלעכע, וועלכע זיינען געווען אונטער דעם רשות פון ביסקופ. ער האָט אַלץ אומגעקערט אויף זיין שטייגער, „סיי אומבאַוועלטע קעגנשטאַנדן, סיי חיות, סיי מענטשן, און איז זיך מיט דעם אַלעמען באַגאַנגען גראָב". פאַר אים האָבן געפלאַטערט די גלחים, געפלאַטערט דער ביסקופ אַליין, וועלכער האָט לויט זיין באַפעל אונטערגעשריבן אַלע פאַפּירן. אין דער דאָזיקער שנעלער דערהויבונג פונם אַבאַט זשול האָט זיך אַנטפּלעקט ניט בלויז זיין פאַרפירערישער שכל, זיין כישרעקייט און די דערהויבענע שטרעבונגען, מאָמענטן פון פלאַמענדיקער תשובה, ווען ער פלעגט אין זיין רעדע דערגרייכן ביז נביאישן פאַטאָס, פלאַטערן מיט דער דבקות פון מאַרטירער און הייליקע. אין די דאָזיקע רגעס פלעגט דער ביסקופ מיט פאַרוואונדערונג קוקן אויף זיין אונטערטעניקן, פלעגט אים מוחל זיין זיינע געפערלעכע טאַטן און קאַפּריזן און האָט געפילט, אַז אין אים איז דאָ אַ העכערע קראַפט און אַ ניט־ערדישע באַגייסטערונג.

דאָס אָרט, וואָס דער אַבאַט זשול פאַרנעמט צווישן די איבעריקע העלדן פון ראָמאַן, דער געהיימניספולער אָרעאָל, וואָס רינגלט אים אַרום, באַווייזן, אַז ער געהערט צו די אויסדערוויילטע פונם ראָמאַניסט, וועלכער האָט אים באַשאָנקען מיט אומגעווייטלעכע טאַלאַנטן, מיט אויסשליסלעכער קראַפט און

הויכע מאראלישע פאדערונגען, וועלכע ערלויבן אים ניט שלום צו מאכן מיט קאמפראמיסן, וועלכע טרייבן אים צו זוכן דעם אבסאלוטן אומבאגרעניצטן אמת. און ווירקלעך, ס'איז שווער צו גלויבן, אז זשול איז ניט ארויסגעפירט כדי ארויסצוזאגן אין דרייסטע ווערטער דעם אווטארס שנאה צו דער בורזשואזער געזעלשאפט און צו אירע זינד. זשול איז א מוכיח און א נביא. שוין קינדווייז האט ער פאראכט זיינע חברים פאר „דעם קנעכטישן שכל". זיי האבן מורא געהאט פאר זיינע „אנגרייפן פון צארן און בייזן שפאט", און מיט אימה האבן זיי געזען אין אים דעם אפאסטאל פון דער צוקונפטיקער כפירה, א קעמפער קעגן די הייליקע בילדער", א לאמענע וועלכע האט זיך זיי פארגעשטעלט ווי די פארקערפערונג פון טייוול. געווארן די רעכטע האנט ביים ביסקופ, איז ער אויך געווען אזא סטראשידלע פאר די גייסטלעכע. ער האט געפילט עקל צו דער דאזיקער סביבה. בשעת מען האט געפייערט דעם ביסקופס נאמענטאג, האט ער מיט שנאה געקוקט אויף די דאזיקע נארישע ווולגארע פנימער פון די גלחים, וועלכע האבן ארויסגעקוקט צווישן די אויסגעשטעלטע אויפן טיש לייכטער און קערב מיט בלומען, אויף „די דאזיקע עקלהאפטע פארקיילעכדיקע בייכער", אויף די דאזיקע אויסגעמאגערטע פנימער פון די סעמינאריסטן, וועלכע זיינען שוין גרין געווען פון בייזקייט און האבן זיך געהוידעט אויף די לאנגע פייגלשע העלזער", אויף דעמדאזיקן עניוותדיקן אויסדרוק פון פנים, צו וועלכן עס האבן ניט געפאסט אזעלכע קינביינער, ווי עס גיבן ביי פליישעסנדיקע חיות, און אזעלכע אומרויִק ארומלויפנדיקע אויגן פון א רויבטיר". ער האט געהערט, ווי זיי האבן ביים טיש איינער דעם אנדערן דערציילט שמוציקע געשיכטעס. ער האט קלאר געזען די גראבע פרייד, וועלכע באהאלט זיך הינטער דער אויסערלעכער פרומקייט, די ציניִשע זארגלאזיקייט, דעם שרעקלעכן עגאִיזם, די נידעריקע פארלאנגען, די אומוויסנהייט און די גייסטיקע ארעמקייט. און דער דאזיקער ליגן האט אים ארויסגעבראכט פון די כלים, און אז ער האט דערהערט א מליצהדיקן טאסט, אין וועלכן דער דאזיקער ליגן האט באקומען א קאנקרעטן אויסדרוק, האט ער ניט אויסגעהאלטן, אין אים האט ערוואכט דער גייסט פון סאוואנאראלא אדער קאלווין, ער האט אין זיך דערפילט די היץ פון א מוכיח און האט א שליידערגעטאן דעם עולם ביים מאלצייט די גאנצע פאראכטונג און שנאה, וואס ער האט אין זיך געזאמלט יארנלאנג: „איר לייגט אלע!... זעענדיק אויף אייך די זעלבע קליידער וואס אויף מיר, ווער איך רויט פון בושה פאר זיי... איר, כהנים, וועלכע זיינען ניט ווערט זייער כהונה, וועלכע דרייען זיך ארויס פון זייערע חובות פאר דער

געזעלשאַפט, וועלכע פאַרראַטן זייער פאָטערלאַנד, איר זייט דאָ נאָר דערפאַר וואָס איר האַלט זיך פאַר צו גרויסע טיפּשים, פאַר צו גרויסע מנוולים, כדי צו זיין מענטשן, כדי צו ברענגען די קרבנות, וועלכע עס פאָדערט דאָס לעבן פון די אָרעמע מענטשן. און אייך זיינען איבערגעגעבן די נשמות, וועלכע איך דאַרף געבן אַ באַוואוסטע פאָרם, נאָר איר האָט אפילו ניט אָפּגעווישט די הענט, וועלכע זיינען פאַרשמירט מיט דעם מיסט פון אייערע שטאַלן". ער שטראָפט זיי פאַר זייער עגאָיזם און גייציקייט: „עס ווערט געבוירן אַ מענטש— דאַרף מען אייך צאָלן צען פראַנק, שטאַרבט ער—ווידער צען פראַנק, גלייך ווי קריסטוס וואָלט געשטאָרבן צוליב דעם, כדי איר זאָלט קאָנען אין זיין הייל אַריינשטעלן אַ פושקע און פאַרוואַנדלען די קערה פון קטורת אין אַ סאַרבע פון בעטלער".

די דאָזיקע היץ פון אַ מוכיח, די עשירות פון שכל, וויסן און ליבע צו דער ליידנדיקער מענטשהייט, די דאָזיקע שנאה צו זינדיקייט און דער איידעלער דורשט נאָך גבורות ווייזן זיך סוף־כל־סוף אַרויס פאַר פּרוכטלאָזע קרעפטן און פאַרפאַלן אומזיסט פאַר דער געזעלשאַפט, וועלכע נייטיקט זיך אַזוי אין אָפּפרישנדיקער און היילנדיקער השפּעה פון איידעלע און שונאי־בצעדיקע מוחות. קנאַפּ וואָס דער אַבאַט זשול האָט קיינע נוצן ניט געבראַכט די ליידנדיקע ברידער, וועגן וועלכע ער האָט געקענט ריידן מיט אַזאַ געוואַלדיקער אויפריכטיקייט קנאַפּ וואָס ער האָט ניט חרוב געמאַכט די פוילנדיקע קיניגרייך פון דער פוילנדיקער גייסטלעכשאַפט,—אַבאַט זשול האָט אַליין געענדיקט מיט פאַרברעכן און סאַדיזם. פונקט ווי דער בייזער גורל וואָלט זיך אָנגעלייגט אויף די שטאַרקע קרעפטן און די דערהויבענע שטרעבונגען פון די אומגעוויינלעכע שעפערישע נאַטורן, וועלכע ווערן געבוירן אין דער היינטיקער בורזשואַזער וועלט. זיי ווערן פאַרדאָרבן אינם שטאָלצן דינען צו דער אייגענער פערזענלעכקייט, ווי די ניטשעאַנער, אַ שטייגער ווי בראַנד, אָדער אין מיסטישן שטרעבן צו גאָט, ווי מעטערלינקס „ענווים", אָדער אין קונסט, ווי דאָריאַן גריי. אַבאַט זשול—דאָס איז אַ נייער מין מאָדערניסטישער אינדיווידואַליזם. ער געפינט אַן אויסגאַנג פאַר זיינע כוחות און זינד. און זיין טראַגעדיע ליגט אויך אין דעם, אין וואָס עס ליגט די טראַגעדיע פון אַלע אינדיווידואַליסטן, וואָס זיינען געבוירן פון דער בירגערלעכקייט און וואָס האָבן מורד געווען אין דער בירגערלעכקייט. סיי זיי, סיי אים קומט אויף קיין רגע ניט אויפן זינען דער געדאַנק צו זוכן מיטגעפיל פאַר זייער אידעאַל אויסער יענע ספערן, אין וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן און אין וועלכע אַלץ, אפילו דער פּראָטעסט און דער דאָרשט

נאָך פּריִה״ט, — קליידן זיך אָן אין איינע פון די פאָרמען, וועלכע זיינען אויסגעאַרבעט דורך דער קראַנקער בורזשואַזער געזעלשאַפט. אבאַט זשול האָט נית אַריינגעקוקט אין יענע ספערן, פונוואַנען עס דערטראָגט זיך אַ פרישער ווינט, וועלכער צעטרייבט ווי אַ רויך אָן אַרעשט די אַלטע וועלט פון באַציונגען. אַבאַט זשול האָט די דאָזיקע וועלט געוואָלט אויסבעסערן דורך די מיטלען, וועלכע זיינען אויסגעאַרבעט דורך דער דאָזיקער וועלט. ער האָט זיך געדרייט צווישן די דאָזיקע זינדיקע, לייבגעלוסטנדיקע, מיט קראַנקער ירושה פאַרגיפטעטע מענטשן נית אַלס פרעמדער, נאָר אַלס א י ג נ ע ר. ער איז געווען אַן אייגענער צווישן זיי, הגם ער האָט זיי פיינט געהאַט. ער איז צוזויפגעוואַקסן געווען מיט זייערע אַנשטאַלטן, מיט זייערע הייליקטימער, האָט מיט זיך געבראַכט די זעלביקע קראַנקע ירושהשאַפט, האָט פון קינדווייז אָן אין דעם הויז פון די עלטערן געזען און איבערגענומען די זינד און דעם שמוץ פון דער אַרומיקער וועלט. ער פראָטעסטירט נית קעגן דער קירכע גופא, נאָר קעגן די פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן פאַרקרימט אירע אויפגאַבן און צילן. ער פאַרשטייט נית, אַז די אַנשטאַלטן באַשאַפן מענטשן, אַז די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וועלכע באַפרידיקט שוין נית די באַדערפעני‌שן פון פאָלק, נאָר זיי לוינען נאָך פאַר דער הערשנדיקער גרופע, האָבן שוין אין זיך נית קיין איבערלעכן אמת און קאָנען אונטערגעהאַלטן ווערן נאָר דורך שווינדל און קראַפט. ער פאַרשטייט נית, אַז שטראָפן די גלחים, פאַרשילטן זיי, און לאָזן צורו דעם קלעריקאַליזם אַלס אַ שטיצזייל פון דער היינטיקער עקספּלואָטאַציע און ווילקיר,—דאָס הייסט היילן דעם טיפוסדיקן קראַנקן און איבערלאָזן נית גערירט דעם נעסט פון דער אָנשטעקונג. אַבאַט זשול לעבט איבער די טראַגעדיע פון אַלע היינטיקע אינדיווידואַליסטן, וועלכע ווערן דערשטיקט אין דער בורזשואַזער לעבנסאָרדענונג, נאָר זיי קענען אַנטקעגן איר גאָרנישט אַרויסשטעלן אויסער חורבן, אויסער אירע אייגענע געשמאַקן, וועלכע זיינען דערפירט ביז זייער עקסטן אויסדריק, ביז זייער לאָגישער ענדע. די היינטיקע קינסטלערישע ליטעראַטור, ביי גאָר איר פאַרשיידנאַרטיקייט, שטעלט אין דעם זין פאָר אין פאַרשיידענע פאָרמען די אָפּשפּיגלונג פון דער מאַכטלאָזיקייט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט אַן עצה צו געבן זיך מיט דער אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר איר. אָפּשפּיגלענדיק דעם לעצטן עטאַפּ אין דער געשיכטע פון דער בורזשואַזיע, האָט די ליטעראַטור, דער דאָזיקער גרויסער שפּיגל פון לעבן, פון אַלע זייטן אָפּגעשפּיגלט דעם פּראָצעס פון איר שטאַרבן.

ביי לעאָניד אַנדרעיעוו הייבט זיך איינע פון זיינע ערשטע ערציילונגען

אָן מיט אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע ווערטער. „צייטנוויי פלעגט זיך סאַשקען וועלן אויפהערן צו טאָן דאָס, וואָס מ׳רופט לעבן: ניט וואַשן זיך איינדערפרי מיט קאַלטע וואַסער, אין וועלכן עס שווימען אַרום דינינקע טאָוועלעך אייז, ניט גיין אין גימנאַזיע, ניט הערן דאָרט, ווי אַלע זידלען אים, און ניט פילן קיין ווייטאָק אין קרייץ און אין גאַנצן קערפער, ווען די מאַמע שטעלט אים אויף אַ גאַנצן אָוונט אַוועק אויף די קני. אָבער אַזוי ווי ער האָט ניט געקענט די אַלע מיטלען, דורך וועלכע מענטשן הערן אויף צו לעבן, ווען זיי פאַרגלוסט זיך עס, איז ער ווייטער געגאַנגען אין גימנאַזיע און געשטאַנען אויף די קני אינדערהיים. און היות ווי ביי סאַשקען איז געווען אַן אומאונטערטעניקלעכע און דרייסטע נשמה, האָט ער זיך *ניט געקענט רויק באַציען צו דעם שלעכטס און האָט זיך נוקם געווען אָן לעבן*. דערפאַר האָט ער געשלאָגן די חברים, האָט גראָב געענטפערט דער שול-מאַכט, געריסן די לערנביכער און אַ גאַנצן טאָג געלייגט די לערער און דער מוטער, ניט געלייגט האָט ער נאָר פאַרן פאָטער אַליין״. פאַרוואָס הייסט „ניט קענען זיך רויק באַציען צום שלעכטס״ — „נוקם זיין זיך אין לעבן, שלאָגן און פיינט האָבן אַלעמען, סיי גערעכטע, סיי אומגערעכטע? די היינטיקע אינדיווידואַליסטן, סיי ביי אונז, סיי אין אויסלאַנד, זעען ניט קיין אַנדער אויסגאַנג פאַר די איידעלע כוחות פונם מענטשן, סיידן אין שלעכטס און אין חורבן. „איך״ און די „וועלט״ שטייען איינע קעגן די אַנדערע, מיין „איך״ דאַרשט זיך צו פאַרווירקלעכן; די „וועלט״ שטערט דער דאָזיקער פאַרווירקלעכונג. פון דער פריער קינדהייט באַשטימט די „וועלט״ דעם וועג פאַר דעמדאָזיקן „איך״, וואָס ניט ער אַליין האָט פאַר זיך אויסגעוויילט,—באָדן זיך אין קאַלטע וואַסער, אַ גימנאַזיע, שטיין אויף די קני אאַז״וו, די דאָזיקע, נאָך איידער מיין „איך״ איז געקומען, דורך עמעצן שוין איינגעשטעלטע עטאַפּן פונם וועג; עטאַפּן, וואָס מיין „איך״ וויל ניט און אַנטלויפט פון זיי, באַשטימען זיין קיום, נויטן עס צו באַוועגן זיך אין איין ריכטונג, שטערן צו גיין מיטן אייגענעם וועג. אָבער אויב אַ קינד, „וואָס האָט נאָך ניט געוואוסט אַלע מיטלען״, איז פאַרציילעך צו מאַכן פון דעם דאָזיקן נאַטירלעכן דאָרשט נאָך פרייען לעבן אַן איבערגאַנג צו ברוטאַלע און בייזע אויסברוכן, האָט מען פון אַזאַ אויפריכטיקן האַרצן און טיפן שכל ווי אַבאַט זשול געקענט ערוואַרטן אַן אַנדער אויספיר.

אַבאַט זשול איז איינער פון די בעסטע טיפּן, וואָס מירבאָ האָט געשאַפן, און אפשר די כאַראַקטעריסטישסטע געשטאַלט צווישן היינטיקע סאַטאַניסטן. דווקא אין דער פילאָסאָפיע, פון וועלכער ער האַלט, אין דעם לאָגישן שפרונג,

וועלכער ברענגט אים פון איידעלע שטרעבונגען צו בייז און חורבן, אנטפלעקט זיך דער מהות פון זייער וועלטאַנשויונג. אַבאַט זשול שטויסט אונז ניט אָפּ פון זיך, מחמת אין דעם יסוד פון זיין שנאה ליגט די ליבע צו דעם באַפרייטן מענטשן. אַנווייזנדיק דעם תלמיד אויף זיין ביבליאָטעק, וואָס האַלט אין זיך איין „גאָר דעם מענטשלעכן זשעני", רופט ער די דאָזיקע פילאָסאָפישע סיסטעמען רעליגיעס, וויסנשאַפטן „ליגנס, נאַרישקייט און פאַרברעכן". בעגליכן צו רוסאָ, פאָדערט ער אומצוקערן זיך צום נאַטירלעכן צושטאַנד, מחמת דער באַוווּער געפיל, וואָס דאָס קלענסטע בליימעלע רופט אַרויס אין האַרצן פון אומגעבילדעטע מענטשן, איז פיל בעסער פאַר דער באַרוישנדיקער שיכרות און נאַרישער גאווה, וועלכע ווערן געשעפּט אין די דאָזיקע פאַרגיפטעטע קוועלן, וואָרעם „דאָס פּשוטע האַרץ פאַרשטייט אַלץ, וואָס עס רעדט דאָס קליינע בליימעלע, אין דער צייט, וואָס אַלע געלערנטע מיט אַלע פילאָסאָפן און מיט אַלע פּאָעטן ווייסן דערפון ניט אפילו דאָס ערשטע וואָרט". וואָרעם די געלערנטע פילאָסאָפן און פּאָעטן „עקסיסטירן נאָר, כּדי מחלל צו זיין די נאַטור מיט זייערע אַנטדעקונגען און צוגעטראַכטע ווערטער". בעגליכן צו אַנדרעיעווס סאַשקע, האָט דער אַבאַט זשול פון קינדהייט אָן דערפילט, אַז זיין „איך" און די וועלט האָבן זיך פיינדלעך צוזאַמענגעשטויסן ביי דער ערשטער באַגעגעניש, אַז ס'דאָזיקע „איך" איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון עפּעס אַ פרעמדן שטראָם. וואָס האָט עס אַוועקגעשלעפּט און געלאָזט יאָר איין יאָר אויס דרייען זיך אין אַ באַשטימטן קרייז פון פאַרשטעלונגען. „ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן ריידן, אַזוי האָט מען גענומען אַריינשלאָגן מער אין קאָפּ אומגעלומפּערטע אידעען און אָנפילן דאָס האַרץ מיט איבערנאַטירלעכע געפילן. איך האָב געהאַט איבערים פון געפילן, אָבער מען האָט מיר דערקלערט אויף גריכיש, לאַטיין און פראַנצויזיש, אַז באַנוצן זיך מיט זיי איז אַ חרפּה... מען האָט צעקאַליעטשעט די טעטיקייט פון מיין מוח, פּונקט ווי די פונקציעס פון מיין קערפּער, און אַ נאַטירלעכן מענטשן, וועלכער גייט נאָך זיינע נאַטירלעכע אינסטינקטן און איז פול מיט לעבן, האָט מען פאַרביטן אויף אַ געקינצלטע ליאַלקע, אַ מעכאַנישע פּופּע פון דער ציוויליזאַציע, אין וועלכער מען האָט אַריינגעבלאָזן אַ אידעאַל... דעם אידעאַל, פון וועלכן עס קומען אַרויס באַנקירן, גלחים, שווינדלער, אויסגעלאַסענע, רוצחים, אומגליקלעכע".

עד כּאן איז אַבאַט זשול אַ מיטקעמפער פון דאָריאַן און בראַנד אין דער אַרמיי פון די הייבטיקע אינדיווידואַליסטן. בעגליכן צו זיי, איז ער באַשאָנקען מיט אַן אויסערגעוויינלעך רייכער נאַטור; בעגליכן צו זיי, איז ער אַ ניטשע-

אַנער, וואָרעם העכער פאַר אַלץ אויף דער וועלט שטעלט ער די פאַרווירקלעכונג פון זיין פערזענלעכקייט. געגליכן צו זיי, האָט ער פיינט און פאַרשילט די וועלט, ווייל זי איז פיינטלעך צו דער פערזענלעכקייט און גיט ניט קיין רחבות פאַר איר אַנטוויקלונג. ס'איז ניט שווער צו באַמערקן, אַז זשול איז אַ פרי פון דיזעלביקע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, וועלכע האָבן אַרויסגערופן צום לעבן אי בראַנדן, אי דאָריאַנען. זיין פילאָסאָפיע — דאָס איז דער פראָטעסט קעגן איר זיג-פייערנדיקער בירגערלעכקייט קעגן דער ניוועלירנדיקער ווירקונג פון דעם היינטיקן מעכאַניש זיך באַוועגנדיקן לעבן, קעגן דעם אין קייטן שמידנדיקן דעספאָטיזם פון דער אינדוסטריעלער אָרדענונג. זיין פראָטעסט — דאָס איז דער ליידנשאַפטלעכער רוף צו דער באַפרייונג פון דער פערזענלעכקייט, צו דער אָנערקענונג פון אירע שעפערישע רעכט, יענער רוף, וועלכער קלינגט אי אויף בראַנדס ליפן, אי אין לאָרד הענריס פאַראַדאָקסן, אי אין „מעטערלינקס אוצר פון ענווים". אַבאַט זשול איז אַ מיטקעמפער פון די דאָזיקע העלדן אויך דערפאַר, וואָס ער זוכט די דאָזיקע באַפרייונג אין דער אווטאָנאָמער פערזענלעכקייט, אויסערהאַלב דער סאָלידאַרער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט; געגליכן צו זיי, האָט ער אין קיין געזעלשאַפטלעכער גרופע ניט איינגעזען די עלעמענטן, מיט וועלכע עס וואָלט מעגלעך געווען צו פאַראייניקן די אייגענע אָנשטרענגונגען צום קאַמף פאַר דער באַפרייונג פונם מענטשן.

אָבער דערויף ענדיקט זיך די ענלעכקייט פון די דאָזיקע העלדן פון דער היינטיקער פאָעזיע. צונויפגעקומען זיך אין דעם צעשטערנדיקן טייל פון זייער וועלטאָנשויונג, אין ניט אויפנעמען די אויסערלעכע וועלט, וועלכע ליגט הינטער די גרענעצן פון אונזער „איך", שטעלנדיק פאַר זיך אַן אַלגעמיינעם אידעאַל — די פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן „איך" — גייען זיי זיך פונאַנדער אין יענע פראַקטישע וועגן, אויף וועלכע עס פאַרשלעפן זיי די דאָזיקע שטרעבונגען. בראַנד האָט אָנערקענט די באַדערפענישן, וועלכע עס לעבן אין יעדן מענטשן און זיינען באַפרייט פון אַלערליי אויסערלעכע אָנשיכטונגען, אַלס דעם איינציקן געזעצלעכן סטימול, אַלס די איינציקע הייליקייט — און איז אומגעקומען אין דעם קאַמף פאַרן נצחון פון דער דאָזיקער געפונענער אינערלעכער וועלט. אָסקאַר אוײַלד האָט געמאָלדן די פאַנטאַזיע און די קונסט אַלס די איינציקע וועגן צו פאַרווירקלעכן די פערזענלעכקייט. מעטערלינק איז אַוועק איבער דעם וועג פון יאוש און פעסעמיזם, אָנערקענט די פולקומע מאַכטלאָזיקייט פונם מענטשן און די הערשאַפט פון אומבאַוואוסטע בלינדע כוחות איבער זיין גורל. אַבאַט זשול איז אַוועק מיטן וועג פון זינד. אין זינד, ביז און נקמה אין דער מענטשהייט האָט זיין אום-

באַצוימטע נאַטור געפונען פאַר זיך אַן אויסגאַנג. געגליכן צו סאַשקען, איז ער זיך נוקם אין לעבן; ניט קענענדיק זיך רויִק באַציען צום בייז, האָט ער, געגליכן צו אים, ניט געפונען קיין אַנדער אויסגאַנג פון זיין „ניט רויִקער באַציִונג צום בייז", אַחוץ דאָס בייז גופא. געגליכן צו סאַשקען, האָט ער שוין אין דער קינדהייט אַרויסגעוויזן זיין בייזקייט און גראָבקייט אין צעשטערונג: „ער איז געווען אַ באַהאַלטענער אין זיך, האָט ליב געהאַט קריגן זיך, איז געווען אַן אכזר, און אים זיינען געפעלן געווען נאָר בייזע שטיק. אין שול האָט ער געשלאָגן די חברים, האָט אויף זיי אָנגערעדט און איז געווען גראָב קעגן די לערער. מען האָט אים די קלענסטע באַמערקונג ניט געטאָרט מאַכן: „ער פלעגט גלייך אַרויס פון די כלים און סטראַשען אַלץ צו מאַכן תחת חרב". אין שטאָט איז ער געווען באַוואוסט „מיט זיין אויסגעלאַסענער אויפפירונג, איז געגאַנגען אין די שענקען, איז געווען פאַרמישט אין פיל גנבות". ווען ער איז געוואָרן סעקרעטער ביים ביסקופ, האָט די באַדערפעניש צו טאָן שלעכטס באַקומען אין זיין נשמה אַן אומגעהייערע קראַפט. דערביי האָט ער קיין ציל ניט געהאַט; „אים האָבן נאָר באַאומרויִקט די בייזע אינסטינקטן, וועלכע האָבן אים געוועקט צו שלעכטס בכלל". ער האָט געקעמפט קעגן זיי, געפילט די קראַפט פון זיין שיינעם ריידן, געוואוסט זיין פעִקייט אונטערטעניק צו מאַכן זיך די אַרומיקע. ער האָט ניט געקענט ניט זען, אַז ער האָט געהאַט גענוג מיטלען כדי צו ווירקן אויף די אַרומיקע און איבערמאַכן די געזעלשאַפט אין הסכם צו זיין אידעאַל. און עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען ער איז גרייט געווען אַוועקצולאָזן זיך איבער יענעם געוויינלעכן וועג, איבער וועלכן עס גייט יעדער, וואָס וויל זיינע קרעפטן מקריב זיין צו דינען דער געזעלשאַפט. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ העכערע שטעלע; ס'איז אים אַ שאָדן געווען, וואָס ער האָט געפטרט אַזוי פיל כוחות און צייט „אויף פאַרברעכערישע און נוצלאָזע פאַנטאַזיעס", אויף „פוסטע קאַפריזן" און האָט זיך שיר ניט קאַליע געמאַכט זיין קאַריערע. אָבער די איינגעהאַלטנקייט, וואָס דער אַבאַט זשול האָט אַרויסגעוויזן צייטווייליק, באַטראַכטנדיק, וואָס ער זאָל טאָן, און אויסרעכענענדיק זיינע טריט, האָט זיך סוף־כל־סוף פאַרענדיקט מיט אַ נייעם אויסברוך פון שלעכטס און שגעון און די אָנגעשטרענגטע גייסטיקע און פיזישע מי האָט אים ניט פאַרהיט פון נסיונות, און „די אומרייִנע געשטאַלטן, וועלכע ער האָט בשום אופן ניט געקענט אָפּטרייבן פון זיך, האָבן זיך געדרייט פאַר זיינע אויגן, האָבן אים אָפּגעריסן פון בוך, פון געדאַנק, און ער האָט זיך פאַרזונקען אין אומווערדיקע טרוימען, אין וועלכער ער האָט געפונען

אַ בשׂוגדיקע באַפרידיקונג און נאָך וועלכע ער איז געוואָרן פּונקט ווי אַ צע־מישטער און געפּילט אַ טיפּן עקל". ער איז ניט געווען בכוח איינצושטילן דעם בונט פון זיין לייב און פון זיין זינלעכקייט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון שפּאַן. ער איז געשטאָרבן אין אַ שרעקלעכער גסיסה, וועלכע האָט געדויערט עטלעכע טעג, געשטאָרבן קאָרטשענדיק זיך אין אומוועדיקע קאַנוואולסיעס, זינגענדיק פון שלאָף ציגנישע לידער, איבערלעבנדיק אין היץ שפּירונגען פון לייבגעלוסטונג און די קר. נקע תענוגים פון אַ סאַדיסט.

אַבאַט זשול איז פאַרלאָרן געגאַנגען, געגליכן צו אַלע אינדיווידואַליסטן, וואָרעם ער האָט אין דער הייניטיקער געזעלשאַפט ניט געפונען קיין וועגן צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון פרייען און שיינעם לעבן. געגליכן צו זיי, האָט ער ניט געקענט אוועקגיין פון יענער געזעלשאַפט, וואָס מיט אירע גע־שמאַקן און זינד איז ער געווען אָנגעשטעקט פון קינדווייז אָן. ער האָט ניט געזען און ניט געקענט זען די אַנדערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, וועלכע שמידן די פאָרמען פון קינפטיקן געזונטן לעבן, און האָט זיך געפּרוווט פאַר־ווירקלעכן דעם אידעאַל פון פרייער פּערזענלעכקייט אין די גרענעצן פון יע־נער וועלט פון באַצוונגען, וואָס איז געווען פאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג. און געגליכן צו דאָריאַנען מאַכט אַבאַט זשול ניט קיין אָפּשטויסנ־דיקן איינדרוק — ניט קוקנדיק אויף זיין ציניזם, אויף דעם שמוץ, אין וועלכן ער איז פאַרזונקען. אַבאַט זשול ציט צו זיך צו מיט זיין בענקשאַפט נאָך דעם דאָזיקן אידעאַל פון פרייער שיינער פּערזענלעכקייט. ווי בראַנד און דאָריאַן, קומט ער אום אין נאָמען פון דעם דאָזיקן אידעאַל און סיי זיין בענק־שאַפט, סיי זיין אונטערגאַנג פאַרלירן ניט זייער שיינקייט, ניט געקוקט אויף די שטראָמען שמוץ, וואָס פאַרפּלייצן זיי. מיר ווילן ניט זאָגן, אַז מירבאָ האָט אין זיין פּערזאָן אָנגעצייכנט דעם אידעאַל פון אַ מענטשן. אויב איבסען האָט מיט זיין פּיעסע געוואָלט זאָגן: זייט בראַנדס, וועט איר אויספילן אייער הע־כערע באַשטימונג אויף דער ערד; אויב אָסקאַר וואַיילד האָט די וועלט גע־רופן צו לערנען זיך ביים לאָרד הענרי און נאָכצומאַכן דאָריאַנען, איז אַ ספק, צי מירבאָ האָט געוואָלט רעקאָמענדירן אונז די דינסט צו דער זינד, אַלס איינ־ציקער וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער אייגענער פּערזענלעכקייט. אָבער יעדערן, ווער עס וועט איבערלייענען זיינע ראָמאַנען, וועט קלאָר ווערן, אַז מירבאָ שטעלט, אפשר קעגן זיין אייגענעם ווילן, אַרויס אין אַ שע־נערער באַלייכטונג דווקא אַזעלכע העלדן, ווי אַבאַט זשול. זיי זיינען אַרומ־

פֿערינגלט מיט אַ געהיימענישפֿולן אָרעאָל, אויף זיי ליגט דער שטעמפּל פֿון די אויסדערווײילטע. זיי הייבן זיך אויף הייך איבער דער אַרומיקער נידעריקייט, און אַלע די דאָזיקע אַרום זיי ראַנגלענדיקע מענטשן, וועלכע יאָגן זיך גייציק נאָך לעבנסגליקן, וועלכע רייסן איינע ביי די אַנדערע אַרויס שטיקלעך גליק, ווייזן אונז אויס ווי נישטיקע שרעטלעך, וואָס האָבן אַרומגערינגלט אַ ריז.

נאָר זינדיקע מענטשן זיינען ביי מירבאָ שטאַרקע פּערזענלעכקייטן, בולטע אינדיווידואַליסטן, געגליכן דערצו ווי איבסען האָט זיי געפֿונען נאָר צווישן די שטאָלצע עגאָיִסטן און אָסקאַר אוּאַיילד — צווישן די עסטעטן און די פֿאַרליבטע. נאָר פֿאַרברעכער קאָנען ביי מירבאָ ביזן סוף דערפֿירן זייער פּערזענלעכקייט, פֿאַרווירקלעכן בראַנדס אידעאַל: „זיי, וואָס דו ווילסט, נאָר זיי אינגאַנצן". נאָר זיי טראָגן אין זייער נשמה די שיינקייט פֿון אמתער פֿרייהייט.

אין דעם ראָמאַן „סעבאַסטיאַן ראָק" ווערן אויפֿגעדעקט די סודות פֿונם יעזויִטישן קאָלעזש, וואו אונטער דעם פֿאָרהאַנג פֿון אויסערלעכער גאָטספֿאָרכטיקייט ווערן געפּטרט קינדערשע נשמות, אַנטוויקלט זיך אומנאַטירלעכע זינדבליען ליגן, ביין, קנעכטישע יראת הרוממת פֿאַר עשירות און טיטלען און פֿאַראַכטונג צו אָרעמקייט און נידעריקער אָפּשטאַמונג. איבער דער דאָזיקער וועלט הערשט די געשטאַלט פֿונם יעזויִט פּאַטער דע־קערן. אין דעם דאָזיקן מענטשן איז געווען עפּעס באַצויבערנדיקס, אונטערטעניקנדיקס. פֿון דעם מאָמענט אָן, וואָס ער דערשיינט אינם ראָמאַן, רינגלט אים דער אַוטאָר אַרום מיט אַ געהיימענישפֿולן אָרעאָל. ער האָט אַ באַזונדערן, און צושמידנדיקן בליק. „זיין בליק איז ניט ענלעך אויף דעם בליק פֿון אַנדערע". אין אים האָבן זיך געזען „אַזויפֿיל געהיימע און צוויפֿלהאַפֿטע געדאַנקען". סעבאַסטיאַן דער תּלמיד פֿונם קאָלעזש, וועלכן דער יעזויִט האָט אויסגעקליבן פֿאַר אַ קרבן, האָט ביט־ווילנדיק אַראָפּגעלאָזן די אויגן פֿאַר דעם דעמדאָזיקן בליק, וועלכער האָט באַצויבערט, פֿאַרכישופֿט, אָפּגעשוואַכט זיין דמיון, איבערגעגעבן אים אין דער מאַכט פֿון זייטיקע פֿאַרלאַנגען, צעררודערט אים מיט אַ משונהדיקן פּלאָטערנדיקן ציטער, אַ פֿיינלעכן, וואָס האָט פֿאַרפֿינסטערט זיין באַוואוסטזיין. ער איז געווען אַ טיף געבילדעטער מאַן און האָט באַזעסן אַלע מעלות, וועלכע מאַכן די אַרבעט אַנטציקנדיק, פֿאַרוואַנדלענדיק זיי אין אַ כּסדרדיקן פֿאַרגעניגן. ער האָט אַרויסגערופֿן אין סעבאַסטיאַנען ליבע צו דער ליטעראַטור. ער האָט אים אויסגעלערנט ליב צו האָבן סאָפֿאָקלעס, דאַנטען און שעקספּירן. ער האָט געקענט שיין און מיט התלהבות דערקלערן די שיינקייט פֿון זייערע ווערק. ער האָט אים פֿאָרגעלעזן הוגאָ, לאַמאַרטין, טעאָפֿיל גאָטיע און שאַטאָבריאַן. „אַלע די דאָזיקע שירים און פּראָזע האָבן געקלונגען אין זיין מויל ווי צוי־

בערלעכע מוזיק, נאָך גיט באַקאַנטער האַרמאָניע, ווי געטלעכע אַנטפּלעקונג. הערנדיק דאָס, האָט זיך סעבאַסטיאַנען געדאַכט פּונקט ווי ער וויגט זיך אין עפּעס משונהדיקע לופטנעצן, אַ באַהויכטער פון שמעקעדיקע ווינטלעך, בשעת אין דער ענדלאָזיקייט וויקלען זיך פּאָר אים פונאַנדער צויבערלעכע האָריזאָנטן, רויטע וועלדער, אָנגעפילטע מיט פרויענגעשטאַלטן, מיט פאַנגענדיקע שאָטנס, מיט בענקענדיקע נשמות, מיט פאַרליבטע בלומען, מיט אויסגעשפּרייטער פאַר־חלומטער צערטלעכקייט". קענענדיק סאַבאַסטיאַנס ליידנשאַפט צו מאָלן, האָט דער פּאַטער דע־קערן אים צעפלאַקערט מיט דערציילונגען וועגן דעם וואונדערלעכן לעבן פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, ראַפאַעל, קאָררעדזשיאָ, וועגן זייער פריינדשאַפט מיט קיניגן און פויפּסטן, וועגן זייערע לעגענדאַרע טריומפן. און יעדער באַגעגעניש, יעדער שמועס האָט אַראָפּגענומען אַ פאָרהאַנג פון עפּעס אַ צויבערלעכן סוד, איז געוועז אַ נייער פּרוּוו נאָך טיפער אַריינצודרינגען אין דער קיניגרייך פון פאַרבאָטענעם... סעבאַסטיאַן האָט דאָרשטיק געשלונגען די דאָזיקע ערציילונגען וועגן דער וואונדערלעכער גלענצנדער צייט, ווען קונסט, העלדנשאַפט, גאָטספּאָרכטיקייט, פאַרברעכנס זיינען געוואָרן געהייליקט דורך די שמייכלען פון פּראַכטפולע פרויען, ווען ליבע האָט געהערשט אומעטום, אונטער דעם קאַפּטן פון דעם אַרטיסט און אונטער דער טיאַרע פון דעם פּויפּסט, ווען מען פלעגט שטאַרבן נאָר פאַר איין בליק, ווען מען איז געגאַנגען אויף פּיינען נאָר פאַר איין קוש.

דער יעזויט האָט געהאַט ניט בלויז גרויסע ידיעות, אַ ראַפינירטן גע־שמאַק, רעדנערטאַלאַנט און ליבע צו שיינס. ער איז געווען אַ שעפערישע נאַ־טור. ער האָט געקענט באַשאַפן אַ באַזונדער וועלט, וואָס זיין זשעני האָט איר געגעבן לעבן. ער איז געווען יענע שעפערישע פּערזענלעכקייט, יענער קינסט־לער, בייער גאָט, וועלכן די הייליקע פּאָעזיע זוכט אַזוי הייס. ער האָט געקענט אָנקליידן די אידעען און די סאַמע אַבסטראַקטע געדאַנקען אין בולטע גע־שטאַלטן, צוגעבן די צורות פון אַלטן עבר אַ כאַראַקטער פון הייליקייט. אַלץ איז באַגייסטערט געוואָרן אין זיין רעדע, וועלכע האָט געהאַט אַן אומ־בעוויינלעכע קראַפט פון איינפלוס.

און די דאָזיקע עשירות פון דער נשמה, דעם דאָזיקן טיפן שכל און געפיל פון שיינקייט האָט דע־קערן פאַרשווענדט אויף צעשטערערישער אַר־בעט. ער האָט אַרומגעפלאָנטערט מיט נעצן די הערצער פון די יינגלעך, וועל־כע האָבן זיך ערצויגן אין קאָלעדזש, האָט געמאַכט אויסגעלאַסן זייער ריינעם קינדערשן דמיון, האָט זיי אויסגעלערנט ווידערנאַטירלעכע זינד, צו וועלכע

ער האָט זיך איבערגעגעבן מיט זיי צוזאַמען מיט דער תאווה פון אַ סאַדיסט, אין די פּאָעטישע געשטאַלטן, וועלכע ער האָט געמאָלט פאַר סעבאַסטיאַנען, האָבן זיך אין אַ קאַפּריזער אַמאַלגאַמע צונויפגעגאָסן די העכסטע שיינקייט און דער מיאוסער שמוץ אינאיינעם. ער האָט געשטראָפט די זינד, אָבער דערביי האָט ער אין אַזעלכע העלע פאַרבן געמאָלט די אימות פון דער זינד גופא, אַז צוזאַמען מיט דער אימה האָט זיך אין סעבאַסטיאַנס נשמה אויפגעהויבן עפּעס אַזוינס פאַרכאַפּנדיקס, עפּעס אַ געהיימע גלוסטונג צו דער זינד. דער יעזויט האָט דעם יינגל געגייט מודה צו זיין זיך אין ניט עקסיסטירנדיקע נסיונות, האָט דערציילט וועגן דעם, ווי ער אַליין איז געווען אויסגעלאַסן אין קאָלעזש דורך אַ חבר, האָט דערציילט אינטימע פּרטים פון זיין משפחה־לעבן. „אויב איך אַנטפּלעק פאַר אייך אַלע די דאָזיקע שמוציקע זאַכן, מיין טייער קינד, האָט ער געשעפּטשעט קאָנוואולסיוו דריקנדיק סעבאַסטיאַנס האַנט, איז עס דערפאַר, וואָס איך וואָלט אייך וועלן פאַרהיטן פון דעם נסיון... אַז איר וואָלט וויסן, פאַר אַ גלוסטיק אויסזען ער נעמט אָן, פאַר אַ פאַרשיכורנדיקן אַראָמאַט, כדי צו פאַרנאַרן, פאַרדאַרבן אונז, פאַר אַ שפּיצלעך ער האָט דערצו"... ער האָט דערגרייכט דערצו, אַז סעבאַסטיאַן האָט זיך ביסלעכוויז איינגעוויינט מיט דער דאָזיקער אַטמאָספער פון אויפגערייצטקייט און לייבגעלוסטונג, אין וועלכער אַלע תענוגים פון לייב, אַלע פאַרקריפּלונגען פון זינלעכקייט, וועלכע ווערן אין דעם ריינעם קערפּער געשאַפן דורך דעם פאַרשמוצטן דמיון, האָבן זיך צוגעדעקט מיטן נאָמען פון געטלעכער ליבע. אין דער דאָזיקער פאַרעקשנטער צעשטערנדיקער אַרבעט האָט דער פאַטער דע־קערן געמאַכט פאַר מיטהעלפער די זון, דעם ים, די תאווהדיקע אָוונטן, די אויסגעשטערנטע נעכט, די גאַנצע נאַטור, וועלכע גיט נאָך, ווי אַן אַלטע קופּלערין, די ברוטאַלע פאַרלאַנגען פון דעם מענטשן.

ביידע פאַרבינדעטע, דער יעזויט און די נאַטור, האָבן אויף סעבאַסטיאַנען געווירקט דורך די סאַמע אידעלע אייגנשאַפטן—דורך דער ברייטקייט פון שכל, דורכן גלויבן אין אידעאַל, פאַרגיפטנדיק טראָפּן נאָך טראָפּן זיין באַוואוסטזיין דורך טויטנדיקן גיפט. אונטער דעם איינפלוס פון די שמועסן מיטן פאַטער דע־קערן האָט דער יינגל אין זיך דערפילט אַן אומגעוויינלעכע פיזישע אויפגערייצטקייט, וועלכע האָט אים דערשראָקן אַלס סימפּטאָם פון אַ געפערלעכער קראַנקהייט. ער האָט דערפילט, אַז אַ כוואַליע צעהיצטע בלוטן הייבט זיך אויף און ברענט אים די אָדערן. און ווען דער יעזויט האָט דערגרייכט זיין ציל און האָט געשטילט זיין תאווה, דערפירנדיק דעם יינגל ביז פאַלן, האָט

שון סעבאַסטיאַן פיל פאַרשטאַנען. ער האָט פאַרשטאַנען דעם פאַוואָריטיזם, וואָס הערשט אין דער שול, די אויסשליסלעכע אויפמערקזאַמקייט און די לאַסקעס, וואָס דע־קערן ווייזט אַרויס אייניקע תלמידים, און אַ פולע אַנדערע זאַכן, וועלכע ער האָט פריער ניט באַמערקט. ער האָט מיט אימה געקוקט אויף זייַנע חברים, וועלכע האָבן אויף זיך געטראָגן דייטלעכע שפורן פון דעם דאָזיקן אומגעהייערס קושן. זייערע בלאַסע געזיכטער און בענקענדיקע אויגן מיט בלויע רעדער האָבן געדינט פאַר אַ באַווייז פון דער אומפאַרשעמטקייט פון „דעם דאָזיקן פרעסער פון אומשולדיקע נשמות, פון דעם דאָזיקן רוצח פון קינדער". אָבער וואונדערלעכער פאַר אַלץ איז דאָס, וואָס דער געפיל פון מיטלייד צו די קליינע קרבנות האָט זיך צונויפגעמישט מיט אַ געפיל פון פאַרוואונדערונג, פון קנאה און עפּעס אַ פאַרגעטערונג צו דעם דאָזיקן אָנציענדיקן פאַרפלוכטן יעזויט". און אפילו נאָכדעם, אַז מען האָט אויף אים אָנגערעדט פאַר דעם, וואָס האָט אים פון וועג אַראָפּגעפירט און איצט געוואָלט פטור ווערן פון דעם געפערלעכן שותף אין זייַנע מעשים, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן פאַרשפאַרט אין אַן אייַנזאַמער צעל, האָט סעבאַסטיאַן, דערמאָנענדיק זיך די ביסעלע פריידן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין קאָלעזש, ניט געקאָנט פאַרגעסן די וואונדערלעכע אָוונטן ביים פענסטער פונם דאָרטואַר, וואו דער פאַטער דע־קערן האָט פאַר אים געלייענט שירים און דערציילט וועגן אומשטערבלעכע ווערק. און שפּעטער, ווען ער האָט פאַרלאָזן דעם קאָלעזש, אויסגעשלאָסן פון דאָרטן מיט חרפה, ווען זייַן לעבן איז אַוועק מיט אַ פלאַכן און גלייכן שטראָם, פלעגט ער זיך צייטנווייז דערמאָנען אָן דעם באַצויבערנדיקן יעזויט. אים האָט זיך געוואָלט הערן די שטימע, „אַ ווייכע און אַ דורכדרינגענדיקע". אים האָט זיך צייטנווייז געדאַכט, אַז ער איז געווען אויפריכטיק, בשעת ער האָט אים גערעדט זייַנע שיינע רעדעס אין דער אַמבראַזור פון פענסטער קעגן דעם נאַכטהימל.

דער יעזויט איז ניט קיין אידעאַל, אָבער עס איז פאַראַן עפּעס אַ געפערלעכע צווייַיקייט, וועלכע מען קאָן ניט אָננעמען, אין דעם אַווטאָרס באַציִונגען צו אַזעלכע געשטאַלטן. ווער עס איז אַ מוכיח קעגן זינד, יענער רייניקט די זינד ניט אַרום מיט אַזעלכע פּאָעטישע בלומען, קליידט די דערציילונג וועגן איר ניט אָן אין אַזעלכע באַצויבערנדיקע קלאַנגען. לייענענדיק מירבאָס ראָמאַן, דאַכט זיך צייטנווייז, אַז ער, דערדאָזיקער מאָדנער יעזויט, וואָס זייַן נשמה איז צונויפגעוועבט פון הימלישער שיינקייט און עקלהאַפטן שמוץ—דאָס

איז די איינציקע העלע דערשיינונג אויף דעם טונקעלן פאָן פון דער הייַנטי־
קער ווירקלעכקייט. דאַכט זיך, ווי דער אַווטאָר וואָלט געוואָלט זאָגן, אַז סע־
באַסטיאַן האָט פון קאָלעדזש אַוועקגעטראָגן ניט קיין צעקאַלעטשעטע נשמה
און קיין צעבראָכענעם קערפּער, נאָר יענס איינציק שיינס, צוליב וואָס עס
איז כדאַי צו לעבן, אַז דער יעזויִט האָט אים איבערגעלאָזן אויף גאָר זיין
לעבן ניט קיין יאוש און ביטערניש, נאָר די גרויסע פעיִקייט צו שאַפן, די
גרויסע קראַפט צו בלייבן אַ העלע פּערזענלעכקייט אין דער איינאַרטיקייט פון
טאָג־טעגלעכער עקסיסטענץ, צווישן די נישטיקע אינטערעסן און קליינלעכע
דאגות פון דער געזעלשאַפט, וועלכע טראָגט קנעכטיש אירע קייטן. צייטנווייז
איז שווער צו באַשליסן, וואו באַווייזט זיך דער אַווטאָר מיט זיין אמתן אויפ־
ריכטיקן בליק: צי דאָרט, וואו ער פאַרשטעלט דעם מיאוסן מאָנאַך, צי דאָרט,
וואו ער קליידט אים אָן אין אַ באַצויבערנדיקן קאָסטיום פון אַ געהיימענישפולן
דעמאָן, אַ מכשף, קעגן וועלכן מען קאָן ניט ביישטיין, אַ מכשף, וועלכער באַ־
זיצט אַלע כישופן צו פאַרנאַרן. ס'איז שווער צו פאַרשטיין, וואוהין האָט אונז
מירבאָ געבראַכט: אין היכל פון שטן, וואו מען זינגט שירים ותשבחות צו דעם
שלעכטס, צי אין דעם היכל פון גאָט, וואו עס הערט זיך אַ חרם צו דעם הער־
שער פון גהינום. עס דאַכט זיך, ווי דער אַווטאָר וואָלט געשמייכלט מיט אַ מע־
פיסטאָ שמייכל, ווי ער וואָלט זיך געפרייט מיט דעם כאַאָס, אין וועלכן עס
שליידערט זיך אַרום דער געדאַנק פון דער הייַנטיקער געזעלשאַפט, וועלכע איז
ניט פעיִק פונאַנדערצוקלייבן זיך אין די סתירות פונם לעבן. עס איז פאַראַן
עפּעס פאַראויסגענומענע כוונות אין דעם, וואָס מירבאָ שטעלט זיינע געניאַלע
פאַרפירער און סאַדיסטן אַוועק אין יענער סביבה, וואו די טראַדיציע באַזיצט
אַ באַזונדער לעבנסקראַפט, וואו דאָס פרייע אַרויסווייזן זיך פון דער פערזענ־
לעכקייט איז שוין אַן און פאַר זיך אַ זינד. דער יעזויִטישער קאָלעזש און די
קאַטוילישע גייסטלעכשאַפט — דאָס איז די סביבה, וואו עס שפּילט זיך אָפּ די
דראַמע צווישן סעבאַסטיאַנען מיט דעם אַבאַט זשול. אויב מען דאַרף ברענגען
צו אַ צוזאַמענשטויס די פערזענלעכקייט מיט דער וועלט אין זייערע עקסטרע־
מע אויסדרוקן, איז שווער צו געפינען אַ פּאַסיקערע סביבה. יעזויִטיזם, דער בולט־
סטער פון אַלע, וואָס זיינען נאָר דער וועלט באַקאַנט אויסדרוקן פון דער אי־
דעע פון אַסקעטיזם, פון אונטערטעניקייט און דיסציפּלין, און סאַדיזם,
דאָס בולטסטע אַרויסווייזן זיך פונם אומבאַצוימטן אינסטינקט, — דאָס זיינען
צוויי קעגנזעצלעכע פּאָלן. און די מאַכטלאָזע פּראָבעס פונם אַבאַט זשול צו
באַצוימען זיין לייב, אין דעם פּרוכטלאָזן געפיל פון תשובה און מיטלייד צו

סעבאַסטיאַנען, וואָס דער פאַטער דע־קערן לעבט אָפטמאָל איבער, הערט זיך די אָנערקענונג, אַז דער אינסטינקט איז אָנמעכטיק, הערט זיך שטירנערס שנאה צו די „גייסטער", וועלכע טוען אָן אַ צוים אויף דעם אַוטאָנאָמישן מענטשלעכן „איך". ווי די געשטאַלטן פון זשול און דע־קערן זאָלן ניט זיין אָפשטויסנדיק, זייען עס די איינציקע מענטשן, וועלכע קאָנען ניט דערשטיקן זייער פערזענלעכקייט לשם די גייסטער, און קעגן דער מיאוסקייט פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט האָט דער אַוטאָר ניט געקאָנט אַרויסשטעלן קיין אַנדער שיינקייט, אויסער דער שיינקייט פון דער זינד.

כמעט אין אַלע מירבאָס ראָמאַנען באַגעגענען מיר איינע און דיזעלביקע סכעמע פון דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשנס נשמה. די ריינע וועלט פונם קינד, וואָס קומט אויף דער וועלט אַראָפ מיט ליבע און מיט אַ געפיל פון ליכטיקן און פריידיקן לעבן, ווערט אויסגעטרייסלט און פאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט ביי דער ערשטער באַרירונג מיט דער זינלאָזיקייט און נוולות פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט, מיט דער פאַרברעכערישער און זינדיקער מענטשהייט. און דער אַרויסגאַנג פונם דאָזיקן קאָנפליקט, פון דער דאָזיקער בענקשאַפט פונם יונגן גייסט נאָך גליק און פרייהייט, איז ניט דער דאָרשט נאָך קאַמף קעגן דער זיך דעגענערירנדיקער געזעלשאַפט, נאָר אַ משוגענער שטרעבן צו זינד. די קראַפט פון אויסשליסלעכע נאַטורן ווייזט זיך אַרויס אין מער אָריגינעלן, מער פאַרכאַפנדיקן קולט פון שלעכטס. ניט זעענדיק אַרום זיך קיין ביישפילן פון קלוגן אָנווענדן די כוחות, ברענגט זיי די אויסשליסלעכע נאַטור אויס אויף יענע קראַנקע שטרעבונגען, מיט וועלכע עס זייען אָנגעשטעקט די אַרומיקע. און ס'קאָן זיין, אַז קיינער פון די פאָעטן מאָדערניסטן האָט ניט אַזוי אָפן, ווי מירבאָ, אַנטפלעקט דעם אמת, אַז צווישן דער בורזשואַזער געזעלשאַפט קאָנען איידלקייט, דאָרשט נאָך קרבנות און נאָך גבורות, ליבע צו דער מענטשהייט, בכלל די בעסטע זייטן פון דעם מענטשנס נאַטור, ניט געפינען קיין אָנווענדונג; אַז בענקשאַפט און אומרויִקייט איז דער גורל פון יעדער בולטער פערזענלעכקייט, וועלכע קאָן זיך ניט אָפרייסן פון די געשמאַקן און רגילותן פונם בורזשואַזן קלאַס, וועלכע קאָנען ניט אַוועקגיין צו יענע גרופעס פון דער געזעלשאַפט, וואו די מענטשלעכע כוחות ווערן ניט פרוכטלאָז פאַרשווענדט. אויב מירבאָ איז פעיִק צו שילדערן נאָר די שיינקייט פון אָפשטאַרבן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אויב אין דעם דאָזיקן שילדערן פילט זיך אָפטמאָל די בענקשאַפט פון דעם אַוטאָר גופא, וועלכער זאָגט קדיש נאָך דער וועלט, מיט וועלכער ער איז צונויפגעוואַקסן, וועלכער איז גלייך

ווי ער וואַלט זיך געשפּיגלט אין די העלדן, וואָס ער פאַרמשפּט צום טויט; אויב צייטנווייז דאַכט זיך, אַז אין דעם אַבאַט זשול און דעם יעזויִט דע־קערן האָט דער אַוטאָר אַריינגעלייגט אַ טייל פון זיין אייגענער נשמה, ווערט דער־פון ניט ווייניקער גוואַלדיק זיין בילד פון דעם מאָמענט, וואָס מיר לעבן איבער, און ניט ווייניקער העל די שיין, מיט וועלכער ער באַלייכט די עפּאָכע פון דעם קריזיס פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, די גרויסע סאָציאַלע איבערקערעניש, וואָס קומט פאַר פאַר אונזערע אויגן.

מירבאָ איז אַן אויספּאַרשער. ער געהערט צו יענע שריפטשטעלער, וועלכע שעפּן אויס דאָס בילד, וואָס האָט אויף זיי געמאַכט אַן איינדרוק ביזן סוף. אין איינע פון זיינע ווערק «Le Calvarie» האָט מירבאָ אָנגעשריבן די טיפּישע ביאָגראַפיע פון אַ היינטיקן מענטשן, די געשיכטע, ווי אַ מענטשלעכע נשמה איז אומגעקומען. ער האָט געשילדערט די טרויעריקע געשיכטע פון אַ מענטשן מיט אַ ריינער נשמה, מיט אַ וואַכזאַמען הארצן, מיט אַ געירשנטע פון די עלטערן נערוועזע אָרגאַניזאַציע, מיט אַ ווילנלאָזן שוואַכן כאַראַקטער, מיט קינסטלערישן געשמאַק און אפילו מיט ליטעראַרישן טאַלאַנט. די געשיכטע פון זשאַן מענטיע וויקלט זיך פונאַנדער פאַר דעם לעזער פון דעם מאָמענט אָן, וואָס ער איז געבוירן אויף דער וועלט, ביז דעם מאָמענט פון זיין פאַלן. דאָס איז אַ טיפּישער אינטעליגענט פון דער גרויסער שטאָט; אַ האַלבער דענ־קער און אַ האַלבער נעווראַסטעניקער, אַ מענטש פון שטימונג, וועלכער איז גלייך פעיִק צו דערהויבענע שטרעבונגען און צו זינדיקע מעשים. זיין גאַנצער מהות האָט זיך פון דער פריסטער קינדהייט געבונטעוועט קעגן דער רשעות פון דעם אַרומיקן לעבן, אָבער זיין פּראָטעסט האָט זיך אויסגעדריקט נאָר אין דעם געשריי פון מאַכטלאָזער פאַרצווייפלונג. די טראַגישקייט פון דעם היינ־טיקן לעבן האָט אין זיין פּערזאָן איינגעשלונגען איינע פון די שענסטע קרבנות, און דער איידעלער טיף פילנדיקער אָפּשטאַם פון דעם קלאַס, וואָס פאַרלעבט די לעצטע רעשטן פון דער עשירות, וואָס די עלטערן האָבן אָנגעקליבן, האָט געקאָנט קומען נאָר צו אַ טרייסטלאָזן אויספיר; ער מוז קעגן אייגענעם ווילן אָנטיילנעמען אין יענע פאַרברעכנס, מיט וועלכע דאָס לעבן איז פול, און זיין וואַכזאַמען הארצן בלייבט איבער נאָר צו ליידן, דעם מענטשן בלייבט איבער נאָר צו פאַלן, באַווייִנענדיק דאָס אייגענע פאַלן.

אין דער קינדהייט פלעגט זשאַן מענטיע ווערן אַ פאַרציטערטער, זעענ־דיק ווי זיין פאָטער, וואָס האָט ליב געהאַט צו פּייניקן חיות, פלעגט פון פאַר־געניגן וועגן שיסן קעץ. און אין דערוואַקסענער צייט האָט זשאַן ניט געקענט

ביט ליב האָבן דעם פאָטער. פון דער פריסטער קינדהייט אָן האָט זיין נאָך ביט פעסטגעוואָרענער מוח געאַרבעט איבער דער באַשיידונג פון די סתירות, וואָס זיינען פאַר אים אויפגעשטאַנען. אַלץ, וואָס ער האָט ליב געהאַט, האָט געמאַכט אומרחמנותדיקע וואונדן אין זיין האַרצן. ער האָט ליב געהאַט די נאַטור, אַלדאָס לעבעדיקס און זיין פאָטער, און דער פאָטער האָט געטויט פויגל, אינזעקטן, קעץ. ער האָט פאַרגעטערט די מוטער, און אַ קראַנקהייט האָט זי צוגעשמידט צום פאָטעל; שלעכטע ירושה, די זינד פון די עלטערן האָבן פאַרוואַנדלט איר לעבן כסדר אין אַ פּיין, האָבן צוגעשמידט איר דמיון צו זינדיקע טרוימען, אין וועלכע זי האָט געפילט אַ טעם פון קרענקלעכע תענוגים, וועלכע האָבן נאָך גיכער געמאַכט דעם פּראָצעס פון איר אומקומען. נאָך איר טויט קומט דער ערציער ריגאַר, וואָס זיינע לעקציעס דערמאָנען דעם אונז שוין באַקאַנטן קאָנפליקט צווישן דער קינדערשער נשמה, וועלכע דאָרשט נאָך אַן ענטפער אויף די פראַגן, וועלכע דאָרשט נאָך אַן ענטפער אויף די פראַגן, וועלכע מאַטערן אונז פון איין זייט, מיט די גלייכגילטיקע גריכישע און לאַטיינישע וואָקאַבעלן — פון דער צווייטער. פון אַלץ וואָס אַרום האָט גאָרנישט געקאָנט העלפן דעם קינד, און ער איז געבליבן אַן איינזאַמער לעבן פאָטער און לעבן לערער. וויפל קינדער וואָלטן געקאָנט ווערן גרויסע מענטשן, אויב עס וואָלטן זיי ניט קאַליעטשעט די אומוויסנדיקע און ניט פאַרשטייענדיקע עלטערן און לערער! — שרייט דער אַווטאָר אויס מיט דעם מויל פון זיין העלד. און ס'וואָלט זיך געדאַכט, אַז זשאַן, וועלכער פאַרשטייט די סיבות פון דעם אומגליק, וועלכער האָט אין דעם קורצן אויסגעשריי ריכטיק באַשטימט איינע פון די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע שלעכטסן, האָט פאַר זיינע אויגן געהאַט לפחות איין בלי ספק קלאָרע אויפגאַבע—דעם קאַמף קעגן דער פאַלשער דערציִונג: ער האָט געקאָנט געפינען איין אָנווענדונג פאַר זיינע כוחות, וועלכע האָט אין אים קיין ספק ניט אַרויסגערופן,—איין אָנווענדונג פאַר דעם אינסטיקט פון גוטס, וואָס די נאַטור האָט אין אים אַריינגעלייגט. אָבער זשאַן איז ניט אַוועק איבער דעם וועג. אין דער אַרומיקער סביבה זיינען ניט געווען די נייטיקע געגעבענע, אַז דער דאָזיקער אומבאַשטימטער אינסטינקט זאָל קאָבען באַקומען אַ קאָנקרעטן אויסדרוק, כדי די ניט-קלאָרע שטרעבונג זאָל זיך אויסגיסן אין אַ באַשטימטער פּראָגראַם פון מעשים, אין אַ באַוואוסטזיניק און קאָנסעקווענט זיך פאַרווירקלעכנדיקער סיסטעם. זשאַן לעבט איבער די אַלגעמיינע טראַגעדיע פון די דענקענדיקע פאָרשטייער פון דעם געזעלשאַפטלעכן קלאַס, וואָס זיין לאַגע איז צעטרייסלט דורך דעם גאַנג פון דער געשיכטע.

עס פאַלן אַלע ווערטן, אַלע פאָרשטעלונגען, געשמאַקן און תענוגים, וועלכע
זיינען איינגעשטעלט דורך דער הערשנדיקער גרופּע צוזאַמען מיט דער צע=
טרייסלונג פון זיין הערשאַפט. און די דענקענדיקע פאָרשטייער פון דער דאָזי=
קער גרופּע לעבן איבער די שווערע טראַגעדיע פון די רודינס *), וועלכע זעען
ווי עס גייט אונטער די אַלטע וועלט פון באַציִונגען און קאָנען ניט אַוועק צו
דער נייער וועלט, וועלכע ווערט ערשט געבוירן. קיין פּאַריז—דער ריזיקער שטאָט,
דעם כאַראַקטעריסטישסטן קינד פון דער בורזשואַזיע, וועלכע טויט אָפּ די נאַ=
טור, וועלכע קליידט אָן די ערד אין שטיין און אייזן,—קיין פּאַריז האָט זשאַן
געבראַכט נאָך אַן אוממיטלבאַרע נשמה, זיין „איך", וואָס איז נאָך ניט איינ=
גאַנצן אָפּגעמעקט דורך דעם משוגענעם דרייען זיך פון די שרויפן און די רע=
דער פון דעם הייִנטיקן מאַשינען=לעבן. פון דער טיפעניש פון דעם דאָזיקן
קאָכענדיקן גהיגום פלעגט זיך זיין געדאַנק אָפּט אַריבערטראָגן צו די פרידלעכע
פעלדער מיט זייער ליבן ריח פון באַאַרבעטער ערד, צו די גרינע וועלדער
מיט דעם גערויש פון זייערע בלעטער, מיט די קלעפּ פון דער האַק און מיט
דעם כמעט מענטשלעכן קלאָגן זיך פון די אַלטע דעמבעס. דאָ האָט די גרוי=
סע שטאָט פונקט אַזוי אַכזריש צעטראָטן זיינע יונגע שטרעבונגען, ווי די
משפּחה און די אומגעלומפּערטע דערציִונג האָבן צעשלאָגן זיין קינדערשע אומ=
מיטלבאַרקייט. דאָ איז אים אויך אַלץ געווען פרעמד און פיינדלעך. ער האָט
געפילט, אַז זיין פּערזענלעכקייט איז מאַכטלאָז עפּעס צו ענדערן צווישן די
דאָזיקע מענטשן, די דאָזיקע פאַנטאָמען, וועלכע באַוועגן זיך מיט אַ שנעלקייט,
אַז דער קאָפּ דרייט זיך; וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט שרעקלעכן עגאָיִזם,
וועלכע פאַרגעסן איינע די אַנדערע אָן רחמנות. און די דאָזיקע שנאה צו דער
ריזנשטאָט, וועלכע קאָכט איבער אין איר גרויסן מאָגן אי די טרוימען, אי
די איידעלע שטרעבונגען, אי די פּאָעזיע, אי די פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער
מענטשלעכער נאַטור, האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס עס האָט זשאַנען אָנ=
געהויבן צו ציִען אויף די בולוואַרן און אויף די גאַסן, צו די דאָזיקע ריחות,
בלומען און אויסגעלאַסנקייט. אַ געהיימע קרובהשאַפט האָט עקסיסטירט צווישן
דער זינד און זיין שונא, ווי זי עקסיסטירט צווישן דער צעלאָזנקייט פון דער
בורזשואַזער געזעלשאַפט און איר באַשולדיקער—מירבאָ. זשאַן האָט געהאַט אַ
געפיל פון עקל צו די הוליאַנקעס פון זיינע חברים, צו זייער רוישיקן
פריילעך זיין. „און פונדעסטוועגן,— דערציילט ער,— האָב איך מיך איינמאָל,
מיט צערייצטע נערוון, פלוצלונג אַטאַקירט דורך אַן אָנגריף פון תאווה, אַוועק=

*) אַ העלד פון טורגעניעווס אַ ראָמאַן.

גלאָזט אין אָוונט אין אַ שאַנדהויז. איך בין פון דאָרט אַוועק מיט שאַנד, אומ־צופרידן מיט זיך, ליידנדיק פון געוויסנספּיין און פילנדיק מיין לייב „פאַר־שוועכט". און ווידער האָט זיך דער דאָזיקער פּראָטעסט פון דער ריינער נשמה פאַרענדיקט ניט מיט אַקטיוון אַריינמישן זיך אין לעבן, ניט מיט אָנשטרענגונג פון ווילן, וואָס איז געריכטעט צו קאַמף קעגן שלעכטס, נאָר מיט מאַכטלאָזער קאַפּיטולירונג פאַר דעם גאַנג פונם לעבן, פאַר דער קראַפט פון דער איינגע־שטעלטער לעבנסאָרדענונג, פאַר דעם אינסטינקט, וואָס איז אים געקומען בירושה פון די צעקאַלעכשעטע דורות עלטערן.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט זיך אַ שטורעם פון נייע פּראָטעסטן אויפגעהויבן אין זשאַנס נשמה. און פונדעסטוועגן לאָזט ער זיך אַוועק אויף דער מלחמה. ער מאַכט דעם דאָזיקן זינלאָזן טריט, מחמת אים איז געווען אַלץ איינס. וואָרעם מען מוז דאָך אויף עפּעס אויסברענגען די כוחות, וואָס ברויזן אין דער נשמה, און די געזעלשאַפט ווייזט פאַר זיי ניט קיין אַנדער אָנווענדונג, אויסער לייבגעלוסטונג און רציחה. מירבאָ נוצט אויס דעם צופאַל, כדי אָנצושרייבן אַ פלאַמנדיקע פיליפּיקע קעגן מלחמה. ווייטער, דערציילנדיק די געשיכטע פון דער נשמה, וועלכע איז געקומען אויף דער וועלט מיט ריינער ליבע, מיט פריידיקן געפיל פון לעבן, שטעלט ער זי איצט אַוועק פנים אל פנים מיט דער מלחמה, ווי ער האָט זי פריער אַוועקגעשטעלט פנים אל פנים מיט דער אומגעלומפּערטער ערציִונג און מיט דער פאַרדאַרבנדיקער ווירקונג פון דער גרויסער שטאָט. זשאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז דער וועלט־גע־זעץ — איז קאַמף. דער דאָזיקער אַכזרישער געזעץ פון אַלגעמיינעם קאַמף לאָזט ניט בלויז פעלקער אַרויסצוטרעטן איינס קעגן אַנדערן; קינדער פון איין גזע, פון איין משפחה, אַרויסגעקומענע פון איין בויך, שמידן איינס קעגן צווייטן געווער. וואָס איז עס פאַר אַ פאָטערלאַנד, וואָס רייסט אָפּ מענטשן, פולע מיט ליבע, פון דער מוטער־נאַטור און שליידערט זיי אָן דער שטיפמוטער ערד — נאַקעטע און הונגעריקע מיט שנאה אין דער נשמה. וואָס איז עס פאַר אַ גע־בורטלאַנד, וועלכע איז פאַרקערפּערט אין דער פּערזאָן פון גענעראַלן, וועלכע ראַבירן און טויטן זקנים, אין דער פּערזאָן פון דאָקטוירים, וועלכע טרייבן ברוטאַל אַוועק אַ מוטער, וואָס באַוויינט איר זון! וואָס איז עס פאַר אַ היים־לאַנד, וואָס דאַרף פאַרוואַנדלען די רויִקע וואַסערן פון טייך אין שטראָמען בלוט, לאָזן פאַלן אויף די בית־עלמינס די טויטע קערפּערס פון זיינע בעסטע זין! דעם רוצח טויט מען און זיין קערפּער וואַרפט מען אַריין אין זיין רומ־לאָזן קבר. אָבער לכבוד דעם עראָבערער, וועלכער פאַרברענט און פאַרטיליקט

גאַנצע שבטים, בויען פעלקער אויס טריומפאַלע בויגנס און קניען אַרום זיין
קבר, און די קברים פון די דאָזיקע עראָבערער, באַפּוצטע מיט מירמלשטיין,
ווערן אָפּגעהיט דורך די הייליקע און די מלאכים. סאַר אַ חרטה עס האָט גע־
באָגט זשאַנס האַרץ דערפאַר, וואָס ער האָט ביז איצט אַזוי ווייניק זיך געסטאַ־
רעט אַריינצודרינגען אין די סודות פון דעמדאָזיקן לעבן, וואָס איז פול מיט
אומדערקלערלעכע רעטענישן. אים האָט זיך געוואָלט באַגרייפן דעם זינען פון
די אמונות, וועלכע פאַרטעמפּן, פון די רעגירונגען, וועלכע דריקן און פון די
געזעלשאַפטן וועלכע טויטן. ער האָט געדאָרשט נאָך וויסן, האָט אומגעדולדיק
געוואַרט אויפן סוף פון דער מלחמה, צו נעמען שטודירן ביכער. ער האָט גע־
וואָלט ווערן דער אַפּאָסטאָל פון דער וועלט. זיין מוח האָט באַשאַפן אַ פאַנטאַס־
טישע פילאָסאָפיע פון ליבע, אַ זינלאָזן בילד פון אייביקער ברידערשאַפט.
ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס מאָל איז שוין זשאַן אַרויף אויף דעם אמתן
וועג, וואָס וועט זיין נשמה אַרויספירן פון דער אומאויפהערלעכער צעמישונג
און בענקשאַפט.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז זשאַן האָט לסוף פאַרשטאַנען, אַז פאַר דעם
קלוגן מענטשן, וואָס האָט פיינט שלעכטס, וואָס איז באַשאָנקען מיט קרעפטן
און פעיִקייטן, איז אָפן אַ נאַטירלעכער וועג פון טעטיקייט: קלאָר מאַכן די
סיבות פון שלעכטס, שטיצנדיק זיך אויף די מענטשלעכע קענשאַפטן, און
היילקן די קרעפטן צום קאַמף מיט די דאָזיקע סיבות. אָבער פונקט ווי באַ־
גרייפנדיק די אומגעלומפּערטקייט פון דער היינטיקער דערציִונג, איז ער גע־
וואָרן איר קרבן, ניט איר צעשטערער, אַזוי איז ער אויך, דערפילנדיק די
פלאַמענדיקע שנאה צו מלחמה, געוואָרן ניט איר שונא, נאָר איר סאַמע זינ־
לאָזער משרת. ער איז באַגאַנגען אַ מאָרד אין דעם מאָמענט, ווען זיין נשמה
האָט זיך געריסן אַנטקעגן צו דעם, וועלכן ער האָט געטויט, ווען אים האָט זיך
שרעקלעך געוואָלט אַרומנעמען דעם, וועלכער איז אין אַ רגע אַרום געפאַלן
פון זיין קויל. די סצענע, וואו זשאַן שטייט אויף זיין פאָסטן און ער באַטראַכט
פון זיין באַהעלטעניש דעם צורייטנדיקן פרייס, געהערט צו די בעסטע זייטן,
וואָס מירבאָ האָט אָנגעשריבן. אין דעם מאָמענט, ווען די דאָזיקע צוויי מענטשן
טיילט פונאַנדער דער טיפסטער תהום, וואָס עמעצער אַן אומבאַקאַנטער פאַר
זשאַנען האָט אויסגעגראָבן, אין יענער מינוט הייבט זיך אין זיין נשמה אויף אַ
כוואַליע פון ריינער מענטשלעכקייט, דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געבראַכט אויף דער
וועלט מיט זיך, איידער זיין נשמה איז געוואָרן צעקאַליעטשעט פון דעם לעבן
מיט זיין בייז, שנאה און רציחה. ער קוקט מיט הנאה אויף דעם פרייס דעם

רייטער, וועלכער זעט אים ניט. דער דאָזיקער רייטער איז געווען באמת פראַכטפול, זיין שטאַרקער קערפּער האָט געאָטעמט מיט פולן לעבן. ער האָט געקוקט אויפן פעלד גיכער מיט אַ בליק פון אַ פּאָעט, איידער פון אַ זעלנער. ער האָט זיך איבערגעגעבן דער באַצויבערונג פון יונגן בתולהדיקן, יובעלדיקן פרימאָרגן. אַלץ וואָס שיידט מענטשן אָפּ איינעם פון אַנדערן, אַלע ווענטלעך, וועלכע זיינען אויסגעבויט אין משך פון טויזנטער יאָרן דורך דער מענטשהייט, האָבן זיך צעשאָטן פאַר דעם איינציקן נאַטירלעכן געפיל, פאַר דעם געפיל פון נאַטור און לעבן, פאַר דער פריידיקער ליבע צום ברודער מענטשן. אַזוי קלאָר איז פאַר זשאַנען געווען, אַז ליבע איז דאָס איינציקע, וואָס פאָדערט ניט קיין באַווייזן, נייטיקט זיך ניט אין טעמים פון שכל, אַז זי איז אמת דערפאַר, וואָס זי ווערט געבאָרן אין דער נשמה צוזאַמען מיט דעם ערשטן געשריי פונם מענטשן. זשאַן האָט אַלס מענטש ליב געהאַט יענעם, וועמען ער האָט, אַלס זעלנער און פראַנצויז, באַדאַרפט פיינט האָבן אויף טויט. ער טראַכט וועגן אים, וועגן זיין משפחה, וועגן זיין ווייב און טאָכטער. ניט אָפּט קאָן מירבאָ אַזוי בולט אויפדעקן די צווייִקייט, וועלכע מורשט דעם היינטיקן מענטשן; באַווייזן דעם קאַמף פון צוויי פערזענלעכקייטן, וועלכע לעבן אין אים, דעם קאַמף פון דעם ניט גערעכטן „איך“, וועלכער איז באַפרייט פון אַלע „גייסטער“, וואָס פליען אויסער אים פון איין זייט, און דעם צווייטן „איך“, וועלכער איז באַשאַפן דורך די מסורות, גלויבנס, דורך דער קירך, די מלוכה און דער וויסנשאַפט — פון דער צווייטער זייט. דאָס הייסט — באַלייכטן פון אַ צווייטער זייט דעם דואַליזם, וועלכער ליגט אין דעם יסוד פון דער מאָדערניסטישער פּאָעזיע, אַ נייער רוף צו דער באַפרייונג פון דער פערזענלעכקייט, וועלכע איז צעקוועטשט פון די אַלטע שטיצזיילן, וועלכע האַלטן אונטער די פעסטקייט פון דער בורזשואַזער וועלט. און זשאַן, וואָס זיין גאַנצער וועזן האָט זיך געבונטעוועט קעגן מאָרד, האָט דערמאָרדעט דעם רייטער; ער האָט ניט געדענקט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, ווי עס האָט אָפּגעקלונגען דער שאָס. „פאַר וואָס? צוליב וואָס? איך האָב דאָך אים ליב געהאַט; ווען די זעלנער וואָלטן אים געדראָס, וואָלט איך דאָך אים באַשיצט; אים, וואָס איך האָב געהרגעט“. די וועלט האָט מנצח געווען, דער „איך“ האָט זיך איר אונטערגעגעבן. די טראַדיציאָנעלע פאָרשטעלונגען וועגן חוב, די אידעע פון נאַציע, דער פּאַטריאָטיזם, דער געדאַנק וועגן די חברים און פיל אַנדערע זאַכן, וואָס דער זון פון דעם בורזשואַזן יאָרהונדערט זויגט איין מיט דער מוטערס מילך, — אַלע די דאָזיקע גייסטער, וועלכע באַשאַפן זיין צווייטן „איך“, האָבן אומבאַ-

וואוסט פאַר זשאַנען געגעבן יענעם שאָס. קעגן וועלכן עס איז אַרויסגעטראָטן זיין אמתער „איך", וואָס ער האָט אים אויף אַ רגע געפונען און וואָס איז געווען באַפרייט פון די הונדערטיעריקע אָנשיכטונגען.

די מלחמה האָט אין אים אַריינגעטאָן דעם פאַרלאַנג צו „וויסן און שאַפן", זי האָט אין אים פאַרשטאַרקט די מוסקולן און דעם קערפּער. זשאַנס פאָטער איז געשטאָרבן. פאַר אים האָט זיך געעפנט דער ברייטער וועג פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דער גלח האָט אים געבעטן בלייבן אין דער היים, וואו ער וואָלט געקאָנט ווערן אַ מער. „מיר דאַרפן האָבן פאַרשטאַנדיקע מענטשן, וועלכע פאַרטיידיקן די רעליגיע און די גוטע פרינציפּן" — האָט דער קיורע געזאָגט. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אינדיווידואַליסט, ווי זשאַן, האָט אויסגעוויזן נישטיק אַזאַ מין וועג, וואָס פירט צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער מיסיע, צו וועלכער ער האָט אין זיך דערפילט דעם באַרוף בשעת דער מלחמה. און אַנדערע מענטשן, וועלכע זיינען ניט ענלעך אויף דעם גוטמוטיקן גלח, האָט ער ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט קענען. און ער איז אַריבערגעפאָרן קיין פאַריז, און האָט געענדיקט אַזוי, ווי עס ענדיקן אַלע מירבאָס העלדן, ד. ה. מיט משוגענע אָרגיעס פון תאווה. ער גיט זיך איבער אין דער מאַכט פון אַן אויסגעלאַסענער פאַרפירערישער פרוי. ער ווערט רויִנירט, כּדי צו באַפרידיקן אירע קאַפּריזן, ער פאַלט וואָס אַ טאָג אַלץ נידעריקער, שליידערט אַרויס אויפן גאַס די אָרימעלייט, זיין פאָטערס בעלי־חובות, כּדי צו באַצאָלן פאַר אירע בריאַליאַנטן, נעמט צו דאָס לעצטע געלט ביי זיין פריינד, לעבט אויפן חשבון פון דער פרוי, וואָס זי אַליין לעבט אויפן חשבון פון אירע געליבטע. יעדע נייע מדרגה פון פאַלן רופט ביי אים אַרויס אַ כוואַליע פון יאוש, אָבער זיין ווידערשטאַנדסקראַפט ווערט שוואַכער, און סוף כּל סוף ווערט ער אַ שפּילצייג פון זיינע שטימונגען, פון זיין ליידנשאַפט. און ער קומט ווי אַ בעטלער אויסמאָנצלען ליבע ביי יענער, וועלכער האָט אים אַוועקגעוואָרפן נאָך זיין רויִנירן זיך און האָט זיך געפונען נייע פאַרערער, וועלכע באַצאָלן פאַר אירע קאַפּריזן.

עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען זשאַן האָט געטרוימט אויסגעלייזט צו ווערן פון זשוליעטעס בייזן כּישוף אין אַ פאַרוואָרפן ווינקעלע אין ברעטאַן, אין אַ פישערדערפל. זיין פריינד לירא פאַרזיכערט אים, אַז דאָרט וועט ער געפינען מנוחה ביי די פּשוטע מענטשן, וואו ער וועט קאָנען אויסשטודירן זייער אָרעם לעבן, וואָס פאַרדינט אַכטונג, זייער מאַרטירערישע הכנעה צום גורל. לירא האָט זיי אָנגערופן העלדן, וועלכע די זאַטע און צופרידענע אַכטן ניט, האַלטנדיק זיי פאַר חיות, און ער האָט געראַטן זיין פריינד אַ בליק צו

טאָן אויף זייערע הענט מיט מאָזאָליעס, אויף זייערע אויגן, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ דער רוים פון ים, אויף זייערע קרעכצן, וואָס, הערנדיק זיי, ווילט זיך וויינען. אָבער — אַ קינד פון דער גרויסער שטאָט — האָט ער געבראַכט אין דעם דאָזיקן שטילן ווינקל זיין לײַדנשאַפט, און האָט נאָר צעשטערט די שטילע רו פון דער נאַטור און דעם פרידן פון די דאָזיקע שטילע מענטשן מיט זיין בענקשאַפט, מיט זיין אומרויִקער נשמה. הערנדיק פון אַ ברעטאַנערין די מעשה וועגן דעם טראַגישן טויט פון די אומדערשרעקלעכע האָרעפּאַשניקעס פונם ים, האָט ער געטראַכט וועגן זשוליעטען. פּאַריז האָט אין אים אָפּגעטויט דעם אומסיטלבאַרן געפיל פון לעבן און נאַטור, מיט וועלכן ער איז געבאָרן געוואָרן אויף דער וועלט. ער האָט פיינט געהאַט די די דאָזיקע נאַטור, דעם ים, דעם הימל, די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געיאָגט, און דעם אָפּרישנדיקן ווינט און די פייגעלעך, וואָס האָבן געשוועבט אין דער לופט. „וואו קאָן פאַר זיך געפינען אַ מקום מנוחה דער ליידנדיקער מענטש?... וואו איז די שטימע, וועלכע וואָלט אים קאָנען באַרויִקן?... וואו איז דער מיטלייד, וואָס וואָלט אים געקאָנט אויסווישן די וויינענדיקע אויגן? אוי, איך קען דעם פון זינד־ריינעם זונאויפגאַנג, און די שיינענדיקע שעהן פון האַלבן טאָג, און די פאַרטראַכטע אָוונטן, און די שטערנדיקע נעכט!... איך קען אויך די ווייטן, וואו די נשמה ווערט גלייך ווי ברייטער, וואו עס צעגייען און פאַרגייען די טרויערן!... צי דען זיינען הינטער דעם דאָזיקן פאַס פון האָריזאָנט, הינטער דעם דאָזיקן ים ניט פונקט אַזעלכע לענדער, ווי דאָ? צי דען זיינען דאָרט ניטאָ קיין מענטשן, בוימער, פאַרשיידענע אָפּקלאַנגען?... ערגעץ ניטאָ קיין מנוחה, ערגעץ ניטאָ קיין שטילשווייגן". ער האָט געבראַכט זיין בענקשאַפט, זיינע אומרויִקע לײַדנשאַפטן אין דעם שויס פון דער נאַטור, און, ווי דער לייטענאַנט גלאַן, האָט ער זיך מיט איר ניט געקאָנט צונויפגיסן אין פאַנטעיִסטישן געפיל. און די גאַנצע אימה פון לעבן, אַלע ליידן און טרערן פון דער מענטשהייט, — דאָס אַלץ גיסט זיך אין זיינע אויגן צונויף אין איין וואָרט: פרוי. זעענדיק אַן אַרבעטער, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די פאַרפּוצטע עקיפּאַזשן, אין וועלכע עס זיינען געזעסן זאָרגלאָזע און שטאָלצע פרויען „מיט טעמפּע צורות און צעקראָכענע לייבער, וועלכע זיינען צעפּוילט פון זינד", איז זשאַן גרייט צו טאָן אַ געשריי צו דעם דאָזיקן האָרעפּאַשניק: „וואָס טוסטו דאָ, נאַרישער מענטש? צו וואָס קוקסטו אַזוי אויף די דאָזיקע פרויען? די דאָזיקע פרויען — דאָס איז דאָך דער שפּאָט איבער דיין אָרעמען רעקל, איבער דיינע פון מידקייט צעבראָכענע הענט, איבער דיין גאַנצן ניש־

טיקן קערפּער, וועלכער איז געדריקט פון טאָגטעגלעכע ליידן. דו מיינסט אין די טעג פון רעוואָלוציע נוקם זיין זיך אָן דער געזעלשאַפט, וואָס דריקט דיך, טויטנדיק זעלנער און גלחים, אַזעלכע שטילע און ליידנדיקע ווי דו אַליין. און קיינמאָל האָסטו ניט אַ טראַכט געטאָן, אַז דו דאַרפסט אויפשטעלן עשאַפּאָטן פאַר די דאָזיקע פאַרפלוכטע באַשעפענישן, פאַר די דאָזיקע בלוטדאָרשטיקע חיות, וועלכע גנבענען פון דיר דאָס ברויט, די שיין פון דער זון... זע-זשע!... די געזעלשאַפט, וואָס פאַרפאָלגט דיך אכוריש, וועלכע באַמיט זיך, אַלץ שווערע און שווערער צו מאַכן די קייטן, וואָס שמידן דיך צו צו אייביקער אָרעמקייט — אָט די געזעלשאַפט פּראָטעזשירט זיי, מאַכט זיי רייך, די טראָפּנס פון דיין בלוט פאַרוואַנדלט זי אין גאָלד, כדי צו פאַרדעקן די מיאוסע ברוסט פון די דאָזיקע פאַראַכטע... כדי זיי זאָלן קאָנען וויינען אין פּאַלאַצן, פּאַלאַצן אונטער דער לאַסט פון פּראַצע, פגרסטו פון הונגער, אָדער דו שטאַרבסט אויף די באַריקאַדן..." די געשיכטע פון זשאַן מענטיע פאַרענדיקט דער אַוטאָר אויף יענעם מאָמענט, ווען, אויסגעמאַטערט פון ליבע און אייפערזוכט, קוים וואָס אויסגעמיטן פּולקומע משוגעת, קויפט זיך דער העלד פונם ראָמאַן אַן אַרבעטער-בלוזע און לאָזט זיך אַוועק, ער ווייס אַליין ניט וואוהין. די אויבנגעבראַכטע טיראַדע און דער דאָזיקער סוף גיבן אַ גרונט משער צו זיין, אַז זשאַן האָט פאַרשטאַנען, און וואָס פאַר אַ סביבה ער קאָן געפינען שטיצע און פעסטן אָנלען אין זיין שנאה צו דער פאַרווילדעטער בורזשואַזער געזעלשאַפט. דער אַוטאָר האָט באַצייטנס אַראָפּגעלאָזן דעם פאָרהאַנג. ער קאָן טיף אַריינדרינגען אין דער קראַנקער נשמה פון דעם צעבראָכענעם קינד פון דער בורזשואַזיע, וועלכע שליידערט זיך פון ליכטיקע אידעאַלן אין די אָרעמס פון אַ פּראָסטיטוטקע. אָבער זשאַן אין דער ראָלע פון אַ סאָציאַליסט—דאָס איז אַ געשטאַלט, וועלכע איז אפשר ניט צוטריטלעך פאַרן פּענזל פון ראַפינירטן קינסטלער פון דער זיך אַנטאַרטנדיקער בורזשואַזיע. מירבאָ האָט געבראַכט זיין העלד צו דעם זיכערן קוואַל פון רעטונג און האָט אים פאַרלאָזן. ער איז געבליבן געטריי זיין אויפגאַבע—שילדערן די אָפּשטאַרבנדיקע וועלט, גיט אַריינדרינגענדיק אין די סודות פון דער נייער וועלט, וועלכע קומט צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער אָפּשטאַרבנדיקער.

אַלע אַממערסטן בולטע געשטאַלטן אין די ראָמאַנען פון מירבאָ זיינען אויסגעוועבט פון די דאָזיקע צוויי עלעמענטן. אין דער נשמה פון די דאָזיקע העלדן לעבט דאָס פלאַמענדיקע רייסן זיך צו פרייהייט, צו העלן שיינעם לעבן, און די דאָזיקע שטרעבונג ענדיקט זיך מיט שרעקלעכע קאָנוואולסיעס

פון לייבגעלוסטונג, מיט געשלעכטלעכער משוגעת, מיט סאַדיזם און מיט די ווילדסטע אומנאַטירלעכקייטן. קלאַרע, די העלדין פון דעם ראָמאַן «Le jardin des supplices» איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישסטע געשטאַלטן פון דעם דאָזיקן מין. אויב «Le calvaire» שילדערט אונז די געשיכטע פון דער קראַנקהייט, איז אין «Le jardin des supplices» פאָרגעשטעלט די שאַרפסטע פאָרם אירע. ס'איז שווער איבערצוגעבן יענע ווילדע פאָרמען פאַרדאַרבונג פון דער מענטשלעכער נאַטור, וועלכע די פאַנטאַזיע פון דעם ראָמאַניסט האָט באַשאַפן אין דעם דאָזיקן ווערק. ער באַווייזט אונז שרעקלעכע זאַכן, געטלעכע זאַכן, די טיפקייט גופא פון ליבע און טויט. אין דעם העלד פון דעם דאָזיקן מיט משוגעת באַווייטן ראָמאַן ווערט פאַרשוואונדן אַלץ, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון די געוויינלעכע פאָרשטעלונגען וועגן חוב, וועגן אָנשטענדיקייט, וועגן געגומענער אויף זיך התחייבות. קלאַרע שטייגט אַריבער דעם אַבאַט זשול און זשאַן מענטיע מיט איר שנאה צו דער פאַרשמידנדיקער פאַלשקייט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, מיט איר בענקשאַפט נאָך פרייהייט און שיינקייט. זי זאָגט איר באַגלייטער צו פאַלש, אָבער אין דער דאָזיקער פאַלשקייט איז פאַראַן וואַגן און שיינקייט, אַ באַרוישנדיקע קראַפט, וועלכע גיט פאַרגעסונג, וועלכע פאַרשלעפערט דעם געוויסן, פאַרזיכערט די פרייהייט. צי דען לעבט ער ניט אַלץ איינס אין נעצן פון ליגן, נאָר פון ליגן קליינלעכן און מיאוסן. אין כינע, זאָגט זי, איז דאָס לעבן פריי, גליקלעך און גאַנץ; דאָרט זייבען ניטאָ קיין אָפגערעדקייטן, פאָראורטיילן פון געזעץ, לפחות פאַר אונז. דאָרט איז פאַראַן נאָר איין גרענעץ פאַר דער פרייהייט—דאָס איז דער מענטש גופא, און נאָר איין גרענעץ פאַר ליבע—דאָס איז די יובעלנדיקע פאַרשיידנאַרטיקייט פון אירע פאַרלאַנגען. אייראָפע און איר צביעותדיקע באַרבאַרישע ציוויליזאַציע איז פאַלש. „וואָס טוט איר דען, אויב איר לייגט ניט זיך, אַנדערע, און אַלעם דעם, וואָס אין דער טיפעניש כון אייער נשמה אָנערקענט איר פאַר אמת. איר זייט מחויב אַרויסצווייזן אויסערלעכע אַכטונג צו פערזאָנען און אַנשטאַלטן, וועלכע איר האַלט פאַר אומגעלומפערטע. איר זייט צוגעשמידט מיט קייטן צו מאָראַלישע און געזעלשאַפטלעכע אָפגערעדטע זאַכן, וועלכע איר פאַראַכט און פאַרמשפט, אין וועלכע איר זעט קיין סענס ניט. דווקא אָט די שטענדיקע מחלוקה צווישן אייערע אידעען און פאַרלאַנגען פון איין זייט, און די טויטע פאָרמען, פוסטע געשפענסטער פון דער ציוויליזאַציע פון דער צווייטער, פילט אונז אָן מיט טרויער, נעמט אָפ די רויקייט און דאָס גלייכגעוויכט. אין דעמדאָזיקן שווערן קאָנפליקט פאַרלירט איר יעדע פרייד פון

לעבן, יעדן שפּירן די אייגענע פּערזענלעכקייט, וואָרעם יעדע רגע דריקט מען, פאַרהאַלט מען, שטעלט מען אָפּ די פרייע שפּיל פון אייערע קרעפטן. אַזאַ איז די פאַרגיפטנדיקע, טויטברענגענדיקע אַטמאָספערע פון דער ציוויליזירטער וועלט". און זי רופט אים קיין כינע, וואו אַלץ איז צוגעפּאַסט צום פרייען לעבן און ליבע.

די דאָזיקע איבערצייגנדיקע רייד האָבן געווירקט אויף דעם עמבריאָלאָג. ער האָט געפילט, אַז ערגעץ אין דער טיפעניש פון זיין נשמה הייבט זיך אויף אַ פּראָטעסט אין נאָמען פון ערע און חוב. אָבער צי דען איז ניט לעכערלעך אָפּצושטעלן זיך אויף ערע און חוב, ווייבאַלד אַז מיט יעדן טריט ווערן זיי צעשטערט. ווייבאַלד די עקספּעדיציע גופא קיין ציילאָן איז געווען אַן אומערלעכע אַוואַנטורע, איז דען ניט אַלץ איינס, ציילאָן צי כינע. אין ביידע פאַלן די זעלביקע פאַלשקייט. אין דעם ליגט טאַקע דאָס אומגליק פון דעם מענטשן, וועלכער דרייט זיך אַרום אין דעם קרייז פון די בורזשואַזע פאָרשטעלונגען, וואָס ער איז איינגאַנצן אַרומגעפּלאָנטערט מיט ליגן, און וואָס פאַר אַ נבלה מען זאָל אים ניט פאָרלייגן, וועט זיך אַלע מאָל אַרויסווייזן, אַז בעצם טוען זי שוין סיי ער, סיי די אַרומיקע פון לאַנג, נאָר מען רעדט וועגן איר ניט לויט אַ שטילן הסכם צווישן זיך. און מענטשן מיט אַ שטאַרקן בולטן כאַראַקטער זעען דעם אונטערשייד צווישן ליגן און האַלבליגן נאָר אין דעם, וואָס אין דעם ערשטן איז מער שיינקייט, מער ענלעכקייט צו פרייהייט און דרייסטקייט. מירבאָ, דער מאָלער פון די דאָזיקע מענטשן מיט זייער אייגנאַרטיקער וואָרהאַפטיקייט און צינישער אָפנהערציקייט, האָט אין קלאַרעס מויל אַריינגעלייגט די אַפּאָלאָגיע פון בייז. אירע רייד—דאָס איז אַ שאַרפזיניקע באַרעכטיקונג פון זינד, אַ גלענצנדער פאַניגיריק צום צינישן עגאָיזם. אין דער אָנרחמנותדיקער קריטיק, וועלכע זי גיט איבער דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע, איז פאַראַן פיל אמת. אָבער קלאַרע, ווי אַלע מירבאָס העלדן, קען ניט אַלע שיכטן, פון וועלכע די היינטיקע געזעלשאַפט באַשטייט. זי נעמט אין אַכט נאָר דאָס לעבן פון די קלאַסן, וועלכע באַזיצן, געגליכן צו איר, גרויסע מיטלען און פלייסן זיך אויסצוטראַכטן נאָך ניט געפּרוווטע תענוגים. זי פּראָטעסטיר'ט ניט קעגן דעם, וואָס די דאָזיקע פריידן פון לעבן פאַלן אַריין אין גורל פון אַ קליינער צאָל מענטשן, נאָר קעגן דעם, וואָס די דאָזיקע קליינע צאָל גליקלעכע זיינען אַוועקגעשטעלט אין באַדינגונגען, וועלכע נעמען ביי זיי אָפּ די מעגלעכקייט אַרויסצובאַקומען פון זייער פּריווילעגירטער לאַגע די קווינט־עסענציע פון תענוגים. איר האָט פאַרלאָרן דעם געשמאַק צום לעבן, דאָס שפּירן אייער פּערזענלעכקייט,—זאָגט זי

צו דער אייראָפּעיִשער געזעלשאַפט, — וואָרעם יעדע רגע דריקט עפּעס און שטעלט אָפּ די פרייע שפּיל פון אייערע קרעפטן.

אַזוי אַרום איז דער ציל פון לעבן — דער תענוג, דאָס אַרויסווייזן זיך פון דער פּערזענלעכקייט, וואָס איז פריי פון קריטיק און רעגולירנדיקער ווירקונג מצד דעם שכל, פון פליכט און אויסערלעכע באַדינגונגען; דאָס פולע אַרויסווייזן זיך פון דער פּערזענלעכקייט מיט אַלע אירע אייגנשאַפטן סיי פּאָזיטיווע, סיי אויך אָפּשטויסנדיקע. די דאָזיקע עגאָצענטרישע פילאָסאָפיע איז ניט קיין נייע. די בורזשואַזע האָט זי אַראָפּגעבראַכט אויף דער וועלט צוזאַמען מיט דער אייגענער הערשאַפט, זי האָט זי אַנטוויקלט, אַלץ פאַרטיפט, וואָס מער איר הערשאַפט האָט זיך פאַרברייטערט, נעמענדיק צו זיך אויף דינסט אי די פילאָסאָפיע, אי די וויסנשאַפט, אי די פּאָעזיע, ווי עס האָבן שטענדיק געטאָן די הערשנדיקע קלאַסן. אָבער פריער האָט זי געוועקט די ענערגיע און די אַקטיווע קראַפט אין אירע נאָכפאָלגער, זי האָט זיי געלאָזט אויסקעמפן זייער גליק, קעמפן און זיין אויף דער וואַך. איצט, ווען די רעאַלע באַציִונגען און די באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט האָבן זיך געענדערט, ווען עס האָט זיך געענדיקט דער קריגערישער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דער בורזשואַזיע, האָט די דאָזיקע פילאָסאָפיע געבראַכט צו פּראָסטיטוציע און אַנטאַרטונג, וואָרעם אונטער אירע פליגל האָבן זיך באַהאַלטן מענטשן, פאַר וועלכע דאָס גליק און די הערשאַפט איז עראָבערט געוואָרן דורך זייערע עלטערן, און וועלכע דאַרפן אויסברענגען אַ ירושה, וואָס זיי האָבן באַקומען אָן מי. דער עגאָיִזם פון דער קריגערישער בורזשואַזיע האָט לפּחות געגעבן אַ מעכטיקן שטופּ פאָראויס דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע, האָט אין דער פּערזענלעכקייט אויפגעוועקט דעם אינסטינקט פון קאָנקורענץ, און דערפירט ביז די עקסטע גרעניצן דעם אינסטינקט פון אייגנטום. פון שטאַנדפּונקט פון אינדיווידואַליזם וואָלט דאָס אַלץ געקאָנט באַגריסט ווערן אַלס מעכטיקער סטימול צו דער אַנטוויקלונג פון דעם שעפערישן יסוד אין דער פּערזענלעכקייט, אַלס סטימול צו איר זעלבסטבאַשטימונג. אָבער די אייניקלעך פון קאַרדאָנע און באָנדערבי, מענטשן מיט שעפערישער איניציאַטיוו און מיט אייזערנעם ווילן, זיינען די מיליאָנען אָנגעקומען שוין גרייטע. ביי זיי זיינען איבערגעבליבן די עגאָיִסטישע אינסטינקטן פון די אורעלטערן, זיי האָבן פאַרלאָרן זייער ענערגיע, ווי דער פראַנצויזישער אַדל פון VIII יאָרהונדערט האָט פאַרהיט די ריטערישע מסורות וועגן שווערד און ערע, האָבן אָבער פאַרלאָרן די נויטווענדיקייט ביי די נייע באַדינגונגען צו באַנוצן זיך מיט דעם שווערד

צווישן די פרידלעכע פאַרוויילונגען פון ווערסאַלער הויף. קלאַרעס פאָטער
איז געווען אַ סוחר. קלאַרע איז געוואָרן אַ דעקאַדענטין און האָט זיך אַריינגע=
לאָזן אין תענוגים. דער דאָזיקער טויש — דאָס איז אַ געוויינלעכע ערשיינונג
פון אונזער צייט. קאָמערסאַנטן און פאַבריקאַנטן לאָזן איבער זייערע עשירות
עפּיקורעער און זשוירן, און די מענטשהייט פאַרשפּילט דערפון קנאַפּ. דאָס
לעבן, וואָס קלאַרע שטעלט אַרויס אַלס אידעאַל קעגן דער פאַלשער ציוויליר=
זאַציע — דאָס איז אַן אומאויפהערלעכע אָרגיע פון מענטשן, וועלכע זיינען פון
אויסגעלאַסנקייט געוואָרן מכוּרף. די סודות פון ליבע. וועגן וועלכע קלאַרע
רעדט, זיינען באַשטאַנען אין פאַרדאַרבן דעם ליבע=געפיל. איז זי אַוועק קיין
כינע אָנקווען, ווי מען פייניקט פאַרברעכער. אין דער שילדערונג פון אַוועקאָר
איז כינע דאָס קלאַסישע לאַנד פון עינויים. דאָרט זיינען תליונים=ווירטואָזן,
דאָרט ווערן געגעבן פרעמיעס און געלערנטע טיטלען פאַר ערפינדערישקייט
אין דער קונסט פון טויט=שטראָפן. און אָט האָט קלאַרע אין דער הימלישער
אימפעריע אַנטדעקט אַ גאָרטן, וואו צווישן וואונדערלעכן גרינס און רייכע בלו=
מען פונם מזרח קאָרטשען זיך מענטשלעכע קערפּערס אין אימהדיקע צאַפּ=
לענישן, הערן זיך מענטשלעכע קרעכצן. עס איז שווער איבערצוגעבן די
אימות, וואָס די פאַנטאַזיע פונם ראָמאַניסט האָט אָנגעשליידערט איינע אויף די
אַנדערע אין דעם „גאָרטן פון די פייניקונגען". געניאַלע שילדערונגען פאַר
פייניקונגען, דאָס סאַמע קאָמפּליצירטע איזדיעקעווען זיך איבער דער מענטשלעכער
נאַטור — די דאָזיקע קונסט האָט געפונען אָנווענדונג אין אַזאַ סביבה, וועלכע ווייזט
אויס ווי אַ צויבערלעכער גן=עדן. די נאַטור האָט אין דעם דאָזיקן גאָרטן אָנגעוואָרפן
די שענסטע מתנות אירע; דער מענטש האָט אַהער געבראַכט די מיאוסטע שאַפונ=
גען זיינע. אין דער שילדערונג פון דעם דאָזיקן פאַנטאַסטישן בונד צווישן שיינ=
קייט און אימה דערגרייכט מירבאָ טאַלאַנט די העכסטע מדרגה. דאָס זיינען
בילדער, וואָס זיינען לכתחילה אויסגערעכנט דערויף, אַז דאָס בלוט זאָל גלי=
ווערן אין די אָדערן, און די האָר זאָל זיך שטעלן אויפן קאָפּ. און אין דעם
דאָזיקן ווינקעלע פון דער ערד האָט קלאַרע געפונען דעם אידעאַל, וואָס די
טונקעלע אייראָפּעישע ציוויליזאַציע האָט איר ניט געגעבן. דער אָנזיכט פון
מענטשלעכע פייַנען האָט אין איר אויפגעוועקט לעבנסקראַפט, אָנגעצונדן
פלאַם פון ליידנשאַפט. דאָס צוקוקן זיך צו די בילדער פון די שרעקלעכע
חרפות, וועלכע מען האָט געוואָרפן אויף מענטשן, האָט איר געבראַכט דערצו,
זי זאָל זיך וואַרפן אין די אָרעמס פון איר געליבטן און קושן אים מיט טאָ=
פּעלער ליידנשאַפט.

קלאַרע איז אַן אומגעוויינלעכער נפש, וועלכער שטייגט ווייט אַריבער
די אַרומיקע מיט די פאָדערונגען, וועלכע זי שטעלט אַרויס צו דער שעפערי=
שער פערזענלעכקייט. אומעטום פאַרווירקלעכט מירבאָ די זינד אין אַזעלכע
געשטאַלטן, אַז זי האָט אַ מעכטיקע פאַרפירערישע קראַפט, און די האַלבזינדיקע
אייראָפּעישע געזעלשאַפט שטעלט פאַר עפּעס אַלטס און נישטיקס לגבי דער
שיינקייט פון דער עכטער זינדיקייט. די דאָזיקע געזעלשאַפט איז שטיין גע=
בליבן אויפן מיטן וועג, זי האָט ניט מֶעיז געווען צו דערפירן ביז די עקסטע
אויספירן די פאָדערונגען פון איר נאַטור, און אַזעלכע פרויען, ווי קלאַרע,
האָבן אין זיך געפונען געגוג העזה פאַר אַזאַ טריט. דאָס זיינען אויך אַ מין
קעמפער קעגן דער הייגטיקער געזעלשאַפט. זיי קעמפן קעגן האַלב=ליגן—אין
נאָמען פון ליגן און דורך ליגן; קעגן דער געהיימער צעלאָזנקייט—דורך צע=
לאָזנקייט אָפענער און ציניש‏ער. דאָס זיינען ניט פשוט נעוראַסטעניקער און
ציניקער, דאָס זיינען באַגאַבטע און וואַכזאַמע מענטשן, וועלכע האָבן אָפּט
פאַר דעם פרייז פון שווערע ליידן באַקומען זייערע מטורפדיקע אויספירן.
אַפילו דער כינעזישער תליון, וועלכער איז אַרויסגעפירט אין „גאָרטן פון
פייניקונגען", איז ניט פשוט עקלהאַפט,—אין אים איז באַהאַלטן עפּעס אַ פאַר=
לאָקערנדיקע קראַפט, אַ מעכטיקע שעפערישע פערזענלעכט, וועלכע פאַרווירק=
לעכט אויף איר שטייגער די לערע פון די עסטעטן וועגן דעם, אַז דאָס וויכ=
טיקסטע—דאָס איז באַשאַפן אַ נייע געשטאַלט פון שיינקייט. די רייד פון דעם
דאָזיקן מוראדיקן נפש, דאָס איז בעצם, אַ נייע וואַריאַציע אויף דער גרונד=טעמע
פון דער מאָדערניסטישער פּאָעזיע, אויף דער טעמע וועגן דעם, אַז די פאַרווירקלע=
כונג פון דער פערזענלעכקייט אין שאַפונג—איז אַלץ, און די פראַגע וועגן דעם
מאָראַלישן ווערט פון דער דאָזיקער שאַפונג האָט קיין באַדייטונג ניט. אויב עס
איז וויכטיק נאָר צו שאַפן, שאַפן פון אינערהאַלב דעם אייגענעם גייסט, דאַן איז
דער כינעזישער תליון גערעכט. אין דעם באַשטאַנד פון זיין וועלט=אָנשויונג גייען
אַריין די זעלביקע צוויי אונז שוין באַקאַנטע עלעמענטן: די בענקשאַפט נאָך פרייער
פערזענלעכקייט און דער דאָרשט נאָך שלעכטס, אַלס דער איינציקער מיטל צו
שטילן די דאָזיקע בענקשאַפט. ער איז געווען אַ שעפער. זיין לעבן נאָך יעדער
אָריגינעל דורך אים צוגעטראַכטער טויטשטראָף האָט געשיינט מיט פרייד, ווי דאָס
געזיכט פון אַ כירורג נאָך אַ געלונגענער און שווערער אָפּעראַציע. ער האָט גע=
טרויערט דערויף, וואָס די ציוויליזאַציע טויט אומעטום אָפּ די שעפערישקייט,
וואָס די קונסט פונם תליון גייט פאַרלאָרן, ווי עס ווערט פאַרלאָרן די אָריגי=
נאַלישקייט פון די כינעזישע וואַזעס און פון די זיידנס-צייגן. מען באַשטימט

איצט תּליונים דורך פּראָטעקציע, בשעת פריער פלעגט מען די דאָזיקע שטעלע אָנגעטרויען עכטע געלערנטע, זשעניען, וועלכע האָבן פולקום געקענט די אַנאַטאָמיע פונם מענטשלעכן קערפּער. ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער, און האָט געפאָדערט, אַז גאָרנישט אין דער וועלט זאָל ניט גיין פאַרלאָרן פאַר דער קונסט. ער האָט פאַראַכט דעם ענגלענדער דערפאַר, וואָס זייער אויסראָטן די אינדוסן שטעלט פאַר אַ ברוטאַלע און ניט-קינסטלערישע אַרבעט, וואָס זיי „צעטרענצלען זינלאָז דעם טויט". די קונסט באַשטייט, לויט זיין מיינונג, אין דעם, אַז מען זאָל טויטן אין הסכם מיט די געזעצן פון שיינקייט, אין דעם, אַז מען זאָל אַרבעטן איבערן מענטשנס קערפּער אַזוי, ווי דער סקולפּטאָר אַרבעט איבערן ליים אָדער איבערן העלפאַנדביין, אַז מען זאָל פון דעם מענטשנס קערפּער אַרויסברענגען אַלע וואונדער פון ליידן, וואָס עס באַהאַלט אין דער סאַמע געהיימענישפולער טיפקייט זיינער. דערצו פאָדערט זיך אַ זשעני און קינסטלערישע ערפינדערישקייט. און דאָ האָט דער בורזשואַזער גייסט, די גראָבקייט פון מערב-לאַנד, דער נצחון פון די מיטלמעסיקייטן געבראַכט דערצו, אַז אויך דער קונסט פון רציחה איז צוגעאייגנט געוואָרן אַ קאָלעקטיווער, אַדמיניסטראַטיווער, ביוראָקראַטישער כאַראַקטער, עס זיינען אויסגעטראַכט האַרמאַטן, ביקסן, פאַנצערשיפן, און פאַר דער שעפערישער פערזענלעכקייט איז גאָרנישט ניט געבליבן.

אפילו דער רויבער פון דער העכערער געזעלשאַפט, וועלכן דער אַווטאָר פון „טאָגבוך פון אַ נעוראַסטעניקער" געפינט ביי דער נאַכט ביי זיך אין קאַבינעט, האָט אויסגעקליבן זיין פּראָפעסיע אונטער דער השפעה פון דערזעלביקער בענקשאַפט נאָך דעם אידעאַל פון פרייער פערזענלעכקייט, פון דערזעלביקער שטרעבונג צו שעפערישקייט. דער דאָזיקער גנב אין פראַק, וועלכער איז אָנגעטאָן לויט דער לעצטער מאָדע,—איז אַ מוסטער פון פיינקייט, אַ מענטש מיט ראַפינירטן געשמאַק, גרויסאַרטיק ערצויגן. אַז דער ווירט האָט אים געכאַפּט אויף דעם אָרט פון פאַרברעכן אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט מיט געשמאַק פון אַ גוטן מבין און שעצער אָפּגעקליבן אַלע טייערע און שענערע זאַכן, איז דער גנב קיין קאַפּ ניט צעטומלט געוואָרן. ער פירט זיך אויף, ווי אַ געוויינלעכע באַזוכער פון די הויכגעשטעלטע סאַלאָנען, רעקאָמענדירט דעם האַלבאָנגעטאָנעם ווירט אָנצוטאָן זיך, מחמת אין צימער איז לופטיק, מאַכט אַ באַמערקונג וועגן די מעבל, בעט פאַרצייאונג פאַר דעם, וואָס ער האָט פאַרשאַפט אומרו:קייט, און נעמט זיך פונאַנדערשטעלן אויף די ערטער די אָפּגעקליבענע זאַכן. דער ווירט איז פאַראינטערעסירט מיט דעם משונהדיקן גאַסט

און פאַרפירט מיט אים אַ געשפּרעך. „איך בין אַ גנב, — טיילט מיט דער נאַכט־באַזוכער, — אַ פּראָפעסיאָנעלער גנב. איר האָט עס שוין, מסתּמא, אַליין פאַר־שטאַנען, און דאָס פאַרשאַפט ערע אייער פאַרשטאַנדיקייט. איך האָב באַשלאָסן אויסצוויילן זיך די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע לאַגע ערשט נאָך דעם, ווי איך האָב מיך איבערצייגט, אַז אין דער צייט, וואָס מיר לעבן איצט, איז זי די לאָיאַלסטע און ערלעכסטע". און אין אַ גלענצנדער רעדע, פול מיט שאַרפזיניקע פּאַראַדאָקסן און אומדערוואַרטע פאַרגלייכונגען, פאַרטיידיקט דער גנב דעם דאָזיקן געדאַנק, און דערקלערט די שיינע מעלות פון זיין מלאכה. מען אַכט ניט קיין גנבה, הגם דאָס איז אַ נוצלעכע און בכבודיקע פּראָפעסיע. דער גנב זאָגט ניט קיין פּראַזן, נאָר ער קוקט דעם לעבן גלייך אין די אויגן אַריין. יעדע פּראָפעסיע, אַ וועלכע זי זאָל ניט זיין, ווערט סוף־כּל־סוף אויסגעקליבן דערפאַר, וואָס זי גיט די מעגלעכקייט אַזוי אָדער אַנדערש עפּעס ביי עמעצן צו גנבענען. דאָס איז אַזוי קלאָר, אַז דער פאַרטיידיקער פון גנבה געפינט אפילו ניט פאַר נייטיק איבערצולאָדן זיין רעדע מיט ביישפּילן. ער אַליין האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס גרויסער קאָמערסאַנט. אָבער אין דער דאָזיקער פּראָפעסיע האָט ער ניט געהאַט קיין רחבות פאַר דער שעפערישער פּערזענלעכקייט. די שמוציקע זאָרגן און די געהיימע רמאות האָבן ניט אַנטשפּראָכן זיין כאַראַקטער, דעם פיינעם און אָפענעם. ער איז געוואָרן אַ פינאַנסיעלער טוער, אָבער אָנטייל נעמען אין ניט עקסיסטירנדיקע אונטערנעמונגען, אַרויסלאָזן אויפגעבלאָזענע אַקציעס, רייך ווערן דורך דעם, וואָס מען רוינירט ביסלעכווייז די קליענטן, האָט אים אויסגעוויזן נאָך עקלהאַפטער. ער האָט זיך געווענדט צו זשורנאַליסטיק, אָבער דער שאַנטאַזש און דער שמוץ, וועלכע הערשן אויף דעם דאָזיקן געביט, איז געווען נאָך עקלהאַפטער דערמיט, וואָס זי האָט אפילו ניט פאַרזיכערט קיין אָנשטענדיקע עקסיסטענץ. מיט איין וואָרט, די דאָזיקע רעדע — דאָס איז אַ טאַלאַנטפול צונויפגעשטעלטער באַשולדיקונגסאַקט קעגן דער היינטיקער געזעלשאַפט, אַ טרעפלעכע, מיט גיפטפולער אָפּשאַצונג פון אַלע פּראָפעסיעס. לייכט און פריי דעקט ער אָפּ דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּ פון גנבה, וואָס איז באַהאַלטן אין יעדער פון די דאָזיקע פּראָפעסיעס, און מיט בלענדנדיקן שאַרפזין ווייזט ער אויף, אַז פאַר אַ שעפערישער נאַטור, ווי ער, איז ניט מעגלעך שלום צו מאַכן מיט יענע ספערן פון טעטיקייט, וועלכע מען האַלט פאַר בכבודיקע אין דער היינטיקער געזעלשאַפט. זיין רעדע שמייסט, ווי מיט בייטשן, דעם ליגן, וואָס ליגט אין יסוד פון דעם היינטיקן לעבן. אָבער ווי נאָר ער גייט אַריבער פון קריטיק צו פּאָזיטיווע אויספירן,

האָבן מיר פאַר זיך גלייך אַ נייע פּערזאָן פון דעם מין באַליבטע העלדן ביי־
מירבאָ. דערזעלבער אומפאַרמיידלעכער שפּרונג פון דאָרשט נאָך שיינקייט און
פרייהייט צו פאַרברעכן און זינד. קלאָרע האָט באַשלאָסן, אַז האַלבאויסגע־
לאַסנקייט איז ערגער פאַר אויסגעלאַסנקייט: אויב מענטשן זיינען ניט בכוח
אין זיך צו דערשטיקן די תאווה, איז שוין בעסער אָפן און דרייסט צו זיין
אויסגעלאַסן. דער גנב פון די העכערע פענסטער איז געקומען צו אַן אַנאַ־
לאָגישן אויספיר: „וויבאַלד דער מענטש קאָן ניט דערלייזט ווערן פון דעם
פאַטאַלן געזעץ פון גנבה, וואָלט געווען שענער צו פּראַקטיצירן גנבה אויף
געזעצלעכע יסודות, און ניט אַרומרינגלען די נאַטירלעכע שטרעבונג צוצואיי־
גענען זיך פרעמדן אייגנטום דורך הויכע ווערטער און פאַרדינסטן, וואָס האָבן
קיין האַפט און וועלן קיינעם ניט אָפּנאַרן מיט זייער עוופעמיזם".

צווישן מירבאָס גרעסערע ווערק איז פאַראַן איינס, אין וועלכן ער טראָגט
זיך אַוועק פון דער וועלט פון דער בורזשואַזיע אין אַן אַנדער וועלט, וואו
עס ניטאָ קיין לוקסוס, קיין ראַפינירטע אויסגעלאַסנקייט און קיין פּרעכע רוי־
בעריי, וואו מענטשן שטאַרבן אין אָרעמקייט, פאַרטעמפּנדיקער אַרבעט און אומ־
וויסנהייט. אין די „שלעכטע פּאַסטעכער" האָט ער געמאָלט אַ שטאַרקע און אַ
פרייע פּערזענלעכקייט, וועלכע איז אַרויסגעכאַפּט פון דער דאָזיקער וועלט,
טיילוויז אַ קרובהשע מיט זשולן און מיט קלאַרען לויט איר שנאה צו
קנעכטשאַפט און שאַבלאָן, לויט אירע צעשטערנדיקע שטרעבונגען. דאָ האָט
מירבאָ אָנגעוויזן אַן אַנדער געביט, וואו אָנצווענדן דעם מענטשנס קרעפטן.
זשאַן רול פּטרט ניט אַוועק זיין ענטוזיאַזם אויף דינען צו אויסגעלאַסנקייט
און רויבעריי. אָבער דווקא די געשטאַלט פון דעם דאָזיקן העלד, וועלכער איז
גענומען פון אַ נייער סביבה, וועלכער איז אַ ריינער און זוכט ניט קיין נוצן
פאַר זיך, וועלכער גיט אָפּ דאָס לעבן זיינע ליידנדיקע ברידער, קאָן דינען
פאַר אַן עדות, אַז מירבאָ איז ניט געווען קיין שונא קלאַרען און זשולן.
זשאַן רול, וועלכער קומט אַלס טרעגער פון דעם אַוטאָרס אַנאַרכישע אידעאַלן,
וואָס מיט זיין מויל דריקט ער אויס זיין שנאה ניט נאָר צו דער בורזשואַזיע,
נאָר אויך צו די „שלעכטע פּאַסטעכער" — די דעפּוטאַטן, ראַדיקאַלן און סאָ־
ציאַליסטן — זשאַן רול חזרט אָפּט איבער די רייד פון די אַנאַרכיסטן פון דער
בורזשואַזער סביבה. זשאַן רול איז גיכער אַ קינסטלער, איידער אַ פּאָליטישער
קעמפער. זיינע רעדעס — דאָס איז אַ פלאַמעדיקע פיליפּיקע קעגן דער קנעכט־
שאַפט, אין וועלכער עס זיינען פאַרזונקען ניט בלויז די באַדריקער, נאָר אויך
די באַדריקטע. ער האָט זיין לעבן מקריב געווען אַנדערע, אָבער די, וואָס פאַר

זיי האָט ער זיך געבראַכט פאַר אַ קרבן, האָבן אים קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען. ער איז געווען אומעטום, אין ניו־יאָרק, אין בראַזיליע, אין שפּאַניע, אין בעל־גיע, אין פראַנקרייך. ער האָט אומעטום איבערגעלעבט די פּיין פון אַרבעט, ער איז אַדורכגעגאַנגען די גאַנצע קאַטאָרגע פון דער מענטשלעכער עקספּלואַ־טאַציע, און האָט זיך אומעטום אָנגעשטויסן אויף ווילדער אומוויסנהייט, אויף דעם גייסט פון שענדלעכער הנאה. יעדעס מאָל, ווען ער האָט געפּרוווט וועקן דעם באַוואוסטזיין פון איינצלנע פּערזאָנען, גערעדט פאַר מאַסן וועגן יושר און צאָרן, וועגן שיינקייט און סאָלידאַרישקייט, האָט מען פון אים געלאַכט, מען פלעגט אים איבערגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי, מ'האָט אים גערופן פּאָליציישער אַגענט. ניט אַזויפיל די טורמע און דער הונגער, וואָס ער האָט געליטן, האָבן אים פאַרשאַפט ליידן, ווי די גלייכגילטיקייט פון מענטשן און זייערע פּרוכטלאָזע באַמיונגען אויפצוּוועקן אין זיי אַ שטרעבונג צו גליק. ער האָט געליטן פון דעם באַוואוסטזיין „פון זיין גייסטיקער שוואַכקייט, פון זיין אומוויסנהייט, פון דער גאַנצער טונקלקייט, פון דעם דאָזיקן זידנדיקן קעסלגרוב, אין וועלכן עס זיינען ציללאָז פאַרלאָשן געוואָרן זיינע שטרעבונגען". ערשט אונטער דער השפּעה פון זיין ליבע צו מאַגדאַלענען האָט אין זשאַנס נשמה אויפגעלעבט דער גלויבן אין זיין זאַך. ער ווערט אַ מנהיג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַן אָרגאַניזאַטאָר פון אַ שטרייק אויף אַ גרויסער פאַבריק. ווי־זשע פאַרשטייט זשאַן זיין אויפגאַבע? צי האָט ער עפּעס אַ באַשטימטע אויפגאַבע? זשאַן איז אַ אַנאַרכיסט און אַ קעגנער פון הדרגהדיקן פּאָליטישן קאַמף. דער פאַר־וואַלטער פון דער פאַבריק מעגרע זאָגט וועגן אים, אַז „צום גליק, ווייס ער ניט, וואָס ער וויל". זיין שליחות פאַרשטייט זשאַן פונקט אַזוי, ווי בראַנד האָט זיינע פאַרשטאַנען. זשאַן האָט ניט געגלויבט אין דעם אוממיטלבאַרן ער־פאָלג פון דעם שטרייק, וואָס ער האָט אָנגעהויבן. ער ווייס אויסגעצייכנט, אַז ער וועט די אַרבעטער ניט ברענגען קיינע מאַטעריעלע פאַרלייכטערונגען, אַז אַרגאַן וועט קיינמאָל ניט מסכּים זיין, און וועט ניט קאָנען, אויב ער וועט אַפילו וועלן מסכּים זיין, אויף די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, אַז די האַר־מאַסן און די שפּיזן פון די זעלנער, וואָס אַרגאַן האָט אַראָפּגעבראַכט, וועלן שנעל צוריקשטעלן די אָרדענונג, און פונדעסטוועגן פירט ער די אַרבעטער אויף ציללאָזן טויט. די דאָזיקע שיינבאַרע סתירה שטעלט פאַר אַ טיף קאָנסעק־ווענטן מעטאָד פון האַנדלונג פון דעם שטאַנדפּונקט פון זשאַן, בראַנד און בכלל פון דער עקסטרעמער אינדיווידואַליסטישער וועלטאַנשויונג. געגליכן צו בראַנדן, זאָגט זשאַן די חברים אַפילו גאַרנישט צו אויסער ליידן, און אין סך־הכל—מאַר־

טירער=טויט. אָבער מיט דעמדאָזיקן טויט דערפילן זיי די איינציקע ווערדיקע
פאַר אַ מענטשן מיסיע. זיי וועלן פאַרגרעסערן די אינטענסיווקייט פון קאַמף
אין דער געזעלשאַפט, זיי וועלן ווייזן אַ ביישפּיל פון דעם שעפערישן אַקט,
פון דעם העלדישן פּרווו צו באַפרייען די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, אויפ=
צוטרייסלען די איינגעשטעלטע אייביקע ווערטן, זיי וועלן באַשאַפן אַ נייע גע=
שטאַלט פון דער באַפרייטער פּערזענלעכקייט, וואָס שטייט קעגן דער וועלט.
אָט פאַרוואָס ער האָט אַזוי פיינט דעם פּאָעטישן קאַמף, די פּאַרלאַמענט=רע=
דעס פון די דעפּוטאַטן=סאָציאַליסטן, וועלכע ווילן אין די גרענעצן פון דער
אַלטער בורזשואַזער וועלט באַשאַפן נייע פרייהייט, און סוף=כל=סוף עפּענען זיי
אָפּ נאָר נייע וועגן פאַר געשיקטע מענטשן=רעדנער צו פאַרכאַפּן די השפּעה
און די עשירות. „פּרוווט אויפרעגן דעם דאָזיקן אומפּערזענלעכן נפש, וואָס
מ׳רופט אים פּאָליטיקער! גייט אָקאָרשט און פאַרניכטעט די דאָזיקע זאַך, וואָס
מ׳רופט פּאָליטיק... אָט די צעשווימענדיקע זאַך, וואָס אין דעם זעלביקן מאָ=
מענט, ווען מען האַלט עס שוין אין די הענט, גליטשט זי זיך פּלוצלונג אַרויס
פון זיי... וואָס אין דעם מאָמענט, ווען מ׳האַלט זי שוין פאַר טויט, לעבט זי
ווידער אויף... די דאָזיקע עקלהאַפטע זאַך, וואָס האָט אַלץ פאַרשוועכט, אַלץ
פאַרמיאוסט, אַלץ געמאַכט פאַרקויפלעך... יושר, ליבע, שיינקייט". אויב שוין
זוכן אַ מנהיג, „אַ הערשער", איז גלייכער צו בלייבן אין קנעכטשאַפט ביי אַר=
גאַנען, איידער גיין אונטער דער מאַכט פון די ראַדיקאַלע דעפּוטאַטן און סאָ=
ציאַליסטן, וועלכע עקספּלואַטירן אויף אַ נייעם שטייגער די פון אייביקאָניקע
פאַרטעמפּטקייט און הכנעה און נוצן זי אויס, ווי אַ מין רענטע, וועלכע ווערן
פעט פון דער אָרעמקייט און אומוויסנהייט" פון די האָרעפּאַשניקעס, און אויף
זייערע טויטע קערפּערס „בויען זיי זיך אויס פּיעדעסטאַלן". איך,—זאָגט ער,
ווענדנדיק זיך צו די אַרבעטער,—איך וויל, אַז מען זאָל כאָטש איינמאָל ווייזן
דער דאָזיקער באַנדע פון די פּאָליטישע פּלוידערזעק אַ ניט=געהערטן שרעק=
לעכן ביישפּיל פון אַ שטרייק, וואָס זאָל אָרגאַניזירט זיין דורך אייער אייגענעם
ווילן און פון אייער אייגענער טובה וועגן. און אויב אַייך איז באַשערט צו
שטאַרבן אין דעם קאַמף, וואָס איר האָט אָנגעהויבן, טאָ קענט=זשע שטאַרבן...
כאָטש איין מאָל... פאַר זיך... פון אייערע זינס וועגן... פאַר אייערע קינדס=קינ=
דער". מיט איין וואָרט, זשאַן פּאָדערט העלדישע אָנשטרענגונג, מען זאָל פריער
פאַר אַלץ אַרויסווייזן די פּערזענלעכקייט. דער ציל גופא, דאָס אויסקעמפן די
הנחות, וואָס די אַרבעטער פאָדערן ביי אַרגאַנען, איז פאַר אים אַ פראַגע פון
דער צווייטער מדרגה. און אויב ער האָט ליב דעם דאָזיקן ציל, איז עס גיכער

ווי אַ מיטל אויפצוּוועקן די שלאָפּעדיקע און פאַרקנעכטיקטע מענטשלעכע נשמות. געגליכן צו בראַנדן, זאָגט ער דער מאַסע צו אַלס געשאַנק נאָר ליידן און טויט. געגליכן צו בראַנדן שטאַרבט ער ווי אַן איבערמענטש, פאַרניכטעט דורך דעם נצחון פון מענטשלעכן יסוד. אָבער ער האָט זיין מיסיע אויס־געפירט. ער האָט געלאָזן אַ שפור. ער האָט פאַרזייט ווידערשפעניקייט אין מענטשלעכע הערצער, ער האָט צעוויגט דעם רויִקן איבערפלאַך פונם בורזשוי־אַזן לעבן. האָט זיין לעבן געבראַכט אַ קרבן פאַר דעם איינציקן ציל, וואָס פּאַסט פאַר אַ מענטשן — די פאַרשטאַרקונג פון געפיל פון פּערזענלעכקייט, די פאַרגרעסערונג פון די פאָדערונגען, וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט דער פּערזענ־לעכקייט, וועלכע וויל אַ קיום האָבן.

אויב עמעצער דעקט פאַר אונז אויף דעם סאָציאַלן אונטערשלאַק פון דעם הייַנטיקן קראַנקן אינדיווידואַליזם, טוט עס דווקא מירבאָ, ער אַנטבלויזט די פאָדעם, וועלכע בינדן אים צונויף מיט די באַדינגונגען פון בורזשואַזן לעבן. די מאָדערניסטן האָבן אָפּגעשפּיגלט די שוואַכקייט און די בענקשאַפט פון דעם הייַנטיקן מענטשן. מירבאָ האָט באַוויזן דעם רעאַלן קוואַל פון דער־דאָזיקער בענקשאַפט און דער דאָזיקער שוואַכקייט. די מאָדערניסטן האָבן אויפ־געגומען די שטרעבונגען פון דער נשמה פון הייַנטיקן מענטשן, ווי ערשט דורך ווי אַנטפּלעקטע סודות פון הימל. מירבאָ האָט קלאָר באַוויזן די ערדישע אָפּ־שטאַמונג פון די דאָזיקע שטרעבונגען. דאָס רוב הייַנטיקע עסטעטן, מיסטיקער און אַפּאָלאָגעטן פון זינד, אַרויסגייענדיק פון דער בורזשואַזער סביבה, און איינזאַפּנדיק אין זיך אירע געשמאַקן און פאַרשטעלונגען, זיינען ניט בכוח אַ בליק צו טאָן אויף זיך פון דער זייט, באַשטימען דעם אייגענעם אָרט אין דעם סאָציאַלן קאַמף, אין וועלכן זיי נעמען אומבאַוואוסטזיניק פאַר זיך אָנטייל מיט זייער מיסטיציזם און עסטעטיזם. דעריבער זיינען זיי נוטה, ווי דאָס טרעפט שטענדיק מיט מענטשן, וועלכע קאָנען ניט פאַרשטיין דעם סאָציאַלן פּראָצעס, וואָס קומט פאַר זייערע אויגן פאָר, צו גלויבן אין דער אַבסאָלוטער באַדייטונג פון זייערע אידעען, אין זייער איבערנאַטירלעכער אָפּשטאַמונג. מירבאָ קאָן מען ניט באַשולדיקן אין דעם, אַז אים פעלט סאָציאַלער פאַרשטאַנד. סיי מע־טערלינק, סיי אָסקאַר וואַיילד האָבן אין זייערע שאַפונגען אָפּגעשפּיגלט דאָס בילד, ווי די בורזשואַזע וועלט שטאַרבט אָפּ, אירע קאָנוואולסיעס פון גסיסה, אירע טרוימען און שטרעבונגען, וועלכע באַקומען פון חיץ בלענדנדיקע קראַפט און העלקייט. אָבער זיי האָבן ניט צונויפגעבונדן זייער פּאָעזיע מיט אירע רע־אַלע קוועלן. מירבאָ האָט אויסגעמאָלט דיזעלביקע טרוימען און דיזעלביקע

שטרעבונגען, וועלכע ווערן געבוירן אין דער נשמה פון די אינדיווידואַליסטן, וועלכע דאָרשטן נאָך פרייהייט און שיינקייט, נאָר ער האָט באַוויזן די אומ־מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע טרוימען אין דער בורזשואַזער וועלט פון באַציִונגען, ער האָט אונז געבראַכט ביזן שוועל פון דער דאָזיקער נייער וועלט, וואו די פערזענלעכקייט באַקומט פאַר איר פולער פאַרווירקלעכונג די ריכטיקע ספערע פון טעטיקייט. און מירבאָ האָט זיך ניט געקענט אונטערגעבן דעם רייץ פון די דאָזיקע טרוימען און ער גיסט זיך כמעט צונויף מיט דער נשמה פון דעם אַבאַט זשול און פון קלאַרען. אָבער ער פאַרגעסט אויף קיין רגע ניט וועגן דעם קוואַל פון זייער שגעון. ער איז שטענדיק אַ סאָציאָלאָג, און ער מאַכט ניט פאַר קיין מופת די באַשטימונג פון אַ סאָציאַלן פאַקט.

פינפטע אָפּטיילונג.

# די פילאָסאָפיע און די פּאָעזיע פון זינד — סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי.

## XIII

מירבאָ און פּשיבישעווסקי. — פּשיבישעווסקי צווישן די מאָדערניסטן. — זיין געשיכטלעכע קאָנצעפּציע: „דער בית־הכנסת פון שטן“.—זיין פילאָסאָפיע און זיין פּסיכאָלאָגיע.—די הקדמה צו „De profundis“.—זיין קאָסמאָלאָגיע: “Requiem aeternam„.—דער זשעני און דער „המון“: „די זין פון דער ערד“.—די צעשטערער: „די קינדער פון שטן“. — דער בורזשואַזער כאַראַקטער פון פּשיבישעווסקיס פילאָסאָפיע און העלדן.

אויב מירבאָ האָט אַנטפּלעקט די קוואַלן און די אָפּשטאַמונג פון דער פילאָסאָפיע פון שלעכטס און פון זינד, האָט פּשיבישעווסקי באַשאַפן די אמתע עוואַנגעליע פון בייז. זיינען העלדן—דאָס זיינען קרובים פון אַבאַט זשול, פון דע־קערן, פון קלאַרען. אָבער פּשיבישעווסקי גייט צו זיי צו מיט אַן אַנדער מאָס. אויב מירבאָ שטרייכט אויף יעדער זייט אונטער, אַז ער שילדערט די בורזשואַזע געזעלשאַפט, רעדט פּשיבישעווסקי וועגן מענטשן בכלל, אַמאָל וועגן „דעם גייניקן מענטשן“. אין דעם גופא ליגט שוין דער טיפער אונטערשייד צווישן די ביידע שריפטשטעלער, וועלכע דרינגען ביידע גלייך טיף אַריין אין דער אינערלעכער וועלט פון די זינדיקע און פאַרברעכערישע מענטשן. דאָס וואָס שטעלט זיך פאָר אין מירבאָס שילדערונג פאַר אַ פּולקום פאַרשטענדלעכן סאָציאַלן פאַקט, ווייזט זיך ביי פּשיבישעווסקין אַלס אַן אַלטע, אַן אויביקאָניקע אייגנשאַפט פון דער מענטשלעכער נשמה, איר מהות, וואָס האָט שטענדיק געשטרעבט אַרויסצוווייזן זיך אויסערלעך, און אַנטפּלעקט זיך לסוף אינגאַנצן ערשט אין אונזער צייט. די פאַרדאַרבונג פון געשלעכטס־געפיל, דער סאַדיזם, אַלע פאָרמען פון לייבגעלוסטונג, אין וועלכע עס זוכט צו רעטן

זיך דער הייַנטיקער אינדיווידואַליסט, וועלכער בענקט נאָך שעפערישקייט און פרייהייט פון דער פערזענלעכקייט, שטעלן מיט זיך ביי מירבאָ פאַר אַ נאַטירלעכן אויסגאַנג פאַר די מענטשן, וועלכע זוכן נאַיִוו אַ שטיצע אין דער פוילנדיקער וועלט. פאַר פשיבישעווסקין זיינען עס העכערע מאָמענטן פון נשמה־לעבן. שטעלט זיך פאָר דעם אַבאַט זשול אָן זיין ביאָגראַפיע, אָן דער דערציִונג, וועלכע האָט פאַרדאָרבן זיין נשמה, אָן דעם עקלהאַפטן פראַנצויזישן קלעריקאַליזם, וואָס האָט אים אָפּגעסמט אין רייפן עלטער, שטעלט זיך פאָר דעם יעזויִט דע־קערן אָן זיין פריערדיקער געשיכטע, אָן דעם יעזויִטישן קאָלעזש, אָדער קלאַרען אָן איר עבר, אָן די רעאַלע שטריכן, וועלכע פעסטיקן זיך צו צו אַ באַשטימטער סביבה, רייסט אָפּ די דאָזיקע העלדן פון דעם באָדן, אויף וועלכן זיי זיינען אויסגעוואַקסן, נעמט אַוועק זייערע אייגענע נעמען, זייער סאָציאַלע לאַגע: „אַבאַט", „יעזויִט", „טאָכטער פון אַ קאָמערסאַנט", לאָזט אָן זיי איבער די אומבאַשטימטע „ער" און „זי", לאָזט איבער נאָר זייער פילאָסאָפיע, זייער אַפּאָלאָגיע פון זינד, זייערע פאַרפירערישע טרוימען — באַקומט איר פשיבישעווסקיס העלדן. פאַרוואַנדלט דאָס רעלאַטיווע און אַבסאָלוטס, דאָס הייַנטיק־צייטיקע — אין אייביקס, רייסט אָפּ דאָס אידעיִשע פון דעם מאַטעריעלן, וואָס רופט עס אַרויס, וועלן פאַר אייך ערשיינען אַלערליי „איך", „ער", „זי", וועלכע פילן אָן “De profundis„ און אַנדערע ענלעכע ווערק. פשיבישעווסקי דערהויבט די זינד, און דערביי אויסשליסלעך די זינד פון תאוות בשרים און געשלעכטס־שיגעון, צו דער מדרגה פון אַ קולט. ער גלויבט אין זיין ניט־ערדישער אָפּשטאַמונג. ער גיט צו אַ מעטאַפיזישן, אַפילו אַ מיסטישן כאַראַקטער די אידעען, וועלכע קלאַרע פריידיקט צוליב איר אַנטוישונג אין דעם פאַרבלאָזן און מאָנאָטאָנעם לעבן פון דער אייראָפּעיִשער בורזשואַזער געזעלשאַפט. פאַר אים זיינען די זינדיקע אינסטינקטן ניט עפּעס אַנדערש, נאָר די אָפּשפּיגלונג פון אַ העכערער טראַנסצענדענטאַלער וועלט אין דער אינדיווידועלער וועלט.

אָן פשיבישעווסקין וואָלט די פילאָסאָפיע פון דעם הייַנטיקן אינדיווידואַליזם געהאַט אַ גרויסן בלויז: ניטשע, מעטערלינק און אָסקאַר אוואַילד האָבן אָנגעוויזן נאָר דריי וועגן, אויף וועלכע די פערזענלעכקייט קאָן זיך בשלימות פאַרווירקלעכן, בלייבנדיק אין די גרענעצן פון די געשמאַקן און באַגריפן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. פשיבישעווסקי ווייזט אָן אַ פערטן. ביי ניטשען איז עס דער עגאָיִזם, דאָס דינען צו דעם אייגענעם „איך"; ביי מעטערלינקן — דאָס מיסטישע לעבן פון דער נשמה, ביי אָסקאַר אוואַילדן — די שפּיל פון דעם

דמיון, קונסט. פשיבישעווסקי האָט דערצו מוסיף געווען תאוות בשרים. און אויסטײַלנדיק זיך אַ באַשטימטן געביט, האָט יעדערער פון די דאָזיקע באַגרינדער פון דער בורזשואַ=אינדיווידואַליסטישער פילאָסאָפיע פון זײַן אויסגעוויילטן שטאַנדפונקט רעווידירט אַלע אונזערע פאָרשטעלונגען וועגן דער וועלט, דער נאַטור, דער געשיכטע און דעם מענטשן. שטירנערן און ניטשען האָט זיך די געשיכטע פאָרגעשטעלט אַלס אייביקער קאַמף פון די „גייסטער" קעגן דעם עגאָיִזם פון אונזער „איך", וועלכע האָט ערשט אין אונזער צייט געלאָזט ענדלעך וויסן וועגן זײַנע רעכט, און ערקלערט דעם עגאָיִזם אַלס דעם איינציקן אייַדעלן יסוד אינם מענטשן. מעטערלינק האָט באַטראַכט די געשיכטע נאָר אַלס אָנוואוקס=פּראָצעס פון מיסטישער קראַפט פון דער נשמה. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין אונזער צייט איז געקומען דער מאָמענט, ווען די נשמה רעדט וועגן זיך קלאָר, אָן אַ שיעור קלערער, איידער מיט הונדערטער יאָרן צוריק. אָסקאַר וואַיילד האָט געזען אין דער געשיכטע דעם קאַמף פון אמת קעגן אויסגעטראַכטן, די שטופנווייזע באַפרייאונג מצד דעם אויסגעטראַכטן פון אונטער דער מאַכט פונם רעאַלן אמת, וועלכער דריקט די מענטשהייט. און ער האָט מיט פרייד אָנגעוויזן אין דער פאַרגאַנגענהייט פון דער מענטשהייט די מאָמענטן, ווען די דאָזיקע באַפרייאונג האָט זיך דערנענטערט צום באַוואוסטזײַן, אַז נאָר דער שקר, דאָס אויסגעטראַכטע איז די איינציקע רעאַליטעט. ער האָט באַמערקט אין דער היינטיקער צייט סימנים אויף דער התחלה פון דער מלוכה פון שקר און פאַנטאַזיע, וועלכע וועט סוף=כל=סוף ברענגען דער פערזענלעכקייט די געוואונטשענע פרייהייט.

אויסגעווילט זיך אַ באַשטימטן שטאַנדפּונקט און געמאַכט זייער פּאָזיציע פאַר דער צענטראַלער, האָבן זיך אַלע די דאָזיקע דענקער אָפּט אַרײַנגעלאָזן אויך אין פרעמדע געביטן. ניטשע האָט באַגרינדעט אי דעם קולט פון קינסטלערישן שאַפן, אי די רעכט פון דער אַוטאָנאָמער נשמה, אי דעם פאַרברעכן אַלס אַנטפּלעקונג פון דער פערזענלעכקייט. מעטערלינק האָט געשריבן וועגן צווייַקער מאָראַל, און פון איר דערגייט ער אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער גאָנט צו דער באַרעכטיקונג פון זינד. ער האָט באַשאַפן „דעם בלויען פויגל", וועלכער אילוסטרירט אָסקאַר וואַיילדס אידעע וועגן איבעראַנדערשן דעם אויסזען פון דער וועלט. אויך פשיבישעווסקי האָט זיך אויסדערווײַלט אַ ספּעציעלן געביט. ער קוקט אויף דער געשיכטע, ווי אויף אַן אייביקן קאַמף צווישן גוטן און שלעכטן יסוד, קאָנסטאַטירט אין איר מיט פרייד דעם פּראָצעס פון כסדרדיקן אָנוואוקס פון דעם שׂטנס מאַכט, און באַמערקט אין דער היינ=

טיקער וועלט די סימנים פון דעם שטנס זיך דערנענטערנדיקער שאפונג. ער רייסט זיך אויך אריין אין פרעמדע געביטן. מיר באגעגענען ביי אים אי מיס־טישע אורטיילונגען, וועלכע דערמאנען מעטערלינקס אידעען, אי עסטעטישע, וועלכע רירן אן אסקאר ואיילדס אידעאלן, אי די ניטשעאנישע באגרינדונג פון עגאיזם. אבער פון אלע די דאזיקע אידעען, וועלכע קומען אריין אין דעם קרייז פון דער היינטיקער אינדיווידואליסטישער פילאסאפיע, איז פשיבישעווסקי טיפער פאר אלץ אריינגעדרונגען אין דער וועלט פון פארברעכן און צעשטע־רונג, און באזונדערס — פון לייב־געלוסטונג און געשלעכטלעכן עקסטאז. ניטשע האט אנגעשריבן „צאראטוסטרע", מעטערלינק — „דער אוצר פון ענווים", אסקאר ואיילד — „כוונות", פשיבישעווסקי — „דעם בית־הכנסת פון שטן". די דאזיקע פיר ביכער — דאס זיינען פיר אנטפלעקונגען פאר דער היינטיקער צע־רודערטער געזעלשאפט. אין זיי זיינען צו דער מדרגה פון דער העכסטער סובסטאנץ דערפירט אלע אירע געשמאקן און אייגנשאפטן: סיי דער גרענעצ־לאזער עגאיזם, סיי די קראפטלאזע שטרעבונג אין די ארעמס פון מיסטיציזם, סיי די פעיקייט פון גוזמאדיקן עגאיסטישן און געשלעכטלעכן אויפרייצן זיך.

דער „בית־הכנסת פון שטן" — דאס איז א פאנטאסטיש ווערק, וואס האלט ניט אויס ניט בלויז קיין וויסנשאפטלעכע, נאר אפילו קיין אייבערפלעכ־לעכע קריטיק. פשיבישעווסקי איז ניט בלויז ניט באקאנט גרינדלעך מיט דער דעמאנאלאגיע, נאר פשוט אפילו מיט דער געשיכטע. די קריטיק האט שוין באַ־צייכנט די הינטערשטעליקייט פון דעם היסטארישן טייל אין דעם דאזיקן ווערק, אין וועלכן פאקטן, וואס זיינען ווייט אייבער פון אנדערן אויף א משך פון יארהונדערטן, קומען איינער לעבן צווייטן. פון אלע אומגעלומפערטקייטן וועט געננוג זיין צו ברענגען איין פאקט. ניט ריכטיק צוגעשריבן דונס סקאט דאס ממציא זיין די „מאשין צום דענקען" (machina cogitationis), זאגט פשי־בישעווסקי ווייטער: „די מאשין צום דענקען האט צעקלאפט דאס דענקען און די קירך האט מיט דערלייכטערונג אפגעזיפצט. אבער אין דעם זעלביקן אויגנ־בליק, ווען די קירך האט געוואלט רויק זיך איבערגעבן איר שטילער און צאר־טער זאך, זאמלען דעם מעשר, ברעכט אויס א שרעקלעכער געוויטער. אבע־ליאר דערלויבט זיך א קליין ווערטעלע: די אידעע איז ניט קיין זיין, די אב־סטראקציע איז ניט קיין רעאליטעט". קומט אויס, אז אבעליאר איז ארויסגעטראטן קעגן דונס סקאטס ערפינדונג. אינדערעמתן אבער איז אבעליאר געשטארבן אין 1142 יאר און דונס סקאט — אין 1308, אין 166 יאר ארום נאך דעם טויט פון דעם מענטשן, וואס האט קעגן אים אויפגעהויבן א שטורעם! איבעריקנס, ס'איז א ספק

צי פאַר פשיבישעווסקין איז אָבליגאַטאָריש אָפּצוהיטן די כראָנאָלאָגיע. דער שטן האָט געקאָנט פאָראויסזען די ערפינדונגען פון דער מאַשין, וועלכע איז קעגן אים, מיט צוויי יאָרהונדערטן פריער, און באַצייטנס אַראָפּשיקן אַבעליאַרן, ער זאָל צוגרייטן דעם קלאַפּ פאַר זיין שונא. אויב די געשעענישן אויף דער ערד ווערן באַשטימט אויסער די גרענעצן פון דער ערד, דעמאָלט קאָנען אויך די דאַטעס פון דער ערד קיין באַדייטונג ניט האָבן.

צו פשיבישעווסקיס ווערק דאַרף מען ניט צוגיין מיט וויסנשאַפטלעכע פאָדערונגען. ער באַשאַפט ניט זיין „געשיכטע-פילאָסאָפיע" אַלס אַ פאַראַלגעמיינערונג פון שטרענג קאָנטראָלירטע פאַקטן. ער האָט געבראַכט די דאָזיקע פילאָסאָפיע פון זיין אינעווייניק פון זיין אייגענעם גייסט, און די פאַקטן באַרירט ער נאָר לייכט, כדי צו אילוסטרירן די אידעע, אין וועלכע ער גלויבט, וועלכע ער באַגרייפט אינטויִטיוו. ער האָט זיין קאָסמאָלאָגיע, זיין אייגענע היסטאָרישע קאָנצעפּציע, וועלכע איז אומאָפּהענגיק פון פאַקטן, זיין אייגענעם גלויבן. „צוויי געטער אייביק קעגנזעצלעכע, צוויי שעפער, צוויי האַרן, אָנאָנהייביקע און אייביקע. דער גוטער גאָט האָט באַשאַפן די גייסטער, די ריינע וועזנס; זיין וועזן איז די וועלט פון אומזעבאַרן, די וועלט פון פולקומענהייט, וועלכע ווייס ניט פון קאַמף און ווייטאָג. דער שלעכטער גאָט האָט באַשאַפן דאָס זעבאַרע, דאָס קערפּערלעכע און פאַרגענגלעכע. ער האָט באַשאַפן דאָס לייב און די תאווה, די ערד מיט איר קאַמף, מיט אירע ענויים און יאוש, דעם אומערמעסטלעכן טאָל פון געוויין. ער האָט באַשאַפן די נאַטור, וועלכע ברענגט אייביק אַרויס נאָר ווייטאָג, יאוש און בייז". אַזוי הייבט זיך אָן דער „בית-הכנסת פונם שטן". באַשטימענדיק די דאָזיקע צוויי אייביקע קרעפטן, מאַכט זיי פשיבישעווסקי פון אָנהייב אָן פאַר דער פאַרקערפּערונג פון דעם קאַמף, וואָס די ווידערשפעניקע מענטשלעכע פערזענלעכקייט פירט קעגן דער וועלט. דער גוטער גאָט פאַרקערפּערט מיט זיך די הכנעה און די ענווה, דער בייזער — די פרייהייט פון דער שטאָלצער פערזענלעכקייט. דער גוטער גאָט האָט אין דער וועלט אַריינגעטראָגן די אידעע פון ענווה און געזעץ, דערלאָזט אין זיין קיניגרייך נאָר די ענווים פון גייסט, וועלכע טויטן אָפּ זייער ווילן, וואָס האָבן זיך אַנטזאַגט אויסצופאָרשן די סיבות און די צילן. דער שלעכטער גאָט — דאָס איז די טיראַנישע עקשנות, דאָס אומשליידערן אַלע געזעצן און נאָרמען, די העכערע חכמה און די העכערע אויסגעלאַסנקייט. ער האָט געהייליקט יעדע גאווה, וואַגן און מאַכטגייציקייט, האָט דעם מענטשן געלערנט, אַז עס איז „ניטאָ קיין פאַרברעכן, סיידן קעגן זיין אייגענער נאַטור". ער האָט געהייליקט

די אויספאָרשונג, וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע, און „געלאָזן אָן אַ ברעג פונאַנ־דערגיסן זיך אַלע אינסטינקטן אין דעם ציגור פון געשלעכט און אָנגערופן עס קונסט". דער שלעכטער גאָט, דער שטן, נעמט ביי פשיבישעווסקין אָן דאָס געשטאַלט אַמאָל פון עסכילס פּראָמעטעוס אַמאָל פון באַיראָנס קין, אַמאָל פון לעגענדאַרן פאַוסט. ווי עסכילס פּראָמעטעוס האָט ער די מענטשן אויסגעלערנט צו באַנוצן זיך צוליב זיין אייגענער טובה מיט די קרעפטן פון דער נאַטור, אַרויסצובאַקומען רפואות פון די גראָזן, וועלכע זיינען רייך מיט געפערלעכע גיפטן. ער האָט אינם מענטשן אַריינגעלייגט די „שעפערישע נייגעריקייט פון פאַוסט, פון קינס ווידערשפעניקייט. ביז קריסטוסעס ערשיינען זיינען פילע גע־גאַנגען אין די וועגן פון דעם שלעכטן גאָט, האָבן געפאָרשט די סודות פון הימל און ערד און האָבן אַזוי פאַרוואַנדלט די זאַכן, אַז גיפט איז פאַר זיי גע־וואָרן אַ רפואה, וואַסער האָט זיי באַוויזן די צוקונפט, און וואולקאַנישע אויס־דעמפונגען, וועלכע פלייצן אַרויס פון דער ערד, האָבן פאַר זיי אַנטפּלעקט די געהיימסטע טבע פון די זאַכן. און ווייטער און ווייטער זיינען זיי אַריינגעדרונ־גען אויפן וועג פון הסתכלות אין דעם קרייז, וועלכן זיי האָבן אָנגעצייכנט אַרום זיך, פון זער ריי קלאַנגען, וואָס זיי האָבן אַרויסגערעדט אין אַ געוויסן סדר; אַ באַוועגונג מיט דער האַנט האָט שוין געקלעקט, כדי צונויפצובינדן זיי־ער נשמה מיט דער וועלט, פונאַנדעררוקן אַלע געזעצן פון רוים און צייט און אָן מחיצות זען די ענדלאָזיקע צונויפקלאַמערונג פון די סיבות און די רעזולטאַטן פון זייער אַנטשטיין אָן ביז די ווייטסטע גרענעצן פון דער צוקונפט".
מיט איין וואָרט, ביזן ערשיינען פונם קריסטנטום, ביז עס האָט זיך אויף דער סצענע באַוויזן דער גוטער גאָט, האָט, לויט פשיבישעווסקיס לערע, די מענטש־הייט געטראָטן אויף אַ ריכטיקן וועג. דער שטן האָט מענטשן אויסגעלערנט פאַרשטיין די סודות פון דער נאַטור פון איין זייט, און פון דער צווייטער — בוקן זיך פאַרן נאַקעטן אינסטינקט. ער איז געווען דער גאָט פון „אינסטינקטן און פון לייב־געלוסטונגען", „דער אומערשעפלעכער קוואַל פון לעבנספרייד, באַגייסטערונג און פאַרשיכורטקייט"; ער האָט אויסגעלערנט די פרוי די גע־היימע קונסט פון פאַרפירן, וועלכע פירט די מענטשן צו באַפרידיקן זייער תאווה אין געמיינזאַמער געלוסטונג פון געשלעכט; ער האָט „געגעבן אַ שפע פון פאַרבן, אויסגעקלערט די פלירט", אאַז"וו. מיט איין וואָרט, ער האָט הייליק געמאַכט אַלץ, וואָס עס איז דער גלויבן־סימבאָל פון היינטיקן דעקאַדאַנס: די וויסנשאַפט פון די מאַגן, דעם אינסטינקט, די קונסט, זנות און באַרוישונג, — אַלץ, קעגן וואָס די קירך האָט געקעמפט, זינט עס האָט זיך באַוויזן קריסטנ־

טום. די מענטשהייט האָט זיך אַנטוויקלט רעגלמעסיק, ביז עס איז אַרויסגעטראָטן אויף דער סצענע דער גוטער גאָט, „וועלכער האָט ביז אַהער געקיניגט אין זיין אומזעבאַרן קיניגרייך מיט אומגעשטערטער רויִקייט, וואָס איר איז כדאי מקנא צו זיין. ער האָט אַראָפּגעשיקט צו די דורות פונם שלעכטן גאָט זיין זון, וועלכער האָט זיי דערציילט דעם טרויעריקן אמת. ער האָט מענטשן פאַרבאָטן צו שטרעבן צו דעם גוטס פון דער ערד, האָט געמאָלדן, אַז זינד איז גאווה, און די תאווה, דער דאָזיקער גרויסער קוואַל פון אַלע ליידנשאַפטן, דער אומדערשעפּלעכער קוואַל פון ליבע צום לעבן. דער דאָזיקער ווילן צו דער אייביקייט פון לעבן, האָט דער שליח פונם גוטן גאָט מכריז געווען אַלס „די טויערן פון גהינום". דער גוטער גאָט פון אומזעבאַרן האָט פיינט געהאַט די ערדישע שיינקייט. זיינע מאמינים זיינען אָנגעפאַלן אויף אַלץ, אין וואָס דער שטן־פאַן האָט אַרויסגעוויזן זיין אַנטפּלעקונג, אויף דער קונסט, אויף דער שיינקייט, אויף דער ליבע צום לעבן, אויף דער תאווה צום לייב און לעב. זיי האָבן זיך מיט דעם מויל פון טערטוליאַן אַוואָרף געטאָן מיט שנאה אויף יעדער פאַס פּורפּור, וואָס האָט אַרומגעזוימט דאָס קלייד פון אַ פרוי. לאַקטאַנצי פאַרשילט די פילאָסאָפן, די פּאָעטן, אפילו די מאָלעריי, אַלס אַזוינס, וואָס איז אויסגעטראַכט פון טייוול; אַלס אַזוינס ווערט געמאָלדן אויך דער טעאַטער און דער צירק. מיט איין וואָרט, „אין פאַנאַטישן שגעון איז די קירך אָנגעפאַלן אויף די טיפסטע און הייליקסטע בענדער, וואָס קניפּן צונויף דעם מענטשן מיט דעם וועלטאַל, האָט פאַרטיליקט דעם באַוואוסטזיניקן אָפּקלייב פון דער נאַטור", וואָרעם זי איז אָפּגעשטאַנען קעגן שיינקייט און קראַפט און האָט מיט רחמנות אָפּגעהיט דאָס, וואָס די נאַטור וויל ניט אויפנעמען, ד. ה. וואָס עס איז אַ מום, אַ מחלה, פאַרדאָרבנס, סריסות.

אין דעם „בית־הכּנסת פון שטן" זיינען צונויפגעזאַמלט אין איין גאַנצער סיסטעם אַלע הויפּט־אידעען פון דער הייַנטיקער אינדיווידואַליסטישער פילאָסאָפיע און פון דער מאָדערניסטישער פּאָעזיע. אַרויסגייענדיק פון דער ניטשעאַנישער אידעע וועגן דער אַוטאָנאָמער פערזענלעכקייט, וועגן די רעכט פונם „איך", אַז די איינציק פעסטע רעכט, איז פשיבישעווסקי אומפאַרמיידלעך געקומען אויך צו אַלע אויספירן, וועלכע פליסן לאָגיש אַרויס פון דער דאָזיקער גרונטלאַגע, צו דער פריידיקט פון אכזריות און גאווה, צו דער פאַרלייקענונג פון קריסטנטום און פון מיטלייד, צו דעם קולט פון קונסט, שיינקייט, זינד און פאַרברעכן, אַלס די העכסטע פאָרמען, וואו עס ווייזט זיך אַרויס די פערזענלעכקייט. דער קאַמף צווישן ד גוטן גאָט מיט דעם שלעכטן—דאָס

איז דאָס דערהויבענע בילד פון אייביקן קאַמף צווישן דעם אינדיווידואַליזם מיט דעם נאַציאָנאַלן יסוד, צווישן דער אָרגיע פון אינסטינקט און דער פאַרשטענדלעכער באַגרענעצונג פון דער פערזענלעכקייט, צווישן עגאָיזם און אַלטרויִזם. ביז איצט האָט מען אין דער געשיכטע אייגעזען דעם שטופנווייזן אָנוואוקס און דעם שטייגנדיקן נצחון פון דעם סאָציאַלן יסוד, פון דעם אַלטרויִזם און דער פאַרשטענדיקער באַגרענעצונג פון דער פערזענלעכקייט לטובת דעם גאַנצן. דאָס איז אויסגערופן געוואָרן אַלס פראָגרעס, אין דעם האָט די מענטשהייט געזען די פאַרזיכערונג פאַר דער קינפטיקער באַפרייונג פון דער פערזענלעכקייט, איר פאַרשטענדיקן און גליקלעכן קיום. די עקסטרעמע אינדיווידואַליסטן פון אונזער צייט זיינען אויפגעשטאַנען קעגן אַזאַ אויסטייטשן די געשיכטע. פאַר זיי איז דער נצחון פון די דערמאָנטע יסודות אַ צייטווייליקער. זי האָט פאַרצוימט דעם ריכטיקן וועג, איבער וועלכן די מענטשהייט איז געגאַנגען צו דער פולקומער פרייהייט פון דער פערזענלעכקייט, דעם וועג, אויף וועלכן דער מענטש איז געוואָרן אַ שעפער און אַ גאָט, האָט איבער זיך ניט געוואוסט קיין אַנדער מאַכט, אויסער דעם אייגענעם „איך".

דווקא אַזוי פאַרשטייט פשיבישעווסקי דעם גאַנג פון דער געשיכטע נאָכן ערשיינען פונם קריסטנטום. ער גייט נאָך טריט ביי טריט ניט די עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך געביטן איינע נאָך די אַנדערע ביי דער הערשאַפט אין דעם משך פון דער געשיכטע, נאָר די פאַרפאָלגטע איינצלנע כוחות, וועלכע האָבן ווייטער אָפגעהיט די אידעאַלן פון סאַטאַניזם און זיי פאַרהיט ביז סאַמע אונזער צייט. דאָס זיינען געווען די סאַמע שטאָלצע און מעכטיקע נשמות, אין וועלכע דער מאַג האָט געפלאַנצט זיין לערע. פאַרפאָלגטע פון דער קירך, פילנדיק אויף זיך די ווירקונג פון די אכזרישע געזעצן, וועלכע האָבן געשטראָפט פאַר מאַגיע, האָבן די קינדער פון שטן בעסער געוואָלט מאַרטירערשאַפט, איידער אָפזאָגן זיך פון זייער שלעכטן גאָט. און ניט געקוקט אויף די שייטערהויפנס און די פייניקונגען, האָט די קירך געפילט, אַז דאָס קיניגרייך פון שטן קאָן מען ניט אויסראָטן, אַז די כפירה פאַרשפרייט זיך אומעטום, אין סאַמע אוממערקבאַרע פאָרמען, נעמט אָן די סאַמע אומדערוואַרטע געשטאַלטן. דער שטן נעמט אָן טויזנטערליי פאָרמעס. „ער ווערט אַ טעאָלאָג, גייט אין דער וויסטעניש און פייניקט די הייליקע פאָטערס מיט סאַמע פאַרפירערישע פראַגן; ער זייט אין זייערע נשמות טויזנטערליי ספקות און וואַקלונגען; ער גייט אין די קלויסטערס און רייצט דעם אויסגעמאַטערטן מאַרך פון די מאָנאַכן מיט סאַמע פאַרפירערישע זעונגען; ער באַזוכט די פרימסטע

פרויעןביידערנאַכט, נעמט ביי זיי אָפּ דעם ווילן אין דעם פאַרשטאַנד און וועקט זיי צו אומפאַרשעמטסטער אויסגעלאַסנקייט. ער דרינגט אַריין אין מאַרך פון פילע טויזנטער טרייגלויביקע און שרייט אויס ווילדע פלוכן און גאָטלעס־טערונגען". און וואָס בייזער עס קעמפט קעגן אים די קירך, אַלץ שטאַרקער ווערט דער שטן. די קירך פייערט נאָך דעם נצחון איבער דעם שונא, אָבער ער איז פאַר איר אַן אייביקע דראָונג. ער קומט אַלע מאָל, ווען זי ווייזט זיך אַרויס היגטערשטעליק, ער נוצט אויס יעדן פעלער אירן, כדי צו זייען זיין פאַרדאַר־בערישע לערע. ווען מענטשן האָבן אין טויזנט יאָר אַרום נאָך קריסטוסעס געבורט אַנגעהויבן מיאש צו זיין זיך פון גאָט, ווען עס האָבן זיך באַוויזן צייכנס אין הימל, אין דער צייט פון הונגער, וואָס האָט דעמאָלט באַזוכט אַלע לענדער, האָבן מענטשן אָנגעהויבן פרעסן מענטשנפלייש, און וועלף האָבן אָפּן אַרומגע־שפּאַצירט איבער די וועגן, — דעמאָלט האָבן מענטשן אומזיסט געבעטן גאָט, אומזיסט אויסגעלייזט זייערע זינד מיט אַלגעמיינעם שלום שליסן, מיט תשובה, אומזיסט האָבן קיניגן צוזאַמען מיט די כאַרזינגער געזונגען תפילות, פולע מיט יאוש. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די שניטצייט פונם שאָטן. אויב גאָט העלפט ניט, מוז דער שאָטן העלפן. מענטשן האָבן אָנגעהויבן לעסטערן גאָט, טרעטן אין בלאָטע זיין הייליקן קערפער, באַשפּייען זיין הייליקן צייכן. און דער שטן האָט געפּרעפלט צו די פאַרצווייפלטע: „זעט, ווי גנעדיק אייער גאָט איז! צי דען זעט איר ניט, אַז ער האָט אייך שוין פאַרפלוכט, און ער וויל אייך מער ניט קענען?" און מענטשן האָבן געענטפערט: „נו, אויב מיר זיינען פאַרפלוכט, דעמאָלט וועט שוין גאַרנישט העלפן — לאָמיר זיך איבערגעבן צום שטן אינגאַנצן: מענטשן האָבן ווידערשפעניקט קעגן דעם גוטס, פאַר וועלכן קריסטוס האָט פאַרגאָסן זיין בלוט. „וואָס איז דאָס פאַר אַ גוטס, — האָבן זיי געזאָגט, — אויב מענטשן מוזן אויפפרעסן איינער דעם צווייטן, אויב די ערד ברענט די פיס, ווי אָנגעגליט אייזן, און די דזשומע לאָזט צעפוילט ווערן דאָס לייב אויף די ביינער". זיי האָבן ניט געוואָלט דעם גהינום איבערלעבן דאָ אויף דער ערד אין נאָמען פון יענעם גוטס, וואָס דאַרף קומען נאָך דעם דאָ־זיקן ערדישן גהינום. די קירך איז געוואָרן אַ פאַרשייטע און אַ פאַרקויפלעכע, פרויען האָבן געגומען דורכפירן זייערע געליבטע אויף דער שטעלע פון די פויפסטן. דאָס פאָלק האָט אויפגעהערט צו גלויבן אין דער געטלעכער פאַר־שטייערשאַפט; מאַכט און אַווטאָריטעט זיינען בטל געוואָרן. די קירך קעמפט ווייטער פאַרצווייפלטערהייט קעגן דער נאַטור און דעם שכל, אָבער דער גייסט פון סקעפּטיציזם און אומגלויבן האָט פאַרכאַפּט די גאַנצע מענטשהייט. דער

„איך" טרעט אַרויס מיט „שיכּורן ענטוזיאַזם". עס באַווייזט זיך די לערע וועגן דעם, אַז גוטס און שלעכטס זיינען קעגן דער קריסטלעכער לערע גלייך סובסטאַנציאָנעל. די קירך קומט אָן צו דער הילף פון פייער און אייזן, זי פּריידיקט קרייצצוגן קעגן די אומגלויביקע; איינגעמענדיק בעריע האָט מען אויסגעשאָכטן 60,000 מאַן; די צעטריבענע אַלביגאָיער האָט מען אויסגעראָטן מיט אומגעהערטער אכזריות: די ריטער פון הייליקן גייסט האָבן געטויט, געהאַנגען, געברענט, געפערטלט הונדערטער און טויזנטער מענטשן. קיינמאָל האָט זיך דער שטן ניט געפילט שטאַרקער, איידער איצט. מען האָט נאָר חרוב געמאַכט די פאָרם פון זיין קירך, אָבער וואָס איז פאַר אים די אומזעבאַרע פאָרם? אין די הערצער איז דאָס פאָלק אים טריי געבליבן, ער האָט זיך באַהאַלטן אין די אונטערערדישע קאַטאַקאָמבעס, האָט זיך פאַרבאָרגן אין די שפּאַלטן פון די בערג, און קיינמאָל פריער האָט דאָס פאָלק אויפריכטיקער אים ניט פאַרגעטערט. „ווי נאָר עס זיינען אויף די פייערן אַנטשוויגן געוואָרן די לעצטע מיט גיפט שוימענדיקע קללות פון די אַלביגאָיער, האָט תיכף שטאָלץ און מעכטיק אויפגעהויבן איר שרעקלעכן קאָפּ די נייע פריסטערין — די מכשפה". פאַרפאָלגט פון דער קירך, אָבער אומדערגרייכבאַר פאַר איר, אונטער טויזנטער פאַרשיידענע פאָרמען האָט דאָס שלעכטס אַזוי דורכגעמאַכט זיין וועג. אויסגעראָטן אין דער פאָרם פון כפירה, האָט דאָס שלעכטס אָנגענומען די פאָרם פון גאָלד, און האָט ווידער פאַרזייט מלחמות, פּויערים-מרידות, נייע שרעקלעכע פאַרגוואַלטיקונגען. אויסגעראָטן אין דער פאָרם פון גאָלד, האָט זיך דער שטן ווידעראַמאָל באַוויזן אין דער פאָרם פון דזשומע, הונגער און עקסטאַטישע אָרגיעס.

צום סוף XIV י"ה ווערט דער שטן גריילעך געאַכט. ער ווערט פּאָפּולער, אַלע צויבערלעכע קונסטן האָבן גרויס ערפאָלג. אין קיניגלעכן הויף זאַמלען זיך מכשפים פון אַלע לענדער און באַשווערן די שדים, וועלכע זיינען אַריין אין קיניג; אויף ריזיקע סקאַוואָדעס פאַרברענט מען זעלטענע געוויקסן, וועלכע ציגיינער האָבן געבראַכט קיין אייראָפּע. מען האָט שוין מער פאַרן שטן קיין מורא ניט, מען האָט אים ליב. אפילו אין קליידונג מאַכט מען אים נאָך. די פרוי טראָגט העכער איר קאָפּ, אַנטבלויזט אומפאַרשעמט די בריסט. מאַנסביל טוען זיך אָן אין ניט אָנשטענדיקע בגדים, דערביי ענדיקט זיך דער שוך מיט אַ שאַרפן נאָגל. עס בליט און עס וואַקסט זיך אומאויפהערלעך פּובאַנדער די סעקטע פון די, וואָס דינען צום טייוול. עס איז שוין ניט געווען מער קיין דאָרף, אין וועלכן עס זאָל ניט זיין קיין געטרייע איבערגעגעבענע עדה

פון שטן, וועלכע באַגייט פאַרברעכנס אָן אַ צאָל און פייערט דורך די נעכט אויסגעלאַסענע אָרגיעס לכבוד דעם טייוול. דעם לעצטנס מאַכט וואַקסט אַלץ מער, וואָס נעענטער צו אונזער צייט. די שבתים פון די מכשפות אין דער מיטלעלטער — דאָס איז געווען דער אָרגיאַזם פון די אַנטצוימטע אינסטינקטן, אַ מעכטיקע מרידה פון דעם אונטערדריקטן לייב, אַ פינסטערער הללויה פון דער געצנדינערײַ, וועלכע איז צוגעשטוואָקס געווען צום צלם. פאַרברענענדיק די מכשפות, האָט די מיטלאַלטערישע געזעלשאַפט, אין תוך גענומען, געפונען זיך אין דעם צושטאַנד פון זעלבסטבאַשיצונג, און אויב היינטיקע צייטן איז שווער צו געפינען אַ מעדיום, האָבן דערצו אַ היבש ביסל מיטגעווירקט די מיטלעלטערישע שופטים, וועלכע האָבן אויסגעראָטן אַלעמען, ווער עס איז געווען מעדיומיש פעיִק. דער פּרייזיניקער בירגער פון היינטיקער צייט, וועלכער איז אויסער זיך פון די פּראָצעסן איבער די מכשפות, דאַרף פאַרקערט דאַנקען די מיטלאַלטערישע תליונים, וואָרעם אַדאַנק זיי, „מאַכט ער ניט קיין משוגענעם טאַנץ אויפן מאַרק, זעט ער ניט זיין טאָפּלגייער, פייניקט אים ביידערנאַכט קיין גהינומשער געוויש...” — צום סוף XVI י״ה איז שוין דער שטן געווען אַזוי מעכטיק, אַז ער האָט באַשלאָסן אַריינצודרינגען אין דער קירך פון זיין קעגנער, אַראָפּצושטויסן אים פון אַלטאַר, אַראָפּצוזעצן זיך אויף זיין אָרט און מאַכן די גלחים פאַר זיינע אונטערגעגעבנסטע משרתים. לויט די רייד פון איינעם פון די שופטים איז אין דער דאָזיקער צייט איינער פון יעדע דריי מענטשן, וואָס מען האָט באַגעגנט אין גאַס, שולדיק געווען אין כישוף. אַ פולע גלחים האָבן דעם שאַבאַש אַריבערטראָגן אין קירך, און אין דעם קרייז פון מענטשן, וועלכע מען האָט פאַרטרוילעך אַריינגענומען אין חברה, אָפּגעריכט שענדלעכע שוואַרצע מעסעס. אינגיכן זיינען די שוואַרצע מעסעס געוואָרן אַלגעמיינע, און מען האָט זיי אָפּגעריכט, דערהויפּט, אין די פרויענקלויסטערס. „אין די דאָזיקע נעסטן פון דעמאָנאָמאַנישער עמפּאַנגלעכקייט, וועלכע איז אַנטוויקלט געוואָרן דורך די גייסטלעכע פאָטערס און האָט געדינט צו באַפרידיקן די לייבגעלוסטונג, אויך צוליב אַנדערע צילן”. צום מיטן XVII י״ה ווערט די שוואַרצע מעסע אַ פּאָפּולערע. זי ווערט כמעט אַן עפנטלעכע. עס איז שוין מער קיין סוד ניט געווען, אַז זי ווערט אָפּגעריכט אין פּאַריז, ביי אַ גרויסן עולם פון איטאַליענישע פרויען אין דער קירך פון הייליקן גייסט, אין מאָנמאַרטרער אַבאַטשאַפט און ד. גל. פאַר אונזער צייט זיינען די באַווייזן בנוגע די סאַטאַניסטן זעלטן און ניט זיכער. אָבער דאָס ביסל אויפגעזאַמלטע ווענן זיי ידיעות באַווייזן, אַז עס עקסיסטירט גאָטלעסטערנדיקע מעסעס, פאַרשוועכונג

פון הייליקטימער, לסוף געשלעכטלעכע אָרגיעס, דערפירטע ביז אַן אוממענטשלעכער מאָס דורך איינאָטעמען נאַרקאָטישע מיטלען. די סעקטע וואַקסט אונטערן שוץ פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע און ליבעראַלער קירך. די פסיכאָלאָגישע דערקלערונג פון די דאָזיקע „אומגעהייערע אַקציעס" איז, לויט דעם אויטאָרס מיינונג, אוממעגלעך, ווי די דערקלערונג פון אַלע אַנדערע רעליגיעס.

און אין די ווערטער, מיט וועלכע פשיבישעווסקי פאַרענדיקט זיין היסטאָרישע אויספאָרשונג, דעקט זיך ענדלעך אויף, אַז די גאַנצע לחלוטין נייע געשיכטלעכע קאָנצעפּציע האָט געהאַט אין אַכט איין ציל—צו באַגרינדן איינעם פון יענע וועגן, אין וועלכע די באַנקראָטירטע בורזשואַזע געזעלשאַפט זוכט אַן אויסגאַנג פאַר איר בענקשאַפט נאָך שעפערישער טעטיקייט, נאָך דער פרייער פערזענלעכקייט און נאָך אַ שיינעם לעבן. „דער געשלעכט — אָט איז די גרונטאַקס פון די אַלע ערשיינונגען. שטילן די אייביק וואַקסנדיקע פאָדערונגען פון געשלעכט, באַפרידיקן דעם דאָרשט נאָך נקמה, דערקענען די געהיימע כוחות, וואָס דאָס געשלעכטלעכע גליק קאָן געבן, אָט זיינען די סיבות, פאַרוואָס מען גיט זיך איבער צום שטן. אָבער אין דעם איז קיין גליק ניטאָ, זאָל זיין! אָבער אין דער קיניגרייך פון דער נאַכט, אין תהום און אין ווייטאָק געפינט מען באַרוישונג און טירוף. מען וואַרפט זיך אין גהינום אַריין, נאָר מען פאַלט אַריין אין טירוף, וואָס אין זיין שגעון קאָן מען פאַרגעסן, זיך פאַרגעסן... דער טאָג—דאָס איז די שווערע, די אימהדיקע לאַסט פון לעבן, דער שרעקלעכער פיין פון דער נויטווענדיקייט צו לעבן; די נאַכט—דאָס איז דער טירוף, די באַרוישונג, די פאַרגעסונג. פאַר די אַלע פאַקטן איז ניטאָ קיין מאָראַלישע מאָס, זאָל זי אָנווענדן דער פעטער בורזשואַ, וועלכער קאָמפּענסירט זיין קרעטיניזם מיט אָנגעזאַמלטן געלט, די דאָזיקע פאַקטן דאַרף מען באַגרייפן אין זיין טרייסטלאָזן, פיינלעך-קראַנקן תהום.

סאַר אַ ווילדער מישמאַש פון באַגריפן! סאַר אַ ניט קענען פונאַנדערצוקלייבן זיך אין סאָציאַלע און היסטאָרישע ערשיינונגען! פשיבישעווסקי פאַרשטייט אַפילו ניט, אַז די „מאָראַלישע מאָס" פון דעם בעל-מידות-טובות, אָדער, ווי ער דריקט זיך אויס, פון דעם פעטער בורזשואַ און די הפקרות פון די געשלעכטלעכע אינסטינקטן זיינען ביידע גלייך אַ קינד פון דער בורזשואַזיע, אַז יעדע איינע פון די דאָזיקע ערשיינונגען האָט געהאַט די ממשלה אין דעם אָדער יענעם פעריאָד פון דער בורזשואַזער הערשאַפט: די ערשטע, ד. ה. „די מאָראַלישע מאָס" — אין דער עפּאָכע פון איר געהייבנקייט, אין דעם העראָישן פע-

ריאָד און אין דעם פעריאָד פון מער אָדער ווייניקער פרידלעכער הערשאַפט; די צווייטע — ד. ה. די אויסגעלאַסנקייט, „די פאַרשיכּורטקייט, דער טירוף, די פאַרגעסונג, — אין אונזער צייט, אין דעם פעריאָד, ווען עס הייבט זיך אָן דאָס פאַלן און די אַנטאַרטונג פון דער בורזשואַזיע; אַז די שאַבּאַשן און אַלערליי „פאַרשיכּורטקייטן" און „טירופים" האָבן געבליט דווקא אין די צייטן פון קריזיסן, וועלכע דערמאָנען אונזער צייט, אַז אויב אין געוויסע ספערן האָט אין אונזער צייט אויפגעלעבט דער קולט פון שטן, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס ענלעכע מאָמענטן פון רעאַלע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען געבוירן אויך ענלעכע פסיכישע צושטאַנדן. אויפן שטח פון גאָר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט ביז היינטיקער צייט האָבן די הערשנדיקע גרופּעס, ביי וועלכע עס איז פאַרבליבן די מאַכט, דאָס עשירות, וואָס איז צו זיי אַריבער בירושה פון די עלטערן, נאָר זיי האָבן פאַרלאָרן זייער היסטאָרישע באַדייטונג, ניט געקאָנט צוטראַכטן קיין אַנדער פילאָסאָפיע, אויסער דער פילאָסאָפיע פון יאוש, טירוף, פאַרשיכּורטקייט, האָבן ניט געקאָנט אויסטראַכטן קיין אַנדער צייטפאַרוויילונג, אויסער נאַכט-אָרגיעס און ראַפינירטן זנות. אַזוי איז געווען מיט די אויף דורך צעפוילטע הויפלייט פון דער עפּאָכע פון דער רעגענטשאַפט און מיט זייערע פּאָעטן. אַזוי דאַרף זיין אויך היינט מיט די קריפּלען פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָבן באַקומען פון די עלטערן ירושה זייערע מיליאָנען, נאָר ניט זייער ענערגיע. און די פּאָעטן, וועלכע מיינען, אַז זיי טרעטן אַרויס קעגן דער בירגערלעכקייט, האָבן אין תוך גענומען נאָר אויסגעדריקט איר פסיכיק אין דעם פעריאָד פון איר פאַלן. די טאַלאַנטן פאַרקויפן זיך אומבאַוואוסטזיניק צו די שטאַרקע און רייכע. די פּאָעזיע און די פילאָסאָפיע פירן אויס זייער אייביקע שליחות: ביידע באַגרינדן זיי און שפּיגלען אָפּ די געפילן און די שטימונגען פון דעם הערשנדיקן קלאַס, דערהויבנדיק זייבע געשמאַקן און פאַרלאַנגען צו דער מדרגה פון אייביקע ווערטן, פאַרוואַנדלענדיק סיי דעם עבר, סיי דעם הווה פון דער מענטשהייט אין לען-סלופקעס צו פאַרפעסטיקן די וועלטאָנשויונג, וועלכע שפּיגלט אָפּ די געשאַפענע רעאַלע באַציִונגען. דערהויבנדיק צו דער קאַטעגאָריע פון אייביקע ווערטן די געשמאַקן פון דעם הייפל „האַרן", וואָס שטייט ביי דער מאַכט, וואַגט די פּאָעזיע אפילו די דאָזיקע קופּקע אַרויסצושטעלן אָנשטאָט דער מענטשהייט, אַז מיליאָנען מענטשן וועלכע זיינען צעטיילט אויף גרופּעס מיט פאַרשיידענע אינטערעסן און פאַרשיידענע פילאָסאָפישע פאָרשטעלונגען, זאָלן פאַרביטן ווערן אויף דער קופּקע איבערגעזעטיקטע מענטשן, וועלכע פירן נאָך אָן די וועלט מיט דער הילף פון

זייערע מיליאָנען. „די פאַרצווייפלטע מענטשהייט,—באַמערקט פשיבישעווסקי—גאַיִוו,—האָט נאָר איין אויסגאַנג: פאַרשיכורן זיך. און זי פאַרשיכורט זיך. פאַרשיכורט זיך מיט גיפט, פאַרשיכורט זיך מיט שמוץ, און גאָר די דאָזיקע פאַרשיכורונג פאַרענדיקט זיך מיטן עקסטאַז פון געשלעכט אַזוי, אַז די נערוון בייסן זיך, דער מענטש ווערט צוצווייִקט, טראָגט איבער די שרעקלעכסטע, אומרחמנותדיקסטע פּיינען, פאַרגעסט אָבער, לפחות, דאָס מער שרעקלעכע, דאָס וואָס שטייגט אַריבער דעם שמוץ און דעם עקל פון זיינע פּאַסקודנע שמירעכצן, זיינע זשאַבעס, זיינע עקלהאַפטע לחם־הפּנימס, וועלכע זיינען פאַרקנאָטן אויף עקלהאַפטע אויסשטיילונגען פון קערפּער—ער פאַרגעסט דאָס לעבן. די דאָזיקע פאַרצווייפלטע רעפּליק, וועלכע דעקט אויף דעם זינען פון דער „פאַרשיכורטקייט", וועלכע דערקלערט זי ריכטיק מיט דער אימה פאַרן לעבן, איז ניט אויסגעהאַלטן בלויז אין איין הינזיכט. זי שרייבט פאַלש צו דער „מענטשהייט" די שוואַכקייט און די פאַרצווייפלונג פון דער הייַנטיקער בורזשואַזיע און פון יענע, וועלכע זיינען ניט בכוח אַרויסצוגיין פונם קרייז פון אירע באַגריפן און געפינען אין דער „מענטשהייט" לעבעדיקע און געזונטע עלעמענטן וועלכע גרייטן צו די צוקונפט און קומען צו פאַרנעמען דעם אָרט פון דעם אָפּשטאַרבנדיקן קלאַס.

דער „בית־הכּנסת פון שטן" האָט געשטרעבט צו געבן אַ היסטאָרישע באַגרינדונג דער צעלאָזנקייט פון דער זיך אַנטאַרטנדיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט, ווי די „כּוונות" פון אָסקאַר אואײַלד האָבן געזאָלט היסטאָריש צו באַגרינדן איר אומגעוויינלעכע עסטעטישע עמפּפינדלעכקייט, און „דער אוצר פון ענווים" — איר נטיה צו מיסטיציזם און סוד. לויט אָסקאַר אואײַלד, באַשטייט דער זינען פונם היסטאָרישן פּראָצעס אין דעם אָנוואוקס פון דער קראַפט פון פאַנטאַזיע. לויט מעטערלינקן—אין דעם, וואָס עס שטאַרקט זיך די הערשאַפט פון דער נשמה, לויט פשיבישעווסקין — אין דער אַנטוויקלונג פון געשלעכטלעבן. ווי שטאַרק עס האָט זיך אין די דאָזיקע טעאָריעס אַרויסגעוויזן דער אייביקער טעות פון די הערשנדיקע קלאַסן, וועלכע זיינען געוויינט צו פאַרוואַנדלען די געשיכטע אין אַ פּראָצעס, וועלכער קומט נאָר כּדי צוצוגרייטן זייערע געשמאַקן!

אָבער, געגליכן צו זיינע חברים, האָט זיך פשיבישעווסקי ניט באַגרענעצט בלויז מיט געשיכטע. ער האָט גערופן צו הילף די פילאָסאָפיע און די פסיכאָלאָגיע. זיין קורצע הקדמה צו «De profundis», פון דער צווייטער זייט, גענענט צו דער זעלביקער אידעע, קומט פון אַנדערע שטאַנדפּונקטן צו דעם

זעלביקן אויספיר, אַז די צעלאָזנקייט אין דער ספערע פון געשלעכט־לעבן איז די איינציקע התגלות פון דער פערזענלעכקייט, דער איינציקער פאַר אַ מענטשן ווערדיקער פסיכישער צושטאַנד. כמעט אין הסכם מיט מעטערלינקן, שטעלט זיך פשיבישעווסקי פאַר צוויי יסודות אין דער אינערלעכער וועלט פונם מענטשן, איינעם פון זיי האַלט ער פאַר אַ העכערן און רופט אים אָן נשמה, דעם צווייטן שטעמפּלט ער מיט פאַראַכטונג און רופט אים אָן מאַרך. די טעטיקייט פונם צווייטן רופט ער איראָניש „נאָרמאַל דענקען", לאָגיש „מאַרך־לעבן". די דאָזיקע טעטיקייט האָט ער פיינט דערפאַר, וואָס זי טראָגט ניט אויף זיך די חתימה פון אינדיווידואַליטעט. זי איז ביי אַלעמען איינאַרטיק. די געזעצן פון דענקען האָבן אַ גלייכע קראַפט ווי פאַר „די נידעריקערע פלעבייער פון בילדונג" אַזוי אויך פאַר די סאַמע אַנטוויקלטע און ראַפינירטע „אַריסטאָקראַטן פון שכל". דער מאַרך עקסיסטירט כדי צו פאַרשטיין „דאָס באַנאַלע" אין לעבן. אין דער קונסט האָט ער באַשאַפן נאַטוראַליזם, „די גייסטלאָזע גראָבע קונסט פאַר דעם המון, די בורזשואַזע קונסט par exselence, די biblia pauperum פאַר דעם שוואַכן „נאָרמאַלן מאַרך", פאַר דעם ניט־רירעוודיקן, פּחדנישן, פלעבעיִשן מאַרך, וואָס וויל, אַז אַלץ זאָל פאַר אים זיין קלאָר און דערוויזן, וואָס לאַכט אויס און שפּאָט אָפּ פון יעדער טיפקייט, פון יעדן סוד און דערקלערט זיי פאַר משוגעת, וואָרעם ער האָט פיינט די נשמה, ווייל ער קאָן זי ניט באַגרייפן". אין דער פילאָסאָפיע האָט דער דאָזיקער מאַרך געבראַכט „צו דעם פולקומען באַנקראָט פון אַלע זיינע אָנשטרענגונגען". «Iagnoramus» און «ig-norabimus»—דאָס איז דער סך־הכל פון אַלע זיינע וויסנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע אויספאָרשונגען.

צוליב דער דאָזיקער פולקומער היגטערשטעליקייט פון דעם מענטשנס מאַרך און פון זיין ווילן — פון דער וויסנשאַפט, זאָגט זיך פשיבישעווסקי אָפּ צו פאַרנעמען זיך מיטן לעבן פון מאַרך, ער לאָזט איבער „דאָס פלעבעיִשע פאַר די פלעבעער". ער ווענדט זיך נאָר צו דער נשמה, וואָס איר טעטיקייט דאַרף בלי ספק געבן אַן ענטפער אויף דאָס אַלץ, וואָס עס איז פאַרהוילן פונם מאַרך. זי איז דער קוואַל פון דער עכטער העכערער קונסט. זי, הפנים, דאַרף אונדז אַרויספירן מחוץ די גבולות, וואָס פאַר זיי בלייבט דער מאַרך שטיין מיט זיין «ignoramns». די דאָזיקע טעטיקייט פון דער נשמה רופט פשיבישעווסקי אָן „די התגלות פון דעם ריינעם נשמה־לעבן", די גאַקעטע אינדיווידואַליטעט", „צושטאַנדן פון סאָמנאַבולישן עקסטאַז". און פונקט ווי ער וואָלט אַליין געפילט, אַז די דאָזיקע נעמען באַשטימען גאָרנישט ניט, זאָגט ער, אַז אַלע די

דאָזיקע און „אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך" אַנדערע ווערטער קאָנען אוי סדריקן
נאָר דעם איין פאַקט, אַז „עס עקסיסטירט נאָך עפּעס אויסער דעם נאַרישן
מאַרך", עפּעס אַזוינס, וואָס שטייט הינטער דעם מאַרך, עפּעס אַן אומבאַוואוסטע
קראַפט, וועלכע איז באַגאַבט מיט אומגעוויינלעכע פעיִקייטן, נעמלעך
אַ נ ש מ ה, — ד י נ ש מ ה, וועלכע פילט דעם עקל צו געפינען זיך אין שטענ-
דיקער באַרירונג מיט דער לעכערלעכער באַנאַליטעט פון לעבן, און, כדי ניט
צו פראָסטיטוּירן זיך טאָג איין טאָג אויס, האָט זי באַשאַפן דעם מאַרך"... די
נשמה האָט באַשאַפן די העכערע קונסט. דאָס איז יענע קונסט, וועלכע פאַר-
נעמט זיך ניט מיט דער באַנאַלער אויסערלעכער וועלט, נאָר מיט דער
וועלט, ווי זי שפיגלט זיך אָפּ אין דער נשמה אין זעלטענע שעהן,
אין די שעהן פון האַלוצינאַציע און עקסטאַז". צו די שאַפונגען פון
דער דאָזיקער קונסט רעכנט פּשיבישעווסקי צו שאָפּענס Fis moll. אין
דער ליטעראַטור האָט זי געשאָנקען די דייטשע מיטלאַלטערישע מיס-
טיקער און די שאַפונגען פון דער אָריענטאַלישער אַלטערטימלעכקייט. די
ליבעראַלע בורזשואַזיע האָט נאָך דעם 48סטן יאָר מבטל געמאַכט די נשמה, און
„אירע אומפאָפרעגלעכע אַנטפּלעקונגען האָט זי געמאָלדן פאַר נאַרישקייט און
שאַרלאַטאַנישקייט". נאָר אין גאָר דער לעצטער צייט באַווייזן זיך מענטשן,
וועלכע שטעלן זיך מיט פאַרוואונדערונג אָפּ פאַר דעם אַרויסווייזן זיך פון
דער נשמה. די דאָזיקע אַרויסווייזונגען זיינען: „אַ לאַנגער בליק, מיט וועלכן
מען קוקט זיך דורך אין אַ שפּעטיקער שעה, און וועלכער דעקט אויף דעם
גאַנצן מענטשן", „די אימה פאַר אַן אויגנבליקלעכן אויפפלאַמען פון דער
נשמה, וואָס גייט אַריבער דורכן מאַרך און דרייט אַלץ איבער מיטן דעק
אַרויף", לסוף „עפּעס פרעמדס, עפּעס שרעקלעכס, פון וואָס מענטשן קאָנען
זיך אַליין קיין רעכענונג ניט אָפּגעבן".

אַלע די דאָזיקע באַשטימונגען וועגן דעם אַרויסווייזן זיך פון דער נשמה
צייכענען זיך ניט אויס מיט איבעריקער קלאָרקייט. און נאָר דעמאָלט, ווען
פּשיבישעווסקי דערערדט ביזן סוף, ווערט קלאָר, אַז זיין פילאָסאָפיע און פּסיכאָ-
לאָגיע ווערן דערפירט צו דעם, צו וואָס עס האָט אים געבראַכט די געשיכטע.
די טעטיקייט פון דער נשמה עפנט זיך באַזונדער העל אָפּ אין די מאָמענטן
פון געשלעכטלעכן עקסטאַז. „פונקט אַזוי ווי איך קאָן גאָרנישט ניט טאָן קעגן
דעם, וואָס אין משך פון גאַנצן מיטלאַלטער זיינען די התגלות פון דער נשמה
פאָרגעקומען אויסשליסלעך אויף דעם געביט פון רעליגיעזן לעבן, אַזוי קאָן
איך אויך קנאַפּ וואָס ענדערן אין דעם פאַקט, וואָס אין אונזער צייט
ווייזט זיך די נשמה אַרויס נאָר אין דער באַציִונג פון די געשלעכטן

איינער צום צווייטן. זאָל מען דערפאַר מאַכן פאָרוואורף דער נשמה, ניט
מיר״. פשיבישעווסקי באַטראַכט מענטשן „אויסשליסלעך פון דעם שטאַנדפונקט,
צי טרעפט ביי זיי אַמאָל די אַנטפּלעקונג פון דער נשמה״. פילנדיק, אַז אַזאַ
בליק אויף געשלעכטלעכע באַציִונגען דערפירן אים צו נאָענטער באַרירונג מיט
דער היינטיקער צעלאָזנקייט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, קעגן וועלכער
ער אַליין טרעט אַרויס, טיילט זיך פשיבישעווסקי אָפּ פון די שריפטשטעלער
באַטוראַליסטן, וועלכע שילדערן ליבע־געפילן, אגב, פון דער „מיאוסער, וואויל־
יונגערישער קאָמיש־פיקאַנטער, מאָפּאַסאַנישער עראָטיק״. ער אָנערקענט נאָר
עפּעס אַזעלכע באַזונדערע העכערע פאָרמען פון געשלעכטלעכער אויפגע־
רייצטקייט. „איך מיין אונטער דעם דאָס קרענקלעכע, פולע מיט אימה באַ־
וואוסטזיין פון עפּעס אַן אויסדריקלעכער אַכזורישער קראַפט, וועלכע וואַרפט
אייגע צו דער אַנדערער אַנטקעגן צוויי נשמות און וועלכע פּאַראייניקט זיי
אין וויי און אין פיין, איך מיין דערונטער דעם שרעקלעכן פיין און ווייטאָק,
אין וועלכע עס צערייסט זיך די נשמה, וואָרעם איר געלינגט ניט צונויפצו־
גיסן זיך מיט דער אַנדערער, איך פאַרשטיי דערונטער יענעם ריזיקן געפיל
פון פּאַרטיפונג און ליבע, ווען מ׳פילט אין דער נשמה די ווירקונג פון טויזנ־
טער דורות, פון טויזנטער יאָרהונדערטן, אַלץ נייע און נייע פּיינען פון די
דאָזיקע דורות, וועלכע זיינען אומגעקומען אין געשלעכטלעכן טירוף, אין
דאָרשט פון שאַפן אַ ניי לעבן, איך מיין דערונטער נאָר די נשמה־זייט אין
לעבן פון ליבע: יענע אומבאַקאַנטס, יענס רעטזעלהאַפטס, יענע גרויסע פּראָב־
לעם, וועלכע שאָפּענהויער האָט דער ערשטער ערנסט אָנגעמערקט אין זיין
„מעטאַפיזיק פון ליבע״, און, געוויס, אָן דערפאָלג, ווייל לאָגישע מיטלען זיי־
נען קנאַפּ פאַר דער „ניט־לאָגישער נשמה״. אַדאַנק אַזאַ שטאַנדפונקט באַקומט
די פרוי אויך אַ מיסטישע באַדייטונג אַלס „אייביקע וועקער פון ליבע״. פאַר
דעם בורזשואַזן קינסטלער איז זי אָדער אַ שפּילצייג, אָדער אַ צאַרטער אָן
אַ שיעור וועזן, אָדער אַ קאָקאָטקע, אָדער אַ שטייף פאַרשנורעוועטע אומצוטריט־
לעכע דערהויבנקייט, אָדער אַ קעצעלע...״ פאַר דעם קינסטלער, וועלכער איז
טיף אַריינגעדרונגען אין די „שרעקלעכע סודות און אין די תהומות פון גע־
שלעכט־לעבן״, איז די פרוי — אַ שרעקלעכע קאָסמישע קראַפט. „זיין פרוי —
דאָס איז די פרוי, וועלכע האָט אין דעם מאַנסביל אויפגעוועקט דעם געשלעכט,
צוגעשמידט אים צו זיך מיט טויזנט ביליקע שפּיצלעך, האָט אים דערצויגן
ביז מאָנאָגאַמיע, האָט פאַרפלאָנטערט, אָפּגעשוואַכט, צונויפגעקנייטשט און פאַר־
איידלט די מאַנסבילשע אינסטינקטן, אין נייע פאָרמען אויסגעגאָסן די עלעמענטן

פון זיינע לײַב־תאוות און איינגעזאַפּט אין זיין בלוט אירע טייוולשע תאוות״ „אין דעם קרענקלעכן עקסטאַז פון שאַפונג האָט ער ווידער געפונען די לאַנג פאַרלאָרענע בענדער, וועלכע פאַראייניקן אונז מיט אונזערע מיטלאַלטערישע פאָרגייער״. ער באַקומט די נביאישע דערקענטעניש פון דעם שורש פון אַלץ וואָס עקסיסטירט אויף דער וועלט, דעם שורש פון אַלע ליידן און פון אַלע פּיינען״. מיט איין וואָרט, יענע סודות, די סאַמע טיפע קוואַלן פון זיין, די ערשטע פּרוזשינעס, וואָס באַוועגן די וועלט, וועלכע די וויסנשאַפט האָט פאַרפּאַסט ניט אַנטפּלעקט, די אַבסאָלוטע איבערגעפילן־וועלט אַנטפּלעקט זיך מיט אַלע אירע סודות פאַר דעם מענטשן אין די מאָמענטן פון געשלעכטלעכן עקסטאַז.

פּשיבישעווסקי באַשאַפט אַ נייע קאָסמאָלאָגיע. זיין «Requiem aeternam» הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע ווערטער: אין אָנהייב איז געווען מין. גאָרנישט אויסער מין, און אַלץ אין אים זעלבסט״. מין — דאָס איז דער אורערשטער יסוד פון לעבן, דער זינען און די ערבות אויף אייביקער אַנטוויקלונג, אייביקער דערווייטערונג און אייביקן צוריקקערן זיך, דער טיפסטער תוך פון דער אינדיווידואַליטעט, דער איינציקער מהות פון זיין, דער יסוד, וואָס אייביק שאַפט ער און צעשטערט צוליבן נייעם שאַפן, וואָס שאַפט די צונויפגיסונג און די צעטיילונג, וואָס האַלט אונטער און מאַכט חרוב דאָס לעבן. דער מין—דאָס איז געווען יענע קראַפט, וועלכע האָט געלאָזט די אַטאָמען פאַראייניקן זיך און שאַפן עלעמענטן און וועלטן. צוליב דער באַפרידיקונג פון זיין לײַבגעלוסטונג האָט ער געשאַפן אַן אומענדלעכע צאָל אַלץ נייע און נייע פאָרמען, און האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט באַפרידיקן. באַשאַפנדיק אַלץ העכערע וועזנס און פאָרמען, וועלכע וואָלטן געקאָנט זאַט מאַכן זיין תאווה מיט עפּעס אַ קאָמפּליצירטערע אָרגיע פון תענוג, האָט ער לסוף באַשאַפן דעם מאַרך, וואָס איז געווען דער שעדעוור פון זיין תאווה. „ער האָט גענומען אויף אַלערליי אופנים קנעטן און טאַפּן, ער האָט אים אָפּגעקערט, פונאַנדערגענומען און ווידער פאַראייניקט דורך אַ צאָל פּעדים, באַזונדערע טיילן איבערגעמאַכט אין אברים פון די חושים״ אאַז״וו. און אין סך־הכל פון די אַלע נייע פאַרוואַנדלונגען, וואָס דער מין האָט געמאַכט, „איז אַרויסגעקומען די געבורט פון דער נשמה״. די נשמה איז מיט אים אַריינגעטראָטן אין אַ שלאַכט. זי האָט געדאַרפט דינען אַלס נייער מיטל צו שטילן זיין תאווה, אָבער זי איז פון אַ מיטל געוואָרן אַ ציל. די נשמה האָט געוואָלט לעבן מיט אומאָפּהענגיקן לעבן און האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט איר פאָטער. אומזיסט האָט ער געוואָלט אַריינשטעכן אין איר קערפּער זיינע נעגל,

בגוואַלט פאַרנאַרן מיט תענוגים, אָנזעטיקן מיט נידעריקער תאווה און מיט לײדנשאַפט. די נשמה האָט בײגעקומען, און ס׳איז געשטאָרבן די העכערע פּיקציע פון לעבן, די אורמוטער פון יעדן זײן, די ערשטע געווינערין פון קיום, דאָס פאָטערלעכע זוימען פון יעדער אַנטוויקלונג". אָבער די נשמה האָט באַצאָלט פאַר איר נצחון אַ בלוטיקן פּרײז. זי איז קראַנק געוואָרן, אָנגעהויבן קוואַרן. אויב זי לעבט נאָך, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס זי דערנערט זיך מיט דעם פאַרגרײט, וואָס דער מין האָט איר געגעבן. זי שאַפט נאָך איבער אין זיך די מיטלען, וועלכע עס דינען צו פאַרפירונג, אָבער אַלץ וואָס עס איז באַשאַפן פון דער נשמה, איז פּרוכטלאָז. אָבער הגם איך דאַרף שטאַרבן, שרײט פּשיבישעווסקי אויס, האָב איך דאָך ליב די דאָזיקע שרעקלעכע מעכטיקע קראַפט, וועלכע האָט מנצח געווען די אײנציקע וועלטסטיכיע, האָט זי דערשלונגען אין זיך,—כ׳האָב ליב די נשמה, מײן גרויסע שטאַרבנדיקע נשמה, וועלכע האָט דערשלונגען מײן מין, כדי צו שטאַרבן פון אים. „איך מוז שטאַרבן, וואָרעם אין מיר איז אויסגעטריקנט געוואָרן דער קוואַל פון ליכטיקײט, וואָרעם איך בין דער לעצטער רינג אין דער ענדלאָזער קײט פון פאַרוואַנדלונגען, אין דער אַנטוויקלונג פון געשלעכט, וואָרעם די כוואַליעס פון דער דאָזיקער עוואָלוציע פון מין קאָנען מיך ניט פאַרדעקן, וואָרעם איך בין דער ווײסער שוים, וואָס דער שטורעמדיקער ווירבער האָט אָנגעשוימט אויפן קאַם פון דער לעצטער כוואַליע פון געשלעכטלעכער עוואָלוציע—די כוואַליע, וועלכע האָט זיך שוין צעשלאָגן אָן ברעג און באַזוימט מיט אַ ווײסן זוים זײן געלן זאַמד".

די דאָזיקע פאַנטאַסטישע קאָסמאָגאָניע פון דער אָפּשטאַמונג פון וועלט און מענטשן איז געבויט אויף דערזעלביקער אידעע, וואָס די געשלעכטלעכע קאָנצעפּציע פון פּשיבישעווסקי, און דערפילט זײן פילאָסאָפישע סיסטעם.

פּשיבישעווסקי געהערט צו די אָריגינעלסטע און אויסשליסלעכסטע קינסטלער פון אונזער צײט. און דער אמתער קינסטלער פאַרלירט אַלעמאָל פיל, ווען ער וויל ווערן אַ פילאָסאָף און אַ היסטאָריקער. זײן פילאָסאָפיע, פאַרשטײט זיך, וועט קײנעם ניט איבערצײגן אין דעם, אַז די איבערלעכע וועלט פונם מענטשן „טײלט זיך אויף נשמה און מאַרך", אַז די נשמה עפּנט זיך אָפּ נאָר אין די באַציִונגען פון די מינים אײנער צום אַנדערן, און אַז דווקא אין די דאָזיקע מאָמענטן אַנטפּלעקט זיך די פעדים, וועלכע בינדן זי צונויף מיטן קאָסמאָס. זײן קאָסמאָלאָגיע, פאַרשטײט זיך, וועט אונז ניט פאַרזיכערן אין דעם, אַז די וועלט און גאָר די זעבאַרע פאַרשײדנאַרטיקײט פון דער

וועלט איז אַרויסגעקומען פון מ״ן, פונקט ווי זיין געשיכטלעכע פילאָסאָפיע ווערט קיינעם ניט דערוויזן, אַז דער זינען פון געשיכטלעכן פראָצעס באַשטייט אין הדרגהדיקן פעסטשטעלן די מלוכה פונם שטן. דערפאַר האָט זיין פאָעזיע העל באַשיינט די אינערלעכע וועלט פון געוויסע געזעלשאַפטלעכע גרופן, וואו די דאָזיקע פילאָסאָפיע ווערט באַשאַפן, וואו עס קאָנען ניט געבוירן ווערן קיין אַנדערע פאָרשטעלונגען אויסער די וואָס פשיבישעווסקי דינט צו זיי. זיין פאָעזיע, וועלכע האָט, ווי יעדער פאָעזיע, אָפגעשפיגלט אַ געוויסן בולטן מאָמענט אין דעם צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, גלאַנצט מיט בלענדנדיקע אידעען און געשטאַלטן, באַלייכט נייע אומבאַמערקטע זייטן אין דער טראַגעדיע פון דעם היינטיקן אינדיווידואַליזם, אין דעם צוזאַמענשטויס פון דער שעפערישער פערזענלעכקייט מיט דער דאָזיקער ווירקלעכקייט פון דער בורזשואַזער וועלט. אַלס פילאָסאָף האָט פשיבישעווסקי געוואָלט דערפירן צו דער מדרגה פון אַבסאָלוטן ווערט די קראַנקע וועלט פון אידעען און פאָרשטעלונגען, וועלכע איז אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פון די רעאַלע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען. אַלס פאָעט דעקט ער אומבאַוואוסטזיניק אויף די אָפשטאַמונג פון דער דאָזיקער אידעען־וועלט, פעסטיקט זי צו צו דער ערד. די גאַנצע פאָעזיע זיינע — דאָס איז די טראַגעדיע פון קראַפטלאָזיקייט און יאוש, וואָס עס לעבט איבער די פערזענלעכקייט, וועלכע ווענדט אָן אירע שעפערישע קרעפטן אומגעלונגען.

פשיבישעווסקי האָט באַשאַפן אַ ריי אומשטערבלעכע טיפן פון די היינטיקע צעשטערער און נקמה־נעמער, „איבעריקע מענטשן“, וועלכע גייען פאַרלאָרן אין די היינטיקע לעבנסבאַדינגונגען. „די זין פון דער ערד“ — דאָס איז אַ דערציילונג פון באַגאַבטע שלימזלות, פרוכטלאָזע זשעניען. אין זייערע נשמות לעבן גרויסע שאַפונגען, אָבער די דאָזיקע שאַפונגען וועלן זיך קיינמאָל ניט פאַרקערפערן אין פאַרבן און אין קלאַנגען, מחמת זיי נעמען ניט אויף די וועלט און דאָס לעבן, זיי פאָדערן, אַז די געזעלשאַפט זאָל אַליין אַריינבליקן אין זייערע נשמות, און אין זייער קאָנפליקט מיט דער געזעלשאַפט באַשולדיקן זיי ניט איר, נאָר זיך. און ניט נאָר דערפאַר קומען זיי פרוכטלאָז אום, וואָס די וועלט איז צו זיי ניט דערוואַקסן, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניט בכוח צו פאַרבלייבן ריינע אינדיווידואַליסטן. זיי זיינען צופיל פאַרכאַפט פון דער הבֿלדיקייט, פון די זינד, וועלכע זיי פאַרפלוכן אין דעם אַרומיקן לעבן. לויט פשיבישעווסקי האָט פאַרטראַכט, דאַרף דאָס אומקומען פון די דאָזיקע פאַנאַטישע אויסדערוויילטע, פון די דאָזיקע ניט אָפגעשאַצטע זשעניען דינען אַלס

סאָהוואָרף דער געזעלשאַפט, דאַרף זיין אַ לעבעדיקע עדות פון איר נישטיקייט, פון איר אומפעיִקייט צו דערהויבן זיך ביז פאַרשטיין איר אמתע שיינקייט. און דאָ — אפשר קעגן דעם אוטאָרס ווילן — מאָלט זיך פאַר אונז אויס און זיין בוך די שטאַרקע מאכט פון דעם סאָציאַלן יסוד אין דעם היינטיקן לעבן, די שוואַכקייט פון די אינדיווידואַליסטן פון אינעווייניק־זייער אייגענעם גייסט צו באַשאַפן אַ נייע וועלט פון שיינקייט, ליבע און פרייהייט אויסער די רעאַלע באַדינגונגען פון לעבן.

זיי, די דאָזיקע ליידנדיקע און ניט־פאַרשטאַנענע געניס, הענגען אָפּ פון דער „ערד" שוין צוליב דעם אַליין, וואָס דער טעכנישער פּראָגרעס האָט די מעגלעכקייט פון שאַפן אַרומגערינגלט מיט אַ מיליאָן תנאים, — תנאים, וועלכע עס קאָנען ניט איגנאָרירן אפילו אַזעלכע אינדיווידואַליסטן, וועלכע פאַראַכטן די וועלט. פאַר דעם קאָמפּאָזיטאָר, אַפילו דעם געניאַלסטן, איז נייטיק אַן אָרקעסטער און אינסטרומענטן, פאַר דעם שריפטשטעלער — אַ דרוקעריי און אַן אַרויסגעבער, פאַר דעם קינסטלער און דעם סקולפּטאָר — פאַרבן, פּאַלאַצן, מוזעומס. שאַרסקי האָט אַרויסבאַקומען פון ראַיאַל אַזעלכע קלאַנגען, אַז די שיכורע קאָמפּאַניע פון זיינע חברים איז אַנטשוויגן געוואָרן אין אויפגעטרייסל־טע, אַ געריירטע און אַ געענדערטע, און טשערקאַסקי האָט דערפילט, אַז אין דעם דאָזיקן מענטשן „ווערט געסאָן דער סוד פון צונויפגיסונג מיט דעם מהות פון קיום", אַז „ער געפינט זיך אין פאַרקער מיט אַ וועלט, וועלכע שטייט אויף יענער זייט גרענעץ פונם אָרעמען מענטשלעכן געפיל און געדאַנק", אַז ער פילט זי אין דער סאַמע וועכנטלעכער טיפעניש אירער, אין דער גאַנצער באַקעטקייט אירער, אין קלאַנג". אונטער שאַרסקיס האַנט האָט דער ראַיאַל אויפגעהערט צו זיין אַ אינסטרומענט, ער האָט אים געפאָלגט, איז געוואָרן זיין נשמה, די סאַמע שווערע טעכנישע מיטלען זיינען פאַר אים געוואָרן אַ שפּילצייג. „די טויטע זאַך האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן מענטשן. שאַרסקיס נשמה האָט זיך איבערגעגעבן אין דעם האָלץ, אין דעם מעטאַל און דעם העל־פאַנדביין". און אין דער רגע, ווען זיין שפּילן האָט דערגרייכט ביז דעם העכסטן מאָמענט פון שיינקייט, ווען שאַרסקי האָט אינגאַנצן געציטערט און „אין צימער האָט זיך, ווי אַן אומזעבאַרע שפּינוועבס באַהאַלטן די שטילקייט", האָט שאַרסקי שאַרף איבערגעריסן דאָס שפּילן און גענומען שרייען: „גאָט, גיט מיר אַן אָרקעסטער, גיט זינגער, גיט אַ כאָר. דאָס דאַרף מען זינגען, וואָיען, שרייען... איך ווייס ניט, וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך, איך הער עס נאָר אין דער נשמה". און אַ קאַלטער שווייס איז אַרויסגעטראָטן ביי שאַרסקין, ווען ער

האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער וועט קיינמאָל זיין שאַפונג ניט הערן אין אָרקעסטער, וואָס ער וועט עס הערן נאָר אין זיין נשמה, וואָס ער ווייס גאָר־נישט וועגן זיין ווערק. ער איז קאַפּאַבל אַראָפּצוגיין פון זינען ביים געדאַנק, אַז ער קאָן שטאַרבן און קיינמאָל עס ניט הערן. און אַ צווייטער שלימזל — דער געני וויניאַרסקי האָט אים געטרייסט דערמיט, וואָס ער וועט קיינמאָל זיינע בילדער ניט זען אויף דעם גלאָז פון די וויטראַזשן. דאָס געלט, דער־דאָזיקער אָפּגאָט פון דער בורזשואַזער צייט, איז שטאַרקער פאַרן טאַלאַנט. דאָס אַלץ גיט לעבן דאָס געלט, אָן געלט קאָן זיך גאַרנישט פאַרקערפּערן אין ממשותדיקע פאָרמען, און אָן געלט וועט דער טאַלאַנט אַלע מאָל בלייבן אַ נשמה אָן אַ קערפּער. ביי וויניאַרסקין אין וואַרשטאַט איז איין דיוואַן, פייכט־קייט און קעלט, און ער שטאַרבט דאָך אַוועק פון שווינדזוכט. שאַרסקין איז קוים געלונגען מציל צו זיין דעם ראָיאַל פון ליציטאַציע. קושאַווע האָט גע־מוזט אין אַ שפּיגל קוקן אויפן אייגענעם קערפּער, ווייל ער האָט ניט געהאַט, פאַר וואָס צו דינגען נאַטור.

און ניט בלויז דערפאַר, וואָס דער טעכנישער פּראָגרעס האָט אַפילו דאָס פרייע אַרויסווייזן זיך פונם טאַלאַנט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמפּליצירטע טייערע זאַך, — די דאָזיקע געניס האָבן נייטיק אַ „מיליאַרד“, וועלכער רייסט זיך יעדע רגע אַריין אין זייער שמועס, צו וועלכן זיי קערן זיך אומפאַרמייד־לעך אום יעדעס מאָל צווישן זייערע טיטאַנישע שטרעבונגען. דאָס געלט דער־מאָנט זיי יעדעס מאָל וועגן זיך, דערפאַר וואָס זיי זיינען „זין פון דער ערד“ אין אַלע הינזיכטן. ווי זיי זאָלן ניט פאַראַכטן די דאָזיקע ערד, די דאָזיקע געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך ניט געקענט דערהויבן צו זיי, — זיינען זיי דאָך פלייש פון דעם פלייש פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. אין זייער בענקשאַפט האָט זיך אפשר בולטער פאַר אַלץ פאַרקערפּערט די קראַפטלאָזיקייט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. זיי האָבן איבערגענומען אַלע אירע געשמאַקן, גאָר איר ליבע צו דער פאַרשיכּורנדיקער אַטמאָספערע פון דער גרויסער שטאָט, איר דאָרשט נאָך אומגעזונטע תענוגים, איר גוזמאדיקע עסטעטישע און געשלעכט־לעכע צערייצטקייט. און אין דערזעלביקער צייט האָבן זיי ניט קיין מיטלען צו באַפרידיקן די דאָזיקע קאָמפּליצירטע באַדערפענישן פון דעם איבערגעזעטיקסטן טייל פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. זיי זיינען אַריסטאָקראַטן לויט זייערע געשמאַקן און באַדערפענישן, און פּראָלעטאַריער — לויט זייער לאַגע. און אויב אויף די שפּיצן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט געפינט די באַדערפעניש אין שאַפן, וואָס לעבט אין דער פערזענלעכקייט, אַן אויסגאַנג אין פאַרשיכּורט־

קייט, אין אָרגיעס, אין געשלעכטלעכן שגעון, זיינען זיי ניט אימשטאַנד צו געפינען פאַר זיך אַפילו דעם דאָזיקן אויסגאַנג, ווייל זיי האָבן ניט קיין געלט. זיי פאַרהוילן ניט דעם מקור פון זייער שנאה צו די גבירים, וועלכע באַקומען די פאַרגעניגס, וואָס זיי קאָנען נאָר מקנא זיין. זיי טרוימען וועגן אַ „מיליאַרד" ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער וואָלט זיי געגעבן זינגער, פאַרב, נאַטור, אָרקעסטער; זיי טרוימען וועגן אים, דערפאַר, וואָס „דער גראַף זיוזיו האָט זיך געקויפט אַ פאָנאָגראַף פאַר צוויי טויזנט, און דער הער דאָמאַשינסקי — אַן אַווטאָמאָביל", דערפאַר וואָס זיי האָבן טויזנטער און מיליאָנען אויף זייערע אָרגיעס, דערפאַר וואָס די דאָזיקע ניט אָנערקענטע געניס קאָנען ניט לעבן אָן שאַמפּאַניער, דערפאַר וואָס אַפילו פאַר די גאָלינעע דרייסיק דאָלאַר פירט שאַרסקי די חברים אין אַן אָרט פון אויסגעלאַסנקייט, דערפאַר וואָס טורסקי האָט אַ ווייב און קינדער, און ער, „וואָס באַזיצט דעם אמתן טאַלאַנט", מוז שרייבן פאַסקוויל-רעצענזיעס אין דער בולוואַר-פרעסע. מיט איין וואָרט דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניט בלויז מאַטעריעל, נאָר אויך גייסטיק פלייש פונם פלייש פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, צוגעשמידט צו אירע געשמאַקן און תאוות, קאָנען ניט זיך אָפרייסן פונם געפיל פון צוגעבונדנקייט צו דער משפחה, פון דער אַטמאָספער פון דער גרויסער שטאָט, פון עלעקטרישע באַלייכטונג, פון די וואוינונגען פון קונסט און זנות. די ריזן, וועלכע האָבן זיך הויך אויפגעהויבן איבער דער באַנאַלקייט פון לעבן, וועלכע פאַראַכטן דעם המון, וועלכע שטעמפלען די פובליק און די פרעסע, זיי זיינען מיט פעדים אָן אַ צאָל מיט זיי צוגעבונדן, אין געהיים דאַרשטן זיי נאָך דער אָנערקענונג מצד דעם דאָזיקן המון ניט נאָר דערפאַר, וואָס זי קאָן געבן רייכקייט, נאָך אויך דערפאַר, וואָס דער הייַנטיקער מענטש קאָן ניט אַוועקגיין פונם געפיל פון סאָציאַלישקייט, דערפאַר וואָס אויסער דער מאַסע איז פאַר אים ניטאָ קיין באַפרידיקונג. „זעט איר, — איז זיך טשערקאַסקי מודה פאַר טורסקין, — אַפילו אין אונז, די שעפער, איז עס אַזוי טיף איינגעוואָרצלט, אַז מיר דאַרשטן אויך נאָך אַפּלאָדיסמענטן און שבחים פון דעם—המון, וועלכן מיר פאַראַכטן, מיר חלשן נאָך דעם, ווי דער לעצטער קאָמעדיאַנט..." אויב די דאָזיקע אָנערקענונג וואָלט ניט נייטיק געווען פאַר די שטאָלצע ריזן, וואָלט אין זייער נשמה ניט געווען אַזוי פיל פאַרביטערטקייט, אַזאַ צעמישטקייט און אַזאַ יאוש. ווען זיי וואָלטן ווירקלעך געלעבט נאָר פאַר זייער „פרוכט", וואָלטן זיי באַדאַרפט פילן אַ געוויסע אינערלעכע באַפרידיקונג, און וואָלטן ניט געווען אַזוי אָפּהענגיק פון פובליק; און דאָ האָט „יעדער פון די דאָזיקע artistes maudits,

פון די דאָזיקע נישטיקע שנאָרערס, וועלכע שלאָגן דורך אַ וועג פֿאַר דער צוקונפֿט, פון דעם דאָזיקן מיסט, פון וועלכן עפּעס אַ קערנדל האָט געזאָלט אויסזויגן די סאַמע טייערע לעבנסזאַפֿטן, אויסוואַקסן און געבן אַ רייכע גערע-טעניש, — דאָ האָט יעדער פון זיי געפֿילט, ווי דער דאָזיקער שרעקלעכער קאָש-מאַר-פּובליק ווערגט אים, שטיקט, טרעט, לאָזט ניט לעבן — זויגט פון זיי אַרויס די זאַפֿטן, פון דער טיפֿסטער טיפֿעניש, סאַמע פון האַרצן, נערט זיך מיט זייער בלוט, ווערט יינגער, לעבט מיט זייער לעבן, טראַכט מיט זייער געדאַנק".

אַזעלכער איז דער המון. ער שטיקט און שמידט אין דעם טאַלאַנט, טויט אָפּ די שעפֿערישע פּערזענלעכקייט. וואָס זשע אַזוינס שטעלט מיט זיך פֿאָר דער געני? וואָס פֿאַר אויפֿגאַבן שטעלן פֿאַר זיך די דאָזיקע מענטשן? שטערקאַסקי האָט אַזוי געענטפֿערט אויף די דאָזיקע פֿראַגן. ער שאַפֿט ניט מחמת ליטעראַרישער כּבוד-דאָרשטיקייט, וואָס דאָס האָט ער ניט, ניט מחמת גאווה, וואָרעם עס זיינען ניטאָ קיין מענטשן, וועלכע זאָלן זי קאָנען באַפֿרי-דיקן, ניט צוליב געלט, וואָרעם זיינע ביכער פֿאַרקויפֿן זיך בסך הכּל עטלעכע צענדליק עקזעמפּליאַרן. אים גייט ניט אָן אויך די שפּעטערדיקע דורות, די דאָזיקע „אידיאַטישע דורות", די דאָזיקע „סטאַדע מאַרכלאָזע באַראַנעס". ער שאַפֿט, ווייל ער איז „געבאָרן געוואָרן אַ קינסטלער", „פֿאַר יענעם איינעם, וועלכער וועט נאָך אים איבערנעמען זיין אַרבעט, וועט זי פֿאַרברייטערן, אָנ-צייכענען פֿאַר איר נייע, אים ניט באַוואוסטע האָריזאָנטן, און וועט דאָס אַלץ איבערלאָזן ירושה פֿאַר דעם, וואָס וועט קומען נאָך אים, און אַזוי גאַנצע יאָרהונדערטן, אַן אייביקייט אַ גאַנצע, ביז עס וועט לסוף קומען יענער, וועל-כער וועט שוין מער גאָרניט דאַרפֿן ערקענען, מחמת אַלץ וועט אים זיין באַוואוסט". ער גלויבט, אַז „קונסט — דאָס איז אַ געהייער סוד, אַ טאַבו". טשער-קאַסקי קאָן ניט וויסן, אַז די דאָזיקע „בעהיימענישפֿולע און שוין זייער טייערע סעקטע פֿון מאַגן", ווי טורסקי דריקט זיך אויס, איז גאָרניט אַזוי באַליידיקט און איזאָלירט פון המון, אַז ניט איינער פון די דאָזיקע „שעפֿער" איז געווען פֿאַרגעטערט סיי פון זיין דור, סיי פון די שפּעטערדיקע דורות, אַז כּלל ניט אַלע „געניס" זיינען געשטאָרבן אין אָרעמקייט, אַז פֿיל פון זיי האָט דער המון אויסגעהאַלטן אין קיניגלעכן לוקסוס, געגעבן זיי אי פֿאַרבן, אי מוזייען, אי אָרקעסטערן, אי דרוקערייען, אַז דאָס קעגנזייטיקע ניט פֿאַרשטיין זיך צווישן דעם המון מיט דעם קינסטלער געהערט כּלל ניט צו די געזעצן, וואָס מען קאָן ניט אַריבערטרעטן. ווען די דאָזיקע „געניס" וואָלטן זיך געקאָנט

פונאַנדערקלייבן אין די ערשיינונגען אַרום זיך, וואָלטן זיי אפשר ניט געקו־
מען צו די פאַר זיי טרייסטלאָזע אויספירן.

דער הויפּט־טעות זייערער באַשטייט אין דעם, וואָס זיי ריידן אַרויס דאָס וואָרט „געזעלשאַפט“, „פּובליק“, „המון“, ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין רעכע־נונג אין די דאָזיקע ווערטער. זיי פאַרטראַכטן זיך קיין רגע ניט איבער דעם, וואָס דערמיט, וואָס זיי שטעמפּלען די „געזעלשאַפט“, וועלכע קומט אין התפּעלות פון די באַנאַלע שאַפונגען פון דער קונסט, פון די אָפּגעניצטע אָפּערעס און דענקמעלער, וועלכע איז פאַרזונקען אין שווינדלעריי, שטעלט דעם נוצן העכער פאַר דער שיינקייט, די מיטלמעסיקייט — העכער פאַר לוקסוס, — באַשטעטיקן זיי נאָר, אַז זיי זיינען ניט אימשטאַנד אַרויסצוגיין מחוץ דעם גבול פון יענעם פאַרפּישופּטן קרייז, אין וועלכן עס הערשט אַ הייפל פון דער זיך אַנט־אַרטנדיקער בורזשואַזיע. זיי פאַרשטייען ניט, אַז עס עקסיסטירן מיליאָנען מענטשן, וועלכע עס הערן ניט די דאָזיקע אָפּערעס, אינטערעסירן זיך ניט מיט די דאָזיקע דענקמעלער. די שנאה פון די „געניס“ צו דער בירגערלעכקייט, וואָס דריקט זיי, דאָס איז אַ קריג פון „אייגענע“ צווישן זיך. זיי פאַר־שילטן די בורזשואַזע נבלים, און זיי שטעלן זיך ניט פאָר די מעגלעכקייט צו דענקען, פילן און טראַכטן אויסער די בורזשואַזע געשמאַקן און פאָדערונגען. פאַרוואָס פאַרשטייען זיי אונטער די באַגריפן און די געשמאַקן פון דער „געזעלשאַפט“, פון „המון“ און אַז. וו. נאָר דעם קרייז פון די ספּעציפישע פאַר־שטעלונגען און באַדערפענישן? און זיי קומען צו אַ פולשטענדיקן באַנקראָט ניט דערפאַר, וואָס די „געזעלשאַפט“, דער „המון“ לאָזט ניט קיין רחבות פאַר דער אָנווענדונג פון שעפערישע כוחות, נאָר דערפאַר, וואָס די דאָזיקע רחבות גיט ניט יענער טייל פון דער געזעלשאַפט, וואָס אין זיינע הענט געפינען זיך די עשירות און דאָס גוטס פון דער ערד, און וואָס אין אים גיסט זיך פאַר זיי צונויף די גאַנצע „געזעלשאַפט“, די גאַנצע „פּובליק“. אפשר וואָלטן אויך די פאָלקסמאַסן ניט אָפּגעשאַצט די דאָזיקע „געניס“, אפשר וואָלטן זיי אויך דאָרט, אין דער סביבה פון אַרבעטער און פויערים, ניט באַגעגנט קיין פאַר־שטאַנד פאַר זיך. אָבער אַזאַ השערה מאַכט ניט קלענער דעם ווערט פון דעם פאַקט, וואָס דער פּראָטעסט און די שנאה פון די „געניס“ איז געריכטעט נאָר קעגן דעם „ניט פאַרשטיין“ פון אַ באַשטימטן טיפּ. ביי זייענדיק אויף דער קבורה פון זיינע צוויי פאַר דער צייט פאַרשטאָרבענע פריינד, האָט טשער־קאַסקי מיט פאַרביטערטער פאַראַכטונג געקוקט אויף דעם דאָזיקן „המון שריפט־שטעלער, מאָלער, אַרטיסטן, וועלכע האָבן זיך געקאָנט צופּאַסן צו פאָדערונגען

פונם המון", ס'קלעקט נאָר צוצוקוקן זיך, וועלכע טיפּן האָבן ארויסגערופן די דאָזיקע „פאַרביטערטע פאַרראַכטונג", כדי מיר זאָלן גלייך זען, אַז אונטערן „המון" האָט טשערקאַסקי פאַרשטאַנען אַ באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע גרופּע. „אַ גראָבער זעלבסטצופרידענער הער — „אַמאָל האָט אין זיין נשמה געברענט אַ הייליק פייער, איצט פאַבריצירט ער לוקסוס־מעבל, פאַרבט אויס סטעליעס אויף די ווילעס פון רייכע זשידעס, אַ טאַפּעצירער, אַ דעקאָראַטאָר". ווייטער גייט טשערקאַסקיס חבר, וואָס איז באַשאָנקען מיט אַ גלענצנדן רעדנער־טאַלאַנט: „איצט איז ער אַ מנוולדיקער צייטונג־שרץ, וואָס קוקט בגנבה אונ־טער דאָס לעבן פון די קינסטלער, כדי ביי אַ געהעריקן צופאַל אויס קנאה, בגנבה, צו באַשפּייען זיי מיט זיין גיפט. דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל עס גיט „טויזנטער הכנסה". ווייטער: אַ קרעטין און אַ נואף, וועלכער האָט גענומען אַ גרויסן נדן, און איצט פּריידיקט ער די העכסטע געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, נאָכדעם „דער לעצטער אויסוואורף און רמאי, וועלכער עקספּלואַטירט די בלוטיקע אַרבעט פון דעם אָרעמען קינסטלער... און שפּילט די ראָלע פון אַ בעל־טובה, אַ באַשיצער פון דער קונסט". אַלע די דאָזיקע „עקספּלואַטאַטאָרס" און „רמאים" פון פאַרשיידענעם אויסזען, — דאָס זיינען אַלץ עלעמענטן פון דער רויבערישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ברענגט אויס די פאָלקס־עשירות, וועלכע מ'האָט באַקומען דורך דאָס בלוט און דורך דעם שווייס פון מיליאָנען מענטשן.

און די טשערקאַסקיס קומט ניט אויפן זינען אויסצוטיילן די דאָזיקע גרופּע, אַרויסצוגיין פון אירע גרענעצן. די געניס, וואָס מיינען וועגן זיך, אַז זיי זיינען שונאים פון דער בירגערלעכקייט, זיינען בעצם אירע קנעכט, זיי שטעלן זיך פאַר די מענטשהייט מער ניט אַלס הייפל פון דער זיך אַנטאַרטנדיקער בור־זשואַזיע און אין דעם דאָזיקן נאַיוון און אומבאַוואוסטזיניקן איגנאָרירן די אי־בעריקע וועלט, ווייזט זיך בולטער פאַר אַלץ אַרויס די אינערלעכע קרובהשאַפט צווישן דער בירגערלעכקייט מיט זיינע באַשולדיקער די „געניס".

אפילו אַ הנחה פאַר דער מענטשהייט, אָדער לויט זייער טערמינאָלאָגיע, דעם „המון", אפילו דאָס אונטערגעבן זיך, דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער אייגע־נער פּערזענלעכקייט שטעלן זיי זיך פאָר ניט אַנדערש, ווי אַלס אַ שטעלע אין עפּעס אַ אונטערנעמונג. „ליבער פריינד, שרייבט איינער פון די דאָזיקע געניס פאַרן טויט; איך האָב נאָר צוויי ברירהס, ווערן אַליין אַ בוכהאַלטער, אָדער מאַכן אַ סוף צו דער בוכהאַלטעריע מיטן לעבן. איך קאָן ניט פאַרשטיין, אין נאָמען פון וואָסער כּייוול זאָל איך דאַרן ערגעץ הינטער אַ קאָנטאָרקע איבער אַ זינלאָזן קרעדיט און דעבעט. מיין נישטיקער מאַרך איז ניט בכוח צו באַ־

גרייפן, וואָס פאַר אַ ריס קאָן פאַרצירעװען אין דער לעכערדיקער װעלט דער סוביעקט, װעלכער קרימט דעם רוקן פון דער פרי ביזן אָװנט אין קאָנטאָר, און איך קען לסוף אויך ניט פאַרשטיין, צו וואָסער טייוול דאַרף איך דינען דער געזעלשאַפט, װעלכע האָט אפילו אויף איין רגע ניט קיין טראַכט געטאָן צו דערלאַנגען מיר אַ האַנט מיט הילף. אַלזאָ, מיין פריינד, מיין אויסוואַל שטעלט זיך אָפּ אויף דעם טויט". װען דער „נישטיקער מאַרך" פון געני דעם זעלבסטמערדער װאָלט געקאָנט אַריינדרינגען אין דעם זינען פון די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, װאָלט ער דערזען, אַז אויסער קאָנטאָרישער און בוכהאַלטאָרישער אַרבעט זיינען נאָך פאַראַן אַנדערע געביטן פון אַרבעט, אויף װעלכער פאַר אים װאָלט מעגלעך געװען, אויב ניט פאַרצירעװען אַ ריס אין דעם װעלטבאַשטאַנד, איז לפּחות מיטהעלפן צו באַזייטיקן די געזעלשאַפטלעכע תּנאים, װעלכע האָבן אים אָװעקגעפּטרט, װעלכע גיבן ניט קיין פרייען פּלאַץ פאַרן געני. דעמאָלט װאָלט אים ניט אויסגעקומען צו שטעלן די פראַגע װעגן דעם, „צו וואָסער טייוול" זאָל ער דינען דער געזעלשאַפט. ער װאָלט פאַרשטאַנען, אַז דינען דער געזעלשאַפט,—דאָס הייסט מיטווירקן, אַז עס זאָל איינגעשטעלט װערן אַ האַרמאָניע צװישן די באַדערפענישן און די שטרעבונגען פון דער פערזענלעכקייט—פון איין זייט, מיט די תּנאים פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן—פון דער צווייטער זייט. ער װאָלט פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם דאָזיקן װעג װאָלט ער גיכער געהאָלפן אויך דער שטרעבונג פון זיין אייגענער פערזענלעכקייט זיך אַליין צו פאַרווירקלעכן.

פאַר דער פערזענלעכקייט, װעלכע שטעלט זיך אויף איין וואָגשאָל און די װעלט אינגאַנצן אויף דער צווייטער, װעלכע וויל ניט און קען זיך ניט פונאַנדערקלייבן אין איר און זעט אין איר ניט מער װי אַ פיינדלעכן צו זיך כאַאָס, װעט דאָס דינען דער געזעלשאַפט שטענדיק זיין אַ ציללאָזער און אומגעלומפּערטער פּטרן די כּוחות. װען די דאָזיקע מענטשן װאָלטן אין זיך ניט איינגעזויגן דעם עגאָיזם פון דער בירגערלעכקייט, איר דאָרשט נאָך תּענוגים, איר פאַראַכטונג צו אַלץ, וואָס עס שטייט אויסער די דורך איר באַשאַפענער פאָרמען פון לעבן, װאָלטן זיי ניט געדאַרפט אויסצושרייען: „ניטאָ פאַר אונז קיין אָרט, מיר זיינען איבעריקע ניט נייטיקע מענטשן!" זיי װאָלטן ניט דערקלערט זייער שלימזל מיט דעם, וואָס „די געזעלשאַפט דאַרף האָבן ברויט, ברויט און נוצן". זיי װאָלטן פאַרשטאַנען, אַז די סיבה פון זייער אונטערגאַנג ליגט אין דעם, וואָס לויט די געשמאַקן און רגילותן געהערן זיי צו דער געזעלשאַפטלעכער גרופּע, װעלכע איז דורך דער געשיכטע פאַרמשפּט אויף אויס-

שטאַרבן. די נשמה פון דעם עכטן קינסטלער לעבט אין האַרמאָניע מיט די געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן, וועלכע שאַפן ביי לעבן און צוזאַמען מיט דעם אויף נייע גייסטיקע ווערטן. די טראַגעדיע פון די שאַרסקיס און טשערקאַסקיס — דאָס איז די טראַגעדיע פון יענע שעפערישע נאַטורן, וועלכע זוכן אַן אויס-גאַנג פאַר זייערע קרעפטן און געפילן און שטימונגען, אין וועלכע עס איז שוין קיין לעבן ניטאָ. און ווי ס'איז אַלעמאָל געווען מיט די פּאָעטן פון די איבערגאַנגס-עפּאָכן, וועלכע האָבן אין זיך אַריינגעזויגן די קראַנקהייטן פון דעם קלאַס, וואָס גייט אַראָפּ פון דער סצענע, ווי דאָס איז געווען מיט לעאָ-פּאַרדין און מיט באַיראָנען, דאַכטן זיך זיי אומעטום אויס נאָר „צרה, פּיין, ליידן", און „גאָר די וועלט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ים פון שרעקלעכער בענקשאַפט, שפּיגלט זיך איינגאַנצן אָפּ אין יעדער טרער, און פאַלט צוזאַמען מיט איר ערגעץ אין אָפּגרונט אַריין". פאַר אַנדערע, ווער עס האָט מיטלען, ווער עס האָט די מעגלעכקייט „צו געפינען פאַרגעסונג", בלייבט דער אויס-גאַנג, וועלכער איז ביי פּשיבישעווסקין, אויסערן טויט פאַר דעם שעפערישן גייסט, דער איינציקער מקום-מקלט אין די ליגנס און אין דער באַנאַליטעט פון לעבן. טשערקאַסקי פאָרט אוועק מיט זיין געליבטער האַנקע, אָפּגענומען זי ביי איר מאַן. ער האָט באַשלאָסן אוועקצוטראָגן זי אויף די משוגענע פליגלען פון זיין ליבע, אפילו ווען זי זאָל זיך רייסן אין פאַרצווייפלטן באַוואוסטזיין פון איר חוב; און ער האָפט צו „געפינען מיט איר יענס גרענצלאָזן גליק פון פאַרגעסונג", וואָס ער האָט געזען אויף דער פּראַכטפולער גראַוויור פון קלינ-גער. „אין דער טיפענים פון די ים-כוואַליעס, אויף צוויי ריזיקע פיש זיצן צוויי נאַקעטע מענטשן אין ליידנשאַפטלעכער באַרוישונג און אין שטור-רעם פון אַזאַ תענוג, וועלכער גרעניצט מיט פּיין. זייערע קערפּערס האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אין אַ מעכטיקער, מיט פאַרגעסונגפולער אומאַרעמונג, אַזאַ שיי-נער, ווי שיין עס איז אַלץ, וואָס עס איז הייליק און ריין. „דער הייליקער טירוף פון ליבע האָט זיי באַדעקט מיט זיין גענאָד". האַנקע האָט אים צוריקגעגעבן זיין שעפערישע קראַפט און מאַכט, כדי איינמאָל אויף אַלע מאָל אַרויסצורייסן אים פון דער דאָזיקער בלאָטע.

טויט אָדער שיכרות — דאָס איז דער איינציקער אויסגאַנג פון די „זין פון דער ערד". אינעם ראָמאַן „די קינדער פון שטן" האָבן מיר פאַר אונז אַ בילד פון ווילדן יאוש און משוגעת, צו וועלכע עס דערגייען די באַגאַבטע שלימזלות, וועלכע זיינען אַרויסגעשליידערט פון לעבנס-שיף. דאָ באַנוגענען זיי זיך ניט מיט פאַרגעסונג, אָדער מיט טויט. זיי ווילן מיט זיך מיטשלעפּן

אין אָפּגרונט אַריין די גאָרע וועלט, די גאָרע מענטשהייט, וועלכע האָבן זיי פֿאַרדאָרבן. זיי זיינען די פּריסטער פון צעשטערונג. זיי זיינען די קינדער פון שטן, ווייל דער שטן איז עלטער פאַר גאָט, דאָס שלעכטס איז געבוירן פריער פאַר דאָס גוטס, און די ערד שטעלט זיך פאַר זיי פאָר ווי די וואוינונג פון שלעכטס. זיי האָבן ניט דעם געדאַנק וועגן איבערשאַפן די מענטשהייט, זיי צעשטערן נאָר, כדי אָנצוזעטיקן זייער דאָרשט נאָך טעטיקייט, כדי צו געבן אַן אויסגאַנג זייער „איך“, זייער קראַפט, כדי נוקם צו זיין זיך אָן יענער אָרדענונג, וועלכע איז געווען די סיבה פון זייערע ליידן. זייער שנאה קומט אַרויס פון דעמזעלבן קוואַל, וואָס דער יאוש פון די „זין פון דער ערד“. די אָרעמקייט, אָדער די אכזרישע באַליידיקונג פון דער מענטשלעכער אומגליקלעכקייט, האָט אויפגעצויגן די דאָזיקע שנאה. וואָראָנסקי, אַ סטודענט, וועלכער שטאַרבט פון שווינדזוכט, איז זיך נוקם אָן אַלעמען, דערפאַר וואָס זיין פאָטער האָט פופציק יאָר ווי אַן אָקס געאַרבעט מיטן פלוג און האָט אים געלאָזן ירושה מער ניט ווי אַ לאָך, אַ פולע מיט באַצילן. אין אוניווערסיטעט איז ער שיר ניט געפּגרט ווי אַ הונט פון הונגער“. ביים אייגנטימער פון אַ רייכער ווילע האָט ער געבעטן הונדערט מאַרק, פאַר וועלכע ער וואָלט געקאָנט קריגן אַן אָרט אין שפּיטאָל און רעטונג פון דער שווינדזוכט, אָבער יענער האָט אים אָפּגעזאָגט. ער דאָרשט נאָך צעשטערונג, ער ברענט מיט אומגעדולד „אָנצוצינדן אַ אילומינאַציע“, פאַרברענען סיי די ווילע פון דעם שלעכטן גביר, סיי די ראָטהויז, אָנצינדן אַ רעוואָלוציע אין דעם גאַנצן קרייז. גאָרדאָן דער פירער פון דער פאַרשווערונג קלייבט אַרום זיך צונויף די דאָזיקע „קינדער פון שטן“ צוליב צעשטערונג. אַלע, וועמען ס׳האָט געטראָפן דער שלימזל — זיינען זיינע מיטהעלפער. אי וואָראָנסקי, „דערדאָזיקער יינגל, וועלכער ברענט אויס אין דער פוילער לאָך, וועלכן עס פרעסט אויף דער קרענקלעכער יאוש ביים געדאַנק, אַז דער טויט קומט אומערבעטלעך אָן, וועלכער ברענט מיט ווילדער פאַנאַטישער שנאה צו אַלץ, וואָס האָט אים אַוועקגעפּטרט“; אי אָסטאַפ, „וועלכער איז באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן און האָט געזוכט רעטונג אין ליבע“, וועלכע גאָרדאָן האָט געלאָזט צעפלויגן ווערן ווי אַ רויך; אי האַרטמאַן, דער פילאָסאָף, ביי וועלכן דער געדאַנק האָט צעעסן דאָס האַרץ; אי די פרוי, וועלכע האָט פלוצלונג אָנגעהויבן לעבן און פילט עקל צו איר פאַרגאַנגענהייט, אי „דער סיפיליטיק דער פריץ“, אי דער אויסגעפייפטער אַקטיאָר, — מיט איין וואָרט, אַלע קרבנות פון לעבן, אַלע וועמען דער „צופאַל“ האָט פאַרמשפּט אויף ליידן און אויף פיין; אַלע וועמען דאָס לעבן שטעלט זיך פאָר

אַלס פֿיינדלעכע שלעכטע קראַפֿט, „זיינע נוטה אויפֿצוגעמען גאָרדאָנס פֿילאָסאָפֿיע און שטיצן זיינע צעשטערנדיקע פּלענער.

גאָרדאָן איז די פֿאַרקערפּערטע נעגאַציע. ער האָט ניט אַפֿילו יענע שוואַכע סימנים פֿון פּאָזיטיוון אידעאַל, די אויפֿבויענדיקע שטרעבונג, וואָס מען קאָן געפֿינען ביי שטירנערן גופֿא. ער איז דער פֿאַרענדיקטסטער אידעאָלאָג פֿון דער דאָזיקער „געזעלשאַפֿטלעכער גרופּע" שלימזלות, וועלכע זיינען פֿאַר דעם פּרייז פֿון שווערע ליידן געקומען צו דעם אויספֿיר, אַז רעטן די מענטשהייט קאָן מען נאָר, פֿאַרטיליקנדיק זי, אַז קיינע אָנשטרענגונגען זיינען ניט בכוח אויסצוראָטן דעם פּיין, כּל־זמן עס עקסיסטירט לעבן. דעריבער איז צעשטערונג—זיין סטיכיע. זיין פּערזענלעכקייט ווייס ניט קיין אַנדער וועג פֿון איר קיום, אויסער צעשטערונג. „ניט דערפֿאַר וויל איך צעשטערן, כּדי פֿון ס'ניי צו בויען אויף די חורבות, נאָר דערפֿאַר, כּדי צו צעשטערן. די צעשטערונג—דאָס איז מיין דאָגמאַט, מיין גלויבן, מיין עקסטאַז. אפֿשר האָב איך אַ טעות, אפֿשר וויל איך אומבאַוואוסטזיניק גוטס. אפֿשר איז אין דעם אַלעמען אומבאַוואוסטזיניק פֿאַרט פֿאַרהוילן אַ געדאַנק וועגן דער מענטשהייט, אָבער פֿאַר מיר איז אַלץ לחלוטין גלייך. איך דאַרשט מער ניט ווי נאָך צעשטערונג". ער האָט ליב דעם גהינום צוליבן גהינום, און ניט ווי אַ וועג צום גן־עדן. ער גלויבט, אַז דאָס לעבן איז אַ גהינום, אַז דאָס לעבן איז די מלוכה פֿון שטן. דער איינציקער פֿילאָסאָף, וועלכן ער אַכטעט — דאָס איז נאַפּאָלעאָן, ווייל ער איז געווען אַ צעשטערער. אָבער אויך נאַפּאָלעאָן איז ניט געווען נאָר אַ צעשטערער. „ווען נאַפּאָלעאָן וואָלט חרוב געמאַכט די וועלט צוליב חרוב מאַכן, ווען ער וואָלט אומגעוואָרפֿן טראָנען, און וואָלט אויף זיי ניט אַרויפֿגעזעצט קיין נייע קיניגן, ווען ער וואָלט צעשטערט די עקסיסטירנדיקע אָרדענונג און פֿון איר ניט געמאַכט קיין נייע, דעמאָלט וואָלט ער פֿאַר מיר געווען אַ גאָט! ניין, ניט אַ גאָט! גאָט עקסיסטירט דאָך אויך נאָר, כּדי אָפּצוהיטן דעם איינטום פֿון האָבן און לעבן... ער וואָלט פֿאַר מיר געווען אַ שטן!" און ער איז גרייט צו פֿאַראַכטן נאַפּאָלעאָנען, וועלכן ער האָט ערשט אויסגערופֿן אַלס „איינציקן פֿילאָסאָף", ער לאַכט אַפֿילו פֿון די אַנאַרכיסטן: „זיי ווילן מבטל מאַכן אייגנטום, און בוקן זיך פֿאַר דער מענטשהייט". זיי פֿאַרשטייען ניט, אַז די מענטשהייט — דאָס איז נאָר אַ זאַמלנאָמען, כּדי אָפּצוהיטן דעם קאָלעקטיוון אייגנטום. „נאָר אויף אַזוי פֿיל האַלט איך זיך פֿאַר אַ טייל פֿון דער מענטשהייט, אויף וויפֿל איך האָב מיט איר אַלגעמיינס: אייגנטום. אויב איך האָב אייגנטום, פֿיל איך ליבע צו דער מענטשהייט און איך טאָר ניט צעשטערן...

און אויב איך טאָר ניט צעשטערן, טאָ וואָס־זשע בין איך אויב ניט קיין אידעאָלאָג אַ בורזשוי?" גאָרדאָנס מיטהעלפער, דער פילאָסאָף האַרטמאַן, טרוימט לפחות וועגן דעם קינפטיקן גליק פון דער מענטשהייט. גאָרדאָן גלויבט ניט אין קיין שום שעפערישער אָנשטרענגונג מצד דעם מענטשן. „איר, זאָגט ער צו האַרטמאַנען, ווילט מבטל מאַכן די עקסיסטירנדיקע באַדינגונגען פון לעבן, ווייל איר האָט אָנגעגרייט פאַרטיק אַ נייע סיסטעם. און איך וויל צעשטערן דערפאַר, ווייל אויף די חורבות פון דעם צעשטערטן וועלן אַנטשטיין נייע באַדינגונגען, לחלוטין אומאָפּהענגיקע פונם ווילן, ניט פאָראויסגערעכנטע און ניט קיין פאָראויסגעזעענע, און דאָך ניט ווייניקער אומפאַרמיידלעכע און באַגרינדעטע. אין תוך גענומען, איז דאָס אַלץ דאָסזעלביקע. אַז מיר וועלן צעשטערן די היינטיקע אָרדענונג, וועט מיר דעמאָלט מער גאָרנישט פאַרבלייבן צו טאָן, אָבער די צוקונפט קאָנט איר איינאָרדענען לויט אייערע פרינציפּן". גאָרדאָן גלויבט ניט אין די בויערישע אָנשטרענגונגען פון דעם מענטשן, וואָרעם זיין היגטערשטעליקייט איז פאָראויס באַשטימט דורך דער באַגרענעצטקייט פון זיין מאַרך. דער דאָזיקער מאַרך קאָן פאָראויסזען אַלץ, ער קאָן, „אַרויסגייענדיק פון דער רייכער אָן אַ שיעור ערפאַרונג, בויען אַלערליי קאָמבינאַציעס", באַשאַפן נייע, קאָמפּליצירטע באַהעפטונגען און פראָפּאָרציעס, אָבער „ער קאָן ניט אַרומכאַפּן די מיליאָנען קלענסטע סיבות", ער קאָן ניט אויסרעכענען „דעם איינציקן פאַקטאָר פון אַלע בכלל פראָפּאָרציעס—די נשמה". גאָרדאָן גלויבט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז די פּסיכישע אָרגאַניזאַציע גופא פונם מענטשן בייט זיך צוזאַמען מיט דער ענדערונג פון די רעאַלע לעבנסבאַדינגונגען. גאָרדאָן איז די פאַרענדיקטסטע, די העכסטע גלויבנסלאָזיקייט, די נעגאַציע פון אַלץ, דאָס פאַרלייקענען יעדע קלענסטע פרימיטיווע נויטווענדיקייט און קאָמבינירונג, און אָנשטרענגונג פון שכל. אָפּטועענדיק זיין שרעקלעכע אַרבעט פון צעשטערן, בעט ער זיין חבר איבערגעבן „דעם דאָזיקן חוזקדיקן צענטראַלקאָמיטעט אין לאָנדאָן", אַז ער שפּייט אויף זייערע אָרגאַניזאַציאָנעלע שפּילן, אַז זיי זיינען אויך פונקט אַזאַ טשערעדע. ער וויל ניט וויסן פון זייערע אַלמענטשלעכע אידעאַלן, און אַז אַלץ, וואָס ער טוט, טוט ער נאָר כדי חרוב צו מאַכן דאָס לעבן. אויף האַרטמאַנס פראַגע, צוליב וואָס ער וויל חרוב מאַכן, ענטפערט ער:

„אין מיר רעדט די שנאה... יאָ, שנאה, פאַרביטערטקייט. און מיין פאַרביטערטקייט איז הייליקער פאַר אייער ליבע, וואָרעם אייער ליבע קומט אַרויס נאָר פון מאַרך. מיין פאַרביטערטקייט איז עלטער און טיפער, וואָרעם זי איז

בעווען נאָך איידער יעדער ליבע. לוציפער איז עלטער פאַר דער וועלט, וואָרעם די וועלט איז דאָס קינד פון ליבע".

---

## .XIV

דער איבערמענטש אין דער „לעצטער מענטש" אין דער „אייביקער מעשהלע". — דער קיניג און דער קאַנצלער. — דער זינען פון דער „אייביקער מעשהלע". — פשיבישעווסקיס בליק אויף די אויפגאַבן פון דער נייער דראַמע. — די וועלט־אַנשויונג ביי די העלדן פון זיינע דראַמען. — די דראַמען „גאָלדענע וואָל", „מוטער", „שניי" און אַנדערע. — "Homo Sapiens,,". — שלוס.

אויב דער מענטש פילט אין זיין נשמה די אָנוועזנהייט פון אַ העכערן לעבן, דאַרף ער קיינמאָל ניט שטרעבן צו דער ערד. אויב ער געהערט צו די אויסדערוויילטע, פאַר וועלכע עס איז קלאָר זייער שייכות צום קאָסמאָס, דאַרף ער זיך ניט אַראָפּלאָזן צו די נישטיקע זין פון דער ערד, טאָר ער ניט שטרעבן דערצו, אויפצוהייבן אַלעמען אויף דער הייך, וועלכע ער האָט אַליין דערגרייכט. די איינציקע באַציונג פון דער פערזענלעכקייט פון העכערן טיפּ צו דער מענטשהייט דאַרף זיין פולקומע איזאָלירטקייט, התבודדות, פאַרזונקענקייט אין די טיפענישן פון זיין אייגענעם גייסט. אויף דער ערד הערשט די טריוויאַלישקייט, וועלכע עס איז ניט אויסצוראָטן. זי איז אייביק און אומעטום פאַרהאַן. קיין קאַמף מיט איר איז זיך ניט פאָרצושטעלן פאַר דעם דערהויבענעם גייסט. די ערד — דאָס איז די קיניגרייך פון דעם „לעצטן מענטשן", און דער איבערמענטש האָט ניט וואָס צו טאָן צווישן די דאָזיקע „לעצטע" מענטשן. דער קאָנפליקט צווישן טריוויאַלן און אויסשליסלעכן, די טראַגעדיע פון דער פערזענלעכקייט פון העכערן מין, וועלכע האָט געוואָלט אירע גייסטיקע רייכטימער שענקען דער וועלט, איז געשילדערט אין דער „אייביקער מעשהלע". די דאָזיקע פּאָעטישע מעשהלע איז איינע פון די וואַריאַציעס אָן אַ שיעור אויף דער טעמע וועגן די מענטשלעכע פּראָבעס פון איבערמענטש. אין ביי׳ע כמעט דורכויכטיקע געשטאַלטן האָט דאָ פּשיבישעווסקי פאַרקערפּערט דעם טרייסטלאָזן בליק פון די מאָדערניסטן אויף דער מענטשהייט. זי איז פאַרמשפּט אויף אַ טריוויאַלן קיום. זי וועט קיינמאָל ניט אויפהייבן איר בליק צום הימל און צו דער זון. און דער, וואָס זעט די דאָזיקע זון און דעם דאָזיקן הימל, איז פאַרמשפּט אויף אַנטטוישונג און פאַרצווייפלונג, אויב ער וועט פּרווון

פונאַנדערצוטיילן די אוצרות פון זיין נשמה צווישן אַלעמען. די מאַגן און די אויסדערוויילטע אויבערמענטשן דאַרפן די דאָזיקע אוצרות איבערגעבן נאָר איינער דעם צווייטן אין די גרענעצן פון זייער קאַסטע. „און פאַר אונז, אָרעמע, וואָס־זשע בלייבט פאַר אונז, וועלכע נערן אייך, שטיצן אַזאַ געהיימענישפולע און שוין זייער טייערע סעקטע?" — פרעגט טורסקי ביי טשערקאַסקין? און דער „מאַג" ענטפערט אים מיט אַ רעטעניש: „נאַד איראַש טיקטאָ טפּאַרש פּאַרדי האַלזונש ווייג". די רעטעניש ווייזט זיך אַרויס פאַר ניט זייער קיין קאָמפּליצירטע, די געהיימענישפולע היעראָגליפן איז ניט שווער איבערצוזעצן אויף אַ פאַרשטענדלעכן לשון: „נאַ דיר אַ שטיק טאָרט פאַרשפּאַר די האַלז און שווייג". פאַר דער מענטשהייט — אַ שטיקל טאָרט פאַר די מאַגן — דאָס העכערע לעבן. Suum cuique! די מענטשהייט דאַרף ניט אַריינדרינגען אין דעם הייליקן וואַלד פון די אויסדערוויילטע. אָבער די מאַגן דאַרפן זיך אויך ניט דערנידעריקן אַריינצומישן זיך אין דאָס לעבן פון יענע, ווער עס איז ניט אימשטאַנד צו שטרעבן צו אַ העכערן לעבן.

„זעט, — זאָגט זאַראַטוסטרע, — איך באַווייז אייך דעם לעצטן מענטשן. „וואָס איז אַזוינס ליבע? וואָס איז אַזוינס שאַפונג? שטרעבונג? וואָס איז אַזוינס אַ שטערן"? — אַזוי פרעגט דער לעצטער מענטש און פינטלט דערביי מיט די אויגן. די ערד איז געוואָרן אַ קליינינקע, און איבער איר שפּרינגט אַרום דער לעצטער מענטש, וועלכער מאַכט אַלץ קליין. זיין מין איז ניט אויסצוראָטן, ווי די ערדפליי. דער לעצטער מענטש לעבט לענגער פאַר אַלץ. „מיר האָבן געפונען דאָס גליק" — זאָגן די לעצטע מענטשן און פינטלען מיט די אויגן".

די אייביקע מעשהלע פאַרקעפּערט אין דראַמאַטישער פאָרם ס'דאָזיקע בילד, וואָס זאַראַטוסטראַ האָט אויסגעמאָלט. זי האָט געוואָלט דערציילן, ווי זינלאָז עס פינטלט מיטן אויג דער לעצטער מענטש ביי די ווערטער: שטערן, שטרעבונג, שאַפונג. זי האָט געוואָלט באַווייזן, ווי דער „לעצטער מענטש" מאַכט אַלץ קליין, ווי ער לעבט לאַנג און ווי מען קאָן אים ניט אָנכאַפּן, ווי ער איז גליקלעך און באַפרידיקט מיט זיין טריוויאַלן קיום. זי האָט געוואָלט אָן איבעריקן מאָל באַשטעטיקן די פרוכטלאָזיקייט פון די שטרעבונגען מצד דער דערהויבענער נשמה, וועלכע גיט זיך אָפּ דער דינסט צו דער מענטשהייט.

דער קיניג און דער קאַנצלער, דאָס זיינען — דער אויבערמענטש און דער „לעצטער מענטש". דער קיניג האָט באַגריפן די שיין פון אייביקן אמת, ער האָט ליב געקראָגן סאָנקען, וועלכע האָט אויפגעוועקט אין זיין האַרצן די

בענקשאַפט נאָך דער פאַראַייביקער גרויסקייט פון שיינקייט, ריינקייט און ליכטיקייט". ער האָט זיך אַדאַנק איר אויסגעלערנט ליב צו האָבן די וועלט פון די הייליקע וועלדער, וואו „גאָט האָט געבראַכט פאַר אַ קרבן זיין בלוט און קערפער", וואו „די שטרענגע און שטילע תפילות פון די שוואַרצע פון ששת ימי בראשית ציפרעסן, וועלכע שטייען אויף דער וואַך פון אומבאַוואוסטע סודות און אין שווערע מחשבות טרוימען זיי די גרויסע טרוימען פון די אייביקייטן וועגן גאָטס משיחים, ווען זיי פירן אין די פינסטערע נעכט געהיימענישפולע שמועסן מיט די גייסטער פון די אבות; וועגן דרייסטע העלדן, וועלכע האָבן דעם שמוץ פון דער ערד געוואָלט פאַרדעקן מיטן מאַנטל פון הימל; וועגן הייליקע יונגפרויען, וואָס פון זייער האַרצן שלאָגט אַ קוואַל פון אייביקער שיינהייט". ער האָט ליב געהאַט די באַשיינטקייט פון די געהיימע פאָרגעפילן, יענעם צאַפל פון די נביאישע ווערטער, מיט וועלכן ער האָט צוזאַמען מיט סאָנקען געקוקט אויף די שטערן, „ווען זיי פלעגן זיך אָנצינדן מיט אַ פייער פון נשמות, ווען זיי האָבן געברענט אין תפילה־עקסטאַז, צונויפגעגאָסן זיך איינער מיטן צווייטן אין די צויבערנדע צערטלעכקייטן פון זייערע ניט ערדישע טרוימען אָדער פונאַנדערגעבליט אין די פינסטערע טיפענישן פון הימל מיט די כישופן פון פלאַמענדיקע לאָטאָסן". ער האָט געלעבט אין יענער וועלט, וואו עס „הערשט אייביקע שיינקייט פון לעבן, וואו דער שויס פון די בלויע ימים גיט זיך אָפ דעם הימל, וואו די שפיצן בערג, פאַרגאָסענע מיט הייסער זון קושן און לאַשצען די וואָלקס". מיט איין וואָרט, ער האָט געלעבט מיט דעם לעבן פון די „מאַגן", צונויפגיסנדיק זיך מיט קאָסמאָס. ער האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט זיין פאָלק, מיט זיינע פריידן און ליידן. ער האָט ניט געטראַכט וועגן דעם, וואָס פאַר מיליאָנען מענטשן איז ס'דאָזיקע העכערע לעבן ניט צוטריטלעך. ער האָט געלאָזן זיינען מקורבים רעגירן איבערן גורל פון די דאָזיקע מיליאָנען.

נאָר אָט האָט זיך איינמאָל אינם קיניג אויפגעכאַפּט דער פאַרלאַנג צו שענקען זיין פאָלק זיינע גייסטיקע רייכטימער, מאַכן אַלעמען פאַר אָנטיילנעמער אין די ניט־ערדישע פריידן, וועלכע זיינען פאַר אים צוטריטלעך. „אונזערע נשמות,— זאָגט ער צו סאָנקען,— הערשן אין דעם שבח פון דעם פאָראייביקן פייער, פון וועלכן אַלע אַנדערע זיינען אַרויסגעקומען, אָבער יענע זיינען אַוועק אין דער פינסטערניש, וואו זיי האָבן פאַרלאָרן זייער גלאַנץ, וואו זיי זיינען דערטרונקען געוואָרן אין שמוץ, פאַרגעסן אָן זייער שיינקייט, און מיר זאָלן זיי צוריק אַוועקפירן אין זייער היימאַט, רייניקן און צעשמעלצן אין דעם פייער אונזערע

נשמות". און דער קיניג אַליין הייבט אָן צו רעגירן איבער זיין לאַנד. זיין רעגירן האָט ער געגרינדעט אויף אמת און יושר. ער וויל זיין אַ „גנעדיקער און אַ גערעכטיקער שופט". ער וויל אין גלייכער מאָס באַשענקען און באַ-שטראָפן, זיין לפנים משורת הדין און אַ שטרענגער דיין". ער וויל „מיט ליב-שאַפט און ליכטיקייט" הערשן איבער זיין פאָלק. ער וויל דאָס גאַנצע פאָלק אויפהייבן פון זיין פאַלן, אָנצינדן אין זיין נשמה דאָס ליכט פון אמת און שיינקייט, דערשטיקן די קליינלעכקייט און די פאַלשקייט. ער רייסט זיך מיט אַלע כוחות צום פייגלעכן קאַמף קעגן דער מאַכט פון שלעכטס און פינסטער-ניש. ער שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר די שוועריקייטן פון דעם דאָזיקן פרווו. ער הערט ניט די אַזהרות, פון דעם חכם וויטין סאַנקעס פאַטער, וועלכער דער-מאָנט אים וועגן דעם, אַז די, וועלכע זיינען געוויינט צו בלאָנדזשען אין דער פינסטערניש, טראָגן ניט אַריבער די ליכטיקייט. „דו ביסט אויסגעוואַקסן אויף דער ליכטיקייט, און דאָרט זיינען די דאָזיקע שרצים אויסגעוואַקסן אונטן אין דער פינסטערניש, זיי זיינען דערנערט מיט גיפט און מיט סם המוות". וויטין איבערצייגט אים, ער זאָל מיט גוואַלד ניט אָפּעפענען די ברעמען ביי יענע, וואָס די ליכטיקייט טויט זיי. צוליב וואָס אַרויספירן זיי מיט גוואַלד אויף דער ליכטיקייט, אויב זיי שיצן זיך פון איר מיט אַלע כוחות? „ניט פאַר זיי איז דער געבאָט פונם הייליקן גייסט, וועלכער פאַראייניקט די פרייע נשמות, ניט פאַר זיי איז די שיין פון גאָטס פייער, וואָס ברענט אין די הערצער פון די אויסדערוויילטע,—דאָס דריטע קיניגרייך איז פאַר זיי אויף אייביק פאַרשלאָסן". קריסטוס האָט זיך געלאָזט קרייצן, כדי מכפר צו זיין אויף די דאָזיקע ניש-טיקע מענטשן. אָבער די מכפרים, די וואָס קויפן מיט זיך אויס די פרעמדע זינד, זייען אַ „שרעקלעכע זריעה". אויפגעוועקט די נשמות פון די מענטשן מיט ליכט, פאַרמשפטן זיי זיי נאָר אויף שרעקלעכערע יסורים, אויף ווילדער פאַרצווייפלונג. די זריעה פון די מכפרים גייט פאַרלאָרן אין „דער בלאָטע פון די הערצער". די דאָזיקע מענטשן—זיי ווערן עס אַ גיפטיקער משוגענער מאָן, וועלכע אימפּט אין זייער מאַרך איין דעם שגעון. „דער צויבערשטאָק, מיט וועלכן די מכפרים ווילן אויפוועקן צו תחית המתים דעם אייביקן פרילינג, ווערט אין די הענט פון די דאָזיקע שרצים פאַרוואַנדלט אין אַ בייטש פון אייביקע אומגליקן און צרות אָן אַ שיעור, און די ווערטער פון באַרויִקונג ברענען אין זייער נשמה אויס בלוי-טיקע פאַסן פון יאוש, וועלכע ווילן זיך קיינמאָל ניט פאַרהיילן". אומזיסט זאָגט אים סאָנקע אויך, אַז די שיינקייט פון אייביקן לעבן איז העכער פאַר די דאָזיקע ערדישע שטרעבונגען, אַז אַרויפפליענדיק צו דער הייך, האָבן זיי-

אַרומגענומען אַלע וועלטן און זונען, אין פאַרגלייך מיט וועלכע זייער קיניג־רייך שטעלט זיך זיי פאָר אַלס קליינטשיקס און נישטיקס. יענע מאַכט, יענע קראַפט איז בעסער. „אַזא געדיכטע פינסטערניש,—זאָגט סאַנקע,—האָט אַרומגעוויקלט יענע וועלט, וואוהין מיר לאָזן זיך אַראָפּ. מיין נשמה האָט מורא אַריינצוטרעטן אין די דאָזיקע נידעריקייטן, אַריינטרעטן אין דער וועלט פון שווערע טרויערן און אומעטן".

דער קיניג און דער קאַנצלער—דאָס זיינען צוויי יסודות, גאָט און דער שטן, גוטס און שלעכטס. זייער מלחמה — דאָס איז דער קאַמף פון צוויי אין תוך באַזונדערע סטיכיעס אייביקע, און צווישן וועלכע ס'קען קיין שלום קיינמאָל ניט זיין. דער קיניג שטיצט זיך אויף אַלע בעסטע אייגנשאַפטן פון דעם מענטשנס באַטור; דער קאַנצלער ווירקט אויף די נידעריקע אינסטינקטן פון דעם המון. דער קיניג הייסט, דער קאַנצלער פאָלגט. דער קיניג גייט מיטן גלייכן וועג און מעלדעט אָפן וועגן זיינע כוונות; דער קאַנצלער זאָגט זיך קיינמאָל ניט אַרויס, און פירט אונטערטעניק אויס דעם קיניגס פאַרלאַנגען. דער קיניג צאַרגט און באַליידיקט שווער דעם קאַנצלער. דער קאַנצלער איז אַלע מאָל העפלעך און רעדט דעם קיניג קיינמאָל ניט אַנטקעגן. און פונדעסטוועגן זיגט דער קאַנצלער. זיינע פאַרלאַנגען ווערן פאַרווירקלעכט, אַלע גוטע כוונות דעם קיניגס ווערן צו גאַרנישט. דעם קאַנצלער איז ניט אָנצוכאַפּן. ער זוכט ניט קיין פאַרבינדעטע און מיטהעלפער. זיי זיינען אומעטום, זיי וואַקסן אויס פונקט ווי פון דער ערד. דער קאַנצלער דאַרף ניט מאַכן קיין אָנשטרענגונגען. זיינע פריינד — זיינען אַלע, ווייל ער איז די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס טריוויאַלס און אַלגעמיינס, וואָס לעבט אומעטום און אַלע מאָל. ער איז דער קו־השווה פון אַלע אינטערעסן און שטרעבונגען פון דעם „לעצטן מענטשן". דער קיניג דאָס איז דער סימבאָל פון שאַפונג, ער איז דער טרעגער פון נייע שאַצן, די אייביקע באַוועגונג. דער קאַנצלער—דאָס איז די שטיצע פון איינגעשטאַנענקייט, דער היטער פון די פאַרפעסטיקטע יסודות. דעם קאַנצלער קאָן מען טויטן, אָבער ער וועט בלייבן אומבאַזיגט, ווייל ער איז דאָס לעבן גופא פון דער ערד, דאָס נישטיקע און טריוויאַלע. דער גרויסער געדאַנק, וואָס שטרעבט צו פאַרקערפּערן זיך אין קאָנקרעטע פאָרמען, הערט אויף צו זיין גרויס, ווייל פאַרקערפּערנדיק זיך, ווערט ער עלאַסטיש, דריקט זיך צונויף און ווערט טונקל. יעדע רעאַלע פאָרמע, אין וועלכער ער קליידט זיך אָן, נעמט אָפּ אַ טייל פון זיין גרויסקייט, און אָפּט, ווערנדיק, ענדלעך, אַ רעאַלער טאַט, דערקענט ער זיך אַליין ניט. דער קיניג איז דער געדאַנק, דער קאַנצלער — דער פּראָצעס

פון איר איבערבאַשאַפונג אין טאַט. דער קאַנצלער טויט אָפּ די דערהויבנקייט פון דעם קיניגס כּוונה. דעם קיניגס בעסטע אידעען, די איידלסטע שטרעבונגען ווערן, דורכגייענדיק דורכן קאַנצלער, פאַרוואַנדלט אין סקעלעטן פון פגרים, און זייערע שרעקלעכע טויטע מיילער קוקן מיט קלאַנגלאָזן געלעכטער דעם קיניג אין פּנים אַריין. זיין גרויסקייט, זיין ענטוזיאַזם ווערן צעשוואומען, פאַרוואַנדלט אין קנוילן רויך, וועלכע מען קאָן ניט אָננעמען, און ווי נאָר ער וויל פאַרהאַלטן כאָטש עפּעס איין קלאָרע פאָרמע, — נעמט זי שוין אָן טויזנטער נייע פאָרמען, גליטשט זיך אַרויס פון זיין מאַכט, לעבט מיט אירע אומאָפּהענגיקע געזעצן. „דו ווילסט זיי געבן אמת? — זאָגט דער קאַנצלער צום קיניג. — זיי לעבן מיט ליגן. דו טראָגסט זיי ליבע? זייער קראַפט איז אין שנאה. דו שענקסט זיי ליכטיקייט? — כאַ-כאַ-כאַ — זיי קומען אום אויף דער ליכטיקייט. זייער סטיכיע איז פינסטערניש! פאַרלעש, קיניג, דיין זון, פאַרלעש, פאַרזינק, מיט זיי צוזאַמען אין די שמוציקע קעסלגריבער, און דעמאָלט וועט דיין קיניגרייך זיין אָן אַ סוף... טרייב אַרויס פון דיין האַרצן סאָנקען... שליס מיט מיר אַ בונד...״ נאָר אָפּזאָגנדיק זיך פון ליבע, דאָס הייסט פון יעדן באַגייסטערנדיקן יסוד, נאָר דורך אַ בונד מיט דער טריוויאַלקייט פון לעבן, אַנדערש גערעדט, נאָר אָפּזאָגנדיק זיך פון זיך אַליין, קאָן די שעפערישע פערזענלעכקייט קויפן די מאַכט איבערן לעבן.

די „אייביקע מעשהלע״ האָט געזאָלט באַשטעטיקן דעם דאָזיקן געדאַנק.

אויף וואָס שטיצט זיך דער קאַנצלער? ביז דעם קיניגס נצחון האָט ער דערווייל אויסגעניצט די מיטלען אָן אַ צאָל, די אָן אַ צאָל אייגנשאַפטן פון דעם המון, וועלכע מאַכן אים, דעם המון, פאַר אַ שונא פון גרויסע פלענער. דער המון איז אומווויסנד. ער האָט פיינט יעדן סוד, אַלץ וואָס איז העכער פאַר זיין פאַרשטאַנד. ער קאָן ניט פאַרשטיין דעם חכם וויטין און זיין טאָכטער סאָנקעס נשמה-שיינקייט. און דעם קאַנצלער איז זייער לייכט צו פאַרשוואַרצן אין די אויגן פון המון וויטינען, צו באַשולדיקן אים און זיין טאָכטער אין פאַרשוועכונג פון די הייליקייטן, אין אומגלויבן, אין אָפּלייקענען דעם אמתן גלויבן. דאָס פאָלק פאָדערט, וויטין זאָל געטויט ווערן. אַלע אַרומיקע האָבן פיינט סאָנקען, ווייל זי שטייט העכער פאַר זיי, ווייל די מאַסע איז פיינטלעך צו יעדער שיינקייט, צו אַלץ וואָס צייכנט זיך אויס, ווייל דער מענטש איז פיינטלעך צום אויבערמענטשן. „דו שענק מיר אַוועק די קיניגין! — זאָגט איינע פון די הויפדאַמעס סאָנקעס, — איך ווייס שוין, וואָס איך זאָל מיט איר טאָן. איך האָב קליינינקע צוואַנגעלעך, איך וועל מיט זיי אויסצופּן אַ ביסל

איר ווייסן קערפּער... איך האָב אַן אייזערן פּרענטל, איך וועל עס אָנגליִען ביז רויט און וועל דערמיט אַ ביסל קיצלען, קיצלען די דאָזיקע מכשפה..." די פּראָ־מעטייס און די פּאָוסטן האָבן שטענדיק אויסגעוויזן ווי מכשפים אין די אויגן פונם המון, ער איז שטענדיק געווען אכזריש און אומערשעפּלעך אין אויסטראַכטן שטראָפן און פּיינען, מיט וועלכע ער האָט געצאָלט דעם געני און דער שיינ־קייט. אָבער דער קאַנצלער האָט ניט בלויז אויסגעניצט די אייביקע מיספּאַר־שטענדעניש צווישן דער מאַסע און דעם מנהיג. ער שטיצט די גייציקייט־אינ־טערעסן פון די גרויסע לייט. אויף זיין זייט שטעלט זיך דער שררה קשיושאַן, וועלכער איז „פּעט געוואָרן פונם ברויט פון דער פּריעריקער רעגירונג", ווען ער האָט געקאָנט גנבענען און ראַבירן, ביז די אויערן באָדן זיך אין אויסגע־לאַסנקייט, הערשןביים הויף און דורך אַלערליי פּאַלשקייטן ווערן איינער פון די רייכסטע מענטשן אין דער מלוכה. אויף זיין זייט שטעלט זיך דער גייצי־קער שררה שאַניאַוואַ און טויזנטער אַנדערע, וואָס זייערע אינטערעסן זיינען פאַרבונדן מיט אָפּהיטן די אַלטע אָרדענונג, וואָס די רעפאָרמען שרעקן זיי. מיט איין וואָרט אויף זיין זייט איז יענער קאָנסערוואַטיזם פון דער מאַסע, וועלכע זאָגט די פחדנישע און קליינלעכע הערצער, אַז ווי שלעכט עס זאָל ניט זיין די באַקוועמע רו פון איצט, איז זי אַלץ בעסער פאַר די אויפטרייס־לונגען און די וואַקלונגען פון דעם אומבאַוואוסטן עתיד.

שטיצנדיק זיך אויף די דאָזיקע נאַטירלעכע פאַרבינדעטע, צעשטערט דער קאַנצלער דעם קיניגס אַלע פּלענער. דער קיניג שיקט קיין רוים אַ מיסיע. דער פּויפּסט זאָל בענטשן זיין חתונה מיט סאָנקען, אָבער די שלוחים קערן זיך צוריק מיט דעם געבאָט פונם הייליקסטן פאָטער, אַז מען זאָל דעם קיניג מיט סאָנקען גטן. עמעצנס אַ געהיימע האַנט האָט אַזוי געמאַכט, אַז אין רוים האָט מען זיך איבערצייגט, אַז וויטין און סאָנקע זיינען מכשפים. עמעצנס אַ געהיימע האַנט האָט געשטופּט דעם שכנישן מלך פאַרצולייגן זיין טאָכטער דעם קיניג פאַר אַ ווייב, אַרויסגערופן אַ מחלוקת צווישן דיביידע הערשער, אַריינגעשלעפּט דעם קיניג אין אַ געפערלעכער מלחמה. אַפילו קיין עדות פון זיין חופּה זיינען ביים קיניג ניט געבליבן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיינער פון זיי איז ניט לעבן געבליבן. עמעצנס אַ געהיימע האַנט האָט געזאָרגט, אַז זיי זאָלן נעלם ווערן. אין דעם קיניגס מלוכה זיינען געווען אַ היבש ביסל שררות, וועלכע זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז די דאָזיקע עדות זאָלן ניט בלייבן לעבן. ביים קיניג איז געבליבן אַ נזיר, וואָס דאָס פאָלק האָט אים געהאַלטן פאַר אַ הייליקן, וואָס ער האָט פאַראייניקט דעם קיניגס האַנט

מיט סאַנקעס האַנט, און וואָס זיין עדות זאָגן וואָלט געקלעקט, אַז „דאָס פאָלק זאָל פאַלן אויף די קני". אָבער די געהיימע האַנט האָט אויך דאָ געזאָרגט, אַז דעם קיניגס אויסרעכענונגען זאָלן ניט מקיים ווערן. דער נזיר איז אַראָפּ פון זינען. מען זאָגט, אַז מען האָט אים געגעבן אַ גיפטיקע גראָז, פון וועלכער זיין שכל איז פאַרטונקלט געוואָרן. מען זאָגט, ער רייסט פון זיך אַראָפּ די קליידער, לויפט אַרום איבער די בערג און פעלזן, ווי אַ ווילדע חיה, אַ פאַרוואונדעטע מיט אַ שפּיז, שיט פון מויל שרעקלעכע קללות, אויף די ליפּן איז ביי אים אַ שוים... דעם קיניגס פּרווי האָט דאָך אַ היבש ביסל שונאים צווישן די הערשערישע שכנים. דעם קאַנצלער קאָן מען ניט כאַפּן אין דער דאָזיקער נעץ פון פאַרברעכנס, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט דורך זיין האַנט. דאָס לעבן שטיצט אים פון אַלע זייטן. מיט אַ הכנעהדיקן און העפלעכן אויסזען גיט ער דעם קיניג אָפּ דעם באַריכט וועגן די דאָזיקע אומגליקן. ער איז גרייט אַלץ צו טאָן פאַר דעם גליק און דער דערהויבנקייט פון קיניג, כדי אויסצופירן זיין פאַרלאַנג, אָבער ער איז מאַכטלאָז. און דער קיניג איז גרייט צו יאָמערן פון צאָרן און פון פאַרצווייפלונג קעגן דער דאָזיקער פאַלשער הכנעה, וואָס דורך איר טרייבט דער קאַנצלער די געשעענישן אין דער ריכטונג, וואָס ער וויל, און צו זיין ציל. דער קאַנצלער איז אַפילו ניט קיין פּערזענלעכקייט. ער שאַפט גאָרנישט פון אינערהאַלב זיין אייגענעם גייסט. פּשוט, ער פאַרקערפּערט אין זיך די קרעפטן, וועלכע בילדן אינאיינעם גאָר די טריוויאַלקייט פון לעבן. דער קאַנצלער — דאָס איז אַן אומפּערזענלעכער, אואָננעמלעכער אומגעהייער, קעגן וועלכן עס איז קיין אָפענער קאַמף ניט מעגלעך. זיין הכנעה איז שטאַרקער פאַר דעם קיניגס שטאָלץ. „הכנעה, — זאָגט ער, — ברעכט די עקשנות פון הימל".

און ערשט נאָך זיין נצחון איבערן פאָלק, וואָס האָט מורד געווען אַ דאַנק דעם קאַנצלערס אינטריגעס, האָט דער קיניג פאַרשטאַנען, אַז די טריוויאַלקייט איז ניט אויסצוראָטן, אַז דער לעצטער מענטש איז אייביק. ערשט איצט האָט דער קאַנצלער אָנגעהויבן צו קיניגן כדאיבעי. דער קיניג האָט מנצח געווען, די ריטער, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אויף דעם קאַנצלערס זייט, זיינען צעשלאָגן און פייניקן זיך אין תפיסה. אָבער דעם קאַנצלער קאָן מען ערגעץ ניט געפינען. און פונדעסטוועגן לעבט ער דאָך. דער יונגער, דעם קיניג איבערגעגעבענער באָכדאַר, האָט אים אומזיסט אויסגעזוכט אין גאָר דעם קיניגרייך... „איך בין אויסגעפאָרן גאָר דיין מלוכה פון עק ביז עק... אומעטום האָב איך געזען זיינע שפּורן... טויזנט מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז

עס וואָלט קלעקן נאָר אויסצושטרעקן די האַנט, וואָלט איך שוין געקאָנט כאַפּן... איך בין, קיניג, שיר פון זינען ניט אַראָפּ אין דער דאָזיקער אוממענטשלעכער יאָגעניש. בייטאָג און ביינאַכט האָב איך אַרום זיך געפילט זיינע שפּינוועבס־נעצן, אומעטום אַרום האָב איך געהערט דעם אָטעם פון ליגן, רמאָות, פּאַדראַס; אין מיין בלוט איז אַריינגעדרונגען דער גיפט פון קנאה און רכילות, אומעטום האָב איך געהערט דעם טייוולשן געלעכטער זיינעם, — און האָב מיך געוואָרפן סטראָמהאַלאָס אומעטום, וואו איך האָב נאָר געפונען זיינע שפּורן... אָבער ווי אַ שאָטן, ווי די פינסטערניש, ווי אַ בלאָנדזשענדיק פייערל, איז ער זיך פלוצלונג פונאַנדערגעגאַנגען און איז נעלם געוואָרן, כדי פון ס'ניי ערגעץ צו באַווייזן זיך און פירן מיך אַלץ ווייטער און ווייטער און פאַרנאַרן מיך אין זומפּן, פון וועלכע מען קאָן ניט אַרויס... מיט בלוטיקן שווייס אויפן געזיכט האָב איך מיך געיאָגט נאָך אים איבער וועלדער און בלאָטעס, איבער שטעט און דערפער, האָב אים געזוכט אין ריטערישע שלעסער און אין די ערדשטיבלעך פון די אָרעמעלייט. — אָבער אומזיסט... אומעטום האָט זיך אויסגעשפּרייט זיין שאָטן — דער גרויסער שאָטן פונם קאַנצלער האָט איינגעהילט גאָר דאָס קיניגרייך דיינס, קיניג. זיין גרויסער קערפּער האָט זיך אויסגעצויגן איבער וועלדער און פעלדער, אָבער דער קאָפּ פון דער דאָזיקער הידרע איז אומזעבאַר. מיט זיין שרעקלעכן גיפט, וועלכער איז ערגער פאַר דער דזשומע, פאַרפּעסטעט ער די הערצער און די נשמות, און ניטאָ פון אים קיין רעטונג — עס איז אים ניט אָנצוקומען, און מיט קיין זאַך קאָן מען זיך ניט באַשיצן פון זיין טויטנדיקער מאַכט. און איך זאָג דיר, קיניג, דו וועסט קיינמאָל דעם קאַנצלער ניט כאַפּן, און אַפילו אויב דו, קיניג, וואָלטסט געווען אַ גאָט און דיין פּרווי וואָלט געווען דיין געטלעכער מלאך, וואָלט ער דיך נאָך מער געלעסטערט מיט זיין גיפט און שמוץ, און דו וואָלסט מיט אים גאָרנישט ניט געקאָנט מאַכן". און דער קאַנצלער לעבט. זיין אָנוועזנהייט פילט זיך אין דעם, וואָס די באַרויקונג פונם לאַנד, צו וועלכער דער קיניג האָט דערגרייכט, ווייזט זיך אַרויס, איז מער ניט ווי אַ נייע טייוולשע גנעץ, אַז דער וואַגאַבונד, וועלכן דער קאַנצלער האָט אונטערגעקויפט, ער זאָל טייטן די קיניגין און ער האָט אים אַרויסגעגעבן, איז געפאַלן פון אַ געהיימער האַנט, אַז דער געהיימער רוצח האָט געטויט אויך דעם יונגן ריטער באָכדאַר אין הויף, הגם אַ צאָלרייכע געטרייע וואַך האָט אים אָפּגעהיט. דער קאַנצלער לעבט, ווייל איינגעשטילט די מרידה, קאָן דער קיניג זיין פאָלק ניט געבן קיין גליק און ליכט, ווייל די קיניגלעכע שפּייכלערס און אוצרות, וועלכע זיינען אָפּגעפּנט

געוואָרן פאַר די אָרעמע, האָבן ניט געקאָנט מאַכן קיין סוף צום הונגער און צו דער אָרעמקייט, ווייל רויבערישע מענטשן האָבן די דאָזיקע רייכטימער אַוועקגענומען פאַר זיך, און די פרויען און די מיידלעך, וועלכע האָבן אין דער צייט פון דער מהומה פאַרלאָרן די מאַנען און די פאָטערס, יאָמערן און פאַרשילטן דעם קיניג, וועלכער האָט געוואָלט דעם פאָלק געבן ליכט און פרייד; מצורעים גייען אַרום איבערן שטאָט און פאַרשפרייטן די אָנשטעקנדיקע קראַנקהייט, הגם דער קיניג האָט געהייסן אָפּזונדערן די קראַנקע פון די געזונטע. דאָס פאָלק האָט ניט, וואו דעם קאָפּ צוצושפּאַרן, קינדער, כמעט נאַקעטע, בלאָנדזשען אַרום צווישן די חורבות און זוכן זייערע מוטערס. קיין פאַראָרדענונג פון דעם קיניג ווערט ניט אויסגעפירט, ווייל גייציקע און שלעכטע מענטשן האָבן אַלע בעסטע כוונות זיינע פאַרוואַנדלט אין שלעכטס פאַרן פאָלק. דער קאַנצלער לעבט, ווייל אויך נאָכדעם, ווי ער איז נעלם געוואָרן, לעבט זיין קיניגרייך, איז פאַרבליבן אומגעשעדיקט און אייביק יענע וועלט פון באַציונגען, וועלכע איז געווען פאַרקערפּערט אין זיין פּערזאָן.

„צי אַזאַ איז דען דער נצחון, וועגן וועלכן דו האָסט געטרוימט?" האָט אים סאָנקע געפרעגט. ער, וועלכער האָט זיך געבאָדן אין דעם גלאַנץ פון ליכט, מוז לעבן „אין דעם אומפאַריינדלעכן חושך, אין וועלכן עס זיינען פאַרגליווערט פלעקן פון רויטן בלוט". ער, וועלכער האָט זיך געבאָדן אין דער ריינער האַרמאָניע פון לידער, וואָס אויף יענער זייט וועלט", וועט מוזן „מיט רויבערישן תענוג זעטיקן זיין געהער מיט דעם בייזן רעווען פון די מלחמה־טרומייטן". כדי צו קיניגן איבער זיי, דאַרף מען זיין אייבער פון זיי. „דער הערשער פון זייערע נשמות, וואָס ווייסן ניט פון בענקשאַפט — דאָס איז דער קאַנצלער" — זאָגט וויטין. די קיניגלעכע קריינען און דער טראָן, דאָס איז דער סימבאָל פון געהויבנקייט פאַר די קאַנצלערס. זיין באמת מעכטיק און גרויס — הייסט בלייבן איינזאַם אָן אַ המון פון קנעכט און הויפלייט, דאָס הייסט זיין פריי און אומבאַזיגבאַר גייסטיק. דער אמתער נצחון באַשטייט ניט אין דעם, צו מאַכן מיט דער הילף פונם געווער אונטערטעניק די קנעכט, וועלכע וועלן אין זייער אונטערטעניקייט אויך פאַרבלייבן קנעכט, דער אמתער נצחון באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל פון זיי אַוועק צום עכטן הסתכלות־לעבן. די קריין, וואָס שיינט אַרום די קעפּ פון די חכמים און די קדושים, איז שענער פאַר דער קריין, צו וועלכער דער קיניג האָט זיך דערשלאָגן. מיט דעם קאַנצלער קאָן מען קעמפן בלויז מיט זיין אייגענעם געווער, און דאָס הייסט אַליין ווערן אַ קאַנצלער. און דער קיניג האָט פאַרשטאַנען, אַז זיינע אָנשטרענגונגען

זיינען געווען אומזיסט, אַז די אומגליקלעכע קריין, צוליב וועלכער ער האָט געקעמפט, איז נישטיק „אין פאַרגלייך מיט יענער הייליקער זון", וועלכע עס ברענט ביי סאָנקען אין ברוסט. ער קערט אום צו זיינע הויפלייט די קריין אין דעם מאָמענט, ווען זיי קומען, אונטערטעניקע צו אים, מעלדן אים וועגן זייער איבערגעגעבנקייט. „איך האָב געוואָלט זיין אַ פרייער צווישן פרייע. אוי סאַר אַ טעות איך האָב געהאַט! דאָ מיט אייך דאַרף מען שטענדיק האָבן דעם שווערד גרייט, ליגן און פאַלשקייט — ביי דער האַנט, אַז ניט פאַלן אייערע קיניגרייכן און פאַרוואַנדלען זיך אין חורבות. ניט וועגן אַזאַ קיניגרייך האָב איך געטרוימט. איך האָב געוואָלט זיין אַ גלייכער צווישן גלייכע. ווי בלינד איך בין געווען! דאָס, וואָס עס איז פאַר מיר דאָס גרעסטע הייליקטום, באַשפייט איר דאָך, טרעט מיט די פיס, פאַרברענט אויף פייערן; אויף דאָס, וואָס פאַר מיר הייסט באמת קיניגן, און וואָס עס באַשטייט די מאַכט פון גייסט, ליבע און ליכט, האָט איר אויפגעהויבן אייער פאַרברעכערישע האַנט! ווי־זשע זאָל איך ריידן וועגן ליבע, ווען אין אייערע הערצער איז גאָרנישט ניטאָ אויסער שנאה און גייציקע בלוטדאָרשטיקע לײדנשאַפטן, ווי זאָל איך ריידן וועגן ליכט, אַז איר פאַרגעטערט די פינסטערקייט. איך האָב געטרוימט וועגן אַ צוזאַמענקיניגן פון די ריינע נשמות, איך האָב געטרוימט וועגן שמועסן אין דעם העכסטן אַנטציקן פון מיין נשמה, און וואָס זשע אַזוינס איז דאָ געבליבן פון מיינע טרוימען? איך וואָלט געקאָנט קיניגן נאָר מיטן שווערד און שמועסן נאָר אויף בלוטיקע מאָלצייטן פון מלחמות און שריפות... זאָל איבער אונז קיניגן יענער, ווער עס האָט שוין לאַנג באַהערשט די קיניגרייך אין אייערע נשמות! מיר איז דערווידער דער נצחון, וואָס איך האָב איבער אייך אָפּגעהאַלטן דורך דאָס געווער פונם קאַנצלער—דורך בלוט".

ווי דערהויבן פאַרטראַכט, סאַר אַ טיף באַאַרבעטער פראָטעסט קעגן דער מענטשלעכער מאַסע, און סאַר אַ פייערלעך ליד לכבוד דעם אַריסטאָקראַטישן אינדיווידואַליזם, לכבוד די אויסדערוויילטע. די „אייביקע מעשהלע"—דאָס איז אַן אָנגעווייטאָגטער געשריי פון אַריסטאָקראַט און עסטעט, וועלכער איז ניט פאַרשטאַנען, פאַרשוועכט, וועלכער פלוכט די מענטשהייט, וואָס האָט צעטראָטן די בעסטע פערל פון זיין נשמה, באַשפיגן די פרעכטיקסטע שטרעבונגען זיינע צו ליכטיקייט און פרייהייט. די „אייביקע מעשהלע"—דאָס איז אַ פלאַמענדיקער פראָטעסט קעגן דער דעמאָקראַטיע, קעגן דער סאָציאַלער און פאָליטישער אָנשטרענגונג, קעגן דעם גלויבן און דער סאָלידאַריטעט פון דער מענטשהייט. די „אייביקע מעשהלע" — דאָס איז אַ צאַרטע באַגריסונג צו דעם לעבן פון

הסתכלות, צו דעם איינזאַמען לעבן פון דער נשמה, אַ מעכטיקער דיפיראַמב צו דער ליבע, דעם איינציקן קוואַל פון דערהויבענע שטימונגען, אַ פּאַטעטישער הימן צו דער שעפערישער פאַנטאַזיע, וועלכע אַנדערשט איבער די וועלט, וועלכע פאַרוואַנדלט דעם מענטשן אין אַ גאָט, וועלכע באַשאַפט אַ נייע וועלט פון דער טיפעניש פונם אייגענעם גייסט. ניט אין פיל קינסטלערישע שאַפונגען האָבן זיך אַזוי קאַפּריזיק און אין דערזועלבער צייט אַזוי האַרמאָניש צונויפ־געגאָסן די באַזונדערע שטימען פון אַ גאַנצער פּאַטעטישער שול, זיינען איבער־געשאַפן אין אַ מעכטיק גאַנצס די שטרעבונגען פון אַ גאַנצן דור. אין דער דאָזיקער פאַנטאַסטישער פּיעסע זעען זיך די שאַטירונגען פון דער גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די גייסטיקע איבערלעבונגען ביי דעם היינטיקן מענטשן מיט די פאַראיידלטע געפילן און מיט דער קראַפטלאָזער שטרעבונג צו דינען דער מאַסע, מיט דעם ניט קענען נעמען זיך פאַר דער אַרבעט, מיט דעם באַזוון עגאָיזם פון דעם פּריווילעגירטן, וועלכער פאַראַכט די נידעריקע, אָבער אומפאַרמיידלעכע שטרעבונגען פון דעם נידעריק־שטייענדיקן. די „אייביקע מעשהלע"—דאָס איז איינע פון די שענסטע פאַרקערפּערונגען פונם פּעסימיזם ביי דעם פּוילישן פּאָעט, וועלכער האָט איר אַראָפּגעריסן די קרוין פון דעם טרוים וועגן שלום מאַכן צווישן דער פּערזענלעכקייט מיט דער וועלט, צווישן די אינטערעסן פון דעם שעפערישן גייסט מיט די טרויעריקע בויטן פון דער מאַסע.

די „אייביקע מעשהלע" דאָס איז די פּאָדערהויז פון זיינע דראַמען, די שטרענגע און אומעטיקע פּראָפּילעען, וועלכע פירן אַריין אין דעם היכל פון ביטערניש און פינסטערניש. „די אייביקע מעשהלע"—דאָס איז דער לוויה־מאַרש צו דער סאָציאַלער אָנשטרענגונג, אַ תפילה צו יציאת הנפש דעם געזעלשאַפט־לעכן יסוד. פּשיבישעווסקיס דראַמען—דאָס זיינען די אומרויִקע פיינען פון דער פּערזענלעכקייט, וועלכע איז אַוועק אין דעם אינערלעכן לעבן פון זיין נשמה, פון דער פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט איבערגעריסן דעם באַנד מיט דער וועלט און מיטן לעבן, פון דער פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט זיך אָנטזאַגט פון דער שטרעבונג פונאַנדערקלייבן זיך אין דעם שיינבאַרן כאַאָס פון די אַרו־מיקע ערשיינונגען. פּשיבישעווסקיס דראַמען — דאָס איז „דער טאַנץ פון ליבע און טויט", די מלחמה פון ליידנשאַפטן, דאָס אומרויִקע וואַרטן אויף אומגליק. פּיין און פאַרדאַרבונג היטן דעם, וועלכער האָט פאַרלאָרן די האָפענונג משיג צו זיין דעם גורל. דער פּאַטום ווייזט אים אויס אַן אימהדיקער און אַ גרויזאַ־מער. ער קעמפט ניט און באַמיט זיך ניט אויסצומיידן דאָס אומגליק. קיינער

האָט בעסער פאַר פּשיבישעווסקין ניט פּאַרקערפּערט די דאָזיקע דראַמע פון קראַפטלאָזיקייט און יאוש. אין זיינע דראַמען זיינען די קאַטאַסטראָפעס ניט קיין לאָגישער רעזולטאַט פון די צוזאַמענגעשטויסענע ליידנשאַפטן און אינטערעסן. זיי זיינען פאָראויס באַשטימט פון אויבן. זיינע העלדן ווירקן ניט, זיי קעמפן ניט קעגן דעם אומגליק וואָס רוקט זיך אָן. זיי וואַרטן אויף אים. זיי צווייפלען ניט אין זיין אומפאַרמיידלעכקייט. זיי פירן ניט קיין פּרוכטלאָזן קאַמף קעגן דעם אומפאַרמיידלעכן. זייער אומגליק איז אין זיי גופא. דער קאַמף מיטן לעבן, מיט זיינע אומפּולקומענהייטן איז נוצלאָז, ווייל די טראַגע־דיע איז אינעווייניק, ניט אויסער דעם מענטשן. פּשיבישעווסקי באַשטעטיקט דעם דאָזיקן יתרון פון אינערלעכן לעבן איבער דעם אויסערלעכן. ער גלויבט, אַז דאָס לעצטע איז אין זיינע פּיעסעס ניטאָ. זיינע העלדן זיינען כמעט אַב־סטראַקטע גייסטער. זיי זיינען ניט צוגעקלעפּט ניט צו צייט, ניט צו אָרט. די לאַגע, די ערציִונג, די פון קינדווייז איבערגענומענע חסרונות, די נויט, די אומגלייכקייט פון צושטאַנד, די שטאַנד־קאָנפליקטן, — מיט איין וואָרט, די טויזנטער סיבות, וועלכע באַשאַפן די טראַגעדיע פון דעם מענטשן אין דער אַלטער דראַמאַטורגיע, שפּילן אין פּשיבישעווסקיס דראַמען קיין ראָלע ניט. זיינע העלדן פאַלן אַלס קרבן פון ליידנשאַפטן, וועלכע קעמפן אין זיי גופא. „די נייע דראַמע, זאָגט פּשיבישעווסקי, באַשטייט אין דעם קאַמף פון דעם אינדיווידואום מיט זיך זעלבסט, ד. ה. מיט די פּסיכישע קאַטעגאָריעס, וועלכע באַציען זיך צו די סאַמע טיפע און געהיימע אינדיווידועלע קוועלן, וועלכע זיינען דער מהות פון דעם אינדיווידואום גופא, אַזוי ווי דאָס אויסערלעכע באַציט זיך צום אינערלעכן. אין דער הייניקער דראַמע האָט זיך דער קאַמפּס־פּלאַץ געענדערט. זי האָט צו טאָן מער ניט ווי מיט דער צעבראָכענער אויס־געפייניקטער נשמה פונם מענטשן. לויט פּשיבישעווסקיס מיינונג דאַרף די נייע דראַמע זיין די דראַמע פון געפילן און פאַרגעפילן, פיין פון געוויסן, קאַמף מיט זיך זעלבסט, די דראַמע פון אומרויִקייט, מורא און אימה. „די סיבות פון דער דראַמע זיינען ניט אין די אויסערלעכע אומשטענדן, נאָר אין דער נשמה פונם העלד,—דאָס הייסט, אַז די באַציִונגען פון דעם הייניקן מענטשנס נשמה צו דער אויסער־לעכער וועלט ווערן אָנגעפירט גלייך ווי דורך דעם געזעץ פון צענטריפוגאַ־לישקייט: די שטראַלן־ראַדיוסן, וואָס קומען אין איר פאָר, פאַרשפּרייטן זייער ווירקונג אויף דער וועלט פון אויסערלעכן און דערמיט מאַכן זיי זי גלייך ווי אונטערטעניק צו זיך. די באַציִונגען אָבער פון דעם אַמאָליקן מענטשנס נשמה צו דער זעלביקער וועלט זיינען אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם געזעץ פון צענ־

טריפעטאַלישקייט: די ווירקונגספּערע פון די אויסערלעכע פאַקטאָרן האָבן זיך פאַרשפּרייט אויך אויף דער נשמה און האָבן זי געמאַכט אונטערטעניק צו זיך".

ס'איז אַ וואונדער, ווי עס קומען זיך אַמאָל צונויף אין זייערע אויספירן די עקסטע אינדיווידואַליסטן מיט די, וואָס זיינען פאַר געזעלשאַפטלעכקייט, די מיסטיקער מיט די מאַטעריאַליסטן. שוין דאָס צעטיילן גופא פון דער דראַמע אויף בייער און אַמאָליקער איז זייער כאַראַקטעריסטיש ביי פּשיבישעווסקין אין מויל. ער רעדט ניט וועגן אַן „עכטער" דראַמע. ער שטייט כמעט אויפן היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, גלייך ווי ער וואָלט געהאַט דעם באַוואוסטזיין, אַז די פאָרמען פון קינסטלערישע ווערק אַנטשטייען און בייטן זיך אָפּהענגיק פון די געענדערטע פאָדערונגען און געשמאַקן פון דער געזעלשאַפט: „שטאַרקע ליידנ־שאַפטן אין אונזער צייט זיינען זעלטן, שרעקלעכע שעקספּירישע פאַרברעכנס שטעלן פאַר אויסנאַמען. דער סצענישער אַפּאַראַט איז באַדייטנד פאַראייִנפאַכט; ס'איז פאַראייִנפאַכט און אין דערזעלביקער צייט פאַרטיפט אויך אונזער נשמה. די נשמה און דאָס וואָס אין איר קומט פאָר איז געוואָרן דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַרן דראַמאַטורג. איצט האָט מען אָנגעהויבן אַרייַנצוקוקן אין דער אייגענער נשמה. אויף דער סצענע זוכט מען ניט קיין אימות, פון וועלכע די האָר זאָלן זיך שטעלן אויפן קאָפּ, נאָר אַ געטרייע אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין מיין, דיין און זיין נשמה". פּשיבישעווסקין פעלט גאַנץ ווייניק, כדי צו דעררייכן זיך ביזן אמת. ווען ער וואָלט מודה געווען, אַז אונטער די ווערטער „אונזער נשמה", „הייַנטיקער מענטש" און אַז. וו. דאַרף מען פאַר־שטיין „די נשמה" פון יענעם ביסל מענטשן, וועלכע פילן אָן די טעאַטערס און פאַר וועלכע הייַנטיקע דראַמאַטורגן שרייבן און ווען זיי באַווייזן זייער נשמה אויף דער סצענע, וואָלט ער שוין געווען גאָר גערעכט. די דעפיניציע פון דעם הייַנטיקן צושויער, וועלכע ער האָט געגעבן, באַקומט ביי דער דאָזי־קער אויסבעסערונג אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג. דער דאָזיקער צו־שויער איז ווירקלעך אין אַ וועלט פון ליידנשאַפטן, האָט אָפּגעשפּיגלט זיין נשמה מיט אַ גאַנצער וועלט איבערלעבונגען, וואָס האָבן קיין אַלגעמיינס ניט מיט דער אויסערלעכער וועלט. ער האָט ווירקלעך אַ צעבראָכענע, אויסגעפּיי־ניקטע נשמה. אין די דאָזיקע ליידן איז פאַראַן אַפילו שיינקייט, יענע טרויע־ריקע שיינקייט, וואָס באַשיינט אַלע מאָל דאָס שטאַרבן. אַ קינד פון זיין צייט פון דער גרויסער שטאָט, פון איר קראַנקער קולטור, האָט פּשיבישעווסקי, בע־גליכן צו אַלע פּאָעטן פון דער בורזשואַזער אַנטאַרטונג, אין רירנדיקע קלאַנ־

גען באַוועגן די לעצטע ווייען פון דער וועלט, וועלכע איז אים נאָענט און שטאַרבט אַוועק. זאָל זיך אים דאַכטן, אַז ער האָט אַנטדעקט נייע סודות פון דער מענטשלעכער נשמה בכלל (דער אייביקער טעות פון יענע, וואָס די גאַנצע וועלט איז פאַר זיי קאָנצענטרירט אין אַ קליינעם קרייז פון כאַראַקטאָרן, וואָס זיינען פאַר זיי פאַרשטענדלעך); פאַר אונז וועט פשיבישעווסקי בלייבן איינער פון די גרויסע פאָעטן פון דער זיך אַנטאַרטנדיקער געזעלשאַפט, אַ זינגער פון יענע „אומרויקייט, מורא און אימה", וועלכע לעבן אין דער נשמה פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַרלאָרן, וועלכע זיינען געבליבן אָן אַ זייט, וועלכע זיינען דורך דער געשיכטע פאַרמשפט אויף אויסשטאַרבן. זאָל ער גלויבן, אַז יענס וואַרטן אויף אומגליק, וואָס פילט אָן די נשמה פון זיינע העלדן, איז עס דאָס אַריינדרינגען פון דער נשמה אין די אַכזורישע פאָרשריפטן פון די העכערע כוחות. מיר זעען אין דעם דאָזיקן וואַרטן אָן אומפאַרמיידלעכן פועל־יוצא פון דער לאַגע, וואָס זיי האָבן פאַרנומען לגבי דער אויסערלעכער וועלט. מענטשן, וועלכע זעען נאָר זיך, זיינען פאַרזונקען נאָר אין דער אייגענער אינערלעכער וועלט,— גייען איבער אַן אָפּגרונט. זיי ווילן ניט זען די סכנות, וואָס די נאַטור און לעבנס־כוחות האָבן צעשפּרייט איבער זייער וועג. זיי ווילן ניט און קענען ניט פונאַנדערקלייבן זיך אין זיי, זיי האָפן ניט און פּרוּוון ניט אויפצונעמען אין זיי קיין געזעצמעסיקייט, זיי גלויבן ניט אין דער מעגלעכקייט פון נצחון איבער זיי, און דעריבער קעמפן זיי ניט און גיבן זיך איבער דעם רצון פון צופאַל. אָט פאַרוואָס אומגליק איז אומפאַרמיידלעך פאַר זיי. די קאַטאַסטראָ־צופאַל. אָט פאַרוואָס אומגליק איז אומפאַרמיידלעך פאַר זיי. די קאַטאַסטראָפעס אין פשיבישעווסקיס דראַמען זיינען ניט מעגלעכקייטן. זיי ליגן לכתחילה אין זייערע העלדן, אַלס עלעמענטן פון זייער וועזן. זיינע העלדן — דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פון דעם יאוש און דער קראַפטלאָזיקייט מצד אַ געוויסן טייל פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, די גסיסה־קאָנוואולסיעס פון דעם פאַרמשפטן. זיי זיינען אַ וויכטיקער דאָקומענט פון אונזער עפּאָכע, וואָס דערגאַנצט דאָס בילד פון די ליידן, וועלכע זיינען פאָרגעגאַנגען דעם געבורט פון דער נייער געזעלשאַפט.

לאָמיר נעענטער באַטראַכטן די דאָזיקע העלדן.

זייער וועלטאָנשויונג איז דורכגעדרונגען מיט פינסטערן עגאָיזם. זייער גאַנצער וועזן צעפאַלט פון אימה פאַר די סודותדיקע כוונות פון די צו זיי פיינדלעכע כוחות. פריער האָט זיך דער פעסימיזם געקליידט אין האַרמאָנישע, פילאָסאָפישע און רעליגיעזע סיסטעמען. זיי זיינען אפילו ניט פעיק צו באַשאַפן עטוואָס אַזוינס. כדי צו דערקלערן זייער ביזן מזל, כאַפן זיי אונטער

ברעקלעך פון אַלע פעסימיסטישע אָנשויונגען, צעפּען זיך אין זיי איין, נאָר זיי שטעלן זיך אויף גאָרנישט ניט אָפּ, ווייל זיי זיינען ניט פעיִק צו טיפן גלויבן, ניט פעיִק מוטיק אַ קוק צו טאָן דעם פיינדלעכן פּאַטוס אין געזיכט אַריין. אומקלאָרע השערות, אומזיכערע אויסרעכענונגען, אומזיכערע האַלבע פראַגן, לסוף פּחדנישע שטרויסנמעטאָדן—אַט וואָס זיי שטעלן אַרויס אַנטקעגן דעם אכזרישן גורל. דאָס וואָרט אפשר איז זייער באַליבט וואָרט. די אידעען פון אַלע דענקער, וועלכע האָבן זיך געסטאַרעט אָנצוקליידן אין אַ פילאָסאָפישע סיסטעם די בענקשאַפט פון די שוואַכע און די הילפסלאָזע מענטשן, קלינגען אין זייערע קלאָגענישן. אַמאָל הערט זיך אין זיי דער אָפּקלאַנג פון עפּעס אַ נייעם קריסטלעכן אַסקעטיזם, פון אַ נייער תּורה וועגן חטא. דער מענטש לעבט אין חטאים. „אַלץ איז פאַרברעכן, — זאָגט דער אַלטער אין דער דראַמע „געסט“, — דער מענטש איז דערויף באַשאַפן, כדי צו טאָן פאַרברעכנס“. און פשיבישעווסקיס העלדן חזרן דעם דאָזיקן געדאַנק איבער אויף אַלערליי אופנים.—„צי דען עקסיסטירט אַ מענטש, וועלכער זאָל ניט טאָן קיין פאַרברעכנס?—פרעגט איינער פון זיי. — אַמאָל ווייס אפילו דער מענטש ניט, אַז ער באַגייט אַ פאַרברעכן, נאָר פלוצים עפנט זיך אָפּ אַ וואונד, זי צעוואַקסט זיך, און דער מענטש ווערט זעעוודיק, אָבער ערשט דעמאָלט, ווען דער חטא האָט אים שוין אַרומגעפענטעט. דאָס לעבן—דאָס איז אַ כסדרדיקע שורה פון פאַרברעכנס, וועלכע עס הייסט אונז באַגיין די געהיימנישפולע קראַפט, און ביז אַ געוויסער מאָס ווערן מיר אַ ווערקצייג פון איר ווילן.

דער געדאַנק וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט פון פאַרברעכן פלעכט זיך דורך מיט אַ אידעע, וועלכע דערמאָנט די פאָרשטעלונגען פון די אַלטגריכישע טראַגיקער וועגן פאַטום און דעם חטא וואָס גייט איבער בירושה. אין „דאָס גאָלדענע וואָל“ זאָגט רושטשיץ צו אירענען: „אויב דאָס וועט פון אייך ניט נעמען קיין נקמה, וועט עס נעמען נקמה פון אייערע קינדער, און וועט נקמה נעמען פאַר זיך ביז דעם זיבעטן דור“. די גערעכטיקייט, וועלכע איז איין מאָל צעשטערט געוואָרן, פאָדערט אויסקויפונג, און מענטשן קומען אום אין שרעקלעכע יסורים. יעדער איז אַ ווערקצייג פון נקמה אין די הענט פון גורל, און אויספירנדיק זיין באַשטימונג, צעברעכנדיק דאָס לעבן פונעם פאַרברעכער, מוז ער אויך פון זיין זייט אומקומען פאַר דעם באַגאַנגענעם פאַרברעכן, געגליכן דערצו, ווי אָרעסט איז, אויסגעפירט דעם געבאָט פונעם גורל און נקמה גענומען אָן דער מוטער פאַרן טויט פון פאָטער, אַליין געפאַלן אַ קרבן פון די עוומענידן, געגליכן דערצו, ווי עס וואַקסן די פאַרברעכנס אין

לאַיס הויז, אַרויפשלעפנדיק אַלץ נייע און שרעקלעכע אומגליקן אויף עדיפן און זיינע זין. רושטשיק האָט געלעבט מיט רעמבאָווסקיס מוטער, און האָט איר מאַן דערפירט צו זעלבסטמאָרד, און זיין זון, וועלכער איז געבוירן אין זינד, מוז אומקומען. מיט דרייסיק יאָר „בלוטיקער, שווערער אויסקויפונג" האָט רושטשיק אויסגעקויפט זיין זינד. רעמבאָווסקי מוז אויסקויפן ניט נאָר דעם פאָטער, נאָר אויך זיינע אייגענע זינד. ער האָט פאַרנאַרט לאָנצקיס ווייב; פּשיסלאַווסקי נעמט ביי אים אָפּ זיין ווייב. אין דעם יאוש, וואָס כאַפּט אָן אירענען נאָך דעם זעלבסטמאָרד פון איר מאַן, לאָזט זיך פילן דער אָנזאָג פון אַ נייעם אומגליק. און פּשיבישעווסקי וואָלט מיט ערפאָלג געקאָנט אָנשרייבן אַ טרילאָגיע ווי עסכיל, כדי פונאַנדערצוּוויקלען די טראַגעדיע פון אויסקויפונג, וועלכע איז דורכגעגאַנגען דורך אַ ריי דורות און האָט געבראַכט צו דעם אומקומען פון דער גאַנצער משפחה. די ווערטער פון דעם געהיימנישפולן גאַסט אין דער דראַמע „געסט" זיינען פּונקט ווי אַרויסגענומען פון אַן אַלט־גריכישער טראַגעדיע אין דער פּיעסע פון דעם פּוילישן פּאָעט. און ס'דאַכט זיך, אַז ניט דער גאַסט, נאָר דער כאָר פון די עווטענידן, וועלכע פאַרפאָלגן אָרעסטן, זינגט די דאָזיקע גרויזאַמע סטראַשונקעס: „איך וועל איבער דיר פונאַנדערשפּרייטן מיינע שרעקלעכע פליגל. און אומעטום וועלן דיך פאַרפאָלגן שוואַרצע פליגל פון אַ וואַמפּיר—ניין!—שרעקלעכע הענט, אויסגעשפּרייטע פינגער, ווי די נעגל פון שטן, וועלכע וועלן באַלד־באַלד כאַפּן,—וועסט אַ טראָט טאָן, און פאַר דיר וועלן אייביק זיין די דאָזיקע שרעקלעכע, פאַררעטערישע אָנגרייפנדיקע פינגער—און דערביי נאָך אויסגעצויגענע הענט, אויסגעבייגענע אָט אַזוי ווי אַ פּאַנטערע, איידער זי טוט אַ שפּרונג: איין סעקונדע—און זיי שליסן זיך צונויף, ווי גהינומשע צוואַנגען אָט אַ־דאָ אונטערן האַלז,—וועלן אַרומנעמען מיט גהינומשער אומאָרעמונג און וועלן אָנהייבן שטיקן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער".

אין זייער קראַפּטלאָזיקייט קעגן אומגליק גייען פּשיבישעווסקיס העלדן איבער פונם געדאַנק וועגן דער ירושה פון חטא צו דער אידעע וועגן געהיימנישפולער, פאַר דעם מענטשנס שכל אומצוטריטלעכער מאָראַל. זיי זיינען, ווי רושטשיק, קאַפּאַבל צו גלויבן, אַז עס איז פאַראַן אַ געהיימע אינערלעכע מאָראַל אין יעדן טאַט, זיי זיינען גרייט צו גלויבן, אַז „דאָס, וואָס עס איז שלעכט, איז זיך אַלע מאָל נוקם פאַר זיך". אַז עס איז פאַראַן „אַ געהיימער פאַרבאָרגענער יושר פון אַ אינערלעכער קאַטעגאָריע". אָפטמאָל דאַכט זיך, אַז די דאָזיקע העלדן דערנענטערן זיך צו די רעאַלע סיבות פונם מענטשלעכן

ליידן און זיינען כלומרשט גרייט אַריינצוקוקן אין דער וועלט פון יענע אויסערלעכע באַציִונגען, וואָס לויט פשיבישעווסקיס לערע, האָבן זיי אין אונזער צייט קיין שייכות ניט צו דער אינערלעכער דראַמע פון דעם מענטשנס נשמה. דערמאָנט זיך דעם שמועס פון די אַלטע אין די „געסט“: „דאָס לעבן גופא איז אַ פאַרברעכן, ווייל מען לעבט אויף דעם צווייטנס חשבון. מ׳האָט חתונה מיט אַ פרוי, וועגן וועלכער מען ווייס ניט, ווי זי האָט אײַך ליב. ס׳קומט אויף דער וועלט אַ קינד, וועלכע מען קען עס ניט ערציען“... צי איז טאַקע באמת אַזוי שווער צו באַזייטיקן די דאָזיקע סיבות, אַז מען מוז זיי צוגעבן אַ מיסטישע אָפּשטאַמונג? פאַרוואָס זאָלן די אַלטע ניט קיין טראַכט טאָן איבער דער פראַגע וועגן אַזאַ סדר פון לעבן, ווען איינער זאָל ניט לעבן אויפן חשבון פון דעם צווייטן, ווען אַלע זאָלן קענען ערציען די קינדער, און דעם מענטשנס לעבן זאָל ניט צעבראָכן ווערן דערפון, וואָס ביים אויסוואַל פון אַ פרוי האָט זיך דער מענטש טועה געווען אין אירע געפילן? אָבער פשיבישעווסקיס העלדן פאַרטראַכטן זיך ניט וועגן אַזעלכע פראַגן. קיין „פילאָסאָפיע“ וועט דאָ לויט זייער מיינונג ניט העלפן; זיי גלויבן ניט, אַז מען וואָלט פיל אומגליקן געקאָנט אויסמיידן מיט דער הילף פון מענטשנס שכל, מיט דער אָנשטרענגונג פונם מענטשנס ווילן. „אפשר איז אמת,—זאָגט קאָנראַד צו האַנקען („מוטער“),— אפשר איז אמת, אַז דער מענטש שמידט זיין גליק מיט די אייגענע הענט, אָבער דאָ קענען פאָרקומען שוועריקייטן, עס קאָנען אַריינדרינגען אין דער נשמה חשדים, וועלכע וועלן אָפּטויטן דאָס גליק“. רושטשיץ לאַכט פון די ליטעראַטן, וועלכע „שרייבן, שרייבן און שרייבן“, בשעת דאָס לעבן גייט איבער אַן אַנדער וועג, און די רעדער פונם גורל דריקן די מענטשן. „אָבער די ליטעראַטן זעען עס ניט. זיי דאַכט זיך, אַז מען קען עס אַלץ אַרומנעמען מיטן שכל,—און דאָס לעבן—דאָס איז אַן אונטערערדישער קאַנאַל, אין וועלכן עס איז נאָך ניט אַריינגעטראָטן קיין פוס פון אַ מענטשן; אַלע פאַקעלן לעשן זיך אין אים“.

ווי אַ פינסטערער אונטערערדישער קאַנאַל שטעלט זיך פאַר דאָס לעבן פאַר פשיבישעווסקיס העלדן, און עס דאַכט זיך זיי, אַז קיין מענטשנס פוס האָט נאָך אין אים ניט געטראָטן, און אַז אַלע פאַקעלן לעשן זיך אין אים. קוקט זיך אָבער צו זיי צו נעענטער, וועט איר זען, אַז אין זייער טראַגעדיע איז קיין מיסטישס ניטאָ, און קעגן זיין ווילן און זיינע כוונות באַלייכט דער אַווטאָר דאָס היינטיקע לעבן מיט אַ שיין פון העלע פאַקעלן, און לא די וואָס זיי לעשן זיך ניט, נאָר זיי אַנטפּלעקן אַפילו די פסיכיק פון דעם שוואַכן פאַר-

צווייפלטן טייל פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. „די בייזע פאָר=כוונות" פון די העכערע קרעפטן צעשיטן זיך אין אַ מאַסע טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען, די „סודות", ווייזט זיך אַרויס, זיינען קלאָרע רעאַלע קאָנפליקטן. נעמט רעמבאָווסקין דעם העלד פון „גאָלדענעם וואָל". זיין געבורט גופא איז אַרומגערינגלט מיט סוד און פאַרברעכן. אין רושטשטיצס ניט דערזאָגטע ווערטער, אין די ניט דייטלעכע רמזים, לאָזט זיך פילן, אַז דאָס אומגליק דערנענטערט זיך. רעמבאָווסקי מוז אומקומען, ווייל „דאָס" איז זיך נוקם ביזן זיבעטן דור, מחמת דאָס לעבן גופא איז פאַרברעכן און אַז. וו. אָבער קוקט זיך צו נעענטער צו רעמבאָווסקין, וועט איר דערזען, אַז די סיבות פון זיין אומגליק זיינען אין אים זעלבסט, און דערביי ניט אין דעם געהיימען מהות פון זיין נשמה, נאָר אין יענע פולקום קלאָרע אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער, וואָס זיינען אויסגעכאָוועט געוואָרן דורך אַ באַשטימטער סביבה. נאָכדעם, ווי ער האָט אין דער טעאָריע אָפּגעלייקנט די מאַכט פון די אויסערלעכע באַדינגונגען, האָט פשיבישעווסקי, ווי יעדער וואָרהאַפטיקער קינסטלער אומבאַוואוסטזיניק אויפגעדעקט זייער שרעקלעכע באַדייטונג, און די אינערלעכע טראַגעדיע פון דער פערזענלעכקייט פלעכט זיך ענג צוזאַמען מיט די דאָזיקע באַדינגונגען, און הינטער די געהיימע אייביקע קרעפטן מאָלן זיך אויס די געוויינלעכע טרויעריקע דראַמען פון אונזער ציַיטווייליקן קיום. רעמבאָווסקי מוז אומקומען קודם כל דערפאַר, וואָס ער איז אַ קראַנק קינד פון אַ קראַנקער צייט, וואָס ער קען ניט באַצוימען דעם אינסטינקט, וואָס ער האָט אָפּגעשטויסן פון זיך דעם שכל, אָדער ריכטיקער, וואָס ער האָט זיך צו שפעט געכאַפּט פאַר אים, פאַר דעם דאָזיקן שכל, וואָס וואָלט אים באַצייטנס געקאָנט דערקלערן די אמתע נאַטור פון זיין ליידנשאַפט צו לאַנצקאָן. רעמבאָווסקי — דאָס איז פאַלק, און זיין ליידנשאַפט צו לאַנצקין האָט געהאַט דעם זעלביקן כאַראַקטער. „פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן? — פרעגט רושטשיץ. „אַן אומזין. איך ווייס אַפילו ניט וואָס עס איז געשען און ווי איז עס געשען. מיך האָט באַהערשט עפּעס אַן אומזין. איך האָב זי געריסן, געשלעפּט נאָך זיך אין אָפּגרונט. זי האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, אָבער איך בין געווען אַזאַ שטאַרקער. ציַיטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שלעפּ זי פאַר די האָר, — איך שלעפּ זי מיט געוואַלד אין גהינום אַריין". אַזוי איז אויך אַנטשטאַנען פאַלקס ליבע צו איזען: „פּלוצלונג האָט אים אָנגעכאַפּט אַ פאַרלאַנג, גלייך ווי אַ וואָלקן וואָלט זיך פאַרצויגן איבער זיין מאַרך און פאַרפינסטערט אַלע זיינע רעיונות". און ער האָט ניט געוואוסט, צוליב וואָס האָט ער זי אַריינגעצויגן אין זיינע נעצן, צוליב וואָס

האָט ער זיך באַמיט צו זיין אַן אינטערעסאַנטער, צוליב וואָס האָט ער זי געצויגן אין תהום אַריין. כמעט ביי אַלע פּשיבישעווסקיס העלדן אַנטשטייט די ליידנשאַפט אויף אַזאַ אופן. זיי פילן, אַז זיי קייקלען זיך אַראָפּ אין אַן אָפּגרונט, און פונדעסטוועגן לאָזן זיי זיך ווייטער משוגע ווערן. רעמבאָווסקי איז צו זיך געקומען ערשט דאַן, ווען ער האָט ליב געקראָגן אירענען. ער מוז אומקומען ניט דערפאַר, וואָס זיין גורל ווערט באַשטימט דורך די פיינטלעכע געהיימע קרעפטן, נאָר מחמת דעם, וואָס ער האָט קולטיווירט זיין היסטעריע, מחמת ער האָט מיט גאָרנישט ניט אָפּגעשוואַכט די קראַפט פון זיינע ליידנשאַפטן, ניט ווייכער געמאַכט און ניט פאַראיידלט זיי מיט טעטיקייט, מיט גלויבן אין לעבן און אין דער מעגלעכקייט צו ווירקן אויפן לעבן.

די דאָזיקע מענטשן ווייסן גאָרנישט ניט אויסער דער ליידנשאַפט. זיי לאַכן אויס דאָס לעבן און זייער אייגענע זאַך אין לעבן. געזעלשאַפטלעכע, וויסנשאַפטלעכע און יעדער אַנדער טעטיקייט איז שוין פאַר זיי לאַנג געוואָרן אַ מין איבעריקער צוגאָב צום לעבן, אין בעסטן פאַל—אַ מיטל צו פאַרגעסן זיך אָן דעם פיין, וואָס די שפיל פון די ליידנשאַפטן האָט אַריינגעבראַכט צו זיי אין האַרצן. רושטשיק, וועלכער האָט אויסגעבויט אַ פּרעכטיקע קליניק, לאַכט פאַר זיך אין האַרץ אויס פון זיין אייגענער שאַפונג. ער איז איבערצייגט, אַז אין תוך איז ניט כדאי אונטערצושטיצן „דאָס נישטיקע לעבן פון די דאָזיקע אָרעמע לייט“, און אַז „ס׳וואָלט בעסער געווען אין שווערע פאַלן משלח צו זיין זיי אויף יענער וועלט“. זייער באַציִונג צו די ערשיינונגען פון דער אויסערלעכער וועלט ווערט באַשטימט דורך רושטשיצעס איראָנישער רעפּליק: „וואָס קאָן מען מאַכן! איינער האָט פערד, אַ צווייטער—אַ ווייב, אַ דריטער קינדער,— און איך—אַ קליניק. דאָס לעבן, זאָלט איר וויסן, קאָן מען אָנפילן נאָר מיט ספּאָרט... מיין ספּאָרט—דאָס איז די קליניק... אַ אינטערעסאַנטער און אַ לעכערלעכער ספּאָרט — איך האָב אַמאָל געזאַמלט פּאָסטמאַרקעס... פאַר איין Mauritius וואָלט איך געקענט איינאָרדענען עלעקטרישע באַלייכטונג אין דער קליניק“... פערד, משפחה, געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, פּאָסטמאַרקעס, Mauritius, — דאָס זיינען אַלץ באַגריפן פון איין קאַטעגאָריע ביי די דאָזיקע מענטשן. ביי זיי אין דער נשמה לעבט יענע פאַראַכטונג צום לעבן, צו דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און צו וויסנשאַפטלעכער קענטעניש, וועלכע איז דער באָדן, וואָס אויף אים האָט געקענט אויסוואַקסן די מאָדערניסטישע פּאָעזיע און פילאָסאָפיע. אין די דאָזיקע לעכערלעכע ווערטער פון דעם אַלטן סקעפּטיקער הערט זיך די מאַכטלאָזיקייט פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, די מידיקייט,

דאָס ניט־פאַרשטיין, וואו שטעקט די עכטע פאַרכאַפּנדיקע אַרבעט. די דאָזיקע מענטשן גלויבן ניט מער אין דעם, וואָס זיי טוען אינערס, אָן התלהבות, אָן חשק. זיי זיינען געדעכט, ווען זיי פילן ניט מער קיין זינען אין אַזאַ ניט־ביטיקער טעטיקייט. זייער אומגלויבן — דאָס איז אַ סימפּטאָם פון נאָענטן חורבן פון אַלע יסודות, אויף וועלכע די אַלטע געזעלשאַפט האָט זיך גע־האַלטן. און די שפּראָצונגען פון אַ ניי לעבן זעען זיי ניט. פאַר דערפאַר זיי־נען זיי צו ווייניק פעיק אַריינצוטראַכטן זיך אין לעבן. פאַרבלייבט זיי נאָר די קנעכטישע אונטערטעניקייט פאַר זייער אינסטינקט און פאַר זייערע ליידנ־שאַפטן, די אומרויִקע צעמישטקייט און די מורא פאַר די צופעליקייטן פון דעם אומפאַרשטענדלעכן לעבן. און רעמבאָווסקי לעבט אויך מיט דעם זעלביקן לעבן, וואָס רושטשיק. אמת, ער סטאַרעט זיך פאַרבעסערן די קליניק, ער איז צוליב דעם אַפילו געפאָרן קיין אויסלאַנד. ער רעדט יועגן דער עטיק פון מעדיצין, וועגן וויסנשאַפט. דאָס זיינען פאַרביילויפנדיקע באַמערקונגען. דאָס אַלץ איז אים ניט מציל, ציט אַפילו ניט אָפּ זיין געדאַנק פון דער שפּיל פון די ליידנשאַפטן, וועלכע ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער גאַנצער נשמה. און ער וואָלט געקאָנט צוגעבן צו רושטשיצעס ווערטער: „איינער פאַרגיסט אַ וואַרעם מיט בראַנפן, — דאָס איז אַ גוטער מיטל, אַ צווייטער טוט זיך אַ מעשה — דאָס איז זייער אַ זיכערער מיטל, אַ דריטער בויט שפּיטעלער"...

אָבער רעמבאָווסקי דאַרף אומקומען ניט בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געקענט קעמפן קעגן די ליידנשאַפטן און אינסטינקטן, ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער בעהערט צו יענער סביבה, אין וועלכער מען גלויבט ניט מער אין לעבן און אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, — צו דער סביבה, וועלכע איז אויף צילנאָזן קיום און לאַנגזאַמען טויט פאַרמשפּט דורך דעם גאַנג פון דער גע־שיכטע. רעמבאָווסקי דאַרף אומקומען דערפאַר, ווייל אַפילו אין זיין פּערזענ־לעכן לעבן האָט ער ניט גענומען אין אַכט די שרעקלעכע באַדייטונג פון די אויסערלעכע באַדינגונגען. ווען ער וואָלט זיך ניט אַזוי מאַכטלאָז אָפּגעגעבן אין די הענט פון פאָרגעפילן און געהיימע כוחות, ווען ער וואָלט מער געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון דער אַקטיווער ווירקונג פון דעם מענטשלעכן ווילן אויפן גורל, —וואָלט ער זיך געקענט אַריינטראַכטן אין זיין לאַגע, און, אפשר, וואָלט ער זיך איבערציייגט, אַז די קאַטאַסטראָפע אין גאָר ניט געווען אַזוי אומ־פאַרמיידלעך.

ווען ער וואָלט בעקענט טראַכטן און ביישטיין אַנטקעגן דעם דראַנג פון זיינע אינסטינקטן, וואָלט אים אפשר געלונגען צו באַזייטיקן דאָס אומגליק.

„פון דער רגע אָן, וואָס איך בין אין דיין הויז,— זאָגט אירען,— ביסטו אַלע מאָל אַ חושכדיקער, אַן אומפריינדלעכער, גייסט אַרום און קוקסט נאָך יעדן טריט מיינעם. דו אייפערסט מיך צו אַלץ, טייטשט אויף טויזנטערליי אופנים אויס יעדן וואָרט מיינעם". ער האָט איר פאַרסמט די רגעס פון פרייד אויפן באַל, וואָרעם זי האָט געוואוסט, סאַר אַ שטורעם עס האָט געשטורעמט אין זיין נשמה, ווען זי האָט געטאַנצט. ווען זי האָט זיך געגליטשט אויף די ליזשבעס, האָט ער זיך נאָך דעם פאַרשפּאַרט אין זיין לאַבאָראַטאָריע און האָט מיט איר קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. זי וואָלט גיכער מסכים זיין אויף קלעפּ, איידער אויף דעם דאָזיקן שוויגן. זי האָט געפילט, אַז אין אים לעבט דער דעספּאָטיזם, דער אינסטינקט פון באַלעבאָס, וועלכער קאָן ניט איינגיין אויף קיין פרייד, אויף קיין רגע פון גליק, וואָס זי ערלויבט זיך איבערצולעבן אויסער אים און אָן אים. דאָס איז דער אייפערזוכט פון אַ קנעכטבאַזיצער, וועלכער באַגרענעצט זיך ווייט ניט מיט דער פאָדערונג פון געטריישאַפט אין דעם געוויינלעכן זינען פון דעם וואָרט; דאָס איז דער אייפערזוכט, וועלכער ווערט געשטילט נאָר דורך פולקומען ביטול פון דעם צווייטנס פערזענלעכקייט. „איך ליב דיך,— זאָגט אירען,— אָבער דו פייניקסט מיך, ווילסט אָפּטויטן מיין פרילינג, ווילסט דערשטיקן מיין פריילעכקייט. איך ווייס, אַז דו האָסט מיך פיינט, ווען איך בין פריילעך... האָסט ניט ליב, אַז איך טאַנץ, האָסט ניט ליב, אַז איך לאַך". ער איז מיט צען יאָר עלטער פאַר איר. „אַך, גוסטאַוו, גוסטאַוו, זון, ליכטיקייט, מוזיק, טענץ!..." — רייסט זיך אַ יאָמערדיקער געשריי פון דער טיפעניש פון איר נשמה. און ער, ווי אַן אייפערזיכטיקער זקן, האָט צו איר ניט דער־לאָזן די דאָזיקע זון און ליכטיקייט. ווער ווייס, וואָס וואָלטן געווען פאַר רע־זולטאַטן, ווען ער וואָלט געשאַפן אַ פרייען אַרויסגאַנג פאַר איר יוגנט, פאַר איר דאָרשט נאָך פריילעכקייט און גליק?

פּשיבישעווסקי האָט פון דער דראַמע באַשאַפן עפּעס אַ שרעקלעך מיס־טיש בילד. ער גלויבט אין דער ניט־ערדישער אָפּשטאַמונג פון דער ליבע. זיין אייגענע שטים הערט זיך אין די דאָזיקע רעמבאָוסקיס ווערטער, וואָס ער זאָגט צו אירענען: „איך קאָן דיר ניט מאַכן קיין פאָרוואורף: דו האָסט זיך געפירט אַזוי, אַז מען קאָן צו דיר גאָרנישט ניט האָבן. אָבער אין מיין נשמה איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס געטרויט דיר ניט. דאָס איז אַ צווייטע נשמה, אַ פאַרבאָרגענע, דאָס איז די נשמה אויף יענער זייט פון באַוואוסטזיין, זי ווייס ניט פון קיין רו, זי פייניקט זיך, שליידערט זיך פון איין זייט צו דער צווייטער און האָט מורא, אַז זי קאָן דיך פאַרלירן. יאָ, איך פייניק מיך,

איך מאַטער מיך, וואָרעם איך קאָן מיך מיט דיר ניט צוזאַמענגיסן, איך קאָן דיך ניט באַהערשן אינגאַנצן, וואָרעם עפּעס אַ קול זאָגט מיר, אַז איך בין נאָר אַ מיטן־סטאַציע אויף דיין וועג". דער אַוטאָר פון "גאָלדענעם וואָל" איז איבערצייגט, אַז די דאָזיקע אינערלעכע שטים, אַז די דאָזיקע "נשמה אויף יענער זייט באַוואוסטזיין" זאָגט אַרויס מיסטישע אמתן, אַז פּשעסלאַווסקי איז דער העלד, וואָס איז אירענען "אַראָפּגעשיקט פון הימל", אַז אין "דער פמליא של מעלה איז באַשטימט געוואָרן" די פאַראייניקונג פון די דאָזיקע צוויי נפשות, וועלכע גייען איינער צו דעם צווייטן אַנטקעגן דורך אַלערליי מעגלעכע שטערונגען. אָבער פאַר יעדן מענטשן אָן פאָראורטיילן איז אין רעמבאָווסקיס און אירענעס טראַגעדיע קיין שום מיסטישעס ניטאָ. כּדי צו דערקלערן רעמבאָווסקיס אייפערזיכטיקייט און אומרויִקייט איז ניט נייטיק אַריבערצוטרעטן אויף יענער זייט באַוואוסטזיין. אויך דער שכל און דער באַוואוסטזיין וואָלטן אים דאָס אייגענע געקאָנט זאָגן. אָפּגעטאָן דעם פעלער, חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, וואָס איז געווען מיט צען יאָר ייִנגער פאַר אים, האָט ער נאָך צוגעאיילט דעם טראַגישן סוף מיט זיין אומגעלומפּערטער באַציִונג צו איר. אויב אים האָט נעפּייניקט די אייפערזיכטיקע אומרויִקייט, האָט עס נאָר דערוויזן, אַז רעמבאָווסקי האָט אין דער טיפעניש פון זיין נשמה אָנערקענט די אומגעלומפּערטקייט פון זיין שריט און האָט ניט געקענט ניט פאָראויסזען זיינע רעזולטאַטן. אויך אין פּשעסלאַווסקיס ערשיינען איז קיין מיסטישעס ניט געווען. עס האָט אירענען אויסגעוויזן ווי די פאַרקערפּערונג פון יענער פרייד, ליכטיקייט און וון, וואָס דער מאַן האָט איר ניט געגעבן. אַ פעלער איז באַגאַנגען רעמבאָווסקי, אַ פעלער איז אויך פּשעסלאַווסקי באַגאַנגען. ער האָט אַמאָל פאַרלאָזן אירענען, ווייל "ער האָט געוואָלט שטאַרקער ווערן אין איינזאַמקייט, ווערן אַ גרויסער, באַהערשן אַלץ, ערָאָבערן רום און עשירות". ווען פּשעסלאַווסקי וואָלט פריער חתונה געהאַט מיט אירענען, וואָלט קיין קאַטאַסטראָפע ניט געווען. רעמבאָווסקי וואָלט זיך ניט דערשאָסן, און די ליבע פון פּשעסלאַווסקי מיט אירענען וואָלט ניט געווען פאַרסמט מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז זיי זיינען שולדיק אין דעם טויט פון דעם מענטשן, וועלכן זיי האָבן ביידע ליב געהאַט.

די דראַמע האָט זיך אָפּגעשפּילט ניט אינערהאַלב, נאָר אויסערהאַלב דער פּערזענלעכקייט. ס'איז אַ וואונדער, ווי דער וואָרהאַפטיקער קינסטלער איז ניט בכּוח אַוועקצוגיין פון יענע אויסערלעכע באַדינגונגען, פון וועלכע ער וויל אַנטלויפן; ווי מיט זיין ליבע צו סוד, מיט זיין שנאה צו די לאָגישע אויספירן פונם "פלאַכן" מוח — קאָן ער דעם לעזער ניט געבן יענעם מאַטעריאַל,

וואָס דערקלערט אויסגעצייכנט דעם גאַנג פון דער דראַמע דווקא מצד דעם שטאַנדפּונקט פונם דאָזיקן מאַרך. אויב עס איז שוין יאָ נייטיק געווען צו איזאָלירן די אינערלעכע דראַמע פון דער אויסערלעכער וועלט, אויב דער אַווטאָר האָט שוין באמת געוואָלט באַווייזן, אַז קאַטאַסטראָפעס קומען פאַר אין דער נשמה פונם הייַנטיקן מענטשן אַחוץ די אויסערלעכע לאַגעס, אין וועלכע ער פאַלט אַריין, דעמאָלט וואָלט מען רעמבאָווסקין מיט אירענען געדאַרפט אַוועקשטעלן אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז די טראַגעדיע, וואָס שפּילט זיך אָפּ, זאָל ניט געפינען קיין דערקלערונג אין די רעאַלע סיבות, וועלכע האָבן די קאַטאַסטראָפע אַרויסגערופן. אָבער פשיבישעווסקי איז אַ קינסטלער, און דערביי אַ גרויסער קינסטלער, וועלכער באַזיצט דעם חוש פון אמת, און דער רעאַלער אמת פון אַן עכט קינסטלעריש ווערק איז אַלע מאָל העכער פאַר די טעאָרעטישע אָנשטרענגונגען פון זיין שעפער. און אויב דער אַווטאָר פון „גאָלדענעם וואָל" האָט אויז גאָרנישט אויפגעדעקט אין דער טבע פון דער העכערער פיינטלעכער קראַפט, האָט ער דאָך באַלויכטן די פינסטערע ווינקלען אין דער נשמה פון דער הייַנטיקער זיך שליידערנדיקער געזעלשאַפט.

די העלדן פון זיינע דראַמען—דאָס זיינען אויסגעצייכנטע פאָטאָגראַפיעס פון אַ באַשטימטן ווינקל פון דער הייַנטיקער צייט. דאָס זיינען מענטשן, וואָס געפינען ניט קיין אַנדער ספערע, וואו צו פטרן זייערע גייסטיקע קרעפטן, אויסער דער ספערע פון געשלעכטלעכע באַציִונגען; דאָס זיינען ווירטואָזן פון ליבע-ליידן, פּריווּוילִיקע העלדן און מאַרטירער פון ליבע. זיי בילדן עפּעס אַ מין אָפּגעשלאָסענע קאַסטע, וואָס אירע באַגריפן און געפילן זיינען ניט צוטריטלעך פאַר דער איבעריקער מענטשהייט. זיי אייפערן, האַסן, ליבן און טויטן איינער דעם צווייטן, און דערביי זיינען זיי חברים פון אומגליק, קרבנות פון דער זעלביקער מאַכט. און אַמאָל קוקן מיט אומעטיקע און מיטפילנדיקע אויגן איינע אויף די אַנדערע אפילו שונאים, ווי דער אויסגעמאַטערטער און פאַרפייניקטער זעלנער דערלאַנגט וואַסער דעם פאַרוואונדעטן שונא, און פילט אין יענעמס ליידן זיין אייגענעם פיין. „איך שטיי מיט ענווה פאַר אַזאַ אומגליק", זאָגט לאָנצקי, ווען ער דערוויסט זיך וועגן רעמבאָווסקיס משפחה-דראַמע, דערזעלביקער לאָנצקי, וועלכער איז אַ רגע פריִער, מיט אַ געזיכט אַן אויסגעקרימטן פון כעס, גרייט געווען אַ וואָרף צו טאָן זיך אויף זיין קעגנער. דאָס איז אַ קאַסטע, אַ קאַסטע פון מענטשן, וואָס פילן אַנדערש, פון מענטשן, ביי וועלכע עס איז פון רצון גאָרנישט ניט געבליבן, און וועלכע טראָגן זיך אַרום, ווי אַ שוואַך שיפל, לויט דעם קאַפּריז פון זייערע שטורעמדיקע ליידנשאַפטן;

מענטשן, וועלכע באַזיצן ניט אפילו אין דער קלענסטער מאָס די פעיִקייט איינצוהאַלטן זייערע געפילן, זיינען פאַראורטיילט אויף אומגליק. דאָס אומגליק היט זיי אויף יעדן טריט, און אין דעם איז קיין שום מיסטיש ניטאָ. ווער עס גייט שטענדיק אַרום איבער דעם אָפּגרונט, און וויל דערביי ניט אַ קוק טאָן צו זיך אונטער די פיס, יענער קאָן ניט אַריינפאַלן אין אים נאָר אין אַ באַזונדער גליקלעכן צופאַל. מענטשן, וועלכע באַזיצן ניט און ווילן ניט באַזיצן אין דער פרימיטיווסטער מאָס די מתנה פון פאָראויסזען און פאָרזיכטיקייט, קאָנען אויסמיידן אומגליק נאָר ביי אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן. פשיבישעווסקיס העלדן — דאָס איז די העכערע פאַרקערפּערונג פון יענער מאַכטלאָזיקייט, וועלכע פאַרוואַנדלט זיי, די הייַנטיקע מענטשן פון אַ באַוואוסטן טיפּ, אין הילפלאָזע נעוראַסטעניקער... פאַר זיי איז דאָס לעבן — אַ פאַרפלאָנטערטער לאַבירינט פון נעצן און, איבערצייגטע אין דער פרוכטלאָזיקייט פון די מענטשלעכע אָנשטרענגונגען, פּרובירן זיי אפילו ניט אַרומצוגיין די געפאַרן, וואָס שטייען זיי אין וועג. און זיי זיינען גערעכט אין דער דאָזיקער גלייכגילטיקייט, אין דעם דאָזיקן פאַטאַליזם. און זיי וועלן סיי ווי ניט אויסמיידן קיין קאַטאַסטראָפע. זיי וועלן זי אום יעדן פּרייז סיי־ווי באַשאַפן. ווי וואויל עס זאָלן ניט געשאַפן ווערן די אומשטענדן פאַר אַ ליבע אָן וואָלקנס און פאַר אַ גליקלעכן לעבן, וועלן זיי פאָרט געפינען אַ יסוד פאַר ליידן, זיי וועלן אויסטראַכטן אַ צרה, זיי וועלן קיינמאָל ניט פאַרטויבן דעם אומעט און דעם אומרו, וואָס לעבן אין זיי. זיי האָבן ניט, וואו אַהינצוטאָן זייערע קרעפטן, און זיי וועלן אין די ליבע־באַציִונגען אויסזוכן ענדלאָזע פּעדימער, וואָס פונאַנדערפלאָנטערנדיק זיי, וועלן זיי אויסברענגען זייערע כוחות.

אין דער פּיעסע „גליק" האָט מיליצקי אויפגעהערט ליב צו האָבן איין פרוי און האָט ליב געקראָגן אַ צווייטע. ער וויל ניט העלענען מאַכן אומגליקלעך, און מתוודה זייענדיק זיך פאַר איר, איז ער גרייט צו פאַרבלייבן לעבן מיט איר. פאַרשטייט זיך אַליין פון זיך, אַז העלענע קומט צו אַריין אין גרימצאָרן פון אַזאַ פאָרשלאָג. „איך פאַרשטיי ניט, וואָס ווייסטו", — זאָגט מיליצקי, — איך וויל אַוועקגיין — ווייסטו, איך וויל בלייבן — ווייסטו ווידער". און העלענע דאַרף אומקומען, מחמת זי וואָלט קיינמאָל ניט איינגעגאַנגען אויף אַזאַ אויסגעמאָנצלטער ליבע, און קיין אַנדערע איז ביי מיליצקין אין דער נשמה ניטאָ. אָבער עס מוזן אומקומען אויך מיליצקי און אָלגע, זיין נייע געליבטע, מחמת אָלגע האָט ביז אים ליב געהאַט אַ פולע מאַנסביל, און זיין אינסטינקט פון אַ זכר אַ באַלעבאָס וועט קיינמאָל ניט פאַרטויבט ווערן דורך דער שטים פון שׂכל,

ער האָט ליב אָלגען, ער האָט איר מוחל געווען איר עבר. און זי האָט אים אויך אויפריכטיק ליב. אָבער די דאָזיקע מחילה איז געגעבן געוואָרן אין אַ רגע, ווען דאָס איבערגעזעטיקסטע האַרץ האָט געפאָדערט עפעס אַן ענדערונג. ווי נאָר מיליצקי האָט דערגרייכט זיין ציל, האָט די נשמה אָנגעהויבן פאָדערן די געוויינלעכע שפיל, האָט זיך אים פאַרגעלוסט נייע אויפרעגונגען. פאַר די דאָזיקע מענטשן איז ניט מעגלעך קיין פרידלעכע שטילע ליבע. ניט דערפאַר, וואָס ליבע און טויט איז גלייך. נאָר דערפאַר וואָס זייער אינערלעכע וועלט וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מדבר, ווען זיי זאָלן זי ניט אָנפילן מיט די דאָזיקע אויסגעטראַכטע ליידן. זיי זוכן דראַמען, און אין דעם זינען שפילן זיך די דראַמען ווירקלעך אָפ אין זיי, און ניט אין דער אויסערלעכער וועלט. „דאָס זיינען אַלטע טעאָריעס וועגן ריינקייט, וועגן די אינסטינקטן פונם זכר“... זאָגט מיליצקי צו זדזשאַרסקין. „פאַר מיר וועט אָלגע בלייבן אַ ריינע און אַ יונגפרוילעכע, הגם זי האָט שוין געהערט צו אַן אַנדערן“. אָבער דאָס זיינען נאָר ווערטער. אין דער טיפעניש פון דער נשמה ליידט מיליצקי יעדן מאָל, ווען ער דערמאָנט זיך אָן איר עבר. אומעטום זוכט ער אָנווייזונגען אויף איר עבר, און זדזשאַרסקין איז זייער לייכט אָפצוסמען זיין גליק. זדזשאַרסקי איז מנצח אין זיין טייוולשער אַרבעט ניט דערפאַר, וואָס מיליצקי קאָן אים ניט פאַרטרייבן. זדזשאַרסקי איז אים געווען נייטיק, ווי אַן אויפרעגונגס-מיטל, ווי דער קוואַל פון יענע ליידן, וועלכע עס פאָדערט די פוסטע נשמה, וועלכע איז ניט פעיִק צו העכערע ליידן. „דו קאָנסט וועגן קיין אַנדער זאַך ניט ריידן. פרעגסט מיך שטענדיק אויס, דו דרייסט זיך אַרום מיר, ווי אַ קאַץ אַרום הייסן געקעכץ. דו מיינסט, אַז איך ווייס וועגן איר דאָס, וואָס דו ווייסט ניט, ווילסט מיך כאַפן אומגעריכט“... מיליצקי איז ווירקלעך אַזעלכער. ווי זדזשאַרסקי האָט ריכטיק באַמערקט, געהערט מיליצקי צו אַזעלכע מענטשן, וואָס נאַרן זיך אַליין. דער פראָגרעס איז פאַר זיי אַ אידעאַל, וואָס אין זיין נאָמען דערשטיקן זיי די „אַלטמאָדישע מאָראַל“. די דאָזיקע „אַלטמאָדישע מאָראַל“, ד. ה. די מאָראַל, וועלכע דערלאָזט עכטע ליבע נאָר בנוגע אַן אומשולדיק מיידל, רופט זדזשאַרסקי אָן „דער איידלסטער אינסטינקט פון האַרצן“. און זדזשאַרסקי, וועלכער האָט אַליין ליב אָלגען, פרייט זיך, וואָס דער דאָזיקער „איידעלע אינסטינקט“ לעבט אין מיליצקיס נשמה, און וואָס דער דאָזיקער אינסטינקט וועט זיין דער בעסטער פאַרבינדעטער פאַר זדזשאַרסקין, וועלכער וועט דורך אים קאָנען אָפסמען דאָס גליק פון זיין קאָנקורענט, דערמיט וואָס ער וועט שטענדיק דערמאָנען אָן אָלגעס פאַרגאַנגענהייט. ער פרייט זיך, וואָס מיליצקיס האַרץ איז פול מיטן

דאָזיקן „אַלטוואַרג", וואָס ער שעמט זיך פאַר דעם, אָבער ער וועט פון דעם קיינמאָל ניט באַפרייען זיך. „די שענסטע טעאָריעס צעגייען ווי אַ רויך, ווען אין האַרצן באַזעצט זיך אַ וואָרעם, וואָס נאָגט עס טאָג און נאַכט". דאָס בעטיפע קענען דאָס האַרץ פון דעם מענטשן פון אַ געוויסער סביבה האָט געהאָלפן פשיבישעווסקין צו באַלייכטן די דאָזיקע סביבה מיט העלער שיין, צו באַשאַפן נייע פסיכישע מעגלעכקייטן, אַ בליק צו טאָן אויף דער וועלט מיט נייע אויגן. אָבער, ווי אַלע מאָדערניסטן, וועלכע האָבן אויפן אונטערגאַנג פון דער גרויסער וועלט דערזען די איינציקע שיין, וועלכע באַלייכט די ערד, מאַכט פשיבישעווסקי דעמזעלביקן טעות, וואָס זיינע חברים, און בינדט דער מענטשהייט אָן דאָס, וואָס איז די אייגנשאַפט פון אַ באַשטימטער סביבה. „איך וואָלט וועלן זיין אַ מאַנסביל, — זאָגט זדזשאַרסקי צו העלענען, — וועלכער זאָל געבן דעם פאָרצוג אַ פרוי, וועלכע גייט אַריבער פון איין האַנט אין דער צווייטער, לגבי אַ פרוי אַזאַ ריינער און לויטערער ווי איר". ווי אַלע מאָל, איז זדזשאַרסקי גערעכט, כּל-זמן ער האָט פאַרן אויג די מאַנסביל פון זיין קרייז. ווען ער וואָלט געהאַט די פעיִקייט אַ בליק צו טאָן מחוץ די גרענעצן פון דעם פאַרצויבערטן קרייז, אין וועלכן ער דרייט זיך אַרום, וואָלט ער געוויס דערזען ניט איין מאַנסביל, וועלכער האָט זיך שוין באַפרייט פון דער שענדלעכער באַדערפעניש צו גריבלען זיך אין דעם עבר פון דער פרוי, וועלכע האָט אים געשענקט איר ליבע.

דער טראַגיזם פון דער לאַגע ביי פשיבישעווסקיס העלדן—דאָס איז די טראַגעדיע פונם מאָדערניזם בכלל, די אַלגעמיינע טראַגעדיע פון יעדער וועלטאָנשויונג, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין דער צייט פון קריזיסן, אין די מאָמענטן פון איבערברוך, ווען עס פאַלן די באַגריפן פון דער אַלטער וועלט, אָבער אין די הערצער פון די לעצטע אָפּשטאַמונגען פון דער דאָזיקער וועלט לעבן זיי נאָך, און פאַרשאַפן זיי אומבאַשרייבלעכע ליידן. אפשר דווקא דערמיט דערקלערט זיך, פאַרוואָס ווייזן אייניקע פשיבישעווסקיס דראַמען אויס ווי געמאַכטע און געקינצלטע:—אַלס אַזוינע אַטאַוויסטישע ווייזן אויס די געפילן און די גלויבנס פון אַנדערע העלדן זיינע. מען קאָן אין דער דראַמע „די מוטער" פאַרשטיין סיי באָראָווסקיס שנאה צו קאָנראַדן, וועלכער שטייט אים אין וועג צו זיין גליק מיט וואַנדען, סיי. דעם שנאה פון דעם זון צו באָראָווסקין און צו דער מוטער, וועלכע זיינען געווען די סיבה פון זיין פאָטערס זעלבסטמאָרד. מען קאָן זיך נאָך אויך דערקלערן דעם פאַקט, וואָס וואַנדע, וועלכע האָט ליב געקראָגן באָראָווסקין, האָט צוליב עפּעס ערצויגן דעם זון אין יראת-הכבו-

ריקער ליבע צו דעם זכר פון זיין פאָטער. אָבער ווי זאָל מען דערקלערן די אימה, וואָס כאַפּט אָן אַלע העלדן אָן אויסנאַם, ווען זיי טועָן נאָר אַ טראַכט, אַז באַראָוווסקיס טאָכטער האַנקע קאָן ווערן קאָנראַדס פרוי. האַנקע און קאָנראַד האָבן איינע די אַנדערע ליב מיט דער ריינסטער און פייערלעכסטער ליבע. „איך האָב קיינמאָל גאָרנישט געזען אויסער דיר", זאָגט האַנקע צו קאָנראַדן. „איך האָב זי מיט דער גאַנצער נשמה ליב געקראָגן ניט נעכטן, ניט היינט, — זאָגט קאָנראַד צו זיין חבר, — איך האָב מיך מיט איר צונויפגעלעבט פון קינדוויים אָן, זי האָט אייביק געלעבט אין מיינע געדאַנקען". וואָס פאַר אַן עבר עס זאָל ניט זיין ביי באַראָוווסקין און וואַנדען, איז דאָך לחלוטין אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס זאָל ער שטיין ווי אַ מחיצה צווישן די צוויי ריינע יונגעלייט. אפילו מאָנטעקי און קאַפּילעטי האָבן סוף-כל-סוף איינע די אַנדערע דערלאַנגט די הענט איבער דעם קבר פון ראָמעאָ און דזשוליעטע. אָבער דאָס איז געווען אין דעם מיטלאַלטער, ניט אין XX י"ה. „איך האָב ליב האַנקען, זאָגט קאָנראַד, אָבער אַז איך וועל מיט איר חתונה האָבן קאָן איך אי זיך, אי זי פאַרפייניקן דערמיט, וואָס איר פאָטער איז די סיבה פון מיין פאָטערס שרעקלעכן טויט". „צי דען פאַרשטייט איר ניט גאָר די אומגעלומפּערטקייט דערפון? — זאָגט קאָנראַדס פריינד צו באַראָוווסקין, — אייער טאָכטער קאָן ווערן קאָנראַדס פרוי, וואָס זיין פאָטער האָט איר דערפירט צום טויט". און אַלע חזרן איבער באָכאַנאַנד דיזעלבע טענה. „דאָס זאָל קיינמאָל ניט געשען, — זאָגט וואַנדע אין אימה. „קיינמאָל ניט", זאָגט איר נאָך באַראָוווסקי. און האַנקע, זייענדיק, אפנים, איבערצייגט ווי אַלע, וואַרפט זיך אַריין אין פייער, ווען זי דערוויסט זיך אויף זיכער, אַז קאָנראַדס חשד איז ניט קיין אומזיסטער. און ניט נאָר די אימה פאַר דער לייכט-אויפפלאַקערנדיקער אויפריכטיקייט פון די יונגעלייט וואַרפט אויף וואַנדען אָן אַ מורא. זי טראַכט מיט שרעק וועגן דער מעגלעכקייט פון דעם דאָזיקן שידוך און שטעלט זיך אים פאָר שיר ניט ווי אַ מין שידוך צווישן ברודער און שוועסטער אפילו דאַן, ווען זי האַלט נאָך פאַר מעגלעך צו פאַרבאָרגן דעם סוד פונם עבר. די ווילנלאָזע מענטשן זיינען ניט ביכולת אַנטקעגנצושטעלן זיך קעגן די אינסטינקטן, און די ירושה פונם עבר, די לידער פון אַמאָליקע ווייטע צייטן קלינגען אין זייער נשמה. די געלוסטונגען און די אינסטינקטן, די זריעה-קערנער, וואָס פאַרשיידענע צייטן האָבן געזייט אין זייערע נשמות, וואַקסן זיך פונאַנדער אין מעכטיקע וואָרצלען אויף דעם פוילן באָדן, וואָס האָט ניט קיין פעסטקייט, און זיי גראָבן פונאַנדער דעמזעלביקן באָדן און פאַרוואַנדלען די נשמה אין אַ גאַנצן גהינום פון ליידן.

„פאַר דעם מאָרד פון עפּעס אַ מיטגליד פון דער משפּחה ראָטן אין קאָרסיקע גאַנצע משפּחות אויס איינע די אַנדערע"—זאָגט קאָנראַד און דער אינסטינקט פון בלוט-נקמה, וועלכער איז, דאַכט זיך, לאַנג פאַרגעסן געוואָרן, דער אינסטינקט, וועלכער איז באַשאַפן ביי אַנדערע רעאַלע באַדינגונגען, איז פלוצלונג געבליבן הענגען ווי אַ מין אומאויסמיידלעכער פאַטום איבער דעם מענטשן פון XX י"ה.

אויף די פּרויען פון דער דזשיקער אייגנאַרטיקער וועלט זייגען באַזונדערע. דאָ הערשן יענע פּרויען, וועלכע קאָנען די דזשיקע פּוסטעפּאַסנע קרעפטן געבן אַן אויסגאַנג, קאָנען אונטערהאַלטן די שפּיל פון די גייסטיקע קרעפטן, געבן דעם מאַנסביל אַ אילוזיע פון קאַמף און טויט. דאַכט זיך, אַז קיין זאַך וואָלט ניט באַדאַרפט פאַרסמען דאָס גליק פון טאַדעושן („שניי"). ער האָט געפונען מנוחה און שלוה. איידער ער האָט דערקענט בראָנקען, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט שוין ניט קיין כּוח פאַרן לעבן, אַז דאָס האַרץ איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן ווי אַ שטיין, אַז די נשמה איז אינגאַנצן אויסגעוויסטאָגט. ער האָט די פולע מעגלעכקייט צו זיין גליקלעך, ער האָט געזעלשאַפט און עשירות, האָט אַ ליבנדע און אַ געליבטע פרוי. ער אַליין גלויבט אין זיין גליק, אָבער דאָס איז אַלץ אַ מיראַזש. אין דער אמתן לעבט ער מיט דעם פאַרגעפיל פון אַ שטורעם; זיין נשמה בענקט, הגם ער פאַרשטייט עס ניט. אין דער אמתן שטרעבט זיין האַרץ צו אַן אַנדער פרוי. און ווי נאָר אַזאַ פרוי באַווייזט זיך, אַזוי צעפאַלט ווי אַ קאָרטנשטיבל זיין היים, וואָס ער האָט געבויט מיט אַזאַ מי, מיט אַזאַ פלייס, און וואָס ער האָט זי אָנגערופן זיין גליק. זיין אומעט, יענער אומעט, וועלכן ער האָט אַליין ניט געוואוסט, נאָר וואָס האָט פונדעסטוועגן געזונגען אין זיין האַרצן און געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט קאָנען אַרויסווייזן זיין מאַכט איבער אים,—דער דזשיקער אומעט האָט נאָר בגנבה אַרויסגעקוקט פון דער אויסשטאַטונג פון זיין קאַבינעט, וועלכער איז געווען קאָפּירט פון עוואַס קאַבינעט, פון יענער צעמישטקייט, וואָס פלעגט זיך באַווייזן אויף זיין געזיכט, ווען מען פלעגט פאַר אים דערמאָנען דעם נאָמען פון זיין פריערדיקער געליבטער. קאָנראַד איז אַן אומרויִקע נאַטור. פאַר עוואַן איז ניט נייטיק געווען קיין איבעריקער שכל, כּדי צו פאַרשטיין, אַז אים איז „ענג אין דעם דזשיקן שטילן וואַרעמען ווינקל". די טראַגעדיע האָט געשטעקט אין זיין אייגענער נשמה. זיין גליק מיט בראָנקען איז געווען אַ פיקציע. ער האָט געוואַרט אויף אַזאַ פרוי ווי עווא. און כאָטש עווא רופט אים אָן „דער לעצטער פון יענעם גרויסן שיינעם מין קאָנקוויסטאַדאָרן, פאַר וועלכע עס איז צו קליין גע-

וועגן דער דזשיקער נאַרישער ווינקל, וועלכער טראָגט דעם נאָמען „איירעפּע"—דאָך דאַרף מען מודה זיין, אַז אין דער דראַמע גופא ווייזן זיך טאַדעאושעס עראָבערישע אינסטינקטן אַרויס אין אַ באַגרענעצטער סביבה. „אַלץ רייסט זיך אין דיר צו גיין אויף גוואַלד, איינגעמען וועלטן", זאָגט עווא. אָבער אין דער אמתן האָט אים געקלעקט מוט נאָר אויף אַרויסצורייסן זיך צייטווייליק פון פון די נעגל פון דער ליידנשאַפט צו עוואַן, חתונה האָבן מיט בראָנקען און אומקערן זיך צו עוואַן, ווי נאָר זי וועט עס אַ פּאָדער טאָן. און דאָ איז קיין ספק ניטאָ, אַז מיט וואָס מויל כאַראַקטעריזירט טאַדעאושן דער אַוטאָר גופא. טאַדעאוש—דאָס איז אַ נייער מין שעפערישע נאַטור, וועלכע זוכט אָנ-ווענדונג פאַר אירע קרעפטן, אַ נייער מין אינדיווידואַליסט, וועלכער קאָן ניט שלום מאַכן מיט דעם באַלעבאַטישן וואוילשטאַנד. און, ווי ביי דעם גרעסטן טייל פון פשיבישעווסקיס העלדן, פאַרענדיקט זיך די שטרעבונג אַרויסצורייסן זיך פון די קייטן פון דער באַלעבאַטעשאַפט מיט אַ ליבע-שפּיל מיט אַ כרוי, וועלכע האָט געקאָנט ווירקן אויף דעם דמיון פון דעם איבערגעזעטיקטן מענטשן. איר איז געלונגען צו געבן אַרבעט זיין האַרצן.

דער קאַמף צווישן בראָנקען מיט עוואַן פאַר דעם געליבטן מאַן — דאָס איז דער טיפסטער קאָנפליקט אין דער מאָדערניסטישער פּאָעזיע. בראָנקע איז די ווייב, עווא—די געליבטע. בראָנקע ליבט, עווא רייצט דעם דמיון, בראָנקע קאָן געבן מנוחה דער אויסגעמאַטערטער נשמה. עווא שטיצט אונטער אין דעם שוואַכן מענטשן די אילוזיע פון זיין קראַפט, גיט אים די ליידן אָדער די אומ-רויִקייט פון שטרעבונגען, גיט אים די פאַלשע זיכערקייט, אַז כלומרשט ער איז פעיִק צו „באַשאַפן עפּעס גרויסעס", „אויספירן אַ געבאַט, וואָס איז אָנגע-צייכנט אין זיין נשמה". בראָנקע איז ווייסער ריינער שניי, וואָס ליגט זיך אויף דער פאַרפראָרענער ברוסט פון דער ערד און וואַרעמט זי אָן, וויקלט איין דעם דזשיקן חלל, ביז ער לעבט ווידער אויף, ביז ער הייבט ווידער אָן צו ערוואַכן, ביז אויף דעם אָנגעוואַרעמטן שויס הייבן די געוועזט שוין פאַר-פראָרענע זאָמען ווידער אָן צו געבן נייע פרישע שפּראָצונגען. עווא איז אַ טיראַן, דער ציל פון איר לעבן איז שטענדיק אין דערין, „צוצובינדן צו זיך אַ מענטשן און שלעפּן אים נאָך זיך, אַ מענטשן, וואָס זאָל גיין בלינד נאָך איר, וואוהין איר ווילט זיך, אין וואָס זיין בענקשאַפט זאָל קיינמאָל ניט גע-שטילט ווערן.

די קאַטאַסטראָפע איז געווען אומפאַרמיידלעך, מחמת די דזשיקע דריי פיגורן זיינען ס׳מבאָלן פון אינטערעסן און פסיכישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע

קאָנען זיך צווישן זיך ניט אויסגלייכן. בראָנקע האָט געמוזט אומקומען דערפאַר, וואָס די משפחה און די אינסטינקטן מיט די פאָרשטעלונגען, וועלכע זי האָט אַרויסגערופן, זיינען צעטרייסלט צוזאַמען מיט דער צעטרייסלונג פון דער גאָרער בורזשואַזער וועלט, מחמת זי האַרמאָנירט מער ניט מיט די שטרעבונגען פון דער פרייהייטליבנדיקער נאַטור, מחמת בראָנקע קאָן זיין נאָר זיין ווייב, נאָר וואַרעמענדיקער שניי, און קיין ווייב דאַרף טאַדעאוש ניט האָבן. טאַדעאוש דאַרף אומקומען דערפאַר, וואָס אומגליקלעך געמאַכט בראָנקען און אַוועקגעגאַנגען פון דער משפחה, האָט ער ניט געשטילט זיין בענקשאַפט אויך מיט עוואַן, ווייל די וועלטן, וואָס ער האָט געטרוימט זיי צו עראָבערן, קאָנען ניט אויסגעביטן ווערן אויף די פאַרשיכורנדיקע לאַסקעס פון דער געליבטער, ווייל זי איז פעיִק נאָר צו דערנערן זיין בענקשאַפט, זיין דאָרשט נאָך שעפערישקייט, אָבער ניט צו שטילן אים, ווייל, צעשיידט מיט איר, „בענקט ער נאָך זיין בענקשאַפט", און ניט נאָך גליק און רו. בראָנקע איז געווען יענע צאַרטע גוטע האַנט, וועלכע האָט צוגעטוליעט דעם פאַרוואונדעטן פויגל. און דעם פויגל איז לעבן איר געווען גוט, כל־זמן ער איז געווען קראַנק, אָבער די פליגלען זיינען באַוואַקסן געוואָרן מיט נייע פעדערן, זיינען שטאַרק געוואָרן און גענומען זיך גרייטן צו אַ נייעם פלי. עוואַ איז שרעקלעך דערפאַר, וואָס אַלע העלדן פון דער דראַמע וואַרטן אויף איר, און ווען זי זאָל ניט געהאַט קומען, וואָלט דאָס וואַרטן אַלץ איינס זיי דערשלאָגן. נאָך איידער עוואַ איז געקומען צו פאָרן האָט עפּעס „געריסן אויף טיילן" בראָנקעס נשמה. און ערשט נאָך איר קומען צו פאָרן האָט זי פאַרשטאַנען דאָס, וואָס האָט געשלאָגן ווי אַ קוואַל אין דער טיפעניש פון איר נשמה, „נאָר ס'האָט זיך ניט געקענט אַרויסרייסן אַרויס". פאַר בראָנקען איז עוואַ געווען איר „אימה און פחד", וואָרעם זי האָט געפילט, ווי זי האָט זי געשטויסן אין „דער שוואַרצער קעסלגרוב פון יאוש", פאַר טאַדעאושן איז עוואַ — „אַ פייַנלעכע שטרעבונג צו עפּעס אַ גרויסער קראַפט און מאַכט, פאַר אים איז זי אַן אומגעשטילטע בענקשאַפט, וועלכע האָט אים שטענדיק געצויגן אין דערהויך, צום הימל".

פאַראַן מענטשן, וועלכע זיינען פאַרמשפט אויף פאַרלאָרן גיין. אַזאַ איז די סביבה, וועלכע פשיבישעווסקי שילדערט. אַז קאַזימיר און בראָנקע גייען אַוועק, כדי צו געפינען דעם טויט אין טייך, באַקוקט די אַלטע מאַקרינע, בראָנקעס ניאַנקע, רויִק אַלע ווינקלען און רעדט אַרויס איר: „אַוועק, אַוועק שוין". זי זאָגט ס'דאָזיקע „שוין" דערפאַר, וואָס זי האָט זיך דערוואַרט יענעם אומפאַרמיידלעכן סוף, וואָס האָט געזאָלט זיין די גולת הכותרת, די באַקריינונג

איבער דעם צוועקלאָזן פּיין פון די קראַפטלאָזע מענטשן. „אַזוי האָט געמוזט געשען", זאָגט די אַלטינקע, וועלכע האָט שוין געזען ניט איין טראַגעדיע אין דער פּריצישער הויז און וואָס אין איר מוח האָט זיך דאָס לעבן פון די הערן אויסגעגאָסן אין אַ סכעמע אַזאַ קלאָרע און ריכטיקע, אַז זי ווייס מיט וואונדערלעכער פּינקטלעכקייט דעם מאָמענט, ווען די קאַטאַסטראָפע דאַרף אָנ־קומען. „אונזער שטאַם פאַרשווינדט—זאָגט טאַדעאוש ווען זיך און קאַוימירן,— ער און איך — זיינען מיר די לעצטע שוואַכע האַרבסט־שפּראָצונגען אויפן אַלטן, אַמאָל אַזאַ שטאַרקן בוים „פון אונזער שטאַם".

פּאַרוואָס בלאָזט מיט אַזאַ טרויער, מיט אַזאַ אָטעם פון טויט איבער די דאַזיקע העלדן, אין וועלכע עס איז אַזוי פיל שעפערישע שטרעבונגען, אַזוי פיל דערהייבענע שטרעבונגען איינצונעמען וועלטן! אפשר איז דער בעסטער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע דער גורל פון פאַלקן, דעם בארימטן העלד פונם ראָמאַן „Homo Sapiens" *). אין פאַלקן האָט געלעבט די בענק־שאַפט פון דער שעפערישער נאַטור. אים האָבן אויך באַשטורעמט שנאה צו דער בירגערלעכקייט און איבערמענטשלעכע שטרעבונגען. ער האָט ליב „דרייסטע נאַטורן, מעכטיקע, שטאַרקע, וואָס אַלץ צערייסן זיי, צעטרעטן און גייען אַהין, וואוהין עס ציען זיי די אינסטינקטן, — דער אינערלעכער גרויסער הייליקטום פון דער מענטשהייט—די שטאַרקע מעכטיקע אינסטינקטן". ער איז אַ ניטשעאַנער, ווייל ער פאַראַכט „די שוואַכע, די מאָראַליסטן, די קנעכט", וועלכע „האָבן ניט די העזה צו האָבן אינסטינקטן". ער איז שטירנערס אַ נאָכ־פאָלגער, ווייל ער האָט זיין זאַך געגרינדעט אויף גאָרנישט, ווייל זיין באַציִונג צו דער וועלט—דאָס איז די באַציִונג פון אַ געבּרויכער צו דעם געברויך־אַרטיקל, ווייל ער מאַכט נאָר חרוב און פאָלגט נאָר זיינע אינסטינקטן. די אומדערזעטלעכע פאָדערונגען פון זיין תאווה דערקלערט ער אין שטירנערס און ניטשעס געשמאַק. אָבער אין זיין פילאָסאָפיע וועלן מיר באַגעגענען אויך מיסטישע אסמכתאס אויף דעם גורל אין מעטערלינקס געשמאַק. ער האָט ביי זיין פריינד אָפּגעשלאָגן איזען און אים אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט. אָבער ער האַלט זיך ניט פאַר קיין שולדיקן אין זיין טויט. שולדיק איז די נאַטור. ווען ער האָט איזען דערזען דאָס ערשטע מאָל, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זייער בונד איז אַ באַשטימטע זאַך נאָך איידער זיי האָבן זיך באַגעגנט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז „ער קען זי שוין הונדערט יאָר", אַז דער צווייטער „איך" אין אים און אין איר זיינען געווען אַזוי ווייט נאָענט,

*) מיר גיבן דאָ ניט קיין דעטאַלן אַנאַליז פונם דאָזיקן ראָמאַן, כדי ניט איבערצו־חזרן דאָס, וואָס וועגן אים איז געזאָגט געוואָרן אין II באַנד. (אַווטאָר).

האָבן זיך אַרומגענומען, זיך צונויפגעגאָסן איינער מיטן צווייטן, אַז ער האָט זי דאָס גאַנצע לעבן געטראָגן אין זיך „ווי עפּעס אַ גרויסע קרענקלעכע בענקשאַפט". די דאָזיקע דואַליסטישע מעטערלינקישע לערע וועגן צוויי „איכן", פון וועלכע איינס רעכנט זיך מיט דער אַרומיקער וועלט, מיט איר מאָראַל און מיט אירע פאָדערונגען, און דאָס צווייטע לעבט מיטן אייגענעם לעבן, באַזיצט דאָס אוממיטלבאַרע וויסן פון אמת, — די דאָזיקע לערע גיסט זיך ביי פּאַלקן אין זיין פילאָפיע צונויף אין אַן אומגעטיילטער אַמאַלגאַם מיטן ניטשעאַניזם, כדי צו באַרעכטיקן זיינע תאוות. יעדעס מאָל, ווען ער דערפילט אַ געשלעכטלעכע נייגונג צו אַ ניי מיידל, יעדעס מאָל, ווען זיין געוויסן און זיין שכל קאָנען ניט געפינען קיין באַרעכטיקונג פאַר זיין צעלאָזנקייט, קומען אים צו הילף די ניטשעאַנישע טעאָריעס וועגן דעם יתרון פון אינסטינקט און די מעטערלינקישע לערע וועגן צוויי אומאָפּהענגיקע „איכן" און וועגן דעם פאָרצוג פון איינעם איבער דעם צווייטן. ווען פּאַלקן האָט זיך פאַרוואָלט אַראָפּצופירן פון וועג די קליינע מאַריט און, אַז זיין שכל האָט ניט געקענט צוטראַכטן קיין באַרעכטיקונג פאַר דעם, האָט ער גערופן די דאָזיקע צו דינסטגרייטע טעאָריעס און פאַר אים איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איז „נויטווענדיק", אַז „אין מאַריט איז בלי ספק פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אין אים אָנגערירט די סאַמע אינטימע סטרונעס, עפּעס, אין וואָס עס באַשטייט די גאַנצע רעטעניש און דער סוד פון זיין נאַטור". און היות ווי ער איז אַ „דיפערענצירטער מענטש", היות ווי ער שטעלט פאָר „דעם איידלסטן שמאַנט פון דער אייראָפּעישער געזעלשאַפט", האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס, וואָס מאַריט איז אומגעקומען צוליב זיין פאַרגעניגן, איז פונקט אַזוי נייטיק, ווי דאָס וואָס זיין חבר איז אומגעקומען.

פשיבישעווסקיס פּאָעזיע מאָלט פאַר אונז די ליידן פון די דאָזיקע העלדן, וועלכע האָבן מיט ניטשעאַנישע און מיסטישע סאָפיזמען ניט געקאָנט איינשטילן דאָס נאָגן פון געוויסן. ס'איז צו באַוואונדערן, וואָס דער פּאָעט, וועלכער האָט אין דעם „בית הכנסת פון שטן" פונאַנדערגעוויקלט אַזאַ געהויבענעם אַפּאָטעאָז פון געשלעכטלעכן שיגעון, האָט אַזוי וואָרהאַפטיק פאָרגעשטעלט די מאַכטלאָזיקייט און די הינטערשטעליקייט פון די אַדעפּטן פון דעם דאָזיקן שיגעון אין לעבן. „די געשיכטע פון דער מענטשהייט—דאָס איז די געשיכטע פון די אָנוואַקסנדיקע באַדערפענישן פון געשלעכט"—אַזוי זאָגט פש"בישעווסקיס טעאָריע. וואָלט זיך געדאַכט, אַז ער דאַרף דערהויבן אויפן פּיעדעסטאַל די פּאַלקס און די רעמבאָווסקיס, די אַלע, וואָס זיי האָבן זייער לעבן פאַרוואַנדלט

אין אַ דינען צום געשלעכט. און דאָ קומט גאָר פאַלק מיט אַזאַ טראַגישן ווידוי: „איך בין דער אויסשטאַרבנדיקער מענטש. איך בין דער לעצטער מענטש. איר ווייסט, אויפן פּאָלינעזישן אַרכיפּעלאָג איז פֿאַראַן אַ וואונדערלעכע מענטשלעכע ראַסע, וועלכע וועט אין אַ יאָר דריי, פֿינף, צען אויפהערן צו עקסיסטירן. זי שטאַרבט אויס פון פיזישער שווינדזוכט. מיין ראַסע שטאַרבט אויס פון פסיכישער שווינדזוכט. דער לונג פון מאַרך, דער גלויבן, איז צעפוילט, צעעסן...״ פאַלק איז זיך ניט בלויז מודה אין זיין הינטערשטעליקייט, ער ווייזט אויך אָן די סיבות אירע, ער עפנט אָפּ די אויגן צו זען, וואו איז די אמתע דערהויבנקייט. ער קושט די האַנט ביי יענעם טשערסקין, וועלכער האָט געגלויבט אין אַן אַנדער תורה, אין דער תורה פון מיטלייד און דינען צו דער מענטשהייט. „אין מיר איז אויס מיט אַלדאָס פערזענלעכס. מיין נשמה איז ברייט געוואָרן, אָן אַ שיעור ברייט געוואָרן... איר, פאַרשטייט זיך, ווייסט ניט, וואָס איז אונדז מענטשהייט, ווייל אייער צעבראָכענער מאַרך — ס'דאָזיקע געהאָרכזאַמע געצייג פון אייער פאַרדייען — האָט פון דער מענטשהייט געמאַכט אַ באַגריף, יאָ, אַ באַגריף, וואָס מען קאָן פונאַנדערלייגן, צערייבן און אָפּוואַרפן. איך ווייס ניט דעם דאָזיקן באַגריף, נאָר איך ליב און ווייס די מענטשהייט ווי דעם וואָרצל פון מיין נשמה. איך פיל זי אין יעדן דופק פון מיין האַרצן, איך פיל זי אַלס דעם גרונט-געפיל, אַז אויב איך וועל זיך ברענגען אַ קרבן פאַר מיליאָנען, וועט עס זיין עפּעס אַנדערש, ווי קריכן, שוויצן און יאָגן זיך נאָך עפּעס אַ פרוי״. פאַלק האָט קאַפּיטולירט פאַר טשערסקין. פאַלק האָט אָנערקענט „די ניוועלירער״, די „מיטליידער״ פאַר אמתע „אויבערמענטשן״: איך ליב, איך וואונדער מיך, איך קריך אויף די קני פאַר דער דאָזיקער ליבע, פאַר דעם דאָזיקן גרויסן גלויבן״. און אין דעם מאָמענט פון פולן יאוש, ווען איזע האָט אים אַוועקגעוואָרפן, ווען פאַלק האָט דערפילט זיין פולקומע הינטערשטעליקייט אין דער סביבה, אין וועלכער ער האָט איצט ביז געווירקט — אין דעם דאָזיקן מאָמענט באַשליסט ער צו פאָרן צו טשערסקין, אויסשרייענדיק „Vive l'humanité!“ — „מיט אַ נאָגנדיקן גיפטיקן געלעכטער״.

ניט קוקנדיק „אויף דעם נאָגנדיקן און גיפטיקן געלעכטער״, באַהאַלט זיך הינטער פאַלקס געלעכטער אַ טיפער זינען. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל באַגעגענען מיר זיך אין דער מאָדערניסטישער פּאָעזיע מיט דער ערשיינונג, וואָס אין דעם לאָזונג „Vive l'humanité“ געפינען פאַר זיך אַן אויסגאַנג די אויבערמענטשן, וואָס האָבן זיך געפּרוּווט אויפהייבן הויך איבער דער מענטשהייט, וואָס האָבן געקוקט פון די הויכענישן פון דער טראַנסצענדענטאַלער וועלט אויף דער טרויעריקער דראַמע פון אונזער צייטווייליקן לעבן.

וואָס־זשע שטעלט מיט זיך פאָר פּשיבישעווסקיס פּאָעזיע: אַ בייזע באַשולדיקונג קעגן די תאווהשע אינסטינקטן פון דער זיך אַנטאַרטנדיקער געזעלשאַפט, אַ לוויה־הימן דער אַוועקשטאַרבנדיקער וועלט, אָדער אַן אַנטציקטער דיפּיראַמב דער געשלעכטלעכער פאַרקריפּלונג און די קראַנקע פאַנטאַזיעס, וואָס ווערן געבוירן אין דעם פון אַלקאָהאָל און זנות צופלאַמטן מאַרך? מיט הונדערט יאָר צוריק, אין דער עפּאָכע פון פונקט אַזאַ סאָציאַלן קריזיס אין דעם מאָמענט פון דער ליקווידאַציע פון דער פעאָדאַליש־קאַטוילישע וועלטאָנשויונג, האָט שאַטאָבריאַן אָנגעשריבן זיין „פּענע". דער פּאָעט, וואָס האָט געוואָלט רימען די קלויסטערס און דעם קאַטויליציזם, האָט קעגן זיין ווילן געזונגען אַ יציאת־נשמה־ליד די דאָזיקע פעסטונגען פון דער אַלטער אָפּשטאַרבנדיקער וועלט. דער פּאָעט, וועלכער האָט געוואָלט ווייזן אַן אויסגאַנג פאַר דעם בלאָנדזשענדיקן גייסט אין דער קלויסטער־איינזאַמקייט, האָט אומבאַוואוסטזיניק באַוויזן די הינטערשטעליקייט פון דעם אַלטן מיטל צו מציל זיין די נשמה. וואָרעם שאַטאָבריאַן איז געווען אַ גרויסער פּאָעט. און די געזעלשאַפט האָט ניט געגלויבט שאַטאָבריאַנען דעם דענקער, אָבער האָט געלייענט מיט התמדה שאַטאָבריאַן דעם פּאָעט. פּשיבישעווסקיס פּאָעזיע איז העכער פאַר זיין פילאָסאָפיע. אַלס דענקער און טעאָרעטיקער האָט ער געוואָלט דערהויבן זינד און באַרוישונג אויפן פּיעדעסטאַל אַלס קוועלן, וועלכע אַנטפּלעקן פאַרן מענטשן אמת, פרייהייט און גליק. אַלס פּאָעט האָט ער באַוויזן דאָס פאַלן און די קראַפטלאָזיקייט פון די, וואָס זיינען געגאַנגען אין די וועגן פון זיין תורה. ער האָט ליב זיינע העלדן, צווישן זיי מיט אים איז פאַראַן אַ גייסטיקע ענלעכקייט. זייערע ליידן זיינען זיינע ליידן. דעריבער איז ניט מיט היץ פון באַשולדיקונג, נאָר מיט מיטגעפיל דורכגעגאַנגען זיין שילדערונג פון פאָלקס ליידן. אָבער ער איז אַ פּאָעט, און אַ פּאָעט ליגט קיינמאָל ניט. און ער האָט ניט געקאָנט מאַכן פאַר שטאַרקע און לעבנספעיִקע יענע, וועלכע זיינען פאַראורטיילט אויף קראַנקהייט און אויף טויט, כאָטש ער האָט זיי געליבט און פאַרשטאַנען זייערע פּיינען. און ער האָט באַשאַפן אַ בילד פון דער אַוועקשטאַרבנדיקער בורזשואַזער וועלט, און כאָטש ער באַקלאָגט די דאָזיקע וועלט, כאָטש אין אירע גסיסה־עינויים דאַכטן זיך אים אויס העכערע אַנטפּלעקונגען און די באַשיידונג פון אייביקן און געהיימעניספולן, אָבער דאָס בילד בלייבט דערפון ניט ווייניקער בולט און וואָרהאַפטיק.

איבסען האָט געמאַכט פאַר העכערע נאַטורן די עגאָיִסטן, מעטערלינק — די פאַרצווייפלטע מיסטיקער, אָסקאַר וואַיילד — די טרוימער, פּשיבישעווסקי —

די קנעכט פון תאווה. אַט וואָס די גרויסע מאָדערניסטן האָבן אַרויסגעשטעלט קעגן אַלטרויִזם, קעגן דער וויסנשאַפט, דעם פאַקט און דער מאָראַל. עס איז געבליבן מבטל צו מאַכן דעם שכל, און צו רימען די זינלאָזיקייט, אָננעמען דעם פּרימאַט פון איראַציאָנאַלן, אויסמאָלן די קאָמפּליצירטקייט און די דינקייט פון שיגעון. „ביז איצט איז אַלץ פאַרקומען ניט על־פּי שכל, נאָר על־פּי טיפּשות, מחמת זינלאָזיקער צופעליקייט", זאָגט פאַלק: „יאָ, צו וואָס, באמת, די זינלאָזע לאָגיק? דאָס וואָס האָט זיך געטאָן אין זיין נשמה, וואָס עס איז געלעגן הינ־טער יעדן באַוואוסטזיין און וואָס ער האָט ניט געוואוסט, האָט געהאַט אַן אייגענע לאָגיק, אין גרונט אַ ניט־ענלעכע צו דער דאָזיקער לאָגיק פון באַ־וואוסטזיין".

דער מאָדערניזם האָט אַרויסגעשטעלט אַ מערקווערדיקן פּאָעט, וועלכער האָט באַפאַרבט דאָס איראַציאָנעלע פּונקט מיט אַזעלכע צויבערלעכע פאַרבן, מיט וועלכע זיינע חברים האָבן באַמאָלט די פאַנטאַזיע, דעם עגאָיִזם און די תאווה.

## זעקסטע אָפטיילונג.

# די פּאָעזיע פון איראַציאָנאַלן.—קנוט האַמסון.

### .XV

האמסון צווישן די מאָדערניסטן. — נאגעל און די טבע פון זיין שיגעון. — נאגעל און דאגני. — נאגעל און מארטא. — דער פרימאט פון איראציאנאלן, פון אומגעבונדנקייט און פון ציללאָזן. — דאָס משיג זיין אַ נשמה אויף אַן איראציאנאלן דרך. — נאגעל און מינוטא. — דער זיגען פון „מיסטעריעס".

שטעלט זיך אויף אַ רגע פאַר אַן אָנשטענדיק געקליידטן מענטשן, וועלכער איז אַרויס אין גאַס אָן אַ הוט, פּשוט דערפאַר וואָס ער האָט מחמת צעשטרייטקייט פאַרגעסן אָנטאָן דעם הוט אויפן קאָפּ. וואָס וואָלט געטאָן יעדער „נאָרמאַלער" מענטש, ווען מען וואָלט אים צופעליק אין גאַס אָנגעוויזן אויף זיין טעות? אַ „נאָרמאַלער" מענטש וואָלט גיכער אַוועק אַהיים, וואו ער וואָלט פאַרריכט זיין פעלער און נאָכדעם וואָלט ער שוין מיט אַ ריינעם געוויסן אַוועק צו זיינע עסקים. אַזוי וואָלט געטאָן יעדערער, וואָס וואָלט ניט וועלן קריגן אַ נאָמען פון אַ משונה מענטשן און פון אַ שיגעון. פּרווט אָבער טיפער אַריינבליק און דעם באַנעמען זיך פונם „נאָרמאַלן" מענטשן, וועט איר זען, אַז אין דעם דאָזיקן באַנעמען זיך איז אַלץ פון אָנהייב ביזן סוף אָן אַ זינען. אין פלוג, צוליב וואָס זאָל זיך אונזער צעשטרייטער העלד צוריקקערן אַהיים, אפשר נאָך אָפּלייגן אָדער גאָר דורכלאָזן וויכטיקע עסקים? דער טאָג איז געווען אַ מיטלמעסיק וואַרעמער און אַ ליכטיקער, און די הוט איז געווען לחלוטין איבעריק סיי צו באַשיצן זיך פון דער זון, סיי דאָס גלייכן קעגן קעלט. קיין אינערלעכע באַדערפעניש צו באַדעקן דעם קאָפּ האָט דער העלד ניט געפילט. און פונדעסטוועגן האָט ער געאיילט גיכער אָפּצודאַנקען דעם ליבנסווירדיקן אומבאַקאַנטן, וואָס האָט אים אָפּגעשטעלט און, אַלץ אַוועקגעלאָזן, האָט ער זיך געלאָזט לויפן פאַרריכטן זיין פעלער. און שטעלט זיך פאָר, אַז דער העלד איז

זיך באַגאַנגען ניט אַזוי ווי עס וואָלט באַדאַרפט זיך באַגיין אַ נאָרמאַלער מענטש שטעלט זיך פאָר, אַז ער וואָלט ניט אַכטונג געגעבן אויף דעם ליבנסווירדיקן אומבאַקאַנטן, און איבערלייגנדיק זיך, אַז דאָס וואָס ער גייט אָן אַ הוט, וועט ניט שטערן ניט אים, ניט די אַרומיקע, וואָלט ער ווייטער געגאַנגען זיין וועג. ס'איז ניט שווער משער צו זיין די רעזולטאַטן. ס'קען זיין, אַז עס וואָלט ניט דערגאַנגען דערצו, אַז אַ גרויסער המון זאָל זיך אַרומקלייבן אַרום דעם משונהדיקן מענטשן, אפשר וואָלט די פּאָליציי ניט פאַרהאַלטן דעם. וואָס האָט געשטערט די עפנטלעכע רו, אָבער לפּחות, וואָלטן אַלע פון אים געלאַכט. און אפשר וואָלט מען אים באַליידיקט מצד דעם המון. אין דעם מענטשן, וועלכער וואָלט זיך דערוועגט בעצם נאָר צו באַגיין זיך לויטן שכל הישר, וואָלט מען איינגעזען אַ משוגענעם, אָדער אין בעסטן פאַל אַזעלכן, וואָס וויל זיין אָריגינעל, וואָס מאַכט אָן אָנשטעל. ס'איז כמעט קיין ספק ניט, אַז עטלעכע אַזעלכע מעשים וואָלטן קעגן אַזאַ מענטשן אַרויסגערופן מער פאַרביטערונג, איידער אַן אמתער פאַרברעכן. און דאָס דאַרף אויסווייזן באַזונדער וואונדערלעך, וואָס אין תוך גענומען ברענגען דאָך אַזעלכע מעשים קיינעם קיין שאָדן ניט. ס'איז זייער שווער פאָרצושטעלן אַ מענטשן, וואָס, באַגעגענענדיק זיין באַקאַנטן אָן אַ הוט, זאָל ער ניט פריער פאַר אַלץ פרעגן וועגן דער סביבה פון אַזאַ ערשיינונג. און קיינעם וועט אויפן זינען ניט קומען, אַז אַ סך נאַטירלעכער וואָלט געווען די פראַגע וועגן דעם, וואָס אין אַ גוטן וואַרעמען וועטער מוזן אַלע דווקא אָנטאָן אַ הוט, און אַפילו די וואָס פילן דעריין קיין נייטיקייט ניט.

מענטשן שטעלן זיך ניט די פראַגע, למאי זיי פירן אויס אַ ריי מעשים, צו וועלכע זיי טרייבט ניט קיין אינערלעכע באַדערפעניש. זיי שטעלן די פראַגע נאָר דעמאָלט, ווען אין דער דערמידנדיקער גראָער איינאַרטיקייט פונם היינטיקן לעבן באַגעגענען זיי אַ מענטשן, וואָס וויל טאָן אַ טאַט, וועלכער איז דער איינציקער מעגלעכער פאַר אַ נאָרמאַלן מענטשן. דאָס לעבן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט איז געוואָרן אַזוי קינסטלעך, אַז דאָס נאַטירלעכע איז געוואָרן פּאָזע און פאַלשקייט, און דאָס פאַלשע זעט אויס נאַטירלעך. דאָס נאָרמאַלע מיטן זינלאָזן האָבן זיך געטוישט מיט די ערטער. די געזעלשאַפט האָט צעפלאָנטערט די באַגריפן און האָט ערקלערט אַלס זינלאָז אַפילו דאָס אומשעדלעכע אָפּנבאַרונג פון דער אינדיווידואַליטעט.

דער מאָדערניזם, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן דער באַלעבאַטעשאַפט אין אַלע פאָרמען, האָט ניט געקענט אַרויסטרעטן צו פאַרטיידיקן ס'דאָזיקע אינדיווידועלע „זינלאָזיקייט". זינלאָזיקייט—דאָס איז דאָס איראַציאָ-

געלע דענקען, און איראַציאָנעלע מעשים — דאָס איז איינער פון די עיקרשטע שוצערטער, וואוהין עס איילט זיך צו באַהאַלטן די דערדריקטע מענטשלעכע פערזענלעכקייט. מיר וואָלטן האַמסונס „מיסטעריע" אָנגערופן די פינפטע עוואַנגעליע, ווען דאָס וואָלט ניט געווען קיין פּאַראַדאָקס. די מאָדערניסטן האָבן פיר עוואַנגעליעס, פיר ווענן צו דער באַפרייונג פון דער פערזענלעכקייט. די דאָזיקע פיר עוואַנגעליעס זיינען: „אַלזאָ זאָגט זאַראַטוסטראַ", „דער אוצר פון די ענווים", „כוונות" און „דער בית הכנסת פון שטן". די דאָזיקע פיר ווענן זיינען עגאָיזם, מיסטיציזם, פאַראייניקט מיט האָפענונגסלאָזן פּעסימיזם, עסטעטיזם און זינד. „די מיסטעריעס" וואָלטן מיט ערפאָלג געקענט פאַרנעמען דאָס פינפטע אָרט. „מיסטעריען" דאָס איז די פּאָעמע פון איראַציאָנעלן, די גרויסע דערציילונג פון דער אַריסטאָקראַטישער דין און איידל פילגדיקער נאַטור. די געשיכטע פון שעפערישן גייסט, וואָס באַשאַפט זיין אייגענע צויבערלעכע פאַרבנפולע וועלט פון דער פאַרבנלאָזער ווירקלעכקייט. זאַראַטוסטראַ האָט געטויט דעם קרבן און די נזירות, די „ענווים" האָבן מבטל געמאַכט די ערפאַרונג און די באַאָבאַכטונג. נאָך אוייאלדס „כוונות" האָבן פאַקטן און ערשיינונגען פאַרלאָרן דעם זינען. נאָך דעם „בית הכנסת פון שטן" האָבן אים פאַרלאָרן—גוטס און מאָראַל. כדי ענדגילטיק צו טויטן דאָס ווייסנשאַפטלעך פּאָזיטיווע און דאָס סאָציאַלע דענקען דאַרף מען מבטל מאַכן די לאָגיק. און די „מיסטעריען" האָבן די דאָזיקע אַרבעט אָפּגעטאָן. אין דער דאָזיקער פּאָעמע איז דאָס זינלאָזע — ניט פּשוט זינלאָז. דאָס איראַציאָנעלע איז איינער פון די ווענן צו באַפרייען די שעפערישע פערזענלעכקייט. אין די „מיסטעריעס" איז דאָס זינלאָזע דערהויבן אויף פונקט אַזאַ פראַכטפולן פּיעדעסטאַל, אויף וועלכן א. אוייַלד האָט דערהויבן דעם ליגן, און פּשיבישעווסקי—די זינד. אין האַמסונס ראָמאַן קלינגט פאַר אונז שוין אַ באַקאַנטע בענקשאַפט פון דעם געשמידטן אַריסטאָקראַטישן גייסט, די בענקשאַפט נאָך פרייען און שיינעם לעבן.

נאַגעל איז ניט פּשוט קיין משוגע. ער איז דורכגעדרונגען מיט דער דאָזיקער געהייבענער בענקשאַפט, ער דאָרשט נאָך דער דאָזיקער פרייהייט. זיין שיגעון איז געבאָרן אין דעם זעלביקן קוואַל, פון וועלכן עס האָט ווי אַ בלענדנדיקער שטרוים אַרויסגעשלאָגן די פּאָעזיע פון אָסקאַר אוייַלד, פון וועלכן עס זיינען אַרויס די באַרוישנדיקע עקסטאַזן פון פּשיבישעווסקי און דער דערהויבענער עגאָיזם פון ניטשע. דער דאָזיקער קוואַל—דאָס איז די קראַפטלאָזיקייט פון די היינטיקע ראַפינירטע נאַטורן צו צעברעכן די אייזערנע קייטן פון דעם בורזשואַזן לעבן. נאַגעל איז פריער פאַר אַלץ דער טרעגער פון

דער דאָזיקער באַפרייענדיקער בענקשאַפט פונם מאָדערניזם. ער פאַרפלעכט „שטיוול, לייז און אַלטן קעז אין לוטערס קאַטעכיזיס“. אים זייַנען דערווידער מענטשן, די דאָזיקע „מיטעלע בירגער“, וועלכע וואוינען אין קליינע דרייגאָרנדיקע הייזער, „וועלכע פאַרברענגען די צייט אין גוטן הומאָר ביי משקה און ביי אויסדערווײלטע שמועסן וועגן פאָליטיק און האַנדלען טאָג איין טאָג אויס מיט גרינעם זייף, מעשענע קאַמען און פיש“, „וועלכע פאַלן אויף די קני און זאָגן תפילות אין שרעק פאַר דונער און בליץ“. קענן די לעכערלעכע באַלעבאַטישע אלף=בית=עבירות וואָלט ער מיט אַנטציקן אַרויסגעשטעלט דעם ניט געוויינלעכן פאַרברעכן, די אויסשליסלעכע זינד, „די זעלטענע, אימה=אָנוואַרפנדיקע אויסגעלאַסנקייט, די אומגעהערטע בייזע מעשים, די קיניגלעכע זינד, אין וועלכער עס זאָל זיך פילן גאָר די ברוטאַלע געהויבנקייט פון גהינום“. באַקאַנטע בענקשאַפט! די בענקשאַפט פון די פאַלקס און די בראַנדס גלייכצייטיק, די בענקשאַפט, וועלכע איז אויסגעוועבט פון דאָרשט נאָך שאַפונג מיט פּראַקטישער מאַכטלאָזיקייט!

נאַגעל — דאָס איז אַ מענטש, וואָס רעדט אַלעמען שטענדיק אַנטקעגן. וועגן וואָס עס זאָל ניט גערעדט ווערן, קומט ער שטענדיק אַלס אַ לעבעדיקע סתירה דערצו, וואָס עס טראַכטן אַנדערע מענטשן. ער איז מיט קיינעם קיינמאָל ניט מסכים. אין זיין האַלב=אומזיניקייט איז פאַראַן איר קאָנזעקווענטקייט און איר אייגענע לאָגיק. מיט קרענקלעכן פאַרגעניגן קוקט ער אויף די פּרוכטלאָזע אָנשטרענגונגען פון דעם מענטשנס געדאַנק, מיט פריידיקן געפיל פון באַפרייִקונג מערקט ער אָן זיין אומפולקומענהייט. נאַגעל האָט אַ אייגנאַרטיקן פאַרגעניגן, אַנטקעגן די באָרמאַלע אורטיילונגען אַרויסצושטעלן די אומנאָרמאַלע שפרונגען פונם געדאַנק, און ער איז מלא שמחה, קאָנסטאַטירנדיק דעם פאַקט, אַז אין די לעצטע איז מער אמת, איידער אין די ערשטע. נאַגעלס אַרבעט — דאָס איז די רויִנירנדיקע אַרבעט פון דעם אויסגעפייניקטן מענטשן, וועלכער האָט אין די יסודות, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די געזעלשאַפט, ניט געפונען קיין ענטפער אויף די פאָדערונגען פון זיין אַריסטאָקראַטישן שכל און צאַרטן האַרצן. מבטל מאַכן דעם מענטשנס געדאַנק, דערווייזן זיין הינטערשטעליקייט — דאָס איז נאַגעלס אומבאַוואוסטזיניקער ציל. די מאָדערניסטן זייַנען פריער פאַר אַלץ צעשטערער. האַמסון האָט זיך אויסדערווײלט אַ ספּעציעלן געביט אין דער דאָזיקער צעשטערערישער אַרבעט. געגליכן צו זיינע חברים, האַסט ער די פאַקטן מיט די ערשיינונגען און פאַרגעטערט די פאַנטאַזיע, וואַרפט אָפּ די מאָראַל און ליבט דעם אינסטינקט. אָבער זיין פּאָעזיע

איז פריער פאַר אַלץ כסדר אַ הימן צום אומזין, אַ מרידה קעגן דער לאָגיק און דעם שכל. מאַכן אַ רעוויזיע פון דעם אייביקן צוטרויען צום געדאַנק—דערין ליגט נאַגעלס אויפגאַבע.

ער וואַרפט די סאַמע אומדערוואַרטע אומזיניקע אידעע און זי ברענגט אַריין אַ פּלוצלונגע בהלה אין די הערשנדיקע באַגריפן, און ווען דער שטראָם פון די אָנגענומענע פאַר הונדערטער יאָרן אידעען און גלויבנס טרעט אַרויס מיט אַ מלחמה קעגן נאַגעלס אומזין, האָט ער פאַרגעניגן צוצוקוקן, ווי די דאָזיקע אידעען און גלויבונגען שיטן זיך פונאַנדער אויף קליינע שפּריצן. נאַגעל ניצט אויס די מענטשלעכע לאָגיק, כדי צו דערווייזן די קראַפטלאָזיקייט פון דער לאָגיק. זיינע געדאַנקען שפּרינגען, ווי אַרלעקינס אין בונטע געוואַנטן, און ער שטרעבט צו דערווייזן, אַז אין דעם דאָזיקן משונהדיקן מאַסקאַראַד איז דאָ מער זינען און קאָנזעקווענטקייט, איידער אין דער רעאַלער ווירקלעכקייט און דעם קלוגן לעבן. ער איז די פאַרקערפּערטע סתירה דערפון, וואָס עס מיינען אַנדערע מענטשן, נאָר ער זעט „מיט אַזאַ אומגעוויינלעכער קלאָרקייט דעם קעגנזייטיקן בונד צווישן זאַכן", אים „שטעלן זיך אַלע פראַגן פאַר אַזוי ווייט פשוטע און דורכזיכטיקע, אַז ער איז ניט בכוח צו פאַרשטיין, ווי אַזוי אַנדערע מענטשן קאָנען טראַכטן ניט אַזוי ווי ער. די קאָלאָסאַלע מי, מיט וועלכער די מענטשהייט איז דערגאַנגען צו איר פאַרשטענדיקער באַציִונג צו דער ווירקלעכקייט, — צי איז זי בעצם ניט קיין פּראָצעס פון כסדרדיקן אָנוואַרפן איינס אויפן אַנדערן ליגנס, וואָס פאַרשטעלן דעם אמת, דעם פשוטן און באַשיינפערלעכן פאַר יעדן, ווער נאָר עס קאָן פון זיך אַראָפּוואַרפן די קייטן פון רעגלמעסיקייט און פאַרשטאַנדיקייט. צי טויט ניט אָפּטמאָל די דאָזיקע „פאַרשטאַנדיקייט" אָפּ סיי דעם אוממיטלבאַרן געפיל פון נאַטור, סיי דאָס וויסן פון העכערן כוח, סיי די פעיִקייט אַריינצודרינגען אין דעם לעבן פון אַן אַנדער נשמה. צי איז ניט דער איינציקער וועג, וואָס פירט צום אמת—דאָס אָפּזאָגן זיך פון דעם אמת, וואָס אַ פולע האַלטן פון אים, דאָס פאַרזינקען אינערלעך אין זיך, די באַפרייונג פון אַלע „גייסטער".

די פאַרכישופנדיקע מעשהלעך און די צויבערלעכע טרוימען, וואָס נאַגעלס דמיון רופט אַרויס צום לעבן, די פאַרשיכורנדיקע פרילינגס, וועלכע לעבן אין זיין נשמה און דער גרויסער געפיל פון פרייהייט, וועלכער פילט אָן זיין גאַנצן מהות,—זיי זיינען ניט מעגלעך אָן זיין אומזין, זיי שטעלן זיך אויס ווי אַ בונטע פאַרפוצטע אַרמיי, וואָס איז אַרויס אויף מלחמה קעגן דעם מענטשלעכן געדאַנק. נאַגעל איז דער זשאָנגלער פון געדאַנק, דער ווירטואָז



קנוט האמסון

פון פּלפּול, דער סאָפיסט־ספּאָרטסמען. זיין גרעסטער תענוג איז אָנצווואַרפן סילאָגיזמען אין כאַאָטישער אומאָרדענונג און הנאה האָבן פון די משונהדיקע, זיך איבערפלעכטנדיקע ליניעס, וועלכע זיי בילדן אין זייער שנעלער באַוועגונג. זיין שפּיל מיט דאַגני איז געניאַל. ער בויט אויס אַ גרויסן בנין פון סילאָגיזמען, זיין מוח אַרבעט ניט מיד צו ווערן. איינער נאָכן צווייטן הורבען זיך אָן גלענצנדע געדאַנקען, און אין דעם מאָמענט, ווען דער בנין, דאַכט זיך, דאַרף פאַרענדיקט ווערן, ווען עס פאַרבלייבט נאָר צו מאַכן די לעצטע אָנשטרענגונג צו פאַרווירקלעכן דעם לאַנג געוואונטשענעם ציל, ווער פּלוצלונג מיט נייער ליכטיקייט באַלויכטן אַלע טיילן פון דער קונציקער אַרבעט, דער אויפגעשטעלטער בנין באַקומט אַ נייעם זינען, דער ציל, וועלכער האָט זיך אַזוי העל אויסגעמאָלט אין יעדער באַוועגונג פון דעם אומדערמידלעכן האָרעפּאַשניק, ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ כיטרען ליגן, וועלכער פאַרמאַסקירט דעם אמתן ציל. און פאַנטאָמען צעשווימען און זאַמלען זיך ווידער צונויף אין נייע גרופּן, און ווי נאָר עס דאַכט זיך אויס, אַז איר האָט סוף־כל־סוף געכאַפּט זייערע שטריכן, האָבן זיי שוין באַקומען נייע פאָרמען. און ניטאָ קיין סוף צו דער דאָזיקער שפּיל פון אידעען, צו דעם דאָזיקן משוגענעם טאַנץ פון געדאַנקען, און ניטאָ קיין אַנדער לאָגיק אין די דאָזיקע לאָגישע קאָנסטרוקציעס אויסער דעם, וואָס זיי האָבן בכלל קיין לאָגיק ניט, אויסער דעם מודה זיין זיך, אַז דער געדאַנק איז ניט באַגרייפבאַר און אומגעלומפּערט, ווי די זינלאָזיקייט, אַז ער איז דער בעסטער עדות אויף זיין אייגענעם ניט־זיין, אַז ער איז געגעבן דעם מענטשנס מוח נאָר כדי צו דערפירן אים צו זיין אייגענער נעגאַציע.

דערמאָנט זיך נאַגעלס האַלב־משוגענע, האַל־געניאַלע שפּיל מיט דאַגני: ער האָט געטאָן אַ שיינע זאַך, אָננעמענדיק זיך פאַר דעם באַליידיקטן אָרעמאַן און באַליידיקנדיק דעם שופט, וועלכער האָט זיך איזדיעקעוועט איבער דעם אָרעמען מענטשן. און ווען דאַגני פרעגט אים, דערציילט ער די געשיכטע אין אַזאַ פאָרם, אַז ער ווייזט זיך אַרויס אין גאָרניט קיין שיינער באַלייכטונג. צו וואָס האָט נאַגעל באַדאַרפט זיך פאַרשוואַרצן אין די אויגן פון דער מיידל? אַ נאָרמאַלער מענטש וואָלט זיך געוויס באַנוצט מיט דעם צופאַל. אָבער נאַגעל האָט זיין אויסרעכענונג. אין דער אומלאָגישקייט איז מער זינען, איידער אין דער לאָגיק, און דער אומזין איז בעצם אַ סך אַ קאָמפּליצירטערער און ראַפינירטער געדאַנק. ער האָט געוואוסט, אַז זי וועט זיך פון עמעצן דערוויסן, ווי די זאַך איז באמת צוגעגאַנגען; ער האָט זיך פריער אַרויסגעשטעלט אין אַ שלעכטער באַלייכטונג, וועט ער שפּעטער מערניט ווי געווינען דערפון. ער וועט

זיין אַרומגערינגלט מיט דעם אָרעאָל פון דערהויבנקייט און גרויסמוטיקייט אין
אירע אויגן. און ער דערקלערט איר זיין טאַקטיק, זיין גראָבן ליגן, און די
רעזולטאַטן פון זיין אייַדעלער, קונציקער שטיקל אַרבעט צעפליען זיך אויף
שטויב. דער געדאַנק בלייבט אַ פאַרווירטער שטיין פאַר אַזאַ בלענדנדיקע שפּיל
פון די געדאַנקען, וואָס אין איינער און דערזועלביקער צייט האַלטן זיי אונטער
און שליידערן אום איינע די אַנדערע. „אויב איר שטעלט זיך צונויף אַ גאַנצן
פּלאַן, און איר דערגרייכט דאָס, וואָס איר ווילט דערגרייכן, טאָ צו וואָס־זשע
פּטרט איר אַוועק דעם גאַנצן רעזולטאַט, אויפדעקנדיק דאָס, וואָס איר רופט
אָן ליגן ?... איך קען מיך אין אייך ניט פונאַנדערקלייבן... איר, וואָס איר רעכנט
אַלץ אויס, פאַרוואָס לאָזט איר איבער אָן אַכטונג דאָס, וואָס איר אַליין
עפנט אָפּ אייערע קאָרטן״? מיר קאָנען ניט ברענגען נאָגעלס ענטפער,—דעם
דאָזיקן ענטפער, פון וועלכן עס קוקט גלייכצייטיק אַרויס סיי דאָס אָנגעמאָלטע
געזיכט פון דעם קלאָון, וואָס קרימט זיך, סיי דער אָנגעשטרענגטער געדאַנק
פון דעם מיושבדיקן מענטשן, וועלכער ווילט פאָרזיכטיק אויס באַווייזן. ערנסט־
קייט און איראָניע, קאָנסעקווענטקייט און כאַאָס, געדאַנק און אומזין — גיסן
זיך צונויף אין דעם דאָזיקן שטראָם פון סילאָגיזמען, וועלכע קלייבן זיך אָן
אייַנער אויפן צווייטן. „אָבער איך לאָז עס ניט איבער אָן אַכטונג,—זאָגט נאָ־
געל,—איך נעם דאָס אויך אַריין אין חשבון. איר אַליין וועט זאָגן, אַז יאָ. הערט נאָר:
אויב איך וועל מיך אַזוי מודה זיין, און איך וויל מיך אַזוי מודה זיין, ריזיקיר איך בעצם
אַלץ מיט גאָרנישט—איך ריזיקיר זייער ווייניק. ערשטנס, קאָן מען ניט זיין זיכער, אַז
דער, וואָס פאַר אים עפן איך אָפּ מייַנע קאָרטן, וועט מיר גלויבן. אפילו איר גופא,
למשל, איצט גלויבט איר מיר ניט. טאָ וואָס־זשע איז דער פּועל־יוצא ? דאָס
איז דער פּועל־יוצא וואָס איך געווין דערביי נאָך מער, איך געווין שרעקלעך
פּיל. מיין געווינס וואַקסט, ווי אַ לאַווינע. מיין געהויבנקייט דערגרייכט ביז אומ־
געוויינלעכער שיינקייט ! צווייטנס, וועל איך פאַרדינען אַלנפאַלס אפילו דאַן,
ווען איר וועט מיר גלויבן... איך האָב שוין דעם דאָזיקן מעטאָד אַזוי פיל
אויסגענוצט, און האָב אַלעמאָל געוואונען. וואָרעם אויב איר וועט באמת גלויבן
אין דער ריכטיקייט פון מיין מודה זיין זיך, וועט איר אַלנפאַלס זיין שרעק־
לעך פאַרוואונדערט פון מיין אויפריכטיקייט. איר וועט זאָגן זאָגן: נו, יאָ, ער
האָט מיך כסדר גענאַרט, אָבער ער האָט זיך מודה געווען אין דעם, כאָטש
קיינער האָט אים דערצו ניט געניייט. אין זיין העזה איז פאַראַן עפּעס מיסטי־
שעס, ער האָט לחלוטין פאַר גאָרנישט קיין מורא. ער שניידט מיר אַלע וועגן
אָפּ מיט זיין מודה זיין זיך ! בקיצור, איך נייט אַייך צוקוקן זיך צו מיר, פאַר־

בעמען זיך מיט מיר, איך רייץ אייער נייגעריקייט, כ'רוף אין אייך אַרויס צאָרן. ביט לענגער ווי מיט אַ רגע צוריק, האָט איר אַליין געזאָגט: ניין, איך קאָן מיך אין אייך ניט פונאַנדערקלייבן! זעט איר. איר האָט עס געזאָגט דערפאַר, וואָס איר האָט געמאַכט אַ פּראָבע אַרייַנצודרינגען אין דער טיפעניש פון מיין נאַטור, און דאָס איז זייער אָנגענעם פאַר מיין אייגנליבע, זייער אָנגענעם. הייסט עס, אַלנפאַלס, אַז איך געווין, איר מעגט מיר גלויבן, צי ניט".

דאַגני שטייט קעגן דעם דאָזיקן אָפּלייקענען יעדן נאָרמאַלן דענקען, קעגן דעם דאָזיקן פאַרפלאָנטערטן געדאַנק, אין וועלכן עס איז אין דער אמתן אַזוי פיל פעסטע לאָגיק און קאָנסעקווענטקייט, און איר קלאָרער שכל, איר פשוטע אַלמענטשלעכע לאָגיק בלייבט מאַכטלאָז קעגן זיין אומזין, קעגן זיין ניט־לאָגישקייט. זי ווערט צערייצט, עס כאַפּט זי אָן אַ בייזקייט, מחמת זי מוז כסדר אַריבערגיין פון גלויבן צו ספק, מחמת דער אוממעגלעכקייט פונאַנדערצוקלייבן זיך אין דער נשמה פון דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס עפּעס, דאַכט זיך, ער שפּילט און פיינט זיך אויס מיט זיין אומזין, אָדער ער רעדט אויפריכטיק און נאַיִוו פשוטע אמתע זאַכן.

די גאָרע וועלט, די געשיכטע און דאָס לעבן, די מענטשלעכע אָפּשאַצונגען און גלויבונגען, מיט זייער רעגלמעסיקייט און לאָגישקייט שפּרינגען אין נאַגעלס פּאַראַדאָקסאַלן שכל, ווי קאָלירטע קוילן אין די קונציקע הענט פון אַ זשאָנגלער. באַגרינדן די זינלאָזיקייט דורך לאָגיק, דערווייזן די מאַכטלאָזיקייט פון דער לאָגיק, אָנווענדנדיק זי גופא, כדי צו באַפעסטיקן דעם אַבסורד,— אין דערין ווייזט נאַגעלס שכל אַרויס אַ קאָלאָסאַלע ערפינדערישקייט. די קניה פון דעם שטול ביי מאַרטע הודע איז גלייכצייטיק אי אַ שיגעון, אי אַ געניאַלע פּאַראָדיע אויף דער מענטשלעכער לאָגישקייט. קיינער איז ניט אומשטאַנד אַזוי צו פאַרפלאָנטערן דעם מענטשנס שכל, ווי נאַגעל, אַזוי אויסצושטעלן פאַר אַלעמען זיין אומפּולקומענהייט, זיין קראַפטלאָזיקייט קעגן זיך זעלבסט. פאָרלייגן כלומרשט אַלס קאָלעקציאָנער אַ קאָלאָסאַלע סומע געלט פאַר אַן אַלטן שטול, וואָס טויג אויף כפּרות, קומען עטלעכע מאָל און גאַנצע שעהן ריידן, כדי איינצורייידן די באַזיצערין פון דעם שטול צו פאַרקויפן אים—אין דעם זואָלט מען געקאָנט איינזען אַ שפּיצל פון אַ פּאַיאַץ אָדער אַ משוגענעם. אָבער מיט וואָס פאַר אַ דינעם פאָדעם פון ענדלאָזע אורטיילונגען נאַגעל פלעכט איבער דעם דאָזיקן אומגעלומפּערטן פאַקט, וויפל טעזיסן ער שטעלט אַרויס, און ווי פעסט ער דערווייזט זיי מצד דער מענטשלעכער לאָגיק! און מאַרטעס מוח פלאָנטערט זיך און פייניקט זיך אין די דאָזיקע נעצן אויך אַזוי, ווי דאַגניס

מוח. איר דאַכט זיך עפּעס שרעקלעכס, שיר-שיר ניט עפּעס מיסטיש, אין דעם דאָזיקן גאָלד. וואָס עס לייגט פאַר איר אַרויס דער דאָזיקער משוגענער פאַר אַ זאַך, וואָס טויג לחלוטין אויף גאָרנישט. און דעם משוגענעמס געדאַנק אַרבעט, ער וואַרפט אָן אַלץ וואָס אין ענלעכע פאַלן איז דעם מענטשנס געדאַנק געוויינט אַרויסצוזויגן פון זיך. ס'קאָן זיין, אַז מאַרטעס שווייגן זאָל דערקלערט ווערן דערמיט, וואָס זי וואַקלט זיך, ס'קאָן זיין זי רעכנט צו קריגן אַן אַנדער קונה, מיט אַ ברייטערער האַנט, ס'קאָן זיין, איר איז טייער די דאָזיקע משפחה-זעלטנהייט: עס גיבן זאַכן, צו וועלכע מען איז געוויינט פון קינדוויז אָן, וועלכע קומען בירושה פון אַ פאָטער אָדער פון אַ זיידן. און בשעת די פאַרוואונדערטע מאַרטע איז גרייט אָפּצוגעבן דעם נישטיקן שטול לגמרי פאַר אומזיסט, אַנטוויקלט ער ווייטער, ניט הערנדיק, וואָס זי רעדט, דעם אומענדלעכן פאָדעם פון ניט-נייטיקע באַווייזן. פון דער קאָמפּליצירטער גענייאַלער אַרגומענטאַציע פירט ער אַרויס אַלץ נייע און נייע טעזיסן, און די דאָזיקע טעזיסן פאַרוואַנדלט ער אין נייע אַרגומענטן פון נייע הנחות און אַזוי אָן אַ סוף. ער זוכט אויס אַזעלכע קאָמפּליצירטע באַגרינדונגען פון איר וואַקלען זיך און פון איר פאַרוואונדערונג, ער אַנטדעקט אַזעלכע אומדערוואַרטע סיבות פון אירע מעשים, אַז זי קוקט אים אָן מיט אימה, און ווי דאַגני, ציטערט זי פאַר דער דאָזיקער פעיִקייט פונם מענטשלעכן געדאַנק צו פאַרוואַנדלען די וועלט אין שפּילנדיקער זינלאָזיקייט. געוויס, וואָלט זי געקאָנט פאַרלאַנגען פאַרן שטול 300 קראָן, אָבער אַזאַ שרעקלעכע סומע איז ער ניט אימשטאַנד צו באַצאָלן. פאַרשטייט זיך, איר איז אפשר טייער דער דאָזיקער פאַמיליען-אוצר, אָבער זי דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע זאַכן פאַרבלייבן טויטער קאַפּיטאַל. אַז די ערלעכע מאַרטע זאָגט זיך אָפּ פון געצאָלט און איז גרייט אומזיסט אָוועקצוגעבן דעם שטול, פאַרפּלאָנטערט זיין געדאַנק ווידעראַמאָל דעמדאָזיקן אין פלוג פּשוטן און נאַטירלעכן סאַט. ער האָט זי פאַרשטאַנען: זי גלויבט אים ניט, זי מיינט, אַז ער האָט איר געבראַכט פאַלשע אָדער געגנבעטע געלט, אָדער פּשוט איר האָט זיך פאַרוואָלט שפּאַס טרייבן. אפשר האַלט זי אים פאַר אַ זשוליק, וועלכער האָט זייטיקע פניות אַחוץ דעם שטול. אפשר איז איר עקשנות אַ פאַרמאַסקירטע ביטרעקייט פונם הענדלער, וועלכער וויל באַקומען וואָס מערער, לסוף, אפשר האָט מען דעם שטול באַקומען דורך ניט קיין ערלעכע מיטלען און דעריבער איז זי אַזוי פאַרזיכטיק — וואָס עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. דער מענטשלעכער שכל האָט צוגעטראַכט טויזנט טראַפּאַרעטן, אין וועלכע ער קליידט אָן יעדן פאַקט. און מיט עפּעס אַ באַזונדער פאַרגעניגן וואַרפט נאַגעל

די דאָזיקע טראַפּאַרעטן אַרויס איינעם נאָכן אַנדערן, ער מאַכט די דאָזיקע זשאָנגלער-שפּיל מיט הנאה.

ער איז די לעבעדיקע נעגאַציע פון געדאַנק, דער לעבעדיקער באַווייז, אַז דער געדאַנק און דער אמת זיינען צוויי איינע די אַנדערע סותרדיקע קרעפטן, אַז די זינלאָזיקייט זעט די זאַכן ריכטיקער און בעסער, איידער דער שכל. אַלץ וואָס דער מענטש האָט באַקומען דורכן שכל, דורך רעגלמעסיקער אַרבעט פון דער לאָגיק, ווערט דורך דעם גאַנג פון די געשעענישן ניט באַ-רעכטיקט. דאָס וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אויף אַ איראַציאָנאַלן וועג, גע-פינט מער באַרעכטיקונג אין דער וועלט. דאָס ראַציאָנאַלע מיטן איראַציאָנאַלן לעבן אין אַ קאָנפליקט, ביי וועלכן קיין שלום איז ניט מעגלעך. און האַמסון האָט ליב צו שילדערן דעם נצחון פונם צווייטן איבער דעם ערשטן. דערמאָנט זיך די קאָמישע רעפּליקעס פון דעם דערצאָרנטן דאָקטאָר, וואָס זיין פּאַציענט האָט צעפּלאָנטערט די שמירעכצן, וועלכע ער האָט פאַרשריבן, ער האָט די העזה געהאַט געזונט צו ווערן, און דער דאָזיקער גליקלעכער רעזולטאַט האָט דעם דאָקטאָר קיין קאָפּ ניט איבערצייגט. די פאַקטן זיינען פאַר זיך, און די וויסנשאַפט מיטן שכל—פאַר זיך. „דער דאָזיקער מענטש איז געזונט געוואָרן גאַנץ ריכטיק, אָבער וואָס זשע איז דערפון געדרונגען? דאָס ענדערט דאָך לחלוטין ניט דעם פאַקט, אַז די נאַרישקייט און די אומוויסנהייט אין פאָלק זיינען שרעקלעך. ער איז געזונט געוואָרן. יאָ; אָבער וואָס וואָלט געווען, ווען ער וואָלט זיך פאַרבראַכט די גאַנצע הויט? וואָס פאַר אַ זינען האָט צו פאַר-טיידיקן זיין אייזל-נאַרישקייט?

מענטשן לעבן אין טעות. די זיך דאַכטנדיקע קאָנסעקווענטקייט און צוועקמעסיקייט פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן איז אַ גראָב געפּלאָנטערטע נעץ פון ליגן און ניט פאַרשטיין. מענטשן דערהויבן אויפן פּיעדעסטאַל יענע העלדן, וועלכע האָבן בעסער פאַר אַנדערע פאַרקערפּערט די דאָזיקע אומגעלומפּערטע צוגעווייינטע רעגלמעסיקייט און לאָגיק פון זייערע אָנשויונגען. זיי האַלטן פאַר די גרעסטע מיטגלידער פון דער מענטשלעכער משפּחה די סאַמע פאָלקומע פאָרשטייער פון דער טראַפּאַרעטער וועלטאָנשויונג. זיי זיינען אַנטציקט פון גלאַדסטאָנען און פון טאָלסטאָיען. גלאַדסטאָן — דאָס איז דער וואַנדערנדיקער העראָלד פון יושר. ווען מען הערט אים פון דער טריבונע, וועגט איין איינ-דרוק דעמאָלט איבער אַלע אַנדערע, דאָס איז דער איינדרוק פון זיין זינדלאָ-זיקייט, פון זיין גרויסער ערלעכקייט, „אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר—דאָס איז פאַר אים דער גרעסטער אמת אויף דער וועלט. צי דען קאָנען מיר אָפּלייקע-

נען, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר? פאַרשטייט זיך, אַז ניט. איך זאָג עס טאַקע נאָר דערפאַר, כדי צו באַווייזן, אַז גלאַדסטאָן איז אַלעמאָל גערעכט". די וועלט פאַרגעטערט דאָס באַנאַלע און פלאַכע. ער בוקט זיך פאַר אַ נאַטור, וועלכע האָט זיך אַליין ניט אַרויסגעוויזן, נאָר זי איז געוואָרן אַ גרויסער מאַגאַזין פונם אַלגעמיינעם, דער פילבאַרסטער גלייכווירקנדיקער כוח פון די צוזאַמענגעשטויסענע עלעמענטן פון אויסערלעכן לעבן. טאָלסטאָיס שכל — „איז אַ סאַמע געוויינלעכער שכל". לויט נאַגעלס מיינונג האָט ער אָנגעשריבן גוטע ביכער און ער פריידיקט גוט, אָבער זיין לערע שטייט לויט איר טיפקייט און אינטעליגענץ ניט העכער „פאַר די רעליגיעזע אויסגעשרייען פון דער רעטונגס-אַרמיי". ער איז, ווי גענעראַל בוטס, נאָר אַ פריידיקער, אָבער ניט קיין דענקער. „זיי מאַכן האַנדל מיט פאַראַנענע פראָדוקטן, פאָפולאַריזירן דעם געדאַנק, וועלכן זיי געפינען אַ גרייטן, מאַכן אים טויגבאַר פאַר דעם המון און פירן אָן מיט דער וועלט". אין זיין ספערע, וואָס ער האָט אויסגעוויילט, קומט נאַגעל צו די זעלביקע אויספירן, צו וועלכע איבסען איז געקומען אויף דער געביט פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, און מירבאָ — אין דער ספערע פון מאָראַל. פאַר אַ גרויסן בירגער, פאַר אַ „זייל פון דער געזעלשאַפט" האַלטן די מיטבירגער יענעם, ווער עס איז געווען דער קנעכט פון דער געזעלשאַפט, ווער עס האָט בעסער פאַר אַנדערע געקאָנט פאַרבאָרגן זיך אַליין, ווירקן דער עיקר, וואו עס איז דאָ אַמווייניקסטן ווידערשטאַנד, פאַרטויבן די אייגענע שעפערישע פערזענלעכקייט לשם דעם אַלגעמיינעם, וואָס איז אָנגעבונדן פון דרויסן. צו אַזאַ אויספיר קומט ביי איבסענען דער קאָנסול בערעניק. פאַר אַ מוסטער פון מאָראַלישקייט און ערלעכקייט האַלט די געזעלשאַפט יענעם, ווער עס האָט בעסער פאַר אַלעמען געקאָנט דערשטיקן זיין אינדיווידועלן מאָראַלישן געפיל אין נאָמען פון די דורך אַלעמען אָנגענומענע פאָרשטעלונגען וועגן דערלויבטן און אומדערלויבטן, ווער עס קאָן באַגיין פאַרברעכנס אין אַזעלכע פאָרמען, וואָס זיינען דערלויבט דורך דער געזעלשאַפט. צו אַזאַ אויספיר ברענגען מירבאָס ראָמאַנען. דעם גרעסטן שכל זעען מענטשן ביי יענעם, ווער עס באַזיצט דעם אַממערסטן פלאַכן שכל, ווער עס פילט אין זיך קיין באַדערפעניש ניט צו דענקען אויפן אייגענעם שטייגער, ווער עס באַזיצט ניט קיין אָריגינאַליטעט אין דער מינימאַלסטער מאָס. אָט דאָס איז נאַגעלס אויספיר: „טאָלסטאָיס אַלוועלטלעכע באַרימטקייט זאָל בשום אופן ניט באַווייזן זיין גרויסן שכל. טאָלסטאָיס באַרימטקייט באַווייזט נאָר פאָפולאַריטעט, און כדי צו דערווערבן פאָפולאַריטעט, מוז מען באַזיצן אַ געוויסע מאָס נאַרישקייט". אָט וויפל עס איז ווערט די קאָלאָסאַ-

לע אָנשטרענגונג פון דעם מענטשנס פאַרשטאַנד, די אָנגעשטרענגטע אַרבעט פון דעם געני.

קעגן דער דאָזיקער וועלט פון פאַרשטאַנד, קעגן דער פאַרבלאָנדזשעטער וועלט, וואָס איר לעבן איז איינגעאָרדנט אין הסכם מיט די געזעצן פון דער לאָגיק און צוועקמעסיקייט, קעגן דער דאָזיקער וועלט, וואָס פייניקט זיך אין די קייטן פון רעגלמעסיקייט, קעגן דער וועלט, וועלכע איז פיינלעך־לאַנגוויליק און איינאַרטיק, — שטעלט גאָגאָל אַרויס אַן אַנדערע, אַ צויבערלעכע וועלט, וועלכע איז באַשאַפן דורך זיין אומזין, אַ וועלט פון פאַרכּישופדיקע מעשהלעך, וועלכע זיינען געבוירן דורך זיין פאַנטאַזיע, אַ וועלט פון פאַנטאַסטישע שפּרונגען, אין פרייען שפּיל פון קאַפּריז, אַ ציללאָזע וועלט, וועלכע איז פריי, ווייל זי האָט ניט קיין שטרעבונגען, ווייל זי באַשאַפט איר לעבן, פאָלגנדיק נאָר דער אייגענער שעפערישער שפּיל. נאָר אָבער „כדי דאָס צו זען, איז נייטיק אַ ביסעלע ליכט, און כדי צו דערציילן דאָס, דאַרף מען האָבן אַ מאַרך, וועלכער איז אָנגעשטעקט מיט שיגעון“. אין דער דאָזיקער וועלט פון שיגעון ווערט דעם מענטשנס גרויסקייט געגעבן אַן אַנדער אָפּשאַצונג. גרויס איז ניט יענער, ווער עס האָט אַרויסגערופן די גרעסטע באַוועגונג. גרויס איז יענער, ווער עס האָט מער פאַר אַלעמען פאַרגרעסערט דעם אינערלעכן ווערט פון עקסיסטענץ, האָט אין איר אַריינגעטראָגן דעם גרעסטן סכום אינערלעכע ווערטן — העכער פאַר די געוויינלעכע גרויסע מענטשן, וואָס דערזעענדיק זיי ווערן געוויינלעכע שטערבלעכע פול מיט יראת הכבוד, שטעלט גאָגאָל „די קליינינקע, קיינעם ניט באַוואוסטע געניס, יונגעלייט, וועלכע שטאַרבן אין פריען עלטער דערפאַר, וואָס די נשמה זייערע צערייסן די קייטן פון קערפּער, די צאַרטע גלימצערנדיקע לייכטווערעמלעך, וועלכע מען דאַרף באַגעגענען, בעת זיי לעבן, כדי צו וויסן, אַז זיי זיינען געוועזן אויף דער וועלט“. איבערן האָט דעם עגאָיסט געמאַכט פאַר דעם טרעגער פון דער העכערער פרייהייט, א. אויילד — דעם טרוימער, פּשיבישעווסקי — דעם עראָטאָמאַן, קנוט האַמסון — דעם משוגע. מען דאַרף האָבן אַ מאַרך, וועלכער איז „אָנגעשטעקט מיט שיגעון“, כדי צו וועלן אויפהייבן זיך העכער פאַר דער ערד, אַרומבלאָנדזשען צווישן זונען, פילן, ווי די קאָמעטן בלאָזן אויפן פּנים מיט זייערע עקן; כדי פון דאָרט, פון דער הויך צו זען, סאַר אַ ברעקעלע עס איז דער גוף פון דער ערד, און ווי נישטיק עס זיינען די מענטשן; כדי ניט צונויפצוגיסן זיך מיט דער מאַסע מענטשן, וועלכע וועלן זיך, בזיעת אפּם, רייניקנדיק זיך אַ וועג, עטלעכע יאָר אַרומפּלאָנטערן אויף דער ערד און סוף כל סוף ניט ווערן. גאָגאָל

איז פריי פון דער דאָזיקער לאָגישער רעגלמעסיקייט, אין וועלכער מענטשן באַוועגן זיך, ווי מאַנעקענס. ער האָט זיך מיט דער גאַנצער נשמה צונויפגעגאָסן מיט דעם ריינעם הימל און מיט דער גרויסער שטילקייט פון דעם צפון־וואַלד. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און זיך געטונקט אין די הייסע זונענשטראַלן. די שטילקייט, וועלכע האָט אַרום געהערשט, האָט אים פאַרשיכורט. ער האָט גענענט צו די קוואַלן פון זיין. ער האָט געהערט הויך אין דערהויך דאָס ווייכע ציטערן און די קוים הערבאַרע הוזשעניש פון דער ריזיקער מאַשין, געהערט גאָט, ווען ער האָט געדרייט זיין ראָד. „אַ געפיל פון פיזישן תענוג האָט אָנגעפילט גאָר זיין וועזן, יעדער נערוו אין אים האָט געפלאַטערט, ער האָט געפילט מוזיק אין זיין בלוט; ער איז ווי צונויפגעוואַקסן מיט דער גאַנצער נאַטור, מיט דער זון און מיט די בערג, מיט אַלץ, וואָס אים האָט אַרומגערינגלט. פון די ביימער, פון די זאַמד־וואַלן אויף דער ערד, פון יעדן גרעזל האָבן זיך צו אים געצויגן טויזנטער ניט־זעבאַרע פעדים, צונויפגיסנדיק זיך מיט זיין מהות. זיין נשמה איז געוואַקסן און האָט זיך געברייטערט, און איז געוואָרן אַ פולע מיט קלאַנגען, ווי אַן אָרגל".

ער האָט געזען אַ פאַרבינדונג אין אומגעבונדענעם און אַ ציל אין ציללאָזן. די געשיכטע פון זיין פיינלעכער ליבע צו דאַגני רייסט ער אומדערוואַרט איבער מיט דער דערציילונג וועגן יונגנמאַן, וועלכער האָט צוגעגנבעט אַ גאַזלאַמטערנע, פאַרקויפט זי און דאָס אָפּגעלייזטע געלט פאַרשווענדט. ער ווייס, אַז עס איז קיין שייכות ניטאָ צווישן זיין באַציִונג צו דאַגני מיט דעם דאָזיקן יונגנמאַן, אַז דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד האָט פעסטגעשטעלט באַשטימטע געזעצן פון אַסאָציאַציע. אָבער ער האָט זיין באַזונדערן אינערלעכן גאַנג פון געדאַנקען. ער ווייס ניט, למאי אין זיין נשמה אַסאָציִירן זיך די פאָרשטעלונגען אויף זיין אייגענעם שטייגער, פאַרוואָס האָט דער געדאַנק וועגן דאַגני אַרויסגערופן ביי אים אין זכרון די פאָרשטעלונג וועגן דעם יונגנמאַן, וועלכער האָט צוגעגנבעט די גאַז־לאַמטערנע, גלייך ווי ער באַגרייפט ניט, פאַרוואָס, אַריינגייענדיק דאָס ערשטע מאָל אין אַן אומבאַקאַנטע הויז, האָט ער גלייך געוואוסט, אַז דאָרט איז אַמאָל געווען אַן אַפּטייק, הגם אין דער געפילן־וועלט איז ניט געווען גאָרניִשט אַזוינס, וואָס זאָל באַרעכטיקן אַזאַ השערה. נאַגעל לעבט אין זיין באַזונדער וועלט. ער ווייס, אַז צווישן הימל און ערד איז פאַראַן פיל וואונדערלעכע זאַכן, לגמרי אומדערקלערבאַרע פאָרגעפילן, שטומע אימה, וועלכע פילט אונז אָן מיט שרעק. ער איז אַ פרעמדער „גר" אויף דער דאָזיקער וועלט, פאַר אים שטעלט זיך אַלץ פאָר אין אַן אַנדער באַלייכטונג. שיגעון

איז, אין תּוך, אַ דענקען, וועלכער איז ניט ענלעך אויף דעם אַלגעמיין־אָנגענומענעם, אַ דענקען און אַ באַגרייפן, וועלכער איז פריי פון די טראַפּאַרעטע פאָדערונגען, וועלכע שטערן צו דערנעענטערן זיך צו די סודות פון זיין. נאַגעל, וועלכער איז פריי פון דער פלאַכער רעגלמעסיקייט פונם מענטשנס דענקען, פילט צייטנווייז „די ענדלאָזע פאַרבינדונג צווישן די זאַכן".

נאַגעל גלויבט, אַז פאַר אים זיינען אָפן די נשמות פון מענטשן אין אַזאַ געהיימער טיפעניש זייערער, אין וועלכער קיין אָנשטרענגונג פון באַוואוסטזיין קאָן ניט אַריינדרינגען. ער באַגרייפט דאָס פאַרבאָרגענע אין דער דאָזיקער טיפעניש דאַן, ווען קיין אַרויסווייזונג פון דער נשמה אַנטפּלעקט עס ניט פאַר דער געפילן־וועלט. ער מאַכט אוממענטשלעכע אָנשטרענגונגען, כּדי צו ברענגען אין האַרמאָניע דאָס זעבאַרע מיטן אומזעבאַרן, דאָס, וואָס ווערט באַגרייפט מיט די געפילן, מיט דעם, וואָס איז איבער די געפילן. ער לעבט איבער אומוואַרשיינלעכע פּיינען, צוזעענדיק די אומפּרוכטבאַרקייט פון די דאָזיקע אָנשטרענגונגען, איבערצייגנדיק זיך אין דער אומפולקומענהייט פון דעם געפילן־פאַרנעמען, זעענדיק די פולקומע אוממעגלעכקייט צו באַשטעטיקן דורכן באַוואוסטזיין דאָס, וואָס עס ווערט אויף געוויס באַגרייפט דורך אוממיטלבאַרן פאַרקער. ער פּייניקט זיך, וואָס ער האָט ניט די מעגלעכקייט צו כאַפּן מינוטען „ביי דער האַנט". זיין שפּיל, זיינע מאָדנע שמועסן מיט מינוטען — דאָס איז דער פאַרעקשנטער דאָרשט פונם דענקער, דער ליידנשאַפטלעכער פאַרלאַנג צו געפינען אין דער וועלט פון דערשיינונגען אַ באַווייז אויף דעם אמת, וועלכער איז קלאָר פאַר זיין נשמה. ער ווייס, אַז אין מינוטעס נשמה איז פאַראַן „עפּעס אומערלעכס", ער ווייס, אַז ער האָט פאַר זיך אַ יעזויִט. ער גייט אַרויס פון די כּלים, פאַרלירט יעדע גייסטיקע גלייכגעוויכט אין דער שטרעבונג צו אַנטפּלעקן מינוטעס פאַרברעכן. ער פרעגט אויס און וויל אים כאַפּן מיט דער קונציקייט פון געניאַלן דעדעקטיוו, און פון אַלע זיינע פּרוּוון לאָזט זיך אויס אַ טייך, אַלע זיינע חשדים לאָזן זיך אויס פאַר פאַלשע. מינוטע איז ניט שולדיק אין דעם מאָרד, אין וועלכן נאַגעל האָט אים חושד געווען, ער האָט מאַרטען קיין שלעכטס ניט געטאָן, ער האָט קיינמאָל פאַר קיינעם ניט געפלאָכטן קיין נעצן, ער האָט אָפּגעטאָן אַ גאַנצע ריי שיינע און ערלעכע מעשים, און דאָך ווייס נאַגעל, אַז פאַר אים שטייט אַ פאַרברעכער. ער ליידט פון דעם דאָזיקן קאָנפליקט צווישן דעם באַווייז פון באַוואוסטזיין און צווישן דער עדות פון זיין נשמה. ער פּייניקט זיך און מינוטען, וועלכער קאָן ניט פאַרשטיין די עקשנותדיקע אויפמערקזאַמקייט פון זיין פּייניקער. ער האָט אין

מינוטעס נשמה אַנטדעקט דאָס, וואָס קיינער ווייס ניט, וואָס מינוטע אַליין ווייס ניט. מחמת ער „פאַרנעמט דעם קלענסטן, אַפילו דעם שוואַכסטן בייקלאַנג אין דער שטים פון זיין בעל־דבר, מחמת ער הערט אַלע מאָל, צי מען רעדט אויפריכטיק, אָדער מען וויל אים עפּעס אָנוואַרפן. פאַר אים האָט קיין באַדייטונג ניט דער מאַטעריעלער קלאַנג פון דער שטים, וועלכע קאָן זיין אַ הויכע, צי אַ נידעריקע, אַ קלאָרע, צי אַ פאַרשטיקטע. ער „נעמט אין אַכט די מיסטעריעס, וועלכע זיינען פאַרבאָרגן הינטער דעם מאַטעריעלן קלאַנג. די וועלט, פון וועלכער עס קומט אַרויס". און נאַגעל איז גרייט צו וויינען און צו בעטן פאַרציונג ביי מינוטען יעדן מאָל, ווען ער איבערצייגט זיך, אַז ער האָט אים ניט יושרדיק באַשולדיקט אין דעם אָדער יענעם פאַרברעכן. ער איז מיט אַלערליי מיטלען גרייט צו פאַרגלעטן זיין שולד, נאָכדעם ווי ער מאַכט מינוטען אומערלעכע פאָרשלאָגן. ער האָט איבערגעלעבט רגעס פון אויפריכטיקער חרטה, זייענדיק איבערצייגט אין זיין טעות, אָבער דאָס האָט זיך באַצויגן צו זיין באַוואוסטזיין. זיין נשמה האָט ניט געוואוסט פון קיין ספקות, זי האָט פאַר זיך געהאַט אַ פאַרברעכער, און די פיינען פון באַוואוסטזיין, דעם מאַכטלאָזן, דעם אומפּולקומענעם, דעם אומפעיקן צו באַגרייפן דעם אמת, זיינען געוואָרן אַלץ שטאַרקער.

נאַגעל איז משיג אויף צוויי אופנים. און דער אמת, וואָס ער האָט באַקומען אויף דעם איראַציאָנעלן אופן, איז פאַר אים אויסער ספק, הגם די וועלט פון לאָגיק און פאַקטן לייקנט אים אָפּ. „איך האָב פון אייך ניט אַראָפּגענומען קיין אויג, — זאָגט נאַגעל צו מינוטען, — און מיט כל המיטלען זיך געסטאַרעט אַרויסצופירן אייערע מעשים, ווי בוימל אויפן וואַסער, אָבער כמעט אַלע מאָל אָן ערפאָלג. איך דערלאָז עס דערפאַר, וואָס איר זייט אַ זינדלאָזער מענטש, אָבער ביי מיר איז קיין רגע קיין ספק ניט געווען, אַז אין אייך איז פאַרבאָרגן אַ זינדער פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער מין. איך האָב ניט קיינע באַווייזן קעגן אייך. צום באַדויערן האָב איך זיי ניט. איר קענט דעריבער זיין פולקום רויק; אַלץ פאַרבלייבט צווישן אונז גערעדט. קענט איר אָבער פאַרשטיין, אַז איך בין אַזוי זיכער אין מיינס, ניט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב קיין באַווייזן ניט? זעט איר, דאָס קענט איר ניט פאַרשטיין. און פונדעסטוועגן האָט איר די מאַניר אַראָפּצולאָזן דעם קאָפּ, ווען מיר ריידן וועגן עפּעס, ביי אייך זיינען אַזעלכע אויגן, אויגן וועלכע פינטלען אויף זיכער, ווען איר רעדט אַרויס די אָדער יענע ווערטער, אָדער ווען מיר גייען אונטער צו געוויסע פראַגן. ביי אייך איז די שטימע עפּעס מיט אַ באַזונדער שורשענדיקן

קלאַנג. אָ, די דאָזיקע שטימע! לסוף, ווירקט איר אויף מיר אַנטיפּאַטיש מיט אייער גאַנצער פּערזענלעכקייט. איך פיל אין דער לופט אייער גענעענען; מיין נשמה הייבט אָן צו ציטערן פון עפּעס אַן אומאָנגענעמען געפיל. איר פאַרשטייט עס ניט. איך אויך ניט, אָבער פאָרט איז עס אַזוי. גאָט איז מיין עדות, איך בין נאָך איצט לגמרי איבערצייגט, אַז איך שטיי אויפן רעכטן וועג. אָבער איך קאָן אייך ניט באַשולדיקן, איך האָב קיינע באַווייזן ניט קעגן אייך". דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד רעדט לטובת מינוטען. אין שטאָט האָט ער די שענסטע רעפּוטאַציע, אַלעמענס סימפּאַטיעס געהערן אים, ער איז ריין קעגן לייטן. ער האָט געוויס ניט געטאָן קיין שלעכטן טאַט. אָבער זיין ריינקייט רופט אַרויס אַ בייזקייט אין נאַגעלן. „איך וויל פון אייך אַראָפּרייסן די מאַסקע, און דערפירן אייך דערצו, איר זאָלט אַנטפּלעקן אייער אמתע נאַטור. דאָס בלוט הייבט אין מיר אָן צו זידן יעדן מאָל, ווען איך זע אייערע פאַלשע בלאָע אויגן, איך קאָרטשע מיך אינגאַנצן צונויף, און איך פיל נאָר, אַז איר זייט אין דער נשמה אַ יעזויט. אַפילו אין דערזעלביקער רגע דאַכט זיך מיר, אַז איך זע, ווי איר לאַכט אינערלעך. יאָ, ניט געקוקט אויף דעם צעבראָכענעם פאַרצווייפלטן אויסדרוק פון אייער געזיכט, פיל איך אין אים דעם געהיימען חזירישן לאַכן פון דעם, וואָס איך קען אייך גאָרניט ניט טאָן, מחמת איך האָב קעגן אייך קיינע באַווייזן ניט".

דערמאָנט זיך די לעצטע זייט פון דעם ראָמאַן, וועט איר אייך איבערציגן, אַז דער שטילער קאַמף צווישן נאַגעלן מיט מינוטען שטעלט פאָר אפשר דעם מערקווירדיקסטן עפּיזאָד פאַר דער דערקלערונג פון דעם אַווטאָרס אידעען. נאַגעל האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גערעכט: מינוטע האָט בצהאַט אַ שלעכטן סוף. יענער מהות פון זיין נשמה, וועלכן קיינער האָט ניט געזען, ביט אויסגעשלאָסן מינוטען אַליין, איז געווען אַנטפּלעקט פאַר נאַגעלן, וועלכער האָט געלעבט אין אַ וועלט פון מיסטעריעס, אויף יענער זייט גרענעצן פון דער מאַטעריעלער וועלט. בלויז דעם אומפּולקומענעם פאַרשטאַנד ווייזט משוגעת אויס ווי אַ בלאָנדזשעניש. אין דער אמתן איז עס דער וועג צו באַגרייפן די העכערע סודות, פּונקט אַזאַ ריכטיקער וועג, ווי פּשיבישעווסקין שטעלט זיך פאָר דער געשלעכטלעכער, אָדער אָסקאַר וואַיילדן דער עסטעטישער עקסטאַז. ניט אומזיסט חורט נאַגעל כמעט איבער פּשיבישעווסקיס רייד וועגן דעם פּלאַכן ביזרושואַן מאַרך, וועלכער וויל יעדן סוד מאַכן פאַרשטענדלעך, וויל אויסרעכענען און אויסמעסטן. די שענסטע חולמות, די וואונדערלעכסטע זעונגען רופט דער דאָקטאָר אָן פּראָדוקט פון נערוועזשקייט. „ער זאָגט, אַז דאָס איז נערווע-

ישקייט! שרייט נאַגעל אויס מיט צאָרן, — פאַר אים איז עס אַ זאַך פון אַזאַ און אַזאַ מאָס, האָט אַזויפיל צאָל אין דער הויך, אַזויפיל אין דער ברייט, אַ זאַך וואָס מ׳קאָן אָנטאַפּן מיט די הענט. סאַמע געוויינלעכע נערוועזשקייט. ער פאַרשרייבט אויף אויף אַ שטיקל פּאַפּיר אייזן און כינין און אין איין אויגנבליק היילט ער אַייך אויס. אָט ווי פשוט דאָס איז! טוט אָבער נאָר אַ טראַכט, סאַר אַ פויערשע לאָגיק — רוקן זיך מיט זיינע אויסמעסטונגען און מיט זיין כינין אין אַ געביט, וואָס אירע ערשיינונגען האָבן זיך ניט געקאָנט דערקלערן אפילו די פיינסטע און טיפסטע מוחות! טרעטן אין הויכע שטיוול דאָרט, וואו מען דאַרף באַלאַנסירן צווישן די פיינסטע ניואַנסן".

מען טאָר ניט אידענטירן קיין אַוטאָרן מיט זייערע ווערק. מיר זאָגן ניט, אַז האַמסונס זיינען די אידעען וועלכע נאַגעל זאָגט אַרויס. מיר ווילן נאָר זאָגן, אַז האַמסון האָט בולט באַלויכטן איינעם פון די וועגן, איבער וועלכע עס לאָזט זיך אַוועק דער קראַנקער שכל פון דעם הייַנטיקן נערוועזשן מענטשן אין זיין שטרעבונג צו דער באַפרייונג פון דער פּערזענלעכקייט, — יענער וועג, וועלכער איז ווייניקער באַלויכטן דורך אַנדערע מאָדערניסטן. די קרובה־שאַפט פון דעם אַוטאָר מיט זיין העלד פאַרשטייען מיר ניט אַלס די טראַדיציאָנעלע צעטיילונג אויף פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע העלדן. האַמסון רעקאָמענדירט ניט צו גיין נאָך נאַגעלן, ווי מירבאָ רעקאָמענדירט ניט נאָכצומאַכן דעם אַבאַט זשול. אָבער האַמסון איז דער זינגער פון אַזעלכע נאַטורן, ווי נאַגעל. אין זיין נשמה האָט ער אַנטפּלעקט אומדערשעפּלעכע קוואַלן פון העכערע שיינקייט. אים האָט ער אויסדערווײלט דערצו, כדי אָנצופילן די וועלט מיט זיין אומרויִקן ליידנשאַפטלעכן פון היץ־ריידן. יענע סודותפולע וועלט, וועלכע דער פּאָעט זעט, די קייטלונג פון די זאַכן, וועלכע איז פאַרן פאַרשטאַנד ניט פאַרשטענדלעך, — זיי קאָן מען ניט אָפּטיילן פון נאַגעלס משוגעת. מען דאַרף נאָר אויסהערן זיינע מעשהלעך און חלומות, וואָס קענען זייער צויבער קאָן ניט ביישטיין אפילו די נשמה פון דעם גרעסטן סקעפּטיקער, כדי צו פאַרשטיין, וואָס נעמלעך רעדט דער אַוטאָר מיט נאַגעלס מויל: „כדי דאָס צו דערציילן דאַרף מען האָבן אַ מאַרך, וועלכער איז אָנגעשטעקט מיט שיגעון". דווקא דעם אַוואַרס שטימע הערט זיך, ווען נאַגעל זינגט זיינע הימנען צו פאַנטאַזיע און סוד, ווען ער טרעט אַרויס קעגן דעם קלאָרן אמת אין נאָמען פון דעם העכערן איראַציאָנאַלן אמת. „וואָס וועלן מיר האָבן דערפון, וואָס מיר וועלן אָפּנעמען ביים לעבן די גאַנצע פּאָעזיע, אַלע טרוימען, די גאַנצע שיינקייט פון דער מיסטיק, דעם גאַנצן ליגן? וואָס איז אַזוינס דער אמת? איר ווייסט עס?

מיר באַוועגן זיך דאָך פאָרוועדטס נאָר אַדאַנק סימבאָלן, און די דאָזיקע סימ־באָלן ענדערן מיר לויט דעם, ווי מיר גייען פאָראויס". נאָר נאַגעל האָט געקאָנט דערציילן די מעשהלע וועגן דעם משוגענעם, — אַ מעשהלע, אין וועלכער עס איז פאַראַן אַזוי פיל אומבאַשרייבלעכער זינען, וועגן דעם משוגענעם, וועלכן ער האָט אכזריש געפּייניקט, וואָס זיין מויל, פאַרדעקט מיט בלוט, האָט געשיקט תפילות צו גאָט וועגן די פּייניקער, געקושט די ערד, וואו נאַגעלס פוס האָט געטראָטן, און ער האָט אים געדאַנקט דערפאַר, וואָס ער האָט אים נאָך מער ליידן ניט פאַרשאַפט. אָדער די מעשהלע וועגן דער בלינדער מיידל און דעם טורעם, פּונקט ווי אָן אַ סוף און אָן אָנהייב, אַ מעשהלע, וואו ס׳קלעפּט זיך ניט איינס מיטן אַנדערן, ווי אַ חלום, אַ ניט קיין קלאָרע, ווי אַ ווייסע ערי־נערונג, און אין דערוועלביקער צייט אַ דורכגעדרונגענע מיט אַ גאַנצלעכער אייגנאַרטיקער שטימונג, אַ פולע מיט אינערלעכער האַרמאָניע, וועלכע איז צעשטערנד פאַר דער אויסערלעכער וועלט.

„מיסטעריעס" — דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישסטער און דער סאַמע פולער אויסדרוק פון האַמסונס שאַפן. די בעסטע שאַפונגען פון דעם דאָזיקן פאָעט זיינען באַהויכט מיט נאַגעלס אומרויִקער און באַגייסטערטער זינלאָזיקייט. דער האַמסונישער העלד איז אַלעמאָל דערוועלביקער. ער טראָגט אומעטום מיט זיך זיינע מעשהלעך, די באַהאַלטענע פעדים, מיט וועלכע ער בינדט צונויף די ערשיינונגען, צעשטערנדיק די שלווה און די אָרדענונג פון דער זעבאַרער וועלט, צעטרייסלענדיק מיט זיין אומרויִקער היץ די קיניגלעכע גרויסקייט פון פּאַן און די שטילע פריידן פון ליבע און פון דעם גרעניצלאָזן אוקיַנוס פון לעבן.

## XVI

ליבע: „וויקטאָריע".— נאַטור: „פּאַן".— ליידן: „הונגער".— לעבן, די טרילאָגיע: „ביי די טויערן פון דעם קיניגרייך", „דראַמע פון לעבן", „אונטערגאַנג".

וואָס איז אַזוינס ליבע? אַ ווינטל, וואָס טראָגט זיך אַדורך איבער רויזן, ניין, אַ עלעקטרישער פונק אינעם בלוט. ליבע — דאָס איז אַ פלאַמעדיקע גהינום־מוזיק, וועלכע לאָזט גיין טאַנצן אפילו די הערצער פון זקנים; דאָס איז אַ מאַרגעריטקע, וועלכע האָט ברייט פונאַנדערגעלאָזט אירע בלעטלעך, ווען די נאַכט איז געקומען; דאָס איז אַ אַנעמאָנע, וואָס פאַרמאַכט זיך פון אַ ווינט־אָטעם און וואָס שטאַרבט אַוועק פון אַ ריר. אָט דאָס איז ליבע.

„זי קאָן פּטרן אַ מענטשן, אויפהייבן אים און פון ס'נײַ שטעמפּלען מיט שאַנד; היינט ליבט זי מיך, מאָרגן—דיך, און די ווייטערדיקע נאַרט אים,—אַזאַ ניט געשטעלטע איז זי. אָבער זי איז אויך פּונקט אַזוי פעסט, ווי אַ פעלז, וואָס קאָן ניט רויִנירט ווערן, און זי ברענט מיט אַ פלאַם, וואָס קאָן ניט געלאָשן ווערן ביז סאַמע טויט, מחמת די ליבע איז אייביק. טאָ וואָס־זשע אַזוינס איז ליבע?

„אָ, די ליבע, דאָס איז אַ זומער־נאַכט מיט הימלען, אַ באַזעצטע מיט שטערן און מיט שמעקעדיקער ערד. פאַרוואָס־זשע לאָזט זי דעם יינגל גיין מיט אַרומיקע סטעזשקעס, און פאַרוואָס לאָזט זי דעם זקן איינזאַם ליידן אין זיין צימער? אַך, די ליבע פאַרוואַנדלט דאָס מענטשלעכע האַרץ אין אַ פאַרטיקן אומפאַרשעמטן גאָרטן, וואו עס וואַקסן סודותדיקע חוצפּהדיקע שוואָמען.

„צי דען ניט זי לאָזט דעם מאָנאַך אַריינצוגנבענען זיך אין פרעמדע גערטענער און אַריינקוקן ביידערנאַכט אין די פענסטער פון די שלאָפעדיקע? צי דען ניט זיך מאַכן משוגע די מנישקעס און פאַרפינסטערט דעם פאַרשטאַנד פון פרינצעסינס? זי לאָזט דעם קיניג בויגן דעם קאָפּ ביז סאַמע דער ערד, אַזוי אַז זיינע האָר פאַרקערן דעם שטויב פון וועג, און זיינע ליפּן שעפּטשען אומפאַרשעמטע ווערטער, און ער לאַכט און שטעקט אַרויס די צונג.

„אָט אַזוי איז די ליבע.

„ניין, ניין, זי איז גאָר אַן אַנדערע, און זי איז ניט ענלעך אויף קיין זאַך אין דער וועלט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ פרילינג־נאַכט, ווען דער יונג האָט דערזען צוויי אויגן... צוויי אויגן. ער האָט געקוקט און זיך ניט געקענט אָפּרייסן. ער האָט געקושט ליפּן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין האַרצן ביי אים האָבן זיך באַגעגנט צוויי שטראַלן: אַ זון און אַ שטערן האָבן געלויכטן איינע דעם אַנדערן אַנטקעגן. ער איז געפאַלן אין אָרעמס און האָט ניט געהערט און ניט געזען מער קיין שום זאַך אויף דער וועלט.

„ליבע — דאָס איז דאָס ערשטע וואָרט, וואָס גאָט האָט אַרויסגערעדט, דער ערשטער געדאַנק, וואָס האָט אויף אים גערוט. ווען ער האָט אַרויסגערעדט: „זאָל זיין ליכט!"—האָט זיך באַוויזן די ליבע. און אַלץ, וואָס ער האָט באַשאַפן, איז געוועזן אַזוי פיין, אַז ער האָט גאָרנישט ניט געוואָלט איבערמאַכן, און די ליבע איז געוועזן דער אורקוואַל פון דער וועלט און איר הערשער; אָבער אַלע אירע וועגן זיינען באַדעקט מיט בלומען און מיט בלוט, מיט בלומען און מיט בלוט".

זינט האַמסון איז געוואָרן פּאָפּולער ביי אונז אין רוסלאַנד, האָט זיך

וויפל מאָל איבערגעחזרט דער דאָזיקער ליבע־הימן פון זיין וויקטאָריע, אַ הימן, וואָס איז אויסגעוועבט פון שטיקלעך, קוים אָנגרייפּבאַרע און ניט ענלעכע מעלאָדיעס. אין דער דאָזיקער תּפילה האָבן זיך, דאַכט זיך, פאַראייניקט אַלע פּייַנען און פריידן פון ליבע, אַלע ליידן און טרערן, מיט וועלכע זי האָט באַגאָסן די וועלט; די אַנטציקונגען, מיט וועלכע זי האָט אָנגעפילט מיליאָסן הערצער; די דערנידערונגען, אין וועלכע זי האָט געלאָזט פאַרזינקען די סאַמע שטאָלצע מוחות, און די הימלשע טרוימען, אין וועלכע זי האָט אַוועקגעטראָגן די סאַמע פּראָזאַישע נשמות. אין דער דאָזיקער תּפילה קלינגען אי קללות פאַר פּייַנען, אי לויב־לידער פאַר ליבע־גליק. די ליבע—דאָס איז דאָס מעכטיקע געווער אין די הענט פון די מאָדערניסטן, מיט וועלכע זיי באַנוצן זיך אָפּטער פאַר אַלץ, כּדי צו צעברעכן דעם גלויבן און דעם מענטשלעכן שכל. די ליבע פאַר פּשיבישעווסקין — דאָס איז די צעעפענונג פון דעם הייַנטיקן מענטשנס נשמה, פאַר מעטערלינקן — דער וועג צו דערקענען די העכערע סודות, פאַר אָ. אוואַיילדן — דער וועג צו דער באַפרייונג פון דער פּערזענלעכקייט. קנוט האַמסון האָט זי פאַרוואַנדלט באַוויַיז פון דעם נצחון און פון דער מאַכט פונם איראַציאָנאַלן. דער געבראַכטער אויבן ליבע־הימען, מיט זיין יראת־הכּבוד־תּפילה־שטימונג איז אַן אַרויסרוף, געוואָרפן דעם פאַרשטאַנד, אַ פּאַטעטישער פאַרשטאַנד, אַ פאַנאַטישער פּראָטעסט קעגן דער שטרעבונג פון דעם מענטשלעכן מאַרך, צו באַשיידן די העכערע סודות מיט זיינע שוואַכע אָנשטרענגונגען. ניט אומזיסט איז דער הימן אויסגעוועבט פון אַזעלכע העלע אַנטיטעזעס. אין אים גיסן זיך פאַנטאַסטיש איבער אי צאַרטע אידילישע טענער, אי פינסטערע פאַרבן, פון וועלכע עס בלאָזט מיט קבר־קעלט. דאָס שעמעוודיקע שעפּטשען, אין וועלכן עס הערט זיך דער ניט זיכערער ציטער פון דער ערשטער ליידנשאַפט, ווערט פאַרשטויבט דורך דעם ציניִשן געשריי פון דער ניט־פאַרדעקטער תּאווה. „וואָס איז אַזוינס ליבע?" די דאָזיקע פראַגע בלייבט אָן אַן ענטפער. מחמת דער סאַמע גענויאַלער מענטשלעכער מאַרך האָט ניט קיין מיטלען שלום צו מאַכן דאָרט, וואו קיין שלום קאָן ניט געמאַכט ווערן, ברענגען אין הסכּם און דערפירן צו לאָגישע קאַטעגאָריעס דאָס, וואָס געפינט זיין שלום און זיין אייַנהייט ניט אין דער וועלט.

אָט אַזוי איז דער זינגען פון „וויקטאָריע", דעם דאָזיקן צאַרטן ראָמאַן, דעם דורכזיכטיקן, ווי אַ וואָלקן, דעם שמעקעדיקן ווי אַ בלימל פון פרימאָרגן, וואָס איז באַשפּריצט מיט טוי. און אין דערזעלביקער צייט קוקט פון הינטער דעם

דאָזיקן ווערק אַרויס דער אונז באַקאַנטער ליידנדיקער פּנים פון נאַגעל מיט זיין אומרויִקן סקעפּטיציזם, מיט זיין משוגעת און שפּרינגענדיקן געדאַנק, מיט זיינע משונהדיקע פּאָסטעמקעס און מיט די אומפאַרשטענדלעכע מעשים. די העלדן פון „וויקטאָריע" זיינען אים קרובים. זיי ליבן איינע די אַנדערע. זייערע נשמות געהערן איינער צום אַנדערן פון קינדווייז אָן. אָבער זיי גייען דורך דעם דאָרנדיקן וועג פון קאַמף און ליידן. זיי וועלן קיינמאָל ניט קענען דאָס גליק פון פאַראייניקונג, מיט ניט־מענטשלעכע ליידן און מיט אומקומען וועלן זיי באַצאָלן דערפאַר, וואָס דער גורל האָט זיי באַשטימט איינער פאַרן צווייטן. און אין דער דערציילונג וועגן זייערע ליידן וועלן די אויסערלעכע מניעות שפּילן אַ ראָלע מער ניט ווי פון דער צווייטער מדרגה. דער הויפּטשטער איז באַהאַלטן אין זייערע אייגענע נשמות. לייענט זיך אויפמערקזאַם אַריין אין דעם דאָזיקן משונהדיקן ראָמאַן, וועט איר זען, אַז ער דעקט פאַר אונז אויף אַלץ די זעלביקע צעטרייסלטע אינערלעכע וועלט פון דעם הײַנטיקן קראַנקן מענטשן, וואָס אין זיין נשמה איז ניטאָ און עס קאָן ניט זיין קיין האַרמאָניע און קיין גלייכגעוויכט. פאַר אים איז ניטאָ קיין גליק און קיין רו און ליבע, ווי עס איז אויך ניטאָ אין דער נאַטור. ער פאַרסמט אַלץ, צו וואָס נאָר ער רירט זיך צו. „וויקטאָריע" צעטרייסלט און באַטריבט די דורכזיכטיקע טיפעניש פונם ריינעם געפיל. דער לייטענאַנט גלאַן פילט אָן מיט זיין אומרויִקער בענקשאַפט די גרויסע קיניגרייך פון דעם אַלטן פּאַן. האַמסונס ראָמאַנען — די דאָזיקע וואונדערלעכע פאָרמען פון ליבע, נאַטור און לעבן קלינגען גלייכצייטיק, ווי אַ טרויעריקער קלאַנג זיך וועגן פאַרלאָרענע גליק און רו, וואָס אַמאָל פלעגן סיי די ליבע, סיי די נאַטור, סיי דאָס לעבן ברענגען דעם מענטשן, וועלכער איז נאָך ניט געווען אויסגעמאַטערט פון סקעפּטיציזם, נאָך ניט צעטרייסלט דורך די סתירות און די קאָמפּליקטן פון הײַנטיקן לעבן.

דער זון פון אַ מילנער האָט זיך פאַרליבט אין וויקטאָריען, אַ פריילין פון שלאָס, און זי האָט אים אויך געליבט. אָבער וויפיל וואונדן, וויפיל אַכזרישע באַליידיקונגען האָט זי פאַרשאַפט זיין האַרצן, איידער ער האָט זיך דערוואוסט דעם אמת וועגן זיין ליבע. ווען די גאַסט האָט אַלס שפּאַס אַוועקגעלאָזן די מיל פון זיין פאָטער, האָט זי זיך קאַלט און שטאָלץ אַנטשולדיקט פאַר אים. אָבער ווען ער איז אַן אויפגערעגטער און אַ צאָרנדיקער געקומען אין וואַלד, האָט ער דערזען וויקטאָריען אַ יאָמערדיקע אונטער אַ בוים. ער איז געוואָרן אַ באַרימטער פּאָעט, זי האָט אים באַגעגנט אין שטאָט און, „האַלטנדיק שטאָלץ דעם קאָפּ אויף דעם בויגיקן האַלז", איז זי שיר ניט פאַרבייגעגאַנגען, קוים־

קוים געענטפערט אים אויף זיין געררוס. זי האָט זיך אַזוי גלייכגילטיק אַרויסגעזאָגט וועגן זיינע לידער, און אין עטלעכע רגעס אַרום האָט זי פונאַנדערגעשפּיליעט דאָס קלייד און האָט אים באַוויזן איינע פון זיינע לידער, וואָס זי האָט שטענדיק געטראָגן אויפן ברוסט. אַ נאַיִווע הייסע ליבע-ערקלערונג, וועלכע מען קאָן גיט פאַרטייען. וועלכע ער האָט אָנגעשריבן שוין לאַנג, ווען די טאָפּאָלבוימער האָבן גערוישט אונטער זיינע פענסטער און ווען די טרוימען האָבן אים אַוועקגעטראָגן אין דער פּריצישער הויז, וואו עס האָט געוואוינט די פריילין פון שלאָס. און נאָכדעם, ווי זי האָט זיך פאַר אים מודה געוועזן אין איר ליבע, האָט זי אים באַגעגנט אין טעאַטער, אָבער זי איז געוועזן מיט איר חתן, דעם לייטענאַנט אָטאָ, דער זון פון אַ קאַמערהער. און זי האָט אים גלייכגילטיק געפרעגט: „איר ווילט וויסן וועגן אייערע עלטערן? דאַכט זיך, ביי זיי איז אַלץ אין אָרדענונג“. און זי איז אַוועק פאַרביי. זי האָט אים איינגעלאַדן אויף אירע תנאים. און זי האָט די דאָזיקע פייערלעכקייט פאַרוואַנדלט דורכאויס אין אַ פיין פאַר אים, זי האָט הנאה געהאַט פון דער אומגעשיקטקייט, וואָס דעם מילנערס זון האָט געפילט אין דעם אַריסטאָקראַטישן הויז. זי האָט זיך איבער אים איזדיעקעוועט. און זי איז געוועזן משוגע פון צאָרן, האָט געריסן אים און זיך אַליין. אַז ער איז אַוועקגעפאָרן, איז זי מיט דעם ערשטן בעסטן אויסרייד געקומען אויפן מיל צו זיינע אַלטע עלטערן, כדי צו דערוויסן זיך וועגן זייער יאָהאַנסענען. אָבער ווען דער אַלטער, אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו פונם זון, איז געקומען אין שלאָס אָנזאָגן איר וועגן דעם, האָט די שטאָלצע אַריסטאָקראַטקע געמאַכט אַ גלייכגילטיקן פנים און האָט קוים אויסגעהערט דעם פאַרוואונדערטן אַלטן. זי האָט געפייניקט אי זיך אי יאָהאַנסענען. ער האָט ניט געוואוסט, אַז דער רויִנירטער פאָטער האָט זיך מיט טרערן איינגעבעטן ביי איר, זי זאָל מסכים זיין אויפן שידוך מיט אָטאָן. אָבער ער איז ניט געוועזן שולדיק אין דעם, וואָס איר פאָטער איז רויִנירט געוואָרן. צו וואָסזשע זיינען ביידע געוועזן די דאָזיקע פיינען און דאָס איזדיעקעוועןן זיך? פאַרוואָס האָט זי אים ביז צום סוף ניט געזאָגט דעם אמת, פאַרוואָס האָט זי זיך שטענדיק אַרויסגעשטעלט ניט פאַר אַזאַ, ווי זי איז געוועזן אין דער ווירקלעכקייט, פאַרוואָס איז זי געוועזן אַ קאַלטע און אַ שלעכטע, בשעת איר האָט זיך געוואָלט פאַלן אין זיינע אָרעמס? פאַרוואָס? וואָס איז אַזוינס ליבע? דאָס זיינען פראַגן, וועלכע עס שטעלט אַרויס דער פאַרשטאַנד, וועלכער וויל געפינען אַן ערקלערונג פאַר אַלץ, אָבער די דאָזיקע פראַגע עקסיסטירט ניט אין יענער איראַציאָנעלער ספערע, וואו דער פאַרשטאַנד שווייגט, וואו עס איז בטל די אום-

פולקומע מענטשלעכע לאָגיק, וואו אַלץ ווערט דערגרייכט אויף אַן אוממיטל־באַרן וועג, דורך די ניט־זעבאַרע און אומדערקלערלעכע פעיִקייטן פון דעם מענטשנס נשמה. די גאַנצע פּאָעזיע האַמסונס איז אַן אַנטציקונגס־הימן לכּבוד דעם אומדערקלערלעכן, אַ האַלב־אויפגעהייבענער פאָרהאַנג, וועלכער פאַרדעקט די וועלט פון מיסטעריעס.

און אויב דערנענטערן זיך צו די סודות פון זיין קאָן מען נאָר דורך די איראַציאָנעלע פעיִקייטן פון דער נשמה, שטעלט זיך פאַר האַמסונען די ליבע פאַר אַלס דער העכערער מאָמענט, וועלכער וועקט די דאָזיקע פעיִקייטן. זי איז אויסגעוועבט פון סתירות, זי לאָזט דעם מענטשן באַגיין זיך קעגן יעדער לאָגיק להיפך צו די סאַמע באַשיינפערלעכע פאָדערונגען פונם פאַרשטאַנד. זי איז די לעבעדיקע אָפּלייקענונג פון קאָנסעקווענטקייט און רעגלמעסיקייט. און אין דערזעלבער צייט קאָן דען ווער אַ ספק האָבן אין יענער העכערער ראַציאָנעלער איראַציאָנעלקייט, אין יענער באַזונדערער קאָנסעקווענטער אומקאָנזעק־ווענטקייט, וועלכע באַרעכטיקן יעדן טריט אירן? אויב אַזעלכע אומוואַרשיינ־לעכע פאַראייניקונגען פון באַגריפן, וועלכע די מאָדערניסטן האָבן אַזוי ליב, באַקומען אונטער עמעצנס פעדער שיינקייט און קראַפט, איז עס דווקא אונטער האַמסונס פעדער. הערט זיך איין אין די דאָזיקע דעפיניציעס פון דער ליבע, וועלכע קלינגען ווי מוזיק, וועלכע שמעקן, ווי דער אַראָמאַט פון בלומען, וועט איר דערהערן נאָר קראַנקע צעטרייסלענדיקע אַקאָרדן, וועט איר איינאָטעמען נאָר אַן אַראָמאַט, פון וועלכן מען פאַרלירט דעם זינען. קיין איין באַרויִקנ־דיקער, פרידלעכער קלאַנג. זי „לאָזט גיין מיט אַרומיקע שטעזשקעס", זי „מאַכט משוגע מנישקעס", זי „פאַרפינסטערט דעם פאַרשטאַנד" פון פּרינצעסינס. איר שיינקייט איז אין איר אומפאַרשטענדלעכקייט. איר באַדייטונג ליגט אין דעם, וואָס זי וועקט די איראַציאָנעלע פעיִקייטן פון דער נשמה. פאַרמאַכט די לעצטע זייט פון דעם דאָזיקן אומנאָכמאַכלעכן ראָמאַן, און גיט זיך איבער דער אומ־מיטלבאַרער שטימונג, וועט איר זיך איבערצייגן, אַז דער פאַרשטאַנד איז איינ־געשלאָפן, פאַשוואונדן די פעיִקייט פון אַנאַליז, און פון דער טיפעניש פון דער נשמה הייבט זיך אויף כוואַליעסווייז עפּעס אַזוינס פעסט־אמתדיקס און קלאָרס, דאָס, פאַרוואָס עס אין דעם מענטשנס פאַרשטאַנד ניטאָ קיין אָרט, ניטאָ קיין דעפיניציע אין דעם מענטשס שפּראַך, ווייל אויך דער פאַרשטאַנד, אויך די שפּראַך זיינען ניט פולקום, בלויז די זינלאָזיקייט איז פולקום. איר גלויבט דעם אַוטאָר, איר ווייסט אוממיטלבאַר, אַז דער דאָזיקער קאַמף פון צוויי נשמות, וועלכע עס האָט געצויגן איינע צו דער צווייטער, איז געווען

אומפאַרמיידלעך און לאַגיש. אויך ריכטיק און לאַגיש איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן געקעמפּט, געקריגט און געריסן זיך אַנשטאָט איבערצוגעבן זיך דעם גליק פון ליבע. און עס איז געווען קאָנזעקווענט און פאַרשטאַנדיק דאָס, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט זייער העכערע שטרעבונג אײנער צום צווייטן, וואָס זיי זיינען אַוועק פון דער וועלט ניט קיין פאַראייניקטע. פּרווט אַנאַליזירן דעם דאָזיקן איבערערדישן פּאָדעם פון געשטאַלטן, וועלן זיי צע־שוואומען ווערן, ווי געשפּענסטער, פּרווט נעענטער באַטראַכטן די דאָזיקע גע־שפּענסטער־וועלט, וועלכע איז אַזוי האַרמאָניש דווקא דערפאַר, וואָס אין איר איז אַלץ אומקלאָר, אַלץ אויסגערעכנט אויף אַ האַלבפאַרשלעפּערטן פאַרשטאַנד, אויף אַ האַלב פאַרמאַכטער אויג. פּרווט אַ בליק טאָן מיט ביידע אויגן, פּרווט אויפזאַמלען אַלע קרעפטן פון שכל הישר — וועט פון דער צויבערלעכער וועלט פאַרבלייבן שטיקלעך, וועלכע האָבן קיין צויבערלעכע קראַפט ניט.

אויב עס האָט ווער געקענט איינשלעפערן דעם שכל, אויב עס קאָן ווער נייטן צו גלויבן, אַז זעונגען פון היך איז דער וועג צו אַ העכערער וועלט, איז עס נאָר האַמסון. און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס זיין פאַר־שיכורנדיקע פאָעזיע האָט אַזוי טיף פאַרכאַפּט די קראַנקע נשמה פון דעם היינטיקן מענטשן מיט זיין דאַרשט נאָך אָפּיום און האַשיש. האַמסון ליבט אַלץ, וואָס איז אין מענטשן מבטל די שטים פון שכל, שטעלט אָן זיין נשמה ווי עאָלס האַרפע, געבוירט אין איר די סאַמע אומגעווייגלעכע קלאַנגען ביים קלענסטן ווינטל, וואָס קומט פון דער אויסערלעכער וועלט. ער האָט פאַר־וואַנדלט די קראַפט אין פּאָעטיזירנדיקער ליבע. ער האָט צוליב דעם צוועק אויך אויסגעניצט דאָס ליידן. „איך האָב מיך געפילט, ווי די פאַרקערפּערונג פון ליידן”, זאָגט דער העלד פון „הונגער”. אָבער סאַר אַ טיפער טעות עס איז צו הערן אין דעם דאָזיקן האַרצרייסנדיקן בילד פון ליידן אַ פּראָטעסט קעגן מענטשלעכן עגאָיזם, אַ פאַרטיידיקונגס־רעדע לטובת די אומגליקלעכע. דאָס איז ניט קיין ערציילונג וועגן הונגער, דאָס איז אַ צויבער־מעשהלע וועגן וואונדערלעכע וועלטן, וועלכע ווערן געבאָרן אין דעם צעהיצטן דמיון פון דעם הונגעריקן. און עס דאַכט זיך, כלומרשט, דער פּאָעט, פאַרפלויגן מיט זיין פאַנטאַזיע, רופט ניט צו פאַרלייכטערן די פיזישע פּיינען פון דעם מענטשן, נאָר ער זינגט אַ הימן לכבוד די דאָזיקע פּיינען, וועלכע זיינען אַראָפּגעשיקט אויף אונזער טונקעלער גראָער וועלט, כדי אויפצוהייבן דעם פאָרהאַנג פון דער אייביקייט, אויפדעקן די שיינקייט ניט פון דער וועלט.

דער רעאַליזם פון דער דאָזיקער שרעקלעכער ערציילונג מאַכט אַ צע־

טרייסלענדיקן רושם. נאָר די בלענדנדיקע פאַנטאַזיעס, וואָס אין איר, באַצויבערן ס'ווערט שרעקלעך, ווען מען לייענט וועגן די דאָזיקע אָנגרייפן פון הונגער וועלכע ברענגען דעם מענטשן אַרויס פון זיך, ווען מען פילט כמעט, ווי „די קישקעס, פונקט ווי ווערים, דרייען זיך איבער" אין דעם אויסגעפייניקטן מענטשן, ווי ער שלינגט די שלינע, כדי אָפּצונאַרן דעם מאָגן, ווי נאָכן שלאָף וועקט זיך דער הונגער אויף מיט נייער קראַפט, „גריבלט זיך אין ברוסט, קלאַפּט, און דערלאַנגט אַ ריי דינע און שוואַכע שטעך, וועלכע פאַרשאַפן שרעקלעכע ליידן". מען זעט כמעט פאַר זיך דעם דאָזיקן בלאַסן מענטשן מיט משוגענע אויגן, וועלכער בייסט זיינע פינגער, וועלכער קייט שטיינדלעך, אָדער סטרוזשקעס, וועלכער קאָרטשעט זיך פון איבל, וואָס עס רופט אַרויס די דערשלונגענע מאַראַנץ־שאָלעכץ, וועלכע ער האָט אויפגעהויבן אין דרויסן. עס ווערט שרעקלעך, ווען מען לייענט, ווי נאָך אַ לאַנגן הונגערן איז דער מענטש אָנגעפאַלן אויף שפייז. „איך האָב גענומען עסן, מיט זשעדנעקייט, געשלונגען גרויסע שטיקער, ניט צעקייטערהייט, ווי אַ חיה, הנאה האָבנדיק יעדעס מאָל, ווען כ'האָב אָנגעפילט דאָס מויל, רייסנדיק דאָס פלייש מיט דער אַנטציקונג פון אַ מענטשנפרעסער... די שפייז האָט אויף מיר געווירקט אויפן שעדלעכסטן אופן, און איך האָב מיך מיט איר געמוזט שיידן. אין יעדן פינסטערן ווינקעלע אויפן וועג האָב איך זי אַרויסגעוואָרפן, אומזיסט קעמפנדיק מיט די ווייטאָגן, וועלכע האָבן מיך געוועבערט, צונויפדריקנדיק די פויסטן, טאָפּענדיק מיט די פיס, מיענדיק זיך צו דערשלינגען די שטיקלעך, וועלכע דער אָרגאַניזם האָט ניט אויפגענומען—אָבער אַלץ אומזיסט! איך בין אַריינגעלאָפן אין אַ פינסטערע אַלייע און דאָ, כמעט אַ פאַרבלענדעטער פון די שטרוימענדיקע טרערן, האָב איך געמוזט אויסברעכן דעם אָוונטברויט מיינעם. איך בין געווען אויסער זיך פון צאָרן, האָב געקלאָגט און פאַרשאָלטן די אומבאַוואוסטע קרעפטן, וועלכע האָבן מיך פאַרפאָלגט, האָב זיי געשאָלטן מיט אַלע פּיינען פון גהינום. סאַר אַ נבלה, סאַר אַן אומגעהערטע נבלה עס איז, וואָס דער גורל באַגייט זיך מיט מיר אַזוי"!

די פיזישע פּיינען פון הונגער זיינען שרעקלעך. אָבער אַריינלייענענדיק זיך אויפמערקזאַם אין דער דאָזיקער ערציילונג, הייבט איר ביסלעכווייז אָן צו איבערצייגן זיך, אַז גאָרנישט אין זיי באַשטייען די הויפּט־ליידן פונם העלד. ער איז אַריינגעפאַלן אין שוואַכקייט פון הונגער, אָבער ער האָט געיאָמערט, געוויינט מיט ביטערע טרערן פון באַ יידיקונג, איבערהויפּט דעמאָלט, ווען דעם מענטשן, אַ אויסגעפייניקטן פון הונגער, וואָלט אין פלוג ווייניקער פאַר אַלץ

געפּאַסט צו וויינען. דער פּאָליציאַנט האָט זיך צו אים געווענדט מיט גוטמוטיקע רייד, און זעט, ווי אַזוי זיי האָבן געווירקט אויף דעם מאָדנעם העלד. „איך האָב מיך פונאַנדערגעוויינט, ווי אַזוי איז עס ביי מיר ניטאָ קיין פינף קראָן, כדי אָפּצודאַנקען דעם דאָזיקן ווערדיקן מענטשן. איך האָב לאַנג געקוקט פון ווייטן, ווי אַזוי ער איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן ראָג גאַס, איך האָב זיך געשלאָגן איבערן שטערן און געוויינט אַלץ ביטערער, וואָס ווייטער איך בין אַוועקגעגאַנגען פון אים”. אָדער די דאָזיקע מערקווירדיקע סצענע: ער האָט גענעכטיקט אין אַ הכנסת=אורחים=שטוב, און הגם ער האָט אינדערפרי געקאָנט באַקומען אומזיסט אַן אָנבייסן, האָט ער דאָך געמאַכט אַזאַ אָנשטעל, אַז מ׳האָט עס אים אַפילו ניט פאָרגעלייגט. „אַ קאַרטע! מיר אויך אַ קאַרטע! איך האָב שוין דריי טעג און דריי נעכט ניט געגעסן. מיר אויך אַ שטיקל ברויט! אָבער קיינער האָט מיר ניט פאָרגעלייגט קיין קאַרטע, און בעטן אַליין האָב איך ניט געהאַט קיין דרייסטקייט. דאָס וואָלט געקענט אַרויסרופן אַ חשד. מיט אַ הויך געהייבענעם קאָפּ און מיט אַן אויסזען פון אַ מיליאָנער בין איך אַרויס פון ראַטוש”. ער וויינט ניט אין די מאָמענטן, ווען ער פאַרלירט שיר ניט דעם זינען פון הונגער, אָבער ער „וויינט פון פאַרצווייפלונג”, בשעת ער קאָן ניט געבן קיין געלט דער מיידל פונעם קאַטערינשטשיק. ער קייט אַ סטרוזשקע, כדי צו פאַרטרייבן די פיזישע ליידן, און אין דערזעלביקער צייט שטראָפט ער זיך דערפאַר, וואָס ביי אים האָט זיך אויף אַ רגע באַוויזן דער ניט—דזשענטלמענישער געדאַנק, צו בעטן ביים רעדאַקטאָר אַן אַוואַנס. זיין דענדיזם, זיין פיינקייט און דער געפיל פון אייגענער ווערדע זיינען צו באַוואונדערן. קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס פון פיינלעכע ווייטאָקן אין מאָגן, זאָגט ער זיך מיט אַ רויִקן אויסזען אָפּ פון אַן אַוואַנס, וואָס דער רעדאַקטאָר לייגט פאָר. באַקומען צופעליק עטלעכע קראָן, באַשענקט ער רייך די באַדינערין, וועלכע דערלאַנגט אים אָונטערברויט אין רעסטאָראַן. אַליין אַן אָרעמאַן, גיט ער אַוועק דעם ערשטן בעסטן דאָס גאַנצע געלט, וועלכע ער באַקומט אַמאָל פאַר אַן אַרטיקל, כדי פון ס׳ניי צו בלייבן הונגעריק.

האַמסונס העלדן האָבן אַלע מאָל איין אַלגעמיינעם שטריך. זיי טוען אַלע אָפּ אומפאַרשטענדלעכע מעשים, אַלע זיינען זיי נוטה צו משונהדיקע, אומגעלומפּערטע שטיק. נאַגעל טוט אָפּ סאַמע זינלאָזע זאַכן. וויקטאָריע און איר געליבטער פאַרוואונדערן מיט זייערע אומדערקלערלעכע אויפברויזן, מעשים, וועלכע זיינען סותר זייערע געפילן און וואונטשן. לייטענאַנט גלאַן וואַרפט גלאַט אַזוי פון העלער הויט אַרויס עדוואַרדעס שיכל אין וואַסער. דער העלד

פון „הונגער" שיידט זיך ניט אונטער פון זיינע חברים. דאָ ברענגט ער אין פאַרלעגנהייט עפּעס אַ פריילין, מעלדנדיק איר, אַז זי וועט פאַרלירן דאָס בוך, הגם זי האַלט אין די הענט גאָר קיין בוך ניט. דאָ פאַרווײלט ער זיך, אַ וואָרף טועודיק אויף דער ערד אַ פּעקל און צוקוקנדיק די פאַרלעגנהייט פונם פּאָליציאַנט; דאָ דערציילט ער מעשהס ניט געשטויגן ניט געפלויגן עפּעס אַן אַלטן מאַן, דאָ טראַכט ער אויס עפּעס אַ מאָדנעם וואָרט, „קובאַאַ", דאָ פּליט ער אויף אַ דראָזשקע זוכנדיק אַ קירולף, וואָס לא היה ולא נברא. די דאָזיקע וואונדערלעכע אײַנגעשאַפּט פון די האַמסונישע העלדן פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם אײַנדרוק פון דער אינערלעכער קראַפט, וועלכע איז באַהאַלטן אין איראַציאָנעלן. דאַכט זיך, אַז די מעשים פון די מענטשן, וועלכע קאָנען לעבן מיט אַ העכערן ראַפינירטן לעבן, האָבן עפּעס אַ ניטזעבאַרע אינערלעכע האַרמאָניע, נאָר זיי באַקומען אַ קרומע מיאוסע אָפּשפּיגלונג דאָ אין דער וועלט פון חושים. עס קלעקט צו דערמאָנען זיך די סצענע מיט דעם שליח, די צען קראָן וואָס עס האָט געשליידערט דער ווירטין אין פּנים דער פון הונגער שטאַרבנדיקער קבצן, כדי איבערצוציינגן זיך, אַז דער עיקר פון דער דאָזיקער דערציילונג ליגט ניט אין דער שילדערונג פונם הונגער, נאָר אין די משונהדיקע אויפברויזן, אין די קאָמפּליצירטע איבערלעבונגען פון דעם העלדנס נשמה. עטלעכע מאָל דאַכט זיך, אַז אפילו די סאַמע עלעמענטאַרע פעיִקייט צו חשבון וואָלט געקאָנט מציל זיין דעם העלד, העלפן אים אַרויסצוגיין פון זיין קלעגלעכער לאַגע. עטלעכע מאָל דאַכט זיך, אַז אָט אָט וועט ער אויסנוצן דאָס געלט, וואָס איז אים צופעליק אַרייַנגעפאַלן, ער וועט ענדיקן שרייבן זיין דראַמע אָדער זיין ראָמאַן, אין וועלכע עס איז דאָ אַ היבש ביסל באַגייסטערטע ערטער, און ער וועט דאַן אַרויס אויפן ברייטן שליאַך. אָבער דאָס איז די מעשה, וואָס ער געהערט צו יענע, וועגן וועלכע דער פּאָעט האָט געזאָגט: „זיי זיינען ניט באַשאַפן פאַר דער וועלט, און די וועלט איז געווען באַשאַפן ניט פאַר זיי". ווי אַלע העלדן פון דער מאָדערניסטישער פּאָעזיע לעבט ער מיט אַ רייכן אינערלעכן לעבן און איז ניט פעיִק צו רעכענען זיך מיט די אויסערלעכע פאָרמען פון געזעלשאַפט. ווי זיי אַלע גליטשט ער זיך איבערן אָפּגרונט. ער מוז אומקומען אין לעבן, ווי עס קומען אום אַלע אויבערמענטשן, וועלכע שטעלן זייער אינערלעכע וועלט העכער איבער דער אויסערלעכער. קיינע עשירות וואָלטן ניט געראַטעוועט דעם העלד פון „הונגער"! ער טראָגט אין זיך דעם קערן פון זיין טויט. ער איז פונקט אַזוי פיינדלעך און ניט-פאַרגלייכלעך מיט דער זעבאַרער ווירקלעכקייט, ווי בראַנד און דאָריאַן גריי. דער הונגער איז אין דער דאָזיקער משונה-

דיקער דערציילונג נאָר איינע פון די פּאָרמען, אין וועלכע עס קומט אום דער איבערמענטש אין דער מענטשלעכער וועלט. דאָס צויבערלעכע, דאָס העכערע נעמט אָן דאָ, אויף דער ערד, מיאוסע פּאָרמען און הערט אויף צו זיין צויבערלעך.

שרעקלעך איז די דאָזיקע הויט, וואָס הענגט אויף די הענט; די דאָזיקע העמד, וועלכע ווערט ניט געביטן אין אַ משך פון גאַנצע וואָכן, וועלכע איז צונויפגעקאָרטשעט און פאַרהאַרטעוועט פון שווייס. אָבער צי דען שטערן זיי דעם קלעגלעכן פון די קלעגלעכע דאָ אויף דער ערד צו זיין אַ קיניג און אַ מנצח, איבערצולעבן איינעם פון די וואונדערלעכסטע ראָמאַנען, וועלכע די פּאָעזיע האָט נאָר באַשאַפן? צווישן די סאַמע שאַרפע ליידן פון הונגער האָט ער איבערגעלעבט דאָס גליק, וואָס איז ניט באַוואוסט צו די פּראָזאַישע נשמות, וועלכע לעבן אין די באַגולטע פּאַלאַצן. „אָבער אָט שווימען צו מיר צו שוואַרצע פּאַרזעענישן. זיי טראָגן מיך אַוועק אין ווייטע לענדער, מעבר לימים, צו דעם שלאָס פון דער פּרינצעסין אילאַיאַלי. דאָרט וואַרט אויף מיר אומגעהערטעס איבערמענטשלעכעס גליק. זי זיצט אין אַ זאַל, וועלכער שיינט מיט אַמעטיסטן אויף אַ טראָן פון געלע רויזן און שטרעקט צו מיר די האַנט ביי דער באַגעגעניש. איך גיי צו, בייג פאַר איר די קני און איך הער: „זיי געגריסט פון מיר און פון מיין קיניגרייך, ריטער. איך וואַרט אויף דיר ניט איין פּרילינג, איך האָב דיך גערופן אין די שטענדיקע נעכט, איך האָב געוויינט איבער דיר, ווען דו האָסט געטרויערט, און אָנגעווייעט אויף דיר טרוימען, ווען דו האָסט געוויינט פון מידיקייט!" און די שיינהייט נעמט מיך אונטערן האַנט און פירט... פירט דורך ענדלאָזע זאַלן, וואו המונים פון פאָלק שרייען און שאַלן זעענדיק זי; דורך ליכטיקע גערטנער, וואו עס שפּילן און פרייען זיך דריי הונדערט יויגע מיידלעך — און אָט זייַנען מיר אין אַ צווייטן זאַל, וואו אַלץ בליצט מיט סמאַראַגדן. די זון שיינט דורך דעם דורכזיכטיקן סופיט, פון דערווייטן הערן זיך צאַרטע קלאַנגען פון פאַרהוילענע כאָרן און אין דער לופטן טראָגן זיך אַרום באַרוישנדיקע אַראָמאַטן. איך נעם זי פאַרן האַנט. די ליידנשאַפט גיסט זיך פונאַנדער איבערן בלוט, און זי שמייכלט צו מיר און פירט מיך אין אַ דריטן זאַל, וואו רובינען גלאַנצן מיט פּראַכט פון געלוסטונג און אירע הענט פלעכטן זיך אַרום מיין האַלז, איר אָטעם גליטשט זיך איבער מיין פּנים און זי שעפּטשעט: „זיי געגריסט, מיין געליבטער! קוש מיך, קוש מיך!"

און די דאָזיקע לעגענדאַרע זייטן פון דער טראַגישער דערציילונג טרייבן

אָן אַ געפיל פון אַ העכערער, ניט־דאָיִקער וועלט, וואו נישטיק ווייזן אויס די פּיינען פון דער ערד, און ס׳דאַכט זיך, כּלומרשט, דער פּאָעט גלויבט, אַז פאַר דער נשמה, וועלכע איז בעצייכנט דורך גאָטס האַנט, קאָנען די „לאַנגווייליקע לידער פון ד׳ערערד״ ניט פאַרבייטן די „קלאַנגען פון הימל״, און, דאַכט זיך, אַז ניט איראָניע, נאָר אַ טיפער זינען, אַ העכערע באַפרידיקונג זייגען פאַרבאָרגן אין די דאָזיקע ווערטער פונם העלד: „איך טראָג ניט אַריבער קיין שפּייז, — אַזאַ טבע האָב איך שוין. איך בין באַשאַפן לגמרי אַנדערש, ווי אַלע, איך בין איינער אין מיין אַרט״. אָדער אין דער דאָזיקער רעפּליק: „משונהדיקע שטיק מאַכט דער הונגער מיט דעם מענטשן! איך בין שוין גליקלעך, כּ׳שווים אין קלאַנגען. עס הייבט מיר אָן צו דאַכטן, אַז איך פלי צום הימל און פלאַטער אַרום אין זונען־שטראַלן״. כוואַליעס פון פאַרשיידענע געפילן און שטימונגען טרייבט אָן די דאָזיקע פּאָעמע, די שרעקלעכע, ווי אַ סקעלעט, די פּיינע ווי אַ פאַנטאַזיע. אָבער אין דער מאַסע שטימונגען, געפילן און געדאַנקען, וועלכע הייבן זיך אויף אין דער נשמה, שטייט איין בילד העלער פאַר אַנדערע, דאָס איז ס׳בילד פון צוויי וועלטן, די אידעע פון אייביקן דואַליזם. און אין האַמ־סונס משונהדיקער פּאָעמע קלינגען, דאַכט זיך, צוויי שטימען: דער פייערלע־כער הימן צו יענער וועלט און צו די סודות, וואָס גייען פון דאָרטן, און דאָס פאַראַכטלעכע ליד וועגן דער ערד, וועגן אירע נישטיקע ליידן, וועגן די ימים פון מענטשלעכע טרערן און בלוט, וואָס אויב זיי רופן שוין יאָ מיט עפּעס אַרויס נייגעריקייט, איז עס נאָר דערמיט, וואָס אין זיי זעט זיך די גאָטהייט און אין זיי שפּיגלען זיך אָפּ מיסטעריעס. האַמסון האָט פיל געליטן און, מ׳זאָגט, זיין ערציילונג איז ניט קיין אויסגעטראַכטע זאַך, נאָר אַ ביאָגראַפישער דאָקומענט. אָבער וואו איז דער אויסגאַנג פון דער שווערער דראַמע, — אין דער וועלט פון פאַנטאַזיע, צי אויף דעם וועג פון קאַמף מיט די מענטשלעכע ליידן? צי זאָלן די דאָזיקע ניט־מענטשלעכע פיזישע ליידן באַווייזן די נישטיקייט פון מאַטעריעלן פּיין? וואָס איז דאָ פאַר אונז: אַ רעוואָלוציאָנערער געשריי פון אַן אומגליקלעכן, צי אַ סאַרקאַסטישער שמייכל פון אַ פּאָעט, אַ סאָציאַלער ערדישער פּראָטעסט, אָדער אַ באַהאַלטענע איראָניע איבער אַלע סאָציאַלע פּראָטעסטן און איבער אַלע ערדישע אָנשטרענגונגען? וואָס וויל דער אַווטאָר זאָגן? — זעט, ווי שרעקלעך עס זייגען די פּיינען פון הונגער, אָדער, טוט אַ בליק, ווי נישטיק עס זייגען די פּיינען פון הונגער. צי איז ס׳דאָזיקע האַרצרייסנדיקע בילד באַשאַפן געוואָרן, כּדי דאָס האַרץ זאָל אַ ציטער טאָן, קוקנדיק אויף די דאָזיקע עינויים? אָדער זי איז באַשאַפן, כּדי צו באַווייזן, אַז

די עכטע באַפרייונג איז אינעווייניק און אויסערהאַלב דעם מענטשן; אַז אַלע אימות פון דער ערד זיינען ניט בכוח אָפּצונעמען דעם הימל ביי דעם מענטשן, וועלכער האָט אים געפונען. און אפשר זיינען אַזוי פינסטער געשילדערט די דאָזיקע אימות פון דער ערד, כדי עס זאָל נאָך בולטער אַרויסשטעלן זיך די גרויסקייט פון דער אַוטאָנאָמער העכערער וועלט, כדי אין דעם מיאוסן שמוץ פון דער ערשיינונגען־וועלט זאָל העלער שפּילן דער ניט־טונקלדיקער גלאַנץ פון די קאָסטבאַרע שטיינער.

דער אויפגערודערטער געדאַנק פון דעם הייַנטיקן מענטשן ווייס ניט פון קיין רו און האַרמאָניע און דאָרשט נאָך דעם, און ניט געפינענדיק עס אויף דער ערד, האָט ער זיך ווידער געלאָזן צום הימל. די שיינקייט פון האַמסונס פּאָעזיע איז דווקא אין דעריין, וואָס ער האָט באַוויזן דעם דאָזיקן הימל, אָפּגעשפּיגלט אין דער הייַנטיקער אומרויִקער נשמה. זיינע מטורפים פילן אָן מיט זייער אויפגערודערטקייט גאָר די וועלט, און נאָר דורך דער פּריזמע פון דער דאָזיקער צערודערטקייט זעען זיי, קאָנען זיי אָנרירן די אייביקייט. זייער ליבע איז אַ צערודערטע מיט פלוצלונגע אויסברוכן, אַ פולע מיט חסרונות און שיגעונות. זייער ליידן — דאָס גלייכן. מיט זייער אומרויִקער נשמה האָבן זיי אויפגערודערט די קיניגרייך פון אַלטן פּאַן. ווער קאָן ניט דעם דאָזיקן וואונדערלעכן ראָמאַן, די שענסטע זייטן, וואָס האַמסון האָט אָנגעשריבן, דעם טייערסטן פּערל פון דער וועלט־פּאָעזיע! ווער האָט אַזוי צויבערלעך געקאָנט איבערגעבן די דאָזיקע צעשמעלצונג פונם מענטשן אין דער נאַטור, די דאָזיקע צונויפגיסונג פון דעם מענטשנס נשמה מיט דער וועלט־נשמה? און דווקא אין דעם דאָזיקן ווערק קלינגט דאָס טרויעריקע ליד וועגן אייביק פאַרלאָרענעם, וועגן יענע אויף אייביק פאַרגאַנגענע צייטן, ווען דעם מענטשנס נשמה איז געווען אַ גאַנצע, ווען אין איר איז נאָך ניט אַריינגעדרונגען דער שווערער פּירוד, ווען ער האָט נאָך מיט זיך אומעטום ניט געטראָגן זיין אומרויִקע בענקשאַפט, ניט אַריינגעטראָגן קיין דיסהאַרמאָניע אין דער האַרמאָנישער קיניגרייך פון פּאַן.

אין יולי 1830 יאָר, האָט הייַנע גענאָסן די נאַטור, צונויפגעגאָסן זיך מיט איר אויפן אינזל העלגאָלאַנד, — ווייט פון שטעט, אַרומגערינגלט פונם געליבטן ים. קיין זאַך האָט ניט געשטערט זיין רויִק גליק פון הסתכלות־לעבן. אַרום האָט געהערשט אַ פייערלעכע שטילקייט. דער הימל איז ענלעך געווען אויף אַ קופּאָל פון אַ גאָטישן קלויסטער, גלייך ווי אַ מענגע לאָמפּן אָן אַ שיעור זיינען אין אים געהאַנגען די שטערן, אָבער זיי האָבן געברענט פינסטער און

פלאַטערנדיק. די כוואַליעס האָבן געברוישט, שטורעמדיקע לידער זיינען געפלויגן פון זיי, אַמאָל צעבושעווענדיק זיך מיט קרענקלעך־פאַרצווייפלטע קלאַנגען, אַמאָל פולע מיט גרויסער פייערלעכקייט. „איבער מיר,—זאָגט דער פּאָעט, האָט זיך דורכגעטראָגן אַ קאַראַוואַן ווייסע וואָלקנדיקע געשטאַלטן, וועלכע זיינען ענלעך געווען אויף מענטשן, גייענדיקע אין אַ טרויעריקער פּראָצעסיע מיט געבייגטע און מיט טיפזיניקע בליקן... גלייך ווי זיי זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך עמעצנס לוויה... וועמען איז מען מלווה? ווער איז געשטאָרבן? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט. — צי איז ניט דער גרויסער פּאַן געשטאָרבן?" און פּאַן איז ווירקלעך געשטאָרבן. היינע האָט באַקומען צייטונגען מיט דער ידיעה וועגן דער יולי־רעוואָלוציע אין פּאַריז, — „זונענשטראַלן איינגעוויקלט אין פּאַפּיר", וועלכע האָבן אַרויסגערופן אין זיין נשמה „די ווילדסטע שרפה".

זינט דעמאָלט קאָן ניט אויפשטיין תחית המתים „דער גרויסער פּאַן", זינט דעמאָלט איז ניטאָ מער קיין האַרמאָנישע צונויפגיסונג פון דער פּערזענלעכקייט מיט דער נאַטור. זינט דעמאָלט האָט זיך דער קראַנקער זון פון שטאָט, אַ דערשטיקטער אונטער די שטיינערנע מאַסן, אַ פאַרטויבטער דורך דעם גערויש פון טראַמווייען, אַן אָנגעזאַפּטער מיטן רויך פון די פאַבריקןקוימענס, פאַרגעסן צו פילן גערוימקייט, ליבן די שטילקייט פון וואַלד און אָנזען די זון. און אויב ער וויל זיך אָנרירן מיט דער נאַטור, געפינט ער דאָ ניט, וואָס ער זוכט. זי גיט אים ניט יענע שלום ושלווה, וועלכע זיינען אַזוי נייטיק פאַר זיין אויפגערודערטער נשמה. וואָס איז אַזוינס האַמסונס „פּאַן"? אין אים זיינען מיט גלייכער קראַפט פאַרקערפּערט סיי דער אַלמעכטיקער כוח פון דער נאַטור, סיי די פּרוכטלאָזע שטרעבונג פון דער היינטיקער קראַנקער נשמה צו געפינען גליק אונטער אירע פליגלען. אין דער רשימה פון די גרויסע ווערק פון דער וועלט־פּאָעזיע, וועלכע האָבן אַנטפּלעקט די אַלץ־איינגעמענדיקע מאַכט פון דער נאַטור, וועט האַמסונס „פּאַן" פאַרבלייבן איינע פון די טייערסטע פּערל. מיט אומגעהייערער פּאָעטישער קראַפט פאַרקערפּערט ער דעם צושטאַנד פון דער נשמה, ווען מען פילט ווירקלעך, אַז מען שטייט פּנים אל פּנים מיט דעם יסוד פון דער וועלט, און דאָס האַרץ קלאַפּט אַנטקעגן דעם הימל, גלייך ווי דאָרט איז אונזער רו. די נשמה נעמט אָנטייל אין דער יובלדיקער פרייד פון די פייגל און חיות, וועלכע זיינען מקבל פּנים דעם באַגינען און דער מענטש ווייַנט אויס ליבע צו די געוויקסן, צום פּאַפּאַראָטניק און צו די בלימעלעך פון סטעפּגראָז, פילט דעם ריח פון די ווילדע נעגעלעך, וועלכע ער זעט ניט, גייט אַרום פון בלימל צו בלימל און קוקט, ווי „זיי זיינען פאַר־

שיכורט, די דאָזיקע פאַרשיכורטע בלומען", און „זעט, ווי זיי ווערן פאַרשיכורט". דאָס איז יענע נאַטור, וועלכע לאָזט דעם מענטשן בענטשן דאָס לעבן און די ערד און דעם הימל, זיינע שונאים, וועלכע וועקן אין אים אויף די גרייטקייט „אויפצובינדן די שניר פון די שיך ביי דעם ערגסטן שונא", פרעסן אַרויס פון זיין נשמה אַ ברכה צו די צאַרטע ווינטלעך, וועלכע בלאָזן אים קלאַנגלאָז אין פנים, דערפאַר וואָס זיי בלאָזן אים אין פנים. דאָס איז יענע נאַטור, וועלכע האָט פון גלאַנס נשמה אַרויסגעפרעסט אַ תפילה-געזאַנג פאַר די אייזערנע נעכט, אַ הימן, וועלכער איז אויסגעוועבט פון איידעלע טרערן און תמימותדיקע מתיקות, אַ תפילה צו אַלע קלאַנגען פון לעבן, צו אַלדאָס לעבעדיקס, סיי צו דער קלאַנגענהאַרמאָניע פון דער שטילקייט, סיי צו גאָטס שעפּטשען צווישן דיביימער, סיי צו דעם כראָפּענדיקן הונט, סיי צו דער ווילדער קאַץ, וועלכע יאָגט זיך נאָך שפּערלינגען. „אַדאַנק דיר, פאַראייניזאַמטע נאַכט; אויך אייך, בערג, פינסטערניש און געוויש פון ים, — ער רוישט אין מיין האַרצן. אַדאַנק פאַר דעם לעבן, פאַר דעם עטעמען, פאַר דעם גענאָד צו לעבן הייַנטיקע נאַכט, איך דאַנק פון דער טיפעניש פון מיין האַרצן! הער אויף מזרח און הער אויף מעריב, ניין, הער זיך נאָר איין, דאָס איז—דער אייביקער גאָט. די דאָזיקע שטילקייט, וועלכע שעפּטשעט מיר אין אויער אַריין — דאָס איז דאָס זינדיקע בלוט פון דער גאַנצער נאַטור, גאָט, וואָס דרינגט אַדורך די גאָרע וועלט און מיך. איך זע דאָס גלאַנציקע שפּינוועבס פאַר דער שיין פון מיין פייערהויפן, איך הער דאָס שווימענדיקע איבערן ים שיפל, דאָרט, אויפן צפון, קריכט איבערן הימל די צפון-שיין".

אַלץ—סיי דאָס גרויסע, סיי דאָס נידעריקע, סיי פריידן, סיי ליידן, סיי לעבן, סיי טויט, אומקערנדיק זיך צו זייער קוואַל, צום אייביקן גאָט, פאַרלירן אין דער דאָזיקער וועלט פון שטילקייט, וואו עס גיט ניט קיין אָרט פאַר שטורעמס, זיינע סתירות און ווייזן אויס ווי האַרמאָנישע טיילן פון געבענטשטן גאַנצן. אָבער גלאַן האָט אין דער דאָזיקער וועלט געבראַכט זיין בענקשאַפט, זיין טירוף און צערודערטקייט, און דער גאָט, „וועלכער דרינגט אַדורך די גאָרע וועלט אין אים", האָט ניט געקאָנט באַרויִקן די פאַרווירטע מענטשלעכע נשמה. גלאַן איז פונקט אַזאַ אומרויִקע נשמה, ווי דער העלד פון „הונגער" און פון „וויקטאָריע". זיינע מעשים זיינען אויך אַזוי משונה און מיט ליידנשאַפטלעכע אויסברוכן, און אין זיי פילט זיך אויך אַזוי די העכערע ניט-ערדישע איינהייט, יענע אייגנטימלעכע איראַציאָנעלע קאָנזעקווענטקייט, וועלכע גיבן האַמסונס פּאָעזיע צו אַן אומבאַשרייבלעכע פּראַכט. גלאַן—דאָס איז דער שטאָלצער

פֿרײַער גײַסט, װעלכער האָט זיך קײנמאָל ניט געקאָנט געפֿינען קײן באַרויִקונג ניט אין דער שטילקײט פֿון דער נאַטור אַרום אים, ניט אין זײַן ליבע צו עדוואַרדן. זײַן נשמה, די נשמה פֿון אַ קראַנקן הײַנטיקן מענטשן, זוכט די באַפֿרײַונג, װאָס קײן זאַך אויף דער דאָזיקער װעלט קאָן אים ניט געבן. און נאָר אײנזאַמקײט, סכּנות און שטורעמס, ציללאָזע און פּרוכטלאָזע, נאָר לײדנשאַפֿטלעכע אויפֿבראַזן, אומרויִקע, װעלכע עס רופֿן אַרויס אַ צערודערטקײט אַרום אים, באַרויִקן אַ ביסל זײַן בענקשאַפֿט. אָט פֿאַרוואָס זײַנע שטילע תּפֿילות צו דער נאַטור זײַנען נאָר אויפֿבראַזן פֿון דער רגע, זײַן אמתע סטיכיע — דאָס איז דער אומרויִקער טיראָף. ער בענטשט דעם װאַלד און דעם הימל און דעם ים, ער פֿאַרכלינגעט זיך אין דער שײנקײט פֿון די אײַזערנע נעכט, אָבער אָפֿטער זײַנען „די נעכט זײַנע פֿולע מיט שרעקלעכע חלומות“ און „אַ שװערע לופֿט װיקלט זיך אַרום זײַן קאָפּ, אַ פֿאַרדומפּענער יאָרהונדערטיקער װינט“, אין דער צײַט װען דער הימל פֿלאַטערט אין װאונדערלעכער בלויקײט און די בערג רופֿן“. ער בענטשט אַלדאָס לעבעדיקס, ער הערט אַ פֿרײדיקן מיטגעפֿיל צו זיך אין יעדן געוויקס, אין יעדן שטײן. אָבער אָפֿטער איז זײַן שטימונג אַ געדריקטע, „דאָס האַרץ טראַכט עפּעס ציללאָז װעגן די זאַכן“, און אַפֿילו דער פֿרײַנדלעכער גראָער שטײן לעבן זײַן כאַטע שטײט, װי אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון לײדן און פֿאַרצװײפֿלונג, װען ער גײט פֿאַרבײַ“. די נאַטור האָט געשיקט גלײַכגעװיכט און רו זײַן נשמה, אָבער אָפֿטער פֿלעגט ער אין קדחתדיקער היץ שלײדערן זיך צװישן אירע פֿראַכטן און זען „דעם גײַסט, װאָס האָט זיך צו אים אומגעקערט מיטן רוקן און שפּרײַזט איבערן װאַלד“. און אַז עס פֿלעגט אים װערן שרעקלעך בײַדערנאַכט, פֿלעגט זיך אים דעמאָלט דאַכטן, אַז פֿאַן איז געזעסן אויף אַ בוים און געקוקט, װאָס װעט ער טאָן: „ער איז געזעסן מיט אַן אָפּגעדעקטן בויך, און אַזוי צונויפֿגעקאָרטשעט, אַז, דאַכט זיך, ער האָט געטרונקען פֿון אײגענעם בויך, אָבער ער האָט עס אַלץ געטאָן, כּדי בגנבֿה צו קוקן אויף מיר און ניט אַראָפּלאָזן פֿון מיר קײן אויג. און דער גאַנצער בוים האָט זיך געטרײסלט פֿון זײַן קלאַנגלאָזן געלעכטער, און װען ער האָט געזען, אַז אַלע מײַנע געדאַנקען צעלויפֿן זיך“.

ניט קײן רו און קײן אײנהײט האָט אין דער גרױסער פֿאַרשײדנאַרטיקײט פֿון דער נאַטור זיך געדאַכט דעם לײטענאַנט גלאַן, ניט װי אַן אָפּשפּיגלונג פֿונם אײנציקן גאָט האָבן אים אויסגעװיזן די רײַך צעזײטע אירע רײַכטימער, ניט װי קרישטאָלרײנע שטראָמען, װעלכע רינען פֿון אַן אַלגעמײנעם קוואַל. זײ זײַנען פֿאַר אים געװען כאַאָטישע קרעפֿטן, עלעמענטן פֿון אַ שרעקלעכער אומ-

אָרדענונג, וועלכע קאָנען צווישן זיך ניט לעבן בשלום. אין פּאַנס גרויסער קיניגרייך האָט ער אַריינגעבראַכט זיין נשמה פון אַ שטאָט-איינוואוינער, די פּיל-באַרע אומרויִקע נשמה, וועלכע גיט אַריין אירע אייגענע זעונגען אין די זע-באַרע געגנשטאַנדן. און זיין ראָמאַן מיט עדוואַרדן—דאָס איז אַ ניי ליד אויף האַמסונס באַליבטער טעמע. דאָס איז דער זעלביקער קאַמף, וואָס צווישן זיך האָבן געפירט דעם מילנערס זון מיט וויקטאָריען, דער העלד פון „הונגער" און אילאַיאַלי. דאָס איז אַ געשיכטע וועגן צוויי ליבנדיקע נפשות, וועלכע עס ציט אָן אָפּהאַלט איינס צום צווייטן, און וועלכע ווערן דורכגעדרונגען מיט קעגנ-זייטיקער שנאה ביי יעדן צוזאַמענרירן זיך. דאָס איז אַ פּאָעמע פון ניואַנסן, פון איבערגאַנגען פון געבעט און דערנידערונגען צו פאַראַכטונג און שנאה. זיי האָבן ליב געהאַט איינער דעם אַנדערן, אָבער זיי האָבן עס איינער דעם צווייטן ניט געזאָגט, זיי האָבן זיך געשיידט און זיינען אומגעקומען, האָבן בעסער געוואָלט אומקומען, איידער מודה זיין זיך. אויף דער דאָזיקער אַלטער טעמע זיינען אָנגעשריבן אַלע האַמסונס ראָמאַנען. ער ווייס ניט פון קיין שטילן רויִקן גליק פון ליבע. פאַר אים איז ליבע—קאַמף, אַ גאַנצע וועלט, וואָס די ליבנדיקע באַשאַפן, ווי אַ צאַם, וואָס שטייט אויפן וועג צו זייער בונד. יענע, די אַנדערע, די קלאָרע און שטילע ליבע, וועלכע וואָלט אַזוי האַרמאָנירט מיט דעם דאָזיקן קיניגרייך פון פּאַן, עוואַס ליבע — דאָס איז נאָר אַן עפּיזאָד, נאָר אַ גלעט, וואָס דערוואַכט אויף אַן אייגנבליק די פיינען פון דערווירקלעכער ליבע. דאָס איז די ליבע פון יענער מיידל, וועלכע איז געזעסן אין טורעם, אַן אַרומגערינגלטע מיט ווענט, און וועגן וועל-כער האַמסון האָט אָנגעשריבן איינע פון זיינע שענסטע מעשהלעך. זי האָט ליב געהאַט איין מענטשן. אָבער ער איז נאָר געווען איר פריינד און געליב-טער. ער האָט זי געליבט מיט יוגנטלעכער ליבע. ער האָט זי גערופן: „מיין ברכה און מיין טייבעלע". זי האָט אים אַלץ אָפּגעגעבן, נאָר ער האָט איר ניט געדאַנקט. אַן אַנדערע האָט ער געליבט, ווי אַ קנעכט, ווי אַ מטורף, ווי אַ שנאָרער. זי האָט אים גאָרנישט געגעבן, נאָר ער האָט איר געדאַנקט. פאַר-וואָס? פרעג דעם שטויב אויפן וועג און די פאַלנדיקע בלעטער, פרעג דעם רעטזלהאַפטן גאָט פון לעבן. וואָרעם קיין אַנדערער ווייס עס ניט. זי האָט צו אים געזאָגט: „גיב מיר אָפּ דיין רו און דיין פאַרשטאַנד". און אים איז גע-ווען אומעטיק, וואָס זי האָט ביי אים ניט געבעטן דאָס לעבן". צי ליגט אָפּט-מאָל ניט אין דעם דער פּתרון פון דעם סוד פון זיין ליבע? זי האָט ביי אים אַוועקגענומען די רו און דעם פאַרשטאַנד. צי איז עס אָפּטמאָל ניט דאָס, נאָך וואָס עס דאָרשט די נשמה פון דעם היינטיקן קראַנקן מענטשן, וועלכע איז מיד געוואָרן אין דעם קיניגרייך פון באַלעבאַטישער רו און פאַרשטאַנדיקייט

און וואָס אין דער אייגענער מאַכטלאָזיקייט שטעלט זי קעגן זיי אַרויס דאָס אומרויִקע און פאַרשטאַנדלאָזיקע? און צי איז אָפּטמאָל די דאָזיקע וואונדער־לעכע געשיכטע וועגן פאַנען נאָר ווי אַ מעשה וועגן דער שוואַכקייט פון דער נאַטור, נאָר אַ נייער הימן צו דער אומרויִקער זינלאָזיקייט, צו דעם דאָזיקן איינציקן מיטל פון באַפרייען די פּערזענלעכקייט?

ליבע, ליידן, נאַטור — דאָס זיינען די דריי אייביקע טעמעס, די דריי גרויסע פּראָבלעמען, וועלכע האַמסון האָט אויף אַ נייעם שטייגער געלייזט אין זיינע דריי פּאָרטרעפלעכע ראָמאַנען: „וויקטאָריע" „הונגער" און „פּאַן". די דאָזי־קע לייזונג איז אין איין הינזיכט גלייך ביי אַלע מאָדערניסטן. די דאָזיקע לייזונג — דאָס איז אַ יציאת־נשמה־תפילה דעם מענטשן און זיין אָנשטרענגונג, אַ הימן צו דעם, וואָס איבער די חושים. דאָרט, הינטער די גרענעצן פון דער ערד, ווערן באַשטימט די צילן פון דער וועלט. דאָ אויף דער ערד קאָנען מיר נאָר עטוואָס אויפהייבן די פּאָרהאַנג, וועלכע טיילט אונז אָפּ פון יענע מיסטעריעס פון דער העכערער וועלט. און די מאָמענטן, ווען דער פּאָרהאַנג הייבט זיך אויף פאַר דעם בליק פון מענטשן, — דאָס זיינען די איראַציאָנעלע צושטאַנדן פון דער נשמה. און סיי ליבע, סיי ליידן, סיי הונגער סיי די נאַטור זיינען דעם מענטשן געגעבן ניט ער זאָל פון זיי האָבן הנאה אָדער פון זיי ליידן, ניט כדי דער פאַרשטאַנד און די אָנשטרענגונג זאָלן פון זיי אַרויסבאַקומען וואָס מער גליק און וואָס ווייניקער פּיין; זיי זיינען געגעבן, כדי אַרויסצורופן אין דעם מענטשן יענע כוחות פון דער נשמה, וועלכע העלפן זיין דמיון צו באַ־שאַפן אַן אַנדער וועלט און ניט צו זען די וועלט. זיי זיינען ניט קיין ערדישע, נאָר הימלישע כוחות. האַמסון גיט זיי ניט קיין רעאַלע, נאָר אַ מיסטישע אָפּשטאַ־מונג. זיי זיינען אים פריער פאַר אַלץ טייער, ווי כוחות, וועלכע פאַרלענדן די גלייכגעוויכט פון דער נשמה, ווי אַ קוואַל פון עקסטאַזן און שגעון.

לייענט איבער האַמסונס באַרימטע טרילאָגיע, וועט איר זען, אַז ער האָט אין איר אָנגעווענדט צו דער פּראָבלעם פון לעבן אין גאַנצן גענומען די זעל־ביקע מאָס, וואָס אין די דערמאָנטע ראָמאַנען האָט ער אָנגעווענדט צו די פּראָבלעמען פון ליבע, ליידן און נאַטור. וואָס איז אַזוינס דאָס לעבן? דאָס רעאַלע לעבן, יענס, וואָס ווערט פאַרצייכנט און רעגיסטרירט דורך דעם מענטשנס פאַרשטאַנד, דאָס איז אַ טראַפּפאַרעט, אַן אומענדערלעכער דורכגאַנג־קרייז, אין וועלכן דעם מענטשנס אָנשטרענגונג קען גאָרנישט ניט משנה זיין. און וואָס גיכער דער מענטש וועט תופס זיין דעם זינען פון דעם דאָזיקן וועג, אַלץ גרינגער וועט דאָס לעבן אים אויפנעמען אין זיינע אָרעמס, אַלץ גיכער וועט

עס אים מאַכן פאַר זיין געליבט קינד. די מרידה פון דער פּערזענלעכקייט קעגן לעבן, — דאָס איז בלויז אַן איבעריקע מניעה אויף דעם וועג צום ריכטיקן און נאָרמאַלן דורכגיין פון לעבנסקרייז. דער קלוגער און ערפאַרענער פּראָפעסאָר הילינג זאָגט צו דעם אומרויִקן קאַרענאַ אין דעם ערשטן טייל פון דער טרילאָגיע: „ווען עס וואָלט מיר אין דער יוגנט עפּעס אַן ערפאַרענער מענטש געקומען אַ ביסל צו הילף, וואָלט עס מיר זייער נוצלעך געווען; אָבער די הילף איז געקומען ערשט דעמאָלט, ווען איך בין שוין אַראָפּ פונם וועג". דער פּראָפעסאָר הילינג איז די פאַרקערפּערונג פון פאַרשטאַנדיקייט. ער איז די פאַרקערפּערונג פון יענעם פאַרשטאַנד, וועלכער פאַרוואַנדלט די וועלט אין אַ טראַפּאַרעט, דערשלאָגט דאָס אויסשליסלעכע און זינלאָזע, ווייל אַלץ וואָס עס איז אויסשליסלעך איז שוין אין אַ געוויסן גראַד זינלאָז. ער איז איינער פון יענע „פיל-צו-פיל", וואָס אַדאַנק זיי איז דער אָריגינעלער געדאַנק געוואָרן ניט נייטיק פאַר דער וועלט, וואָס אַדאַנק זיי שרייט דער רעגענאַט ערוועגן אויס אין דער רגע פון פאַרצווייפלונג: „צו וואָס דאַרפן די דאָזיקע מענטשן האָבן געדאַנקען? צי דען קאָנען זיי אָן דעם אויך ניט זייען קיין קאַרטאָפל און שרייבן פאַרשיידענע זאַכן? מען דאַרף פון קיינעם גאָרנישט ערוואַרטן. ס'קלעקט אַרומצוקוקן זיך אויפן לאַנד—אַרום אונז. דאָ לעבן צוויי מיליאָן מענטשן, און אַלעמען רופט מען אַלע". אפשר באַשטייט די אויפגאַבע פון דער טרילאָגיע אין דעם, צו באַווייזן, ווי דאָס לעבן ברענגט דאָס אומרויִקע, מרידהשע צום צושטאַנד פון פאַרשטאַנדיקן, ווי עס פאַרוואַנדלט אַ קאַרענע אין הילינגס, דעם אויבערמענטשן אין אַ מענטשן? איבער דער דאָזיקער טרילאָגיע וויעט דער גייסט פון ניטשעאַניזם, אין איר ווערט אויפגעדעקט די שטאַרקע מאַכט „פון דעם לעצטן מענטשן", פון זאַראַטוסטרען, פון דעם קאַנצלער פון דער „אייביקער מעשהלע", פון איבסענס פאַכט, פון די אַלע, וועלכע טויטן אַוועק די בראַנדס און די סאָלנעסעס. די ערד—דאָס איז די מלוכה פונם לעצטן מענטשן, זי פאַרזיכערט לעבן נאָר דעם באַנאַלן און טויט אַוועק דאָס אָריגינעלע. „מיר מוזן אַלע גיין איבער דעם דאָזיקן וועג, פריער צי שפּעטער,—זאָגט באָנדעזען,— מחמת אַלע קינדער וועלן מיט דער צייט ווערן דערוואַקסענע. אויב זיי וועלן ניט שטאַרבן". באָנדעזען האָט הפּנים ניט באַמערקט, וויפיל ניטשעאַנישע געדאַנקען ער האָט אַריינגעלייגט אין דער דאָזיקער קורצינקער פראַזע. „קינדער" — דאָס איז אַ סימבאָל, דער ניטשעאַנישער סימבאָל פון דעם ניט גערירטן „איך", וואָס איז ניט פאַרטויבט דורך „גייסטער",—דער אידעאַל, וועלכן עס דאַרף דערגרייכן די זיך

באַפרייענדיקע פערזענלעכקייט, די שלוס־סטאַדיע פון דריי פאַרוואַנדלונגען, וועלכע באַקרייגט דעם וועג פון דעם קעמל דורך דעם לייב צום מענטשן. דערוואַקסענע—דאָס זיינען די, וועלכע האָבן זיך ניט באַפרייט, וועלכע זיינען בעסער אַוועק איבער אַ טראַפּאַרעט וועג, דער טויט — דאָס איז דער ציל פון די, וואָס האָבן געוואָלט בלייבן קינדער, מחמת פאַרהיטן דעם איך, לאָזן אומבאַשעדיקט די פערזענלעכקייט—דאָס באַטייט „דערזען גאָט", און דערזען גאָט באַטייט שטאַרבן, וואָרעם דאָס לעבן איז ניט סובל דעם אומאָפּהענגיקן און אייגנאַרטיקן.

דער ערשטער טייל פון דער טרילאָגיע רופט זיך: „ביי די טויערן פון דער מלוכה". דאָס איז נאָך ניט לעבן; דאָס איז דער אַריינטריט אין לעבן. דאָס זיינען נאָך ניט קיין דיפערענצירטע עלעמענטן פון לעבן, פון דער נשמה, וועלכע גיט זיך נאָך ניט אָפּ קיין חשבון פון איר אמתן מהות. דאָס איז קאַרענאָ, וועלכער גרייט זיך אַריינצוטרעטן אין קאַמף מיטן לעבן, ערוועןְ, וועלכער גיט זיך שוין אונטער, אָבער ער קעמפט און ליידט נאָך, עלינאַ, וועלכער מיינט, אַז זי האָט ליב איר מאַן, באַנדעזען, וועלכער האָט פריער פאַר אַלעמען באַגרייפט דעם סוד פון לעבן, פריער פאַר אַלעמען זיך אָפּגעזאָגט פון קאַמף און דעריבער איז ער אַ פרייליכער און אַ צופרידענער. נאָר איין הילינג איז די לעבעדיקע עדות פון דעם עתיד, יענע זאַמל־געשטאַלט, אין וועלכער עס גיסן זיך צונויף סיי דער פרייער געדאַנק, סיי דער ליידנדיקער געוויסן, סיי די ריינע ליבע, סיי די ניט טראַכטנדיקע אפיקורסות. די דאָזיקע געשטאַלט — דאָס איז דער קבר פון ליידנשאַפטן און פון געדאַנקען, דאָס אָנערקענען פון דער טראַדיציע און פון דעם אומענדערלעכן געדאַנק פון דער געשיכטע, דאָס איז די קאַפּיטולאַציע פון דעם „איך" פאַר די „גייסטער", דער נצחון פונם מענטשלעכן איבער דעם אייבערמענטשלעכן. מען לייענט דעם לעצטן טייל פון דער טרילאָגיע „פאַרגאַנג", דאַכט זיך, אַז מען הערט די גלייכע שטים פון פראָפעסאָר הילינג, די דאָזיקע שטים, וואָס אין איר באַרויִקטן שטראָם וועט דער סאַמע שאַרפער אויער ניט אויפכאַפּן קיין איינציקן קלאַנג פון אַמאָליקער אומרויִקער שטימונג. דאַכט זיך, פון דעם קבר קוקט אַרויס דער פנים פון אַ זקן, וואָס איז באַלויכטן מיט דעם אויסלאַכנדיקן שמייכל פון דער קלוגהייט. עס דאַכט זיך, אַז דער אַלטער הילינג רעווידירט שטילינקערהייט, ווי די מענטשן חזרן איבער אַלץ ווידער און ווידער פון סניי די ענדלאָזע מעשהלע, ווי צום טויזנטסטן מאָל קומען זיי אַלץ דורך שטורעמווינטן און קאַטאַסטראָפעס צו דעם זעלביקן רעזולטאַט, צו וועלכן עס וואָלט לייכט

און אָנגענעם געקומען יעדערער, ווען ער וואָלט נאָר געקענט גלייך תּופס זיין דעם זינען פונם לעבן. אויך ער, הילינג, איז אַמאָל אַלט געווען ניין און צוואַנציק יאָר; אויך אים האָט זיך געוואָלט: „אום יעדן פּרייז עמעצן צו באַפאַלן". אויך ער האָט אין דער צייט פון דער „אומרייפער יוגנט" אַראָפּגעוואָרפן אַווטאָריטעטן און איז אָנגעפאַלן — סאַר אַן אימה! — אויף די קלאַסיקער ער האָט זיך געזאָגט: די דאָזיקע אַלטע שריפטשטעלער זיינען גוט געווען פאַר זייער צייט, אָבער זייערע ווערק, אין קינסטלערישן זינען, און זייער אַרבעטספעיקייט, אין דעם זינען פון גייסטיקער אַנטפּלעקונג, — דאָס אַלץ האָבן די היינטיקע שריפטשטעלער אַריבערגעשטייגט". דעמאָלט איז ער געווען „בלינד", כּדי צו פאַרשטיין „די אייביקע אומדערגרייכלעכקייט פון די קלאַסיקער. אויך ער האָט געהאַט אַ פריינד אין דער פּערזאָן פון זיין לערער, דעם אַלטן פּראָפעסאָר וואַאַל, וועלכער האָט אים געוואָרנט פּונקט אַזוי, ווי ער וואָרנט איצט קאַרענאָן, און וועלכער האָט אים געזאָגט: „דו קריטיקירסט די קלאַסיקער, ווייסטו, הילינג, וועמען דו האָסט אויסגעלאַכט? — קיינעם ניט. דער דריטער טייל פון דער טרילאָגיע איז באַהויכט מיט די דאָזיקע חכמה הילינגס. די שטורעמדיקע „לעבנסדראַמע" איז שוין איבערגעלעבט, אַלע העלדן האָבן זיך שוין דערגעענטערט צווישן זיך און זייערע שטרעבונגען. שוין לאַנג באַרויִקט איז ערווען, דער ווערטער יורש פון הילינג, ערנסטער איז געוואָרן באַנדעזען, וועלכער האָט קליגער פאַר אַלעמען פאַרוויקלעכט הילינגס געבאָטן, באַרויִקט האָט זיך עלינאַ קאַרענאָ, וועלכע שטרענגט אָן אַלע כּוחות צו באַשאַפן אַ רויִקע היים און אַ בכּבודיקע לאַגע פאַר איר מאַן. צום אַלגעמיינעם ציל איז געקומען אַפילו קאַרענאָ אַליין, וועלכער האָט צום לעצטן מאָל איבערגעלעבט וואַקלעניש, איידער ער איז אַריין אין אַלגעמיינעם לעבנסשטראָם. עס איז פאַרווירקלעכט דער אידעאַל פונם „לעצטן מענטשן", דער בירגערלעכער וואוילשטאַנד איז דערגרייכט. דער קאַנצלער פון דער „אייביקער מעשׂהלע" האָט ווידעראַמאָל פייערלעך געלאָזט מעלדן וועגן זיין אומשטערבלעכקייט. און דאַכט זיך, אַז אין קבר האָט זיך באַרויִקט דער אַלטער פּראָפעסאָר הילינג, זעענדיק, אַז אַלע האָבן אָנגענומען זיין לערע, אַז אַלע קאָנען מיט פאַרשיידענע וואַריאַנטן איבערחזרן זיינע זעלבסטצופרידענע רייד: „איך פאַרנעם — כ׳וועל ניט זאָגן אַ הויכע לאַגע, אָבער דאָך אַ געוויסע לאַגע, איך בין געוואַקסט. איך באַזיץ מיר אַ קליינינקן נאָמען און אַ קליינינקע לאַגע. אַלע גריסן מיר אין גאַס און ניט אַלע מאָל לאָזט מען אַ דורך אָן אויפמערקזאַמקייט מיין מיינונג. דאָרט אין אויסלאַנד בין איך אויך ניט גאָר אומבאַקאַנט".

אלע מאָדערניסטן האָבן יעדער אויף זיין שטייגער געשילדערט דעם „קאַנצלער“, די אומשטערבלעכע באַנאַליטעט, וועלכע האָט אַריינגעבראַכט אין לעבן דעם הייַנטיקן פאַרצווייפלטן אויפרייס פון די אינדיווידואַליסטישע טענדענצן. אָבער קיינער האָט אפשר די דאָזיקע באַנאַליטעט ניט פאַרקערפּערט מיט אַזאַ וואונדערבאַרן רעאַליזם, ווי דאָס האָט געטאָן דער זינלאָזסטער פון די פּאָעטן קנוט האַמסון. ניט אין די האַלב-סימבאָלישע פיגורן פון דעם פאָכט און פון דעם קאַנצלער, נאָר אין דער געשטאַלט פון דעם מיושבדיקן און קלוגן פּראָפעסאָר, אָן מערכנהאַפטע אַקסעסואַרן האָט האַמסון אָנגעשריבן זיין אילוסטראַציע צו בראַנדס ווערטער: „יאָ, אָט איז ער — דער זון פון זיין פאָלק, דער גינציקער, געזונט-אורטיילנדיקער, אויף זיין שטייגער אי אַ טוער אַ הייסער, אי אַ גערעכטיקער שופט“. דאָס איז דער גרעסטער, אומאויסראָטבאַרער שונא פון אינדיווידואַליזם, וואָס זיין השפעה אויפן לעבן איז ערגער פאַר אַלע מבולס, ערדציטערנישן, הונגער אין דזשומאַ. „אָ, וויפיל ליכטיקע געדאַנקען פטרט זי, אין וויפיל נשמות פאַרטעמפּט זי דעם ווילן און וויפיל וואונדערלעכע לידער פאַרטויבט אַזאַ קלייניטשקע נשמה! די הילינגס, די פאָכטן, די קאַנצלערס דערפירן די מענטשהייט צו איין איבערפלאַך, זיי פרעסן איין די ניט גלייכע פלאַך פון דעם לעבן, טויטן אַוועק אַלדאָס אויסשליסלעכעס און אומנאָרמאַלס, וואָס עפענען אַ טיר צו דער אייביקייט. דער מאָדערניזם — דאָס איז די מרידה קעגן דער דאָזיקער באַנאַליטעט, אָבער אַ מרידה ניט אין נאָמען פון נייע, פולקומענערע לעבנס-פאָרמען, נאָר אין נאָמען פון זינלאָזיקייט און פאַנטאַזיע.

אין דער פאָרם, ווי עס וויקלט זיך פונאַנדער אין זייַנע נאָרמאַלע אָפּנבאַרונגען, איז דאָס לעבן באַנאַליטעט, טראַפאַרעט, צייללאָזער דרייען זיך אין אַ קרייז, וועלכער באַוויזט גאָרנישט דעם מענטשנס נשמה. די איינציקע מאָמענטן, ווען מיר דערנענטערן זיך צום דערקענען די סודות פון זיין, דאָס זייַנען — די איראַציאָנאַלע מאָמענטן פון לעבן און די איראַציאָנאַלע צושטאַנדן פון דער נשמה. בלויז דער צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע איז אַן אמתע „לעבנסדראַמע“, בלויז איר האָט דער אַווטאָר געגעבן דעם דאָזיקן נאָמען, בלויז זי איז אָפּגעצייכנט דורכן אַריינדרינגען פון דער זינלאָזיקייט אין דעם רויקן און אומענדערלעכן שטראָם פון לעבן. אין דער דאָזיקער בעסטער פון האַמסונס פּיעסעס געפינען מיר אַלע טיפּישע שטריכן פון זיין שאַפונג. די העלדן מיט זייערע משונהדיקע מעשים מיט זייערע אומגעווייגלעכע פאָסטעמקעס. „איך וועל בשום אופן ניט אָנהייבן ריידן מיט אים די ערשטע“, זאָגט טערעזיטאַ,

ווען זי דערזעט טיו, און אין דערזועלבער רגע ווענדט זי זיך צו אים: „גוט מאָרגן, טיו". אַ ענדלאָזע קייט פון סתירות אין די מעשים פון טערעזיטאַן און קאַרענאַן, בארעכטיקטע פון עפּעס אַן אינערלעכער לאָגיק, פון עפּעס אַן אינערלעכן פאַראייניקנדיקן זינען פונם גאַנצן, דאָס איז יענע אייגנאַרטיקע קאָנזעקווענטקייט פונם אומקאָנזעקווענטן אין דער וועלט פון ערשיינונגען, יענע משונהדיקע קלוגהייט פון איראַציאָנעלן, וועלכע גיבן צו האַמסונס פּאָעזיע אַ געהיימעניספולע אויסדריקלעכע פּראַכט. צוויי וועלטן, די גרויסע וועלט פון מיסטעריעס און די נישטיקע וועלט פון ערשיינונגען, טרעטן דאָ העל אַרויס אין זייערע אינטימע באַציִונגען. יענס ספּיר און טערעזיטאַ דאָס זיינען צוויי נפשות, וואָס זיינען לכתחילה באַשטימט אײנס פאַרן צווייטן. ער וואַרט אויף דער מינוט פון זיין נצחון. ער צווייפלט אין זיין נצחון ניט, אפשר דווקא דערפאַר, וואָס אין דער אויסערלעכער וועלט, אין דער וועלט פון ערשיינונגען באַוויזט אַלץ די אוממעגלעכקייט פון אַזאַ נצחון. דאָ האָט זי ליב קאַרענאַן, וועלכער איז „ניט פון דער וועלט". זי זאָגט: „ווען איך גיי צו אים אַנטקעגן, קוק איך אים גלייך אין פּנים און זאָג „יאָ"; וואָרעם מיר דאַכט זיך, אַז דאָס גייט צו מיר די לבנה און זי וויל עפּעס פון מיר". זי האָט ליב קאַרענאַן און פיינט יענס ספּירן, און דאָך געהערט זי צו דעם לעצטן. די געשטאַלט פון עדוואַרד לעבט פאַר אונז אויף אין דער געשטאַלט פון טערעזיטאַן אין יענע מאָמענטן, ווען זי באַליידיקט שווער דעם מענטשן, וועלכער האָט איבער איר די דאָזיקע געהיימעניספולע מאַכט. זיי וועלן זיך פונאַנדערגיין ווי שונאים, ווי עס זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אַלס שונאים עדוואַרדאַ און גלאַן, און דאָך איז זייער בונד אַ פעסטער ניט צו צעררייסן, ווי עס איז געווען דער בונד צווישן עדוואַרדאַן און גלאַנען, וואָרעם די אמתע ליידנשאַפט האָט איר איראַציאָנעלע לאָגיק, וועלכע שטעלט זיך פאַר אַלס קרומע און אומפאַרשטענדלעכע אויסדרוקן אין דער גשמיותדיקער וועלט. טערעזיטאַ האָט פיינט יענס ספּירן, אָבער זי רעדט מיט אים אויף איין שפּראַך. זי האָט ליב קאַרענאַן, אָבער זיי ריידן אויף באַזונדערע שפּראַכן. זי האָט יענס ספּירן פיינט דערפאַר, וואָס „ער גייט נאָך איר נאָך און כאַפּט זי", דערפאַר וואָס ער איז אַ „קריכנדיקער איבער דער ערד". אָבער זי איז אין זיין מאַכט, מחמת צווישן זיי עקסיסטירט אַן אומצערייסלעכער בונד, מחמת ער האָט אין איר נשמה אונטערגעהערט דאָס, וואָס זי האָט אין זיך פאַרבאָרגן, מחמת ער איז מיט זיין אומפאַרשעמטקייט געקומען אויף אַ פּאַרטיקן באָדן, און דאָס, וואָס זי האָט מיט אַזאַ בייזקייט אָפּגעוואָרפן, איז געווען אַן ענטפער אויף די פאָדע-

רונגען פון איר נשמה, דערויף, אויף וואָס זי האָט בסוד געוואַרט. „איר האָט מיך אויסגעלערנט אייערע עקלהאַפטע תנועות", זאָגט זי. „מיט וועלכע איר זייט פריער אויך באַקאַנט געווען", ענטפערט ער. די פרוי האָט ליב יענעם, ווער עס האָט אין איר אויפגעוועקט איר „איך", ווער עס האָט איר באַוויזן, ווי זי קען ליבן. די ליבע צו קאַרענאָן איז געווען אַ טעות. זי האָט זיך גענאַרט און אומזיסט געקעמפט קעגן יענס ספּירס מאַכט, ווען זי האָט גערעדט וועגן קאַרענאָן: „ער איז אַזוי ווי עפּעס אַ גרינער אינזל, צו וועלכן מען גייט צו און מען פילט זיך ווי אינדערהיים". טערעזיטאַ האָט געליגט. די הויז פון איר נשמה איז געווען יענס ספּירס נשמה, און ניט קאַרענאָס. זי האָט גערופן דעם „קריכנדיקן" און ניט די „לבנה". און קאַרענאָן איז ניט געווען קיין עקלהאַפטס; ער איז פול געווען „מיט איינפאַכער און נאַרישער זינד", און זיין גייסטיקער פּרצוף, זיין שטילער בליק, וועלכער האָט כלומרשט גערעדט וועגן דעם, אַז ער איז „פול מיט עפּעס אַזוינס פון אַן אַנדער וועלט", האָבן ניט לאַנג געקאָנט דינען פאַר אַ קוואַל פון רייצן די ליידנשאַפט, וועלכע האָט געקאָכט אין טערעזיטאַס בלוט. אויך דער אינזשעניער ברעדע איז געווען אַזאַ זעלבסטנאַרעריי. יענס ספּיר איז ביזן סוף געבליבן דער איינציקער קעגנשטאַנד פון אירע געדאַנקען. זי הערט ניט ברעדען, אַ צעטרייסלטע פון יענס ספּירס באַליידיקונג, וואָרעם פאַר איר איז ליבע אַ קאַמף, אַן אומענדלעכער פּאָדעם פון שאַטירונגען, אַ קייט פון איבערגאַנגען פון אונטערטעניקייט און דערנידערונגען צו שנאה און צו האַס, און די צוויי קראָנען, וועלכע זיינען איר צוגעוואָרפן געווען — דאָס איז יענס ספּירס נצחון פון דער רגע, דער נצחון פון דעם שונא און געליבטן גלייכצייטיק.

דאָס לעבן פון צוויי וועלטן שפּיגלט זיך אָפּ אין דער ליבע. טערעזיטאַ און יענס ספּיר זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, וואָרעם צו אַזאַ ענדע האָט זיי געמוזט ברענגען די אינערלעכע לאָגיק פון זייער ליידנשאַפט, יענע לאָגיק, וועלכע האָט ניט קיין אויסדרוק אין דער וועלט פון ערשיינונגען. דאָס גאַנצע לעבן איז אַ כאַאָס. מענטשן זיינען באַטויבט מיט דעם גערויש פון זיין באַוועגונג און זיינען ניט אימשטאַנד צוצוהערן זיך צום אינערלעכן קול, וואָס קלינגט אין זייער נשמה און וואָס וואָלט פאַר זיי אויפגעדעקט דעם זינען פון דער וועלט-טראַגעדיע. ס'דאָזיקע קול איז פאַרקערפּערלעכט אין דער סימבאָלישער געשטאַלט פון טיו. ער באַווייזט זיך יעדעס מאָל, ווען עס פאַרבינדט זיך אַ נייער קנופּ פון געשעענישן, ווען עס באַגעגענען זיך קאַרענאַ מיט טערעזיטאַן, ווען עס ווערן אַנטדעקט די מירמלשטיינערנע אָדערן אין דער ערד,

וועלכע געהערט צו אַטערמאַגען, ווען עס פֿאַרקניפּט זיך אַ פֿאָדעם פֿון באַציונ־גען צווישן טערעזיטאַן און יענס ספּירן. ער וויל אַלע מאָל עפּעס זאָגן און אַלע מאָל האָבן מענטשן קיין צייט ניט אים אויסצוהערן, אַלע מאָל שטערן די אײַדעלע עסקנים פֿון לעבן צוצוהערן זיך צו דער שטים פֿון דער גערעכ־טיקייט און זיי קויפֿן זיך פֿון איר אויס מיט אַ קראָן.

און וואָס איז אַזוינס גערעכטיקייט? — „גערעכטיקייט — דאָס איז אַ בלינדע חיה רעה. זי איז זיך נוקם אָן אַ חשבון. עס איז עפּעס אַזוינס דאָרט, אין הימל. זי שטייט געדולדיק און קוקט, ווי מענטשן באַגייען פֿאַרברעכנס, נאָר אָט לאָט זי זיך שנעל אַראָפּ און באַשטראָפֿט מיטן טויט"...

האַמסונס טרילאָגיע — דאָס איז איינע פֿון די שענסטע שאַפֿונגען פֿון דעם מאָדערניזם, וועלכע האָט פֿאַרקערפּערלעכט זיין געליבטע אַנטיטעזע אין אַן אייגנאַרטיקע פֿאָרם, דאָס איז די זעלביקע פֿאַראַכטונג צו דער ערד און דאָס זעלביקע רייסן זיך צום הימל. דאָס איז די זעלביקע מאַכטלאָזיקייט צו לייזן די ערדישע פֿראַגן דורך ערדישע אָנשטרענגונגען, דער זעלביקער ווײַ־געשריי געווענדט צו גאָט, די זעלביקע פֿאַרצווייפֿלונג פֿאַרן אָנזען, ווי עס קוקט פֿון דאָרט אַרויס דאָס בלאַסע געזיכט פֿונם טויט.

דער מאָדערניזם האָט פֿאַרענדיקט זיין זאַך. ער האָט באַשיינט דעם כאַאָס פֿון הייַנטיקן לעבן מיט אַ פֿעיִערישן ליכט. ער האָט אויסגעלאַכט די מעכאַ־נישע, דריקנדיקע פֿאָרמען פֿון דער בירגערלעכער אָרדענונג, האָט פֿאַרקער־פּערט דעם אומרו, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך זיין צעטרייסלונג, און האָט אויסגעדריקט די בענקשאַפֿט פֿון דער פּערזענלעכקייט, וועלכע מאַטערט זיך אין די אייזערנע קייטן פֿונם אינדוסטריעלן לעבן. ער האָט אויך אָנגעוויזן די וועגן צו באַפֿרייונג מיט דעם מויל פֿון זיינע גרעסטע פֿאָרשטייער. דער־פֿירט די דאָזיקע וועגן צו איינפֿאַכע פֿאָרמולעס. ניטשע און איבסען זאָגן אונז, אַז דער וועג צו באַפֿרייונג — דאָס איז דער קולט פֿון אייגענעם „איך", די אַכזרישע גלייכגילטיקייט צו די ליידן פֿון אַנדערע. מעטערלינק באַווייזט די אַכזריות פֿון דעם מענטשנס גורל, דעם פּעסימיזם, די מיסטישע התבודדות, אין וועלכער די נשמה קאָן אָן אויפֿהער צוהאָרכן זיך צו די סודות פֿונם זיין. אָסקאַר וואַילד — די פֿאַנטאַזיע, דעם ליגן, דעם עסטעטישן עקסטאַז. פּשיבי־שעווסקי — דעם געשלעכטס־עקסטאַז, אָרגיעס פֿון אויסגעלאַסנקייט און פֿאַר־ברעכן. קנוט האַמסון — די איראַציאָנאַלע צושטאַנדן פֿון דער נשמה, זינ־לאָזיקייט. און אַלע מאָדערניסטן ווייסן, אַז די דאָזיקע וועגן צו באַפֿרייונג

זייבען אין דערזעלביקער צייט אויף די וועגן צום טויט. פאַר זיי איז אין אונזער וועלט לעבן און טויט — איינס. און די אַנדער וועלט, יענע וועלט, וועלכע טראָגט מיט זיך אַ ניי לעבן, זעען זיי ניט און ווען ניט זען, ווייל זייער פאָעזיע — דאָס איז אַ טרויעריקער הימן צום שטאַרבנדיקן, און ניט קיין פריידנגערוס צו געבוירן־ווערנדיקן.

---

# אינהאַלט

## ערשטע אָפּטיילונג.

## נאַטוראַליזם און סאָציאַליזם. דאַרווין, מאַרקס, זאָלאַ. הויפּטמאַן.

זייט


I. דאַרוויניזם. — „די אַנטשטייאונג פון די מינים.“ — דער יגעזעץ פון עוואָלוציע. — דער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. — דער נאַטירלעכער אויסוואַל. — די קולטור־געשיכטלעכע באַדייטונג פונם דאַרוויניזם. — דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם. — מאַרקס און ענגעלסעס בליק אויף די געמיינזאַמע באַציאונגען צווישן דער בור־זשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט. — עמיל זאָלאַ. — די ציקרשטע פאַקטן פון זיין ביאָגראַפיע. — דרייפוסעס פּראָצעס . . . . . . . . . . . . . 3

II. דער נאַטוראַליזם. — די טעאָריע פונם עקספּערימענטאַלן ראָמאַן און דער בונד צווישן דער דאָזיקער טעאָריע מיט דער „איינלייטונג אין דער עקספּע־רימענטאַלער מעדיצין“ פון קלאָד בערנאַר. — די באַציונג פונם נאַטוראַליזם צו דער שילדערונג פון די ערשיינונגען, צום דעטערמיניזם, צו דער מאָראַל, צום אידעאַליזם, צו דעם שריפטשטעלערס פּערזענלעכקייט, צו דער פאָרמע. — די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און די העלדן אין זאָלאַס ראָמאַנען. — די אַריס־טאָקראַטיע. — נאַנאַ. — באַנקירן און קאַפּיטאַליסטן. — „געלט“. — די מיטעלע און די קליינע בורזשואַזיע. — „אַ זידנדיקער טאָפּ“. — דער פּראָלע־טאַריאַט. — „L'Assomoir“. — אַנדערע זאָלאַס ראָמאַנען און טיפּן . . 27

III. נאַטוראַליזם און טעאַטער. — גערהאַרדט הויפּטמאַן. — די גרונטשטריכן פון זיין שאַפן. — „פאַר זונענאויפגאַנג“. — די שילדערונג פון די שלעכטע מידות און די ירושהשאַפט. — לאָס. — נערוועיִשע מענטשן. — יאָהאַן פאָקעראַט.— „די וועבער“. — דרייסיגער. — די שילדערונג פונם המון. — די באַדייטונג פון די וועבער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 53


## צווייטע אָפּטיילונג.

## ניטשעאַניזם און סימבאָליזם.


IV. ניטשע אין די דייטשע געזעלשאַפט. — דער אויבערמענטש. — ניטשעס באַציִונג צו דער דעמאָקראַטיע און צו דער אידעע פון גלייכהייט. — די מאָראַל פון די הערן און די מאָראַל פון די קנעכט.—די באַציִונג צו דער פרוי.—אָפּקלאַנגען פון ניטשע־אַניזם אין דער ליטעראַטור. — פּאָלק אין פּשיבישעווסקיס ראָמאַן „Homo Sapiens“. — מאַגדאַ אין זודערמאַנס „די היים“. — מייסטער היינריך אין „דער־טרונקענעם גלאָק“ . . . . . . . . . . . . . . . . . . 72

זייט

V. היינריך איבסען. — דער נאציאנאלער עלעמענט אין זיינע דראמעס. — דער גרונטמאָטיוו פון זיינע ווערק. — די באזונדערהייטן פון זיין אינדיווידואליזם און אריסטאָקראַטיזם. — איבסענס פּעסימיזם און זיין קריגערישער גייסט. — זיין סכעמאַטישקייט. — דער סימבאָליזם אין זיינע ווערק: „ווען מיר, טויטע, ערוואכן". — די הויפּטפּאַקטן פון זיין ביאָגראַפיע. — זיין פּערזענלעכקייט. — די טיפּן: בראַנד, נאָראַ, דאָקטאָר שטאָקמאַן. — איבסענס געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 96

VI. סימבאָליזם. — מעטערלינקס „דער אוצר פון ענווים". — די סימבאָלישע וועלטאָנשויונג: די טראַנסצענדענטאַלע וועלט און איר אַרויסווייזן זיך אין דער וועלט פון ערשיינונגען. — דאָס שווייגן. — סימבאָלישע מאָראַל און עסטעטיק. — די טעאָריע פון דער סימבאָלישער דראַמע. — Intruse. — סימבאָליזם און דעקאַדאַנס און זייער אַלגעמיינער אונטערשלאַק . . . . . . . . . . . . . . . . 123

---

## דריטע אָפּטיילונג.

# די פילאָסאָפיע פון מאָדערניזם. מעטערלינק, אָסקאַר אוּאַיילד.

VII. די יענזייטיקע וועלט. — „דער אוצר פון נעווים". — דער וועלט־דואַליזם, און דער דואַליזם פון דער נשמה אין דעם דאָזיקן טראַקטאַט; יענע און די וועלט, דעם מענטשנס נשמה און שכל. — דער אוממיטלבאַרער פאַרקער און די שפּראַך. — די קראַפט פונם ערשטן און די שוואַכקייט פון דער צווייטער. — קונסט. — פּאָעזיע. — די אויפגאַבן פון דער דראַמע. — דער צווייענדיקער זינען פון די ערשיינונגען. — וואָס איז אַזוינס סימבאָליזם. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 139

VIII. די אימה פאַר דער וועלט און פאַרן לעבן. — דער גרונט פון מעטערלינקס פּיעסעס. — דער טויט ביי מעטערלינקן. — „טענטאַזשעלס טויט". — די רעאַלע און זעבאַרע וועלט, די ניטפולקומענהייט פון דעם עמפּירישן מעטאָד פון ערקענונג אין די ריכטיקייט פון דעם איבערעמפּירישן. — „דער אומגעבעטענער". — „די בלינדע" אַלס פאַרקערפּערונג פון דעם מענטשנס אומוויסן און בלינדקייט. — «Intérieur». — דער סימבאָל פון דער אכזריות מצד די קרעפטן, וואָס הערשן אַרום אונז. — אַנדערע פּיעסן. — מעטערלינקס באַציִונג צו סאָציאַלע פראַגן. — „דער געהיימער היכל" — שלוס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 168

IX. די פּסיכיק פון אַ זשויר. — אילוזיע און פאַרזיכטיקייט. — „לייטענאַנט גוסטל". — „דער טויט". — שניצלערס פילאָסאָפיע: דאָס לעבן איז אַ שפּיל". — די טרילאָגיע „גרינער פּאָפּוגיי" אַלס אויסדרוק פון דערדאָזיקער פילאָסאָפיע. — די טעטראַלאָגיע „לעבעדיגע שטונדען". — „אַנאַטאָל". — שניצלער און מעטערלינק . . . . . . . . . . 196

זייט

X. „אויסדיכטונגען“. — די אַפּאָלאָגיע פון ליגנט. — קונסט און נאַטור. — קונסט און
לעבן. — פון וואַנען שטאַמט אָסקאַר וואַיילדס עסטעטישע לערע. — קונסט און
קריטיק. — וואָרט און טאַט. — קונסט און מאָראַל. — „דאָריאַן גריים פּאָרטרעט“
אַלס ספּעציעלע אויטאָפּיע. — איבערצאַנדערשן די וועלט און דער קולט פון שייני־
קייט אין דעם דאָזיקן ראָמאַן. — אָסקאַר וואַיילדס עסטעטישע סאָציאָלאָגיע. —
ליבע און טויט. — „שלומית“. — ליידן. — „תפיסה“. — שלוס. . . . . 217


## פערטע אָפּטיילונג.

# פונוואַנען שטאַמט די פילאָסאָפיע פון בייז. אָקטאַוו מירבאָ.

XI. דאָס אַלגעמיינע אין דער פּאָעזיע פון די הייַנטיקע מאָדערניסטן. — די ראָלע
פון פאַרברעכן און פון בייז אין דער דאָזיקער פּאָעזיע. — מירבאָס באַציִונג
צו בייז און צו די פאַרדאָרבענע העלדן. — דאָס בילד פון דער זיך אַנט־
ארטנדיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט. — די רעגירונגען. — די אַרמיי. — דער
פּאַרלאַמענט. — די וויסנשאַפט. — די קירך. — די אָרגאַניזאַציע פון דער
געזעלשאַפט און איר קראַנקלאָזיקייט. — די משפּחה און די פאַרדאָרבענע
מידות. — שלוס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 244

XII. אַבאַט זשול. — זיין בענקשאַפט נאָך שאַפונג, נאָך אַ פרייען און שיינעם לעבן. —
די סיבות פון זיין מאַכטלאָזיקייט. — זיין זינדיקייט און זיין טראַגעדיע. —
פונוואַנען שטאַמט דער דעמאָניזם אין די שוואַכע נאַטורן. — דער יעזויִט דע־
קערן אין דעם ראָמאַן „סעבאַסטיאַן ראָק“. — די אידעאַליזאַציע פון זינדיקייט. —
זשאַן מענטיע (גאָלגאָטע). — קלאַרע און דער כינעזישער תליון פון „גאָרטן
פון פּייניקונגען“. — דער ראַב און זיין פילאָסאָפיע („איינאונצוואַנציק טעג פון
אַ נעווראַסטעניקער“). — זשאַן רול. — די סאָציאַלע באַדייטונג פון מירבאָס פּאָעזיע. 274


## פינפטע אָפּטיילונג.

# די פילאָסאָפיע און די פּאָעזיע פון זינד. — סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי.

XIII. מירבאָ און פּשיבישעווסקי. — פּשיבישעווסקי צווישן די מאָדערניסטן. — זיין גע־
שיכטלעכע קאָנצעפּציע: „דער בית־הכנסת פון שטן“. — זיין פילאָסאָפיע און זיין
פּסיכאָלאָגיע. — די הקדמה צו „De profundis“. — זיין קאָסמאָלאָגיע: „Requiem
aeternam“. — דער זשעני און דער „המון“: „די זין פון דער ערד“. — די צע־
שטערער: „די קינדער פון שטן“. — דער בורזשואַזער כאַראַקטער פון פּשיבי־
שעווסקיס פילאָסאָפיע און העלדן . . . . . . . . . . . . . . . . 313

זייט

XIV. דער איבערמענטש און דער „לעצטער מענטש" אין דער „אייביקער מעשהלע". — ד״ר קיניג און דער קאנצלער. — דער זינען פון דער „אייביקער מעשהלע". — פשיבישעווסקיס בליק אויף די אויפגאבן פון דער נייער דראמע. — די וועלט-אנשויונג ביי די העלדן פון זיינע דראמען. — די דראמען „גאלדענע וואל", „מוטער", „שניי" און אנדערע. — „Homo Sapiens". — שלוס . . . . 344

---

## זעקסטע אפטיילונג.

## די פאעזיע פון איראציאנאלן. — קנוט האמסון.

XV. האמסון צווישן די מאדערניסטן. — נאגעל און די טבע פון זיין שיגעון. — נאגעל און דאגני. — נאגעל און מארטא. — דער פרימאט פון איראציאנאלן, פון אומגע-בונדנקייט און פון ציללאזן. — דאס משיג זיין א נשמה אויף אן איראציאנאלן דרך. — נאגעל און מינוטא. — דער זיגען פון „מיסטעריעס" . . . . . . . . 380

XVI. ליבע: „וויקטאריע". — נאטור: „פאן". — ליידן: „הונגער". — לעבן, די טרילאגיע: „ביי די טויערן פון דעם קיניגרייך", „דראמע פון לעבן", „אונטערגאנג". . . 397

---